STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10865

UN IN DAYN BLUT ZOLSTU LEBN

Leyb Rokhman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייב ראָכמאַן

◆

און אין דײַן בלוט
זאָלסטו לעבן

(טאָג־בוך — 1943—1944)

◆

פֿאַרלאַג-קאָמיסיע בײַ דער געזעלשאַפֿט „פֿרײַנט פֿון מינסק-מאַזאָוויעצק״ אין פּאַריז

פּאַריז
1949

L. ROCHMAN: UN IN DEIN BLUT ZOLSTU LEBN

(Et dans ton sang tu vivras)

הילע געצייכנט פון בען

פאָטאָ נאָך זייט 4 — פון מחבר.

הונדערט עקסטרא־עקזעמפּלאַרן פון דעם בוך זענען נומערירט פון 1 ביז 100.

Printed in France
Copyright by Leib Rochman, Paris 1949.
Edite par « Les Amis de Minsk-Mazowiecki »

צום הייליקן אנדענקן פון מיינע אומפארגעסלעכע:

מיין הארציק-יידישע מאמע, רבקה בלומע (רבקהלע), מיין טייער שוועסטערל מרים רחל — אומגעקומען ח׳ אדער ט׳ אלול תש״ב אין מינסק, צו טרעבלינקע; מיינע ליבע שוועסטער דינה און אסתר — אומגעקומען אלול (?) תש״ב אין ראדאם, אדער טרעבלינקע; מיין איינציקער ברודער יעקב יוסף מאיר — פארברענט אין לאגער בירקענוי, הארבסט תש״ג; מיין שוויגער חוה און שוואגער שמואל יוסף — ט׳ אלול תש״ב, אין טרעבלינקע; מיין שוועגערין חיה גיטל — דערמארדעט י״ב אלול תש״ב, אין קאפערניק-לאגער; מיין שוואגער חיים מנחם — דערהרגעט ר״ח טבת תש״ג, שפרונגענדיק פון דער באן אויפן וועג קיין טרעבלינקע — צי פון שפרונג, צי פון די פויערים, וואס האבן אים געכאפט; מיינע טייערע פעטערס און מומעס: וועלוול, משה ברוך, יעקב חיים, אברהם און פויגעלע, זלאטקע, טאבע, פויגעלע; מיינע קוזינען און קוזינעס, מאטל, הענדעלע, רבקה, יאסל, רוד, מאטל, צירעלע, הערשל, יאסל, טעלצע, גענענדל, נחמה׳טשע, מרים, רבקהלע, משהלע, הוימל, מיין ברודערן׳טאכטער זיסל און איר מאן מנחם און מיין גאנצע משפחה, קרובים, חברים, פריינט — אויסגעהאנגען פון הונגער און ווארשעווער געטא, דערשאסענע, פארפייניקטע, דערשטיקטע, פארגאזטע, פארברענטע און אומגעקומענע דורך אלע מיתות משונות; און די עדה, אנשים, נשים וטף, פון מיין היימשטאט מינסק-מאזאוויעצק — פארלענדט אין טרעבלינקע —

השם ינקם דמם!

ארויסגעגעבן דורך דער געזעלשאפט „פריינט פון מינסק־מאזאוויעצק" אין פאריז, לזכר נאך דער אויסגעראטעטער איבער פינף טויזנט נפשותדיקער יידישער קהילה פון זייער היימשטאט.

קאמיטעט פון דער געזעלשאפט:

א. בראנעס — פרעזידענט **י. ראזען** — ערן־פרעזידענט
י. סטאווקאווסקי — וויצע פרעזידענט **מ. אשלאק** — סעקרעטאר

מיטגלידער:

מ. קאליש **אל. בראנשטיין**
ש. גרויזדיק **מ. קאצקי**
פ. אקערמאן **א. טראפיקאנט**
ש. אייזענפיש **ש. מיצנער**
י. א. ראזענבערג **א. ערליך**
נ. שעניצקי

דער מחבר דריקט אויס א הארציקן דאנק דער געזעלשאפט און באזונדערס דעם פרעזידענט, און די איבעריקע אקטיווע מיטגלידער, פאר דער איבערגעגעבענער ארבעט און מיטהילף ביים צוגרייטן דאס בוך צום דרוק.

ואעבור עליך ואראך מתבוססת בדמיך
ואומר לך
בדמיך חיי.

היינט, מיטוואָך, דעם 17־טן פעברואַר 1943, זענען געוואָרן צוועלף וואָכן זינט מיר געפינען זיך אין באַהעלטעניש, דאָ ביי פעלעקן. צוועלף וואָכן זענען פיר און אַכציק טעג און אויב כ׳האָב קיין טעות נישט -- 2016 שעה. אַזוי האָב איך באַרעכנט. מיר אַלע מעסטן איצט כסדר די צייט. מיר חשבונען אפילו די מינוטן און די רגעס.

באַלד, אין די ערשטע טעג, ווען מיר זענען אָנגעקומען אַהער, האָט אונז פעלעק פאַרשטעקט אין שטוב. מען האָט אין דער נאַכט אויפגעשלאָגן א טאָפלטע וואַנט און מיר זענען אינעווייניק. די וואַנט ליגט האַרט אויף דער צווייטער (מיט אַ קליין טירעלע, אונטן, אויף אַריינצוגעבן עסן) און דאָס באַהעלטעניש איז זייער שמאָל און לאַנג, ס׳איז אוממעגלעך צו זיצן -- שטייען מיר אַקסל ביי אַקסל איינער לעבן צווייטן. אַלע מיט די פנימער צו דער וואַנט. אויך אויסדרייען זיך איז אוממעגלעך. מיר שטייען שטיל, מיט שטייפע אַקסלען און אַראָפגעלאָזטע הענט, ווי א ריי כאָלדאַטן. ס׳איז אויך פינצטער און מיר זעען כמעט נישט איינער דעם אַנדערן. די שיין האָט נישט דורך וואַנען זיך דאָ אַריינצובאַקומען. איינמאָל האָט דאָס מיך שטאַרק פאַרדראָסן און כ׳האָב דווקא געוואָלט אויסזוכן א שפאַרעלע. כ׳האָב געזוכט, געזוכט און לסוף טאַקע געפונען אויבן אויף דער וואַנט א קליינעם העלן פונקט. כ׳האָב וועגן דעם מיט פרייד מיטגעטיילט די אַנדערע. מיר האָבן אַלע באַטראַכט דאָס ליכט־פינטעלע און איינגעפונען, אַז ס׳איז טאַקע א גרוס פון דער זון. איך האָב זיך געפילט גליקלעך, ערשטנס, אַז מיין זוכן האָט געבראַכט א רעזולטאַט, ב׳האָב עפעס אויסגעפונען און צווייטנס — דאָך האָט אונז אַלע שוין הנאה געטון — הייסט עס דאָך, אַז מיר זענען נישט אַזוי איינזאַם, די זון געדענקט אַביסעלע אין אונז.

ווי געזאָגט, שטייען מיר ענג איינגעפרעסט. מיר שפאַרן אָפט אָן די קעפ אויף דער וואַנט, די שטערנס רייבן זיך אין די ברעטער און אין געדאַנק שווימען אויף פאַרשידענע זכרונות. ס׳איז דאָ אַרום וואָס זיך צו פאַרטראַכטן. מיר טיילן זיך שטילערהייט, מיט די דערינערונגען, מיר שושקעווען זיי איינער דעם אַנדערן אין די אויערן אַריין און — אָפטמאָל צעפלאַקערט זיך צווישן אונז אַ שטילע סודותדיקע דיסקוסיע. איינמאָל, האָט ווער פון אונז אויפגעוויזן אויף דעם צופאַל, אַז מיר שטייען מיט די פנימער אויף מזרח. ווי סימבאָליש: די זון שיינט אויף יעדן פרימאָרגן קודם צו אונז, אין אונזער זייט; מיר שטייען מיטן פנים צו ארץ־ישראל. אין ארץ־ישראל איז אונזער צוקונפט; אויב גאָט וועט העלפן און מיר וועלן איבערלעבן, און דערצו — מזרח: דער מזרח־פראָנט. דאָרט גייט עס איצט גוט. די רוסן דערנענטערן זיך צו אונז. זיי שטייען שוין פון דאַנען ביי אַ אכצן־הונדערט קילאָמעטער. אויב זיי קומען, וועט במילא בטל דער טויט־אורטייל איבער אונזערע קעפ.

דאָ האָבן מיר גענומען מאַכן פלענער. עס האָט זיך צווישן אונז אַנטוויקלט אַ דיסקוסיע וועגן ארץ־ישראל. מיר האָבן זיך אויפגעהיצט. אפרים האַלט, אַז פון ארץ־ישראל וועט ווידער אַרויסשפראָצן אַ ניי יידיש פאָלק. מיר דאַרפן מיט אַלע

כוהות וועלן איבערלעבן און דערנאָך דאָרט ווייטער איבערפלאַנצן און ציען דעם שורש. שפּעטער האָט מיך אַדומגענומען אַן אומעט: דער וואָרצל, איז דאָך אינגאַנצן אויסגעריסן און ווער ווייסט צי די צווייג אַליין — מעג זי אַפילו זיין אין ארץ־ישראל — וועט זיך נאָך קאָנען דערכאַפּן און ווידער בליען. כ׳האָב אין דעם געצווייפלט. לאַנגזאַם האָבן מיר זיך איינגעשטילט. מיר האָבן זיך באַרואיקט. צו קיין הסכם איז צווישן אונז נישט דערגאַנגען. יעדנפאַלס זענען מיר געקומען צום אויספיר, אַז מיר טראָגן אויף זיך אַ מיסיע. דאָס האָט אונז אַביסעלע דערמוטיקט.

⁂

ווי נאָך יעדער דיסקוסיע, האָבן מיר שפּעטער עטלעכע שעה געשוויגן. אין דער פינצטער צו שווייגן איז אַנגענעם, עס טראַכט זיך בעסער. יעדער איינער פון אונז פינף פאַרזינקט אין זיינע מחשבות. טראַכטנדיק פון ארץ־ישראל איז מיר פאַר די אויגן אויפגעשוואומען דאָס בילד פון יענעם מיידל, וואָס האָט מיט אונז עטלעכע וואָכן צוזאַמען געאַרבעט אין לאַגער. רבקה שטיינבאַך האָט זי געהייסן. געהאַט האָט זי אַ בלאַס פּנים מיט שוואַרצע האָר און נאָך שוואַרצערע טיפע אויגן, כ׳ווייס נישט צי פון שטענדיק אַזוי, צי זינט מען האָט זי געפירט פון אַ באַהעלטעניש אַרויס צום שיסן (יענע מאָל איז זי דורך אַ נס ניצול געוואָרן). איינמאָל האָט זי מיר דערציילט, אַז אין יענעם מאָמענט, בעת מען האָט זי געפירט צום שיסן, האָט איר אין מוח דורכגעבליצט אַ געדאַנק: ארץ־ישראל וועט זי שוין מער נישט זען! די אינטואיציע האָט זי נישט אָפּגענאַרט. שפּעטער — שוין זיצנדיק דאָ אין באַהעלטעניש — האָבן מיר געהערט, אַז מען האָט זי לעבעדיקערהייט פאַרברענט אין קאָפּערניק־לאַגער, צוזאַמען מיט אַנדערע דרייהונדערט יידן. וואָס זי האָט דעמאָלט געטראַכט ווייס איך נישט, נאָר איצט שטייט מיר כסדר איר בילד פאַר די אויגן: די באַקן זענען נאָך בלאַסער און די אויגן שאַרפער. איך פאַרשטיי, אַז אויך איך מוז אַזוי אויסזען, ווייל נאָך אַזעלכע מחשבות ווערט אַביסעלע קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. ווי אָפּגעטעמפּט דער קאָפּ זאָל שוין נישט זיין, רוט אָבער נישט דאָס האַרץ. עס וואָלט זיך נאָך געוואָלט זען ארץ־ישראל. נאָר דאָס ווענדט זיך שוין נישט אין אונז אַליין. אויב מען וועט אונז נישט דערטאַפּן, אַנטדעקן, איז דאָ אַ האָפענונג און אויב חלילה — איז גאָר ביטער. פיל ערגער ווי יענעם מיידל. פון איר ווייסן מיר דערווייל צו טראַכטן, ווער וועט דערנאָך טראַכטן וועגן אונז?

⁂

אָפט, נאָך אַזעלכע געדאַנקען, נעם איך זיך באַטראַכטן דאָס באַהעלטעניש. דאַכט זיך, אַז ס׳איז גאַנץ גוט געמאַכט: איין ברעט ליגט האַרט אויפן צווייטן. פון אויסנווייניק, פון יענער זייט וואַנט, דאָס הייסט, אין שטוב, איז זי פאַרקלעבט מיט טאַפּעטן גלייך ווי די איבעריקע ווענט. ניין, ס׳איז דאָרט אוממעגלעך צו דערקענען, אַז דאָס איז אַ צוגעשטעלטע וואַנט. דערפאַר אָבער דאַרף מען זיך היטן מיטן רעדן, אַפילו שושקעווען זיך צו הויך טאָר מען נישט, ווייל די וואַנט איז גאָר אַ דינע. צום שלימזל קומען צו אונזערע באַלעבאַטים אַ סך געסט און אַלע זיצן זיי,

ווי אויף להכעיס, פּונקט ביי דער וואַנט. איינמאָל, האָט אַן אַדורכגייענדיקע פּויערטע אָפּגעטרעטן אויף אַ קורצן וויזיט ביי אונזערע באַלעבאַטים. אַריינקומענדיק, האָט זי זיך פאַרענטפערט, אַז „זי האָט נישט קיין צייט לאַנג דאָ צו בלייבן, נאָר צו זען זיך מיט גוטע פריינט עטלעכע מינוט, איז אויך אַ קרן". די דאָזיקע דערקלערונג האָט זי געמאַכט ניין אינדערפרי, זעצנדיק זיך האַרט ביי אונזער וואַנט. צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג האָבן מיר אַלע פינף געפילט, אַז לענגער איז שוין אוממעגלעך אויסצוהאַלטן. צו שטיין פינף שעה און זיך נישט טאָרן קיין ריר געבן, איז איבער די כוחות. מען איז דאָך נאָר אַ מענטש און מען מוז זיך אַמאָל געבן אַ באַוועג... ווי אויף דערווידער, ווי זיך צו רייצן מיט דיר, הערט דיך נישט אויף צו בייסן, אַזש די ציין צו פאַרקריצן, און — קעמפנדיק מיט זיך אַ שטיקל צייט, ס'דאַכט זיך דיר, האָסט געזיגט, ס'הערט דיך אויף צו בייסן — מיטאַמאָל גאָר אויף צוויי אַנדערע ערטער... אָבער פאַרפאַלן! די ערשטע פּאָר שעה, האָבן מיר געגלויבט ווען זי האָט פון צייט צו צייט, געזאָגט, אַז „שוין, נאָך אַ פּאָר מינוט און זי גייט שוין". נאָר שפּעטער זענען מיר געבליבן אָן האָפענונג. ענדלעך, צוויי אַזייגער, האָט זיך די שודקאָווע (אַזוי האָט געהייסן די פּויערטע) אויפגעשטעלט. ביי אונז אַלע האָבן די הערצער גענומען העכער קלאַפּן. אָבער פּלוצלונג, אין דער זעלביקער מינוט ווי די שודקאָווע האָט באַוויזן אַרויסצוזאָגן „זאָל זיין געלויבט יעזוס קריסטוס אויף אייביק" — צום אַרויסגיין, דערהערט זיך אַ „גוטמאָרגן". דאָס מאָל איז עס אַ קליין שיקסעלע פון ניין יאָר. אויך איר געפעלט גראָד צו שטיין לעבן אונזער וואַנט. ס'וואָלט אונז נישט געאַרט, נאָר אסתרל, וועלכע איז שוין זייט עטלעכע טעג פאַרקילט, גיט מיטאַמאָל הויך אַ הוסט אַרויס! לענגער האָט זי שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן דעם הוסט. זי באַקומט פון מיר אַ פעסטן קניפּ אין דער זייט. אפרים, הערנדיק אסתרלס הוסט, מיינט, אַז ס'איז שוין קיינער דאָרט נישטאָ און ער נעמט זיך בניעמותדיק ניסן. איך פיל, אַז כ'וועל משוגע ווערן! געפעלט דאָס אָבער מיין יונגער שוועגערין צפּורהלע און — זי גיט אַ לאַך אַרויס. ניין, איך וועל עס נישט אויסהאַלטן! שוין, ס'איז אומזיסט געזוען אונזער גאַנצע מי ביז איצט, אַלץ איז אַנטדעקט! איז אָבער אַ נס, דאָס שיקסעלע איז אַ ביסל טויב און האָט גאָרנישט געהערט. אַזוי טרייסט אונז פון יענער זייט וואַנט אונזער באַלעבאָס, פּעלעק. צפּורהלע, פאַר פרייד, וואָס איר לאַכן האָט אונז נישט געשאַדט — הויבט אָן צו וויינען. איך קניפּ זי:

— צפּורהלע, מיר טאָרן נישט לאַכן און נישט וויינען!

⁂

יאָ, מיר מוזן זיך היטן פאַר יעדן, אַפילו פאַר קינדער. זאָל דיך אַ קינד דערשנאַפּן אין דער וואַנט, ווערט עס אויס סוד און — חלילה — אין עטלעכע טעג אַרום צעגייט זיך אַ ידיעה אין גאַנצן געגנט „ווידער פינף יידן געכאַפּט און דערשאָסן". דאָס אומשולדיקע קינד קאָן זיין אונזער מערדער. עס וועט אומשולדיק דערציילן פאַר דער מאַמעשי, זי — אַ קומע, און די קומע — אַ צווייטע קומע. באַשולדיקטזשע אונז נישט. מיר זענען חושד יעדן. דער בעסטער באַוויז: אונזער קאַץ. דאַכט זיך, אַז זי רעדט דאָך גאָרנישט, נאָר איינמאָל, ס'איז פּונקט געווען אַ פולע שטוב מיט געסט, האָט זי, אונזער קאַץ, זיך דערמאָנט, אַז זי האָט היינט אינדערפרי

געזען אַריינגעבן צו אונז דורכן טירעלע עסן. ווייזט אויס, אַז זי איז געווען הונגעריק און — אַ קאַץ האָט דאָך אַ שוואַכן זכרון, זי האָט פאַרגעסן, אַז בעת עס זענען דאָ געסט טאָר מען צו אונז נישט אַריינרעדן — האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער וואַנט, מיט די לאַפּקעס גענומען דראַפּען אין טירל און געבעטן:

— מיאַו, מיאַו, עפנט! גיט עפּעס עסן אַ הונגעריקע קאַץ.

דאָס שטופּן מיט די לאַפּקעס אינם טירל האָט אָבער נישט געהאָלפן, ס'איז געווען גוט פאַרמאַכט און — זעענדיק, אַז מיר האָבן נישט בדעה צו עפענען, בעטן ווערט דאָ גאָרנישט העלפן — האָט זיך די קאַץ האַסטיק געוואָרפן אויפן טירל מיט אַ געבייזער:

· — מיאַו, מיאַו, איר אומבאַרחמנותדיקע לאָך־ליגער, איצט איז מיר קלאָר פאַרוואָס איר זיצט אין לאָך!

—מיאַו, מיאַו, ס'איז פאַר מיר איצט אַלץ קלאָר. מען טאָר טאַקע אויף אייך קיין רחמנות נישט האָבן! מיאַו! — —

ניין, כ'וויל זיך נישט דערמאָנען די מינוט, ווען איינער פון די געסט, אַ יונגער פויער, האָט זיך געפרעגט:

— וואָס האָט זי אין דער וואַנט? וואָס זוכט זי דאָרט? —

נאָך פעלעק, אונזער קלוגער באַלעבאָס, האָט שטענדיק גרייט אַן ענטפער.

— מייז — האָט ער געענטפערט — מייז האָט זי דאָרט געמוזט דערפילן.

אונז אַלע פינף איז געוואָרן לייכטער, גרינגער. מייז, אפשר טאַקע מייז? אפשר דאַרפן מיר זיך נישט אַזוי שרעקן? --

⁂

וויפל באַקאַנטע האָט אַ מענטש? — שווער צו ענטפערן אויף דער פראַגע. נישט יעדער מענטש האָט די זעלביקע צאָל און — דער אונטערשיד איז גאָר אַ גרויסער. איך, ביי מיינע פינף און צוואַנציק יאָר, האָב מיט אַ פּאָר הדשים צוריק נאָך געהאַט עטלעכע צענדליק טויזנט באַקאַנטע. פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלעמענס באַקאַנטשאַפט איז אַ גלייכע. עס זענען דאָ חברים, קאָלעגן, פריינט — אינטימע און נישט אינטימע, קרובים, משפחה — נענטערע און ווייטערע; באַקאַנטע בלויז פון גריסן צו זיך, פון איינמאָל זיך באַקענען, פון אָפטער טרעפן זיך; בלויז פון בליק, בלויז פון הערן; פון ווינקען אין איין שטאָט. שונאים, אויך זיי זענען באַקאַנטע, דו קענסט זיי.

דאָס גאַנצע לעבן פון דעם מענטש פילן זיי אויס. פאַר זיי לעבט מען און פאַר זיי שאַפט מען; צוליב זיי טוט מען גוטס, צוליב זיי גנבעט מען און מען גזלט; פאַר זיי באַרימט מען זיך און פאַר זיי שעמט מען זיך; צוליב זיי האַלט מען זיך אָפּ פון שלעכטס.

אָ, גאָט, מיר אַלע פינף זענען ווי איין מענטש — אָן באַקאַנטע און נאָענטע, ווי אַ קינד. ניין, — אַ קינד האָט עלטערן, שוועסטער און ברידער, משפחה, און מיר, דאַנקען גאָט, נאָר זיך אַליין. חוץ אַ קליינע צאָל באַקאַנטע, אויסצורעכענען אויף די פינגער, אין אויסלאַנד. ווער ווייכט צי זיי לעבן? — ס'איז דאָך מלחמה!

אונזערע אַלע באַקאַנטע געהערן צו דער פאַרגאַנגנהייט. יאָ, ס'איז אַן אמת! די עלטערן, די פאַמיליע, די נאָענטע און אַלע די, וואָס האָבט געקענט! און אפשר ליגט

ערגעץ אין אַ לאָך דײַנער אַ באַקאַנטער, פּונקט ווי דו דאָ און אויך ער — ווי דו וועגן אים — ווייסט נישט, אַז דו לעבסט ?!

יאָ, נישט אמת! פעלעק, די פעלקאָווע און פעלעקס שוועסטער — די „טשאַטקע". אָבער דאָס זענען נייע באַקאַנטע. פריער האָסטו זיי נישט געקענט. פון די פריערדיקע לעבט קיינער נישט!

נייע האָבן מיר אַ סך: סטאַשקאַ גוטשאַק און זײַן ברודער יוזעף, יאַשקאַ אַדראַבינשטשאַק, די רעכניאַקאָווע, שודעק מיט זײַן ווײַב און מאַרישקע, דער „וויגנאַניעץ" און קאַפּוסטאַ, „האַלעלויאַ" און „לאַגידזשאַק", צערעניאַק און — כמעט דאָס גאַנצע דאָרף און אויך פון אַנדערע דערפער — געסט, וועלכע באַזוכן אונזערע באַלעבאַטים און — אַפילו דער סאַלטיס, אָבער — צום גליק — קענען נאָר מיר זיי, דאַקעגן זיי אונז קענען נישט. דאָס הייסט, מיר האָבן זיי אויך נאָך קיינמאָל נישט געזען, מיר וואָלטן זיך געשראָקן זיי צו זען, נאָר דערפאַר קענען מיר זיי שוין פון הערן, פון זייער אָפט קומען צו אונזערע באַלעבאַטים, הינטער אונזער וואַנט. מיר דערקענען זיי שוין לויט די קולות — אַפילו ווען זיי זענען הייזעריק, מיר קענען זיי און זייערע פאַמיליעס, זייער שפּראַך און כאַראַקטער, מעלות און חסרונות און — אַפילו זייערע מעשים, וואָס זענען פאַר יעדן אַ סוד. מיר ווייסן אַלץ. אָפטמאָל פאַרטרויען זיי זיך פאַר פעלעקן, הינטער דער וואַנט, זענען זיך פאַר אים מתודה, דערציילן אים פון האַרץ אַראָפּ און זענען זיכער, אַז קיינער הערט נישט. איינמאָל, האָט שודעק זיך פאַרטרויט פאַר פעלעקן וועגן אַ גניבהלע, וואָס ער האָט בדעה צו מאַכן און בשעת־מעשה אים דערציילט וועגן אַ סך פון זײַנע פריערדיקע גניבות. פעלעק שמייכלט און זאָגט צו אים :

— „רעד נישט שודעק! מען זאָגט, „ווענט האָבן אויערן"...

— זיי נישט קיין נאַר — ענטפערט שודעק און זעצט פאָר זײַן ווידוי.

אויך מאַרישקע, פעלעקס קוזינקע, קומט אַריין צו אונז כמעט יעדן אָוונט און זעצט זיך מיט דער „טשאַטקע" אויפן בעט בײַ אונזער וואַנט. זי רעדט זיך אַראָפּ פון האַרץ, פון אירע ליבעס און דורכפאַלן, פון איר פאַרלירן די בתולהשאַפט און אַפילו ווען און ווי אַזוי זי קריגט דעם וסת, דעם „ווײַבערישן שטייגער". אסתּרל און צפּורהלע — הינטער דער וואַנט — ווערן אַזש רויט. זיי פאַרשעמען זיך פאַר אונז, פאַר די דרײַ מענער. פון יענער זײַט וואַנט לאַכט די „טשאַטקע" און מאַרישקע מיינט, אַז זי לאַכט פון איר — ווערט זי בייז און זאָגט שנעל „אַ גוטע נאַכט". מיר זענען צופרידן, דאָס דינט אונז פאַר אַ באַווײַז, אַז קיינער ווייסט נישט פון אונז. איינס קלערן מיר אָבער: וואָס וואָלטן די אַלע מענטשן געטראַכט, ווען זיי רעדוויסן זיך, אַז זייערע ווידוי'ס ווערן געהערט דורך אונז הינטער דער וואַנט? — זיי וואָלטן זיך זיכער נישט גוט געפילט, כאָטש מיר זענען סיווזי קיין מענטשן נישט. מיר און די וואַנט זענען גלײַך.

⁂

די מעשיות און די ווידוי'ס הינטער דער וואַנט, ברענגען פעלעקן אַריין אין אַ הייטערער שטימונג. די קאָמישע סיטואַציעס מאַכן אים פריילעך. עס זעט אים אויס אינטערעסאַנט. יעדע נאַכט, נאָכן אַוועקגיין פון די געסט, לאַכט ער נאָך לאַנג. מיר זענען צופרידן פון זײַן פריילעכקייט און האַלטן אים אונטער.

אַנומלט, אַרום צען אַזייגער ביינאַכט, נאָך דעם ווי מאַרישקע איז אַוועק — האָט מען פינצטער געמאַכט אין שטוב. איך בין אַרויס פון באַהעלטעניש, צוגעגאַנגען צום פענצטער און פון הינטער די פאָרהענגלעך אַפער אַרויסגעקוקט, געוואָלט זיך איבערצייגן, צי מאַרישקע איז אין גאָרנישט חושד; צי זי פאַרהאַלט זיך אַמאָל נישט אינדרויסן, הינטער דער וואַנט, אונטערצוהערן וואָס אין שטוב קומט פאָר.

איך קוק אַרויס. אין דער דרויסנדיקער פינצטערניש קאָן מען נאָך אויסטיילן אַ שאָטן פון אַ מענטש. כ׳זוך מיט די אויגן, מיטאַמאָל דערזע איך — אין אַ זייט, הינטערן פענצטער, שטייט מאַרישקע און הערט זיך איין, וואָס אין שטוב טוט זיך.

איך ציטער אויף. שאַר זיך צו אויף דער פאָדלאָגע צו פעלעקן, צו דער „טשאָטקען" און דערצייל זיי, אַז מאַרישקע הערט אונז אונטער. כ׳שלעפּ זיי צו צום פענצטער. זיי קוקן זייטיק אַרויס: מאַרישקע שטייט נאָך!

פעלעק איז צעטומלט. די „טשאָטקע" וואַרפט זיך איינגאַנצן. מיר שטייען עטלעכע מינוט שטיל. מאַרישקע איז מיטן אויער אָנגעלענט אין פענצטער־ראַם און רירט זיך נישט פון אָרט. פעלעק וויל שוין אַרויסגיין, זי פרעגן וואָס זי שטייט. איך האַלט אים אָפּ. כ׳האָב מורא, איך ציטער ווי אין קדחת.

פלוצים דערזע איך, ווי מאַרישקע לויפט שנעל אַוועק, שפּרינגט צו צו אַ וואַנט פון פעלעקס סטאָדאָלע, זי בויגט זיך אַראָפּ און נעמט עפּעס פון אינעווייניק אַרויסשלעפּן צו זיך אין דער פאַטשיילע אַריין. זי פאַרוויקלט עס און אַנטלויפט גיך. איך ווייז דאָס פעלעקן און דער „טשאָטקע". ער זעט נישט, די „טשאָטקע" צעלאַכט זיך.

— טאָרף, טאָרף צו ברענען, האָט זי דורך אַ לאָך פון אַן אָפּגעריסן ברעט אין וואַנט אַרויסגעגנבעט פון סטאָדאָלע און דערמיט אַנטלאָפן...

פעלעקס טאָרף ליגט פונקט אויף דער וואַנט. זי האָט בכן אונטערגעהערט, זיך איבערצוצייגן, צי מען קוקט זי נישט נאָך, צי זי קאָן איצט גנבענען.

מיר באַרואיקן זיך. פעלעק איז אָבער אויס מענטש. ער קאָן צו זיך נישט קומען. ער שעמט זיך פאַר אונז, אַז זיין קרובה גנבעט ביי אים. ער שטאַמלט אַ פאַרשעמטער און ווייסט נישט וואָס צו זאָגן.

אַביסל מוז ער אָבער פאָרט שמייכלען, פעלעק: איצט פאַרשטייט ער שוין, פאַרוואָס זי ברענגט מיט זיך אַהער יעדן אָוונט, ווען זי קומט — טאָרף צו ברענען. דאָס טאָרף גנבעט זי דאָרט ביי איר שוועסטער, ווו זי וווינט און ברענגט עס אַהער, ווי אַ מתנה. זי זיצט מיט זיי אַרום דעם אייוועלע און וואַרפט כסדר אין פייער. זי גנבעט פון דאָרט און ברענגט אַהער און ביים אַהיימגיין — גנבעט זי דאָ און טראָגט דאָרט צו דער שוועסטער.

פעלעק שמייכלט אַ פאַרשעמטער.

נישט אַלע טעג הינטער דער וואַנט זענען איינטאָניק, זענען גרוי. פּאַראַנען אויך קאָלירטע טעג, טעג וואָס מען קאָן זיך אין זיי נישט לאַנגווייליקן. בפרט אין די זונטיקס און חגאות, ווען עס קומען פֿויערים מיט פֿויערטעס צו גאַסט.

היימלעך איז פֿאַר אונז געווען דער צווייטער טאָג פֿון דער ווייַנאַכט־חגא. אַזאַ טאָג הייבט זיך ס׳רוב אָן שוין פֿון באַלד אינדער־פֿרי.

אַכט־אזייגער — אונזערע באַלעבאַטים גענעצן נאָך — עפֿנט זיך אויף די טיר:
„זאָל זיין געלויבט יעזוס קריסטוס אויף אייביק...״

ס׳איז דער לאַנגער יאַשקאָ אָדראָבינשטשאַק, וועלכער שלאָגט אָפּט די טאָכטער מיט אַ שטעקן און אירע געוואַלדן פֿילן אָן דאָס גאַנצע דאָרף. ער ציט זיך אויס, אַז מיר הינטער דער וואַנט, הערן אַזש. אַפּנים ער איז נאָך האַלב פֿאַרשלאָפֿן. דאָס דערקענט מען אויך פֿון זיין געלעכטערל.

— יאַשקאָ איז היינט עפּעס פֿריילעך — באַמערקט אים די „טשאָטקע״.

ער צעלאַכט זיך העכער:

— פֿאַרוואָס זיין נישט פֿריילעך? אַז מיטן פּאַן יעזוסעס הילף וועט זיין אַ פּרנסהלע.

און איידער מען פֿרעגט אים נאָך וואָס, דערציילט ער:

— נישט געהערט, האַ? פּלאַקאַטן פֿאַר צושטעלן אַ ייד צו זשאַנדאַמעריע — פֿינף קילאָ צוקער און אַ סך געלט, מיט אַ סך פּראָדוקטן. איך כאַפּ אַזאַ הודן־זון און נאָך איינעם — מאַך איך אַ לעבן, כאַ־ כאַ־ כאַ... צ׳וועט שוין זען.

— גיי שוין —זאָגט אים די „טשאָטקע״ — וווּ וועסטו נעמען אַ ייד? עס זענען שוין מער נישטאָ קיין יידן.

— אַז מען זוכט, געפֿינט מען — ענטפֿערט ער מיט זיכערקייט — און פּאַן יעזוס וועט העלפֿן.

אסתרל און צפּורהלע ציטערן — דער־פֿיל איך. זיי וואַרפֿן זיך אינגאַנצן און איך האָב מורא, אַז די וואַנט זאָל נישט נעמען שאָרכן — הויב איך זיי ווידער אָן קנייפּן. נאָר באַלד ווער איך צופֿרידן: די „טשאָטקע״ זאָגט אים, אַז זי אַליין וואָלט זיך מחיה געווען ווען זי כאַפּט אַזאַ „לעשטש״, אַ ייד. זי איז קראַנק אויפֿן האַרץ און דאַרף טאַקע אַביסל צוקער ווי דאָס לעבן.

איך מוז איצט שמייכלען. אונזער „טשאָטקע״ פֿאַרלירט זיך נישט, נאָר מיר אַלע פֿילן, אַז איר האַרץ וואַרפֿט זיך דאָרט, איצט בעת אונזערע הערצער שטעלן זיך שיר אָפּ, ווייל —

שאַ, — זיי טאָרן זיך נישט וואַרפֿן, שאַ — —

⁂

שפּעטער איז געקומען דער אַלטער צערעניאַק, וועלכער האָט נישט קיין ספקות, ער ווייסט אַלץ גענוי. ער ווייסט, אַז ווען מען טרינקט טיי גוט אָנגעצוקערט, איז מען

זאַט אַ פּאָר שעה און ער ווייסט, אַז די ייִדן האָבן געגעסן מיט זילבערנע לעפֿל. ער ווייסט אויך, אַז אַלע ייִדן האָבן געמוזט אומקומען, ווייל זיי האָבן נישט געגלייבט אינעם פּאַן יעזוס. און ער ווייסט זיכער, אַז קיין איינער פֿון זיי וועט נישט בלייבן, כאָטש — זאָגט ער — עס באַהאַלט זיך נאָך אויס אַביסל ביי קריסטן.

ווען אַ גויעלע מיט אַ קוויטשנדיק קולעכל פֿרעגט אים, ווו ס'איז מעגלעך צו באַהאַלטן ייִדן — שטעלט זיך אויף דער אַלטער צערעניאַק, ער לייגט אַרויף די האַנט אויף אונזער ווענטל און זאָגט:

— אָט, למשל, דאָ אַ וואַנט — מאַכט מען אַ טאָפּלטע און אינעווייניק קאָנען זיצן ייִדן, אָדער אין אַ קעלער.

ווען עס עפֿנט זיך איצט אַ קעלער אונטער אונזערע פֿיס, וואָלטן מיר אַלע פֿינף איינגעזינקען.

דערווייל האָט זיך אָנגערופֿן „האַלעלויאַ", וועלכער איז מיט עטלעכע מינוט צוריק אַריינגעקומען, אַז ער, צערעניאַק, הייסט עס, איז אַן אַלטער נאַר און ער זאָל קיינעם דעם קאָפּ נישט פֿאַרדרייען. עס זענען שוין בכלל נישטאָ קיין ייִדן. ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מען אין מיגבק אין דער קאָפּערניק־שול, פֿאַרברענט לעבעדיקערהייט די לעצטע דרייהונדערט ייִדן.

דערהערט, אַז מען האָט פֿאַרברענט לעבעדיקערהייט, ווערט צערעניאַק „לעבעדיקער": ער ווייסט גענוי, ווי אַזוי אַ מענטש ווערט פֿאַרברענט, און ער וויל דאָס פֿאַר יעדן קלאָר מאַכן.

לאָזט זיך אָבער נישט „האַלעלויאַ", ער וויל קודם ענדיקן זיין מעשה. ער דערציילט, אַז די זשאַנדאַרן זענען גאָרנישט אַזעלכע שלעכטע.

— כ'האָב אַליין געזען, דאָס הויז מיט די ייִדן האָט געברענט, אַרום און אַרום פֿלאַמען. זיי, די דייטשן, שיסן אַריין פֿון אַלע זייטן, און די וואָס שפּרינגען אַרויס, ווערן דערשאָסן פֿון מאַשין־געווער אויפֿן הויף. אַ סך פּאָליאַקן זענען מיר געשטאַנען פֿון דערווייטנס און געקוקט. איינער האָט אונז געוויזן, ווי אַ יונגע „זשידזווקע" האָט זיך געוואָלט אַראָפּוואַרפֿן פֿון פֿענצטער, פֿון צווייטן שטאָק. האָבן די קוילן זי דורכגעלעכערט ווי אַ זיפּ, זי איז געבליבן הענגען איבערן פֿענצטער, ביז די פֿלאַמען האָבן אָפּגעברענט אַ האַלבן גוף און דער אַנדערער־האַלבער איז דאַן אַראָפּגעפֿאַלן. יאָ, כ'האָב שיר נישט פֿאַרגעסן דעם עיקר, וועגן די דייטשן:

— מיר אַלע, אפשר אַ הונדערט מאַן פּאָליאַקן, שטייען אַזוי און קוקן צו פֿאַרטראַכט. אין דעם, עס לויפֿט צו אונז אַ דייטש, אַ זשאַנדאַר, מיט אַן אויסגעשטרעקטער ביקס. מיר ווילן אַנטלויפֿן. ער לאַכט גאָר און זאָגט: „קומט פּאָליאַקן, די ייִדן זענען רייכע, — זאָל יעדער נעמען אַביסל פֿון זייער רייכקייט"! קודם האָט מען געמיינט, אַז ער מאַכט ס'געלעכטער, נאָר באַלד קומען נאָך דייטשן און רופֿן אונז. זעט מען שוין, אַז עס איז נישט קיין וויץ.

— אָ — וואָ — וואָ! — וווּנדערן זיך אַלע, און „האַלעלויאַ" לאָזט זיך נישט איבעררהאַקן:

— די ייִדן זענען געווען גאָר וואַזשנע אָנגעטאָן, האָט יעדער פֿון אונז גענומען עפּעס. דער — אַ פּאָר שטיוול, אַ פּאָר שיך, יענער — אַ מאַרינאַרקע, איינער — אַ פּאָר הויזן, אַן אַנדערער — אַ פּאָר גאַטקעס. איך אַליין האָב זיך נישט געקאָנט צושטופּן, האָב איך געפּאַקט בלויז איין לאַטש, אַ גוטן, איך וועל האָבן צו פֿאַריכטן

מיינע שטיוול, ס'איז גוטע לעדער, נאָר דער עיקר: זיי, די דייטשן, זענען נישט קיין שלעכטע און אפילו אָרנטלעכע מענטשן: זיי האָבן נישט געלאָזט נעמען איינעם צופיל און איינעם נאָר־נישט. יעדער האָט עפּעס געקריגן. ס'איז געווען איינער א דייטש, מיט אזא מאַשינדל האָט ער געקוועטשט, בסדר געלאַכט און געזאָגט „דזשענקויע” אויף פּויליש, ווען מיר האָבן געצווינגן די מלבושים פון די מתים.

צערעניאַק קאָן זיך נישט איינהאַלטן:

— דאָס האָבן זיי געמאַכט פאָטאָגראַפיעס — שרייט ער אויס.

די „טשאָטקע” בעט, פעלעקן, ער זאָל איר דערלאַנגען א ביסל וואַסער.

— א קאַביטע איז שוואַך, קאָן נישט הערן אַזעלכע מעשיות — זאָגט „האַלעלויאַ”.

— ניין — פאַרענטפערט זיך די „טשאָטקע” מיט א ציטערנדיקער שטימע

— ניין, כ'בין דאָרשטיק.

— איך בין אויך א קאַביטע — רופט זיך אָן דאָס גויעלע מיטן קוויטשנדיקן קולעכל (די סטאַשקאָווע איז דאָך געווען) — און דאָך פאַרשטיי איך, אז ווען ס'וואָלטן נאָך געווען יידן, וואָלט היינט געווען א יקרות אויף ברויט און מען וואָלט געשטאָרבן פון הונגער.

צערעניאַק גיט צו פאַרשטיין און ווייזט אויף, אז דער יקרות איז היינט גרעסער ווי בעת די יידן זענען נאָך געווען, ווייל — ער ווייסט פאַרוואָס: די יידן האָבן געשמוגלט און קאָנקורירט, און ווו קאָנקורענץ — מוז זיין ביליקער, נאָר אז מען ווערט לעבעדיק פאַרברענט, ווייכט ער, זענען געוואַלדיקע יסורים.

— מ'האָט געהערט געוואַלדן, ווי די גאַנצע שטאָט וואָלט געברענט — זאָגט „האַלעלויאַ”. אָבער צערעניאַק לאָזט זיך נישט איבערדרייען:

— מ'קאָן ברענען אַנדערטהאַלבן שעה און נאָך לעבן, ביז די גאַל פּלאַצט, דעמאָלט איז — „פּיוקא” — פאַרטיק!

אזוי זאָגט ער, דער אַלץ־ווייסער, צערעניאַק, און ער ווייסט נישט, אז א גאַל איז שטאַרקער פון אייזן. זי ברענט, ברענט אָן אויפהער און קאָן נישט פּלאַצן.

אפילו בעת א קאַטאַקליזם געשען אויך ניסים, וואָס יעדער קאָן זיי זען. האָט דער טאָג אויך געהאַט זיין נס: ער האָט זיך געענדיקט פינף פאַרנאַכט. אַלע זענען אַוועק. אין דרויסן האָט גענומען טונקלען. פעלעק מיט דער פעלקאָווע זענען אויך אַוועק צוגאַנג. די „טשאָטקע” איז אַליין געבליבן, האָט זי פאַרקייטלט די טיר, אויף די פענצטער פאַרוקט די האַלבע פאָרהענגלעך און געבנדיק א זיפץ, געעפנט דאָס טירעלע פון אונזער באַהעלטעניש.

— גייט אביסל ארויס פון „געטאָ” — האָט זי שטילערהייט אריינגעסודעט. — ס'איז פינצטער, קיינער איז נישטאָ, ארום איז גוט פאַרמאַכט.

מיר האָבן נישט באַוויזן צו שטעלן די ערשטע טריט אין שטוב, מאַכט זי אונז א „מי שברך”:

— געוואַלט. צ'זענט מערדער אויף זיך אַליין. שטייט נישט, בויגט זיך גיך אראָפּ, שאַרט זיך אויף דער פּאָדלאָגע, ס'קאָן נאָך ווער צוקומען צום פענצטער.

מיר האָבן זיך גיך אראָפּגעבויגן, זיך צעקראָכן אין די ווינקלען, און די

„משאָטקע", אַן אויפגערעגטע, איז ארומגעלאָפן פון איין פענצטער צום צווייטן און נערוועז זיך צוגעברומט אַ לידל. גיך איז זי מיד געוואָרן, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קליין בענקעלע ביים פענצטער. אסתרל און צפורהלע האָבן זיך צו איר צוגעשאַרט פון ביידע זייטן און אָנגעלענט די קעפּ אויף איר שויס. די „טשאָטקע" — ווייזט אויס, שוין אביסל זיך אָפּגעלערנט פון אונז — האָט זיך געשאָקלט און ווייטער צוגעברומט דאָס לידל. אפרים און פרוימאַן האָבן אין די ווינקלען איינגעדרימלט און אויך מיר האָט זיך געגלוסט כאַפּן אַ דרימל, נאָר עפּעס אַן אימה האָט געשוועבט אין שטוב, האָב איך מורא געקריגן און ס'האָט מיך אָנגענומען אַ חשק, וואָס גיכער אַריין אין באַהעלטעניש. נאָר די „טשאָטקע", וועלכע האָט כסדר מיט איין אויג ארויסגעקוקט פון אונטער דעם פאָרהענגל, האָט מיך צוגערופן:

— יוזשעק, וואָס איז דאָס אַזוי רויט דער הימל אויף מערב? א רחמנות, מ'זאָגט, אַז מען ברענט דאָרט די יידן אין גיהנום, ווייל זיי האָבן נישט געגלויבט אין פאַן יעזוס.

כ'האָב זיך אונטערגערוקט צום פענצטער און ארויסגעקוקט: ווייט אויף קילאָמעטערס איז געלעגן אַ שניי. די ביימער, צעוואָרפענע, אויך איינגעהילט אין ווייסן. ס'האָט אפנים געמוזט זיין אַ פראָסט, ווייל די ביימער און די פעלדער האָבן געפינקלט. אויף מערב האָט זיך טאַקע ארויפגעלאָזט אַ רויטער הימל און עפּעס האָט אינדרויסן מאָדנע גערוישט; ביי אונז אין שטוב איז געווען אַ שטיל־שווייגעניש. ווי לאַנג ס'האָט אַזוי געדויערט ווייס איך נישט, כ'וואָלט אפשר איינגעדרימלט, נאָר די „טשאָטקע" פרעגט מיך מיט א ניגונדל:

— יוזשעק, וואָס איז דער הימל, וואָס איז די ערד? וואָס איז אַ ייד, וואָס איז אַ קריסט? וואָס רוישט אינדרויסן? וואָס איז דאָס לעבן און וואָס איז דער טויט? כ'פאַרשטיי גאָרנישט, יוזשעק, ס'איז מיר עפּעס אַזוי אויפן האַרץ, כ'ווייס נישט וואָס, נישט כמוטנע, נאָר עפּעס אַזוי, כ'ווייס נישט וואָס!

* * *

שוין זייט עטלעכע חדשים היים איך יוזשעק. צוזאַמען מיט די עלטערן. נאָענטע און באַקאַנטע און אַלע — זענען אויך פאַרשוווּנדן אונזערע יידישע נעמען. נאָר מיר נעמען עס נישט טראַגיש. די קברים פון אונזערע נעמען ווייסן מיר יאָ און — אויב גאָט וועט נאָך שענקען לעבן — וועלן זיי אויפשטיין „תחיית־המתים". דערווייל, היים איך, נישט לייבל, נאָר יוזשעק; מיין פרוי, נישט — אסתרל, נאָר — העלאַ; איר שוועסטער — מיין יונגע שוועגערין — אַנשטאָט צפורהלע — קאַשאַ; מיינע חברים: אפרים — אָלעק; פרוימאַן הייסט נישט ישראל־אהרן, נאָר סטאַשעק. אַזוי רופט מען אונז דאָ ביי פּעלעקן, ווייל אַזוי זענען מיר פאַרשריבן אין אונזערע „געמאַכטע" דאָקומענטן. מיר האָבן אַלע פאַלשע פּעסער. נאָכוואָס זיי טויגן אונז, די מענער, ווייס איך אסור נישט. מיר זענען דאָך געחתמעטע יידן און אויך אויף דער נאָז און אין די אויגן שטייט דאָך כפירוש „יודע" — זיצן מיר טאַקע אין „לאָך" מיט די דאָקומענטן אין קעשענע. נאָר אסתרל און צפורהלע האָבן זיך טלענירט די האָר — איידער מיר זענען אהערגעקומען — אויף בלאָנד און — לויט ווי עס דערקלערן פּעלעק און די „טשאָטקע" — קאָנען זיי דרייסט אָנגיין אַלס ריינע

אַריערינס ־ בלאָנדינקעס און אומגעשטערט שפּאַצירן, בפרט מיט די דאָקומענטן ביי זיך, ווילן זיי אָבער נישט געניסן, נישט פון זייער אַרישן בלאָנדן אויסזען און נישט פון די דאָקומענטן און ווילן דווקא זיצן מיט אונז. מיר וואָלטן זיי סיוויי נישט געלאָזט גיין — גלייכער נישט איינצושטעלן זיך. די גויאישע נעמען מוז מען אָבער האָבן אויך פאַר אונזערע באַלעבאַטים: רעדנדיק צווישן זיך וועגן אונז, זאָלן זיי זיך אַמאָל נישט אַרויסכאַפּן און אונז אָנרופן מיט די יידישע נעמען, ס'קאָן נאָך אַ פרעמדער צופעליק דערהערן. און — די פּעסער — אַז גאָט וועט העלפן, וועלן מיר זיי פייערלעך צערייסן אין אַרץ־ישראל, אויף דער חופּה פון מיין יונגן חבר אפרים־אַלעק מיט מיין איינציקער יונגער שוועגערין צפּורה ־ קאַשאַ.

רעדנדיק וועגן דעם, ווערט אַביסעלע וואַרעמער אויפן האַרץ, וועל איך דערפאַר דערציילן אַ קליינעם עפּיזאָד:

מיט עטלעכע טעג צוריק קלאַפּט פּעלעק אָן אין אונזער טירעלע, ער רופט מיך אַרויס און זאָגט מיר, אַז כ'זאָל זיך צוגרייטן אויף דעם נאָענטסטן חודש. דעם 19־טן מערץ וועט זיין מיין נאָמענס־טאָג, דער טאָג פון „הייליקן יוזעף". מען וועט פּראַוועון אַ יום־טוב. זיי אַלע וועלן זיך אָנטון חגא'דיק, גיין אין קאָשטשאָל, בעטן פאַר אונז און שפּעטער מאַכן אַ סעודה — ברויט מיט אייער. איך וועל אָבער מוזן שטעלן בראָנפן.

די „טשאָטקע" מיט דער פּעלקאָווע קומען אַריין צו לויפן פון קיך, דערלאַנגען מיר פייערלעך די הענט און ווינטשן מיר שוין אָן. כ'האָב זיך דערפילט ווי אַ בעל־שמחה.

די „טשאָטקע" צעקושט זיך מיט מיר און ווינטשט, אַז איבעראַיאָר מערץ זאָלן מיר שוין זיין פריי, איך זאָל מער נישט הייסן יוזעף נאָר ווידער לייבל.

⁂

פאַרשטייט זיך, אַז מיר זענען לעצטנס הומאַניטאַר. פאַרפאַלן, דאָרט ווו מיר האָבן קיין דעה נישט! אָבער דאָ, ביי אונז אין „קריוווקע", אָדער ווי די „טשאָטקע" רופט עס — אין "געטאָ" — קאָנען מיר נאָך דערווייל איינפירן אַזאַ אָרדנונג — ווי מיר ווילן. הערשט טאַקע ביי אונז פרייהייט — לעבנס־פרייהייט. (וואָרט־ און באַוועגונגס־פרייהייט נאָך נישט). עס לעבן דאָ צוזאַמען מיט אונז מייז, וואַנצן און עטלעכע מוראַדיק־גרויסע שפּינען. זיי נוצן אויס אונזער טאָלעראַנץ און פרעגן נישט נאָך אונז. זיי טוען זייערס, צי עס געפעלט אונז יאָ, צי נישט: די גאַנצע ווענט אַרום זענען באַוועבט, די שפּינען וועבן כסדר אָן אויפהער. צי אַ שוץ־שייד, צי אַ פאַנג־נעץ — ווער ווייסט? — אַז מען טאָר ביי אונז נישט רעדן און במילא נישט פרעגן — —

⁂

כ'האָב זיך אַריינגעלאָזט אין שרייבן און עס דאַכט זיך מיר שוין, אַז איך שרייב און באַלד וועלן עס לייענען טויזנטער מענטשן. אָרעמע שורות מיינע, עס שרייבט אייך אַ מענטש, וואָס טראָגט דערווייל אויף זיך אַ „רויט העמדל". זיין טויט־אורטייל האָט געלייענט די גאַנצע וועלט און — ער טראָגט אים אויף דער נאָז און שטערן ווי אַ קין־צייכן.

שוין לאַנג, ווי עס מאַטערן מיך מיינע מיטזיצער, די מיטפּאַר׳משפּט׳ע, „שרייב אַ טאָג־בוך, אָדער גלאַט אַזוי עפּעס”. זיי דערמאָנען, אַז אין אונזער לאַגע דאַרף מען פירן אַ טאָג־בוך, אַלץ פאַרצייכענען. שרייב, אַז דו ווייסט נישט פאַר וועמען! קיין פענצטערל פון האָפנונג זעט זיך נאָכנישט און — אַלע עטלעכע טעג אַנטדעקט מען, אין פאַרשידענע ווינקעלעך, פאַרשטעקטע אין לעכער, פאַרחושכטע געשטאַלטן פון אַמאָליקע מענטשן — יידן און דער ערשטער בעסטער, אָרנטלעכער קריסט און געטרייער פּאָליאַק האַלט פאַר זיין חוב זיי איבערצוגעבן אין די הענט פון דער „גערעכטיקייט”.

אין לאַטאָוויטשער געגנט בינדן די פּויערים אָדער שטאָט־איינוווינער זייערע קרבנות מיט שטריק און שלעפּן זיי צו די פּאָליציי־פּאָסטנס. צום אויספירן די עקזעקוציע דאַרף מען שוין נישט זיין דווקא קיין „קולטורעלער” דייטש, נאָר אפילו אַ פּאַטריאָטישער פּוילישער פּאָליציאַנט האָט רעכט און ער נוצט זי אויס: ער איבט זיך אין שיסן קליינע קינדער. אָבער אַריינצופאַלן צו אַ שיסער איז אויך אַ זכיה. די גאַרוואָלינער זשאַנדאַרמעריע איז גוט אויסגעשולט אין שפּאָרזאַמקייט — שפּאָרט זי קוילן און נעמט די קרבנות אין שעכטהויז, ווו אַ ברייטע שאַרפע האַק טיילט האַסטיק אָפּ דעם קאָפּ פון קערפּער און די ווענט אַרום ווערן באַשפּריצט מיט בלוט. די וואַרשעווער זשאַנדאַרמעריע פאַרשפּאָרט זיך אויך אַרבעט. קליינע קינדער וואַרפט מען אין קאַנאַליזאַציע־לעכער און זיי פאַרשווינדן גיך אין דער אייביקייט.

„שרייב אַ טאָג־בוך!”

פּרוימאַן עצהט מיר, דאָס אָנגעשריבענע אַריינצושיקן דורך דער פּאָסט צו אַ באַקאַנטן קריסט, בעטן ער זאָל עס נאָך דער מלחמה איבערגעבן אין יידישע הענט. אַזוי אַרום וועל איך מזכה זיין די וועלט, נאָך מיר, מיט שילדערונגען, מיט „סענסאַציאָנעל” מאַטעריאַל און אפשר — מיט ליטעראַטור.

מורי־ורבותי, מענטשן פון נאָך דעם קריג! כ׳ווייס, אַז קיין קראַנץ אויף מיין קבר וועט איר נישט ברענגען, אויך ווייל בשעת׳ן לייענען מיינע שילדערונגען וועט איר זיצן „על סיר הבשר” און ביינאַכט וועט איר גיין אין טעאַטער, צוריקצושטעלן דעם מוט און — איר וועט נישט וויסן מיין קבר, ווי איך ווייס נישט די קברים פון מיין מוטער, שוועסטער, ברודער און פון אַלע באַקאַנטע, פון גאַנצן פאָלק, וואָס מיט זייערע קברים זענען פול אַלע פעלדער און גערטנער, גראָז וואַקסט שוין, פרוכטן בליען און יונגע פּאָרלעך, וואָס גלויבן אין יעזוס קריסטוס רעדן פרעכע רייד און טוען מיאוסע מעשים איבער זיי — איבער די פאַרגעסענע פון ביידע וועלטן.

ניין, מיט אַזאַ שרייבן האָב איך מורא. כ׳האָב מורא, אַז איך פאַרשוועך חלילה דעם אָנדענק פון די פאַרגעסענע קדושים, וואָס אין צען, אָדער אין נאָך וויניקער יאָרן, וועט כמעט קיין איין מענטש זיי שוין נישט דערמאָנען. נישט זיי און נישט דעם מוראדיקן קאַטאַקליזם. ניין, חבר פּרוימאַן, כ׳וועל עס צו קיין קריסט נישט איבערשיקן! וועט גאָט שענקען לעבן, וועט דאָס אויך זיין, און אויב, חלילה — זאָל קיינער שפּעטער, פּונקט ווי פון מיר, אויך פון מיינע שורות נישט וויסן. זאָלן זיי שפּעטער רואיקער עסן דאָס פלייש. צו וואָס צעשטערן דעם הומאָר פון די נאָך־מלחמהדיקע פּאָרלעך — גייט בעסער שפּעטער אין טעאַטער, נישט צוריקצובאַקומען מוט, נאָר בכדי זיך צו ווײַלן גלייך מיט דער גאַנצער וועלט פון נאָך דעם קריג.

און איך, מיינע אָרעמע שורות, לייען איך דערווייל פאַר מיינע פיר מיטזיצער, מיט די רויטע העמדלעך.

⁂

יאָ, בנאמנות, אַ קללה האָט זיך אויסגעגאָסן אויף די קעפּ — כ׳ווייס נישט פון וועמען — צי אויף אונזערע, די דערווייל נאָך לעבעדיקע, צי אַ טאָפּלטע קללה אויף די קעפּ פון די קדושים? — אחוץ זייער טראַגישן טויט, אויך אַ קללה פון פאַרגעסנקייט און נישט באַוויינען.

איך אָבסערוויר אַזוי כסדר זינט דעם גרויסן אומגליק. ס׳רוב משפחות זענען באַלד צוזאַמען אומגעקומען, עס איז פון זיי קיין זכר נישט געבליבן און — ס׳איז במילא נישט געווען ווער עס זאָל זיי באַוויינען.

נאָר אויך די פאַמיליעס, וועלכע האָבן לכתחילה איבערגעלאָזט וועמען. ס׳האָט זיך געראַטעוועט זייערס אַ זכר — אַ קינד, אַ שוועסטער אָדער ב־ודער און איז געבליבן ביי דער אַרבעט — איז אויסער אַ ביסל טרערן, די ערשטע פּאָר טעג — געווען שאַ־שטיל. מ׳האָט נישט באַוויינט די נאָענטע, פּונקט ווי עס באַוויינט איצט קיינער נישט זיי, די לעצטע קדושים, די אַרבעטער.

נאָרמאַל, אַ נאָענטן מת, פלעגט מען באַוויינען וואָכן, חדשים און אפילו יאָרן. און דאָ? —

יאָ, ס׳איז אַ קללה פון זייער פאַרגעסנקייט, אָדער אפשר גאָר פון אונזערע אויסגעטריקנטע הערצער און נשמות.

גיכער איז עס טאַקע אַ קללה אויף אונזערע קעפּ, לעבן דער גרעסטער קללה פון אַלע תוכחה־קללות — די קללה פון לעבן, פון אומפאַרשעמט וועלן לעבן!

יאָ, עס וויל זיך לעבן, אַריינכאַפּן נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג. יעדע שעה איז דאַכט זיך, אַ קרן, אַ געווינס, אַראָפּגעריסן פון מלאך־המות, אַראָפּגעריסן פון היטלערן. דאָס איבערגעלעבטע האָבן מיר שוין אויף אונזער חשבון. ס׳איז, דאַכט זיך, אַ נקמה אין דעם שונא. להכעיס אים — נאָך אַ טאָג, נאָך אַ וואָך. מיר חשבונען כסדר, רעכענען די צייט. מען ציילט די שעהן, די מינוטן און מען קלויבט טעג. דאַכט זיך, אַז מען רייסט פון דער צייט שטיקער און אפשר וועט זי זיך לסוף לאָזן גובר זיין.

דערווייל טרינקט מען זיך אָן מיט טעג איינער פאַרסמטער פון דעם אַנדערן, מען שלינגט זיי ווי ביטערע פּילן.

דער אַלטער צערעניאַק איז ווידער געווען ביי אונז. ער האָט געבראַכט צו פאַרקויפן רערן צו אונזער אייזערן אייוועלע. ער איז ספּעציעל געקראָכן אין שטאָט אַריין, קיין קאַלושין און אויף אַ פּלאַץ, אונטער חורבות פון יידישע הייזער — אויסגעזוכט עטלעכע פאַרזשאַווערטע שטיקלעך רער. ער האָט אויך פון דאָרט געבראַכט אַ בלעכן קעסעלע. פעלעק האָט עס ביי אים געקויפט פאַר אונזערע באַדערפעניש און געזאָגט, אַז ער באַדאַרף עס פאַר אַ מיסט־קיבל.

צערעניאַק איז געזעסן מיט פעלעקן לאַנגע שעהן און דערציילט, ווי קאַלושין זעט איצט אויס:

„אַ וויסטע שטאָט, חרוב ומוהרב. מ׳זעט כמעט נישט קיין גאַנץ הויז. פון די זעקס טויזנט איינוווינער זענען ניינציק פּראָצענט געווען יידן. איצט זעט מען דאָרט זעלטן אַ לעבעדיקן מענטש. די צען פּראָצענט איבערגעבליבענע פּאָליאַקן

צוזאַמען מיט פּויערים פון די אַרומיקע דערפער — זענען באַשעפטיקט ביים צענעמען די יידישע הייזלעך. זיי האָבן זיי אָפּגעקויפט ביי די דייטשן פאַר גראָשנס און מען שפּילט אויף דער מערכה: מען צענעמט די דעכער, די ווענט, די פונדאַמענטן און מען זוכט איינגעמויערטע, באַגראָבענע יידישע אוצרות. געפינט מען נישט — איז עס אויך אַ מציאה. בלויז די ציגל און דאָס געהילץ זענען ווערט דאָס געלט, מען פירט זיי איבער צו זיך אין די דערפער, אויפצושטעלן זיך הייזלעך. פאַר פּרוטות שטעלט מען זיי אויף און מענטשן ווערן דערביי נתעשר.

— באַנדיטן זענען זיי — זאָגט צערעניאַק — קיין פרעמדן מענטש לאָזן זיי נישט צו. זיי האָבן אים פאַרטריבן און נישט געלאָזט עפּעס אויסזוכן אויף די שטויבן בראָכוואַרג. קוים ער האָט געכאַפּט די פּאָר שטיקלעך רערן מיטן קעסעלע און אַ צוויי לעפל. ער וועט האָבן מיט וואָס צו עסן. מער האָבן זיי אים נישט געלאָזט נעמען און אַרויסגעיאָגט. „זיי האָבן באַצאָלט און ס׳געהערט צו זיי”; אפילו אַ קלייניקייט לאָזן זיי נישט אויסקלויבן. ער, צערעניאַק, האָט אויך נישט קיין הצלחה. אָט, דער „וויגנאַניעץ”, פון פויזן האָט „מזל”: ער גייט דאָרט יעדן טאָג און ברענגט שטענדיק עפּעס אַנדערש. ער פאַרקויפט עס און האָט דערפון פּרנסה. ער ווייסט עס וויאַזוי צו מאַכן: ער גנבעט זיך אונטער, מען זעט אים נישט, און ער געפינט פיל זאַכן.

צערעניאַק לויבט זיין געבראַכטע סחורה — די רערן און דאָס קעסעלע. „ס׳איז נאָך גוט, מען קאָן עס נוצן”, ער פרעגט, צי פעלעק דאַרף נישט נאָך אַנדערע זאַכן. ער וועט נאָך אַמאָל פּרווון גיין קיין קאַלושין — עפּעס אויסזוכן, אפשר וועט עס אים געלונגען — יענע וועלן אים נישט זען.

געוועזן איז דאָס שוין אײנמאָל אַ הימלבלױער טאָג.

פון באַלד אינדערפרי האָט אונזער באַלעבאָסטע, די פעלקאָווע, זיך געפּאָרעט, ריין געמאַכט, צוגערוימט, אָנגעשטעלט בלומען אין די ווינקלען פון דער שטוב, פאַרשפּרייט אַ ווייס טישטוך אויפן טישל ביי אונזער וואַנט, ארויפגעשטעלט אויפן טישטוך אַ טעלער מיט וואַסער און דערלעבן אוועקגעלייגט אַ פענזל.

די שטוב האָט באַקומען אַ חגאדיקן אויסזען — כאָטש ס'איז געוועזן אין מיטן דער וואָך —

מיר האָבן דאָס נישט געזען נאָר דורכן ווענטל דורכגעפילט.

די „טשאָטקע" האָט אונז אריינדערציילט, אַז היינט קומט אין דאָרף דער גלח אויף „קאָלענדע" און ער וועט אויך זיין ביי אונז. כאָטש מיר זענען דערצו געווען גלייכגילטיק האָבן מיר דאָך צוגלייך מיט אונזערע באַלעבאַטים אים געקומען אויסקוקן. אונזער אינטואיציע האָט עפּעס דערוואַרט.

עלף אינדערפרי איז אין אונזער הויף פאַרפאָרן אַ פויערישער שליטן. ס'איז אין קיך אריינגעקומען מיט אַ גיכן, האַסטיקן טריט דער גלח.

— זאָל זיין געלויבט יעזוס קריסטוס!

— אויף דור דורות אָמען! האָבן די שטוב־מענטשן געענטפערט און אים אריינגעבעטן אין שטיבל. ער איז גלייך צו צום טישל ביי אונזער וואַנט. געזען האָבן מיר אים נישט, נאָר זיין אָטעם, דאַכט זיך, האָבן מיר געפילט.

דער גלח האָט שווער אוועקגעקניט און הויך, מיט אַ גיך קול, געזאָגט:

— גאָט, נעם אונטער דיין שוץ אַלע איינוווינער פון דער דאָזיקער שטוב, די וואָס שיצן זיך דאָ, אונטער דעם דאַך, זיי זיי בייהילפיק, יעזוס קריסטוס, אָמען!

ווען ער איז אַוועק, דער גלח, בין איך אויף אַ מינוט, פאַרזיכטיק, ארויס פון באַהעלטעניש אין שטוב אַריין. כ'האָב זיך ארומגעקוקט: אויף אונזער וואַנט איז געהאָנגען דאָס בילד פון דער „הייליקער מוטער און זון".

די „טשאָטקע" האָט זיך צעוויינט:

— יאָ, פאַן יעזוס און גאָטס מוטער שיצן אייך! איצט ווייס איך שוין, אַז ס'איז אַ ליגן, וואָס זיי אַלע זאָגן — פאַן יעזוס נעמט נישט נקמה אין יידן. ער שיצט אייך!

— אַזוי איז — האָב איך ארויסגעשטאַמלט — ער היט זיינע ברירער.

באַלד האָב איך זיך פאַרלוירן און צוריק אַריין הינטער דער וואַנט. אין באַהעלטעניש, אין דער פינצטער, האָב איך דערפילט, אַז גאָט, דער איינציקער גאָט, איז טאַקע מיט אונז און — כ'האָב זיך דערמאָנט:

— „עמו אנוכי בצרה". — — —

. . . אין דאָרף גייט היינט אַ מקח וממכר מיט יידישע זאַכן. אַ האַנדל האָט אויפגעבליט אויף די חורבות פון די יידישע שטעט. מען קויפט און מען פאַרקויפט,

מען מעקלט און מען פּאַרמיטלט. אַלע שטובן זענען אָנגעפּאַקט מיט יידישע זאַכן, אָנגערויבט בעת די ליקווידאַציעס פון די געטאָס. באַלד אויף צומאָרגנס נאָכן ארויספירן און אויסמאָרדן די יידן, האָבן זיך אין די אויפגעריסענע געטאָס געלאָזט טויזנטער פּויערים, באַבעס און קינדער. מען האָט געשלעפּט, וואָס עס האָט זיך געלאָזט, הונדערטער פורן מיט יידיש האָב און גוטס אַהיימגעפירט און שפּעטער, די רעשט — בחצי חנם אָפּגעקויפט ביי די דייטשן בעת דעם אויספאַרקויף פון יידיש „אַלטוואַרג". ס'איז אויך אָנגעגאַנגען אַ געיעג אויף די איינצעלנע אויסבאַהאַלטענע יידן, וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין די דערפער, אין די וועלדער, מען האָט זיי דערמאָרדעט און אַראָפּגעצויגן די שיך און מלבושים. דאָס דאָרף האָט אויפגעלעבט. די שטובן זענען אָנגעפּאַקט מיט מעבל, מיט כלים, מיט מלבושים און בעטגעוואַנט. נישטאָ קיין אָרט, ווו זיך דערמיט אַהינצוטון. מען זוכט קונים און שווער צו געפינען בעלנים אויף אַלץ. די שענסטע מעבל צעהאַקט מען אויף האָלץ צו הייצן. די מלבושים מאַכט מען איבער, מען שלאָפט אונטער דריי פּערינעס, אויף זעקס קישנס און פיר אונטערבעטן. די אַלטע באַבעס טראָגן זיך אין די פאַרשידנפאַרביקסטע קליידלעך פון יונגע מיידלעך; פּויערים — אין כאַלאַטלעך, אין געהאַקטע קאַפּאָטעס — וואָכנדיקע און חסידישע, שבתדיקע, זיידענע בעקעשעס, פּויערישע פלאַקסענע קינדערישע קעפּלעך שטעקן אַרויס פון שטאָטישע קינדערוועגעלעך מיט זיידענע פאַרהענגלעך; יונגע שיקסעס קליידן זיך אין עלעגאַנטע בלוזקעלעך און ספּודניצעס — איבערגעמאַכט פון טליתים; אין קאַפּעלושלעך — פון סאַמעטענע היטלען; אין פוטערנע קעלנער פון נעלקענע און סקונסענע שטריימלעך. פּויערישע טישן זענען באַפּוצט מיט זילבערנע קידוש־בעכערלעך, בשמים־ביקסלעך, די קאָמאָדעס — מיט עץ החיים'ס, מיט זילבערנע יד'ס און שבתדיקע לייכטער.

דער ווינט בלאָזט איצט איבער די דערפער מיט טויזנטער בלעטלעך פון חומשים, גמרות, מפרשים, מוסר און חסידישע ספרים, צאינה וראינה'ס, מעשה־ביכלעך, יידישע קלאַסישע און נייעסטע ליטעראַטור, וויסנשאַפטלעכע און פילאָזאָפישע ביכער, די קלאָזעטן זענען מיט זיי פול. מען פאַרקויפט מאַקולאַטור אין די געוועלבער אויפן פּוד, אויפן קילאָ. מען וויקלט אין שמות — שפּייז, חזיר־פלייש און הערינג, די לעדערנע טאָוולען ווערן איבערגעאַרבעט אויף נוצלעכע קוישלעך.

אַ האַנדל איז אויפגעגאַנגען איבערן דאָרף און דער גלח גייט איצט אויף „קאָלענדע" איבער די כאַטעס, צלמט זיך איבער און בענטשט:

— גאָט, נעם אונטער דיין שוץ אַלע איינוווינער פון די דאָזיקע שטובן, די וועלכע שיצן זיך אונטער די דעכער. זיי זיי בייהילפיק יעזוס קריסטוס, אָמען!

היינט, דעם 25־טן פעברואַר 1943, פּינקטלעך 12 אַזייגער בייטאָג — ווערן דריי חדשים ווי מיר זיצן דאָ אין באַהעלטעניש.

ווידער חשבון איך, אָבער — געלויבט צו גאָט — פון זיבעצעטן ביזן פינף און צוואַנציקסטן זענען אַוועק גאַנצע אַכט טעג און — אַכט טעג ביי אייך אַמעריקאַנער, ענגלענדער און אַנדערע אויסלענדער, זענען אַכט טעג, פּשוטע אַכט טעג, אָדער טיילמאָל גאָר אַכט מינוט. איר האָט נישט קיין צייט צו רעכענען, ווייסט איר נישט וויפל דאָס איז אין דער ווירקלעכקייט.

אין דער ווירקלעכקייט זענען אַכט טעג 192 שעה, 192 שעה זענען 11.520 מינוט, 11.520 מינוט זענען 691.200 רגעס און אין 691,200 רגעס, ווייסט איר, וויפל מען קאָן טראַכטן און וויפל געדאַנקען — נאָרמאַלע און נישט נאָרמאַלע עס מאַטערן, נאָך דערצו ווען מען קאָן נישט שלאָפן ביינאַכט און בפרט, אַז די לעצטע נאַכט האָבן מיר געהערט דריי ביקסן־שאָסן נישט ווייט פון אונז.

היינט, מיטוואָך — צוריק מיט דריי חדשים — האָבן מיר דורכגעמאַכט דעם וועג פון מינסק דאָ אַהער.

פינף פאַרטאָג, אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטער און דערצו אַ שפּאַר פרעסטל (געווען איז עס דעם 25־טן נאָוועמבער) האָבן מיר פאַרלאָזט אין דער שטיל, די שכנים זאָלן נישט הערן, די וווינונג פון דער „טשאָטקע" אין מינסק. איך, מיין פרוי און שוועגערין (אונזערע חברים זענען שפּעטער אַהערגעקומען) און בראש איז געגאַנגען די „טשאָטקע". זי האָט געהאַט דריי אויפגאַבן. קודם כל: אַ וועג־ווייזערין, צווייטנס: אַ באַשיצערין און דריטנס — דער עיקר: פעלעק האָט נאָך נישט געוווּסט, אַז מיר דאַרפן קומען און מיר האָבן נישט געוווּסט צי ער וועט מסכים זיין אונז אַריינצולאָזן צו זיך. האָט די „טשאָטקע" דאָס גענומען אויף זיך, זי וועט אים שוין „באַאַרבעטן". מיר האָבן זי שוין אַביסל געקענט און געוווּסט, אַז אויף איר קאָן מען זיך פאַרלאָזן. אויף די אַרבעטס־שטעלן זענען נאָך געווען באַשעפטיקט ייִדן, נאָר מען האָט געשמועסט, אַז אַ ליאַדע טאָג וועלן זיין די „ליקווידאַציעס" — האָבן מיר נישט געהאַט וואָס איינצושטעלן און זיך געלאָזט מיט איר גיין, אָפּשמועסנדיק זיך, אַז קוים חלילה מען כאַפּט אונז אויפן וועג — איז פאַרפאַלן, נאָר די „טשאָטקע" גיבן מיר פאַר קיין פאַל נישט אויס.

אסתרל און צפּורהלע זענען געגאַנגען דרייסט לעבן דער „טשאָטקע" מיט זייערע בלאָנד־געוואָרענע האָר און „געמאַכטע" פּעסער אין טאַש און איך — הינטער זיי איבערגעטון, אַנשטאָט לאַנגע הויזן מיט לאַטשן — גאַלפּאָווע ספּאָרט־הויזן, אַריינגעלאָזט אין „ווילערישע" שטיוועלעך און דער עיקר — די לעצטע פאַר וואָכן האָב איך זיך געהאַט פאַרלאָזט אַ פּאָר געלע וואָנצעלעך, עכט פּוילישע, און גוט זיך אַרומגעוויקלט דאָס פּנים, (כלומרשט צוליבן פראָסט). אַרויסגעזען האָט מען בלויז די אויגן מיט די וואָנצעלעך.

כ'הויב זיך אָן צו פילן אַלס „ערלעכער" פּאָליאַק און נעם גיין „מעשה מענטש", דרייסט הינטער זיי, גלייך אויפן שאָסיי. עס באַווייזט נאָר וואָס ליכטיק

צו ווערן, ווי צוויי מענטשן גייען אונז אנטקעגן — יונגע, דאָרפּישע „כלאָפּצעס”. איין בליק אויף מיר: א „זשיד!” — זאָגן זיי. זיי זענען דאָן ווייטער געגאַנגען זייער וועג, נאָר מיר — מיר האָבן שוין נישט געוווּסט וואָס מיט זיך צו טון. מיר האָבן זיך געוואָרפן אין שרעק. פון שאָסיי האָבן מיר באַלד געמוזט אראָפּ. מען האָט גענומען גיין דורך פאַרשידענע הינטערוועגן, מ'האָט געטאָפּטשעט אין טיפּע בלאָטעס, עטלעכע שעה געקראָכן אין זומפּיקע וועלדער, איבער פאַרשנייטע פעלדער, אויסגעמיטן דערפער און וועגן, ביז מען האָט פון דערווייטנס דערזען פעלעקס כאַלופּע. די „טשאָטקע” האָט זי אונז געוויזן, זי איז געלעגן איבער די פאַרשנייטע שטחים, ווי אַן אָפּגעזונדערט קאָלאָניעלע. א קליין שטרויען כאַטקעלע, ווי א גרוי פּינטעלע אין דער שנייאיקער ווייטקייט. נאָך עטלעכע גרויע פּינטעלעך — די שטאַל, די סטאָדאָלע און אייניקע בוימער ארום. אין שכנות איז געווען א וועלדל, נאָך א פּאָר הייזלעך און — פעלדער און פעלדער ווי אומענדלעך אויסגעשפּרייטע ווייסע טישטעכער. מיר האָבן געטאָפּטשעט און געקראָכן און ס'האָט גאָר קיין סוף נישט גענומען. וואָס מער מ'איז געגאַנגען, אַלץ האָט זיך געדאַכט, אז דאָס קאָלאָניעלע דערווייטערט זיך פון אונז. די ווייסע פעלדער האָבן זיך, ווי אויף להכעיס אויסגעצויגן.

ערשט ארום מיטאָג־צייט האָבן מיר דאָס אָרט ענדלעך דערגרייכט.

מיר זענען געשטאַנען פאַר א קליין הילצערן כאַטקעלע. מיט א שטרויען דעכל ווי א פאַרפוילטע שוואָם. ס'האָט אויסגעזען ווי א דאָרפישע הינערשטייג. אויפן הויף האָט מען טאַקע דערקענט סימנים פון הינער. א קו האָט איינזאַם פון א שטאַל ארויסגעמעקעט. די „טשאָטקע” איז פאַרשוווּנדן אין א קליין ליימיק טירל. מיר האָבן זיך געפילט ווי פאַרבלאָנדזשעט. מען האָט זיך דערשראָקן געקוקט הינטער פאַרשימלטע ברעטערנע ווענטלעך. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז א גרויס אויג קוקט צו אונז פון ערגעץ ארונטער און שלינגט אונז איין. מען האָט געזוכט א לאָך וווּ זיך ערגעץ צו פאַרשטעקן. די „טשאָטקע” האָט זיך דערווייל באַוויזן אין טירל און מיט א פינגער אונז אריינגערופן.

⁂

איך שרייב כסדר וועגן אונזער באַלעבאָס, וועגן פעלעקן. מיר זענען שוין דאָ ביי אים אין כאַלופּע, שוין אויך געשילדערט די שטוב און דאָס באַהעלטעניש און ביז איצט האָב איך נאָכנישט דערציילט וועגן אים, וועגן פעלעקן אַליין.

א הויכע שמאָלע פיגור מיט א ביסל נישט גלייכע פיס. ווען ער שטייט, דאַכט זיך, אַז אָט, אָט פאַלט ער אום; א געשטופּלט פּנים מיט צוויי אויסגעלאָשענע גרויסע אויגן, איינס — אינגאַנצן בלינד, דאָס צווייטע — שיקלדיק, פאַרזשמורעט — דרייפערטל בלינד. אָפיציעל איז ער א לאַנדווירט, א פּויער, די ערד גיט אים אויף איין פערטל יאָר צו עסן בצמצום ברויט מיט קאַרטאָפל. די אַנדערע דריי־פערטל יאָר האָט ער זיך געשפּייזט — מיר האָבן זיך דאָס איצט דערוווּסט — פון גניבה. דאָס הייסט, קיין גנב איז ער חלילה נישט געווען, געגנבעט האָט ער אויך נישט, נאָר בלויז „גענומען”. אינמיטן דערנאַכט, ווען דער שכן איז געשלאָפן, האָט ער אָפּגעדרייט ביי יענעם דאָס שלעסל און „גענומען” אביסל קאַרטאָפלעס אָדער קאָרן אויף עסן. מער ווי אויף עסן — פאַרזיכערט אונז די „טשאָטקע” — האָט ער נישט גע־

נומען. לויט די אָנגענומענע כּללים אויף דער גאַנצער וועלט, הייסט דאָס אַן „אונטערוועלטניק", כאָטש ער איז פּאַנאַטיש גלויביק און אויך אַביסל פּאַטריאָטיש, אָבער פּאָרט אַן אונטערוועלטניק. ס'האָט במילא נישט געהאָלפן דאָס, וואָס גוטע, פֿרומע קריסטן און הייסע געטרייע פּאַליאַקן האָבן אים אויפגעוויזן וועגן דער מצוה פֿון אומברענגען יידן, — זיין אונטערוועלט־האַרץ האָט נישט פֿאַרשטאַנען — בשום אופן נישט — ווי מען מעג הרגענען מענטשן פֿאַר גאָרנישט, ער האָט כּסדר געענטפערט איינס און דאָס זעלבע:

— גאָט האָט געזאָגט „הרגע נישט!" — און מער ווייס איך נישט.

און גיי מאַך מיט אַן אונטערוועלטניק. ער איז אויך אַ האַרטער, אומדערשראָקענער מענטש, אַ דרייסטע נאַטור, ווי אַן ערד־מענטש.

ווען די „טשאַטקע" האָט אונז — פֿריער זיך גוט אַדומקוקנדיק, אַריינגעפֿירט אין קליינעם שטיבעלע מיט די פּיכט־טונקעלע ווענט און ליימיקן קיבל — איז ער גראָד געזעסן אויף אַ נידעריק קלעצל,אַנטקעגן ווייב, — אַ קליין, ברייט גויעלע, אויך מיט אַ געשטופּלט פּנים און קליינע גרינע אויגעלעך, אַרומגעוויקלט מיט אַ לאַנג בלוי פֿאַריסט פֿאַרטוך אַרום די לענדן — און געקלערט. אַפּנים, ס'האָט זיך אים פּונקט נעהאַט אויסגעלאָזט דאָס ביסל שפּייז — האָט ער געקלערט.

ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ געדאַנקען אַזאַ מענטש קאָן האָבן.

— גוטמאָרגן! —

— גוטמאָרגן! —

די „טשאַטקע" האָט אונז פֿאָרגעשטעלט און אים שטילערהייט נאָכאַמאָל איבערגעגעבן אין וואָס עס גייט. מיר זענען געשטאַנען צעמישט און געקוקט אין זיינע ווייכלעך־אויסגעלאָשענע אויגן, עפּעס צו דערקענען אין זיי אין דער דעצידירנדיקער פֿאַר אונז מינוט. פֿון אויסגעלאָשענע אויגן איז אָבער אוממעגלעך עפּעס אַרויסצולייענען — האָבן מיר געוואַרט און אונזער „אַדוואָקאַט", די „טשאַטקע", האָט געאַרבעט אויף אַלע כּלים, גערעדט הויך, געווונקען און זיך געסודעט.

פּעלעק האָט זיך צעשמייכלט. אונז איז געוואָרן אַביסעלע גרינגער.

ער האָט פּאַמעלעך געזאָגט:

— ניין! —

מיר האָבן גאָרנישט גערעדט. אפשר איז אונז דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרן.

אָבער ווייזט אויס, אַז ער האָט עס געזאָגט נאָר מיט אַ האַלב מויל, ווייל באַלד, אין עטלעכע מינוט שפּעטער, האָט ער — מאַכנדיק אַן ערנסטע מינע — ברייט אַ זאָג געטון:

— נו, זאָל זיין יאָ!

דאָס איז געווען נאָכדעם ווי די „טשאַטקע" האָט אים, שטילערהייט, אַז מיר זאָלן נישט הערן, נאָכאַמאָל פֿאַרזיכערט, אַז ער וועט מער נישט דאַרפֿן גנבענען, אַז צו עסן וועט זיין און אַ מלבוש אויך און אפשר איז דאָס געווען דער פֿאַרדינסט פֿון דעם פּעקל טאַבאַק צו רייכערן און די נייע פּאָר הויזן, וואָס איך האָב אים אינצווישן דערלאַנגט, בעת וואָס, אַ פֿייערל האָט זיך גענומען צינדן אין זיינע אויסגעלאָשענע אויגן.

אַ ליב פֿייערל, וואָס ברענט און לייכט אין זיי ביזן היינטיקן טאָג.

⁂

פֿיל, פֿיל פֿרייד און לייד האָבן מיר שוין איבערגעלעבט צוזאַמען מיט אים, יאָ, צוזאַמען מיט אים, ווייל — אונזער לייד איז זיין לייד; אונזער, טײלמאָל, מ׳שטיינס־געזאָגטע פֿרייד — איז אויך זיין פֿרייד און גלייך מיט אונז וואַרט ער, דער אונטערוועלטניק, אויפֿן מאָמענט, ווען מיר וועלן רואיק קאָנען פֿאַרלאָזן דאָס לאָך ביי אים אין שטוב און ער וועט אפֿשר דעמאָלט ווידער דאַרפֿן „נעמען". ער וואַרט דערויף אומגעדולדיק, דער בטבע קאַלטער מענטש, וועלכער האָט שוין לעצטנס, נישט איינמאָל צוליב אונז איבער־געלעבט טויט־שרעק: אַלעמאָל וואָרענען פּלאַקאַטן „פֿאַר אויסבאַהאַלטן ייִדן — טויט־שטראָף" און ער שמייכלט.

אסתרל, מיין פֿרוי, ווען זי שעמט זיך נישט, וואָלט זי אים נישט איינמאָל אויסגעקושט דאָס געשטופּלטע בלינדע פּנים — דעם עלטערן פֿון זיך מיט קרוב פֿערציק יאָר אונטערוועלטניק, וועלכער קעמפֿט כסדר, דורך די נעכט, מיט ספֿיקות, מיטן געוויסן, מיט אַ האַלב־משוגע־געוואָרענער וועלט און — דער עיקר — מיט זיך אַליין:

„ווער ווייסט צי פֿאַן יעזוס וועט אים נישט באַשטראָפֿן פֿאַר אויסבאַהאַלטן אומגלויביקע". —

אָבער טאַקע נאָר אַן אונטערוועלטניק קאָן אויסהאַלטן אַזאַ קאַמף.

זיצנדיק אין באַהעלטעניש האָבן מיר זיך באַקענט מיט נייע מענטשן, נייע מנהגים, מיט אַ נייַ לעבן. מיר ווייסן פֿיל זאַכן, וואָס ביז איצט האָבן מיר זיי נישט געוווּסט. דעם באַשייד פֿין אַלערליי חלומות, סימנים פֿון פֿאַרשידענע זאַכן. מיר קענען זיך אויפֿן געזאַנג פֿון פֿייגל. מיר ווערן געוויער, אַז פֿויערים נאָבן טויט האָבן אָפּט ליב אַהיימצוקומען ביינאַכט, אַ סך שכנים האָבן זיי אַליין געזען און מיר האָבן זיך אויסגעלערנט פֿאַרשידענע מעשיות פֿון דער פֿעלקאָווע, וועלכע עפּנט — ס׳רוב אין אָוונט, ווען ס׳איז פֿינצטער — אונזער טירעלע און דערציילט אַריין וווּנדערלעכע מעשיות פֿון וואַלד, גזלנים, רוחות, שדים, בערן, ווילדע קעץ און מכשפֿים. די מעשיות זענען גאָר שיין, נאָר אַביסל צו מוראדיק, דעריבער קענען מיר נישט דעם סוף פֿון זיי, וועלכער מוז זיין גאָר שרעקלעך. די פֿעלקאָווע פֿאַרזיכערט אונז שטענדיק, אַז ווען מיר וואָלטן געהערט דעם סוף, וואָלטן מיר אַלע געוויינט, נאָר אַזוי ווי ס׳איז פֿינצטער, וויל זי אונז נישט איבערשרעקן. באַרואיקן מיר זיך טאַקע אַביסל.

אַ סך מאָל האָט זי, די פֿעלקאָווע, אונז ליב צו באַרואיקן.

איינמאָל האָט זי אונז געטרייסט, אַז גאָט, דער פֿאָטער, איז אויך אַ ייִד. זי האָט אונז געהייסן קוקן אויפֿן בילד, ער האָט אַ לאַנגע ווייסע, ייִדישע באָרד, אָבער איין זאַך פֿאַרשטייט זי נישט: ער הייסט יוזעף — אַ גויאישן נאָמען. זי ווייסט עס זיכער, ס׳האָט איר געזאָגט דער גלח, אַז פֿאַן יעזוסעס פֿאָטער הייסט „הייליקער יוזעף".

נאָר אַביסעלע בין איך צופֿרידן: איך הייס אַצינד אויך יוזעף, דעם זעלביקן נאָמען ווי גאָטס „פֿאָטער". וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז קיין ווייסע באָרד טראָג איך נישט, אַנשטאָט דעם, אַ פּאָר געלע וואָנצעס, וועלכע זענען אין סתירה צו מיינע אויגן, נאָז, שטערן און שוואַרצע האָר.

אָבער אַזוי צי אַזוי געפעל איך אונזער באַלעבאָסטע. אַ שאָד נאָר, פּאַרוואָס כ׳גלויב נישט אין פּאָן יעזוס.

אַ סך מאָל איז מיר אַזש אַ רחמנות צוליב דעם אויף דער פעלקאָווע און איך פאַרזיכער איר, איך שווער:

— ווי כ׳בין אַ ייד — כ׳גלויב יאָ! —

זייענדיק עטלעכע וואָכן הינטער דער וואַנט, קענען מיר שוין, ווי געזאָגט, אַלע געסט, אַלע באַזוכער, לויט די קולות. עפנט זיך די טיר, באַלד ביים „גוטמאָרגן”, ווייסן מיר שוין, ווער עס איז דאָרט. פאַר א פרעמדן „גוטמאָרגן” וואָלטן מיר זיך דערשראָקן.

איינמאָל, באַלד אינדערפרי, עפנט זיך די טיר: צוויי פרישע שטימען „גוטמאָרגן”, „גוטמאָרגן” — אַן עלטערער און אַ קינד. מיר האָבן זיך טאַקע דערשראָקן, נאָר צו ליב עפּעס אַנדערש : עפּעס היימיש האָט אונז דער „גוטמאָרגן” געקלונגען, נישט קיין באַקאַנט קול, נאָר א באַקאַנטער אַקצענט, עפּעס א היימישער, א וואַרימער, כ'וואָלט געשווירן — יידן ! נאָר פונוואַנען ?!

איך הער, אז דאָס זענען וואַנדערנדיקע בעטלער. זיי רעדן מיט איבערגעשראָקענע קולות. שוין זיכער יידן ! מיין חברה הינטער דער וואַנט הייבט אָן אַרויסצוּווייזן נערוועזיטעט, אומרואיקייט.

יאָ, יידן ! איך הער ווי די „טשאָטקע” טרייסט זיי און גיט זיי גוטע האָפענונגען, אַחוץ דעם ביסל וואַרעמס, עפּעס עסן אויף איבערבייס און אַ שטיקל ברויט אויף שפּעטער.

זיי קלאָגן נישט, קרעכצן נישט, כאָטש ביידע (צוויי ברידער) האָבן שוין אָפּגעפרוירענע פיס, לאָמען צו, גייען האַלב נאַקעט און כמעט אינגאַנצן באָרוועס. די „טשאָטקע” פרעגט פאַרוואָס זיי גייען אין אַזאַ הולך.

— מענטשן זענען פאַראַן פאַרשידענע — ענטפערט דער עלטערער ייד — א טייל אויפן וועג האָבן באַראַבעוועט, אַראָפּגעצויגן די מלבושים, אַנדערע, גוטע פּאַליאַקן האָבן געשענקט די דאָזיקע לאַכעס, אַרויפצושלעפּן אויף זיך.

— האַ־אַ, דאָ איז וואַרעם, גוט אביסל וואַרעמקייט נאָך א קאַלטער נאַכט אין שייער.

עס קומט אריין א שכן, דער לאָמער פּלאַרעק. דערזעענדיק יידן נעמט ער זיך זיי באַטראַכטן און באַזונדערס דעם קליינעם.

— ווי אַלט ביסטו ? פרעגט ער אים. —

— צען יאָר — ענטפערט דאָס יינגעלע.

— טפו, טפו, טפו — צעשפּייט זיך פּלאַרעק — זיי זענען לויזיק, די הורישע זין! גיך אַרויס פון דאַנען ברודיקע, לויזיקע, שמוציקע יידן !

באַלד האָבן זיך ביידע געפונען הינטער דער טיר. די „טשאָטקע” שמייכלט און פּלאַרעק לייגט פאַר פּעלעקן, אַרויסגיין מיט אַ האַק, זיי הרגענען.

— ס'לוינט נישט — זאָגט פּעלעק — אָרימע לויזער, זיי האָבן נישט קיין געלט, א שאָד זיך אויסצושמירן די הענט. מען קאָן נאָך ווערן באַקראַכן ביי זיי.

און באַלד הערן מיר אין דרויסן, הינטער אונזער וואַנט, דאָס ערשטע מאָל, נאָך לאַנגע וואָכן, רעדן יידיש :

— זעסט — זאָגט דער עלטערער — פאַראַן פאַרשידענע מענטשן. די דאָזיקע

קריסטין, מן הסתם אַרבעט זי אויך שווער אויפן שטיקל ברויט און זשאַלעוועט נישט: איין שטיקל, נאָך אַ שטיקל און — דער לאָמער ?!

דער קליינער ציטערט:

– אַהאַ, ס'איז קאַלט, נאָכן וואַרעמס! נאָכמער ווי פריער.

די יידישע ווערטער וואַרעמען און שטעכן.

זיי זענען אַוועק און גלייך עפנט זיך די טיר. יאַשקאָ אָדהאָבינשטשאַק איז דאָ. מיר דערקענען זיין קול.

– אַוואַ־וואַ, פאַרשפעטיקט! ווו ער קומט — פאַרשפעטיקט ער. ער זוכט די צוויי הורישע זין. זיי זענען נעשלאָפן ביי שודעקן אין שייער, האָט ער זיך דערוווּסט. ער זוכט זיי שוין אַ שעה צייט און ווו ער קומט — אָט זענען זיי אַוועק. ס'איז קאַלט זיך צו דרייען און זוכן, נאָר אַשאָד:

— צוויי שטיק, איז אויף דער האַנט — צען קילאָ צוקער און אַ סך געלט מיט אַ סך פּראָדוקטן.

ער וויל אַרויס ווייטער זוכן — קומט אָבער אַריין שודעק און דערציילט, אַז דער עלטערער זשיד איז אַ משוגענער:

— כאַ כאַ כאַ, ס'איז געווען שיין. כ'האָב זיי געפּאַקט אינדערפרי ביי מיר אין שייער שלאָפן, האָב איך אים גענומען „דערלאַנגען" דעם נרויסן. זאָגט ער: אַ דאַנק... וואָס מער כ'שלאָג — ער דאַנקט, דער הורן־זון. „אַ דאַנק, זאָגט ער, באַלעבאָס, שלאָג בעסער, האָסט מיר דערוואַרעמט די פּלייצע"... כאַ כאַ כאַ, אַ משוגענער!

אַלע לאַכן. נאָר עס צעשטערט די שטימונג דער נאָרוואָס אַריינגעקומענער יונגער צערען, דער דאָרפישער מוזיקאַנט.

— אָוואַ, — דערציילט ער, הערנדיק פון וועמען מען רעדט — נעכטן ביי נאַכט, איז ער געווען ביי מיר מיטן קליינעם ברודערל. פּונקט איז מיין פידל געלעגן אויפן בעט, האָט ער אים גענומען און גענומען שפּילן — ממש אָרגל, ווי אין קאָשטשאָל. דער ייד שפּילט און וויינט אַזוי צו צום טאַקט. פּונקט ווי די שיקסעס טאַנצן צום טאַקט אויף די „זאַבאַוועס" — אַזוי וויינט ער צום טאַקט פון פידל. געוויינט האָט ער נישט הויך, נאָר געקוועטשט אַזוי מאָדנע מיט די אויגן. יאָ, שודעק, ס'איז אמת, ער מוז זיין משוגע, נאָר ער האָט געענדיקט אַזאַ שקאָלע פון שפּילן.

ביסלעכווייז זענען זיי זיך צעגאַנגען און מיר פאַר די אויגן האָבן געשוועבט משוגענע לייז, אַ וויינענדיקער פידל, אָפּגעפרוירענע הימישע יידישע ווערטער, גאַנצע זעק צוקער און פעסטע קלעפּ, וואָס מאַכן וואַרעם; אין די אויערן האָט מיר געגרילצט — פידל־שפּיל, געוויין, כסדר „אַ דאַנק", „אַ דאַנק", און אַלץ אויף יידיש.

אָבער נישט וויכטיק. אינטערעסאַנט איז נאָר, אַז יאַשקאָ האָט אין זייער זכות קיין צוקער נישט געהאַט און וועט נישט האָבן.

אין עטלעכע וואָכן אַרום איז דער מוזיקער געווען ביי אונז שוין אָן צען־יעריקן ברודערל, וועלכעס — לויט ווי ער האָט דערציילט — איז פאַרפרוירן געוואָרן אויפן וועג. ס'איז געווען אַ פּראָסט, די ערד איז געווען געפרוירן, ער האָט אים נישט געקאָנט קובר זיין, האָט ער אים איבערגעלאָזט אין וועג און — ער אַליין, דער צווייאונצוואַנציק יעריקער יידישער בחור פון ראַדאָם, — ער אַליין האָט אויך אויסגעזען אַזוי, אַז עס האָט אונז נישט געוווּנדערט הערנדיק צוויי וואָכן שפּעטער אַ פויע־

דערציילן, אַז ער האָט זיך אַליין איבערגעגעבן צום „סאָלטיס” און דער לעצטער — צום נאָענטסטן פּוילישן פּאָליציי־פּאָסטן, ווו מ׳האָט אים געשאָסן.

און דער פּויער (ס׳איז געווען צערעניאַק דער אַלץ־ווייסער) האָט צוגעגעבן, אַז ער ווייסט פאַרוואָס:

— מער לעבן האָט ער שוין נישט געקאָנט און נישט האָבנדיק קיין מוט אַליין זיך צו נעמען דאָס לעבן, האָט ער עס אַוועקגעשענקט במתנה די מערדער נאָכדעם ווי ער האָט זיך שוין עטלעכע מאָל געהאַט געראַטעוועט פון זייערע הענט, שוין אפילו געשפּרונגען פון דער באַן, וואָס האָט אים געפירט, צוזאַמען מיט די יידן פון זיין שטאָט, קיין טרעבלינקע.

— זיי זענען גרויסע מערדער! — זאָגט דאָס מאָל צערעניאַק און איך ווייס נישט וועמען ער מיינט, צי די דייטשן צי זיינע ברידער פון שטאָט און דאָרף.

⁂

פעלעק האָט ווייניק ליב צו שמועסן וועגן דער לעצטער אויסראָטונג פון יידן, ער מיידט דערפון אויס צו רעדן. און דערציילט ער עפּעס אַמאָל אַ טשעקאַווע פּאַסירונג פאַר די ווייבער — מאַכט ער עס אין קיך. מיר — אין שטוב, הינטער דער וואַנט — זאָלן נישט הערן. ער רעדט שטיל און אונזערע הערצער קלאַפּן. מיר ווייסן נישט, וואָס עס האָט שוין ווידער פּאַסירט. מיר שרעקן זיך, צי האָט עס נישט קיין שייכות צו אונז. שפּעטער פרעגן מיר זיי אויס און קאָנען זיך גאָרנישט דערוויסן. דאָס מאַכט אונז נאָך אומרואיקער.

אַ סך מאָל הערן מיר, ווי מען קריגט זיך אין קיך, דאַכט זיך, אַז מ׳רעדט וועגן יידיש פאַרמעגן. מיר ווייסן נישט גענוי און זענען נערוועז.

די „טשאַטקע” זאָגט אונז, אַז ער איז אַן אויסטערלישער מענטש, פעלעק, זייער אַ „האָנאָראָווער”. ער וועט ליבער שטאַרבן און קיין ייד נישט אָנרירן. ער קריגט זיך מיטן ווייב. זי, די פעלקאָווע, האָט טענות פאַרוואָס אַלע אין דאָרף האָבן פולע שטיבן און ער ברענגט גאָרנישט אַהיים. די יידן לעבן דאָך שוין סיי־ווי נישט, וואָס דאַרפן אַנדערע צונעמען זייערע אַלע זאַכן און זיי זאָלן האָבן בלויז די יידן!

פעלעק קריצט מיט די ציין. ער פאַרענטפערט זיך, אַז ער קאָן נישט און אויב זי וויל — זאָל זי אַליין גיין. איצט צו באַראַבעווען אַ ייד — מוז מען אויף אים לויערן אין וואַלד און אים הרגענען. ער קאָן דאָס נישט און ווייטער איבערלאָזן יענעם אַ לעבעדיקן — נאַקעט — קאָן ער אויך נישט. ס׳הייסט סיי־ווי יענעם דערהרגעט. אין שטאָט אַריין גיין ראַבירן יידיש פאַרמעגן, דעמאָלט, בעת די „אַקציעס”, האָט ער אויך נישט געקאָנט. ער איז כמעט בלינד און ער האָט מורא געהאַט פאַר די דייטשן.

די פעלקאָווע גריזשעט אים דערפאַר דאָס האַרץ.

שוין עטלעכע מאָל ווי פעלעק האָט מיר דערציילט אַ מעשה מיט אַ ייד, וואָס האָט זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן דאָ אין אָלשינעם וועלדל, צווישן די קזשאַקעס, און ער האָט אים געזען. דאָס איז געווען אַ פּאָר וואָכן איידער מיר זענען אַהערגעקומען. דער ייד האָט געטראָגן שיינע שטיוול. ער, פעלעק, האָט זיי אים נישט גע־

וואָלט אראָפּציען, כאָטש מ׳האָט אים דערצו אָנגערעדט. שפּעטער האָבן אַנדערע פּויערים אים אויפגעזוכט און אראָפּגעצויגן די שטיוול פון די פיס.

פעלעק אַליין האָט אַ פּאָר שיינע, כמעט נייע, שטיוול. זיי פּאַסן זיך נישט צו זיין גאַנצן הולך און נישט צו זיין ווירטשאַפט. ווען ער טראָגט זיי, זעט אויס, ווי אַ פרעמדע פּאָר פיס וואָלטן זיך דאָ געדרייט. איך האָב אים קיינמאָל אין גאָרנישט חושד געווען. נאָר עפּעס דערציילט ער מיר, פעלעק, צו אָפט די מעשה מיט יענעם ייד, וואָס איז געלעגן אויסבאַהאַלטן אין דער אָלשינע, ער רעדט צופיל פון יענעמס שטיוול. ס׳צינדט זיך אין מיר עפּעס אַ חשד: „ווער ווייסט צי פעלעקן פייניקט נישט אַמאָל דאָס געוויסן, צי ער פאַרענטפערט זיך נישט אַמאָל פאַר מיר און פאַר זיך אַליין, טיף אינעווייניק. אפשר האָט ער זיך דעמאָלט פון וועמען געלאָזט אָנרעדן, אפשר? — — —

איך גליווער אַוש פון די מחשבות!

ניין, ס׳איז נישט אמת, איך טאָר נישט צולאָזן די ספיקות. מיר טאָרן נישט!

איין זאַך קאָן זיך עפּעס נישט גלייבן — אַז עס וועט אַמאָל זיין אַנדערש, אַז דאָס קאָן זיך נאָך גוט ענדיקן. ווייטער גלייבן מיר אין אַלץ. מיר גלייבן אין ניסים, אין השגחה פּרטיות און אפילו אין חלומות.

יעדן אינדערפרי, ביים אויפכאַפּן זיך פון שלאָף, הייבט זיך אָן אַ סעריע דערציילונגען פון חלומות; שרעקלעכע און גוטע, גאָרנישט זאָגנדיקע און רמזימדיקע. מערסטנטייל — שרעקלעכע, וועלכע צעמישן אונז ביז אַ שפּאָר שטיקל אין טאָג אַריין.

די חלומות זענען אַ געמיש פון טויט און לעבן. ס'רוב באַווייזן זיך רויטע פּנימער, גזלנישע אויגן.

מען יאָגט, מען באַהאַלט זיך, מען פאַלט, מען שטעכט און מען שיסט; פּאָליציי, זשאַנדאַרן און ס.־ס. ברוינע, שוואַרצע, גרינע און גראַנאַט־מונדירן; אַבלאַוועס, רעוויזיעס; העלמען מיט בלויזע שטערנס — פאַרשוויצטע פון רציחה און — קופּעס, גאַנצע קופּעס מתים, מיט אויסגעשטאָכענע אויגן, וועלכע באַוועגן זיך — — — —

אוי, מיר דערקענען זיי! און גאַנץ אָפט וועקן מיר זיך איבער. ס'האָט ווער פון אונז געמאַט אַ געוואַלד אָדער אַרויסגעוויינט פון שלאָף. האָבן מיר שפּעטער גאַנצע שעהן עגמת נפש, ווער ווייסט, צי ס'האָט חלילה קיינער נישט געהערט!

אָבער פיל מאָל האָבן מיר אויך רואיקע חלומות. מיר זעען אונזערע נאָענטע, מיר פרייען זיך מיט זיי, פּלוצים ווערן זיי פאַרשווונדן.

באַלד אין אָנהייב, זייענדיק די ערשטע טעג ביי פּעלעקן — שלאָפן מיר איינמאָל אויפן בוידעם אין אַ קופּע היי. צפּורהלע הייבט אָן וויינען פון שלאָף — שטום, אָבער האַרצרייסנדיק. איך וועק זי איבער — מאַכט זי אויף מיר אויף אַ פּאָר קינדערישע אויגן:

— אוי, פאַרוואָס האָסטו מיך איבערגעוועקט? — די מאַמע האָט זיך איצט מיט מיר געזעגנט — „כ'גיי אין אַ וויטן, פינצטערן וועג" — האָט זי געזאָגט און דערביי געלאָזט טרערן.

אסתרלן האָט זיך עטלעכע מאָל געחלומט, אַז אין באַהעלטעניש, אין אַ ווינקעלע, זיצט איר געשטאָרבן, אַלט, קליין, באָבעלע און זאָגט:

— שטיל־שטיל, קינדערלעך, שרעקט זיך נישט! כ'זיץ דאָ און היט אייך.

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט — ס'איז נאָך געווען גוט פינצטער, האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָס באָבעלע זיצט טאַקע אין ווינקעלע. קריגט זי מורא און וועקט מיך איבער. איידער זי באַווייזט מיר נאָך צו זאָגן וואָס — צעבייזער איך זיך, פאַרוואָס זי האָט מיך אויפגעוועקט:

— אַ שאָד, אַזאַ גוטן חלום געהאַט. איך האָב געזען די באָבען (כאָטש כ'האָב מיין באָבען קיינמאָל נישט געקענט).

אָפטמאָל זעט מען אויך חברים, פריינט, באַקאַנטע. פון אַ טייל טראַכסטו און פון אַ טייל האָסטו גאָר די גאַנצע צייט נישט געטראַכט. טייל באַווייזן זיך — זעען

אויס גאָר שלעכט, איינגעדאַרט און פאַרעלטערט און טייל — ווי שיין זיי זענען! פרייען זיך און ברענגען מתנות.

פעלעק, וועלכער איז אַ ספעציאַליסט אין אָפשפרעכונגען און באַשיידן חלומות — ער האָט זיך דאָס אויסגעלערנט פון זיין מאַמען, די „מכשפה", האָט מען זי אין דאָרף גערופן — הערט זיך צו צו אונזערע חלומות און זיפצט:

— אַז מען זעט טויטע אין חלום — זאָגט ער — איז נישט קיין גוטער סימן.

גיי זאָג אים, אַז נישט קיין באַקאַנטע קומען דאָך נישט צו חלום און אַלע אונזערע באַקאַנטע זענען דאָך שוין מתים!

לעצטנס האָב איך אָבער געזען אין חלום אַ חבר, וועלכער — לויט ווי מיר האָבן געהערט — לעבט ערגעצוו אין אַ באַהעלטעניש. פעלעק האַלט דאָס שוין פאַר אַ גוטן סימן. אָבער — איך האָב עס מורא צו דאַכטן און ברענגען פאַרן מויל — אויב ער איז מיר שוין יאָ געקומען צו חלום — ווער ווייסט? מיין חבר נעבעך!

⁂

דאָס פאַראינטערעסירן זיך מיט חלומות און דעם מנהג פאַרטאָג זיך זיי צו דערציילן — האָבן מיר געלערנט פון אונזער „טשאַטקע" באַלד ביים אָנהויב, ביים באַקענען זיך מיט איר.

געווען איז עס מיט פינף חדשים צוריק, דאָס הייסט, צוויי מאָנאַטן נאָך דעם גרויסן אומגליק.

מיר האָבן דעמאָלט געאַרבעט ביי די דייטשן אין „שטראַסן־בוי־אַמט". געווען זענען דאָס טעג פון פיין און שרעק, פון ווייטיק און אימה. פיין און ווייטיק פון איבערגעלעבטן, שרעק און אימה פאַר דער צוקונפט. יעדן טאָג האָבן מיר געהאַט גרוסן, אַז מען גרייט זיך שוין באַלד אַרויסצונעמען אויך אונז, די לעצטע יידן, די אַרבעטער, און אונזערע טעג זענען געציילטע.

מען שטייט, מען אַרבעט, אַ גרופע יונגעלייט און מיידלעך, שארית הפליטה — אָפגעהאַקטע צווייגן פון גאַנצע בוימער־משפחות. קוקסט אויף זיי, אויף דיינע אַרומיקע — מענטשן געזונטע, פרישע, בליענדיקע. די אַרבעט פאַלט אָבער פון די הענט. איינס ווייסט מען, ס'איז אַ „זיכערע זאַך", „ס'מוז געשען!" — נאָר קיין עצה איז נישטאָ. נישטאָ וווהין צו אַנטלויפן. דער ערשטער בעסטער וועט דיך פאַרהאַלטן און איבערגעבן. אַ שאָד די מי!

דאָ? דערווייל נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג צוזאַמען מיט יידן, צווישן נאָך לעבעדיקע מתים.

אין אַזעלכע טעג דרייסטו זיך אַרום, אַרבעטסט און רעדסט גאָרנישט. נאָר פון צייט צו צייט אַ בליק אויף דער פרוי, וועלכע טוט אויך שטיל, פאַרטראַכט — אונטערברומענדיק זיך אַן אומעטיק לידל — איר אַרבעט און — ס'נעמט דיך אַרום אַ חשק, זי אַרומצונעמען, אַזוי זיך צעקושן און דאָ אויפן אָרט אויסגיין צוזאַמען מיט איר, איצט — פינקטלעך זעקס חדשים נאָך אונזער חופה. נאָר נישט מען קושט זיך און נישט מען גייט אויס. אַנשטאָט דעם דאַכט זיך (דעמאָלט האָט זיך אַזוי געדאַכט), אַז דאָס האַרץ וועט פאַמעלעך, ביסלעכווייז אָפשטאַרבן. אָבער דערווייל — מוז מען אַרבעטן. ס'איז דיר נאָר בלויז אַ שאָד: אַ שאָד דאָס

מאַטערן זיך, אַ שאָד דאָס לעבן, אַ שאָד צו שטאַרבן און אַ שאָד אַזאַ שיינע בלום! דאָס לעבן אין דיר נעמט פּראָטעסטירן:

— ניין, מוזט זיך ראַטעווען! נישט זיך, דאָס הייסט, זיך אויך, נאָר זי — — אוי, וואָס טראַכט זי? צי איז זי גלייכגילטיק? — ניין, זי איז נישט גלייכגילטיק! אירע אויגן! זי איז יאָ גלייכגילטיק! זי איז נישט גלייכגילטיק — געוואַלט!

פאַרנאַכט, מיר קומען אין לאַגער אריין שלאָפן. ס'איז פינצטער, קאַלט, רעגנדיק, בלאָטיק. עפּעס שטייען פאַר די באַראַקן קופּקעלעך און מען סוד'עט זיך (שוין אפילו נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צענטע מאָל). מען סוד'עט זיך אַזוי, אַז אפילו נאָך נישט וויסנדיק, וואָס עס איז געשען — נעמט אַן אינערלעכער שווידער דיך וואַרפן. פילסט, אַז עס איז נישט היימלעך.

שטעלסט אונטער אַן אויער.

„היינט דאַרף עס געשען — אינמיטן דער נאַכט אָדער פאַרטאָג. דאָס מאָל שוין זיכער. אָבער, די מענער נאָכנישט, דערווייל בלויז די פרויען!"

רעדסט גאָרנישט, פרעגסט זיך בלויז איין וואָרט איבער:

— זיכער?

— זיכער!

ס'איז פינצטער, די פרוי שטייט לעבן מיר, זי טוליעט זיך:

— ליבל...

צפּורהלע האַלט מיך פעסט, אונטער דער האַנט:

— גיי נישט אַוועק!

— ניין, כ'גיי נישט, לאָזט מיך נאָר בלויז אויף עטלעכע מינוט —

— ליבל! —

דאַכט זיך, אַז געזאָגט האָט דאָס אסתרל.

אויף דער גאַס איז קאַלט, עס פאַלט אַ געדיכטער שניי. אין נאָענטן קריסטלעכן געוועלב איז פול. איך וואַרט אין דרויסן. ס'איז פוסט אויףביידע טראָטוארן און אויב אפילו ס'וועט ווער אָנקומען, פאַרבייגיין — בלאָזט אים דער ווינט מיט שניי אַנטקעגן אין פּנים. ער וועט מיך נישט באַמערקן.

דורך אַ הינטערטיר רוף איך אַרויס די קרעמערין. זי איז אַ באַקאַנטע קריסטין, אַלע יאָרן מיט איר געלעבט אין די בעסטע באַציונגען. געהאַנדלט צווישן זיך, אַן אַלטע גוטע פריינדין, דערצו אַ יונגע פרוי, אַן איידעלע אין כאַראַקטער.

— פאַני — הויב איך אָן.

— פאַניע — רייסט זי מיר איבער — כ'וועל זיך פריער אַרומקוקן צי קיינער באַמערקט נישט, אַז כ'רעד מיט דיר.

— ניין, קיינער נישט, נו, גוט, רעד!

— פאַני — זאָג איך — קענסט דאָך מיין פרוי און שוועגערין —

— איידעלע קינדער — זאָגט זי.

כ'בין צופרידן און שטאַמל ווייטער:

— כ'וויל באַצאָלן, איין נאַכט נאָר, אין באַראַק איז קאַלט — זיי זענען פאַר־קילט, איין נאַכט נאָר לאָז, זיי וועלן זיך דערוואַרעמען, איבערשלאָפן ביי דיר, נישט קיין בעט בעט איך, נאָר אפילו בלויז אויף דער פּאָדלאָגע זיך ליגן. ביי דער קיך, איין נאַכט נאָר זיך דער־וואַרעמען —

זי שמייכלט:

— כ'קאָן נישט, מיין מאַן וועט נישט לאָזן! בעט עפּעס אַנדערש, אפשר יאָ, ניין, דאָס קאָן איך נישט.

כ'האָב נישט ווייט פונדאַנען אַ צווייטן באַקאַנטן קריסט. גאָר אַ פיינער מענטש, אַ פריינט. נאָר אים מוז איך אויסזאָגן דעם אמת. גוט, דער שניי פאַלט נאָך. מ'קאָן איצט דרייסט גיין צו אים.

ער נעמט מיך אויף גאָר פיין, נאָר עס וווּנדערט אים שטאַרק, וואָס כ'וויל זיין לעבן איינשטעלן און כ'האָב אויף אים נישט קיין רחמנות.

— פּאַניע, — באַרואיק איך אים — וועפּט זיי, די צוויי פרויען, באַהאַלטן אין קעלער, נאָר איין נאַכט. מ'וועט דאָך אינערגעץ נישט זוכן, נאָר בלויז פון באַראַק אַרויסנעמען די מענטשן.

ער קוקט מיך אָן:

— כ'זע, אַז דו ביסט מיר אַ שונא.

אַ דריטער האָט מיך גוט פאַרשטאַנען און מיטגעזיפצט, נאָר פּונקט היינט ביינאַכט קאָן ער נישט, ווייל היינט אין אָוונט קומט ביי אים אין דער וווינונג פאַר אַ פאַרוויילונג, אַ באַל — מיר קאָנען נאָך דורך די געסט אַנטדעקט ווערן.

— יאָ, ער איז גערעכט — אַזוי טראַכט איך, שוין שטייענדיק אויף דער גאַס און איך טראַכט שוין אויך וועגן צוריקגיין צו זיי אין באַראַק, נישטאָ קיין עצה. מער האָב איך שוין נישט וווּ צו גיין. כ'לאָז אַראָפּ די הענט.

אָבער —

„ליבל" — דערמאָן איך זיך.

„גיי נישט אַוועק" —

„אסתרל און צפורהלע" —

געוואַלד! —

כ'האָב נישט געשריגן, נאָר צוריקגיין ליידיק קאָן איך נישט!

כ'ווייס נישט פונוואַנען כ'האָב זיך גענומען אויף דעם הויף. ס'איז נישט ווייט פון אונזער באַראַק. אַן אַמאָליק יידישער הויף. אָרעמע קריסטן וווינען איצט דאָ.

כ'קריך אַרויף איבער צעדרייטע שטיגן אויף אַ בוידעם און אין דער פינצטער טאַפּ איך די ווענט — „צי וווינען דאָ מענטשן, צי נישט?"

בענץ! כ'האָב זיך צעקלאַפּט דעם קאָפּ אין וואַנט. קיין ווייטיק פיל איך נישט. אַבישל שווינדלט מיר בלויז פאַר די אויגן. דאַכט זיך, אַז כ'בין נישט געפאַלן.

— ווער איז דאָרט? — הער איך אַ פרויען־שטימע.

איך קוק זיך אַרום — עס ליכט אַרויס פון אַ טיר. כ'גיי אַריין: אָפּגעהאַקטע ווענט. דריי קינדערלעך ליגן אין אַ וויגל. די מוטער — אָפּגעריסן. אַ קאַץ ליגט אויף דער וואַרעמער קיך און פליגן רייצן זיך מיט איר, טאַנצן אַרויף און אַראָפּ.

— אַ ייד! — שרייט זי אַרויס.

— פּאַני — וויל איך אָנהייבן.

— געוואַלט — שרייט זי — מ'וועט מיך שיסן! אַ ייד! גיך אַרויס! ווי מיינע אָרעמע קינדערלעך!

— כ׳וועל דיר געבן, וועסט האָבן פאַר זיי אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער — פּרווו איך זאָגן.

— געוואַלט! ער שטייט נאָך! יעזוס! זשאַנדאַרן! פּאָליציי!!!

דעם וועג פון די שטיגן אַראָפּ געדענק איך נישט.

„מיינע אָרעמע קינדערלעך" — האָט מיר געקלונגען אין די אויערן.

„אסתרל און צפּורהלע".

כ׳האָב געמוזט צו זיך רעדן הויך. מ׳האָט נאָך ביי די שכנים געקאָנט הערן רעדן.

עס מאַכט זיך אויף אַ טיר — פּאַרטער:

— ווער איז דאָרט, ווער איז עס? אויך אַ פרויען־שטימע, נאָר נישט קיין יונגע, כ׳וויל אַנטלויפן, אָבער —

„אסתרל און צפּורהלע".

„היינט אויף זיבער". — — —

כ׳שטיי אין אַ קליין שטיבל. ווענט פון בלויז טונקעלע ברעטער, קאַלט, אייזערן בעטל און זי, די עלטערע קריסטין, צי איז זי נישט קיין מכשפה? — שוואַרצע, האַלב־גרויע האָר, צעלאָזענע איבער די אויגן, אַזעלכע ווילדע, אַ לאַנגע, דאַרע פיגור, אויסגעצויגענע הענט מיט לאַנגע, דינע פינגער. עפּעס אַזעלכע מלבושים!

— אַ ייד?! — זי שרייט נישט, נאָר שמייכלט און זאָגט גלייך שטיל:

— אוי, זעץ זיך, נעבעך אַן אָרעמער ייד. וואָס ביסטו אַזוי דערשראָקן. האַ?—

— שש־שאַ — בעט איך זי.

— מאַכט נישט אויס — באַרואיקט זי מיך —עס שטייט נישט קיינער הינטערן פענצטער. קיינער וועט נישט הערן. שרעק זיך נישט, אַ, אָרעמער מענטש! ער האָט נעבעך מורא, נעבעך איבערגעשראָקן.

— ווו זענען אַלע? — פרעג איך.

— אַלע — זאָגט זי — ווער אַלע?

— כ׳בין אַן אַלטע, אַליין, אָן אַ מאַן, אָן קינדער, איינע אַליין.

„עפּעס מאָדנע, ווי אַ מכשפה" — טראַכט איך.

איך שטאַמל ווידער:

— מיין פרוי... שוועגערין... קראַנק... היינט ביינאַכט... בלויז זיך דערוואַרעמען, מער גאָרנישט, כ׳וועל באַצאָלן —

— באַצאָלן, באַשמאָלן! זאָלן זיי גיכער קומען, די אָרעמע קינדער, נעבעך קראַנק, מ׳דאַרף נישט באַצאָלן!

גיך בין איך געלאָפן אויף דער גאַס. כ׳ווייס נישט, צי ס׳איז נאָך געפאַלן אַ שניי, צי נישט, צי ס׳האָט מיך ווער געזען לויפן, צי נישט, נאָר — אַ מאָדנע מכשפה, אַ לאַכנריקע, איז געלאָפן לעבן מיר און געשריגן:

— שרעק זיך נישט, שרעק זיך נישט, אָרעמינקער!

⁂

אין באַראַק איז געווען פינצטער. שאָטנס האָבן זיך נאָך געכּודעט „אויף זיבער שוין היינט, אויף זיבער!".

אסתרל און צפורהלע האָבן מיך אַרומגעכאַפּט:

— ווו ביסטו אַזוי לאַנג געווען? — לאָמיר זיין צוזאַמען!

— יאָ, קינדערלעך, אָרעמע, צוזאַמען, צוזאַמען וועלן מיר זיין. קומט גיכער!

כ׳בין אַרויס. זיי הינטער מיר. כ׳האָב זיי גענומען אונטער די הענט און געזאָגט:

— קומט גיך, דרייסט, לאָמיר רעדן פּויליש. מיר גייען אין גאַס אַריין. די „וואַכע" איז איצט נישטאָ ביים לאַגער־טויער. ס׳איז אַ שנײ. קומט גיך. שרעקט זיך נישט. נישט ווייט!

כ׳האָב זיי אַלץ דערציילט.

— נאָר זאָגט איר, אַז איר זענט היינט פאַרקילט, קראַנק אַביסל, זי קאָן נאָך חרטה האָבן, הערנדיק דעם אמת.

זיי פרעגן מיך צי ס׳איז דאָרט ראָ אַ קעלער, ווו זיך צו באַהאַלטן.

— ניין, קיין קעלער איז, דאַכט זיך, דאָרט נישטאָ, אָבער — אפשר וועט גאָט העלפן!

שטילערהייט האָבן מיר זיך צוגעגנבעט צו איר טיר און נישט אָנקלאַפּנדיק — אַריין.

— גוטנאָוונט!

— גוטנאָוונט!

אין שטוב איז שוין געווען אַ ליבע וואַרעמקייט. דאָס האָט זי איינגעהייצט בכדי צו דערוואַרעמען די פאַרקילטע. זי האָט זיך גענומען פּאָרען אַרום אונז.

— אַ שאָד נאָר, וואָס כ׳האָב נישט מיט וואָס אייך מכבד צו זיין. ס׳איז גאָרנישטאָ אין שטוב.

כ׳האָב אַרויסגענומען אַ מטבע, דערלאַנגט, זי זאָל עפּעס קויפן.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָבן מיר געגעסן צוזאַמען מיט איר. ס׳איז אונז געוואָרן וואַרעמער אין גוף און אויף דער נשמה. באַלד האָט זי אויסגעבעט פון אַלטוואַרג אַ געלעגער אויף דער פּאָדלאָגע אין אַ ווינקל. מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט, צודעקנדיק זיך מיט אונזערע מאַנטלען. אויך זי האָט זיך געלייגט אויפן אייזערנעם בעטל און גלייך הויך גענומען שנאָרכן. אין שטוב איז געוואָרן פינצטער.

— עפּעס אַ מכשפה — רוימט מיר איין צפורהלע.

— ש־ש־שאַ! — רעד נישט, הער נאָר דעם ווינט אינדרויסן.

אסתרל איז אומרויק און דאַנקט גאָט, וואָס אין שטיבעלע איז אַזוי פינצטער.

די „מכשפה" האָט זיך כסדר איבערגעוועקט און געפרעגט פאַרוואָס מיר שלאָפן נישט. מיר האָבן געשוויגן, נישט געענטפערט, נאָר בלויז געציטערט, דערמאָנענדיק זיך, אַז אין באַראַק איז קאַלט און אַז מען סורעט זיך דאָרט. מיר האָבן נישט געקאָנט שלאָפן.

דער זייגער, ביי אַ שכן איבער דער וואַנט, האָט דערווייל געקלונגען צוועלף און שפּעטער: איינס, שוין צוויי, האַלב־דריי, דריי און מיר האָבן זיך נאָך אַלץ געדרייט אויפן געלעגער.

— ס׳מוז אייך זיין האַרט? — הערט מען איר קול.

מיר מאַכן זיך נישט הערנדיק און אַלס ענטפער נעמען מיר אַלע שנאָרכן, זי זאָל מיינען, אַז מען שלאָפט. האַרט איז אונז טאַקע נישט, מיר פילן עס נישט. אַ

פאַר מינוט — זי כראָפּעט ווידער. מיר דרייען זיך ווייטער אין דער פינצטערניש פון איין זייט אויף דער אַנדערער, מיר קאָנען קיין אויג נישט צומאַכן, ביז —

— 1, 2, 3, 4, 5 --

אזוי האָט דער זייגער שוין געקלונגען. פאַר די אויגן שטייט אונז כסדר דער באַראַק. און מיטאַמאָל :

— טאַ־טאַ־טאַ־טאַ ! ---

מיר רוקן זיך אַלע ענגער צוזאַמען.

— טאַ־טאַ — טאַ־טאַ ! — — — —

מיר טוליען זיך אַלע צונויף. די הערצער דערפילן זיך, זיי קלאַפּן נישט, נאָר וואַרפן זיך און שטייען, וואַרפן זיך ווידער —

— טאַ־טאַ־טאַ־טאַ ! ---

-- מ׳שיסט ! — זאָגט די אַלטע פון בעט אַרויס — מ׳שיסט עפּעס !

— פּאַני גוטאָווא, ווו שיסט מען אַזוי שרעקלעך ? — פרעגט אַ שכנטע דורך דער וואַנט.

— כ׳ווייס נישט — ענטפערט אונזער באַלעבאָסטע — נאָר עפּעס דאָ, דאַכט זיך, נישט ווייט.

זי פרעגט אונז שטיל, ווו דאָס קאָן זיין.

— מיר ווייסן נישט ! — ענטפערן מיר אַלע צוזאַמען פון ווינקל אַרויס.

— וואָס ציטערן אייערע קולות ? — פרעגט זי ווייטער שטיל — מען מיינט נישט חלילה אייך.

-- אוודאי נישט — ענטפערן מיר.

— שוין ! — רוימט אונז איין אסתרל.

-- שוין זיך געענדיקט ! — חזרט איבער צפּורהלע.

— „אונזערע אָרעמע ברידער און שוועסטער !"

— „ווער ווייסט, ווער ס׳איז שוין דאָרט געפאַלן !"

עס קנאַלן אָן איבעררייס שאָסן. די אַלטע אין בעט נעמט זיך צלמען און שעפּטשעט.

-- מ׳וועט נאָך דאָ אויך באַלד זוכן --- ציטערט אסתרל.

— ווו גייט מען אצינד? — פרעגט צפּורהלע.

-- שטילער — זאָג איך, און באַלד — זיי נאָך מיר :

— שמע־ישראל !

— שמע־ישראל ! — -- — —

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט אויפגעהערט דאָס שיסעריי.

— ווו גייט מען איצט — פרעגן זיי מיך.

— שטילער ! די אַלטע שלאָפט, וועקט זי נישט אויף !

די אַלטע שנאָרכט טאַקע, נאָר פּלוצים רייסט זי זיך איבער און קלאַפּט אָן אין דער וואַנט צו דער שכנטע :

— פּאַני לעווינסקאַ, אַ וואַזשנעם חלום האָב איך איצט געהאַט.

— לאָמיך הערן — זאָגט יענע.

— ס'האָט זיך מיר געחלומט, אַז מ'נעמט אַרויס פון די באַראַקן, פון לאַגער — צום טויט — שוין אויך די לעצטע יידן, די אַרבעטער, און מען פירט זיי אויף דער גאַס אין רייען צום בית־עולם. אַרום און אַרום האָט מען געשאָסן און אַזויפיל טויטע יידן פאַלן.

מיר טוליען זיך צוזאַמען.

— יינגלעך און מיידלעך.

איך פיל, אין דער פינצטער, הענט נעמען מיך פעסטער אַרום.

— איך אַנטלויף, מען יאָגט און מען שיסט פון אַלע זייטן.

— און ס'וועט אַזוי זיין — רייסט איר איבער די שכנטע.

— אָבער הערט נאָר, הערט נאָר דעם סוף:

— צום סוף איז פּלוצים פון די געפאַלענע טויטע יידן געוואָרן אָפּיצירן. אָפּיצירן מיט לעדערנע פּאַסקעס און געווער. מאָרנע אָפּיצירן, מיט לאַנגע בערד. באַלד האָט זיך געשאַפן אַ יידישע אַרמיי, וועלכע האָט גענומען יאָגן די דייטשן. זיי געיאָגט, געיאָגט און פאַרטיליקט.

— אַ מכשפה! — ציטערט צפּורהלע.

— הער נאָר דעם ניגון פון דערציילן, עס שוידערט! — זאָגט אסתרל.

אין דרויסן האָט גענומען טאָגן. מ'האָט זיך אָנגעטון. די אַלטע אויך.

— „וווהין גייט מען איצט?" — מיר שוידערן אַלע פון קעלט.

— מאַכן עפּעס עסן אויף איבערבייס? — פרעגט די אַלטע.

— ניין, דערווייל אַ דאַנק, נאָר אַ קליינע בקשה האָב איך: זי זאָל צוגיין צו די באַראַקן און זען צי די יידן גייען שוין צו דער אַרבעט.

זי איז גיך אַרויס און מיר האָבן געציטערט פאַרן ענטפער. די הערצער האָבן זיך אונז געוואָרפן.

אין עטלעכע מינוט אַרום, איז זי אַריינגעקומען און געזאָגט:

— וואַשט זיך גיך, ווייל די יידן גייען שוין צו דער אַרבעט.

געוואַשן האָבן מיר זיך נישט, נאָר כ'האָב אַרויסגענומען עטלעכע מטבעות און אַוועקגעלייגט ביי איר אויפן טיש. זי האָט געשמייכלט און געדאַנקט. איך האָב זי געפרעגט:

— ווי הייסטו?

— מ'רופט מיך — האָט זי געענטפערט — „טשאַטקע".

— אויף ווידערזען „טשאַטקע!" — מיר האָבן געדאַנקט און זיך געזעגנט.

פאַרן טויער האָבן מיר פּונקט געטראָפן די יידישע אַרבעטער. מיר זענען אַריין אין די רייען און זיי — שמייכלענדיקע, וואָס עס איז גאָרנישט געשען ביי זיי ביינאַכט — האָבן געפרעגט, צי מיר ווייסן נישט, ווו מ'האָט פאַרטאָג געשאָסן.

פאַראַנען טעג פון ניסים, מען מוז גלויבן אין השגחה פּרטיות, אַן אויג וואַכט אָן אויפהער איבער אונז.

ביי וואַצעקן, אונזער שכן, זענען פאַרלוירן געוואָרן עטלעכע הינער. וואַצעק איז אַן אָרעמאַן. אָן די הינער, וועלכע לייגן אפילו ווינטער אייער, — וואָלט ער געשטאָרבן פון נויט. ליאַרעמט ער, וואַצעק, צווישן די שכנים. אַלע איז ער חושד און אויב מען וועט אים נישט צוריקגעבן די הינער — מעלדעט ער גלייך דער פּאָליציי.

אַז פּאָליציי קומט — ווייסן מיר — זוכט זי ביי אַלע שכנים און בפרט ביי פעלעקן. אַ גוטער עסק! און די דראָונגען העלפן נישט — די הינער גיט קיינער נישט אַוועק.

גייט אַרום פעלעק אַ צעמישטער. אומשולדיק קענען מיר נאָך חלילה אריינפאַלן! איך לייג שוין פאָר, מיר זאָלן געבן געלט, פעלעק זאָל באַצאָלן פאַר די הינער. מכלומרשט באָרגן דאָס געלט וואַצעקן, אַבי שווייג, גיי נישט צו דער פּאָליציי, מעלד נישט. גיט מיר אָבער פעלעק צו פאַרשטיין, אַז עס וועט זיין נאָך ערגער: וואַצעקן וועט דאָס אויסזען פאַרדעכטיק און שפּעטער וועט מען ביי יעדער גנבה קומען צו אים זוכן, ווייל אַזוי איז ער שוין אויך באַקאַנט אַלס אַ גנב. וואָס טוט מען? —

די שעהן לויפן. מיר זענען פאַרצווייפלט.

אָבער פּלוצים, פאַרנאַכט, וואַצעק וויל שוין גיין צו דער פּאָליציי מעלדן — די הינער יאָוויען זיך. פון וואַנען? — ווער ווייסט? — אַבי זיי זענען דאָ.

פעלעק קומט גיך אריינצולויפן:

— אַ נס, אַ נס! — שרייט ער — שוין, איך קאָנט שוין איבערבייסן. שוין באַלד פינצטער אין דרויסן.

און פון שמחה באַשליסט ער אונז היינט צו מאַכן אַ שטיקל יום־טוב. ער הייסט אונז איצט אַרויסגיין פון באַהעלטעניש, ווו מיר שוידער'ן פון קעלט. (ס'איז היינט אַ שטאַרקער פראָסט) און אַ ביסל זיך וואַרעמען ביים אייוועלע אין שטוב. ס'איז אַ נחת, אַזוי וואַרעם, אַז דער פראָסט איז אַזש אַראָפּ פון די שויבן. ער, פעלעק, וועט שטיין ביים פענצטער און אַכטונג געבן, ס'זאָל קיינער נישט אריינקוקן.

מיר גייען טאַקע אַרויס און ביים אייוועלע — אַ מחיה. וואַרעם — אַ גן־עדן!

פּלוצים — אַ הויכע פיגור, פון יענער זייט, פון דרויסן, קוקט אַריין גלייך אין פענצטער מיט די אויגן געווענדעט צו אונז! קוקט און רעדט גאָרנישט!

פעלעקס שמירה איז קיין שמירה נישט. כמעט אַ בלינדער מענטש — האָט ער נישט געזען, אַז עס דערנענטערט זיך ווער צום הייזל.

מיר וואָלטן זיך אַריינגערוקט צוריק אין „לאָך", ס'וועט אָבער זיין נאָך ערגער: יענער וועט זען אויך דאָס באַהעלטעניש.

אויף פעלעקס „אוי" — קומט צולויפן די „טשאָטקע" און — צוערשט ווערט איר נישט גוט, דערזעענדיק די פרעמדע געשטאַלט אין פענצטער, נאָר באַלד צעלאַכט זי זיך און שרייט אַרויס צו יענעם:

— גוטנאָוונט !

— גוטן אָוונט ! — ענטפערט יענער — נאָר כ'זויס נישט ווער עס איז דאָרט, כ'זע נישט, עפנט די טיר !

ס'איז געווען דער בלינדער פּולקאָווסקי, וועלכער האָט — טאַפּנדיק מיט די הענט — צוגעטראָפן צום פענצטער און געמיינט, אַז עס איז די טיר.

ער האָט עפּעס געפרעגט און איז אַוועק.

באַלד ווערט פינצטער. די פעלקאָווע פאַרהענגט ביידע פענצטער מיט קאָלדרעס — געמאַכט פון דאָרפישער „אייגענער לייוונט" און מען צינדט אָן דאָס לעמפּעלע אין שטוב.

אַ גוטער סימן ! אַ סימן, אַז פעלעק האָט היינט פון ראַרף אַהיימגעברענגט צו לייענען אַ „כתיבה" — אַ געהיים בלעטל, וועלכעס ער באַקומט אָפט אונטערן אויסרייד, אַז די שוועסטער, די „טשאַטקע", לייענט אים דאָס פאַר.

מיר זעצן זיך אויף דער פּאָדלאָגע. אינמיטן — איך, הינטער מיר — מיין חברה, מיט די פּנימער צו מיר — פעלעק, די פעלקאָווע און די „טשאַטקע". זי האַלט דאָס לעמפּל הויך איבער מיין קאָפּ און איך — דאָס בלעטל אין האַנט און נעם פאַרלייענען נייעס.

עס זענען דאָ אַסך ידיעות, פּאָליטישע און גלאַט טשעקאַווע. וועגן יידן געפינט זיך אויך עפּעס, נאָר דאָס מוז איך צוערשט לייענען שטיל, פאַר זיך, און ערשט דערנאָך, הויך, פאַר אַלע. כ'מוז עס פריער אויסבעסערן, קאָריגירן, אַרויסוואַרפן גאַנצע זאַצן און אַריינשטעלן פרישע, טיילמאָל אַפילו דעם קעגנזאַץ, פון וועלכן עס דרינגט, אַז עס איז אַ מצוה צו ראַטעווען יידן. מ'וועט דערפאַר שפּעטער באַלוינט ווערן. די פּאָליטיק לייען איך כסדר, נאָר אַזוי ווי פעלעק זאָגט אָפּט, אַז ער פאַרשטייט נישט — טייטש איך אים אויס, אַז „שוין, די מלחמה ענדיקט זיך שוין באַלד, אַזוי זעט מען בפירוש", כאָטש בפירוש איז געשריבן אין בלעטל, אַז זי איז נאָך אַ פאַרשלעפּטע קרענק, די מלחמה. נאָר ס'איז גלייכער, אַז פעלעק זאָל דערפון נישט וויסן. כ'האָב אַפילו געוואָלט „פאַרלייענען" אַן אַרטיקעלע, אַז די מלחמה ענדיקט זיך שוין אין עטלעכע חדשים אַרום, נאָר כ'האָב נישט באַוויזן: אינמיטן „צוזאַמענשטעלן" דאָס אַרטיקעלע — ש,־שאַ — עס הערט זיך עפּעס הינטערן פענצטער ! מיר הערן זיך גוט איין — עס רודערט זיך טאַקע דאָרט ! און כאָטש די פענצטער זענען געווען גוט פאַרהאַנגען און כאָטש איך האָב געלייענט אַזוי שטיל, אַז אין דרויסן וואָלט אוממעגלעך געווען צו הערן אַפילו אַ וואָרט — דאָך מאַכט מען גיך פינצטער און די „טשאַטקע" גייט צו צו דער שויב. זי נעמט אַוועק די קאָלדרע — אַ מענטש שטייט ! ער אַנטלויפט נישט. ער האָט זיכער עפּעס געהערט. קוקט ער איצט דורכסט אַריין ! ער שטייט און קוקט !

פעלעק, די פעלקאָווע און די „טשאַטקע" לויפן אַרויס און מיר — דערשראָקן, איינס־צוויי, אַריין אין באַהעלטעניש. מיר הערן : מען שרייט אין דרויסן. אַ פרעמד קול. דאָס שרייט יענער, אויך פעלעק שרייט.

די „טשאַטקע" קומט אַריין אין שטוב מיט אַ געלעכטער, שטעקט אַריין דעם קאָפּ צו אונז אין טירעלע :

— דאָס איז דער צעחושטער זון פון לאָמען פלאַרעק. דער פאָטער האָט אים אַרויסגעטריבן פון שטוב, ווייל ער דאָ שלאָפן.

-- פאַרוואָס שרייט איצט פעלעק אין דרויסן ?

— מען מוז צו אים שרייען — זאָגט די טשאַטקע — ווייל ער איז טויב, דער משוגענער, אנדערש הערט ער נישט.

ביינאַכט, אויפן געלעגער, האָט יעדער פון אונז נאָכגעזוכט אין זכרון, געוואָלט זיך דערמאָנען אונזערע זכותים און קיינער האָט נישט געפונען.

אסתּרל זאָגט, אַז איר באָבעלע באַמיט זיך אַזוי פאַר אונז.

⁂

אסתּרל איז זיכער, אַז איר באָבעלע זיצט טאַקע אין ווינקל און היט אונז. צפורהלע שרעקט זיך דערפאַר ביינאַכט אויפצועפענען די אויגן. מיך האָט איינמאָל אָנגענומען אַ חשק צו זען מיין פרוים באָבעלע, האָב איך אַ גאַנצע נאַכט געהאַלטן אָנגעשטעלט די אויגן אין דעם ווינקל הינטער אסתּרלען. דאָס באָבעלע האָט זיך אָבער ווייניק געוויזן. עטלעכע מאָל איז זי יאָ פון דער פינצטערניש ארויסגעשווומען, נאָר יעדעס מאָל אין אַן אַנדער געשטאַלט. כּסדר אין אַ מיט־פּע״ל־באַזעצט קופּקעלע, נאָר דאָס פּנים אַלעמאָל אַן אַנדער׳ס, זיך באַוויזן און צוריק פאַרשוואונדן.

פון דעמאָלט אָן, אַז כ׳האַלט אפילו פאַרמאַכט די אויגן, זע איך זי אויך. כ׳האָב וועגן דעם דערציילט צפּורהלען, האָט זי אין אָנהויב מורא געקריגן, נאָר איצט האָט זי זיך שוין צוגעוווינט און אָן שרעק זעט זי זי אָפט, ווען זי האַלט די אויגן אונטערן צודעק. אַ ווייל באָבעלע איז עס. זי האָט פאַר איר קיין מורא נישט, מיר זאָלן אַזוי קיין מורא נישט האָבן פאַר אַלע לעבעדיקע.

איינמאָל האָט פאַר מיר דאָס באָבעלע אַנטפּלעקט, אַז פאַר טויטע דאַרף מען זיך נישט שרעקן, אויך נישט פאַר שדים, רוחות, משחיתים און מזיקים. אויף יענער וועלט — האָט זי געזאָגט — האָט זי זיך דערוווסט, אַז די אַלע זענען נישט שעדלעך. דער גרעסטער משחית — אויב ער לעבט נישט — וועט ער קיין שלעכטס נישט טון.

כ׳האָב זיך שפּעטער איבערגעלייגט און באַרעכנט, אַז מיין פרוים באָבעלע ע״ה איז אַ קלוגע יידענע. פאַר אַ קליין לעבעדיק קינד מוז מען זיך באַהאַלטן און — די שדים -- הונדערט יאָר זאָלן זיי לעבן — האָבן דיך גאָרנישט אין זינען.

כ׳האָב די געדאַנקען צוזאַמען מיטן חלום איבערגעגעבן מיין חברה אין באַהעלטעניש. נאָכן אַריינטראַכטן איז מען געקומען צו דער מסקנא, און באַשלאָסן דאָס צו פאַרעפנטלעכן נאָך דער מלחמה, אַז גאָט וועט העלפן, אין פאָרם פון החלטות :

1) מתים, לצים, רוחות, שדים, מזיקים, און משחיתים זענען נישט שעדלעך (אפילו פגירות נאָך לעבעדיקע אויך נישט).

2) אין חלום דאַקעגן, האָבן זיי דיך ליב צו פייניקן (שעדלעך איז עס אָבער נישט).

3) טויטע זאַכן פון שטענדיק (חפצים) קענען נישט ברענגען שאָדן, נישט דירעקט און נישט אומדירעקט, נישט וואַכערהייט, נישט אין חלום, נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט.

4) אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן — אַ חוץ דעם מענטש (למשל די קאַץ, הינער א. א.) — קאָנען ברענגען שאָדן, נאָר אומדירעקט.

5) אַ לעבעדיקער מענטש איז שעדלעך בייטאָג און ביינאַכט. ער שאָדנט דירעקט און אומדירעקט.

6) ראַקעגן אין חלום קען ער דיר גאָרנישט טון. פייפסט אויף אים.

פאַר די החלטות האָבן געהויבן די הענט אויך די „טשאַטקע” און פעלעק.

זינט דער געשיכטע מיטן חלום פון דער „טשאַטקע", די ערשטע נאַכט ביי איר אין דער דירה, בין איך געוואָרן אַן אָפּטער איינגייער צו איר אין קליינעם שטיבעלע. יעדן פאַרנאַכט, ווען מיר פלעגן מאַרשירן אַהיים פון דער אַרבעט אויף דער „פּלאַצווקע" — אין לאַנגע רייען — אין לאַנגער אַריין שלאָפן, האָב איך אויסגערעכנט און שטענדיק זיך געשטעלט אין דער לעצטער ריי. פאַרבייגייענדיק איר הויז איז שוין געווען אַ שפּעטער ביסל פינצטער, האָב איך, צום ערשט גוט אַרומקוקנדיק זיך, זיך אַרויסגעגנבעט פון דער ריי, אין דער זייט, גיך פאַרשוווּנדן אין איר הויף, נאָכגעקוקט פון הינטערן פלויט אַפּער, צי די פּאַרטיע גייט ווייטער און זעענדיק, אַז מען האָט נישט באַמערקט מיין פאַרשווינדן — בין איך שנעל אַריין צו דער טשאַטקע אין שטוב. זי פלעגט מיך שטענדיק גוט אויפנעמען, געפרעגט, וואָס די קראַנקע מאַכן, ווי עס גייט זיי און געזאָגט אַ גוט וואָרט. אַן אויסרייד צו איר אַריינצוקומען האָב איך אַלעמאָל געהאַט : אַמאָל מיטגעברענגט אַביסל אומריינע וועש צו וואַשן, אַ צווייט מאָל, זיך געקומען פרעגן, צי זי איז שוין טרוקן, אַ דריט מאָל — אָפּנעמען די ריינע וועש און אַזוי יעדעס מאָל עפּעס אַנדערש. שטענדיק פלעג איך איר איבערלאָזן אַביסל געלט און זי האָט געדאַנקט.

איינמאָל האָב איך זי געפרעגט וועגן איר פּרנסה, פון וואָס זי האַלט זיך אויס.

— מ'גיט זיך אַן עצה — האָט זי מיר געענטפערט — אַביסל האַנדלט מען אין מאַרק, אַביסל אַזוי זיך, אַבי ס'זאָל זיין צום לעבן.

אַרויסגייענדיק באַגעגנט מיך, הינטער איר טיר, אַ געשטאַלט. ס'איז שוין געווען גוט פינצטער — האָב איך יענעמס געזיכט נישט געזען. יענער האָט אויך מיין פּנים נישט דערקענט.

ער פאַרטשעפּעט מיך ביים אַרבל און זעענדיק, אַז איך בין אַ מאַנספּערשוין, פרעגט ער מיך, צי איך גיי פון דער אַלטער „טשאַטקע".

מיין האַרץ הייבט אָן קלאַפּן און כ'ענטפער, אַז יאָ.

— ס'לוינט היינט אַריינצוגיין ? — פרעגט ער.

כ'פאַרשטיי נישט וואָס ער מיינט — ווייס איך נישט וואָס צו ענטפערן.

— וואָס הייסט ? — פרעג איך צוריק.

— נו — זאָגט ער שטיל — וועלכע איז היינט דאָרט דאָ — די שוואַרצע, צי די געלע ?

— נישט די שוואַרצע און נישט די געלע — זאָג איך.

— און דו קריכסט צו דער אַלטער אַליין — שמייכלט ער.

— יאָ !

— האָסט אַ קופּערנעם יצר־הרע — צעלאַכט ער זיך און גיט מיר באַלד אַן עצה :

— קאָנסט ביי איר באַשטעלן אַ יונגע. אַליין איינס, קאָנסט זיך פרעגן, זי וועט דיר שוין זאָגן, ווען האָסט צו קומען.

יענער איז אַרויס אויף דער גאַס גלייך מיט מיר, ווייל צו דער אַלטער אַליין

האָט ער נישט נאָכוואָס אַריינצוגיין. איך בין שנעל אַוועק, געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט נישט דערקענט מיין נאָז און אויגן. כ'האָב געשמייכלט און זיך דערמאָנט איר ענטפֿער אויף מיין פֿראַגע וועגן פּרנסה —

„מ'גיט זיך אַן עצה” —

און גיך בין איך דורך די דראָטן אַריין אין באַראַק שלאָפֿן.

אויף דעם געלעגער, אין שטרוי, זענען מיר געקומען מאָדנע מחשבות אין קאָפּ אַריין און געטראַכט האָב איך:

— זי איז אַ גוטער מענטש, די אַלטע, ס'לוינט בעסער צו גיין צו איר אַליין, מיט איר וועט זיך אפֿשר לאָזן עפּעס מאַכן!

⁂

דער צומאָרגנדיקער אַרבעטס־טאָג האָט געדויערט זייער לאַנג, מ'האָט געאַרבעט און ווידער זיך געסודעט, מ'האָט געשמועסט, מ'האָט געהערט און — דער עיקר — מ'האָט געפֿילט, אַז עס גרייט זיך.

מיין פֿרוי, ווי שטענדיק, האָט געאַרבעט און אונטערגעברומט אַ לידל. איך בין געווען פֿיל מיט פּלענער, טאַקע וועגן דער אַלטער אַליין, דער טשאָטקע.

מ'האָט דערלעבט דעם פֿאַרנאַכט, די ריי האָט זיך איינגעשטעלט, איך, ווידער, דער לעצטער, מען האָט מאַרשירט אין דער פֿינצטערניש אויף די גאַסן און ווי מען האָט זיך נאָר דערנענטערט צו דער טשאָטקעס הויף, האָב איך זיך אַרויסגעגנבעט און אַריין צו איר. דאָס מאָל שוין צו רעדן — נישט וועגן וועש אָדער אַנדערע זייטיקע ענינים, נאָר צו דער זאַך.

זי האָט מיך געבעטן זיצן און געפֿרעגט, פֿאַרוואָס איך בין אַזוי צעמישט.

— גאָרנישט — האָב איך געענטפֿערט און גענומען ביי איר „טאַפּן דעם דופּק”.

מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ שמועס וועגן לעבן, פּרנסה. מיר האָבן לאַנג גערעדט און — די אַלטע איז געוואָרן אומעטיק, זי איז צו מיר צו און אָפּגעפּרעסט אַ קוש אויפֿן שטערן. ס'איז מיטאַמאָל אַ וואַרעמקייט, אַ מוטערלעכע, זיך אין מיר צעגאַנגען — פֿון קאָפּ אַראָפּ און צוריק אַרויף, ביז אין דער נשמה אַריין. דער שמועס האָט זיך ווייטער געצויגן און געוואָרן וואָס אַמאָל אינטימער, ביסלעכווייז איז ער איבערגעגאַנגען, ווי אין אַ ווידוי — אַ ווידוי פֿון אַן אַלטער, איינזאַמער פֿרוי. זי האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט קיינמאָל קיין מאַן נישט געהאַט, זי איז אַ טאָכטער פֿון דאָרף, נאָר מיט לאַנגע יאָרן צוריק איז זי פֿון דאָרט אַוועק, עס האָט זי געלאַנגווייליקט דאָס פּויערישע לעבן, די דאָרפֿישע מענטשן, די קליינלעכע מנהגים, ס'האָט זי געצויגן צו עפּעס גרעסערס, צו אַן אַנדערער וועלט, צו אַנדערע מענטשן — צו שטאָטישע, זי האָט אַליין נישט געוווּסט צו וואָס, נאָר זי האָט געפֿילט, אַז אין דאָרף קאָן זי מער נישט זיין, זי האָט באַשלאָסן אַוועק. כאָטש די עלטערן זענען געווען קעגן — איז זי אַוועק אין שטאָט, געזוכט דאָס אַנדערע לעבן און געזוכט. זי האָט עס אַסך מאָל אָנגעכאַפּט, דאָס הייסט, שיר אָנגעכאַפּט, נאָר שטענדיק האָט עס זיך באַלד צוריק אַרויסגעדרייט פֿון אונטער דער האַנט. זי איז שוין אפֿילו געווען אין אַ קלויסטער, נאָר — עפּעס נישט דאָס האָט זי געמיינט, איז זי אַוועק און ווייטער געזוכט, געדינט ביי פּריצים, געוואָלט זען דאָס פּריצישע לעבן, ס'האָט זי אָבער אָפּגעשטויסן, אויסגעווען אין פֿאַרשידענע עקן פֿון לאַנד, אומעטום עפּעס געזוכט און גאָרנישט געפֿו־

גען. אָנשטאָט דעם — אַנטוישונגען, באַליידיקונגען, דורכפאַלן. קיין צוריק איז שוין נישט געווען — אוממעגלעך געווען. האָט דאָס לעבן זי גענומען פירן אַרויף און אַראָפּ, אַזוי ביז היינט. זי ווייסט נישט צי ס'איז אַ פאַרברעכן, צי נישט, אַמאָל דאַכט זיך איר, אַז יאָ און אַמאָל אַז נישט. אין גאָט גלויבט זי, נאָר דאָס לעבן פאַרשטייט זי נישט. אַצינד איז זי איינזאַם — אָן קינדער, אָן אַ היים, אָן נאָענטע און אָן אַ מענטש, וואָס זאָל זי פאַרשטיין.

זי האָט געענדיקט, מיר האָט אויסגעזען, אַז אָט, אָט צעוויינט זי זיך, די אַלטע, די איינזאַמע, אַרויסגעוואָרפענע פון לעבן, נאָר אָנשטאָט דעם, האָט זי זיך צעלאַכט, זיך צעלאַכט מיט עפּעס אַזאַ מאָדנע געלעכטער, וואָס בייסט. איך בין געבליבן זיצן און נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן, האָב איך זי גענומען טרייסטן:

— ביסט נישט איינזאַם, קאָנסט האָבן קינדער און ווער ס'זאָל דיך פאַרשטיין, אַ נאָענטן מענטש, כ'מיין — איך, מיין פרוי, מיין שוועגערין, מיר זענען דאָך — ווי זי אַליין ווייסט — אוודאי איינזאַמע מענטשן, עלנטע, קאָנען מיר ווערן איין פאַמיליע. „דינג ערגעץ אַ וווינונג — אין אַן עק, אין אַ זייט, מ'וועט דאָרט מאַכן אַ גוט באַהעלטעניש פאַר אונז, מ'וועט לעבן צוזאַמען. געלט האָבן מיר, מיר האָבן פאַרשטעקטע זאַכן אָפּצוגעמען ביי היימישע פּאָליאַקן און אַז גאָט וועט העלפן — די מלחמה וועט זיך ענדיקן, מ'וועט איבערלעבן — וועסטו דערגרייכן דאָס, וואָס דו זוכסט פון דער יוגנט אָן — יענע גרעסערע לעבן, מ'וועט צוזאַמען פאָרן, באַרייזן די וועלט, זוכן אַ נייע היים, זיך איינאָרדנען, וועסט פאַרגעסן אין געוועזענעם".

דאָס געשפּרעך צווישן אונז האָט זיך נאָך לאַנג געצויגן, איך געדענק נאָר דעם סוף:

— ניין, קיין דירה דאַרף מען נישט דינגען — האָט זי געזאָגט -- זי האָט אַ ברודער אין איר געבורטס־דאָרף, אַן עלטערער מענטש פון איבער די פופציק, מיט בלויז אַ באַבע, אָן קינדער, דאָרט קאָן מען אַלץ מאַכן, מ'דאַרף נישט פריער איבעררעדן מיט אים, מ'קאָן, אַז מען וועט דאַרפן, גלייך אַהינגיין צוזאַמען מיט איר. אַז זי וועט אים נאָר זאָגן, פעלעקן (אַזוי הייסט ער איר ברודער) וועט ער גלייך באַשטיין אונז אַריינצונעמען, אויסבאַהאַלטן, איך זאָל נישט זאָרגן, ס'וועט שוין גוט זיין!

ווען כ'האָב געזאָגט „אַ גוטע נאַכט" און אַרויס אין דרויסן — האָב איך דאָס ערשטע מאָל, נאָך לאַנגע חדשים, דערפילט אַ גוטע לופט, זי איז זיך צעגאַנגען אין אַלע איברים.

⁂

פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָרן אָן אָפטער איינגייער, אַן אָפטער גאַסט ביי דער טשאַטקע. כמעט יעדן אָוונט האָב איך זי באַזוכט, כ'האָב ביסלעכווייז גענומען איבערטראָגן צו איר אונזערע זאַכן און כסדר איר געהייסן זיך גרייטן.

— אפשר וועט גאָט העלפן און מ'וועט נישט דאַרפן — האָט זי מיך אַלעמאָל געטרייסט.

— אַזוי צי אַזוי בלייבן מיר שוין מיט דער טשאַטקע — פלעג איך ענטפערן.

זינט יענעם געשפּרעך האָט זי זיך אויך געפילט אַנדערש, די אַלטע, עפּעס היימלעכער, לעבעדיקער, עס זענען פאַר איר געוואָרן אינטערעסאַנט מיין געהיים באַ־

זוכן איר שטיבל און אונזערע געהיימע פּלענער. עס האָט אויסגעזען, אַז זי גרייט זיך טאַקע צום נייעם לעבן מיט אונז צוזאַמען.

עס האָט אַזוי געדויערט אַ שטיקל צייט, ביז איינמאָל —

איינמאָל, ביינאַכט, האָבן מיר זיך שטילערהייט אַריינגעשלייכט צו דער טשאַטקע אין שטיבל — איך, מיין פרוי און שוועגערין. מ'האָט איר איבערגעגעבן בסוד, אַז מ'מוז שוין, פאַרטאָג, אַוועק צו איר ברודער, אין דאָרף, ווייל אין לאַגער ברענט שוין די ערד אונטער די פיס, באַלד, פאַרטאָג, מוז מען אַוועק !

זי איז נישט נתפעל געוואָרן, זי האָט אונז באַרואיקט, געטרייסט און עפּעס האָט זי זיך מיטאַמאָל אָנגעהויבן פילן אויפגעלייגטער, יום־טובדיקער. זי איז נאָר נישט געוועזן צופרידן, ס'האָט זי געאַרט אונזער צעטראָגנקייט, אונזער אומרואיקייט, וועלכעס האָט געשטערט איר שטימונג. מיר האָבן זיך געלייגט, אַ גאַנצע נאַכט איז זי נישט געשלאָפן, פּונקט ווי מיר און פון צייט צו צייט אַרויסגעזיפצט. פינף פאַרטאָג האָט זי אונז גענומען וועקן, מיינענדיק אַז מיר שלאָפן :

— שטייט אויף, קינדערלעך, ס'איז שוין שפּעט, מ'דאַרף באַלד גיין, איידער עס ווערט נאָך ליכטיק, ס'טאָגט שוין באַלד.

מיר האָבן זיך אָנגעטון, געטרונקען עפּעס וואַרעמס, וואָס זי האָט באַוויזן צו מאַכן און שוין שטייענדיק מיט די פּעקלעך אין די הענט, האָט זי געזאָגט :

— יאָ, קינדערלעך, פון איצט אָן אַרט מיך גאָרנישט, כ'בין אייער מאַמע. מיין לעבן גיב איך איבער, פּונקט ווי אייערס, אין גאָטס הענט, וואָס ער וועט מאַכן מיט אייך, זאָל ער מאַכן אויך מיט מיר !

⁂

דריי חדשים זענען מיר שוין ביי פּעלעקן, מיט דער טשאַטקע, וועלכע האָט זיך איינגעלעבט אין דער ראָל, ווי זי וואָלט דערצו געבוירן געוואָרן. פאַרשידענע צרות איז זי שוין צוליב אונז אויסגעשטאַנען, צרות און פּיין.

נישט איינמאָל, מיר שטייען אין באַהעלטעניש און הערן איר קרעכצן פון יסורים צוליב אונז. מיר ווערן אומרואיק, ס'דאַכט זיך, אַז די אַלטע גרייט זיך צו מאַכן מיט אונז אַ חשבון, צי ס'האָט זיך איר געלוינט. מיר גרייטן צו גאַנצע רעדעס, ווען זי וועט זיך אונז באַווייזן, זי צו באַרואיקן און טרייסטן און מיט האַרצקלאַפּעניש דערוואַרטן מיר זי. אָבער שטענדיק אַנטוישט זי אונז. זי באַווייזט זיך מיט אַ שמייכל און טרייסט אונז נאָך.

זי האָט זיך שוין פיל מאָל אויך געבייזערט אויף אונז, נאָר זיך געבייזערט, דאַכט זיך, ווי אַ מאַמע, אויף אונזער אומבאַהאָלפנקייט. זי פרעגט נישט נאָך אונז און זאָגט, וואָס זי האָט צו זאָגן. אין אַ ניי לעבן איז זי טאַקע אַריין, די אַלטע, און זי פילט, אַז דאָס לעבן האָט זי דערגרייכט, געפונען — נישט אין שטאָט, אין דער וועלט — נאָר אין דאָרף, אין זעלביקן דאָרף פון אירע עלטערן, וועלכעס זי האָט מיט יאָרן צוריק פאַרלאָזט, בכדי דאָס נייע לעבן צו זוכן. איר גרעסט פאַרגעניגן איז — אַריינצוזעצן זיך צו אונז אין באַהעלטעניש אויף לאַנגע שעהן און מיט אונז שמועסן. אונזערע געשפּרעכן זענען איר בעסטער געטראַנק, זיי זענען אַ היילונג צו אירע ספיקות וועגן ייד און קריסט, מענטש און חיה, לעבן און טויט, די

וועלט און יענע וועלט, טאָג און נאַכט און שיין און מיאוס. זי הערט זיך צו צו אונזערע רייד און פאַרשטייט אַסך, וואָס זי האָט ביז איצט נישט פאַרשטאַנען. זי פאַרשטייט נאָר נישט, פאַרוואָס אַלע פאַרשטייען דאָס נישט. זיצט זי אַזוי ביי אונז גאַנצע שעהן, ביז זי כאַפּט פּלוצים און לויפט גיך אַרויס — „מ׳טאָר זיך נישט פאַרגעסן” — זאָגט זי — „מ׳דאַרף אַכטונג געבן”.

מיט דעם געדאַנק לייגט זי זיך שלאָפן, מיט דעם געדאַנק שלאָפט זי, און מיט דעם געדאַנק שטייט זי אויף. זי לאָזט אונז נישט אַריינפאַלן אין אומעט.

— ס׳וועט גוט זיין — שרייט זי כסדר — זי פילט אַזוי. ס׳וועט אויך זיכער גוט זיין !

און מיר האָפן, אַז גאָט וועט איר גלויבן נישט אַנטוישן. בלויז צוליב איר אַליין, וועלכע וואַרט אומגעדולדיק גלייך מיט אונז אויף דער מינוט, ווען ס׳וועט נעמען אַ סוף צום ווילדן פאַרברעכן פון אַ וועלט משוגעים, וועלכע האָבן געמאַכט פון דער ערד איין גרויס קבר פון אונזער פאָלק !

אין באַהעלטעניש לויפן די געדאַנקען כאָטיש ווי א צעקלאַפּטע, אַנטלויפנדיקע אַרמיי, וועלכע זעט נישט קיין פאָרויס און זוכט א צוריקוועג. כאָטש אונזער צוריקוועג איז אָפּגעמעקט, אויסגעריסן מיטן וואָרצל, בלאָנדזשען דאָרט די געדאַנקען. אָפּגעהאַקטע בילדער באַווייזן זיך, שטיקלעך פון דער נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט, נאָר פאַרנעפּלט, טונקל ווי אין א נישט קלאָרן, פאַרשלייערטן חלום. און ווי ער זאָל זיך נישט דרייען, דער געדאַנק, קומט ער שטענדיק צו צום זעלביקן. קלאָרע בילדער פון דער אַמאָליקערווירקלעכקייט, וועלכע האָט אויסגעפילט דיין גאַנץ לעבן, זעט ער נישט, אָדער ער קאָן זיי נישט דערכאַפּן.

מיין מאַמע, מיין מאַמע, וועלכע האָט מיך געבוירן, דערצויגן און באַגלייט מיין גאַנצן לעבנסוועג. כ׳וויל זי זיך דערמאָנען אין די פאַרשידענע מאָמענטן פון איר מוטערלעכקייט, פון אונזער צוגעבונדנקייט, פון אונזער פאַרגאַנגענער פרייד און לייד. כ׳וויל אַרויסבאַקומען פון דער טונקלקייט איר ליכטיקע געשטאַלט, אין דער איצטיקער קעלט — איר מוטערלעכע וואַרעמקייט און דאָס, ווי א העל פּינטעלע באַהאַלטן טיף אין האַרץ. דער געדאַנק זאָגט מיר אָן מיטהילף און אַלע חושים שטעלן זיך מיר צו דינסט, אָבער — פאַרנעפּלט, פאַרנעפּלט קומט זי אַרויס. נישט יענע מאַמע, די פון מיין קינדהייט און יוגנט, נאָר די מאַמע, די צעבראָכענע פון היטלערישער פּיין, די מיטן געעלטערטן פּנים און איינגעשרומפּנקייט פון כסדרדיקער פּחד און שרעק, וואָס נאָר דריי יאָר היטלעריזם קאָן עס אַזוי טיף אויסקריצן אויף א שיין פּנים. די מאַמע, די קראַנקע, מיט דער פּאָכנדיקער נשמה, וועלכער די איבערלעבענישן פון דער לעצטער מלחמה־צייט, האָבן זי, ווי מיט אייזערנע קייטן, צוגעבונדן צום בעט.

איך זע זי דעם לעצטן דאָנערשטיק בייננאַכט, דאָס הייסט, די לעצטע נאַכט פאַר אונזער פונאַנדערררייסן זיך אויף אייביק. כ׳בין געווען ביי מיר אין שטוב, אונטן. כ׳הער פּלוצים א געוואַלט. ס׳איז אויבן, ביי דער מאַמען. כ׳דערקען מיין יונג שוועסטערלס קול —

„מאַמע, מאַמעשי, מאַמעליו!" — שרייט זי פאַרצווייפלט.

מיט איין שפּרונג בין איך געווען אויבן. אין שטוב — פול מענטשן, שכנים. כ׳פּאַק זיך אַדורך — די מאַמע אויפן בעט ליגט ווי טויט, די ציין פאַרהאַקט, די אויגן — אָפן, פאַרגלייזט, אויסגעלאָשן, די פיס — שטייף, אויסגעצויגן. כ׳האָב זי מיט נאָדלען געשטאָכן, געריסן, וואַסער געגאָסן, מיט בראַנפן באַשפּריצט און — אין די אויסגעלאָשענע אויגן האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן א גלאַנץ. דאָס שטייפקייט האָט לאַנגזאַם נאָכגעלאָזט, די ציין זענען ביסלעכווייז לויזער געוואָרן און מיטאַמאָל האָט זי אויפגעעפנט א פּאָר גרויסע, גרויסע אויגן, עפּעס שרעקלעכע ווי קיינמאָל נישט, זיך אַרומגעקוקט און מיך געפרעגט צי ס׳איז אמת, אַז ווען „זיי" קומען — דערשיסן זיי גלייך אין בעט די קראַנקע, וואָס קאָנען נישט גיין אין וואַגאָן? —

— מאַמע, „זיי" וועלן נישט קומען און דו ביסט נישט אַזוי קראַנק — האָב איך געענטפערט און שפּעטער שוין ביי זיך אין שטוב, בין איך געלעגן אַן איינגעשרומפּענער אויפן בעט. דער קאָפּ איז מיר שיר צעשפּרונגען געוואָרן, ס׳האָט זיך פון

אומבאַהאָלפנקייט געוואָלט בייסן שטיקער פינגער פון די הענט. אַ מיאוסער געדאַנק האָט זיך אין מוח געפּלאָנטערט און ווי אַ שלאַנג ווייטיקלעך געביסן „כ'האָב זי דערראַטעוועט, מיין מאַמען, כ'האָב זי דערראַטעוועט" — — — —

כ'האָב זיך אָנגעגאָסן מיט אַ רויטקייט אויפן פּנים. כ'האָב אים געוואָלט צעריזשען דעם געדאַנק, אַרויסשפּייען פון זיך! ער האָט זיך כסדר געפּלאָנטערט.

„אפשר איז שוין גלייכער געווען" —

ניין, כ'ווער משוגע! —

מיין פרוי איז געזעסן אַנטקעגן מיר, מיר געקוקט אין די אויגן, ווי לייענענדיק מיינע מוראדיקע מחשבות און ביידע האָבן מיר געשוויגן. לאַנג האָט עס אַזוי געדויערט, לאַנג. כ'האָב געמיינט, אַז איך ווער אויף אַן אמת משוגע.

שפּעטער איז אַריינגעקומען דער בריוו־טרעגער פון געטאָ, שמואל אברהם פּאַפּאַווסקי. ווי שטענדיק האָט ער געשמייכלט און זיך אַוועקגעזעצט.

— וואָס הערט מען פּאַפּאַווסקי?

— גאָרנישט — זאָגט ער — אַלע מענער דאַרפן אַוועק אין די וועלדער, אָנשליסן זיך אין די פּאַרטיזאַנער.

— געוואַלט! ווו לאָזט מען איבער די פרויען און קינדער, אונזערע מאַמעס און שוועסטער?

—ס'איז אומזיסט, זיי זענען סיי ווי פאַרשפּילט! — ענטפערט ער און גיט צו:

— אַלע וועט איר קומען צו דעם געדאַנק, ס'וועט שוין אָבער זיין צו שפּעט.

באַלד צעשמייכלט ער זיך אויפסניי:

— ווער ווייסט, ווו זיי זענען, די פּאַרטיזאַנער, און אפשר זענען זיי אינגאַנצן נישטאָ?

לאַנג, לאַנג האָבן מיר שטילשווייגנדיק געטראַכט און צוזאַמען מיט אים בין איך אַרויס אין גאַס. מיר זענען ביידע אַוועק צום יודנראַט — הערן די לעצטע נייעס.

ס'איז געווען פּונקט האַלבע נאַכט. אויפן הויף אין דער פינצטערניש הערן מיר ווי מען שושקעט זיך. מיר קומען צו נענטער — עטלעכע שאָטנס. מיר דערקענען די געשטאַלטן: די פּרעזעס און עטלעכע מיטגלידער פון יודנ־ראַט. מען סודעט זיך שטיל — „וואָס זאָגסטו? וואָס זאָגסטו?" —

היינט אינדערפרי האָט דער דייטשער קרייז־הויפּטמאַן דערקלערט דער יידישער דעלעגאַציע, אַז די מינסקער יידן זענען זיכער. נישטאָ וואָס זיך צו שרעקן. פּרעזעס משה קראַמאַזש גלויבט אים. „ער איז אַן אָרנטלעכער, עלטערער דייטש" — „ס'קומט נישט אין פראַגע" — האָט ער געזאָגט.

— און די זשאַנדאַרן און „שוואַרצע" ביי אונז אין שטאָט זענען „געסמט" — זאָגט ווייטער דער פּרעזעס — אויך היינט האָבן זיי אַ שפּאַר ביסל מתנות פון אונז געקריגן, אָ, וואָס זיי רעדן וועגן היטלעריזם — דאַרפט איר הערן!

— ניין, זיי וועלן נישט מיטמאַכן די „אַקציע"! — ענדיקט קראַמאַזש.

דער געטאָ־קאַפּיטאַן ישראל יוסף וועגנעל האַלט זיין פינפיעריקן זון אויף די הענט. דאָס יינגעלע שלאָפט, וועגנעל קושט עס אין די אייגעלעך און זיפצט:

— אַ שאָד, אַזאַ קינד, האַ? —

אין דער שטילשווייגעניש הערט מען פּלוצים עפּעס רוישן איבער די וואָלקנס. עפּעס רוישט אַזוי געדיכט.

— דאָס זענען זיכער „נאַכט־פֿייגל” סאָוויעטישע — זאָגט דער אייגנעהויקערטער יורג־ראַט־מיטגליד, מרדכי יוסף קירשענבוים.

אין דעם — ראַקעטן פֿון דער ווייטנס, ווי איבער וואַרשע. ס׳ווערט ליכטיק פֿון אויבן אַראָפּ. אין עטלעכע מינוטן אַרום -- די ערד טרייסלט זיך. ס׳פֿאַלן באָמבעס. זעט אויס, ווי די סאָוויעטן באָמבאַרדירן.

-- ווער ווייסט צי מען וועט דאָ אונזער שטאָט אויך נישט באָמבאַרדירן ? — שרעקט זיך איינער — עפּעס האָבן זיי אויך ביי אונז ליכטיק געמאַכט !

די ראַקעטן פֿון אויבן באַלויכטן טאַקע אויך אונז און אין דער פּלוצימדיקער ליכטיקייט זעט מען ווי קירשנבוימס אויגן, אונטער זיינע ברילן, הויבן זיך צום הימל :

— הלוואי דרייען זיי איצט איבער די גאַנצע שטאָט צוזאַמען מיט אונז, נאָר אַזוי אַרום וועט אונז אפשר מיידן דאָס אומגליק !

פֿרייטיק, האַלב ניין אינדערפֿרי (דעם 21־טן אויגוסט 1942 איז עס געווען -- ח. אלול, תש״ב) — „זיי זענען דאָ הינטער דער שטאָט!” „זיי זענען דאָ !!!”

אויף דער גאַס אַ צעמישונג. מ׳לויפֿט אַהין און צוריק, מיט און אָן פּעק, איינצלנע, גאַנצע פֿאַמיליעס:

— אַנטלויפֿט, יידן, אַנטלויפֿט, אַרויס פֿון געטאָ ! -- הערט מען שרייען.

איך דערפֿיל ווי אַ געדיכטער רויך וואָלט מיך אַרומגענומען און געשטיקט. כ׳לויף ווי אין אַ נעפּל גלייך צו אונזער הויז. כ׳פֿאַל אַריין אין שטוב :

-- גיך, גיך, קומט אַלע ! לאָמיר אַנטלויפֿן ! זיי זענען דאָ ! ! !

די טירן, די לאָדנס פֿאַרהאַקט און מיר אַלע לויפֿן אַרויס פֿון געטאָ, הינטער דער אַנדערער זייט שטאָט. מיין שוועסטערל און נאָך ווער טראָגן מיין מוטער אויף די הענט און לויפֿן אָן אָטעם. עס לויפֿט מיין שוויגער, מיין שוואָגער מיט זיין פֿרוי, מיין פֿרוי מיט איר יונגערע שוועסטער און נאָך מענטשן, שכנים לעבן זיי. איך הייס זיי ווייטער לויפֿן און זיך באַהאַלטן ביי אַ באַקאַנטער קריסטין. אַליין בלייב איך שטיין און קוק אין דער ריכטונג פֿון דער שטאָט. — „אפשר גאָרנישט” -- קלאַפּט דער געדאַנק.

עס לויפֿן ווילד פֿאַרביי מענטשן. צוויי קינדערלעך מיט צוקערלעך אין די הענט. די מוטער האָט זיי געגעבן און געהייסן לויפֿן זיך ראַטעווען. פֿרויען מיט קליינע קינדער ביי דער ברוסט, מיידלעך מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס, מ׳לויפֿט, אין דער לופֿט הערט זיך אַ פּיפּעניש. אויף אַ ראָווער פֿאָרט גיך אַדורך דער געטאָ־פּאָליציאַנט יוסף ווישניעווסקי —

-- „וואָס הערט מען ?” — שריי איך אים נאָך.

ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט און ער יאָגט ווייטער.

קריסטן שטייען צעמישט און קוקן ווי די יידן אַנטלויפֿן. זיי ווייסן נישט וואָס עס איז געשען — שרעקן זיי זיך אויך.

עס לויפֿט אַדורך דער גביר ר׳ יאַנקל ראָזענבערג.

-- וואָס שטייסטו ? ! -- שרייט ער צו מיר -- ס׳איז שפּעט ! — ער לויפֿט

צו אַ באַקאַנטן קריסט זיך פֿאַרשטעקן. כ׳דריי זיך אויס און נעם אויך גיך אַנטלויפֿן.

מײַנע נאָענטע זע איך שוין נישט, נאָר כ׳ווייס וווהין זיי זענען אַוועק. ס׳איז נישט ווײַט הינטער דער שטאָט, בײַ אַ באַקאַנטער קריסטין, בײַ דער שטשעפּאַנעקן. כ׳איל אין איין אָטעם אַהין.

די קריסטין שטייט בײַם טירל צעמישט. זי קוקט מיך אָן און לאָזט מיך אַרײַן אין גאָרטן. די טאָכטער ווײַזט מיר זיך צו פֿאַרשטעקן אין די ראַוויקעס. צווישן די בייטן קאַרטאָפֿל — אונטער די בלעטער, אויבן שיצן עטלעכע ביימלעך. איך דערפֿיל לעבן זיך מײַן פֿרוי. זי כאַפּט מיך אַרום.

— וווּ זענען אַלע ? —

זי דערציילט מיר, אַז אונזערע מאַמעס און מײַן שוועסטערל זענען געלאָפֿן צו וועמען אַנדערש, צו זייערס אַ באַקאַנטן קריסט, באַרטניצקי, ווײַל מײַן קראַנקע מאַמע האָט נישט געקאָנט אַזוי ווײַט לויפֿן, אַזש אַהער. זיי זענען זיכער דאָרט דאָ, נאָר מיט אונז דאָ געפֿינט זיך מײַן יונגע שוועגערין צפּורהלע, מײַן שוואָגער שלום, מיט זײַן פֿרוי חיה. זי ציטערט כסדר, אַז מען זעט אַרויס פֿון צווישן די בייטן איר בויך (זי איז אין נײַנטן חודש). די קריסטין ווײַזט אַ גרוב. מײַן שוואָגער פֿירט אַהין איבער די פֿרוי.

מיטאַמאָל :

— טאַ־טאַ־טאַ — טאַ !

— טאַ־טאַ — טאַ טאַ !

אַ שיסערײַ פֿון אַלע זײַטן ! ס׳האָט זיך אָנגעהויבן !

פּלוצים :

— טאַ־טאַ — טאַ טאַ !

דאָ נישט ווײַט ! געשרייען !

— טא טא טא !

ס׳איז געוואָרן שטיל.

מיר הערן שווערע טריט לעבן אונז. מ׳זוכט אין די בייטן, פֿון דער אַנדערער זײַט פּלויט, אַ פּאָר שריט פֿון אונז.

— האַלאָ !

איך ליג אויסגעצויגן. מײַן פֿרוי, פּאַר מיר, דריקט פֿעסט מײַן האַנט. מײַן שוועגערין, הינטער מיר — מײַן פֿוס. מיר דריקן זיך צו דער ערד.

— האַלאָ, האַלאָ !

— שמע־ישראל — השם אחד ! ! !

מײַן פֿרוי זאָגט עס נאָך און דריקט נאָך פֿעסטער מײַן האַנט.

מען גייט צו אונז !

— ש־ש־שאַ־אַ.

— בענץ !

— געוואַלט !

ס׳איז עטלעכע בייטן לעבן אונז. אַ מיידל קרעכצט. מײַן שוועגערין בײַסט זיך אײַן אין מײַן פֿוס מיט די נעגל. עס פֿעלט אויס אָטעם. אַ שאָס ! און טריט — גיך אַוועק. ס׳איז ווידער געוואָרן שטיל, נאָר —

— טאַ־טאַ־טאַ — טאַ !

— באַם, באַם, באַם, באַ־אַ־ם — אַן איבערהייס, פון אַרום, פון אַלע זייטן, אין די אויערן קלינגט.

ווידער טריט לעבן אונז, דאָס מאָל שטילע. ס'איז די קריסטין, זי וואַרפט זיך:

— פלאַקאַטן ! טויט־שטראָף פאַר אויסבאַהאַלטן אַ ייד !

זי פרעגט אונז וואָס ס'וועט זיין? — אַרום שיסט מען בסדר יידן. עס זענען אויסגעשפרייט אומצאָליקע מתים.

— דאָ — אָ אין דריטן בייט לעבן אונז, ליגט אַ טויט מיידל און אַ ביסל ווייטער — אַן אַדורכגעשאָסן קינד, אַ מיידעלע מיט אַ קויל אין בריסטל. דאָס בלוט גיסט זיך, דאָס קינד איז ביים באַוווסטזיין און בעט אַביסל וואַסער. נאָר קיינער דערלאַנגט נישט. פון דער ווייטנס ליגן עטלעכע געשאָסענע פרויען. זיי לעבן נאָך און זענען ביים געדאַנק. זיי בעטן ביי די דורכלויפנדיקע דייטשן, אַז מען זאָל זיי צושיסן, זיי האָבן מער קיין כוח נישט צו ליידן. יענע ווילן נישט און לאָזן זיי זיך מאַטערן אין אָפּפליסנדיקן בלוט.

— וואָס וועט זיין — פרעגט נאָכאַמאָל פאַרצווייפלט די שטשעפּאַנעקן. זי טראַכט אַ מינוט און שאַרט זיך צוריק אַוועק.

דאָס שיסעריי פאַרטיבט די שטאָט. אַלערליי געווערן. אַ געקלאַפּעריי פון רעוואָלווערן, ביקסן, מאַשין־געווער, אויטאָמאַטישע פּיסטאָלעטן און גראַנאַטן. אַלץ מישט זיך אויס. איבער אונז שאָרכן די בלעטער פון די ביימער:

— טיק ־ טיק ־ טיק, טיק — — —

עס רוישן די בלעטלעך פון די קאַרטאָפל.

— טאַ־טאַ־טאַ — טאַ !

ווידער שאַרנדיקע זיך טריט. מ'הערט שוין אויך רעדן צו אונזער קריסטין. מיין פרוי דערקענט דאָס קול, ס'איז דער איידעם די שטשעפּאַנעקינס ־ בּרעקער. ער רעדט נערוועז מיט דער שוויגער. באַלד קומט ער צו צו אונז. ער איז פאַרשוויצט, פול מיט נייעס. ער בויגט זיך אַראָפּ, דערלאַנגט מיר די האַנט, מיר קענען זיך שוין פון לאַנג. (די באַקאַנטשאַפט שרעקט מיך טאַקע). ער קומט איצט פון גאַס.

— אָ, וואָס דאָרט טוט זיך ! מען ראָט אויס די יידן — דערציילט ער — אין מאַרק זיצן אויסגעזעצט טויזנטער געבאַפּטע מענטשן. אויף די גאַסן — הונדערטער טויטע. אויף יעדע פאַר שריט — מתים. די אָנגעזאַמלטע וועט מען פירן קיין טרעבלינקע.

ער שמייכלט און זאָגט, אַז דאָס איז פון נערוון.

— די „פּאָקאָ" (פּאַרגיבּטונגס קאָלאָנע) איז געקומען אויף לאַסט־אויטאָס — זאָגט ער ווייטער — טויזנטער זענען זיי: עס־עס, שוואַרצע, זשאַנדאַרן, אוקראַינער, ליטווינער, מיט טונקעלע מונדירן און פּוילישע פּאָליציי. אַלץ נעמט אָנטייל אין דער אַקציע. נאָר וואַזשנע צייכענען זיך אויס די מינסקער „שוואַרצע", פּאָליציאַנטן און זשאַנדאַרן. זיי ווייסן גוט ווי אויסצוזוכן די פאַרשטעקטע יידן.

ער פאַרטראַכט זיך.

— טאַ־טאַ־טאַ — טאַ !

— באַ־באַ־באַ — באַם !

ברעקער הערט זיך איין און זאָגט:

— יעדער שאָס איז אַ מת !

מיר ציטערן, אַ קדחת וואַרפט אונז.

— און וואָס איז מיטן „יודנ־ראַט״? — פרעג איך.*)

— די פּרעזעסן — שמייכלט ווייטער ברעקער פון נערוון — די פּרעזעסן מוזן זוכן הינער פאַר די דייטשן. זיי קריכן אויף אַלע פיר איבער די הייף, שרייען „טשיפּ, טשיפּ, טשיפּ״ און קלויבן די הינער. עטלעכע עס־עס־לייט שמייסן זיי נאָך מיט לאַנגע בייטשן.

ווידער אַ שיסעריי!

מיר צאַפּלען אויף!

— שרעקט אייך נישט — באַרואיקט אונז ברעקער — אַז מען וועט אייך דאָ געפינען, וועל איך שוין זען, אַז מען זאָל אייך נישט דערשיסן אויפן אָרט, נאָר מען זאָל אייך נעמען אויפן מאַרק־פּלאַץ, קיין טרעבלינקע!

ברעקער איז שנעל אַוועק און איבערגעחזרט:

— נישט דערשיסן, נאָר נעמען אויפן מאַרק־פּלאַץ, קיין טרעבלינקע!

⁂

מיר זענען געלעגן ווי ווערעם צווישן די בלעטער און געפּאָכעט מיט די נשמות. מ׳האָט זיך געדריקט צו דער ערד אין די ראַוויקעס צווישן די בייטן. פון אויבן האָבן אונז איינגעהילט די געדיכט־באַוואַקסענע גרינע צווייגן פון די בוימלעך. אין די איערן האָט גערוישט. מיר האָבן פאַרנומען אַ פּייפּעניש. אַ שיסעריי האָט געפּויקט אין דער לופט. ס׳האָבן זיך געשניטן געשרייען, געוואַלדן, קולות האָבן אָפּגעהילכט, דער ווינט האָט געברענגט צו טראָגן אָפּגעהאַקטע קרעכצן, אַ יאָמער האָט געשוועבט אַרום.

מיר האָבן זיך אַלץ געדריקט מיט די הערצער צו דער ערד. זיי האָבן זיך געוואָרפן און אונז געהויבן. די געשרייען האָבן זיך כסדר דערנענטערט. באַזונדערע קולות האָבן געריטשעט, מיר האָבן געצאַפּלט און זיך איינגעגעסן איינער אין אַנדערן, אַ נעפּל האָט פאַרגאָסן רעם מוח, ס׳האָט געשווינדלט פאַר די אויגן. זיי זענען געוועזן נאָענט, פאַר אונזער גאָרטן. געשריגן, געשאָלטן, געשאָסן און געלאָפן ווייטער. אונזער באַלעבאָסטע איז כסדר צוגעקומען. פאָרזיכטיק געקראָכן צווישן די ביימער און זיך געבראָכן די הענט.

דערווייל איז אָנגעקומען פון גאַס איר טאָכטער און געברענגט נייעס:

— דער מאַרק איז אויסגעזעצט מיט טויזנטער יידן, אַלטע לייט, פרויען מיט קינדער, זיי זיצן אין רייען מיט די פיס אונטער זיך און שמעלצן זיך אונטער דער גליענדיקער זון. מענטשן גייען אויס אין דער ענגשאַפט. די עס־עס־לייט לויפן איבער די הייף און שלעפּן כסדר אַרויס פרישע מענטשן פון די באַהעלטענישן. מען טרייבט זיי מיט לאַנגע בייטשן צום מאַרק, וווּ זיי ווערן אַריינגעוואָרפן אין דער ריי. איבער די גאַסן ליגן הונדערטער מתים. פרויען מיט קינדער ביי דער ברוסט — צוזאַמען הירבנעשאָסענע, יונגע־לייט, אַלטע יידן און זקנות. דייטשן, אוקראַינער, ליטווינער און פּוילישע פּאָליציאַנטן לויפן ווי שדים אין די הייזער, מ׳זוכט אונטער די

---

*) מיר האָבן געהאָפט, אַז דער יודנ־ראַט קאָן נאָך אין דער לעצטער מינוט ראַטעווען.

בעטן, איבער די בוידעמער, אין קעלערס, קאַמערן, אין קוימענס און מ'שלעפּט מענטשן צום מאַרק. טייל שיסט מען אויף די הייף, אויף די גאַסן. הינטער אַלע זוענט ליגן מתים, אויך אין אַלע גערטנער. די וואָס מען כאַפּט אויסערן געטאָ ווערן תיכף געטויט. די פעלדער אַרום דער שטאָט זענען אויסגעשפּרייט מיט דערשאָסענע, באַנדעס לויפן אויך אין די וועלדער און אין די נאָענטסטע דערפער, מען נישטערט און מען זוכט אומעטום. אין דאָרף כאַבאַל האָט מען דערשאָסן פערציק ייִדן און זיי באַגראָבן אין איין גרוב, אויך אויף די „פּיאַסקעס", הינטער דעם „צמענטאַזש" און אויף אַנדערע פּלעצער. זי איז אויף די אַלע ערטער אַליין געווען און אַלץ געזען, זי האָט אויך באַקוקט דאָס געטאָ, אַלע הייזער דאָרט זענען שוין ליידיק, די טירן און די פענצטער — אויפגעריסן, אויפגעבראָכן, אַלץ אינעווייניק איז איבערגעדרייט און צעוואָרפן. די שטובן זעען אויס ווי לעכער. יעדע ווייל טרייבט מען פון דאָרט צום מאַרק־פּלאַץ פרישע פּאַרטיעס. די עס־עס־לייט מיט רויטע מאָרדעס און פאַרקאַטשעטע אַרבל ווי קוילער, שמייסן זיי הינטער מיט בייטשן און שיסן אַריין אין די מענטשן, די פּאַרטיעס ווערן כסדר קלענער, מען יאָגט פרישע פון אַלע זייטן. די שטאָט איז פאַרטויבט.

„אויפן מאַרק, אויף די טראָטואַרן, שטייען איצט געדעקטע טישן מיט ווייסע טישטעכער אָנגעשטעלט מיט ווײַנען, ליקערן און בראָנפנס, אַרום, אויף פּאָטעלן — אַרויסגעשלעפּט פון די ליידיקע ייִדישע הייזער — זיצן די אָפיצירן, די פירער פון דער אַקציע, מען פרעסט און מען זויפט. עס־עס־לייט קאָכן אין די נאָענטסטע ייִדישע שטובן הינער מיט גענז — געכאַפּטע אויף די הייף. — מ'דרייט אַראָפּ די קעפּלעך און מען וואַרפט די עופות גאַנצערהייט אין די קעסלען, צו קאָכן. מ'ברענגט זיי אַרויס צו די טישן אינדרויסן. די שטורמיסטן כלאַיען, גאָרגלען אַריין מיט איין זופּ גאַנצע פלעשער ליקער און פאַרבייסן מיט אָפּגעריסענע שטיקער פלייש. זיי זענען אַלע טויט־שכור, זיי לאַכן און כיכיקען מיט באַזויפענע קולות. די געכאַפּטע פּאַרטיעס ייִדן ווערן געטריבן פאַרביי די טישן. זיי לאַכן און פרעסן די הינער. מיט שכור ווילדע שליפּיעס מעסטן זיי אָפּ די פאַרביי־געטריבענע קרבנות און האַלטנדיק די פּוילקעס אין מויל — שמייסן זיי זיי נאָך מיט לאַנגע בייטשן".

זי, די שטשעפּאַנעקס טאָכטער, איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען אויף דער אַנדערער זייט מאַרק, פאַר דעם קאָשטשאָל, און זיך צוגעקוקט צו די גרויליקע בילדער. זי האָט געזען ווי ביי די טישן האָט זיך אַ שטורמבאַן־פירער אויפגעשטעלט, ער האָט זיך געוואַקלט, געכאַפּט נאָך אַ פלאַש ליקער, זי אַריינגענאָרגלט און געשריגן:

— פאַרברעכער! פאַרברעכער! בלויז פאַרברעכער זיצן דאָ, וואָס באַקומען זייער שטראָף כאַ כאַ כאַ!

ער האָט געכאַפּט אַ ביקס און ווילד אַריינגעשאָסן אין דער מאַסע.

— פאַרברעכער · האָט ער געקוויטשעט — זעט אייער סוף! כאַ כאַ כאַ!

„אין די רייען ליגן איצט מתים מיט אויפגעריסענע קעפּ פון דום־דום קוילן. די מענטשן אַרום זענען באַשפּריצט מיט בלוט און מאַרך. מען טאָר זיך פון אָרט נישט רירן. איינע, אַ יונגע סטודענטין, דאָס שענסטע מיידל פון געטאָ · · רוזשקאַ — סרולעק עדעלשטיינס איין און צוואַנציק יעריקע טאָכטער, איז משוגע געוואָרן. זי האָט פון זיך דאָרט אַראָפּגעריסן די קליידער און אַ נאַקעטע גענומען לויפן צום

קאַשטשאָל, נעוואָלט אַריין אינעווייניק. ביי מיינע פּיס איז זי געבליבן ליגן אַ דערשאָסענע.״

— אָ, וואָס דאַרט טוט זיך ? ! מ׳האָט ערשט נישט לאַנג פאַרביינעפידט דעם דאָקטער גרינבערג. די עס־עס־לייט האָבן אים מוראדיק געשלאָגן און געלאַכט, אַז ער איז פיל ווערט, ס׳וועט פון אים זיין אַסך חלב — זייף צו מאַכן.

זי איז שנעל אַוועקגעלאָפן צוריק אין שטאָט.

⁂

ס׳איז ווידער געקומען צו לויפן איר מאַן, ברעקער. ער איז אינגאַנצן נאַס געווען, אַ שווייס האָט זיך פון אים געגאָסן, ער איז גלייך צו צו אונז :

— נישט גוט מיט אייך ! מ׳וועט באַלד — האָב איך געהערט — קומען צו אונז אַהער, דאָ אין גאָרטן זוכן. איר מוזט גיין ! יאָ, ס׳איז דאָ אַן עצה : אויב איר האָט גאָלד, וועל איך זיי, די דייטשן, אָפּקויפן נאָך איידער זיי קומען אַהער. גיט אַהער, שנעל ! דאָס גאָלד וועט אייך סײַווי נישט נוצן, אויב מ׳וועט אייך שיסן. אויך די מלבושים וועט מען דעמאָלט פון אייך אַראָפּציען. ס׳לויפן אַרום מחנות אונזערע יינגלעך, און ציען אָפּ די מתים. אויך לעבעדיקע יידן זוכן זיי און פירן זיי צו די דייטשן. איך וועל זיי דאָ נישט אַריינלאָזן און אויך נישט די גרויסע, אונזערע גאַסן־יונגען, וואָס לויפן אַרום אין שטאָט און הינטער דער שטאָט, אין די גערטנער, אויף די פעלדער און זוכן יידן, אַרויסצובאַקומען ביי זיי אויסקויף־געלט.

ברעקער שטייט איבער אונז. ווי פון אַ פראָנט טראָגט זיך דאָס שיסעריי, אַ פראָנט פון אַלע פיר זייטן. ער האָט אונז געהאָלפן אַראָפּנעמען פון די הענט די זייגערלעך, מיין רינג, דאָס קידושין־רייפל פון מיין פרוים פינגער, מיין שווענגערינס פינגערל. „ער גייט שוין גלייך צו די דייטשן, זיי דאָס געבן, אַז זיי זאָלן אַהער נישט קומען. ער ווייסט אָבער נישט, צי ס׳וועט העלפן, מ׳וועט זען !״

⁂

זיין ווייב איז ווידער געקומען צו לויפן מיט פרישע ידיעות :

זי האָט אין מאַרק באַקוקט די ערשטע רייען. עס זיצן אַלטע, גרייז־גרויע זשידקעס. זי האָט דאָרט געזען אַ סך היימישע, באַקאַנטע. עס זיצט דער אַלטער חיים־איצעק בערגער, דער, וואָס איז פינף יאָר געלעגן פּאַראַליזירט אין בעט. מ׳זאָגט, אַז דאָס ווייב, די אַלטיטשקע, האָט אים אַרויסגעטראָגן אויף די הענט, מן־הסתם מורא געהאַט, אַז מען זאָל אים אין בעט נישט דערשיסן; שאַיאַ פרידמאַן זיצט פון די ערשטע טויט־בלאַס, מיטן קורצן גרויען בערדל פאַרביסן אין מויל: שלאַמקאַ בערקאָוויטש, לייב ראָזענבערג און נאָך און נאָך. אַסך האָבן מיטגעבראַכט און האַלטן אונטערן אָרעם די „טויט־העמדער״ (זי מיינט די טליתים).

אונזערע מוטערס און מיין שוועסטערל האָט זי נישט געזען. זיי מוזן נאָך זיין באַהאַלטן, אָדער מ׳האָט זיי ערגעצוו דערשאָסן, מ׳שיסט נאָך אַלץ אָן אויפהער יידן. מ׳האָט איצט אויך געבראַכט אַלע יידישע אַרבעטער פון די מיליטערישע און ציווילע פּלאַצוווקעס. ס׳וועט קיין איין ייד אין שטאָט נישט בלייבן. מ׳זאָגט,

אַז אויך אין די אַרומיקע שטעט וועט מען מאָרגן אויסראָטן די ייִדן ווי היינט דאָ, ביי אונז.

אין דרויסן, פאַרן גאָרטן, האָט זיך דערהערט אַ גערודער. זיי זענען שנעל אַוועק פון אונז. מיר האָבן געפילט, אַז שוין, שוין! מ'איז געקראָכן מיט די פּנימער אין דער ערד, מ'האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

דאָס גערויש האָט זיך דערווייטערט. די אַלטע שטשעפּאַניעק איז צו אונז צו, אַז מיר זאָלן שוין אַוועק ! זי וויל פון גאָרנישט וויסן! ברעקער איז נאָכאַמאָל צוגעקומען, אַז עס איז ווייניק דאָס גאָלד. מ'דאַרף נאָך! אָדער געלט! וויפיל האָט מען ? אַלץ זאָל מען געבן, וואָס מער — איז בעסער. ער גייט באַלד דערלעדיקן. ער ווייסט אַפילו נישט צי ס'וועט העלפן, אָבער — מען זאָל זיך נישט שרעקן, מ'וועט אונז נישט שיסן. ער וועט שוין זען, אַז מען זאָל אונז נישט דערשיסן, נאָר נעמען אויפן מאַרק־פּלאַץ, קיין טרעבלינקע !

⁂

דער זייגער איז שוין געווען פיר, מיר האָבן זיך נאָך אַלץ געקאָרטשעט צווישן די בייטן. אָרום איז געוואָרן שטילער. פון דערווייטנס האָבן מאַשין־געווער און ביקסן נאָך געקלאַפּט. ברעקערס פרוי איז נאָכאַמאָל געקומען צו לויפן פון גאַס מיט נייעס :

— אין מאַרק איז אַ גיהנום, די זון גליט נאָך אַלץ און בראָט די קרבנות. זיי ברענען פון דאָרשט און חלשן נאָך אַ טרונק וואַסער. קליינע קינדער גייען אויס, מאַמעס ספּאַזמירן. די מענטשן — די לעבעדיקע און די טויטע צוזאַמען, אין איין קורפּע — פּרעגלען זיך אונטער דער זון. אַן עיפּוש פילט אָן די גאַנצע שטאָט. אַ „מענטשלעך געברויך" טוט מען אונטער זיך און פאַר פּרוון זיך אויפשטעלן — דערשיסט מען אויפן אָרט. מ'ברענגט נאָך אַלץ מענטשן, נאָר שוין איינצלנע, נישט קיין גרופּעס. ערשט איצט האָט מען געבראַכט דעם „יודנראַטניק" מאָרדקאַ יאַסעק קירשענבוים. ער איז אַ גאַנצן טאָג געווען ערגעץ פאַרשטעקט ביי אַ באַקאַנטן קריסט, נאָר ער האָט געהערט, אַז זיין פרוי מיט די קינדער זענען אויפן מאַרק־פּלאַץ, איז ער אַליין אַרויס און זיך איבערגעגעבן צו די דייטשן. ער זיצט אָבער אין עק און זוכט כסדר פון אונטער די ברילן אַפּער, מיט די אויגן — זיין פרוי מיט די קינדער, וועלכע זיצן ערגעץ אַנדערש, אינמיטן דער מאַסע, און אויך זיי ווייסן נישט, אַז ער געפינט זיך אויפן מאַרק. אונזערע מוטערס האָט זי אויך איצט נישט געזען. זי האָט זיי אויך געזוכט צווישן די מתים אויף אַלע גאַסן און פּלעצער און נישט געפונען.

זי דערציילט, אַז פּאָליאַקן זוכן איצט ביי זיך אויף די הויף און טרייבן אַרויס די געפונענע באַהאַלטענע ייִדן. מען געפינט זיי אויך אין די מיסט־קאַסטנס, אין די קלאָזעטן, אין די חזיר־כלעוון. די גאַספּאַדאַזשעס זענען איבערגעשראָקן און יאָגן זיי אַרויס. אַסך ייִדן — האָט זי געהערט — ווילן נישט גיין מיט גוטן, זיי וויינען און בעטן זיך, נאָר די באַלעבאַטים רופן זשאַנדאַרן און מען דערשיסט זיי אויפן אָרט. דער באַלעבאָס מוז זיי שפּעטער באַגראָבן. מען קריגט אָבער דערפאַר די מלבושים. מען געפינט ביי זיי אויך אַסך געלט. פיל ייִדן האָט מען אויסגעשאָסן ביים טייך. ביידע זייטן וואַסער זענען אָנגעלייגט מיט שורות מתים. אונזערע נאָענטע

האָט זי אויך דאָרט נישט געזען, אפשר לעבן זיי נאָך ערגעצוווּ, דאָרט ווו זיי האָבן זיך באַהאַלטן.

⁂

ברעקער איז נישטאָ. שוין עטלעכע שעה ווי ער איז אַוועק. זיין פרוי זאָגט, אַז ער טרינקט איצט ערגעץ מיט דייטשן אין אַ שענק. מסתּמא וועט ער זיי דאָ אַהער נישט לאָזן קומען.

אינדרויסן האָט זיך די זון געזעצט, ס׳האָט גענומען טונקלען, ס׳איז איצט פּרייטיק פאַרנאַכט, זמן פון ליכט צינדן, אָ, ווו זענען אונזערע מאַמעס? —

— ווו איז ברעקער? וואָס טוט ער דאָרט? —

אין טונקעלן חלל האָט גערוישט, אומהיימלעכע ווידערקולות האָבן זיך דערמאָנען, שאָכן האָבן נאָך געזאַלפּט. מיר זענען געלעגן און, שוואַרץ ווי קויל, זיך געמוליעט איינער צום אַנדערן. גרויסע פינצטערע לאַפּעס האָבן אונז געשטיקט. מ׳האָט זיך געהאַלזט צו דער ערד.

· ליבל, ליבל — האָבן זיי מיר געשושקעט אין די אויערן — לייבל, מ׳וועט אונז שיסן!

ס׳איז שוין געווען פינצטער, פון צווישן די ביימער האָט אַן עלעקטריש ליכט דורכגעלויכטן פון די שטשעפּאַנעקס פענצטער אַרויס. וויבער האָבן דאָרט הויך גערעדט, זיך דערציילט די לעצטע נייעס.

ס׳איז געוואָרן שטיל. מ׳האָט זיך צווישן די בלעטער ווידער געשלייכט צו אונז. שטילע טריט האָבן געשאָרכט. די שטשעפּאַנעק האָט געטאַפּט צווישן די גראָזן מיט די הענט, זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט, אונז אָנגעכאַפּן און געשושקעט אין די אויערן:

— גייט, גייט! גייט אייך געזונטערהייט, גייט מיט גאָט! דאָ בלייבן קאָנט איר נישט!

מיר האָבן קיין וואָרט נישט געקאָנט ענטפערן. ווי שטומע האָבן מיר געשוויגן. זי האָט געקרעכצט און דערציילט, אַז אין סאַמע פאַרנאַכט האָבן די זשידקעס אין גאַס, ווי ישׂראל טראַפּיקאַנט און אַנדערע, געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. זיי האָבן זיך געווערט. אויך אַ געוויסער יונגערמאַן — אַ פּליט פון קאַליש — מענדל זיידל, האָט זיך געוואָרפן אויף די דייטשן, ער האָט אַרויסגעריסן די ביקס פון אַן עס־עס־מאַן און זי צעבראָכן אויף יענעמס קאָפּ. שיסן האָט ער אין דער ענגשאַפט נישט געקאָנט. ווען נישט די עס־עס־לייט מיט די פּוילישע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן זיך אויף אים געוואָרפן ווי די הינט, וואָלט ער דעם דייטש דערהרגעט. זיי האָבן פון אים געמאַכט אַ בלוטיקע מאַסע פלייש און עטלעכע אַרומיקע יידן דערשאָסן. אויך אויף אַנדערע ערטער האָבן איינצלנע יידן אַ ווידערשטאַנד געשטעלט און זיך געוואָרפן אויף די דייטשן.

זי האָט זיך געבראָכן די הענט:

– – גייט, גייט פון דאַנען! גייט מיט גאָט!

אין דער פינצטערניש האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ האַסטיקע באַוועגונג. ס׳איז ווער צו אונז שנעל געלאָפן. מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּט. ס׳איז געווען ברעקער. ער איז געווען ווילד:

— אַרויס, אַריב, שנעל אַרויס ! די דייטשן קומען באַלד אַהער ! שנעל אַנטלויפט !

ס׳האָט זיך פון אים געפילט בראַנפן.

מיר האָבן אים געוואָלט קושן, אַרומהאַלדזן — זיין שוויגער און זיין פרוי זענען צוגעקומען און אונז אונטערגעיאָגט :

— שנעלער, שנעלער !

מיין פרוי, מיינע שוועגערינס, האָבן געוויינט, ספּאַזמירט, זיי געפאַלן אין די אָרעמס. אַרום און אַרום האָט מען געשאָסן.

— וווּ וועט מען גיין ? — פאַרשטעקט אונז ערגעץ, ראַטעוועט — ראַטעוועט אונז דאָס לעבן ! יעדער טריט אַרויס — איז תיכּף טויט ! — מ׳האָט געריסן פון זיך שטיקער.

— איר מוזט גיין ! שוין גיין פון דאַנען ! — האָבן זיי זיך געוואָרפן. ס׳איז נישט געווען צו זיי וואָס צו רעדן.

— אַרויס, אַרויס שנעלער !

אין דער פינצטער זענען מיר ווי שאָטנס געקראָכן איבערן גאָרטן־פּלויטל, אַריבער און אַרויס אויף אַן אָפן פעלד.

12־טער אַפּריל, 1943 :

איך מוז איבעררייסן דאָס דערציילן וועגן יענעם פּרייטיק, (אַז מען וועט לעבן וועל איך זיך בײַ אַ געלעגנהייט, דערצו אומקערן). עפּעס שרײַבט זיך נישט. שוין אייניקע וואָכן ווי כ׳האָב בכלל די פּעדער נישט גענומען אין האַנט. סיבות פעלן נישט. קודם־כּל — די שטימונג פון דער לעצטער צײַט. כ׳ווייס אַליין נישט וואָס, נאָר עס פילט זיך דאָ עפּעס אין דער לופט — עפּעס ווי פאַר אַ שטורעם. אַלע זענען מיר שטאַרק דערשלאָגן. אַ סוד אַ פאַרהוילענער שוועבט אַרום אונז און הלוואי זאָל עס זײַן צום גוטן !

ראשית — פעלעק ! וואָס איז פון דעם מענטש געוואָרן ? — די לעצטע טעג דערקענען מיר אים נישט. וואָס איז די סיבה פון זײַן דערשלאָגנקייט ? — ער גייט אַרום ווי אויפן עולם הדמיון. ער עסט כמעט נישט, רעדט זעלטן און עפּעס אַן עצבות ווייעט פון אים. צי ווייסט ער עפּעס שלעכטס ? צי האָט ער אין דאָרף געהערט וועגן אונז שמועסן ? אָדער טיף אין זיך לעבט ער איבער עפּעס אַ געראַנגל? — דאָס אַליין דערשלאָגט אונז שוין אינגאַנצן. ס׳איז שוין מער קיין כוח נישטאָ. לעצטנס, האָט ער, פעלעק, איינמאָל שוין אַפילו געזאָגט, ער פילט, אַז אונזערע און זײַנע טעג זענען געציילטע. דאָס האָט אונז אַזוי דערשלאָגן, אַז אַ גאַנצן טאָג זענען מיר שפּעטער געלעגן און געשוויגן. קיינער פון אונז האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט. מיר ווייסן נישט פון וואַנען נעמט ער דאָס, פעלעק. צי האָט ער אַ באַגרינדעטע שרעק, צוליב עפּעס אַ ידיעה, אָדער — פילט ער נאָר דאָס אַרויס מיט זײַנע חושים? ווי ס׳זאָל נישט זײַן, פילן מיר אָבער, אַז עפּעס גרייט זיך פאַר אונז. (הלוואי נישט!)

אסתרל מיט צפורהלען, הער איך, וויינען אין די נעכט און שעפּטשען עפּעס — מן הסתם אַ תפילה. כ׳האָב זיי שוין עטלעכע מאָל געפּרוּווט טרייסטן, נאָר מײַנע ווערטער האָבן שטענדיק אַ פאַרקערטע ווירקונג — זיי ברענגען אַרײַן נאָך מער טרויער, אַזוי, אַז כ׳האָב אויך גענומען שווײַגן. מיר וואַרטן, ווער ווייסט ? — — און — אפשר איז דאָס נאָר אַזאַ שטימונג און זי וועט פאַריבער ? — הלוואי ! דערווײַל אָבער קאָן איך נישט שרײַבן. די פּעדער נעמט זיך נישט אין האַנט.

יאָ, פעלעק ! וואָס טראַכט ער, דער פעלעק ? וואָס פאַר אַ סוד טראָגט ער אין זיך ? מיר אָבסערווירן אים לעצטנס פיל, כאָטש ער קומט איצט גאָר ווייניק אין אונזער באַהעלטעניש. פון די שפּאַרעס אין בוידעם־ווענטל (מיר געפינען זיך אין אַ נײַ באַהעלטעניש אויפן בוידעם) זעען מיר אים כסדר. גאַנצע טעג זיצט ער אַנטקעגן הײַזל, בײַם ברונעם, אויף אַ גרויסן שטיין, ער רויכערט אַ פּאַפּיראָסל און קוקט פאַרטראַכט אין דער ווײַטקייט, ווי ער וואָלט עפּעס דערוואַרט. אויך די „טשאַטקע” און די פעלקאָווע זענען לעצטנס אַנדערע מענטשן געוואָרן : גייען אַרום אויף די שפּיצן פינגער און שווײַגן, מען הערט זיי כמעט נישט. כ׳האָב שוין עטלעכע מאָל געפּרוּווט פרעגן בײַ דער טשאַטקע, וואָס עס איז געשען, וואָס עס איז מיט פעלעקן —

נעמט זי לאַכן און זאָגט, אַז ס'איז גאָרנישט, אַז אונז דאַכט זיך נאָר אַזוי אויס. אָבער — איך פיל אויך אין איר עפעס אומהיימלעכס.

נאָר דערשלאָגן האָט אונז די לעצטע נאַכט. די נערוון זענען ביי אונז שוין אַזוי אָנגעשטרענגט, נאָר משוגע צו ווערן. ניין, ס'איז נישט פשוט. עפעס גייט אַ שפיל אַרום אונז און ווער ווייסט מיט וואָס דאָס קאָן זיך פאַרענדיקן.

די גאַנצע צייט פון אונזער זיין אין דעם נייעם באַהעלטעניש אויפן בוידעם וואַכן מיר אין די נעכט. מיר טוישן זיך, יעדע נאַכט — אַ צווייטער. מען הערט זיך איין צי ס'איז שטיל אַרום אונז און היטן אויך, אַז די אַנדערע זאָלן רויק שלאָפן. אסתרל, האַלטנדיק וואַך, האָט אַרום האַלבער נאַכט געהערט טריט אַרום הייזל. זי האָט אונז אַלע פאָרזיכטיק אויפגעוועקט. דורך די שפאַרעס האָבן מיר געזען אַ געשטאַלט שטיין הינטער אונזער וואַנט. איך האָב שטילערהייט געעפנט דאָס באַהעלטעניש, זיך אַראָפגעשאַרט פון בוידעם, אַריין אין שטוב און אויפגעוועקט פעלעקן. נאָכדעם, ווי איך בין צוריק אַרויף און זיך פאַרשטעקט — איז פעלעק אַרויס אין דרויסן. מיר האָבן דאַן דורך די שפאַרעס געזען, ווי דאָס געשטאַלט אַנטלויפט. פאַרשטייט זיך, אַז אַלע האָבן מיר שוין נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. עטלעכע פון אונז האָבן געציטערט, ווי פון אַ קעלט געוואָרפן. נאָך לערך אַ האַלבע שעה האָבן מיר אויפסניי דערהערט טריט און ווידער האָבן מיר דעם זעלביקן פאַרשיין דערזען הינטער דעם ווענטל. איך האָב נאָך אַמאָל צו וויסן געגעבן פעלעקן. ער איז אַרויס און יענער איז ווידער אַנטלאָפן. שפעטער איז פעלעק אין דער פינצטער אַרויפגעקראָכן צו אונז אויפן בוידעם און געזיפצט. איך האָב אים גענומען באַרואיקן: „ס'איז נישט קיין באַוויז, אַז מען איז אונז געקומען אונטערהערן. ס'איז מעגלעך, אַז דאָס איז נאָר אַ פשוטער גנב, וואָס האָט עפעס געוואָלט צוגנבענען". פעלעק האָט נישט געענטפערט און לאַנג נאָך געשוויגן. שפעטער האָט ער פאַרויכערט אַ פאַפּי־ראָסל און אַרויסגעשטאַמלט, אַז אים דאַכט זיך גאָר, אַז דאָס איז געווען דער „דוך", דער „גייסט", פון זיין ברודער יאַנעק, וואָס איז אַוועקגעפאָרן. שוין עטלעכע טעג ווי ער האָט פון יאַנעקן נישט קיין גרוס. ער האָט אַ פאָרגעפיל, אַז ער לעבט נישט מער און ווער ווייסט, צי דאָס איז אַמאָל נישט געווען זיין „דוך", וועלכער איז געקומען נאָך אונז. מיר האָבן, בעת ער האָט דאָס געזאָגט, אין דער פינצטער עטלעכע מאָל באַטראַכט זיין געזיכט, וועלכעס איז באַלויכטן געוואָרן יעדעס מאָל, ווען ער האָט פאַרצויגן דאָס פאַפּי־ראָסל. אינטערן פייערל האָבן זיך גערויטלט דאָס בלאַסע געשטופלטע פנים און די ווייסלעך־אויסגעלאָשענע אויגן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ מת אָדער ווי אַ „גייסט" אַרויסגערופן דורך כישוף. לאַנג איז ער נאָך געזעסן ביי אונז, ער האָט געשוויגן און געצונדן איין פאַפּיראָסל נאָכן צווייטן. ערשט ווען אין דרויסן האָט גענומען גרויען, האָט ער אַ זיפץ געגעבן און זיך אַראָפגעשאַרט.

⁂

פרוימאַן לאָזט אונז נישט רוען. די נערוון האָבן ביי אים געפלאַצט. ער שרייט, אַז שוין, אַלץ איז געענדיקט, מיר זענען אַנטדעקט, אין דאָרף ווייסט מען וועגן אונז!

פאַרטאָג, באַלד נאָך פעלעקס אַראָפקריכן פון בוידעם, האָט ער געטענהט, אַז מיר זאָלן שוין אַנטלויפן, ווייל ס'איז אַלץ אַנטדעקט. ער האָט אַליין געזען ווי

דער פאַרשוין, האָט שטייענדיק הינטערן ווענטל, אַרויפגעקוקט צו אונז, גלייך אין די שפּאַרעם אַריין. אסתרל האָט אויך גענומען וויינען, אַז מ׳זאָל תיכף אַוועק. אפרים מיט צפורהלען זענען צעטומלט, ווי צעמישט. זייערע בליקן גרוילן מיך אויף. איך האָב זיך צעקריגט מיט פרוימאַנען, כ׳האָב אים אויפגעוויזן, אַז אין דער נאַכטפינצטערניש איז נישט מעגלעך געווען צו זען, וווהין יענער פּאַרשוין קוקט און, אַז אים האָט זיך דאָס נאָר אַזוי אויסגעדאַכט. ער איז דערפאַר אויף מיר אַרויף, פרוימאַן, און שיר מיך געוואָלט שלאָגן. ער האָט גענומען שווערן, אַז ער האָט בפירוש געזען, ווי יענער קוקט גלייך אַרויף אין דער שפּאַרע אַריין. איך האָב פון אים געשפּאַסט און געחוזקט אַזוי לאַנג, ביז ס׳האָט געהאַט אַ פּעולה — ס׳האָט געווירקט אויף אסתרלען, צפורהלען און אפרימען. ס׳איז מיר געלונגען זיי איבערצוצייגן, אַז פרוימאַן האָט געהאַט אַ טעות, יענער האָט אונז נישט אין זינען געהאַט. זיי האָבן פריִער אָפּגעאָטעמט. כאָטש זיי האָבן ווייניק געגלייבט אין מיינע אויספירונגען, אַז ס׳איז קיין שום מורא נישטאָ. מיר קאָנען דאָ רואיק בלייבן. פּונקט, ווי איך אַליין גלויב ווייניק אין דעם, נאָר — פאַרפאַלן, אַז ס׳איז קיין עצה נישטאָ, גישטאָ וווהין צו אַנטלויפן — מוז מען גלויבן !

⁂

פרוימאַן איז אַביסל נישט נאָרמאַל. אַזוי דאַכט זיך אונז. איצט, נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ צווישעהדיקן דרימל און מיר האָבן נאָכאַמאָל גענומען איבעררעדן פון ביינאַכטיקן געשעעניש — שווערט ער זיך, אַז עס איז אַ ליגן, ער האָט גאָרנישט געזאָגט, אַז ער האָט יענעם געזען אַרויפקוקן צו אונז, ער הויבט דערפון נישט אָן צו וויסן, מיר מאַכן אויף אים אַ בלבול. איצט ליגט ער אין אַ ווינקל ברוגז און רעדט נישט צו קיינעם פון אונז, ער איז בייז פאַרוואָס מיר רערן אים איין, אַז ער האָט אַזוי געזאָגט.

די לעצטע צייט האָב איך זיך שוין מיט אים עטלעכע מאָל צעקריגט. ער טענהט אַלעמאָל, אַז עס איז אַ שאָד די רייד, מיר וועלן סיווי נישט איבערלעבן, נאָר מען קאָן דאָך נישט אַנטקעגנגיין דעם טויט אין פנים אַריין — באַהאַלט מען זיך אויס, ס׳איז אָבער ווערט אַ דרייער. לאַנג וועט עס שוין נישט דויערן. שטענדיק ווען ער חזרט דאָס איבער, באַקומט ער פון מיר אַ פּסק. איך זאָג אים, אַז ער איז אַ שוואַרצזעער און אַז ווען איך זאָל זיין ביי דער זעלבער מיינונג וואָס ער — וואָלט איך זיך נישט באַהאַלטן. די אַנדערע הערן זיך צו צו אונזער הייסן ויכוח מיט קלאַפּנדיקע הערצער, אַזוי ווי פון אונזער אויספיר וואָלט זיך טאַקע געווענדט צי מיר וועלן איבערלעבן צי נישט. זיי זענען צופרידן ווען איך נעם זיך שווערן, אַז מ׳וועט זיכער איבערלעבן. אַנדערש פאַלט מיר גאָרנישט איין. זיי לעבן אויף זעענדיק ווי פרוימאַן ווערט צום סוף שטיל, ווי באַזיגט, און פאַררוקט זיך אין אַ ווינקל, וווּ ער נעמט שנאָרכן. דאַכט זיך, ער שלאָפט. איך קאָן אָבער נישט אַנטשלאָפן ווערן : צי איז דאָס אַלץ טאַקע כדאי, צי כדאי דאָס מאַטערן זיך, אַז קיין כוח איז ראָך מער נישטאָ. כ׳ווייס, ער איז כשר גערעכט, פרוימאַן. אָבער — אָבער נאָכגעבן אים טאָר איך נישט. ווייל, אָ, דעמאָלט — וואָלט מען שוין טאַקע געדאַרפט אַליין חלילה זיך איבערגעבן די דייטשן. ניין, איך טאָר אים נישט נאָכגעבן ! ער אַליין האָט אויך הנאה פון מיין איבערשפּאַרן אים. פון מיין פעסטן גלויבן.

איך דערפיל, ווי אסתרל מיט צפּורהלען באַטראַכטן יעדן אויסדרוק פון מיין פּנים, גיב איך א שטאַמל ארויס: „יאָ, יאָ, זיכער איבערלעבן!“ און הויב אָן צו שנאָרכן.

מיר זענען, ווי געזאָגט, אין אַ גיי באַהעלטעניש אויפן בוידעם. ביז איצט נאָך נישט דערציילט וועגן דעם.

געווען איז דאָס, נאָך מיט אַכט טעג צוריק, ווי מיר האָבן געמוזט פאַרלאָזן די וואַנט אין שטוב. יענע נאַכט וועלן מיר אייביק געדענקען!

ס'איז געווען שטאָק־פינצטער. נאָך אַ פריילעכן אָוונט, ווען מיר האָבן איבערגעליענט א „כתיבה“ מיט גוטע נייעס פון רוסישן פראָנט, האָבן מיר געגעסן אָונטערברויט מיט די בני־בית ארום וואַרעמען אייוועלע און אין א גוטער שטימונג דערנאָך זיך געלייגט שלאָפן. מיר האָבן, ווי שטענדיק, זיך אויסגעבעט אויף דער ערד. זיך געלייגט אויף ברייטע שעניקעס אין א שורה — איינער לעבן אַנדערן. מ'האָט נאָך נישט באַוויזן איינצודרימלען, ווי מ'קלאַפּט אין פענצטער, אין דער שויב. מיר האָבן נאַקעטע, גענומען לויפן הינטער דער וואַנט אַרונטער, גלייך אין באַהעלטעניש אַריין (די מלבושים האָבן מיר נאָך פאַרן שלאָפן־גיין דאָרט אַריינגעלייגט). די טשאַטקע צעוואָרפט שטיל אונזערע געלעגערס און פרעגט:

— „ווער איז?“

א מענער־שטימע אין יענער זייט ענטפערט אין רוסיש:

— „עפן אויף אַלטע, גיב עפּעס עסן!“

— „פאַרטיזאַנער“ — מורמלט פרוימאַן.

מיר ווייסן נישט, צי מיר דאַרפן זיך שרעקן אָדער גאָר זיך פרייען.

די טשאַטקע זאָגט, אַז זי איז אַלט און אָרעם און האָט גאָרנישט אין שטוב.

אין דער זעלבער רגע איז די שויב צעשפּרונגען געוואָרן אויף שטיקלעך. די טשאַטקע האָט געגעבן א קוויטש און — דורכן פענצטער — האָבן אין צימער גענומען אַריינקריכן איינער נאָכן אַנדערן, עטלעכע מענער. זיי האָבן זיך גלייך גענומען זוכן. איינער האָט אָנגעהויבן שלאָגן די טשאַטקע און געפאָדערט, אַז זי זאָל תיכף אָפּגעבן דאָס פאַרמעגן, וואָס זי האָט אין שטאָט געראַבעוועט ביי יידן. די טשאַטקע וויינט, אַז עס איז אַ ליגן. עס הייבט זיך נישט אָן, זי האָט נישט געראַבעוועט, זי ווייסט פון גאָרנישט. שווערע קלעפּ פאַלן אויף איר. מיר שטייען נאַקעטע און ציטערן פון קעלט און שרעק. מיר הערן ווי מען זוכט אַלץ, מען באַטאַפּט די ווענט, זיי קריכן פון אָרט צו אָרט. מיטאַמאָל — מ'גראַבלט אויף אונזער טירעלע. ס'האָט עס ווער אָנגעהויבן שטופּן אין — עס האָט זיך גענומען עפענען! מיר קנייפּן זיך איין איינער אין צווייטן. אַ האַנט מיט אַ רעוואָלווער שטרעקט זיך שוין אַריין אין באַהעלטעניש. איך כאַפּ זי אָן:

— טאָוואַרישטשי! — גיב איך אַ געשריי. כ'נעם אַרויסקריכן און הינטער מיר — זיי אַלע.

אין שטוב איז טונקל, עס לייכטן נאָר עטלעכע עלעקטרישע לעמפּלעך אין די הענט פון די פאַרשיינען — אָנגעצויגענע אין לאַנגע לעדערנע פוטערס, פוטערהיטלען, אויטאָמאַטישע ביקסן מיט רעוואָלווערן איבער די פּאַסקעס. איבעראַשטע

אויגן שטעכן זיך אין אונז איין. איך פאַל איינעם אין די אָרעמס, נעם אים קושן:

— טאָוואַרישטש, נעם אונז מיט! מיר גייען מיט אייך!

מיין חברה נעמט וויינען אויפן קול.

⁂

אויף צומאָרגנס איז געווען חושך. מיר זענען אַלע געלעגן אויפן בוידעם, אין היי, צעשלאָגענע ביז בלוט, אָן מלבושים. זיי האָבן אויך אונזער אָנטועכץ מיטגענומען מיט זיך און אַלץ פון שטוב אויסגערויבט. מיר האָבן גאָרנישט געפילט, נאָר געלעגן און געוואַרט. זיכער, אַז די באַנדיטן וועלן אונז אַנטדעקן פאַרן גאַנצן דאָרף און — שוין, שוין! —

אסתרל קושט מיך. זי וויל, אַז מיר זאָלן זיך געזעגענען. זי פילט — זאָגט זי — אַז עס איז אונזער לעצטער טאָג. צפורהלע וויינט, אפרים זיצט פאַרגליווערט. אונטן אין שטוב ליגט די טשאַטקע אַ צעשלאָגענע אין בעט. פעלעק איז ערגעצווו פאַרשווונדן. פאַרטאָג האָט ער צוגערוימט די שטוב און דעם הויף — די שכנים זאָלן נישט דערקענען די שפורן. זיי וועלן סיווי דערקענען אין דער אויסגעהאַקטער שויב, אַז עס איז עפּעס דאָ פאָרגעקומען. חוץ דעם האָט מען זיכער געהערט אין דאָרף דאָס שיסעריי בעת זיי האָבן מיט דראָונג געשאָסן איבער אונזערע קעפּ. פעלעק באַווייזט זיך. ער קריכט אַרויף צו אונז אויפן בוידעם און דערציילט, אַז ער איז געווען אין פיל שטובן אין דאָרף. דאַכט זיך אים, אַז עס איז שטיל, דאָס הייסט, אַז מען ווייסט נאָך אין ערגעץ נישט וועגן געשעעניש דאָ ביינאַכט. צפורהלע און אסתרל קרעכצן. זיי דערפילן ערשט די קלעפּ און די וואונדן אויפן לייב, זיי קאָנען זיך כמעט נישט באַוועגן. אויך מיר האָבן באַקומען שווערע קלעפּ ביים פאַרטיידיקן זיך. איצט באַטראַכטן מיר אונזערע וואונדן און האָבן אַ סאַטיספאַקציע. נאָך אַלעם באַגרייפן מיר גאָרנישט די ניסים. דאָס גיט אונז אַביסל טרייסט און בטחון:

— אפשר טאַקע ניסים? אפשר דאַרפן מיר נישט זיין אַזוי רעזיגנירט? אולי, אפשר פאָרט, אולי ירחם? — — —

14־טער אַפּריל:

מיר ליגן אין נייעם באַהעלטעניש, הינטער אַ טאָפּלטער וואַנט אויפן בוידעם (פעלעק האָט עס פאַרטאָג אויפגעקלאַפּט) און מיר קאָנען נאָכנישט פאַרגעסן אין יענעם געשעעניש ביינאַכט. מיר זעען בפירוש, אַז פּרוימאַן איז גערעכט, אַ שאָד דאָס מאַטערן זיך. אַלע כוחות זענען פאַראייניקט קעגן אונז. ערדישע און אויך הימלישע. שווערער ווי די פיזישע — זענען די מאָראַלישע קלעפּ. אַלץ איז קעגן אונז. אויך פעלעק איז לעצטנס געקומען צום אויספיר, אַז דאָס אויסבאַהאַלטן זיך איז איבעריק, ווייל אויך ווען דער דייטש וועט אַוועק, וועלן די „רוסקע” אונז הרגענען. מיר טרייסטן אים און זיך: ראשית — האָבן זיי דאָך אונז פאָרט געלאָזט לעבן, נישט געהרגעט, צווייטנס — דאָס זענען זיכער געווען פאַרשטעלטע פאַרטיזאַנער, באַנדיטן, נישט אמתע „רוסקע”. דאָס ווירקט אַביסל אויף אים, אָבער מיר אַליין פילן,

וואָס אַ טאָג מער, אַז דער באָדן אין אונזער שטייג ברענט שטאַרקער אונטער אונזערע פיס. פעלעק גייט אַלץ אַרום מרה־שחורהדיק און ברענגט אונז יעדן טאָג ידיעות, וואָס פרעסן אויף אין האַרץ דאָס לעצטע ביסל האָפנונג.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן דאָרפישע „כלאָפּצעס", נאָך אַ „זאַבאַווע", זיך אַוועקגעלאָזט אין וועלדל ביי זשאַרנאָווקע, אַרויפגעלייגט קזשאַקעס אויף אַ גרוב מיט זעקס באַהאַלטענע יידן — צווישן זיי פרויען און קינדער — און אונטערגעצונדן. די מענטשן זענען אין די קנאַקנדיקע פלאַמען פאַרברענט געוואָרן. אין די דערפער גייט איצט אַ געוואַלטיקע העצע קעגן די, וואָס באַהאַלטן אויס יידן. ערשט מיט צוויי טעג צוריק איז די טשאַטקע געווען אויף אַ חתונה ביי אַ קיילער אין קאַלושין און איז אַהיימגעקומען גאָר דערשלאָגן. מען האָט דאָרט גערעדט וועגן „פאָלקס־פאַררעטער", וואָס באַהאַלטן אויס די שונאים פון גאָט און פאָלק — די יידן. איינער, אַ פעטער חזירניק, האָט געלאַכט, אַז זיי, די ראָזיקע פאַררעטער וועלן סיווי האָבן אַ שוואַרצן סוף — די יידן אַליין וועלן זיי שפּעטער דערהרגענען. צווישן פּויערים אויף די דערפער דערציילט מען זיך מעשיות וועגן געכאַפּטע יידן אויף די וועגן, וואָס ווייזן תיכף אָן די דייטשן, וועלכע פּאָליאַקן ס'האָבן זיי געהאָלפן. די פּאָליאַקן ווערן דערפאַר דערשאָסן גלייך מיט די יידן. דאָס איז די יידישע נקמה פאַרן טויט. „ס'איז אַן עבירה זיי צו העלפן!"

אַנומלט, האָט אונז פעלעק געטרייסט, אַז אים אַרט עס גאָרנישט. ער האָט נישט קיין מורא פאַרן טויט. ער האָט שוין פיל מאָל ריזיקירט מיטן לעבן, נאָר — פעלעק שטאַמלט, גיט אַ שמייכל און ווערט באַלד ווידער בלאַס, נאָר — עס האַנדלט זיך אין עפּעס אַנדערש. יאָ, מיר זאָלן זיך נישט באַליידיקן: פאַרן טויט האָט ער טאַקע קיין מורא נישט, נאָר עס גייט אין דער חרפּה, ס'וועט בלייבן אַ שאַנדע לדור־דות פאַר זיין משפּחה! וואָלט עס געווען פאַר גניבה, רויב, מאָרד — מ'וועט אָבער זאָגן, אַז ער איז געהרגעט געוואָרן פאַר אויסבאַהאַלטן יידן. דאָס וועט אים די משפּחה קיינמאָל, אויך נאָכן טויט, נישט מוחל זיין!

15־טער אַפריל:

יאַשקאָ אָדראָבינשטשאַק איז אַריינגעקומען און זיך געקלאָגט, אַז ער האָט נישט קיין הצלחה. אָט האָבן מענטשן מזל, למשל אין סטאַרע־בודקי האָט מען מיט אַ טאָג פריער „געפוצט" די פייסאַקעס און זיי געשאָסן.

אויך זיי, די אָרעמע פייסאַקעס, לעבן שוין נישט!

געווען איז דאָס באַלד אין אָנהויב, אין די ערשטע וואָכן פון אונזער זיין ביי פעלעקן. אין אַ פרימאָרגן, האָט אונז די פעלקאָווע שנעל אַרויסגערופן פון באַהעלטעניש אין שטוב, צוגעפירט צום פענצטער און פון הינטער די פאָרהענגלעך אַפער האָט זי אונז געהייסן אַרויסקוקן ווייט אויפן פעלד. נאָענט ביים וועלדל האָבן מיר געזען צוויי מענטשן, ווי צוויי שוואַרצע פינטעלעך אויף דער אומענדלעכער שניי־ווייסקייט. — „דאָס זענען די פייסאַקעס" — האָט זי אונז געזאָגט — די זין פון אַ יידישער הענדלערקע פון קאַלושין, וואָס וואַלגערן זיך אין אונזער געגנט. נאָך קינדער פון זעכצן און זיבעצן יאָר, אָבער קלוגע, גיבן זיך אַליין אַן עצה.

„אָ, ווי ס'האָט זיך דעמאָלט פאַרגלוסט אַרויסלויפן, זיי אונטעריאָגן, אַרומבאַפן און אויסקושן, קושן און וויינען און אַזוי שוין צוזאַמען טיילן דעם גורל.

אָ, אָרעמע ברידער אונזערע, מיר זאָגן אייך צו נישט צו פאַרגעסן! נקמה צו נעמען! מיר זענען די עדות פון אייער אכזריותדיקן טויט, מיר, עטלעכע יידן — פאַרשטעקטע ווי מייז! אָ, טייערע, הייליקע, מיר וועלן, אויב מען וועט איבערלעבן, נקמה נעמען פאַר אייער הינטישן טויט, נקמה נעמען אין גאַנצן דאָרף, וואָס האָט אונטער דעם סאָלטיסעס קאָמאַנדע — אויף אייך אַן אָבלאַווע געמאַכט! מיר טוען אַ נדר, מיר וועלן דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן! וואָס האָבן זיי געוואָלט פון אייך, יידישע קינדער, וואָס האָט איר זיי שלעכטס געטון מיט אייער אָרעם לעבן?

⁂

יאַשקאָ דערציילט די פרטים פון די פייסאַקעס טויט און דאָס האָרץ פלאַצט ביי אים שיר פון ווייטיק; פאַרוואָס האָט ער פריער וועגן דעם נישט געוווסט. נישט באַשערט אַ שטיקל אַרבעט. ער איז ביין אויפן בודקער סאָלטיס, פאַרוואָס ער האָט אים אויך נישט צוזויסן געגעבן, אַז מען גרייט אויף זיי אַן אָבלאַווע. ווען ער האָט זיך דערוווּסט און איז דאָרט אַוועק — איז שוין געווען צו שפעט — נאָך אַלעמען. די פאָליציי איז געווען און זיי, די פייסאַקעס, האָבן שוין געהאַט געבונדענע הענט.

— האַ, האַ האַ! ווי בלאַס זיי זענען געווען די „סוקי סינעס"! בלאַס, מיט פאַרטרוקנטע ליפן, אַז זיי האָבן אַפילו נישט געקאָנט רעדן, אָדער אפשר האָבן זיי נישט געוואָלט רעדן? ס'האָט נישט געהאָלפן דאָס שלאָגן, די שווערע קלעפ — זיי האָבן נישט אויסגעזאָגט, ווער עס האָט זיי געשטיצט, געהאָלפן. אָ, ווי עקשנותדיק זיי זענען געווען, די הורישע זין! נאָך יונגע יינגלעך און אַזעלכע עקשנים! די אויגן

זענען ביי זיי געווען שאַרף, אָנגעשפּיצט. ביז מ׳האָט זיי דערשאָסן האָבן זיי געקוקט אַזוי מאָדנע אויף אַלע אַרום!

יאַשקאָ זאָגט, אַז ער וועט עס נישט שענקען דעם סאָלטיס. מען שמועסט, אַז עס איז ביי אים געבליבן אַ פּעלצל, גאָר אַ גוטס, וואָס די פּייסאַקעס האָבן ביי אים געהאַט באַהאַלטן און צוליב דעם זאָל ער זיי האָבן אָפּגערוימט. ניין, ס׳וועט אים גלאַטיק נישט אָפּגיין! אָדער זאָל ער דערפון געבן אַ העלפט, אויב נישט — גייט ער אַליין צו דער זשאַנדאַרמעריע דערציילן! איינמאָל פאַר אַלעמאָל — ער מוז אויך פון דעם עפּעס האָבן!

— פּשאַ־קרעוו! — שפּייט ער אויס און פאַרקלאַפּט הינטער זיך די טיר.

אין עטלעכע טעג אַרום, ווידער אַ בשורה וועגן געשאָסענע ייִדן.

דאָס מאָל דערציילט עס קוטשאַק פון נאָווע־בודקי. אויך ביי זיי האָט מען נעכטן געכאַפּט עטלעכע „סוואָלאָטשעס" — אַ ייִד מיט זיין ווייב און צוויי קינדער. אויך ער, קוטשאַק, האָט אַנטייל גענומען אין יאַגד אויף זיי. דאָס איז געווען אַ שניידער פון וואַרשע. ער האָט אומזיסט, בלויז פאַרן ביסל עסן, געאַרבעט פאַר אַלע פּויערים. עטלעכע שעה — לאַכט ער — האָט דאָס גאַנצע דאָרף זיי געזוכט און קוים געכאַפּט. אויך אייער יאַשקאָ אָדראָבינשטשאַק איז געווען. ער האָט ווי אַ פערד געאַרבעט. ס׳איז געווען קונציק, איר האָט געדאַרפט זען, ווי ער האָט געזוכט. ער איז שוין איינמאָל אַ פאַרשוין! אָ, ווי די פרוי און די קינדער האָבן געווינט! די קאָביטעס קאָפּ איז שפּעטער, ביים אָפּשיסן, געפלויגן איבער די דעכער פון די כאַלופּעס. אַלע זענען זיי עקשנים. זיי האָבן נישט געוואָלט אויסזאָגן, וווּ זיי האָבן גענעסן און געשלאָפן די גאַנצע צייט. זיי האָבן געטענהט, אַז זיי זענען געווען אין וואַלד און, אַז זיי האָבן זיך געשפּייזט מיט בלויז רויע קאַרטאָפל.

— כאַ, כאַ כאַ, — מיר האָבן נאָך געהאַט מזל! אַ האַלב דאָרף האָבן זיי נאָך געקאָנט פאַרשיטן! שוין, איצט פּטור אָן עסק, שוין נאָך אַלעמען!

ער, קוטשאַק, קאָן זיך געוועטן, אַז אין אַלע אַרומיקע דערפער באַהאַלטן זיך אויס אַזעלכע פאַרשוינען. מ׳דאַרף אומעטום גוט זוכן, וועט מען זיי שוין געפינען!

די טשאַטקע זאָגט, אַז זי אַליין וואָלט מיטגעהאָלפן אין אַזאַ אָבלאַווע!

קוטשאַק קלאַפּט איר, מיט אָנערקענונג, אין דער פּלייצע.

פעלעק שווייגט און ווען קוטשאַק נעמט אים ציען פאַר דער צונג — זאָגט ער:

— הער, קוטשאַק, איך וועל דאָס קיינמאָל נישט טון. ניין, דער פּאַן בוג הייסט נישט הרגענען! — כ׳ווייס נישט, איך וואָלט עס נישט געקאָנט! ניין, העלפן אַ ייִד — וועל איך נישט, אַרייַנלאָזן איבער מיין שוועל — אוודאי נישט, אָבער הרגענען — אויך נישט! זאָל ער קומען אויף אַנדערע הענט.

קוטשאַק שרייט, אַז פעלעק איז אַן אידיאָט, אַ בהמה!

— אַ ייִד, אַז דו וועסט אים נישט הרגענען, וועט ער לסוף דיך הרגענען! וועסט זען פעלעק, דו אַליין וועסט נאָך האָבן אַ שוואַרצן סוף פון ייִדן!

שפּעטער, ווען ער איז אַוועק, איז פעלעק אַרויף צו אונז און מיט די אויסגעלאָשענע אויגן געשמייכלט:

— און אפשר איז ער נערעכט, קוטשאַק, הא? אפשר וועט איר אַליין מיך נאָך הרגענען, הא?

16־טער אַפּריל:

זעט אויס, אַז אין דאָרף ווייסט מען עפּעס וועגן אונז. צי שטאַמט דאָס פון די פּאַרטיזאַנער? —

פּעלעק האָט נעכטן געטראָפן לאַגידזשאַקן טראָגן אַ שווערן זאַק איבער די פּלייצעס, האָט ער זיך געחכמעט:

— וואָס טראָגסטו, לאַגידזשאַק, אַ זאַק מיט גאָלד?

דערויף האָט אים לאַגידזשאַק געענטפערט:

— פון וואַנען זאָל איך האָבן גאָלד? — כ'האָב דאָך נישט ביי זיך קיין יידן ווי דו...

פּעלעק האָט דאָס אונז נישט געוואָלט דערציילן, נאָר עס איבערגעגעבן בסוד אונטן אין שטוב, האָט עס אונז שפּעטער די פּעלקאָווע, אויסגעזאָגט, אויך בסוד.

און צי זענען נישט קיין אָנדייטונגען די מעשיות, וואָס קלעש דערציילט יעדן טאָג ביי פּעלעקן אין שטוב, וועגן פּאַרטיזאַנער, וואָס גראַסירן דאָ אין געגנט און אַנטדעקן יידן?

יאָ, עס זעט אויס צו זיין זיכער, אַז מען ווייסט וועגן אונז. דער וויצע־סאָלטיס האָט שוין אויך געפרעגט דער טשאָטקען, צי ס'איז אמת די מעשה מיט די יידן, וואָס די פּאַרטיזאַנער זאָלן דאָ האָבן ערגעץ אַנטדעקט און, אַז זיי האָבן אויך אַ שפּאָר ביסל גאָלד געפונען. די טשאָטקע האָט פון אים גענומען חוזקן און אָפּלאַכן. זי חוזקט אויך פון אונז, זענדיק ווי מיר זינקען צו דער ערד. זי זאָגט, אַז מיר דאַרפן זיך נישט שרעקן.

— ערשטנס, ווייסט ער דאָך נישט, אַז עס איז געווען ביי אונז, און ווען שוין יאָ — איז ער, דער וויצע־סאָלטיס קוויאַטקאָווסקי, אַן אָרנטלעכער מענטש, ער וועט דאָס פאַר קיינעם נישט דערציילן און איבערדיקנס, וועט סיי־ווי קיינער נישט וואַגן צו גיין מסרן ווייל ··· זי וועט אונז אַנטדעקן נאָך אַ סוד:

— פּעלעק איז אויך אומעטום באַקאַנט אַלס אַ באַנדיט, אַלע האָבן פאַר אים מורא, קיינער וועט זיך נישט איינשטעלן אים צו מסרן! מיר קאָנען גאַנץ רואיק זיין!

30־טער אַפּריל:

א פרייליכע בשורה:

די טשאַטקע איז לעצטנס איינמאָל געווען אין מינסק און זיך דערוווסט, אַז אין רוצקיס מעטאַל־פאַבריק איז דאָ א יידן־לאַגער! עס אַרבעטן דאָרט קרוב הונדערט מאַן — יידן פון דעם געגנט. אויף צומאָרגנס האָבן מיר זי אַהינגעשיקט. פאַרנאַכט איז זי צוריקגעקומען מיט א הויפן בריוועלעך פון פיל אונזערע חברים און פריינט. עס געפינען זיך דאָרט אויך פּרוימאַנס צוויי שוועסטער און צוויי ברידער.

מיר זענען אין זיך געשפּרונגען פון פרייד. מיר האָבן באַלד איבערגערעדט מיט פעלעקן און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן א פּריש באַהעלטעניש און ברענגען נאָך עטלעכע יידן, אָבער אַזוי ווי ביי אונז אין דער כאַטע איז אפשר א מורא, ווער ווייסט צי מ'רעדט חלילה נישט פון אונז — האַלט ער, פעלעק, אַז מ'דאַרף דעם סוד פון אונזער זיין דאָ אַנטפּלעקן פאַר זיין ברידער יאַנעק (פעלעק האָט נישט גוט פאַרגעפּילט. יאַנעק לעבט) און אונטערהאַנדלען מיט אים וועגן מאַכן די נייע „קריוווקע" אין זיין כאַלופּע, אָבער איידער דאָס וועט פאַרטיק ווערן, זאָלן זיי, די פּאָר יידן, דערווייל קומען צו אונז. ער באַשטייט דערויף.

מיר פילן זיך יום־טובדיק. איך און אויך פּרוימאַן און אפרים האָבן גלייך געשריבן בריוו צו פּרוימאַנס שוועסטערן און צו אונזער חבר ישראלעק גרינבערג, אַז זיי זאָלן זיך גרייטן קומען צו אונז. עטלעכע מאָל איז די טשאַטקע שוין געווען אין שטאָט און מיט זיי וועגן דעם געשמועסט. זי זאָגט אפילו, אַז זי שטעלט איין דאָס לעבן ביי יעדן באַזוך דאָרט. אַרום לאַגער דרייען זיך אַגענטן, מען זעט פאַרדעכטיקטע פּנימער. וואַרט זי שטענדיק עטלעכע שעה און סימולירט א בעטלערין, נישט צו ווערן פאַרדעכטיק מיטן דרייען זיך אַהין און צוריק און ערשט, ווען אַרום איז קיינער מער נישטאָ — גיט זי א צייכן און די יידן קומען צו צום פּלויט.

— אָ, ווי זיי זען אויס! — דערציילט זי — שוין שאָטנס, נישט קיין מענטשן!

יעדעס מאָל ברענגט זי צענדליקער בריוועלעך פון חברים, פריינט, באַקאַנטע. וויפל האָפנונגסלאָזיקייט און יאוש אין זיי! שטענדיק נאָכן לייענען די בריוועלעך, דריקט אונז שעהן לאַנג אַן עצבות. כ'רוב זענען, ווי ס'זעט אויס, שוין גלייכגילטיק און דערוואַרטן אַפּאַטיש דעם גורל. עטלעכע קלערן צו פאָרן קיין וואַרשע. זיי שרייבן, אַז אין וואַרשע לעבן נאָך א פּאָר צענדליק טויזנט יידן. יאַנקל שיפּמאַן שרייבט, אַז אין וואַרשעווער געטאָ אַרבעטן יידן אויס „אייער" און מען גרייט זיך.

ישראלעק און פּרוימאַנס שוועסטערן לייגן בסדר אָפּ דעם טערמין פון קומען צו אונז. שוין א פּאָר מאָל ווי די טשאַטקע איז צו זיי געגאַנגען מיטן באַשלוס זיי מיטצונעמען מיט זיך, אָבער שטענדיק קומט זי צוריק אליין. זיי זענען נאָך דערוויל נישט גרייט — שרייבן זיי. צי האָבן זיי מורא פאַרן וועג? — פעלעק איז שוין

בייז און אויך די טשאָטקע, זי זאָגט, אַז זי וועט מער צו זיי נישט גיין, ווייל זי פאַרשטיט נישט די סיבה פון זייער אָפּשלעפּן. איך האָב צו זיי וועגן דעם געשריבן — שרייבן זיי מיר איינמאָל צוריק, אַז שוין, דעם נאָענטסטן דינסטיק, דעם 27־טן, קומען זיי זיכער, אָבער אויך דינסטיק איז די טשאָטקע צוריקגעקומען אַליין, אָן זיי. אַזוי האָבן זיי שוין עטלעכע מאָל אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג. איך וואָרן זיי, אין מיינע בריוו, עס זאָל חלילה נישט זיין צו שפּעט.

איצט שרייבן זיי אונז, אַז דעם 7־טן יוני קומען זיי שוין, אָבער דאָס מאָל אויף זיכער. מיר מוזן בכן נאָך וואַרטן עטלעכע וואָכן.

1־טער מאַי :

ס'איז היינט דער ערשטער מאַי, דער יום־טוב פון די אַרבעטער. אין דעם טאָג האָבן צענדליקער טויזנטער יידישע אַרבעטער מאַרשירט מיט לאָזונגען פון פרייהייט און גלייכהייט, זייערע קולות אויסגעמישט מיט מיליאָנען אַרבעטער פון דער וועלט. ווו איז די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט ? ווו זענען די מעכטיקע יידישע מאַסן ? און ווו זענען די חלומות ? —

כ'איז איצט פרילינג אין דרויסן, אַ מילדע זון וואַרעמט אַלץ, אויף די בוימער גרינען זיך שוין די קרוינען. דורך די שפּאַרעס דרינגען די לויטערע שטראַלן אַריין אויך צו אונז אין באַהעלטעניש. אויפן האַרץ ווערט עפּעס היימלעכער, אומבאַקאַנטע געפילן וועקן זיך. אָ, אַלץ אַרום לעבט אויף, וואָס וועט ווייטער זיין ? — אונזערע באַלעבאַטים, זענען היינט, דאַכט זיך, יום־טובדיקער, ווייניקער מרה־שחורה'דיק. צי איז דאָס אונטער דער ווירקונג פון ליבן פרילינג, אָדער ווירקט דאָס נייע, סאַמעטענע אַנצוג, וואָס מיר האָבן פעלעקן געמאַכט אַלס מתנה פאַר ברענגען די נייע מענטשן ? — ווער ווייסט ?

2־טער מאַי :

די פויערים דערציילן היינט וועגן אַן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. צערעניאַק האָט געבראַכט ווונדערלעכע נייעס וועגן די יידן פון וואַרשע. ער דערציילט, אַז טויזנטער דייטשן זענען שוין געפאַלן אין געטאָ און אַז די יידן צינדן אונטער זייערע טאַנקן. די דייטשן קאָנען זיך מיט זיי קיין עצה נישט געבן, — די אויפשטענדלער האָבן פאַרשידענערליי געווערן, שווערע קאַמפן איבער די גאַסן, און מיט אַלעם — ווייסט צערעניאַק — פירט אָן אַ יונגער יידישער בחור, אַ העלד פון סך הכל עטלעכע און צוואַנציק יאָר. ער דערציילט, אַז די דייטשן צינדן אונטער דאָס געטאָ, זיי ברענען די הייזער מיט די מענטשן !

פעלעק איז איצט אַהיימגעקומען מיט דער ידיעה, אַז גאַנץ וואַרשע ברענט, מען זאָגט, אַז נעכטן ביינאַכט האָט מען אַש ביי אונז (זעכציק קילאָמעטער פון וואַרשע) געזען די פלאַמען, צי האַלט טאַקע די בעסטיע אַזוי שלעכט, וואָס זי דערלויבט זיך שוין אַזעלכעס ? —

אָרעמע ברידער און שוועסטער אונזערע, הייליקע העלדן! פלאַמען האָט אייך דער פרילינג געבראַכט, אָ, איר הייליקע!

3־טער מאַי:

שווער איבערצוגעבן וואָס מיר לעבן איבער. וואַרשע ברענט טאַקע, אויך פעלעק און די טשאַטקע זעען אין די נעכט פלאַמען. עס דאַכט זיך אונז, אַז אויך מיר ברענען! נישטאָ קיין כוח מער, מיר וועלן משוגע ווערן!

10־טער מאַי:

די טשאַטקע איז נעכטן ווידער געווען ביי רוצקין אין לאַגער. מיר האָבן זי געשיקט איבערערעדן ישראלעקן מיט די אַנדערע, אַז זיי זאָלן לענגער נישט וואַרטן, נאָר שוין גלייך אַהערקומען, איז זי ווידער צוריקגעקומען ליידיק און געבראַכט בלויז בריוו.

ווי דערשלאָגן זיי אַלע זענען דאָרט. זעט אויס, אַז זיי ריכטן זיך, חס ושלום, אַ ליאַדע טאָג, אויף אַן אומגליק. זיי שרייבן, אַז אַחוץ אין וואַרשע האָט מען שוין פאַרניכטעט די לעצטע יידן אין די לאַגערן פון מראָזים, שעדלעץ און לוקאָוו. עטלעכע יידן פון רוצקיס פאַבריק האָבן געאַרבעט אויף דער באַן־סטאַציע אין מינסק, האָבן אַנדערע יידישע אַרבעטער, וואָס זענען דורכגעפאָרן אויף אַ לאַסט־וואַגאָן פון שעדלעץ, אַראָפּגעוואָרפן צו זיי אַ בריוועלע מיט עטלעכע ווערטער:

„ראַטעוועט אייך! אין לוקאָוו האָט מען נעכטן אויסגעשאָכטן די לעצטע צוויי הונדערט יידן, אויך אונזערע טעג זענען געציילטע”.

אין צוויי טעג שפּעטער האָט מען טאַקע געהערט, אַז עס זענען שוין אויך ליקווידירט געוואָרן די לעצטע יידישע אַרבעטער פון שעדלעץ. פון גאַרוואָלינער לאַגער איז געקומען צו לויפן אַ פערצן־יעריק יינגל צו רוצקין אין פאַבריק און דערציילט, אַז מען האָט שוין דאָרט דערשאָסן די לעצטע פופציק אַרבעטער — מינסקער יידן, צווישן זיי — שמואל ראָט פון די ראשי־הקהל אין מינסק. ראָט האָט פאַרן טויט מתפלל געווען און געטרייסט די איבעריקע, אַז עס איז גלייכער אַזוי, פּטור ווערן פון די פּיין, אַנדערע האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, מיט מעסערס און אייזנס זיך געוואָרפן אויף די דייטשן. אַלע זענען במשך פון עטלעכע שעה אויסגעשאָסן געוואָרן, נאָר ער אַליין האָט זיך געראַטעוועט דורך אַנטלויפן.

וואָס וואַרט ער ישראלעק? פאַרוואָס ליגט ער נאָך אַלץ אָפּ אויפן 7־טן יוני?

ער שרייבט, אַז ער וויל מיטנעמען דעם פאָטער זיינעם — דער טאַטע וויל אָבער נישט גיין, ער וויל בלייבן צווישן יידן און אומקומען צוזאַמען מיט זיי. אין באַהעלטעניש איז סיי ווי נישט איבערצולעבן, וויל ער בעסער פאַלן צוזאַמען מיט אַלע יידן. ישראלעק שרייבט, אַז זיי האָבן גאַראַנטירטע אַרבעט ביזן 10־טן יוני, וועט ער קומען דעם 7־טן, ביז דעמאָלט וועט ער געוויס באַווייזן איבערצורעדן דעם טאַטן, ער זאָל מיטגיין. אויך פרוימאַנס שוועסטערן וואַרטן אויף ישראלעקן מיטן פאָטער.

25־טער מאַי :

פעלעק האָט אונז ליב צו דערציילן מעשיות וועגן גנבים, באַנדיטן, רויבער אויף די וועגן, און וועגן פאַרטיזאַנער, וואָס גראַסירן אין די ארומיקע וועלדער. ער דערציילט וווגדערלעכע מעשיות וועגן זייער העלדישקייט, ווי די דייטשן יאָגן זיך מיט זיי ארום און קאָנען זיי נישט כאַפּן. ער איז אינגאַנצן פאַרכאַפּט פון די דאָזיקע געשיכטעס. אַ פאַרבאָרגן פייערל צינדט זיך אין אים בעתן דערציילן. ער קען אַלע גנבים און באַנדיטן, ער רופט זיי אָן ביי די נעמען און רעדט וועגן זיי מיט דרך ארץ און יראת הכבוד.

מיר הערן די מעשיות און עס ווערט אונז אומהיימלעך, עס דאַכט זיך, אז מיר זענען פאַרפּלאָנטערט אין אָן ענגער נעץ, אָט, אָט, ציט זיך, חלילה, צו דער האַטשיק. פונוואַנען נעמט ער, פעלעק, די מעשיות? — מיר ווייסן, אז ער איז פאַראַנטוואָרטלעך, פאַרזיכטיק, אָבער ער האָט זיך ליב צו שפּילן מיט פייער, מיט געפאַר. דאָס רייצט אים די פאַנטאַזיע. מיר זאָלן זיך נאָר דערביי אַמאָל נישט אָפּבריען.

היינט איז ער טרויעריק פון דער בשורה, וואָס ער האָט אונז געבראַכט פון דאָרף. ערגעץ, אין אונזערע מקומות, האָבן דייטשן אין א סטאָדאָלע געכאַפּט א גרופּע פאַרטיזאַנער. נאָך אַ קאַמף צווישן זיי — זענען צוועלף פאַרטיזאַנער געפאַלן. ער קאָן עס זיך נישט שענקען „אַ שאָד אַזעלכע יאַטן! כאָטש — זאָגט ער — זיי האָבן אונז שוין אָנגעטון צרות, אָבער זיי טוען דאָך אָן צרות אויך די דייטשן”. ער קאָן צו זיך נישט קומען. —

30־טער מאַי :

מיר זיצן גאַנצע טעג אין באַהעלטעניש און רעדן נישט צווישן זיך. ס'איז אונז מרה שחורה'דיק. מיר פילן זיך איינזאַם, אָן יידן, אַליין אין אַזאַ גרויסער גויאַשער וועלט. מיר קאָנען זיך דאָ קיין אָרט נישט געפינען. דאָרט אין לאַגער, זענען זיי פאָרט יידן מיט זיך, מ'קאָן זיך אָפּרעדן פון הארץ. מיר זענען דאָ ארומגערינגלט פון א פרעמדער, רוצחישער וועלט. אינדרויסן זינגט אַלץ, עס שפּילט אין דער לופט און אין אונזערע הערצער שניידט זיך עפּעס, עס שטורעמט.

דער ”קו־קו” האָט היינט אזוי אומעטיק ארייגגעזונגען אין וואַלד „קו־קו, קו־קו”. דאָס געזאַנג פּיקט אין מוח, ווי אַ שאַרפע, טרויעריקע נביאות. די פּויערים זאָגן, אז דער „קו־קו” באַשיידט די צוקונפט און גיט סימנים, ער זאָגט אַלץ פאָר. מ'באַשטעלט ביי אים וויפל מאָל ער זאָל אויסזינגען אויף גוטס און וויפל אויף שלעכטס, ער ענטפערט — „קו־קו” „קו־קו” — —

— קו־קו, צי וועלן מיר מצליח זיין? — מיר האָבן מורא זיך צו מאַכן אַ צייכן. צי גוטס, צי שלעכטס — ענטפערט ער אַלץ מיטן זעלבן טרויעריקן ניגון. ער זינגט איבער אריין גלייך אין האַרץ. ער פליט אַוועק און לאָזט אין אונז איבער אָן עכאָ —

— קו־קו, קו־קו — — — —

10־טער יוני :

נישט צו פארשטיין, וואָס מיט אונז פּאַסירט! עפּעס א געהיימע האנט קערוועט מיט אַלץ. וואָס מיר האָבן די לעצטע טעג איבערגעלעבט! נישטאָ קיין כוח צו דערציילן. די טשאָטקע ליגט איצט קראַנק, געגיפּסט א האַנט, צעבראָכן און דערשלאָגן. פון אלעם האָט זיך אויסגעלאָזט א חלום. די יידן ביי רוצקין לעבן שוין נישט. אויך ישראלעק מיט פּרוימאַנס שוועסטער און ברידער! אָ, וויפל חברים, פריינט און באַקאַנטע! מיר האָבן אויך לעצטנס געשפּילט מיטן לעבן און נאָר דורך א נס ניצול געוואָרן. צי איז אונז טאַקע באַשערט אַמלענגסטן זיך צו מאַטערן און זיין פון אַלץ די עדות ? !

ס׳איז שווער זיך קאָנצענטרירן און דערציילן לויט א סדר. מיר האָבן עפּעס פאַרגעפּילט, אַז אַלץ גייט קאַפּויער. נאָך דעם 5־טן האָט עס זיך אָנגעהויבן, יאָ, דעם 5־טן איז עס געווען.

צוועלף אזייגער ביינאַכט האָט אונז פּעלעק געגעבן א צייכן, אַז מיר זאָלן זיך גוט פאַרמאַכן, ווייל עפּעס, הערט ער, טומלט זיך אין דאָרף. מיר האָבן זיך גוט פאַרשטעקט, געבליבן זיצן מיט קלאַפּנדיקע הערצער, געוואַרט און זיך איינגעהערט. מיטאַמאָל האָבן מיר דערהערט, ווי דער רויש דערנענטערט זיך צו אונז. אין עטלעכע מינוט אַרום איז אונזער הייזל שוין געווען אַרומגערינגלט. ווידער האָט מען געהערט רוסיש רעדן. זיי זענען אַריין אין שטוב און זיך געפרעגט אויף אונז, ווו מיר געפינען זיך. פּעלעק זאָגט, אַז מיר זענען שוין לאַנג פון דאַנען אַוועק, נישט געהאַט מער קיין געלט זיך אויסצוהאַלטן, זענען מיר אַוועק, ווהין — ווייסט ער אליין נישט, מן הסתם — ערגעץ אין די וועלדער. אין שטוב נעמט זיך רודערן. זיי רייסן אויף דאָס טירל פון אונזער ערשט באַהעלטעניש, זוכן אומעטום און נעמען שלאָגן דער טשאָטקען, זי זאָל אויסזאָגן ווו מיר זענען איצט. זי וויינט און קאַטשעט זיך אונטער די קלעפּ. „זי ווייסט נישט!” — שרייט זי.

מיר הערן מיטאַמאָל אין פּעדערהייזל רוישן ביי דער לייטער צום בוידעם אַרויף. מיר ווערן ווי פאַרשטייפט. זיי זענען שוין דאָ אויפן בוידעם, זיי נישטערן און זוכן. מיר האַלטן קוים איין דעם אָטעם. דורך די שפּאַרעס זעט מען שטראַלן ליכט פון עלעקטרישע לעמפּלעך. מיר שוידערן אויף, מיר פילן, אַז דאָס מאָל איז, חלילה, טויט!

זיי זענען ביי אונזער ווענטל, קלאַפּן אין דעם, פּרוּוון די ברעטער און זוכן א טירל. מיר זענען פאַרשטאַרט! אַזוי עטלעכע מינוט — זיי שעלטן, זידלען און —

דאַכט זיך, אַז זיי קריכן אַראָפּ. מיר האָבן מורא אָפּצואָטעמען, אָ, אפשר ? —

זיי זענען ווידער אין שטוב. די טשאָטקע קוויטשעט, שווערע קלעפּ הילכן אָפּ. שפּעטער הערן מיר אין דרויסן, הינטער אונזער ווענטל, ווי זיי שמועסן מיט פּעלעקן, זיי אַפּעלירן צו אים, ווי צו א גוטן קריסט און געטרייען פּאָליאַק, אַז ער זאָל אונז אַרויסגעבן. זיי ווילן גאָרנישט, אַלץ וועלן זיי אים איבערלאָזן, אַלע אונזערע זאַכן. זיי ווילן בלויז אונז שיסן.

ווען פּעלעק שווערט, אַז מיר זענען נישטאָ — נעמען זיי אים דראָען, רופן אים „פּאַרעטער, יודאַש, פּאַרקויפטע נשמה, אומפּאַרשעמטער — ער שעמט זיך נישט צו ראַטעווען יידן”.

ווען זיי זענען אַוועק, איז פּעלעק אַרויפגעקראָכן צו אונז. מיר האָבן אים געעפּנט. ער איז געבליבן ליגן און גאָרנישט געזאָגט. ערשט נאָך עטלעכע מינוט, האָט ער זיך מודה געווען, אַז ער איז דאָס מאָל געקומען אונז אָננעמען פאַר די קעפּ און אַרויסוואַרפן. ער וויל שוין מער נישט און ער קאָן שוין מער נישט ליידן. ס'איז אים א רחמנות אויף דער שוועסטער, אויף דער טשאָטקע, זי ליגט דאָרט אין שטוב צעבלוטיקט, צעשלאָגן, זיי האָבן איר מיט מעסערס געשניטן דאָס פּאַר־באַרגנסטע אָרט. ניין, ער קאָן שוין מער נישט! ער איז דאָס מאָל באמת געקומען אויפן בוידעם — אונז אָננעמען פאַר די קעפּ און אַראָפּוואַרפן, נאָר — נאָר עפּעס קאָן ער דאָס שוין איצט נישט.

ער נעמט שטאַמלען און קרעכצן, יעדער קרעכץ רייסט ביי אונז שטיקער האַרץ. מיר האָבן גאָרנישט גערעדט. ערשט דערנאָך, ווען פּעלעק האָט זיך שוין געגרייט אַראָפּצוניין, האָב איך גענומען מיט אים איינטענה'ן — איין וואָרט צום צווייטן האָט זיך נישט געקלעבט. לסוף זענען מיר פאַרקראָכן דערצו, אַז טאַבאַק איז טייער. מיט אַ פּאָר מטבעות אין האַנט אויף טאַבאַק — איז פּעלעק, א שמייכלדיקער, אַראָפּגעקראָכן.

* * *

שפּעטער בין איך אויך אַראָפּגעקראָכן אין שטוב, צו דער טשאָטקע, מבקר חולה זיין. זי האָט געקרעכצט. איך האָב זי געוואָלט קושן און טרייסטן. זי זאָגט מיר אָבער, אַז מ'טאָר זיך נישט „פּיעשטשען”, וויל איבערמאָרגן, מאָנטיק, איז דער 7־טער — מוז זי פאָרן אין שטאָט אַריין, ברענגען די פּאָר יידן.

איך שטיי אָן לשון. כ'האָב אים נישט געקאָנט קוקן גלייך אין די אויגן אַריין. נאָר נעטראַכט האָב איך, אַז עפּעס איז אַלץ נישט צו פאַרשטיין — נישט דאָס גוטע און נישט דאָס שלעכטע. ניין, עפּעס שפּילט זיך מיט אונז דער גורל. ווו נעמט מען כוהות זיך צו שטאַרקן?!

* * *

מאָנטיק, דעם 7־טן פאַרטאָג האָט די טשאָטקע צוזאַמענגענומען דאָס לעצטע ביסל כוח און צידה לדרך, אַרויפגעקומען צו אונז זיך געזעגענען, געהייסן אונז מתפּלל זיין, אַז דער וועג זאָל אַדורך בשלום און איז אַוועק. דער פרימאָרגן איז נעוועז אַ ליכטיקער, ס'האָט געוויזן זיך צו שטעלן אַ שיינער טאָג. מיר האָבן זיך גענומען גרייטן. פרומאַן האָט געפּיבערט דערוואַרטנדיק זיינע שוועסטער. מיר האָבן געמאַכט פּלענער און זיך צוגעגעבן מוט. שפּעטער האָט די זון גענומען אַריינשיינען צו אונז, ווי ווילנדיק אונז שטאַרקן, אונטערהאַלטן אונזער האָפענונג. מיר זענען איצט געווען צופרידן, פּשוט גליקלעך פון דעם געשעעניש שבת־צו־נאַכטס. מיר האָבן אפילו הנאה געהאַט פון „פּאַרטיזאַנישן” וויזיט. איצט וועט זיכער ווערן שטיל אַרום אונז. די באַנדיטן וועלן געווים צעפּלאַפּלען וועגן דעם, אַז מיר זענען שוין

מער נישטאָ ביי פעלעקן. נו, הייסט דאָס, אַז אונזער באַהעלטעניש איז געוואָרן זיכערער. מיר האָבן נישט געוווּסט, וואָס פריער — צי וויינען פאַר גליק, אַז דאָס לעבן איז אונז נעראַטעוועט געוואָרן, זיי האָבן אונז נישט געפונען, אָדער — זיך פרייען מיט דער זיכערקייט פון דער „קריווּוקע”. מיר האָבן דערין געזען אַ צייכן, אַז מיר וועלן מצליח זיין אויך מיטן אַהערברענגען די נייע מענטשן, דאָס הייסט, אַז אַלץ וועט זיך גוט איינגעבן. פעלעק איז, ווי זיין טבע די לעצטע צייט, געזעסן אויפן שטיין ביים ברונעמל, געצויגן פון פּאַפּיראָסל, געלאָזט וואָלקנדלעך רויך און געקוקט אין דער ווייטקייט.

אָבער פלוצים הערן מיר קרעכצן. אַ קרעכצנדיקע פרויען־שטימע דערנענטערט זיך, וואָס אַמאָל מער צום הייזל. פעלעק איז אויפגעשפּרונגען. ס'האָבן זיך דערהערט סקריפּנדיקע רעדער פון אַ פור — ער איז אַנטקעגנגעלאָפן. מיר הערן שוין דייטלעך — די טשאַטקע קרעכצט, אַ גערודער ביי דער טיר, עטלעכע מענער דרייען זיך. מ'טראָגט די טשאַטקע אַראָפּ פון דער פור אין שטוב, אויפן בעט אַרויף. מיר הערן זיך איין און דערקענען: אַ דאָקטער פּאָרעט זיך, אַ גערודעריי, אַ געוויין און — מיר ווייסן נישט וואָס עס איז געשען.

⁂

שפּעטער, אין עטלעכע שעה אַרום, ווען אַלע זענען אַוועק און ס'איז רואיק געוואָרן אין הויז — בין איך אַראָפּ אין שטוב. כ'האָב געטראָפן די טשאַטקע אין בעט מיט אַ געגיפּסעוועטער האַנט. זי שמייכלט און דערציילט מיר, אַז אויפן וועג אין שטאָט אַריין איז אַן אויטאָ אַרויף אויף דער פור, מיט וועלכער זי איז געפאָרן. ס'האָט חלילה קיינעם נישט געשאַדט, נאָר זי אַליין האָט צעבראָכן אַ האַנט. זי האָט שרעקלעכע יסורים געהאַט. מ'האָט זי אָפּגעפירט אין שפּיטאָל, וווּ מ'האָט די האַנט געגיפּסעוועט. און איצט האָט מען זי אַהיימגעבראַכט. זי זאָרגט זיך : „די אָרעמע דאָרט, אין לאַגער, וואַרטן זיכער אויף איר. זי האָט זיי צוגעזאָגט אויף היינט צו קומען, נאָר פאַרפאַלן — זיי מוזן וואַרטן, ווי נאָר ס'וועט איר בעסער ווערן, וועט זי שוין גיין נאָך זיי !”

אַ נס, וואָס כ'האָב דערהערט פון דערוווייטנס רעדן און באַוויזן שנעל אַרויף אויפן בוידעם. אין אַ מינוט אַרום האָט מען שוין געהערט פּויערישע שטימען אַרום איר בעט. מ'איז געקומען זי מבקר חולה זיין און אויך געבראַכט נייעס. מיר האָבן נישט געקאָנט געגנוי הערן וואָס, נאָר ס'האָט זיך גערעדט וועגן יידן.

אין אַ האַלבער שעה אַרום, האָט די פעלקאָווע אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין אונזער באַהעלטעניש :

— דעם פאַרגאַנגענעם שבת*) פאַרנאַכט האָט מען אויסגעשאָכטן די לעצטע יידן אין שטאָט, די אַרבעטער פון רוצקים פאַבריק.**)

---

*) דעם 5־טן יוני — ב' סיון.

**) שפּעטער זענען מיר געוואויר געוואָרן, אַז ישׂראלעק איז אומגעקומען מאַנטיק, דעם 7-טן יוני, ד. ה. אין טאָג, ווען ער האָט באַשטימט, אַז די טשאַטקע זאָל קומען נאָך אים און זי איז פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער אויטאָ-קאַטאַסטראָפע.

סוף יוני:

יאָ, אַלץ זעט אויס ווי אַ חלום — די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט. עס זעט אויס, ווי עפּעס אַ מוראַדיק גרויסער שד וואָלט זיך מיט אונז געריצט און כסדר אונז געוויזן אַ צונג.

אָ, ווי עס וואָלט זיך געגלוסט אויף אַן אמת איינשלאָפן און איינמאָל אין אַ פרימאָרגן זיך אויפכאַפּן און געוויזער ווערן, אַז דאָס אַלץ איז טאַקע נאָר אַ בייזער חלום געווען!

דאָס איז אָבער ווירקלעכקייט. פינצטערע ווירקלעכקייט!

נישט איינמאָל דערמאָנען מיר זיך אין אסתרלס ווערטער. געווען איז דאָס נאָך אין יענעם פינצטערן פרייטיק־צונאַכטס, נאָכדעם ווי די שטשעפּאַנעק האָט אונז אַרויסגעיאָגט פון איר גאָרטן. מיר זענען דעמאָלט געלאָפן אויף פעלדער, איבער מזים צעוואָרפענע אין די בייטן קאַרטאָפּל. פון אַלע זייטן האָט מען צו אונז געשאָסן און מיר, גאָרנישט פילנדיק, נאָר ווי אַ ווינט וואָלט געבלאָזן אין די אויערן און פאַר די אויגן און אויסגעטריקנט דאָס לעצטע ביסעלע זאַפט פון האַלדז און מויל און געשטיקט — זענען מיר געלאָפן אין דער פינצטער אין דער ריכטונג פון נאָענטסטן דאָרף, צו אַ באַקאַנטן רייכן פּויער — קאָנטראַקטאָוויטש. איך געדענק ווי איצט, ווי ער האָט אונז אויפגענומען. ס׳איז פּונקט געווען נאָך האַלבער נאַכט. קאָנטראַקטאָוויטש איז נאָך געזעסן אין דרויסן, פאַר דער שוועל פון זיין הויז און זיך איינגעהערט אין דער שיסעריי אין שטאָט. דערזעענדיק אונז, האָט ער זיך אַזש איבערגעצלמ׳ט:

— אָ, איר לעבט נאָך?! —

ער האָט זיך שיר צעוויינט פון צרות, וואָס מיר זענען געקומען צו אים. אין אַ מינוט אַרום זענען אונז געשטאַנען זיינע בני־בית — די פרוי, שווער און שוויגער און ממש מיט טרערן אין די אויגן געבעטן, אַז מיר זאָלן אויף זיי רחמנות האָבן און אַוועק.

— באַהאַלט זיך בעסער אין וואַלד. מען וועט אונז נאָך אַלע שיסן און פאַרברענגען דאָס פאַרמעגן!

מיר זענען אַ מינוט געבליבן שטיין אָן לשון. נישט געווען שוין וווהין צו גיין. די וועלדער זענען געווען באַלייגט מיט הונדערטער מתים. שפּעטער האָט מיין פרוי ביי אים גענומען בעטן, ער זאָל אונז ווו באַהאַלטן. זי שענקט אים אַוועק אַ האַלב פאַרמעגן פון איר מוטער, וואָס איז ביי אים פאַרשטעקט. זי האָט אַפּעלירט צו דער פריינטשאַפט, וועלכע בינדט אונז שוין פון יאָרן. קאָנטראַקטאָוויטש האָט אונז דאַן פאָרזיכטיק אַריינגעפירט אין גאָרטן, זיך מיט אונז אַוועקגעזעצט אויפן גראָז און שטיל גענומען דערציילן די לעצטע נייעסן פון שטאָט.

— זעקס פאַרנאַכט האָט מען אַלע יידן אַוועקגעפירט צום וואָקזאַל. מען פירט זיי קיין טרעבלינקע אויף טויט. דער וועג פון מאַרק־פּלאַץ צום וואָקזאַל איז אויסגעשפּרייט מיט מתים און שטיקער איברים — הענט, פיס, קעפּ; מיט פאַרבלוטיקטע

מלבושים — היטלען, שיך און מאַנטלען. די גאַנצע שטאָט זעט אויס ווי א שלאַכטפעלד. ביידע זייטן טייך זענען אָנגעלייגט מיט הויפנס דערשאָסענע — מענער, פרויען און פּיצלעך קינדער. דעם „יודן־ראַט” האָט מען ערגעצווו אַוועקגענומען; און אויך די אַרבעטער פון די דייטשע „פּלאַצוווקעס” האָט מען אַלע אַוועקגעפירט, נאָר איין גרופּע, איז דאַכט זיך, געבליבן. זיכער ווייס איך דאָס נישט. איצט זוכט מען פון שטוב צו שטוב. מען ציט אַרויס די באַהאַלטענע און מען שיסט זיי אויס. מאָרגן, זאָגט מען, וועט די אַקציע פאָרקומען אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך.

איך געדענק, אַסתרל האָט מיך אַרומגעכאַפּט, געגומען קושן און געבעטן:

— לאָמיר זיך סמ'ען, לייבל, לאָמיר זיך סמ'ען! כ'וויל נישט מען זאָל אונז דערמאָרדן!

איך האָב זי געטרייסט. מיר האָבן דעמאָלט געמיינט, אַז אונזערע פאַמיליעס לעבן נאָך.

שפּעטער האָט אונז קאָנטראַקטאָוויטש פאַרשטעקט אין א סטערטע שטרוי, ערגעץ אויפן פעלד. דאָס איז געווען נאָכדעם, ווי מען האָט אים צוגעזאָגט, אַז אויב מען וועט אונז כאַפּן זאָגן מיר, אַז מיר זענען אַליין אַהער אַריינגעקראָכן, אָן זיין וויסן. ער איז נאָך לאַנג געלעגן מיט אונז און דערציילט:

— איצט זאָגט ער — זיצן זיי, אַלע יידן, אויף דער באַן־ראַמפּע, ביי די רעלסן און וואַרטן אויף דעם לאַסט־צוג, וואָס וועט זיי פאַרטאָג אָפּפירן קיין טרעבלינקע. וואָס פאַרא סצענעס דאָרט שפּילן זיך אָפּ! זיי זיצן אַלע מיט די פיס אונטער זיך, אַרום שטייען רעפלעקטאָרן און באַלויכטן זיי, פון אַלע זייטן שיסט מען אַריין אין די רייען, פּאַטרולן און וואַך־לייט שלעפּן כסדר אַרויס פרויען און פאַרגוואַלטיקן זיי.

— יאָ, יאָ — שמייכלט ער — פרויען! — מיידלעך פון 12 ־ 13 יאָר אָן. עס שפּילן זיך דערביי אָפּ שרעקלעכע סצענעס. ווי די קינדער טוליען זיך צו די מוטערס! מען שענדעט זיי אין די אויגן פון די מאַמעס! און יאָ — דער גאַנצער ברוק, אַלע ווענט אַרום, זענען פול מיט צעשפּריצטע מחות פון די גאָר קליינטשיקע קינדער. די עס־עס־לייט האָבן זיך איינגעאָרדנט אַזאַ שפּיל — ווער ס'וועט פּלינקער טויטן די שוואַלבן. מען נעמט זיי פאַר די פיסלעך און מ'שלאָגט מיט די קעפּלעך אין מויער. מיט עטלעכע זעץ ווערט דאָס קעפּל צעשפּרונגען.

ווען ער איז אַוועק, האָט אַסתרל, טיף דערשלאָגן, נאָכאַמאָל גענומען בעטן, אַז מיר זאָלן זיך סמ'ען. פון דעמאָלט אָן דערמאָנען מיר זיך כסדר אין אירע ווערטער. צי איז זי דען נישט גערעכט געווען?

מוט האָט אונז אויסגעפעלט. דאָס ביסעלע מוט, וואָס פעלט אונז ביזן היינטיקן טאָג. אָ, ווי עס וויל זיך לעבן! אין אַלע באַדינגונגען, זאָל זיין ווי אַ הונט — אַבי לעבן!

* * *

יאָ, מיר ווילן לעבן, זאָל זיין אין די ערגסטע באַדינגונגען, אַבי לעבן. מיר זוכן דעם דאָזיקן ווילן אין אונז צו באַרעכטיקן און שטענדיק אויף אַן אַנדערן אופן. איינמאָל, דאַכט זיך אונז, אַז מיר האָבן אַ חוב איבערצולעבן, אַ הוב פאַר אונזערע קדושים, כדי זיי זאָלן נישט פאַרגעסן ווערן, מיר טראָגן דאָך אין זיך דעם

גאַנצן זכר נאָך זיי. אַמאָל דאַכט זיך, אַז עס לאַסטעט אויף אונז זייער צוואה: „לעבט איבער און נעמט נקמה! לעבט איבער און דערציילט שפּעטער פאַר דער וועלט, וואָס עס האָט מיט אונז פּאַסירט, וועגן אונזער פּיין און סוף!" — אָ, ווי עס וויל זיך דעמאָלט איבערלעבן!

א סך מאָל, זעענדיק די וווּנדער וואָס פּאַסירן מיט אונז און אַרום אונז — דערפיל איך אויף זיך עפּעס אַ שליחות, אַ הייליקע שליחות. עס דאַכט זיך, אַז אונז איז באַשערט צו זיין פון די לעצטע עדות. מען דאַרף אַלץ גוט באַהאַלטן אין זכרון און דערציילן לדורות. מעגלעך, אַז דאָס זענען בלויז תירוצים צום באַרעכטיקן דעם אומפאַרשעמטן ווילן צו לעבן! אָ, איצט צו וועלן לעבן, איצט בעת די לעצטע יידן אין וואַרשע און אין די לאַגערן ווערן פאַרברענט! אָ, פאַרוואָס זענען מיר נישט מיט זיי! —

איך דערמאָן זיך, אַז נאָכדעם, ווי אַ דייטשער הונט האָט אונז שבת־צו־נאַכטס — נאָכן אָפּדושן זיך דאָרט אַ לאַנגן הייסן טאָג און צוויי נעכט — דערשנאַפּט ביי קאָנטראַקטאָוויטשן אין שטרוי און איך האָב קוים באַוויזן צו אַנטלויפן דורך הינטערוועגן אין לאַגער אַריין, צו דער לעצטער גרופּע איבערגעבליבענע יידן*) דערוויסנדיק זיך, אַז מיין מוטער און שוועסטערל זענען אויך געווען צווישן די זיצנדיקע אויפן מאַרק־פּלאַץ, פאַרן טרייבן צו דער באַן־ראַמפּע — האָב איך פאַרבראָכן די הענט, מיטן קאָפּ זיך געקלאַפּט אין לאַגער־מויער און ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה געברעוועט. ס'איז פאַר מיר מיט אַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז כ'וועל זיי שוין מער נישט זען. „מאַמע, מאַמעשי, מרים'ל!" — האָב איך געריטשעט עלנט. כ'האָב געפילט, אַז מיינע שוועסטער אין ראַדאָם — דינה און אסתר, און מיין ברודער מאיר אין פּאַריז — לעבן שוין אויך נישט. כ'האָב זיך געשלאָגן מיטן קאָפּ אין דער וואַנט, זיך געביסן די פינגער, זיך געוואָרפן אויף דער ערד, זי געגריזשעט און געוואָלט אַזוי אַרום צעשפּרינגען ווערן אויף שטיקער.

פון דעמאָלט אָן קאָן איך קיין רו נישט געפינען. אָ, ווען איך קאָן זיי זען כאָטש נאָך איין מינוט, כאָטש זאָגן זיי איין וואָרט, זיך צעקושן און אויסגיין צוזאַמען מיט זיי!

אָ, מיין אָרעמע מאַמע, כ'שטעל זיך פאַר דיין צער אין די לעצטע מינוטן פון דיין לעבן, ווען דו האָסט מיט זיך געפירט דיין איינציק טעכטערל צו דער עקידה! כ'שטעל זיך פאַר דיינע לעצטע, אומבאַהאָלפענע בליקן אויף דיין קינד ביי דער זייט. אָ, ווער וועט נקמה נעמען פאַר דיין צער?! — און דו, הייליק שוועסטערל מיינס, הייליק מרים'ל, איך זע דיך אין די לעצטע מינוטן דיינע, ווען דו האָסט זיך דערפילט אין דער שטיינ; ווען דו האָסט אַ פאַרסאַפּעטע דערפילט דיין אָנמאַכט; ווי דו האָסט געוואָלט לעבן! אָ, דו אָרעם קינד פון אָרעמען פאָלק, וואָס האָבן די מערדער געוואָלט פון דיר, וואָס פאַר אַ שלעכטס האָסטו וועמען געטון מיט דיין אומשולדיק יונג לעבן — פאַרוואָס האָט מען עס דיר אַזוי אַכזריותדיק אונטערגעשניטן?

⁂

און אפשר דאַרפן מיר טאַקע, מיט אַלע כוחות וועלן איבערלעבן?! ווי גרויס

---

*) זיי האָב איך שפּעטער אַרויסגעראַטעוועט. וועגן דעם וועל איך דערציילן ווייטער.

און הייליק, ווי דערהויבן וועט זיין דער טאָג פון נקמה! ווי גרויזאַם וועט זי זיין!

מאַמעשי, אין טייכן בלוט פון די מערדער וועלן מיר דערטרינקען דיין לעצטן צער און דעם לעצטן צער פון אונזערע אַלע מאַמעס און שוועסטער און ברידער. דעם שטומען צער פון אונזערע עופהלעך און אונזער איינענעם, אייביקן צער, וואָס וועט זיך שוין קיינמאָל נישט לעשן. אפשר וועלן מיר זיך קילן אביסל?!

אָ, ווי ס'וויל זיך איצט האַקן דעם קאָפּ אין דער וואַנט, זיך שלאָגן און בייסן פון זיך לעבעדיקע שטיקער! פאַרוואָס האָבן מיר נישט איבערגעלעבט מיט אייך די לעצטע מינוטן?! ווי פאַרשאָלטן וועלן שוין זיין אונזערע יאָרן, ווען מיר זאָלן שוין אפילו איבערלעבן. יאָ, אפילו ווען מיר זאָלן איבערלעבן! אָ, ווי פאַרטריקנט מיר זענען, ווי טרוקן! ווען מען וואָלט כאָטש געקאָנט זיך אביסל אויסוויינען, לאָזן אביסל צערונען דעם צער. עס וואָלט אפשר אביסל לייכטער געוואָרן.

אָ, טייערע, הייליקע אונזערע, טייערע מאַרטירער פאַרפייניקטע — זייט אונז מוחל! זייט אונז מוחל, גיט אונז א צייכן פון פאַרגעבונג, היילט אונזער צער, אָ, זייט מוחל, איר הייליקע אומפאַרגעסלעכע!

1־טער יולי :

פעלעקס ברודער — יאנעק, איז געקומען צופאָרן. ער האָט אונז נאָך נישט געזען, מיר — אים, זעען כסדר דורך די שפארעס. א הויכער, א שווארצער, מאָגערער גוי מיט שטעכיקע בליקן. ווען ער דרייט זיך אויפן הויף, קוקט ער צו אונזער ווענטל. ער ווייסט מסתמא, אז מיר זעען אים, ווייל ער פילט זיך, ווי ארומגעהילט מיט בליקן. די פיס פלאָנטערן זיך אים און אלץ פאלט אים פון די הענט. פיל מאָל ליגט ער זיך אויפן גראָז ביים ברונעמל מיט פעלעקן און דער טשאָטקע. מען סודעט זיך. זיי שמייכלען און ער רעדט גאָר נערוועז. צי בונטעוועט ער קעגן אונז? — אזא איינדרוק האָבן מיר. און אפשר פארדריסט אים, וואָס פון דער געפלאנטער „קריווועקע” ביי אים פאר אונזערע חברים פון רוצקיס לאגער, האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט? — ער וואָלט לייכט געקאָנט פארדינען געלט און פירן א שיין לעבן. ער איז געוויס מקנא פעלעקן מיטן נייעם סאמעטענעם אנצוג, וואָס מיר האָבן אים געמאכט.

דער אנצוג! — ער וועט נאָך חלילה ברענגען אויף אונז שלעכטס. וויפל מאָל מיר האָבן שוין געבעטן פעלעקן, אז ער זאָל אים איצט נישט אָנטון, עס רייכט דאָך אויף די אויגן ביים גאנצן דאָרף, מען פארשטייט דאָך אומעטום, אז פון אייגענער הכנסה האָט ער זיך אים נישט געמאכט און דאָס ברענגט דאָך צו די ערגסטע חשדים. ער וויל אָבער גאָרנישט הערן. יעדן זונטיק „סטראָיעט” ער זיך אויס מיטן ברוינעם געקעסטלטן סאמעט און מיט א ניי ווייס העמד פון האלב־זייד, וואָס מיר האָבן אים געמאכט און ער שפאצירט אזוי ארום. גייט אין קאָשטשאָל אריין און איז, ווי א קליין קינד, גליקלעך. כאָטש ער ווייסט, אז דאָס קאָן אים חלילה, ברענגען דעם טויט. בכלל רייסט ער שוין אויף די אויגן ביים גאנצן דאָרף מיט זיין אָרט לעבן.

מיר געדענקען, באלד אין די ערשטע טעג פון אונזער אָנקומען אהער, בעת מיר האָבן אים איינמאָל געבעטן, אז ער זאָל ווו אין דאָרף קויפן א שטיקל ברויט, האָט ער נישט געוואָלט און צו אונז געטענהט, אז ברויט קאָן ער קויפן נאָר אין שטאָט, ווו מען קאָן אים נישט. דאָ אין דאָרף ווייסט מען, אז ער האָט נישט קיין געלט פון וואָס צו קויפן ברויט און דאָס קאָן נאָך ארויסרופן דעם חשד, אז ער האלט יידן. מיר זענען דעמאָלט געווען צופרידן פון זיין פארזיכטיקייט.

און איצט? — דאָס גאנצע דאָרף קלינגט, אז ביי פעלעקן אין הויז, עסט מען ווייצענע קליסקעס און מען שמעלצט יעדן טאָג דאָס געקעכץ. ווייל א פויער גיט אָפעסן — קומט ער מיטאָג־צייט, מכלומרשט אומגעריכט, אריין צו פעלעקן, ווו ער ווערט גלייך איינגעלאדן מיטצועסן. דעם לעצטן פרילינג האָט ער אפילו אויך געדונגען א מענטש צום פעלד — אקערן און פארזייען און שיין באצאָלט. ער האָט ליב באקומען, פעלעק, ברייט זיך צו פירן און ברייט צו לעבן. אויך איצט גרייט ער זיך דינגען א מענטש צום גראָז־שניידן און שפעטער צום תבואה־שניט. עס העלפט נישט אונזער בעטן און טענהן, „מען קאָן דאָך עסן דאָס בעסטע און קיינער זאָל

דערפון נישט וויסן און, אַז ער וועט נאָך דערמיט ברענגען אַן אומגליק אויף אונז און זיך". ער ווייסט, פעלעק, אַז ער שטעלט איין דאָס לעבן. ער ווייסט אויך, אַז דאָס אומגליק מיטן „פּאַרטיזאַנישן" אָנפאַל איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם שם, וואָס גייט אין דאָרף וועגן דעם צעבאַלעוועטן לעבן אין זיין הויז. דאָס אַלץ קאָן אים אָבער נישט אָפּהאַלטן און וואָס אַמאָל מאַכט ער זיך מער באַקאַנט אין גאַנצן געגנט מיטן זאַטן לעבן, וואָס עס פירט זיך ביי אים אין שטוב. מיר ווייסן, אַז אין דאָרף גייען ארום פאַרשידענע קלאַנגען וועגן דעם און אַלע השערות אייניקן זיך דערמיט, אַז דאָס שטאַמט פון יידן. דאָס וועט אונז נאָך, חלילה, ברענגען צום גרעסטן אומגליק. אויך די טשאַטקע (כ'וואָלט נישט געוואָלט רעדן וועגן איר קיין שלעכטס) לאָזט זיך וויל־גיין. יעדן טאָג שפּאַצירט זי ארום אין דרויסן מיט אַ נייַ קלייד, וואָס מיר האָבן איר געמאַכט. מיר ווייינען פאַר איר און בעטן, אַז זי זאָל זיך מיט דעם נישט באַווייזן. דאָס רייצט דאָך אַלע. עס העלפט אָבער נישט, מיר קאָנען זי נישט צוריקהאַלטן.

זי באַווייזט זיך אויך מיט נייע קליידער, נישט באַקומענע פון אונז. אסתרל און צפּורהלע דערקענען, אַז דאָס איז געמאַכט פון זייער מוטערס סחורות — באַהאַלטענע ביי קאָנטראַקטאָוויטשן און ביי אַנדערע פּאָליאַקן, וועלכע זי נעמט אָפּ פאַר אונז.

שוין לאַנג האָבן מיר געהאַט דעם חשד, אַז נישט אַלץ, וואָס זי באַקומט פון די פּאָליאַקן גיט זי אונז אָפּ. שטענדיק ברענגט זי נאָר אַ קליינע טייל און דערצו בלויז קלייניקייטן. כאָטש, אויך דאָס, וואָס זי גוט אונז, באַהאַלטן מיר דאָך נישט. דאָס גייט דאָך אַלץ פאַר דער אויסהאַלטונג פון הויז. זי האָט אונז נאָך אויך קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן די בריוועלעך פון די קריסטן, אין וועלכע ס'איז פאַרצייכנט, וואָס זיי שיקן.

דאָס אַלץ וואָלט אונז נישט גענאַרט, אָבער מיר האָבן מורא, אַז אין אַ ליאַדע טאָג, ווען די סחורות וועלן זיך אויסלאָזן, ס'וועט שוין מער נישט זיין וווהין צו שיקן נאָך זיי וועט מען אונז הייסן גיין, אָדער חלילה, נאָך ערגער! רעדן טאָר מען אָבער נישט. מען מוז נאָך מאַכן דעם אָנשטעל, אַז מיר פאַרשטייען גאָרנישט. ווייל אָ, דעמאָלט, וואָלט געווען גאָר שלעכט. ס'וואָלט געהייסן, אַז מיר ווייסן, אַז זיי גנבענען און דאַן לוינט דאָך אונז במילא מער נישט צו האַלטן. מיר קאָנען דאָך נאָך שפּעטער דערפאַר זיך אָפּרעכענען.

מאַכן מיר זיך טאַקע נישט פאַרשטיין. מען מוז גאָר זען, אַז זיי זאָלן נישט אָפּנעמען די גאַנצע סחורה מיטאַמאָל, זיי זאָלן נישט אַלץ האָבן אין דער האַנט, עס זאָל זיי נאָך ווייטער לאָקן דאָס פאַרשטעקטע. אָן אונזערע בריוועלעך --- גיבן די פּאָליאַקן גאָרנישט ארויס און זיי ווייסן קיינמאָל נישט וויפל מיר האָבן אויף יענע ערטער און וויפל נאָך ערגעץ־אַנדערש, ביי אַנדערע באַקאַנטע קריסטן. מען מוז זאָרגן, אַז שטענדיק „אויף יעדן פאַל", ווי עס קומט אויס, זאָלן מיר נאָך האָבן אַביסל. מען זאָל נישט בלייבן מיט גאָרנישט, אַלץ זאָלן זיי שוין האָבן.

אַזוי מוז מען בסדר האַלטן דעם קאָפּ אויף יעדער קלייניקייט און דאָס לעבן וויגט זיך דערווייל אויף דער משכולת, ווער ווייסט? קיין גוטס קאָן דאָס אַלץ סייווי נישט ברענגען. מיר וואַרטן מיט קלאַפּנדיקע הערצער.

9־טער יולי:

יאַנעק גייט גאַנצע טעג אַרום שיכור. ער טרינקט יעדן טאָג מיט אַנדערע באַנדעס. ער „פונדעוועט” פאַר אַלע. זייט צוויי טעג טראָגט ער אַ נייעם אַנצוג און איז אויסגעפוצט ווי אַ שטאָטישער. ער גייט איבער די דערפער און פאַרקויפט סחורות. די טשאָטקע זאָגט, אַז ער באַקומט ערגעץ אין שטאָט זאַכן בחצי־חנם און ער פאַרקויפט דאָס בלויז פאַר פּראָצענטער, וואָס ער באַקומט דערפון. מיר שטעלן אָן, אַז מיר גלויבן דערין און גיבן אים צו פאַרקויפן אויך אונזערע זאַכן. ער ברענגט אונז דערפאַר גראָשיקע פרייזן. ער מאַכט פאַר אונז אויך די שפּייז־איינקויפן: מעל, קאַשע און קאַרטאָפל. מיר האָבן געפּועלט ביי פּעלעקן, אַז בכדי נישט אַרויסצורופן קיין חשד מיט די אָפטע קניות — זאָל יאַנעק איינקויפן. דאָס הייסט פאַרן דאָרף, אַז ער קויפט שפּייז צום האַנדל, צו פירן אין שטאָט אַריין און דערביי פאַרדינען. דאָס האָט אָבער נישט קיין שום פּעולה. מען וויסט סיווי אין דאָרף, אַז ביי פּעלעקן באַקט מען יעדע וואָך ברויט — אַ פּערטעלע, בעת אין אַלע אַנדערע הייזער ביי אַלע פּויערים, באַקט מען נאָר איינמאָל אין חודש אָדער זעקס וואָכן. עס האָט זיך אונז אפילו שוין געהאַט איינגעגעבן צו פּועלן, אַז מ׳זאָל דאָס ברויט באַקן אין מיטן דער נאַכט, קיינער זאָל נישט זען. אָבער נאָר עטלעכע מאָל האָט מען אַזוי געטון. איצט באַקט מען ווידער אין מיטן העלן טאָג און פּויערים מיט פּויערטעס קומען קוקן און צעפּלוישן דאָס אויפן גאַנצן דאָרף.

ניין, ס׳לאָזט זיך גאָרנישט מאַכן מיט זיי. יאַנעק הייסט און ציט דעם פּאַסעק אויף די פּרייזן פון די פּראָדוקטן, וואָס ער ברענגט אונז. ער גיט אויך נישט די מאָס און שפּעטער באַקומט ער נאָך דערצו מעשר פאַר זיך מיט זיין הויזגעזינט. די טשאָטקע זאָגט, אַז מען דאַרף אים געבן „דעם אָרעמען נעבעך” און מיר זענען אויך צופרידן, וואָס יאַנעק געניסט פון אונז. ער וועט אפשר צוליב דעם, האַלטן סוד. אָבער מיר פילן דערביי פאַר די טאָפּלטע קאַטאַסטראָפע: דאָס דאָרף קאָכט מיט זייער שטייגער לעבן און — אין איינעם אַ טאָג, ווען דאָס אַלץ וועט זיך אויסלאָזן — וואָס וועט דעמאָלט זיין? וואָס וועט זיין ווייטער?

14־טער יולי:

וואָס אַ טאָג ווייטער זעען מיר מער די שפּיל, וואָס יאַנעק און די טשאָטקע האָבן אָנגעהויבן פירן אַרום אונז. איצט איז פאַר אונז אויך קלאָר געוואָרן די סיבה פון מיין שוואָגער חיימס טויט. מיר האָבן באַלד נאָך דעמאָלט דאָס פאַרשטאַנען. מיר האָבן זיך עס אָבער נישט געוואָלט גלויבן.

געוועזן איז עס באַלד אין די ערשטע טעג פון אונזער קומען אַהער פון מינסק, פון דער טשאָטקעס ווינונג. אין יענער צייט איז אין אַ צווייטן לאַגער, אין שטאָט, געוועזן חיים, מיין פרוס ברודער, אַ צוואַנציק יעריקער בחור. ער האָט געזאָלט מיט אונז מיטגיין און זיין צוזאַמען.

אַ נאַכט פאַר אונזער פאַרלאָזן די שטאָט בין איך אַוועק צו אים, אים מיטרופן. ער האָט אָבער דעמאָלט נישט געקאָנט אַרויס פון זייער לאַגער, האָט ער גע־

בעטן, אַז מיר זאָלן דערווייל אַליין אַוועק, ווייל אין אונזער לאַגער האָט שוין געברענט דער באָדן אונטער די פיס און ביי זיי איז דערווייל געווען רואיקער. ער האָט געזאָלט קומען אין עטלעכע טעג אַרום. מיר האָבן דאָך נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, צי פעלעק וועט אונז אַריינלאָזן. אויב יאָ — האָט די טשאָטקע צוגעזאָגט צו גיין נאָך היימען אַ צווייט מאָל. באַלד אויף דעם אַנדערן טאָג איז זי טאַקע אַוועק אין שטאָט אַריין. מיר האָבן געוואַרט און געוואַרט און אַזוי האָט עס געדויערט צוויי וואָכן צייט. ערשט שפּעטער, אין אַן אָוונט איז זי צוריק געקומען איינע אַליין און נאָר געבראַנגט עטלעכע בריוועלעך פון היימען. זי האָט אים אפילו נישט געהאַט געזען. זי האָט נאָר דערהאַלטן די בריוועלעך, וואָס ער האָט צו איר דורך עמעצן געשיקט. זי האָט זיך פאַרענטפערט, פאַרוואָס זי האָט זיך געזוימט אַזש צוויי וואָכן, באשר, זי האָט זיך געשעמט צוריקצוקומען צו אונז מיט דער טרויעריקער בשורה, אַז מען האָט פון איר שטוב אין מינסק, אַרויסגעגנבעט דאָס גאַנצע ביסל סחורה, וואָס מיר האָבן דאָרט ביי איר געלאָזט ביים אַוועקגיין דאָ אַהער. בשעת מעשה איז זי געווען אָנגעטון אין אַ נייַ קלייד און אין אַ קאָפּ־טיכל געמאַכט טאַקע פון די דאָזיקע סחורות. זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט זיך דאָס אין מאַרק געקויפט. מיר האָבן געוואָלט און געמוזט גלויבן. מען האָט געפילט, אַז זי האָט חיימען פאַרנאַכלעסיקט ביים אָפּרוימען דאָס ביסעלע סחורה. מען האָט אָבער נישט געטאָרט צולאָזן צו זיך די דאָזיקע חשדים. חוץ אַלעם, איז קיין צייט נישט געווען וועגן דעם צו טראַכטן. חיים האָט אין די בריוועלעך געריפן רעטונג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז שוין מער נישט אין מינסק, אין לאַגער. מען האָט ווי אַלע פון דאָרט געטריבן קיין קאָלושין, אויף אַן אַרומגעצוימט ליידיק פעלד אַרויף, מען האָט אַהין צוזאַמענגעטריבן עטלעכע טויזנט מאַן פון צענדליקער לאַגערן. אין די בריוועלעך שרייבט ער, אַז מען זאָל אים שוין אַרויסראַטעווען, ווייל ס'קאָן נאָך חס ושלום זיין צו שפּעט. אויסער דעם, פילט ער, אַז נאָך עטלעכע טעג וועט ער נישט אויסהאַלטן ביי די דאָרטיקע באַדינגונגען. זיי זענען אַלע באָרוועס, מען האָט ביי זיי די שיך פון די פיס אַראָפּגעשלעפּט און אויך די וואַרעמע מלבושים פון די לייבער. עס גיסט איצט כסדר אַ שלאַקס־רעגן. מען שלאָפט אין די בלאָטעס, אונטערן גאָס, און — די ווערעם פרעסן אויף.

די טשאָטקע זאָגט, אַז היינט איז זי מיד, עס איז שוין אויך שפּעט, נאָך מאָרגן, באַלד אינדערפרי, גייט זי נאָך אים קיין קאָלושין און זי וועט אים אַהער ברענגען.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר שוין נישט געקאָנט שלאָפן. עס האָט אונז געוואָרפן אויף די געלעגערס (מיר זענען דעמאָלט געשלאָפן אויפן בוידעם, אין אַ קופּע היי). זיין הילפס־געשריי, „ראַטעוועט”! — האָט געצופּט שטיקער לייב. אין דרויסן האָט אַ שרעקלעכער ווינט געבלאָזן, געריסן שטיקער פון שטרויענעם דאַך און שיר אַוועקגעטראָגן די כאַלופּע. ס'האָט אויסגעזען ווי דער ווינט וויינט, יאָמערט. מיר האָבן שרעקלעך מורא געקריגן און זיך באַהאַלטן וואָס טיפער אין היי. פאַר די אויגן האָט אונז כסדר געשוועבט דאָס בילד פון קאָלושין. די פינצטערע נאַכט דאָרט אויפן פרייען פעלד; ווי די נאַקעטע ווערן געשמיסן פון ווינט, קעלט און גאָס. מיר האָבן זיך נישט געקאָנט אויסקוקן דעם טאָג. די נאַכט האָט זיך, ווי אַן אייביקייט געצויגן און דער ווינט האָט, וואָס אַמאָל, שרעקלעכער געיאָמערט. מיר האָבן זיך

קוים דערוואַרט דעם מאָרגן־שטערן און ווי ס׳האָט נאָר גענומען טאָגן — האָט מען אונטן געקלאַפּט אין טיר. פּויערים האָבן געבראַכט די ידיעה פון קאַלושין, אַז מען האָט אין דער נאַכט אַלע יידן אין די וואַגאָנעס געטריבן. הונדערטער טויטע אויף די דראָטן, אויף די פעלדער און וועגן.

מיר האָבן זיך געקלאָרט פון וויטיק. פאַרשפּעטיקט מיט איין טאָג נאָר און ווי אומבאַהאָלפן! מיר האָבן זיך געשלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפּ.

איצט גלויבן מיר שוין: דו ביסט, הייליקער חיים, אומגעקומען צוליב אַ ביסל סחורה, צוליב אַ נאַריש ביסל סחורה. מיר זעען דיינע בליקן ווי דו האָסט אין די לעצטע טעג אויסגעקוקט אונזער הילף, אונזער שליח. די בליקן לעכערן אונזער האַרץ. אָ, הייליקער חיים!

⁂

יאָ, דאָס ביסל סחורה · דאָס האַלט אונז ביים לעבן און — מען זאָל נאָר דאָס לעבן נישט פאַרלירן צוליב דעם. יעדעס מאָל ברענגען אַ פריש ביסל קומט דאָך אָן ווי קריעת־ים־סוף.

צו די קריסטן, וואָס די סחורה איז ביי זיי, שיקן מיר אָפט בריוו. מיר שרייבן, אַז מיר זענען אין די וועלדער מיט פּאַרטיזאַנער, בכדי זיי זאָלן פאַר אונז מורא האָבן, ווייל עס פּאַסירט לעצטנס אָפט, אַז ווען שליחים קומען צו פּאָליאַקן עפּעס אָפּנעמען פאַר פאַרשטעקטע יידן — פאַרהאַלט מען זיי און מען גיט זיי אירבער צו דער זשאַנדאַרמעריע. דאָרט ווערן זיי געפּייניקט ביז זיי גיבן אויס, ווו די יידן זענען באַהאַלטן. שרייבן מיר, אַז מיר זענען פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער. די בריוו לייגט די טשאָטקע אוועק שטענדיק אין אַן אַנדערער שטאָט, עס זאָל הייסן, אַז מיר וואַנדערן פון אָרט צו אָרט. אונזערע באַקאַנטע האָבן טאַקע מורא און ווען די טשאָטקע קומט מיט אונזערס אַ בריוועלע נאָך זאַכן — טראָגט מען איר גלייך אַנטקעגן אַ פּעקעלע. זי זאָגט זיי, אַז זי טרעפט זיך מיט אונז שטענדיק ווו אַנדערש און, אַז זי ווייסט אַליין נישט ווו מיר געפינען זיך, נאָר זי האָט געזען, אַז מיר זענען שטאַרק באַוואָפנט. האָבן זיי טאַקע מורא! זיי האָבן מורא, אַז אויב אפילו עס זאָל זיי געלונגען אונז כאַפּן און אומברענגען, וועלן אונזערע חברים — פּאַרטיזאַנער, דערפאַר נקמה נעמען.

אַ טייל מיינען, אַז אויך די טשאָטקע איז מיט אונז אין די וועלדער. עס זענען אָבער אויך פאַראַן דרייסטע, וואָס כאָטש זיי פאַרהאַלטן זי נישט — ריזיקירן זיי דאָך, זיי וואַרפן זי אַרויס און זאָגן אָן, אַז זי זאָל מער נישט וואַגן צו זיי צו קומען, ווייל — זיי וועלן זי דאַן איבערגעבן צו די דייטשן.

ציטערן מיר טאַקע יעדעס מאָל, ווען די טשאָטקע גייט אין שטאָט אַריין, מיר קוקן מיט טויט־שרעק אויס איר קומען. פיל מאָל פּאַסירט, אַז זי קומט נישט צוריק אין זעלביקן טאָג — דערוואַרטן מיר שוין דעם טויט! מיר זענען זיכער, אַז — שוין, ס׳האָט זיך, חלילה, געענדיקט, מען האָט זי דאָרט פאַרהאַלטן און אָט קומט מען שוין אויך נאָך אונז.

שטענדיק ווען זי קומט אויף צומאָרגנס צוריק, איז זי אַביסל שיכור. זי האָט זיך אויפן וועג געזוימט און געטרונקען מיט אירע פריינט. מיר בענטשן דאַן גומל.

16־טער יולי:

מיר האָבן זיך היינט באַקענט מיט יאַנעקן. ער איז אַרויפגעקומען אויפן בוידעם, אָנגעקלאַפּט אין טירל און זיך אונז פאָרגעשטעלט שוין ווי אַן אַלטער באַקאַנטער. ער זעט נישט אויס צו זיין קיין איבעריקער חכם.

קודם האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ, דערזעענדיק דאָס באַהעלטעניש:

— אָ, מיין גאָט, ווי אַזוי לעבט איר דאָ?!

ער האָט באַטראַכט דאָס צעפּוילטע שטרוי אונטער אונז, די פאַרשטויבטע, פאַרוועבטע ווענטלעך אַרום, אונזער הולך — די צעפּרעסטע, צעפּאַלענע מלבושים אויף אונז און אונזערע בלייכע, אויסגעלאָשענע געזיכטער, וואָס האָבן זיך גערווייסט אין דער טונקלקייט.

באַלד האָט ער זיך אָבער באַרואיקט, ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז אַ פאַרפאַלענע זאַך, מיר קומען אָפּ די שטראָף פון אונזערע אבות, נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק.

— יאָ, ס'איז אייער גורל! איר זענט אפשר נישט שולדיק, נאָר גאָט נעמט אייביק נקמה, חוץ דעם — נו, יאָ, איר זענט אפשר גוטע, אָבער אַנדערע יידן —

ער האָט גענומען דערציילן מעשיות וועגן געכאַפּטע יידן און ווי אומדאַנקבאַר זיי זענען, זיי „פאַרשיטן" שטענדיק די „גאָספּאָדאַזשעס", וואָס האָבן זיי אויסבאַהאַלטן.

באַלד האָט ער עפּעס אָנגעהויבן ציען פון די קעשענעס און אונז געוויזן אילוסטרירטע בלעטלעך, וואָס ווערן פאַרשפּרייט איבער די דערפער. די בלעטלעך שטעלן פאָר, ווי די יידן קרייציקן יעזוסן און פאַרברענען די הייליקע „האָסטיע". איין בילד ווייזט, ווי דער המון נעמט דערפאַר נקמה אין די יידן און מען שעכט זיי אין די גאַסן. יעדעס בילד איז פאַרזען מיט צושריפטן, וואָס רופן צו מאָרדן יידן — „די שונאים פון גאָט און פאָלק".

ווען איך פּרוּוו אים אויפקלערן, אַז דאָס איז דייטשישע פּראָפּאַגאַנדע, ספּעציעל אין דער פּוילישער שפּראַך — לאַכט ער, יאַנעק, און זאָגט, אַז איך זאָל נישט האַקן קיין טשייניק, ווייל דאָס אַלץ איז אמת. ער געדענקט אפילו ווי אין יאָר 1920 האָבן די יידן געשאָסן אויפן פּוילישן מיליטער און — מיר נוצן דאָך אפילו בלוט פון קריסטלעכע קינדער צו אונזערע מצות.

פעלעק איז דערווייל אַרויפגעקומען און איז אויך אַריינגעקראָכן אין באַהעלטעניש. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און שטיל אויסגעהערט יאַנעקס מעשיות. ער האָט כסדר ווי געשמייכלט און מיט קיין וואָרט זיך נישט אַריינגעמישט. ערשט שפּעטער, ווען יאַנעק האָט נאָכאַמאָל גערעדט וועגן דעם, אַז די יידן האָבן אומגעברענגט יעזוסן — האָט ער מיט אַ שמייכל זיך אָנגערופן:

— נו, אויב ער איז אַ גאָט — פאַרוואָסזשע האָט ער זיך געלאָזט הרגענען?

יאַנעק האָט זיך גענומען אַראָפּקריכן און פעלעק האָט אָנגעהויבן זיך חקרענען:

— „ער ווייסט בכלל נישט צי די אַלע מעשיות זענען אמתע, נאָר אַביסל אמת מוז עס יאָ זיין, האַ? —— ער ווייסט אַליין נישט. וואָס זאָגן מיר?" —

⁂

א גלויביקער איז ער דאָך, פּעלעק, ער גייט כּסדר אין קאָשטשאָל און האָט שטאַרק ליב דעם גלח.

אַנומלט, נאָך אַ סקאַנדאַל צווישן זיין שוועסטער — די טשאָטקע, מיט זיין ווייב — די פּעלקאָווע — איז ער, אַ שטאַרק טרויעריקער ארויפגעקומען צו אונז. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט באַשלאָסן זיך אויפצוהענגען, ווייל ער קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן צווישן די צוויי ווייבער, זיי דערעסן אים דאָס לעבן מיט זייערע ארומרייסעניש, אַז גאַנצע טעג קריגט מען זיך.

אַזוי איז עס פון ערשטן טאָג פון אונזער קומען. איינע בונטעוועט קעגן דער צווייטער. די פּעלקאָווע איז שוין עטלעכע מאָל געקומען צו אונז און געדראָט, אַז אויב מיר וועלן נישט באַרואיקן דער טשאָטקען — וועט זי אַוועק צו זשאַנדאַרמעריע און מסר'ן. מיר האָבן איבערגערעדט מיט דער טשאָטקע — זאָגט זי, אַז מיר זאָלן קיין מורא נישט האָבן — יענע דראָט נאָר בלויז און — אַז זי איז נישט שולדיק אין די מחלוקת, שולדיק איז די פּעלקאָווע. אַלע פּאָר טעג חזרט זיך דאָס איבער.

פּעלעק זאָגט, אַז ער קאָן דאָס שוין נישט אויסהאַלטן, שולדיק זענען ביידע, ביידע רייסן זיך און ער איז צווישן זיי מאַכטלאָז.

רעדנדיק, האָט ער אונז איבערגעגעבן אַ סוד: ער קלויבט זיך אין די נאָענטסטע טעג גיין צום גלח און אים אַלץ דערציילן, די גאַנצע מעשה מיט אונז.

— דער גלח — זאָגט ער — וועט דאָס קיינעם נישט אויסגעבן.

מיר האָבן אים גענומען בעטן, אַז ער זאָל עס נישט טון. עס העלפט אָבער נישט, ער האַלט זיך ביים זייניקן. דאָס ערגסטע איז, אַז מיר האָבן דאָך נישט קיין מאָטיוו אים אויפצוקלערן פאַרוואָס מיר האָבן מורא פאַרן גלח. מיר טענהן דאָך כּסדר צו אים, אַז נאָר די אומגלויביקע, דאָס פּעבל, הרגעט יידן, דאַקעגן אינטעליגענטן און פרומע מענטשן שיצן נאָר יידן, נאָר בסוד, ווייל זיי האָבן מורא פאַר די דייטשן פרעגט ער טאַקע, פּעלעק, פאַרוואָס מיר שרעקן זיך פאַרן גלח?

מיר האָבן געטענהט און געמיענהט און לסוף בין איך געפאַלן אויף אַן אויפטו. כ'האָב אים געזאָגט, אַז דער גלח וועט שטאַרק בייז זיין אויף אים, פאַרוואָס ער האָט אים דאָס אנפאַרטרויט. אַזעלכע זאַכן ווילן זיי נישט וויסן, די גלחים, ווייל זיי האָבן מורא, אַז שפּעטער ווען ס'וועט חלילה אַנטדעקט ווערן — זאָל דער פּויער נישט דערציילן, אַז דער גלח האָט דערפון געוווּסט.

די גלחים ווילן דעריבער דערפון נישט הערן, נאָר שטיל, בלחש -- בענטשן זיי די וואָס האַלטן יידן, והראיה - די ברכה פון גלח בעת דער „קאָלענדע" ביי אונז!

פּעלעק שמייכלט, ער איז צופרידן, צום גלח וועט ער שוין טאַקע נישט גיין, נאָר — הענגען וועט ער זיך! ווייל ניין, — ער מוז זיך הענגען!

18־טער יולי:

איין מענטש פון צווישן אונז קאָן די טשאָטקע נישט פאַרטראָגן. דאָס איז — אסתרל. מיר פילן אַרויס איר שנאה צו אסתרלען. וואָס איז די סיבה? עס דאַכט זיך איר, אַז אסתרל האָט נישט וועגן איר קיין גוטע מיינונג, כאָטש אסתרל ווייזט

אַזעלכעס נישט אַרויס. זי ליידט זי נישט, די טשאָטקע, און באַהיט זאָל אסתרל ווערן, אַז די טשאָטקע זאָל זי טרעפן זיצן לעבן מיר. בכלל איז זי צופרידן, ווען זי טרעפט לעבן מיר זיצן די מענער, אפרימען מיט פרוימאַנען. דעמאָלט איז זי אויפגעליינט, זי הייכט זיי זיך אָפּרוקן און זעצט זיך צווישן אונז.

די ערשטע פּאָר מאָל, ווען זי פלעגט אַרויפקומען און טרעפן אסתרלן לעבן מיר — פלעגט זי ווערן אויפגערעגט, זיך גענומען בייזערן, פאַרוואָס מיר האָבן היינט פאַרשלאָפענע אויגן אָדער רויטע אויערן, זיך געבייזערט, געבייזערט, און לסוף אַראָפּ, אַן אָנגעצונדענע מיט כעס — אָן אַ „גוטן־טאָג”.

מיידן מיר שוין היינט אויס דאָס זיצן לעבן זיך, זיץ איך רעכטס — זיצט אסתרל לינקס און שטענדיק — די מענער אינדערמיט.

דערפאַר, דאַכט זיך, אַז פעלעק האָט גאָר לעצטנס אָנגעהויבן וואַרפן אַן אומחן אויף מיר. דאָס איז זינט ער האָט ליב געקריגן אַרויפצוקומען צו אונז אין אָוונט, אין דער פינצטער און זעצן זיך רווקא לעבן אסתרלן. עטלעכע מאָל האָט דאָס שוין פּאַסירט. ער זיצט אַביסל אונטער ביז ער ווערט אַרומגעכאַפּט פון פאַרשידענע געפילן — דעמאָלט דאַרף אסתרל פּלוצים מיר עפּעס זאָגן און זי גייט אַוועק אין מיין זייט. פעלעק בלייבט זיצן אַ טרויעריקער עטלעכע מינוט און ער גייט באַלד אַראָפּ בייז. מיר פילן שפּעטער זיין שטילע שנאה צו מיר און ווייסן, אַז קיין גוטס קאָן דערפון נישט אַרויסקומען, פּונקט ווי עס קאָן קיין גוטס נישט אַרויסקומען פון דער טשאָטקעס געטריישאַפט צו מיר.

לעצטנס, איז אסתרל בסדר נישט געזונט, זי האָט שוין אפילו דורכגעמאַכט אַ הייזקראַנקהייט. די טשאָטקע האָט דערפון נישט געטאָרט וויסן, ווען יאָ - - וואָלט זי נישט אַרויפגעגעבן יעדן טאָג דאָס פלעשל שוואַרצע קאַווע, וואָס איך בעט צו טרינקען, ווייל „כ'בין דאָרשטיק”. זי וואָלט פאַרשטאַנען, אַז עס איז צו לעשן אסתרלס שטאַרקן דאָרשט פון דער היץ.

אָ, וואָס דאָס טרינקען האָט אונז שוין אָנגעמאַכט. אינדרויסן זענען היינט גרויסע היצן, אויפן בוידעם איז די היץ נישט איבערצוטראָגן, מיר ווערן פאַרברענט פון דאָרשט. פרוימאַן האָט, פון טרינקען קאַלט וואַסער, זיך פאַרקילט און הוסט איצט כסדר. מיר האָבן מורא, אַז מען זאָל אונז נישט הערן. יעדעס מאָל, ווען ער דאַרף הוסטן, שטעקט ער דעריבער דעם קאָפּ אין היי אַריין. דערפון דושעט נאָך מער — הוסט ער העכער, טרינקט ער ווידער דאָס קאַלטע וואַסער — ווייכער צו מאַכן דעם הוסט — הייבט ער אויפסניי אָן צו הוסטן, אַז ער שטיקט זיך שיר.

איך האָב אים עטלעכע מאָל נישט געוואָלט געבן וואַסער, נישט אים און נישט אפרימען — האָבן זיי זיך צעבונטעוועט, אַז איך בין אַ תקיף, כ'האָב געמוזט נאָכגעבן, נו — הערט זיך ביי אונז אַ הוסטעריי בייטאָג און ביינאַכט, זיי שטעקן די קעפּ אין די קאָלדרעס. מען הערט אָבער זייער ווייט.

ווער ווייסט, צי אין דאָרף רעדט מען שוין נישט דערפון? — פאַר שרעק שלאָפן מיר נישט גאַנצע נעכט, מיר הערן זיך איין, צי קיינער דרייט זיך נישט דערלעבן און — ביי יעדן פרישן הוסט — הויבן מיר די אויגן צום הימל.

די טעג זענען הייגט גרויסע. יעדער טאָג ציט זיך ווי אָן אייביקייט. אינדערפרי כאַפּן מיר זיך אויף מיט שרעק. אין דרויסן לייכט שוין די זון, אַלץ אַרום איז אַזוי פריש און אויסגערוט. די פעלדער וועקן זיך פון שלאָף מיט א גרינעם, ליכטיקן שמייכל, דאָס וועלדל — ווי עס וואָלט אויסגעשפּרייט די אָרעמס און גערופן צום לעבן. מענטשן, פרישע, אויסגערוטע, גייען לאַנגזאַם, נאָך האַלב־פאַרשלאָפענע, מיט א לויטערקייט אין די אויגן — צו דער אַרבעט אין פעלד. די לופט אַרום איז נאָך אַזוי רואיק, שטיל, פול מיט דערוואַרטונג. מיר ליגן מיט א שווערער מידקייט און קאָפּווייטיק פון דושנעקייט אין לאָך. א געדיכטער אויר זעצט אין די שלייפן. אַלץ אין דיר איז טרוקן, דאָס האַרץ וואַרפט זיך. מיר ליגן צוזאַמענגעקורטשעט, איינגעפלאָכטן — צוליב דער ענגשאַפט — איינער אין אַנדערן. אַלע איברים טוען ווי פון דער האַרטקייט פון די בוידעם־ברעטער. מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל געטוישט דאָס שטרוי, אָבער נאָך א שטיקל צייט ווערט עס אונטער אונז צעמאָלן. צוערשט, ווי שעצקע און דאַן — ווי א קופּע מיסט, אין וועלכער עס ראָיעט זיך פון פליי, שלאַנגען און אַנדערע ווערים. אויך די קליידער אויף אונז זענען צעשטויבט, צעפּליקט, צעריסן און פאַרפוילט. נאָענט, איבער אונזערע קעפּ, שווערט משופּעדיק דער שטרוי־דאַך, אָנגעפּרעסן מיט פאַרשימלטן רעגן־ריח, די צווייַ ווענטלעך, ווי טהרה־ברעטער, באַוועבט מיט שפּינגעוועב. די פיס, די הענט און אַלע ביינער ברעכן. זיי זענען ווי פאַרשטייפט. ווער ווייסט, צי מען וואָלט זיי שוין געקאָנט אויסציען? — (אַך, ווי עס וואָלט זיך געגלוסט בעת א געניץ --- אויסציען, צעשפּרייטן די הענט, די פיס!) אונזערע האָר --- צעפּלאָשעט, צעשויבערט, גרוי פון שטויב און מיסט, די פּנימער בלייך אין מאָגער. מיט טונקל־בלויע לעבער אַרום די אָנגעשפּיזטע, מיט א ווייסן בליאַסק — אויגן. מיר גענעצן אין די הענט אַריין, דאָס האַרץ שלאָגט וואָס אַמאָל שטאַרקער, עס גייט איצט אַזאַ לאַנגער טאָג, ווער ווייסט, וואָס ער וועט מיט זיך ברענגען! עס וואָלט זיך געוואָלט, כאָטש נאָך א פּאָר שעה איבערשלאָפן, צו פאַרקלענערן די אומענדלעכקייט.

נאָר אין שטוב, אונטן, רודערט זיך שוין. מען הערט דאָרט פרעמדע שטימען, מען מוז אַכטונג געבן, נישט צו טון זיך קיין באַוועג. מען ליגט צו די אויערן צו די ברעטער אונטער אונז — ווער איז דאָרט? וואָס דערציילן זיי, די פּויערים? וואָס איז ווידער געשען? — די געסט זוימען זיך, ווען זיי גייען אַוועק, האָט דער טאָג זיך שוין לאַנג געשטעלט. די טשאַטקע גיט אַרויף צוויי פלעשער וואַסער. דאָס איז צו וואַשן זיך און אויף א גאַנצן טאָג צו טרינקען. מיר ווילן זיך וואַשן — אין שטוב איז שוין ווידער ווער דאָ, מען דערציילט פרישע נייעסן. מיר וואַרטן איבער. ווען זיי גייען אַוועק, ווישט מען זיך אויס די אויגן מיט וואַסער, מען גיט גיך אַראָפּ דאָס שעפּעלע אומריינקייטן. פּעלעק גייט אַרויס זיך אומקוקן, צי קיינער קומט נישט אָן אויפסניי — לויפט די טשאַטקע דערווייל אַרויס מיטן שעפּעלע און גיסט עס אויס אין א גרוב הינטער דער סטאַדאָלע, זי פאַרשיט עס גיך מיט זאַמד — עס זאָל נישט ווערן פאַרדעכטיק פאַר א פרעמד אויג. דערווייל דערלאַנגט אונז די פעלקאָווע גיך אַרויף א שטיק ברויט מיט א פלאַש קאַווע.

נאָך פאַרמיטאָג שיקט אונז אַריין די זון, דורך די שפּאַרעס, לאַנגע, אָנגעגליטע נאָדלען, וואָס ברענגען אויס שטיקער לייב. וואָלקנדלעך שטויב ציען זיך אין די גאָזלעכער אַריין און שטיקן אין האַלדז. דאָס נאָך-נישט אויסגעטריקנטע היי אין יענער זייט ווענטל, אויפן בוידעם, נעמט זויער און שאַרף עיפּושן, עס רייסט אַזש אין די אויגן, די היץ ווערט, נישט איבערצוטראָגן. מיר פרייכן אַזוי אַפּ עטלעכע שעה. מען פועלט: די טשאַטקע גיט אַרויף אַ פריש טשייניקל וואַסער. אין די העלדזער שטעכט, עס פעלט אויס אָטעם. דערווייל זאָגט אונז פעלעק, אַז מען מוז זיין געהיטן, ווייל מען שמועסט וועגן זשאַנדאַרן אין דאָרף און אפשר מיינט מען אונז. פאַרשטעלט מען שטרענגער דאָס טירל, מען פאַרשטאָפּט די שפּאַרעס פון בוידעם צו אונז מיט שמאַטעס. פויערים דרייען זיך אונטן אַריין און אַרויס. מען דערציילט מעשיות וועגן אַנטדעקטע יידן, וואָס מען האָט געכאַפּט צופעליק בעת אַן אָבלאַווע אויף „נישט-געאַוויערינגלטע" (נישט רעגיסטרירטע) - חזירים. מיר קוקן אין די שפּאַרעס צו די וועגלעך, וואָס פירן אין דאָרף אַריין. יעדער מענטש, וואָס קומט אָן פון דערווייטנס, דאַכט זיך, אַז ער איז אין אַ גרינעם אוניפאָרם. מיר קוקן הינטער אונזער ווענטל און עס דאַכט זיך, אַז באַלד, באַלד, וועלן זיך דאָ דרייען אַהין און צוריק, געפוצטע שטיוול און מען וועט הערן דייטשע קולות. דאָס בלוט שטראָמט האַסטיק צום האַרץ און קאָפּ, עס זעצט אַרויף און אַראָפּ, אין די אויערן קלינגט. וואָס רוישט פון דער ווייטנס? זעט אויס, אַז מאָטאָרן קלאַפּן! וואָס פייפט? — די אויערן ווערן אָנגעשטרענגט. דאַכט זיך, זיי פאָרן! דאָס האַרץ זעצט, אָט, אָט פאַלט עס אַרויס! — ניין, ס'איז גאָרנישט!

די לופט איז אָבער אַזוי שווער, אין דאָרף רוישט עפּעס אַזוי מאָדנע, מיט אַזעלכע רוישנדיקע קולות איז אָנגעפילט דער דרויסן און איבער אַלעם זינגען די פייגל אַזוי וואָרנענדיק; די הענער קרייען איבערגעשראָקן; קי אויף די פאַשעס ציען אויס די גרויסע קעפּ, און מעקען אויסגעצויגן אין חלל אַריין, ווי צו אונזער זייט. די אויגן זענען ביי זיי אָנגעצויגן מיט שטומען, איבערגעשראָקענעם סוד. די דורכגייער שאַרן זיך פאַרביי אַזוי געהיימניספול, דאַכט זיך, אַז זיי קוקן צו אונזער ווענטל. פרוימאַן נעמט אַוועק דעם קאָפּ פון דער שפּאַרע, ציט צו זיך צו דאָס טשייניקל וואַסער, ער גאָרגלט פון דזשאָב אין האַלדז אַריין, די אָדערן ווערן אים בולט. אפרים זאָגט, אַז עס צופּט אים ביים האַרץ, ער ווייסט נישט צי עס איז הונגער, נאָר ער פילט, אַז ער וועט חלשן פון דער היץ. פרוימאַן גיט אויף אים אַ בליק און לאָזט שטיין אַ ביסל וואַסער אויף דעם דנאָ פון טשייניקל.

די שעהן רוקן זיך. אין די מחות זעצט. די טשאַטקע גיט שוין אַרויף אַ גרויסן טאָפּ עסן. דאָס לאָך ווערט אָנגעפילט מיט פאַרע, עס נעפּלט פאַר די אויגן. דאָס וואַסער אין טאָפּ שוימט זיך. עס שווימען אינעווייניק אַרום גרויסע, רויע, ראַזאָווע קליסקעס, זיי קלעבן זיך צום גומען, מען קאָן בשום אופן נישט אַראָפּשלינגען, מען קייט שליימיק אין מויל. דער טאָפּ שטייט אינדערמיט, מיר זיצן אַרום, מיט די צעשויבערטע קעפּ אַריינגעוועבט דורך דעם שפּינגעוועב אין שטרוי פון דאַך. מען אַרבעט שווער מיט די לעפל, שווייס רינט אַזש איבערן פנים. דאָס עסן נעמט ווערן קנאַפּער.

באַלד רוקט מען אַוועק דעם טאָפּ, עס האָט וועמען אָנגעהויבן דרייען אין בויך, כאַפּט ער שנעל דאָס שעפעלע און — קרעכצט אויף עס שווער. פון פנים רינט

שווייס און די אויגן קריכן ביי אים שיר ארויס פון אָנטשרענגונג. ריחות מישן זיך אויס. דערווייל נעמט אַן אַנדערן דרייען אין בויך. דער ערשטער שיידט זיך שווער מיטן שעפּעלע אונטער זיך. אויך דער צווייטער מוז זיך צואיילן, ביי אַ דריטן דרייט עס שיר אויס די קישקעס. ער האַלט וואך ביי דער שפּאַרע, ער קוקט מיט איין אויג אַרויס, שאָקלט זיך און שרייט „שנעלער, שנעלער!”

די פעלקאָווע קומט שוין אַרויף נאָך דעם טאָפּ פון עסן. זי פרעגט ווי ס'האָט געשמעקט און איז צופרידן, אַז גאָר גוט. זי טראָגט אין איינוועניגס אַראָפּ אויך דאָס פולע שעפּעלע, „ס'איז הייס” — זאָגט זי און גיט צו, אַז מען זאָל זיין געוואָרנט, ווייל דער טאָג איז נאָך גרויס, די „סוואָלאָטשעס”, — די דייטשן, קאָנען נאָך קומען.

איידער מיר פאַרמאַכן נאָך דאָס טירל, דערציילט די פעלקאָווע אריין, האַלטנדיק אין ביידע הענט פאַר זיך דעם טאָפּ און דאָס שעפּעלע — דעם ביטערן חלום פון דער שכנטע, דער רעבניאַקאָווע. זי האָט היינט דאָ דערציילט, אַז ס'האָט זיך איר געחלומט, זשאַנדאַרן רינגלען אַרום אונזער כאַלופּע און עס פליען קעפּ.

— ס'איז שלעכט — זאָגט די פעלקאָווע.

מיר שמייכלען פאַרביטערט, גיט זי מיט פאַרדרוס אַ שאָקל מיטן קאָפּ, גיט אַ זיפץ און פאַרשווינדט. מיר קאָנען שפּעטער נישט קומען צו זיך: דער חלום, ווי דער חלום, אָבער צי האָט די רעבניאַקאָווע דערמיט נישט מרמז געווען, אַז זי ווייסט עפּעס?

ווידער רוישן, דאַכט זיך, מאָטאָרן? — יאָ דאַכט זיך, אַז עס רוישט! עטלעבע מינוט שטיל. ניין, ס'איז גאָרנישט.

די זון האָט זיך שוין איבערגערוקט אויף מערב און איבערגעלאָזט ביי אונז שאָטנס. עס ווערט קיל, עס נעמט שוידערן, ביי אַ טייל האַקט אַ צאָן אין אַ צאָן. מיר לאָזן זיך אַרומהילן פון די שאָטנס און ציען אַריין דורך די שפּאַרעס אַביסל לופט. עס רוישט אין מוח.

— ווידער באַלד אַדורך אַ טאָג, געליבט צו גאָט, בשלום — ברומט ווער אַרויס.

אַלע אָטעמען טיף אָפּ. די כוחות פאַרלאָזן, מען לענט אָן די קעפּ אין שטרוי פון דאַך. עס הערשט אַ פאַרשמאַכטע שטילקייט. די שאָטנס ווערן טונקעלער, שטרענגער, זיי נעמען אונז איינשלינגען. מיר פאַרשווינדן ביסלעכווייז אין דער פינצטער. בלויז שווערע גופים, ווי פון מתים, פילן זיך. עמעץ נעמט שנאָרכן. דאָס האַרץ קלאַפּט און מיט אומרו דערוואַרט מען דעם מאָרגנדיקן אומענדלעך־לאַנגן, שרעקנדיקן טאָג.

⁂

יאָ, זיך אַביסל אָנדערציילט, אַראָפּגערעדט פון האַרץ כאָטש פאַרן פּאַפּיר און עס דאַכט זיך, אַז עס ווערט אַ ביסעלע לייכטער. אָ, ווי ס'וואָלט זיך געוואָלט אַלץ אויפשווייבן און וואָס שנעלער.

כ'האָב אָפּגעמאַכט מיט יאַנעקן, אַז ער זאָל מיינע שריפטן באַגראָבן דאָ, ערנעץ אין דאָרף, אין ערדענע כלים און אויב חלילה וחלילה, זאָל ער דאָס שפּעטער, נאָך דער מלחמה איבערגעבן אין יידישע הענט. כ'האָב אים פאַרזיכערט, אַז ער וועט דערפאַר אַ פאַרמעגן באַקומען. נו, האָט ער מסכים געווען.

איך בעט אייך טאַקע, טייערע ברידער, איר, וואָס וועט די זכיה האָבן איבער־

צולעבן און זיין צווישן די געציילטע עדות און אייך טייערע ברידער און שוועסטער אונזערע פון אויסלאַנד — באַלוינט אים דערפאַר, גיט אים שכר. ראשית, פאַרן אויסבאַהאַלטן די שריפטן, והשנית — ער העלפט דאָך אונז פאָרט און מיר האָבן דאָך פון אים פיל טובות. חוץ דעם, בעט איך אייך, איר זאָלט מיינע פאַרצייכענונגען פאַרעפנטלעכן. זאָלן יידן שפּעטער וויסן, וועגן אונזער פּיין און מאַטערניש. וועגן דער לאַנגזאַמער גסיסה פון פינף יונגע יידן, וואָס האָבן געהאָפט איבערצולעבן און זיין גוטע זין פון זייער פאָלק און געטרייע בירגער פון דער צוקונפטיקער יידישער מלוכה.

מיר זעען אייך שוין, באַפרייטע יידן. מיר זעען אייער צער און צעבראָכנקייט נאָכן חורבן, אייער קלאָגן נאָכן אומגליק, אייער איינזאַמקייט. אָבער נישט אייביק וועט איר דאָך טרויערן, איר וועט דאָך מוזן אויך בויען, אויפבויען דאָס חרובע געצעלט פון ישראל, אויפבויען דעם זכר נאָכן פאָלק. פאַרגעסטזשע אונז נישט און ווען איר וועט דערמאָנען אונזערע מיליאָנען טהורים וקדושים — דערמאָנט אויך פינף יונגע יידישע לעבנס, וואָס מאַטערן זיך נאָך איצט בעת איך שרייב די דאָזיקע שורות. פאַרגעסט אונז אויך נישט! און בעת איר וועט לייענען מיינע שורות — וויסט, אַז זיי זענען געשריבן נישט מיט טינט נאָר מיט בלוט, מיט אונזער אייגן בלוט, מיטן בלוט פון טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער און ברידער און מיטן בלוט פון גאַנצן פאָלק — השם ינקם דמם!

און נאָך בעטן מיר אייך: פאַרגעסט נישט נוקם צו זיין אונזער נקמה! דאָס איז אונזער הייסטער פאַרלאַנג, אונזער הייסטע צוואה צו אייך! געדענקט, אַז די גאַנצע ערד דאָ, די דאָזיקע טמא ערד, איז אָנגעזאַפּט מיט אונזער בלוט, מיט יידיש בלוט! טמאים פרייען זיך מיטן גוטן גערעטעניש. געדענקט דאָס און ווייכט פון דאָזיקן טמאן לאַנד. ווייכט פון דעם און פון זיינע טמא איינוווינער, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן להשמיד להרוג ולאבד! זאָל קיין יידישער פוס מער נישט איבערטרעטן די דאָזיקע ערד! זאָל גאָטס קללה רוען אויף דעם דאָזיקן לאַנד! זאָל עס זיין ווי סדום ועמורה פאַרשאָלטן אויף אייביק.

20־טער יולי :

ס'האָט זיך גענומען רירן אויף די פראָנטן און אַ האָפנונג פּיקט דאָס האַרץ. זינט די טעג פון סטאַלינגראַד, זענען מיר זיכער אין זייער כוח. זייער מפּלה דערנענטערט זיך און ווי לאַנג עס זאָל נישט דויערן — זייער שוואַרצער סוף איז זיכער. מיר זאָלן זיך נאָר דאָס דערוואַרטן!

זייט געבענטשט איר קעמפער פון דער רויטער אַרמיי, זאָל גאָט שטאַרקן אייערע הענט! אָ, עס וואַרטן אויף אייך שאָטנס אין די לעכער. שאָטנס פון געוועזענע מענטשן, וואָס האָבן שוין קיין כוח נישט צו וואַרטן. זייט געבענטשט איר יידישע רויט־אַרמייער און יידן אין אַלע אַרמייען! מיר פילן ווי אייערע הערצער קלאַפּן מיט אונז.

מיר האָבן לעצטנס געלייענט אין דער דייטשישער צייטונג, אַז ארץ־ישראל־יידן האָבן באָמבאַרדירט דעם שונא. אָ, איר קעמפער פאַר אייער פאָלק, איר נקמה־

נעמער — א ברכה אין אייערע הענט! מיר שיקן אייך פון דער ווייטנס אונזערע קושן און ברכות.

זייט נוקם אונזער נקמה און די נקמה פון גאַנצן פאָלק!

22־טער יולי :

קוניאַק איז היינט ווידער דאָ ביי אונז. כ׳האָב נאָך וועגן אים נישט דערציילט.

שוין זייט איניקע וואָכן דרייט זיך אין דעם געגנט אַ יידיש יינגל פון אַ יאָר זעכצן. די פויערים רופן אים „קוניאַק" — אויפן נאָמען פון פאָטער. ער איז דער זון פון קאַלושינער טאַנדייט־שניידער חנא, וואָס האָט געאַרבעט פאַר די פויערים.

דאָס ערשטע מאָל איז ער ביי אונז געווען מיט עטלעכע וואָכן צוריק. אין אַ פרימאָרגן האָבן מיר געהערט אַ שמועס אונטן, אין קיך, וואָס די טשאָטקע און פעלעק פירן מיט אַן אומבאַקאַנטן גאַסט. מיר האָבן זיך, דערשראָקענע, איינגעהערט און באַלד זיך באַרואיקט. ס׳איז געווען אַ זיס קינדיש קול. געַנוי ווער עס איז — האָבן מיר נישט געוווּסט. ערשט ווען די טשאָטקע האָט געפרעגט צי ער „מאָדלעט" זיך צום „פאַן בוג", אַז ער זאָל איבערלעבן — האָבן מיר גענומען איינהאַלטן דעם אָטעם, אַ היץ האָט אָנגעהויבן שלאָגן צום האַרץ און קאָפּ. דאָס יינגל האָט געענטפערט :

— ניין, כ׳מאָדלע זיך נישט. אונזער גאָט הערט מער נישט אונזערע תּפילות און אַנדערש — קאָן איך נישט!

לאַנג נאָך איז ער געזעסן אין קיך און מיר, נייגעריקע, מיט אַ מאָדנער בענקשאַפט, האָבן זיך געדריקט צו די שפּאַרעס פון ווענטל, געקוקט אויפן הויף און געוואַרט אויף זיין אַרויסגיין.

שפּעטער איז ער ענדלעך אַרויס. ער איז פאַרביי אונזער ווענטל און געבליבן שטיין. מיר האָבן אים געקאָנט באַטראַכטן : הויך, זייער מאָגער, מיט אַ שיין בלאַס געזיכט, שוואַרצע אויגן — האַלב־פאַרנעפּלטע. ער איז געווען געוויקלט אין שמאַטעס. אויף איין פוס — אַ צעריסענער שוך. אויפן צווייטן — אַ מאָדנער, גרויסער לאַטש מיט אַ שטריקל אַרומגעבונדן. ווי אַ דערשראָקענע חיה האָט ער געוואָרפן בליקן אין אַלע זייטן, געשטעלט אומדרייסט אַ טריט און זיך צוריקגעצויגן.

מיר האָבן נישט געקאָנט איינזיצן, ס׳האָט אונז געוואָרפן. אָט שטייט ער בייםווענטל, עטלעכע טריט נאָר טיילן אים פון אונז, נאָר אויסצושטרעקן די הענט, אים אַרומכאַפּן, האַלדזן און אויסקושן דאָס בלאַסע פּנימל. ווען מיר קאָנען אים כאָטש צווואַרפן אַ וואָרט. אָ, ווען ער ווייסט, אַז עטלעכע טריט פון אים, אין יענער זייט ווענטל, זיצן זיינע שוועסטער און ברידער, אחים לצרה?!

ער איז פאַרשוווּנדן אין וועלדל. שפּעטער האָבן פויערים דערציילט מעשיות וועגן אים. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט אים אין אַ פאַרנאַכט געהאַט געכאַפּט דער ווישניעווער סאָלטיס, אים פאַרשפּאַרט אין אַ סטאָדאָלע, אַוועקגעשטעלט אויף אַ גאַנצע נאַכט אַ שמירה פון פיר פויערים — אים היטן, אַז ער זאָל נישט אַנטלויפן און באַלד אינדערפרי האָט ער געקלונגען אין שטאָט אַריין נאָך זשאַנדאַרמעריע. ווען די זשאַנדאַרן זענען געקומען און געעפנט

די סטאָדאָלע, איז זי שוין אָבער געווען ליידיק. אין דאָך האָבן געפֿעלט עטלעכע ברעטער. די פֿיר שומרים זענען צוליב דער פֿאַרנאַכלעסיקונג געשמיסן געוואָרן אין דער סאָלטיס, אַ דעריצערנטער, האָט פֿאַראָרדנט אַן אָבלאַווע. דער סוף איז געווען אַ טרויעריקער: די פֿויערים פֿון דאָרף האָבן געמאַכט אַן אָבלאַווע און געכאַפּט אַן אַנדערן ייִד, וואָס האָט צופֿעליק פֿאַרבלאָנדזשעט אין דעם געגנט. מען האָט אים פֿאַרשפּאַרט אין דער בעקערײַ, ער זאָל זיך נישט קאָנען אַרויסבראַכן און אַנטלויפֿן. ווען די זשאַנדאַרמעריע איז געקומען, האָבן זיי אים אָבער שוין געטראָפֿן אַ טויטן, דער ייִד האָט זיך געהאָנגען אויף די שעלקעס.

דער סאָלטיס איז אין כּעס, אַז ער האָט נישט קיין הצלחה. לעצטנס האָט ער געכאַפּט נאָך אַ ייִד און בײַ אים שוין אָפּגענומען די שעלקעס, פּאַסקעס מיט די שיך־בענדלעך, ער זאָל זיך נישט קאָנען הענגען, איז ער אים אָבער ווידער פֿון אונטער דער האַנט אַפּער נעלם געוואָרן. איצט זוכט ער, דער סאָלטיס, דעם גאַנצן כּעס אויסצולאָזן צו קוניאַקן. ער האָט דורכן „וואָיט" אַרויסגעגעבן אַ פֿאַראָרדנונג אין אַלע דערפֿער אַרום, אים צו פֿאַרהאַלטן. דאָס מאָל מוז ער אים כאַפּן און אַ לעבעדיקן איבערגעבן צו די דײַטשן.

עטלעכע אָבלאַוועס האָבן די פֿויערים, אין די דערפֿער אַרום, שוין געמאַכט, געזוכט און ביז איצט אים נישט געקאָנט געפֿונען.

מיר האָבן איבערגערעדט מיט פּעלעקן, אַז מען דאַרף אים זען צו ראַטעווען. פּעלעק האַלט זיך אָבער בײַם ווײַניקן, אַז אויך אונזערע טעג זענען געציילטע.

ער זוכט אויס פֿאַרשיידענע תּירוצים און זאָגט, אַז ער קאָן גאָרנישט העלפֿן. בײַ אונז איז אַזוי אויך צו ענג און ס'איז קיין פּלאַץ נישטאָ. מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט ער אים אַפֿילו פֿאַרטריבן, ווען ער האָט זיך נאָר איבער דער שוועל באַוויזן. שפּעטער, האָט ער זיך פֿאַר אונז פֿאַרענטפֿערט, אַז מען טאָר אים דאָ זיך נישט לאָזן דרייען, ווײַל מען קאָן נאָך קומען זוכן און אויך אונז אַנטדעקן. האָבן מיר איבערגערעדט מיט דער טשאָטקע, אַז זי זאָל עפּעס זען אַן עצה. איך האָב זיך מיט איר צעקושט און צוגעזאָגט אַ נײַ קלייד צו מאַכן.

היינט האָט זי אים פֿאַרשטעקט אין יאַנעקס שבנותדיקער סטאָדאָלע, טיף אין היי, קיינער ווייסט נישט דערפֿון (יאַנעק איז נישטאָ אין דערהיים) און ווען מען זעט נישט — טראָגט זי אים אַרײַן עסן, וואָס מיר גיבן פֿון בוידעם אַראָפּ.

25־טער יולי :

די לעצטע טעג גייט שוין ווידער פעלעק אַרום מרה־שחורהדיק, ווידער זיצט ער אויפן שטיין ביים ברונעמל און רויכערט פּאַפּיראָסלעך, צי איז ער עפּעס בייז? דאַכט זיך, אַז אין דאָרף האָט מען אויפסניי אָנגעהויבן רעדן וועגן אונז. פעלעק טראָגט סודות אין זיך. זעט אויס, ווי ער וואָלט זיך צו עפּעס געגרייט.

אַז פעלעק מאַכט אַדורך אַן אינערלעכן געראַנגל, ווייסן מיר שוין פון לאַנג, זינט יאַנואַר, ווען מיר זענען נאָך געווען היטערן וועגטל אין שטוב.

דאָס איז געווען אין אַ פּראָסטיקן פאַרנאַכט, אויף די שויבן איז געזעסן אַ דיקער שיכט אייז. ס'איז נישט געווען מעגלעך פון דרויסן אַריינצוקוקן אין שטוב. מיר האָבן דאָס אויסגענוצט און זיך געוואַרעמט אַרום אייוועלע. אין שטוב איז געווען טונקל, קיין ליכט האָט נישט געברענט, נאָר אַן אָפּשיין פון פייער אין אייוועלע האָט שטיפעריש געטאַנצט איבער די ווענט און סופיט. פעלעק האָט, בכדי אונז פריילעך צו מאַכן, דערציילט אַנעקדאָטן און וויציקע פּויערישע מעשהלעך. אין קיך האָבן די ווייבער געגרייט נאַכטעסן.

מען קלאַפּט אין טיר. מיר האָבן זיך שנעל אַריינגעשאַרט אין באַהעלטעניש. די פעלקאָווע האָט געעפנט און ס'איז אַריינגעקומען מאַטשושאַקס איידעם — פאַלטין. ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק איז ער געהאַט אַנטלאָפן פון צוואַנגס־אַרבעט אין דייטשלאַנד, האָט ער דערציילט שיינע מעשיות וועגן די דייטשע פרויען, וועלכע האָבן שטאַרק ליב אויסלענדער און זיי גיבן זיך גלייך אָפּ יעדן פרעמדן, בפרט — פראַנצויזן. ער האָט דאָס דערציילט מיט אַ הויך קול. פעלעק און די ווייבער האָבן געלאַכט.

שפּעטער, ווען די ווייבער זענען צוריק אַריין אין קיך, איז זיין שטימע געוואָרן סודותדיק. ער האָט פאָרגעלייגט פעלעקן צוזאַמען צו גיין אויף אַ שטיקל „נאַכט־אַרבעט” — עפענען דעם „קאָפּיעץ” מיט קאַרטאָפל אין נאָענטסטן דאָרף ביים „וואָיט” יאַנעק. פעלעק האָט געשטאַמלט און אים געפּרוּווט פאַרמאַכן דאָס מויל :

— ש, ש, ש, שאַ־אַ !

פאַלטין האָט אָבער נישט געוואָלט אָפּטרעטן :

— מען וועט עס מאַכן שטיל, ווי דו קאָנסט, קום, כ'האָב שוין נישט קיין איין קאַרטאָפל אין שטוב !

זיי זענען אַרויס אין דרויסן און זיך לאַנג געשושקעט אויפן הויף. שפּעטער, ווען ער איז אַוועק, איז פעלעק אַריינגעקומען אין שטיל געזאָגט צו די ווייבער :

— כ'גיי נישט ! גאָט זאָל מיך שטראָפן אויב כ'זאָל היינט גיין אויף „אַרבעט”, אַז כ'האָב צו עסן !

— וואָס האָסטו אים געענטפערט ? פרעגט די טשאָטקע.

— כ'האָב געזאָגט, אַז דער פוס טוט מיר וויי מ'וועט אונז נאָך הערן !

אין עטלעכע טעג אַרום איז פאַלטין ווידער געקומען מיטן זעלבן סור, האָט

פעלעק געקרעכצט, אז ער האָט בויך־ווייטיק. אָפט האָבן זיך שפּעטער איבערגעחזרט די סורותדיקע באַזוכן. פאַלטין האָט נישט אויפגעהערט צו קומען און אויך שודעק, לאַגידזשאַק, אָדראָבינשטשאַק און אַנדערע פויערים.

לעצטנס, האָט די טשאָטקע מיר אָנפאַרטרויט, אַז א פּאָר מאָל איז ער שוין געגאַנגען אויף „ארבעט”.

— מען מוז — האָט זי געזאָגט — ווייל ס׳וועט ווערן פאַרדעכטיק ביי די „פּזשיאַטשעלעס”, זיי וועלן נעמען קלערן פון וואָס ער לעבט.

— ער איז א שוטה, פעלעק, — זאָגט זי — יעדעס מאָל מוז איך אים טרייבן, ער וויל בשום אופן נישט גיין. אָן אים — זאָגט זי ווייטער — קאָנען זיי גאָרנישט אויפטון. כאָטש ער איז כמעט בלינד, מאַכט ער עס פלינקער ווי זיי אַלע.

פעלעק, ווייזט אויס, האָט זיך דערוווּסט, אַז מיר ווייסן שוין וועגן זיין „באַרוף” — היט ער זיך מער נישט פאַר אונז. ער האָט אונז שוין א פּאָר מאָל דערציילט בפּרטיות געשיכטעס פון זיין „טעטיקייט” — פיל יאָרן איז ער אין תּפיסות געזעסן. כמעט ביי יעדער גרעסערער גנבה, קומט די פּאָליציי צו אים זוכן.

— איר פאַרשטייט — זאָגט ער — ס׳איז שלעכט פוןביידע זייטן: נישט גנבענען — וועט עס ווערן פאַרדעכטיק ביי די „חברים”, יאָ גנבענען — איז א מורא פאַר גאָט: גנבענען ווען מען איז זאַט! און אויסער דעם — די פּאָליציי וועט זיכער קומען דאָ זוכן.

הדייט ער זיך ארום, פעלעק, א פאַרטראַכטער און קומט צו שלעכטע מסקנות.

— ניין, — שטאַמלט ער — ניין, מיר וועלן נישט איבערלעבן.

מיר פילן אָבער, אז עס עקבערן אים נאָך אַנדערע דאגות, וועלכע ער טראָגט פאַרשלאָסן אין זיך. מיר ווייסן נישט וואָס, אָבער מיר פילן, אַז עס האָט א שייכות צום דאָרף.

יאָ, אין דאָרף קאָכט זיך זיכער וועגן אונז. די קלאַנגען דערגייען צו אים, צו פעלעקן. אונז דערציילט ער דאָס נישט. מיר פילן אָבער, ווי א נעץ שפּרייט זיך ארום אונז.

מיר האָבן פריער אָפּגעמאָכט: מאַרישקע מיט גאַרוואָלינסקין זענען מיטן לעצטן טראַנספּאָרט אָפּגעפאָרן קיין דייטשלאַנד אויף ארבעט.

מאַרישקע איז פעלעקס א קוזינקע. א גראָבע שיקסע מיט רויטע באַקן און א שיקלדיק אויג. זי פלעגט יעדן טאָג קומען אויף א באַזוך צו די פעלקעס. זי איז אָפּגעזעסן לאַנגע שעהן און געוואַרט אויף גאַרוואָלינסקין — פעלעקס חבר פון וואָלקע. גאַרוואָלינסקי האָט אַ ווייב מיט קינדער און א שוויגער — א רוח, די דאַניעלאָווע. ער האָט פאַר זיי מורא און טרעפט זיך דעריבער מיט מאַרישקען אין געהיים, ביי פעלעקן.

ער האָט אונז נאָך געהאָט אָנטרעקט באַלד אין די ערשטע טעג פון אונזער אָנקומען אהער.

אין אַן אָוונט, בעת דאָס וואַנט־באַהעלטעניש איז נאָך נישט פאַרטיק געווען, מיר זענען געזעסן אין דער טונקעלער שטוב, האָט ער פּלוצים אויפגעפּראַלט די טיר

פון קיך אין שטוב אַריין. איך האָב זיך שנעל אויסגעדרייט צום פענצטער, ער זאָל נישט זען מיין פּנים. מיטן גוף האָב איך פאַרשטעלט די אַנדערע. דער שטראַל ליכט, וואָס איז אַריינגעפלאָסן פון קיך, האָט באַלויכטן מיינע פּלייצעס. ער האָט זיך גיך צוריקגעצויגן און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. ער האָט גאָרנישט געזאָגט און איז אַוועק. פּעלעק האָט אונדז באַרויִקט, אַז ער וועט אונדז נישט „פאַרשיטן", ווייל ער איז אַן „איינגענער יאַט", אַ „נאַש בראַט". אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר דאַן נישט געשלאָפן און געזוכט עצות. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אויף צומאָרגנס זאָל אים פּעלעק דערציילן „מעשה גוטער - ברודער", אַז ער האָט נעכטן דאָ געהאַט אַ פאַרדעכטיקטן גאַסט, וואָס האָט גערעדט האַלב־רוסיש און האַלב אומפאַרשטענדלעך. אַ געהיימער פּאַרשוין, מעגלעך אַ פּאַרטיזאַנער. ער איז דאָ איבערגעשלאָפן און פאַרטאָג, ווען אין דרויסן איז נאָך טונקל געווען, איז ער פאַרשוווּנדן. ער האָט שיין באַצאָלט.

אין די מאָרגן־שעהן האָבן מיר, פון בוידעם אַראָפּ געהערט, ווי פּעלעק דערציילט אים דאָס און גאַרוואָלינסקי לאַכט:

-- האַ, ער איז אַ וואַזשנער „קונדאַס". ווייזט אויס, דער פּאַרשוין. כ'האָב דאָס דערקענט אין אויגנבליק, ווי ער האָט זיך פאַר מיר אויסגעדרייט צום פענצטער.

גאַרוואָלינסקי האָט טאַקע קיינעם נישט אויסגעזאָגט וועגן „פאַרדעכטיקטן פּאַרשוין".

אין אַ צוויי טעג אַרום האָט דאָס גאַנצע דאָרף דאָך אויפגעקאָכט, אַז זשידעס זענען דאָ ביי פּעלעקן. די שודקאָווע איז איינדער־פרי פאַרביי געגאַנגען און אַריינגעקוקט אין פענצטער, האָט זי געזען געקרייזלטע יידישע קעפּ. אין זעלבן טאָג, פאַרנאַכט צו, איז דער סאָלטיס געקומען און געוואָרנט פּעלעקן, אַז מען שמועסט, ער באַהאַלט אויס יידן. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען דעמאָלט געאַרבעט, איבערגעשטעלט דאָס ווינקל. מיר זענען דערנאָך הינטער דעם געשטאַנען גאַנצע טעג, די טירן און פענצטער פון שטוב זענען געווען אויפגעפּראַלט, אַלע זאָלן זען, אַז עס איז מער קיינער נישטאָ. טשעקאָווע בויערים מיט קומעס זענען פאַרבייגעגאַנגען און נייגעריק אַריינגעקוקט. אַזוי עטלעכע טעג כסדר, ביז עס האָט זיך באַרויִקט.

שפּעטער, האָבן מיר געהאַט אַן עדות מאַרישקען. זי האָט דערציילט אין דאָרף, אַז זי ווייסט אויף זיכער, אַז עס איז קיינער ביי פּעלעקן נישטאָ. זי קומט דאָרט אַריין, זיצט גאַנצע טעג און זעט גאָרנישט. אויך גאַרוואָלינסקי האָט עדות געזאָגט, אַז מען זעט קיינעם נישט. זענען מיר טאַקע געזעסן מיט שרעק, גאַנצע טעג זיך געהיטן, נישט צו טון זיך אַ באַוועג, דאָס פּאַרל זאָל חלילה נישט הערן. האָבן מיר אַזוי לאַנג זיך געהיטן, ביז איינמאָל זענען מיר שיר אַריינגעפאַלן.

געווען איז עס אין „ווייַנאַכט". גאַרוואָלינסקי מיט מאַרישקען האָבן באַשלאָסן צו פּייערן „גאָטס געבורטס" ביי פּעלעקן אין דווקא אַ גאַנצע נאַכט, ביז אַ שטיק אין טאָג אַריין און ווי אויף להכעיס דווקא האָט ביי אונדזער ווענטל שטעלן די טישן. מיר זענען באַנאַכטס אַרויס פון באַהעלטעניש, אַרויף אויפן בוידעם און זיך צעלייגט אויפן היי. פּעלעק האָט אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן זיך נישט באַוועגן, ווייל יעדן שאָרך אויבן -- הערט מען אונטן אין שטוב.

שפּעטער, ווען אין דרויסן איז טונקל געוואָרן, זענען די געסט געקומען און

די סעודה האָט זיך אָנגעהויבן. טעלערס האָבן געקלאַפּט, גלעזלעך האָבן געקלונגען, עטלעכע שעה האָבן געדויערט די „ניין געריכטסן".

ארום האַלבע נאַכט, איז דער עולם שוין געווען בגילופין. גאַרוואָלינסקי האָט פֿריילעך „קאָלענדעס" געזונגען און מאַרישקע האָט אַ צעהיצטע, געלאַכט. די בני־בית האָבן ביסלעכווייז איינגעדרימלט. מיר הערן זיך צו צו יעדן באַוועג פֿון די געסט. מיר הערן: גאַרוואָלינסקי ליגט פֿאַר מאַרישקען אַביסל ארויפֿקריכן אויפֿן בוידעם, זיך ליגן אין היי. מיר האָבן אויפֿגעציטערט. מיר ווייסן נישט וואָס צו טון, מיין חברה קנייפּט מיך:

— לייבל!

אַ רגע האָב איך זיך פֿאַרטראַכט. כ'האָב זיך אַוועקגעשאַרט אין אַ זייט און אין אַ מינוט ארום האָב איך געשטעקט מיין חברה אין די הענט דרענגער.

— וואָס איז דאָס? — ציטערן זיי.

— כ'האָב אייך געברענגט די לייטער, כ'האָב זי פֿאָרזיכטיק, שטילערהייט ארויפֿגעצויגן פֿון פֿעדער־הייזל — אויפֿן בוידעם ארויף. דאָ האָט איר זי!

אין אַ פּאָר מינוט ארום האָט טאַקע גאַרוואָלינסקי געפֿירט מאַרישקען צום בוידעם און איז אין אַ פֿאַרלעגנהייט געבליבן שטיין — נישט געווען איבער וואָס ארויפֿצוקריכן. די לייטער איז נישט געווען. מיר זענען שפּעטער רואיק געשלאָפֿן.

ווען מיר האָבן עס אויף צומאָרגנס איבערדערציילט פֿעלעקן — האָט ער שטאַרק הנאה געהאַט און מיר געקלאַפּט איבער דער פּלייצע מיט אנערקענונג און טאָפּלטער צופֿרידנקייט, קודם־כל, פֿון דעם אויפֿטו, וואָס האָט אונז אָפּגעראַטעוועט און צווייטנס — מסתמא — נו, הייסט עס דאָך, אַז כ'בין אַ גוטער־ברודער, אַ פּאַכמאַן.

⁂

פֿון מאַרישקען האָבן מיר זיך שטענדיק דערוווסט, צי מען רעדט וועגן אונז אין דאָרף, זי האָט אַלע „פּליאָטקעס" דאָ איבערדערציילט און געלאַכט פֿון די „נאַרישע כאַמעס", וואָס זענען חושד, אַז דאָ זענען פֿאַראַן יידן, זינט זי איז אַוועקגעפֿאָרן ווייסן מיר טאַקע נישט וואָס דאָס דאָרף שמועסט.

אַנומלט האָט סטאַשקאָ, זיצנדיק אונטן אין קיך, אין אַ וואַרעמען שמועס מיט דער טשאָטקע און די פֿעלקעס — פּלוצים אויפֿגעריסן די טיר אין שטוב אריין און וויציק אַ געשריי געטון:

— ארויס, פּשאַ־קרעוו, זשידעס!

אַלע האָבן פֿון דער חכמה געלאַכט. ס'איז אָבער געווען קלאָר, אַז סטאַשקאָ האָט דאָס געמאַכט נישט אין וויץ, ער איז זיכער געווען, אַז איצט וועט ער טאַקע „פּוצן" די זשידעס.

מיט אַ צייט צוריק האָט דער סאָלטיס דערציילט פֿעלעקן בסוד, אַז סטאַשקאָ קומט כסדר צו אים מיט מסירות, אַז ער, פֿעלעק, האַלט יידן און מען קאָן דערפֿאַר דאָס גאַנצע דאָרף אונטערצינדן. דער סאָלטיס האָט אים באַרואיקט, אַז אַ געפּאַר דראָט בלויז פֿעלעקן, ווייטער קיינעם נישט. ער הערט אָבער, סטאַשקאָ, נישט אויף צו בונטעווען און זוכן באַווייזן. ווען ער קומט — קוקט ער אין די טעפּ אריין, וויפֿל מען קאָכט, פֿאַר וויפֿל מענטשן. דאָס וואָלט געווען דער בולטסטער סימן.

קאָכן מיר אָבער פראַנל און פריי א גרויסן טאָפּ און פרעגן נישט נאָך אים. פרוימאַן האָט געראָטן אויבן, איבער די קאַרטאָפל וואָס קאָכן זיך — צו לייגן שאָלן, עס זאָל הייסן, אַז עס קאָכט זיך א טאָפּ שאָלן פאַר דער בהמה. איז שטענדיק ווען ער עפנט, סטאַשקא, דעם טאָפּ — בלייבט ער שטיין אַן אָפּגענאַרטער: ער טרעפט שאָלן פאַר דער קו.

27־טער יולי:

פעלעק איז היינט געקומען צו לויפן פון דאָרף אַן אָנגעלאָדענער און איז גלייך אַרויף צו אונז אויפן בוידעם. ער האָט דערציילט, אַז ער איז איצט געווען ביי זיין קוזין, ביי יוזעף גוטשאַק. יענער איז אַ שוסטער, האָט ער אים געטראָפן, פעלעק, לייגן זוילן אויף אַ פּאָר שיך „מיטן יידישן גאָט!".

כ'האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט, האָט פעלעק אויף מיר אויפגעמאַכט אַ פּאָר אויגן:

— וואָס הייסט? — מיטן יידישן גאָט! מיט די „ראָדאַלעס"! ער האָט פון די ראָדאַלעס צוזאַמענגעשמעלט עטלעכע פּאָר זוילן מיט אַפּצאַסן און קלאַפּט עס אַרויף אויף שיך. ער זאָגט, יוזעף, אַז דער פּאַרמעט איז זייער שטאַרק, נאָך בעסטער פון לעדער און עס האַלט זיך גוט.

פעלעק איז צעקאָכט. ער האָט געזאָגט יוזעפן, אַז ער וואָלט עס נישט געטון, ס'איז טאַקע אַ יידישער — אָבער דאָך אַ גאָט, כ'איז אַפשר הייליק. יוזעף האָט דערויף געענטפערט מיט אַ פּאָר געמיינע קללות און פעלעק קאָן זיך דאָס נישט שענקען. זיי האָבן זיך אַזש ביידע געקריגט. ער פרעגט וואָס מיר זאָגן דערצו. ער האָט אויך מורא, מען וועט נאָך אין דאָרף זאָגן, אַז ער האָט זיך אָנגענומען פאַרן „זשידאָווסקי בוג".

מיר קלערן אים אויף, פעלעקן, אַז דאָס איז נישט דער יידישער גאָט, נאָר די הייליקע שריפטן מיט די צען געבאָט, וווּ עס ווערט געזאָגט, אַז מען טאָר נישט מאָרדן.

פעלעק פאַרשטייט שוין פאַרוואָס מען צערייסט עס: „די מענטשן ווילן דאָס נישט האָבן!"

ער איז אַראָפּ און פאַר מיינע אויגן האָבן געשוועבט ברענענדיקע יידן מיט ברענענדיקע, פאַרניכטעטע ספרי־תורות. ר' חנניא בן תרדיון און משה'לע חווס פון מינסק, וואָס איז געשפּרונגען אין די פלאַמען פון ברענענדיקן קאָפּערניק־בנין, מיט אַ ספר תורה אין די אָרעמס.

זיי ברענען דעם ייד צוזאַמען מיטן ספר, ס'איז אָבער „אותיות פורחות באויר". דער „לא תרצח" בלייבט הענגען אין דער לופט און וועט מאָנען פאַרן אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט!

30־טער יולי:

שוין זינט איניקע טעג קומט יעדן פאַרנאַכט עפּעס אַ פאַרדעכטיקטער פאַרשוין צו פעלעקן און זיצט מיט אים שפּעט־לאַנג אויפן גראָז ביי דעם אַלשענעם

וועלדל, אַנטקעגן אונזער הייזל. מיר ווייסן נישט ווי ער זעט אויס, דער פֿאַרשוין. ס׳איז טונקל — זעען מיר בלויז זיין סילועט. מיר הערן ווי זיי שושקעווען זיך, זיי מאַכן געהיימניספֿולע תּנועות. לסוף געזעגענען זיי זיך האַרציק, מיט פֿאַרבאָרגענע אָנדייטונגען.

מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל געפֿרעגט ביי פֿעלעקן, ווער עס איז — וויל ער נישט זאָגן. ער גיט נאָר אָנצוגעהערן, אַז יענער איז נישט אַ „ליאַדע־ווער", נאָר גאָר אַ וויכטיקער פּאַרשוין.

מיר זעען, אַז פֿעלעק לאָזט זיך אַריין אין טונקעלע געשעפֿטן און מיר ציטערן, ווער ווייסט מיט וואָס דאָס שמעקט!

ערשט היינט, האָט ער, פֿעלעק, אונדז מגלה־סוד געווען, אַז דאָס איז אַ גרויסער באַנדיט, וואָס האָט אָרגאַניזירט באַנדיטישע פּאַרטיזאַנער־גרופּן און ער וויל, אַז פֿעלעק זאָל אים מיטהעלפֿן ווערבירן מיטגלידער פֿון צווישן דער אונטערוועלט. בשעת מעשה האָט פֿעלעק זיך גענומען לאַנגזאַם עפּעס ציִען פֿון די אונטערשטע קעשענעס. ער האָט אַרויסגעצויגן אַ קליין פּעקעלע, פֿאַרוויקלט אין אַ שמאַטע און עס שמייכלענדיק באַטראַכט. באַלד האָט ער עס מיר איבערגעגעבן און געהייסן עפֿענען. כ׳האָב אַרויסגעוויקלט אַ רעוואָלווער מיט אַ בייטעלע קוילן.

— ס׳וועט נאָך צונויץ קומען — זאָגט פֿעלעק און עס נעמט זיך עפּעס צינדן אין זיינע אויסגעלאָשענע אויגן.

— איר זאָלט נאָר מיר נישט אָפּדאַנקען דערמיט — שמייכלט ער — מען זאָגט דאָך, אַז די יידן דאַנקען אַזוי אָפּ!

ער דערציילט, אַז דער באַנדיט האָט אים דעם רעוואָלווער געבראַכט.

— יאָ, ס׳קאָן נאָך אַמאָל צונויץ קומען!

נאָך מיט אַ צייט צוריק האָט ער אונדז געהאַט געבראַכט אַ באַגנעט, וועלכן ער האָט אויסגעגראָבן פֿון דער ערד, אים אונדז געגעבן און געזאָגט, אַז מען דאַרף זיין גרייט, אין פֿאַל ווען דייטשן כאַפּן אונדז — מוז מען כאָטש איינעם דערשטעכן, ער אַליין וועט אונדז אויך מיטהעלפֿן. ער האָט אונדז דאַן אויך מוסר־סוד געווען, אַז אויפֿן הויף האָט ער באַגראָבן אַ סך געווער, „וואָס קאָן נאָך אַמאָל נוצן ברענגען".

— אייך מעג איך דאָך אַלץ דערציילן. איר וועט דאָך זיכער קיינעם נישט אויסזאָגן — לאַכט ער.

ווען ער איז אַוועק, האָבן מיר — באַטראַכטנדיק דעם רעוואָלווער — געזאָגט אַ תּפֿילה.

3־טער אויגוסט :

ווייזט אויס, אז פעלעקס פארגעפיל, אז זיינע טעג זענען געציילטע — האט אים נישט גענארט — פעלעק לעבט שוין מער נישט !

ס'איז באמת נישט משיג צו זיין די נסים מיט אונז, ניסים פון אלע זייטן ! מיר האבן די לעצטע טעג שוין כמעט געהאט דאס לעבן פארשפילט ! מיר זעען ווידער, אז א געהיימע האנט, א מעכטיקע, פירט מיט אונז. וואס קאנען מיר דען פארשטיין ? !

געווען איז דאס דעם 29־טן יולי. ביז שפעט ביינאכט איז פעלעק געווען אויפן הויף און נישט געוואלט זיך ניין ליגן, ער איז געזעסן אויפן גראז, הינטער אונזער װענטל, מיט זיין שוואגער זשעלענסקי — א רייכער פויער, וועלכער האט געוואכט און אכטונג געגעבן אויף די תבואות אין פעלד.

די נאכט איז געווען א הייסע, א פארנע. זיי זענען געזעסן אין די העמדער און געשמועסט. כ'האט זיך גערעדט וועגן יידן. זשעלענסקי איז אלע פאר מינוט אויפגעשטאנען, געלאפן צו די תבואות און כאלד צוריקגעקומען און פארענדיקט דעם איבערגעריסענעם זאץ :

— ניין, מען דארף זיי אלע איבערגעבן, מ'טאר זיי נישט העלפן, זיי זענען אלע באנדיטן ! כ'איז א מצוה !

פעלעק האט זיך געשפארט און געזאגט, אז אלע מענטשן זענען גלייך און ווען גאט האט געזאגט „זאלסט נישט הרגענען !" — מיינט ער יעדן מענטש ! קיינעם טאר מען נישט הרגענען.

— איך ווייס איינס : "הרגע נישט !" — קיינעם נישט! קיין ייד אויך נישט! און ווען ס'וואלט געווען א מצוה — פארוואס האבן אונזערע עלטערן זיי נישט איינגאנצן אומגעבראכט, נאר פונקט מיר ? — ניין, גאט הייכט עס זיכער נישט !

זשעלענסקי האט זיך געהיצט און געזאגט, אז ער, פעלעק, איז א מאדנער מענטש און ער ווייסט גארנישט. ער ווייסט נישט, אז טאקע די יידן האבן דאך שפעטער דעם „פאן בוג" דערהרגעט.

ס'איז שוין געווען האלבע נאכט. כ'איז אנגעקומען יאנעק, וועלכער איז פארנאכט געקומען, נאך עטלעכע טעג זיין אין שטאט. זשעלענסקי איז אוועק אויפן פעלד און יאנעק האט זיך גענומען אויספרעגן וועגן אונז. ער האט געטענהט, אז זשעלענסקי איז גערעכט. פעלעק איז בייז געווארן, זיך אויפגעשטעלט און גענומען גיין.

— נאך אין שטוב, ביים לייגן זיך, האבן מיר געהערט ווי ער שעפטשעט צו זיך אליין :

-- גאט האט געזאגט „דערהרגע נישט", „דערהרגע נישט" און - - שוין !

— אויף צומארגנס (פרייטיק דעם 30־טן) האלב זעקס אינדערפרי, האט אפרים, וועלכער האט פונקט וואך געהאלטן -- אונז שנעל אויפגעוועקט. אין זיין פנים האט מען גלייך דערקענט, אז עס איז שלעכט.

— זשאַנדאַרן! זשאַנדאַרן! — — האָט ער קוים אַרויסגערעדט.

איך כאַפּ אַ בליק דורך דער שפּאַרע: דער הויף — פול מיט זשאַנדאַרן, פּוילישע פּאָליציאַנטן און „וולאַסאָווצעס". מיר זענען אַרומגערינגלט! הינטער אונזער וואַנט שטייען עטלעכע מאַננאַלן אין דייטשע אוניפאָרמען, מיט העלמען איבער די קעפּ און די ביקסן גרייט צו שיסן.

אין שטוב, אונטן, איז שוין פול, מ'זוכט דאָרט, מ'נישטערט. געשרייען, קולות און באַפעלן.

מיר כאַפּן שנעל די קאָלדרעס און פאַרשטעלן די שפּאַרעס פון אונזער ווענטל אין בוידעם אַריין, עס זאָל נישט דורכלויכטן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום — שווערע טריט איבער דער לייטער. מיר כאַפּן זיך אַלע אַרום. אסתרל גלעט מיר איבער דעם קאָפּ, איבער די הענט:

— לייבל, לייבל!

— קינדערלעך, לאָמיר זאָגן ווידוי!

— שמע ישראל!

— שמע ישראל! — — — — ...

— לייבל! — אסתרל מיט צפּורהלען.

אפרים מיט פרומאַנען זענען בלאַס ווי די וואַנט, זיי זיצן פאַרגליווערט. אפרים נעמט ציטערן, צוערשט מיט די ליפּן, דאַן מיט דעם גאַנצן גוף, ער וואַרפט זיך. איך פיל, ווי דאָס בלוט גליווערט אין מיר, דאָס האַרץ זעצט, אָט שטייט עס אָפּ. איך באַווייז נאָך דורך דער שפּאַרע אַ בליק צו געבן אויפן הויף, איך דערזע דאָס אַלשינע וועלדל.

„אין אַ מינוט אַרום וועט מען אונז דאָרט דערשיסן!" — בליצט דורך אַ געדאַנק.

אסתרל מיט צפּורהלען ווילן זיך אָנטון, זיי ווילן נישט, אַז מען זאָל זיי האַלבנאַקעט אַראָפּפירן — איך לאָז נישט.

— לייבל! לייבל!

— פאַרפאַלן, קינדערלעך, מען מוז טיילן דעם גורל פון אַלע, פון טאַטע, מאַמע, שוועסטער, ברידער און פון אַלע ייִדן — פּרוּוו איך טרייסטן. איך פיל, אַז עס וואַרפט מיך.

„נאָך איין מינוט! נאָך איין מינוט!" — קלאַפּט דער געדאַנק.

— קינדערלעך, רויִק — שמע ישראל!

— שמע ישראל!

אויפן בוידעם — עטלעכע מאַן. מען זוכט, מען דרייט אַלץ איבער, מען קלאַפּט אין אונזער ווענטל. מיר נעמען זיך אַלע אַרום. האַלטן איין דעם אָטעם. נעגל בייסן זיך אין מיר איין.

— שמע ישראל!

אין אַ מינוט אַרום זענען זיי אַראָפּ פון בוידעם, מיר הערן ווידער גראָבע קולות אונטן, אין שטוב. מיר האָבן אַלע טרערן אין די אויגן. דאָס האַרץ הייבט אָן קלאַפּן מיט האָפענונג — אפשר, אפשר?

די קולות טראָגן זיך איבער אין הויף. מיר זעען מיטאַמאָל פעלקן, אָנגעטון

אין סאַמעטענעם אַנצוג, ער ווערט געפירט אַ געשמידטער אין קייטן. מען האָט אים פאַרבייגעפירט דורך אונזער וועגטל.

— אויף ווידערזען! — האָט ער געשעפּטשעט ווי צו זיך אַליין.

⁂

עטלעכע שעה זענען מיר געזעסן און נישט געוווּסט וואָס צו טון. זאָלן מיר אַנטלויפן? — די טשאַטקע איז נישטאָ, די פעלקאָווע דרייט זיך אַרום האַלב־טויט אויפן הויף. מיר ווייסן נישט וואָס עס האָט פּאַסירט, פאַרוואָס האָט מען אים גענומען?

די פעלקאָווע איז אַרויפגעקומען און געזאָגט, אַז זי ווייסט אויך נישט. מען האָט אים געפירט צו אַן אויספאָרשונג, זי ווייסט נישט צי דאָס איז וועגן אונז.

מיר קלערן, אַז דאָס האָט אפשר אַ שייכות צו די לעצטע באַזוכן פון באַנדיט. צי איז יענער נישט קיין פּראָוואָקאַטאָר? נו, וועט מען דאָך באַלד קומען זוכן דעם רעוואָלווער! דאַרף מען דאָך שנעלער אַנטלויפן!

די פעלקאָווע דערציילט, אַז זיי האָבן געזוכט אויך ביי יאַנעקן אין שייער. נאָך אַ נס, וואָס קוניאַק איז נעכטן פאַרטאָגס אַוועק. ווייל יאַנעק איז געקומען צופאָרן האָט ער מורא געהאַט דאָרט צו בלייבן. זיי האָבן טאַקע יאַנעקן, געטראָפן אין שייער און אים אויך געוואָלט מיטנעמען, נאָר די לעצטע מינוט האָבן זיי אים איבערגעלאָזט.

„וואָס טוט מען”? מיר האָבן מורא, אַז פעלעק קאָן נאָך דאָרט, ביי דער אויספאָרשונג, אַלץ פאַרשיטן. אמתדל זאָגט, אַז מיר זאָלן שוין אַנטלויפן, ווייל ס'איז חלילה, דער סוף! די אַנדערע ווייסן נישט וואָס צו זאָגן.

⁂

אין דעם — אַ געשריי, אַ געוויין אויפן הויף. די טשאַטקע לויפט און ברעכט די הענט:

— אוי־וויי מיר, פעלעק! אוי־וויי מיר, פעלעק!

מען האָט אים דערשאָסן אין שכנותדיקן דאָרף!

שפּעטער האָט מען פעלעקן געבראַכט אויף אַ פור צום הויז. ער איז געלעגן מיטן סאַמעטענעם אַנצוג אין בלוט איינגעטונקען. מען האָט אים אַראָפּגענומען און געלייגט אויפן גראָז, ביים שטיין, לעבן ברונעמל. פויערים זענען דערשראָקן פאַרביי געגאַנגען און מורא געהאַט זיך אָפּצושטעלן. די טשאַטקע מיט יאַנעקן זענען געלאָפן מאַכן די טויטשיין. די פעלקאָווע האָט זיך איינע אַליין געדרייט אַרום אים און געקלאָגט. אין דאָרף איז געווען מאָדנע שטיל. מען האָט אויפגעהערט צו זען אַ לעבעדיקן מענטש, ווי אַלץ אַרום וואָלט אויסגעשטאָרבן. עפּעס אַ שרעק האָט אין חלל געשוועבט.

ערשט נאָך עטלעכע שעה זענען די טשאַטקע און יאַנעק געקומען און געבראַכט אַ לאַנגע טרומנע אויף אַ פור, מיט צוויי פויערים. די פויערים האָבן פעלעקן ווילדעריש גענומען, ווי אַ זעקל מעל, אים אַריינגעוואָרפן אין דער טרומנע און

שנעל אָפּגעפּאָרן. די פּעלקאָווע און די טשאָטקע מיט יאַנעקן האָבן נאָכגעאײַלט, געשטעלט גרויסע טריט און געזונגען, מיר אַלע פינף האָבן ארויסגעווײנט.

⁂

אין דאָרף גייען אַרום פאַרשידענע קלאַנגען וועגן פּעלעקס טויט. אין די ערשטע שעהן האָט מען געשמועסט, אַז דאָס איז, ווייל ער האָט געהאַלטן יידן, האָט עך אָבער דער סאָלטיס אָפּגעלייקנט, ער איז מיטגעווען מיט די זשאַנדאַרן בײַם זוכן און ער ווייסט שוין זיכער, אַז קיין יידן זענען ביי פּעלעקן נישט געווען.

ס'איז אַ סברה, אַז מען האָט אים געהרגעט, ווייל ער איז געווען אַ באַנדיט. די דייטשן רוימען אויס אַלע גנבים און באַנדיטן, מורא־האָבנדיק, אַז זיי זאָלן זיך נישט אָנשליסן אין פּאַרטיזאַנער־גרופּן.

מיר זיצן און באַרעכענען די ניכים: נאָך אַ נס, וואָס די „פּאַרטיזאַנער" האָבן דעמאָלט אונזער באַהעלטעניש אין שטוב געהאַט אַנטדעקט און מיר זענען ארויף אויפן בוידעם, ווייל איצט, אין דער פרימאָרגן־שעה, וואָלט מען אונז אַלע נאָך זיכער געטראָפן שלאָפן אין שטוב.

דאַכט זיך, אַז אין דאָרף וועט מען איצט אויפהערן רעדן וועגן יידן ביי פּעלעקן אין הויז, אָבער — עפּעס שוועבט דאָך אַרום דער באַלופּע, די לופט זאָגט־אָן נישט קיין גוטס, וואָס וועט ווייטער זיין?

סוף אויגוסט :

די נאַגנדיקע שטילקייט אַרום אונזער הייזל הערשט נאָך, ווי פון דער ערשטער מינוט פון פעלעקס טויט. עס זעט אויס, ווי אַלץ ארום — דאָס אַלשענע וועלדל, דאָס פעלד, די סטאַדאָלע — ווייסן וואָס דאָ האָט פּאַסירט און זענען טרויעריק פאַרזונקען אין שווייגן. פון אַנטקעגן קוקן אַהער מיט חשד און וואָרנונג די צעוואָרפענע, שכנישע הייזלעך, עפּעס קלענערע, דאַכט זיך, ווי פריער. זיי באַהאַלטן זיך הינטער די פּלויטלעך, ווי באַשעפענישן, וואָס נורען איין די קעפּלעך בעת א סכנה און — דער בליק, וואָס זיי וואַרפן אונז צו זעט אויס סודותדיק, שטרענג און וואָרנענדיק. די שכנים זעט מען זעלטענער אין דרויסן, באַווייזן זיי זיך אויפן הויף — איז עס נאָר אויף מינוטן, זיי שאַרן זיך ביי די ווענטלעך, מיידן אויס צו קוקן אין אונזער זייט און פאַרשווינדן צוריק אין די טירן. שכן שליכט זיך זייטיק אַריין צו שכן. מען זיצט דאָרט אַפּ שעהן, ווי מען וואָלט עפּעס געפּלאַנעוועט, צוגעגרייט און זיך גלייכצייטיק געשראָקן.

הערשט אַזוי די טויטע שטילקייט, ביז אין א נאָכמיטאָג עפנט די פעלקאָווע די טיר פון שטוב, גייט אַרויס, בלייבט עטלעכע מינוט שטיין פאַר דער שוועל, באַטראַכט דעם אַרום און נעמט מיטאַמאָל וויינען אַזוי הויך, אַז די לופט ווערט ווי צעשניטן. זי וויינט ווי א קינד, אין חלל אַריין, און דער טרויער ווערט נאָך בולטער, אַלץ אַרום הילט זיך נאָך מער איין אין שווייגעניש, די פרעמדע הייזלעך שרומפּן זיך נאָכמער איין, ווי זיי וואָלטן געזוכט זיך צו באַהאַלטן אונטער דער ערד. די שויבן ווערן ווי קלענער און פון הינטער דעם גלאָז־בלאַסק, זעט אויס, ווי פנימער וואָלטן אַפּגעוואָרפן פאָרשנדיקע בליקן פון הינטער די פאָרהענגלעך און זיך שנעל, שרעקנדיק, צוריקגעצויגן.

די פעלקאָווע זעצט זיך אויפן שטיין ביים ברונעמל, נורעט איין דאָס פנים אין די הענט און קלאָגט מיט א טרויעריקן ניגון, בלייבט אויף א מינוט שטיל און הייבט מיטאַמאָל אָן נאָך שטאַרקער. זי צעבליפּעט זיך, נעמט העשען, וויינט אַזוי אַפּ עטלעכע שעה, און ווען זי ווערט מיד — שטעלט זי זיך אויף, ווישט זיך מיטן בלויען פאַרטיך אויס די אויגן און שאַרט זיך צוריק אַריין אין שטוב.

ווידער ווערט אינדרויסן שטיל, א שטיקל צייט, ביז עס ווערט פאַרנאַכט. די זון נעמט זיך זעצן. פון דערווייטנס זעט מען ווי באָרוועסע פויערים מיט גרויסע קאַפּעלושן איבער די קעפּ, אָנגעטועטע אין טונקעלע לייוונט־העמדער, אַרויפגעלאָזטע איבער די קורצע אויסגעוואַקסענע הויזן, לאָזן זיך אַהיים פון פעלד מיט די קאָסעס פאַרלייגט איבער די אַקסלען, פויערטעס מיט ווייסע קאָפּטיכלעך טראָגן אונטער קוישלעך, שקצימלעך טרייבן אַהיים די בהמות פון די לאָנקעס און פייפן אויס בענקנדיקע מעלאָדיעס אויף הילצערנע פייפעלעך.

די טשאַטקע באַווייזט זיך אויפן הויף, קוקט זיי נאָך און נעמט מיטאַמאָל מיט א געבראָכן קול רופן :

— פעלעק, פעלעק! קום א היים! אַלע גייען שוין אַהיים, שוין גענוג גע־

אַרבעט, קום, ס'איז אָנגעגרייט עסן, קאַרטאָפֿל מיט זויער־קרויט, פֿע־לעק!

די ווערטער, באַגלייט פֿון אַ יאָמערלעך געוויין, וואַרפֿן אָן אַ שרעק אויף די פּויערים. זיי נעמען שטעלן גיכערע טריט ביז זיי פֿאַרשווינדן אין דער טונקלקייט. זי שטייט נאָך לאַנג און רופֿט:

— פֿע־לעק! פֿע־לעק!

צווישן די ביימער נעמט זיך עפּעס באַוועגן, אין דער לופֿט שניידט זיך עפּעס דורך און עס דאַכט זיך, אַז אָט, אָט וועט ער זיך באַווייזן, פֿעלעק. ער וועט פֿון ערגעצוו אַרויסשוועבן און קומען אין דער טונקלקייט אָפּעסן די קאַרטאָפֿל מיטן זויער־קרויט.

אויפֿן דאָרף פֿאַלט אַראָפּ די נאַכט. די כאַלופּעס, צעוואָרפֿן איבער די פֿעלדער, נעמען זיך איבערוואַנקען מיט בליציקע פֿייערלעך אין די פֿענצטער, זיי ווינקען סודותדיק, גיבן זיך עפּעס ברמיזה איבער. די טשאַטקע רופֿט נאָך אַלץ:

— פֿעלעק, פֿע־לעק! פֿעלעק, ס'איז שוין פֿינצטער, וואָס טוסטו נאָך אין פֿעלד? קום אַהיים! קום, מיר וועלן אויך אָנצינדן אַ פֿייער'ל ביי אונז אין שטוב.

מיר הערן, ס'קריכט ווער אין דער פֿינצטער אויפֿן בוידעם. מען קלאַפּט אין אונזער טיר'ל. די פֿעלקאָווע סודעט אַריין, אַז מיר זאָלן עפֿענען. זי שאַרט זיך אַריין אין באַהעלטעניש, די פֿינצטערניש ווערט ווי געדיכטער, זי זעצט זיך אַוועק און רעדט גאָרנישט. אויך מיר שווייגן. אַזוי זיצט זי אַ שטיקל צייט אָנגעלאָדן. די טשאַטקע, אינדרויסן, דערפֿילט, אַז די פֿעלקאָווע איז ביי אונז אויבן — נעמט זי נאָך העכער, נערוועזער, רופֿן:

— פֿעלעק, פֿעלעק! — און כליפּעט אין דער פֿינצטערניש אַריין.

אויפֿן דאָרף צעוואָיען זיך הינט און מיטאַמאָל נעמט די סאָווע קלאָגן, או־הו־קן. די פֿעלקאָווע ציטערט אויף, הערט זיך איין און נעמט זיך וואַרפֿן:

— דער טויט! דער טויט!

זי צלמט זיך און חזרט איבערגעשראָקן איבער:

— דער טויט, אָ, דער טויט! ער קלאַפּט שוין ווידער ביי אונז!

זי נעמט רעדן ווי צו זיך אַליין, אַז די טשאַטקע וועט נאָך ברענגען דאָס גרעסטע אומגליק. פֿעלעק וועט זיך נאָך אין אונז נוקם זיין. „גייסטער" האָבן נישט ליב, אַז מען רופֿט זיי, אַז מען לאָזט זיי נישט איינרוען אין קבר.

— אָ, אַן אומגליק וועט זי נאָך אַרויסרופֿן. יאָ, דאָס האָט אונז שוין די סאָווע אָנגעזאָגט דאָס אומגליק!

— אַן אומגליק, אַן אומגליק! — ברומט זי.

די טשאַטקע קריכט דערווייל אַרויף צו אונז, זעצט זיך אַוועק. די פֿעלקאָווע ווערט שטיל. די טשאַטקע שווייגט אויך. ס'ווערט אומהיימלעך. אַזוי געדויערט עס עטלעכע מינוטן, ביז עס הערט זיך עפּעס אַ שאָרכן אויפֿן בוידעם. לעבן אונז איז לויזער. מיר טאַפּן מיט די הענט — די פֿעלקאָווע איז שוין נישטאָ. נעמט די טשאַטקע קרעכצן, טיף פֿון האַרצן אַרויס. מיטאַמאָל צעוויינט זי זיך:

— פֿע־לעק! פֿע־לעק!

זי ציט זיך אויס אין ווינקל, שלוכצט און גיט זיך פּלוצים אַ זעץ אויף און זאָגט, אַז קיינער איז נישט שולדיק אין פֿעלעקס טויט, קיינער נישט — נאָר די פֿעלקאָווע! זי האָט אים פֿון דער וועלט פֿאַרטריבן. יאָ, נאָר זי! זי האָט אים פֿאַרפּייניקט!

⁂

די פעלקאָווע קומט כסדר אַרויף צו אונז און זאָגט פאַר נישט קיין גוטס. זי ווייסט דאָס זיכער. עס חלומען זיך איר שלעכטע זאכן, די לעצטע נעכט זעט זי אין חלום טרויעריקע סימנים. איינמאָל האָט זי בפירוש געזען אַ צעריסענעם שיך. נו, און די אַלטע מאַטשעיאָווע האָט דאָך עטלעכע נעכט, פאַרן טויט, כסדר אין חלום געזען צעריסענע שיך. זי האָט שוין אויך געזען אַ געפגרטן חזיר און „שוויענטעי פּאַמיענטשי" דעם כטרי*) וואַצלאַוו.

דאָס אַלץ, זאָגט פאַר נישט קיין גוטס. זי וואָרנט אונז.

מיר פּרווון אויפקלערן, אַז די אַלע סימנים זענען „זאַבאַבאָנעס", איינרעדענישן — ווערט זי בייז, די פעלקאָווע, און זאָגט, אַז מיר זענען אומגלויביקע. זי דערמאָנט אונז דעם חלום פון דער רעבניאַקאָווע עטלעכע וואָכן פאַר פעלעקס טויט. זי, די פעלקאָווע, האָט אונז דעמאָלט אַ צעטומלטע דערציילט וועגן דעם חלום. די רעבניאַקאָווע האָט געזען ווי זשאַנדאַרן דינגלען אַרום אונזער הייזל און עס פליען קעפּ. מיר האָבן דעמאָלט אויך חוזק געמאַכט — נו, צי האָט זי דען נישט פאָרויסגעזען דאָס אומגליק מיט פעלעקן? — אויך ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָט די רעבניאַקאָווע ווידער געהאַט אַזאַ חלום. זי האָט דער פעלקאָווען דערציילט בסוד, אַז ווידער האָט זי שוין געזען, ווי קעפּ פליען אַרום אונזער כאַלופּע.

איך האָב דער פעלקאָווען באַשיירט, אַז עס איז טאַקע אמת, מען טאָר פון חלום נישט לאַכן, אָבער — עס קאָן דאָך זיין, אַז דאָס זענען הינערישע קעפּ. מעגלעך, אַז אַ יאַסטזשאַמב (אַ שפּאַרבער) וועט נאָך אָראָפּדרייען די קעפּ פון עטלעכע הינער.

ווייזט אויס, אַז דער פעלקאָווען געפעלט מיין פותר זיין דעם חלום, ווייל זי צעוויינט זיך אייף דעם גורל פון די „אָרעמע הינער נעבעך", אַזעלכע טייערע, שטילינקע, איידעלע. זיי ליגן זיך — אַ נחת!

— נאָר, ניין, און וואָס־זשע איז מיטן צעריסענעם שיך? — זי האָט דאָך בפירוש געזען אַ צעריסענעם שיך און דעם סנדי וואַצלאַוו? — יאָ, און אַ געפגרטן חזיר, אַ ריזיקן חזיר — אַ געפגרטן — האָט זי אַליין געזען! וואָס זאָגן מיר דערצו? — און דער עיקר, די סאָווע. שוין אין עטלעכע אָוונטן האָט מען זי געהערט קלאָגן צווישן די ביימער. דאָס איז זיכער די בשורה פון טויט!

וועגן דעם, אַז די סאָווע ברענגט די מיתה־בשורה, האָט אונז נאָך געהאַט דערציילט פעלעק, עטלעכע וואָכן פאַר זיין מיתה — טאַקע בעת ער האָט פאָרויסגעפילט דעם סוף. ער האָט זיך כסדר פאַרופן אויף דער סאָווע און — אין אַן אָוונט, בעת די סאָווע האָט געגומען „אוההו־קן" — איז פעלעק אַרויף צו אונז און ווי ער וואָלט זיך געזוכט צו פאַרשטעקן — זיך פאַרוקט אין אַ ווינקל און געציטערט:

— שלעכט, שלעכט, אַלץ איז שוין געחתמעט!

---

*) סטרי — פעטער.

די פעלקאָווע דערמאָנט אונז אין דעם, רעדט, רעדט, גיט א זיפץ און פארשווינדט.

⁂

די מחלוקת צווישן די צוויי ווייבער ווערן וואָס אמאָל שארפער.

אויב די ערשטע צייט, נאָך פעלעקס טויט, זענען זיי ארומגעגאנגען ברוגז און נישט גערעדט איינע מיט דער צווייטער — קומען איצט שוין פאָר אוואנטורעס. יעדע טוט אליין אויף צו להכעיס דער אנדערער. ביידע ווילן נישט אָפּטרעטן און מען קריגט זיך, אז מען הערט איבערן גאנצן דאָרף.

די פעלקאָווע שרייט, אז די טשאַטשקע גנבעט ביי איר אייער און פוטער און זויפט שמענדיק אָפּ פון טאָפּ סמעטענע. זי קומט צו אונז מיט טענות, אז מיר זענען שולדיק דערין, ווייל ווען נישט מיר, וואָלט זי שוין פון לאַנג ארויסגעוואָרפן די אַלטע מכשפה. זאָל זי גיין צוריק אין שטאָט אריין פראַווען זנות, נאָר — ניין, לענגער קאָן זי עס שוין נישט. אָדער מיר זאָלן די טשאַטשקע אוועקשיקן אָדער מיר זאָלן גיין מיט איר צוזאַמען.

איך בעט, אז זי זאָל נישט מאַכן קיין סקאנדאַלן, נאָר שטענדיק, ווען עס וועט עפּעס פעלן, זאָל זי קומען צו אונז, איך וועל באצאָלן. טענהט זי אָבער, אז איר גייט נישט אזוי אין די אייער, פוטער און סמעטענע, נאָר זי וויל נישט האַלטן אין שטוב א גנב און א „צו־להכעיס־ניצע” דערצו. מיר האָבן שוין אויך איבערגערעדט מיט דער טשאַטשקען, אז מען דאַרף זיין פאָרזיכטיקער מיט דער פעלקאָווען — זאָגט זי, אז זי איז נישט שולדיק, יענע רייצט זיך מיט איר און האָט זיך ליב צו קריגן

לעצטנס, נאָך אן אוואַנטורע פון דער פעלקאָווען, אז די טשאַטשקע האָט שוין ווידער עפּעס צוגעגנבעט — האָב איך אָנגעהויבן איינטענהן מיט דער טשאַטשקע, וועגן זוכן עפּעס אַן עצה — איז זי אויף מיר ארויס מיט לשון :

— וואָס הייסט ? — יוזשעק גלייבט, אז זי גנבעט טאַקע ?

— ניין, — האָב איך געזאָגט — מיר ווייסן דאָך, אז ס'איז נישט אמת, נאָר בכדי אויסצווייזן דער פעלקאָווען, אז זי קלערט זיך דאָס אויס, — גיבן מיר געלט, אז די טשאַטשקע זאָל קויפן פאַר זיך אייער, פוטער און אַנדערע גוטע זאַכן. דאָס זאָל שטענדיק זיין אין שטוב, זאָל עס די פעלקאָווע זען, וועט זי זיך במילא איבערצייגן, אז —

— לאַכט זי, די טשאַטשקע, און זאָגט, אז זי איז זיך גרייט צו באַליידיקן.

— יוזשעק קען דאָך מיך. איך דאַרף אייער, פוטער ? — חלילה ! — ניין, זי וויל נישט קיין געלט און דאַרף נישט קיין גוטע זאַכן ! דער עיקר דאַרף מען זען, אז ברויט, ברויט זאָל זיין צו דער זעט !

⁂

מיטן ברויט איז זייט פעלעקס טויט, נישט אזוי פייגלדיק. כאָטש מען באַקט טאָפּלט — א האַלבן מעטער א וואָך — קומט עס שטענדיק אויס, אז עטלעכע טעג אין דער וואָך, זענען מיר אָן ברויט. די טשאַטשקע טענהט, אז די פעלקאָווע גנבעט

עס צו און טראָגט מתנות צו איר׳ע קומעס. שרייט אָבער די פּעלקאָווע. אז דאָס איז יאַנעקס מלאכה, ער טראָגט אַהיים צו זיך אין ברויט נאָכן אַנדערן. אויך איר, וויינט זי, וועט ער בדיל הדל שטעלן. יעדן טאָג פעלט איר עפּעס אַנדערש פון שטוב אַרויס.

יאַנעק פילט זיך לעצטנס, ווי אונזער באַלעבאָס. ער קומט ככדר און שטעלט מיר צו חשבונות, אויף וואָס ער דאַרף האָבן געלט. עס גייט אַוועק במעט טאָפּלט ווי בעת פּעלעק האָט נאָך געלעבט און מיטן עסן איז ערגער. די טשאַטקע זאָגט, אַז פאַר דער פּעלקאָווען וועט זי נישט קאָכן — גייט זי גאַנצע טעג נישט צו צו דער קיך. זי פאַרשווינדט אויף לאַנגע שעהן מיט יאַנעקן. קומט צוריק, קריכט אַרויף צו אונז אויפן בוידעם און נעמט פּאַטשן מיט די ליפּן — אַ סימן, אַז זי איז הונגעריק. אויך די פּעלקאָווע איז דאָך נישט מחויב פאַר אַזאַ זונה צו קאָכן — קאָכט זי אָפּ יעדן טאָג בלויז אַ טעפּעלע פאַר זיך, עסט אָפּ און קומט אַרויף צו אונז און שעלט די טשאַטקע:

— אַזאַ אַלטע מכשפה! זי פרעסט ביי יאַנעקן פון כל טוב און אייך לאָזט זי הונגערן!

און אַז זי רעדט שוין וועגן דער טשאַטקען — דערמאָנט זי זיך, אַז יענע פאַרביטערט איר דאָס לעבן, זי גנבעט און טוט איר אַלץ אויף להכעיס — נעמט זי וויינען. וויינט, וויינט און איז זיך לסוף מיישב, אַז שולדיק זענען מיר. מיר מוזן גיין פון דאַנען! וואָס האָט זי דען פון אונז? — יענע — זאָגט זי — באַגנבעט אייך און לעבט אַ גוטן טאָג מיט יאַנעקן, אָבער איך? — צוליב וואָס טויג דאָס מיר?

דערווייל קומט איר אין זכרון אַריין, אַז זי האָט שוין ווייניק היי פאַר דער קו, נעמט זי קרעכצן, מיר באַפּן זיך אין דעם אָן. זי באַקומט געלט אויף היי און מען באַשליסט דאָס צו האַלטן בסוד פאַר דער טשאַטקען.

— די מכשפה זאָל דערפון נישט וויסן!

די פּעלקאָווע קרעכצט, זיפצט און קריכט אַראָפּ.

אויפן פעלד איז איצט שניט. דאָס דאָרף איז פאַרפּראַצעוועט. די אַרבעט ברענט אונטער די הענט. מיר זעען דורך די שפּאַרעס: פעלדער נאָך נעכטן פולע מיט שפּעט׳ס קאָרן און ווייץ — זענען היינט שוין ליידיק. אויפן האַרץ ווערט עפּעס טרויעריקער „שוין באַלד נאָך אַ זומער אַוועק און — און” —

אַ גאַנצן טאָג זעט מען האָרעוועדיקע פּויערים אויף די פעלדער. מען שנײַדט מיט לאַנגע קאָסעס און די זאַנגען פאַלן ווי מענטשן, ערגעץ ווייט אויף די פראָנטן. די ווייבער בינדן גאַרבן און שטעלן זיי אונטער דער זון צו טריקענען. אַרום און אַרום פּאַשען זיך פילפאַרביקע קי. אויפן הויף דרייען זיך עטלעכע בכבודיקע קוואָקעס מיט הינדעלעך און פירן מלחמות מיט די עקרותדיקע הינער, וואָס ווילן ביי זיי אויסכאַפּן אַ קערנדל. די אַלשינע איז אויך טונקל פון דער צייטיקער גרינקייט און פאַרבעט מיט קילער לופט. אין דער סאַדזעווקע טאָפּטשען באָרוועסע שקצימלעך און ציען מיט די הענטלעך אַרויף די הייזעלעך, אַז זיי זאָלן זיך נישט טונקען אין וואַסער. אין דער לופט שוועבט איצט אַ געזאַנג, אַ געזאַנג פון פעלד, פון קאָרן, ווייץ, פון הויבע גראָזן, וואָס מען קאָן זיך אויף זיי אויסציען — רוען, רוען און איינזאַפּן ריחות פון צייטיקע סעדער. עס שמעקט מיט עפּל, פלוימען און יענגאַלקעס.

קומט א פאַרנאַכט, די זון צערויטלט זיך אויף מערב — קערט אַלץ אַהיים אין שטוב אַריין. דער פויער פירט דאָס הויז־געזינט, יאַלעוויקעס לויפן נאָך די אַלטע בהמות, די קוואָקעס פירן דאָס קליינוואַרג זיך זעצן, פייגעלעך פליען איילנדיק אין די נעסטן. פויערישע שיקסלעך זאַמלען זיך פאַר די כאַלופּעס — אויסגעוואַשענע, אויסגעצוואָגענע און אויסגעקעמטע, מיט נייע קאָלירטע זומער־קליידלעך און פאַרביקע בענדער אין די האָר. חברטעס נעמען זיך פאַר די הענט און מען שפּאַצירט אויף די סטעזשקעס. דאָס דאָרף ווערט אָנגעפילט מיט יונג־מיידליש טרויב־געזאַנג. שקצים שפּילן צו אויף האַרמאָניקעס. אסתרל און צפּורהלע ליגן אין די ווינקלען איינגעבליבן, צעשויבערט, באַקלעבט מיט שטרוי־אָפּפאַלעכץ. זיי כאַפּן א בליק דורך די שפּאַרעס און זינקען ווידער איין אין דושנער מידקייט. אַ שיקסל צעזינגט זיך :

אָ, די יוגנט — די יוגנט איז שיין !
זי געהערט נישט קיינעם נאָר אונז אַליין.
אָ, דאָס לעבן — דאָס לעבן איז שיין !
שיין, שיין ווי מיר אַליין !

ערגעץ פון דער ווייט העלפּט אונטער א האַרמאָניקע :

ביסט מיין מיידל מלאַ־חן,
אָ, די יוגנט — די יוגנט איז שיין,
מלאַ־חן, ווי דאָס לעבן אַליין !

1־טער סעפּטעמבער :

ערשט איצט באַגרייפֿן מיר, וואָס פּעלעק האָט פֿאַר אונדז באַדייט. פֿריער האָבן מיר דאָס אַזוי נישט געקאָנט דערשאַצן. עטלעכע וואָכן נאָך זענען פֿאַרביי זינט זיין טויט — און ווי אַלץ האָט זיך געענדערט!

מיר האָבן דאָך געפֿילט אויך בעת דער היינטיקער אָבלאַווע אין דאָרף. דאַנקן גאָט, אַז עס איז אַדורך בשלום.

געווען איז עס אַרום זיבן אינדערפֿרי. מען הערט פֿאַרשידענע קולות פֿון דאָרף, קולות אומהיימלעכע. מיר קוקן אַרויס — מען זעט פֿון אַלע זייטן, יונג און אַלט לויפֿט אין ריכטונג פֿון וועלדל. פֿייערים אויפֿן פֿעלד וואַרפֿן אַוועק די קאָסעס, באָרוועסע שיקסעס און יונגע פּויערטעס מיט קינדער אויף די הענט, לויפֿן פֿאַרביי, מיט טויט־פֿאַרשוויצטע פּנימער און איבערגעשראָקענע אויגן. מען שרייט זיך איבער, ס'פֿאַלן קורצע ווערטער ברמיזהדיקע — „אוי, יעזוס, אוי, יעזוס!" — הערט מען פֿון אַלע זייטן.

— ס'איז קלאָר — עס טרייט זיך עפּעס אויפֿן דאָרף! — וואָס? —

מיר נעמען זיך גיך פֿאַרמאַכן דאָס טירל. מיר באַפֿעסטיקן עס מיט העלצער, מיט דרענגער און פֿאַרהענגען דאָס ווענטל מיט טונקעלע קאָלדרעס.

פֿון דערווייטנס הערט מען שוין אַ גערויש פֿון פֿאַרגדיקע אויטאָס. אַ סימן — זיי זענען דאָ! דאָס דאָרף ווערט אַרומגערינגלט!

דאָס לויפֿן ווערט אימהדיקער, און דער לופֿט פּייפֿט מיט שרעק. עטלעכע מיר נוט — אַלץ פֿאַרשווינדט. מען זעט מער נישט קיין לעבעדיקן נפֿש, ווי אַלץ אַרום וואָלט אויסגעשטאָרבן. כ'איז שטיל, אַז מען הערט אַזש דאָס זשומען פֿון די פֿליגן אין דרויסן, מען פֿילט, אַז עס איז אַ שטילקייט פֿאַר אַ שטורעם. פֿון אונטן, פֿון שטוב, גיט מען אונדז נישט קיין שום צייכן.

מיטאָמאָל — זשאַנדאַרן! זיי פֿאָרן פֿאַרביי אונדזער באַלופֿע אויף ראָווערן, הינטער זיי פּוילישע פּאָליציאַנטן, אַלע מיט העלמען אויף די קעפּ, די ביקסן אָנגעהאָנגען אויף די אַקסלען און גרויסע רעוואָלווערן ביי דער זייט. עס נעמט מישן פֿאַר די אויגן. דאָס בלוט שלאָגט צום האַרץ און קאָפּ. מיר פֿאַרבייסן די ליפּן, אין די אויערן רוישט. ס'פֿאַלן באַפֿעלן אין דייטש.

זיי זענען פֿאַרביי! און — נאָך עטלעכע מינוטן — געשרייען פֿון די שכנות־דיקע הייזער — פֿרויען קלאָגן, קינדער וויינען, די געשרייען הערט מען פֿון אַלע זייטן, אויף איין אָרט ווערט שטיל און פֿון אַנדערע ערטער נעמען זיך דערטראָגן פֿרישע הילפֿס־רופֿן. די מאַטאָרן הערן דערביי נישט אויף צו רוישן און סיגנאַליזירן פֿייפֿנדיק. עס הילכן שוין אָפּ שאָסן.

מען דערהערט אַ גערויש אין וועלדל! צווישן די ביימער באַוועגן זיך גרינע אוניפֿאָרמען. אַ שיסעריי! די געוואַלדן הערט מען איצט פֿון דער ווייטנס. ווידער געשרייען נישט ווייט פֿון אונדז. קולות דערנענטערן זיך, מען הערט שוין טריט, האַרטע שווערע טריט און גראָבע שטימען! דאַכט זיך, דייטש? — יאָ, דייטש!

מיר הערן שוין דייטלעך — „קרויין דאָנער־וועטער, פאַרפלוכט!"

זיי זענען אויף אונזער הויף! — אונטן, אין שטוב, איז שטיל. שכורע געלעכטערס הינטער אונזער וואַנט! זיי זענען אַדורך! און ווידער: מען לויפט, מען שרייט, מען שיסט!

עטלעכע שעה האָט עס אַזוי געדויערט. ערשט נאָך מיטאָג האָבן די מאָטאָרן אויפגערוישט ווי צום אָפּפאָרן, דאָס שווערע סאָפּען פון די מאַשינען האָט זיך דערווייטערט. נאָך אַ האַלבע שעה האָבן עלטערע ווייבער און קליינע קינדער זיך אָנגעהויבן באַווייזן און מיט הויכע שטימען גערופן די מענער מיט די יונגע מיידלעך און ווייבלעך זיך אומצוקערן פון די באַהעלטענישן, אַרויס פון וואַלד. דער עולם האָט גענומען אַרויסקריכן פון צווישן די ביימער. ס'איז געוואָרן אַ גערעדעריי. מען האָט זיך נאָכדערציילט יעדער זיינע ניסים. אַנדערע האָבן געוויינט. ווייבער האָבן זיך אַלץ געריסן פאַר די האָר און געשריגן:

— אוי יעזוס, יעזוס!

מען האָט דערקענט, אַז די געפאַר איז שוין פאַרביי.

מיר האָבן גענומען אָפּאָטעמען, אַריינציען אַ ביסל לופט. אין קאָפּ האָט געמישט. לאַנג האָבן מיר נאָך געוואַרט, ערשט פאַרנאַכט, האָט ווער גענומען קריכן אויפן בוידעם. ס'איז געווען די פעלקאָווע. זי האָט געקלאָגט:

— שלעכט, שלעכט! דאָס גאַנצע דאָרף איז געווען אַרומגערינגלט. זיי זענען גענאַגנען פון שטוב צו שטוב און איבערגעדרייט אַלע בוידעמער, קעלערס און שייערס. זיי האָבן געזוכט יונגע מענער אויף צוואַנגס־אַרבעט קיין דייטשלאַנד. אָ, ס'איז פאַר זיי קיין באַהעלטעניש נישטאָ. אַלץ האָבן זיי אַנטדעקט. זיי האָבן צעבראָכן ווענטלעך, געפונען די פאַרמאַסקירטסטע בונקערס און אַלע באַהאַלטענע געכאַפּט!

— יאָ, נישט גוט — זיפצט די פעלקאָווע — אומעטום האָבן זיי געזוכט, נאָר דריי הייזער בלויז אויסגעמיטן, אונז און נאָך צוויי אין יענער זייט דאָרף. נישט גוט, מען וועט אונז נאָך כאַפּן. אָ, נישט גוט!

⁂

נישט די ערשטע אַבלאַווע איז עס אין דער צייט פון אונזער זיין אין דאָרף. מיר האָבן שוין דאָ איבערגעלעבט עטלעכע צענדליק אַזעלכע זוכענישן. שטענדיק דויערט עס כמעט אַ גאַנצן טאָג און שטענדיק טרעפט, אַז זיי מיידן אויס אונזער באַלופּע און מיר קומען אָפּ מיט בלויזער טויט־שרעק. ווען פעלעק האָט געלעבט האָבן מיר זיך געפילט אַביסל זיכערער. ער פלעגט שנעל אָנלייגן אַ פולן בוידעם מיט שטרוי, מיט היי באַוואַרפן אונזער ווענטל און אַליין איז ער געבליבן אין שטוב, זיך געמאַכט טון אַן אַרבעט און אויך די ווייבער נישט געלאָזט אַוועק. „אַז זיי וועלן קיינעם נישט טרעפן אין שטוב — וועט זיין נאָך ערגער! — האָט ער געזאָגט — זיי וועלן שטרענגער זוכן".

היינט זענען די ווייבער דערשראָקענע אַנטלאָפן. די פעלקאָווע איז אַזש אַוועק קיין קאַלושין און די דרייסטע טשאָטקע האָט זיך געדרייט אין דאָרף און זיך צוגעקוקט צו דער אַבלאַווע. ערשט פאַרנאַכט זענען זיי צוריקגעקומען. די טשאָטקע

וואַרפט די שולד אויף דער פּעלקאָווען : „זי האָט געמיינט, אַז „יענע וועט שוין אַרומלייגן אונזער באַהעלטעניש מיט היי”. די פּעלקאָווע שעלט דער טשאָטקען — „ווען זי איז אַוועק איז נאָך די טשאָטקע געבליבן אין שטוב, זי איז די לעצטע אַוועק”.

יאַנעק האָט אַ גאַנצן טאָג געשיכורט אין אַ שכנותדיקן דאָרף. זיי האָבן אַלע אונז געלאָזט אויף הפקר און אין דער הפקרות האָבן מיר דערפילט דאָס אויג פון שומר ישראל.

⁂

„הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל” — יעדע נאַכט פאַרן שלאָפן זאָגן מיר די תפילה און מיר פילן זיך אַביסל זיכערער. מיר פילן ווי אַ גרויס, וואַכנדיק אויג, אַן אומזעבאַרס, דרימלט נישט און היט אונז כסדר און׳ — מיר פאַרטרוי׳ען אונזער שומר — אונזער גורל. מיר דאַנקען פאַר דעם היינטיקן טאָג און דאָס האַרץ קלאַפּט אומרואיק פאַרן מאָרגן. מיר לייענען קריאת־שמע און זעגענען זיך אין די מינוטן מתיחד מיט אונזערע חברים און פריינט, וואָס מיר ווייסן, אַז זיי זענען אויך פאַרשטעקט ערגעץ אין לעכער. מיר בעטן אויך פאַר זיי. זאָל זיי אַלע צוזאַמען מיט אונז אַרומרינגלען די שוץ — „פון רעכטס — מיכאל, פון לינקס — גבריאל, פון פאָרנט — אוריאל, הינטן — רפאל און איבער אונז די שכינה פון גאָט, וואָס איז צוזאַמען מיט אונז אין אונזער פּיין ! געוואַלט, עס זענען דאָך שוין מער קיין ייִדן נישטאָ ! גאָטס טייערע ייִדן זענען דאָך שוין נישטאָ ! און מיר ? מיר זענען דאָך דער פאַרוואָגלטער זכר. אָ, היט דעם זכר פון דיין פאָלק !

אַז עס קומט שבת פאַרנאַכט, בין־השמשות, אין דער צייט פון „רעוה דרעוה” עסן מיר אַ כזית ברויט און זינגען אין דער טונקל, שטיל „בני היכלה” — „מיר גלוסטן צו זען די לויטערקייט, דיין חסד, אוי, ישוב לא נאמר כי אם ושב וקיבץ” אין דרויסן דעמערט. שאָטנס שלינגען איין דעם אַרום און מיר זיצן צוזאַמענגעטוליעט : „כי נפשי חולת אהבתך, אוי, אנא, אל נא רפא נא לה בהראות לה, אוי, נועם זיוך !

מיר זענען דאָך איצט צווישן די איינציקע ייִדן. עס זענען דאָך שוין מער נישטאָ די ייִדן, וואָס האָבן אין שבתדיקן בין השמשות זיך איבערגעגאָסן אין לויטערער באַהעפטונג. אין פאַרנאַכטיקן חלל פון די טונקעלע פעלדער שוועבט דאָך שוין מער נישט דאָס מעלאַנכאָלישע געזאַנג : אָ, „כי נפשי חולת אהבתך — אוי, רפא נא לה”.

שפּעטער, ווען ס׳ווערט שטאָק־פינצטער, ווינטשן מיר זיך :
— אַ גוטע וואָך, אַ לעבעדיקע וואָך, אָ, אַ לעבעדיקע וואָך !

האַלב סעפּטעמבער :

מיר האָבן ווידער געהאַט אַן אָבלאַווע און ווידער האָבן זיי אויסגעמיטן אונזער כאַלופּע. דאַנקען גאָט ! מיר האָבן אָבער אַן אַנדער עגמת־נפש : יאַנעק האָט

אונז דערציילט, אַז ער האָט אַ חשד, אַז ס'איז עפּעס נישט היימלעך אַרום אונז — וואָס איז?

וואַצעק, דער שכן וואַצעק, האָט היינט פאַר יאַנעקן געלאָזט פאַלן צווײדײַטיקע ווערטער. געווען איז עס באַלד אין דער פרי. וואַצעק אַרבעט היינט ביי אונז אויפן הויף. ער העלפט דער פעלקאָווען ביים ברענגען די תבואה אין שייער אַריין. יאַנעק איז פּונקט געשטאַנען אויפן הויף און מיט אים געשמועסט. דערווייל איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז דאָס דאָרף ווערט אַרומגערינגלט פון דייטשן. וואַצעק האָט דאַן אַ צעקאָכטער איינגערוימט יאַנעקן, אַז „דאָ, אויף דעם הויף איז געפערלעך צו זיין!"

יאַנעק זאָגט, אַז ער האָט דערקענט, — וואַצעק גיט אים דערמיט אָנצוהערן, אַז ער ווייסט, דאָס ביי אונז איז נישט אַלץ כשר.

— זעסט דאָך — פּרווו איך אים באַרויִקן — אַז עס איז דאַנקען גאָט אַדורך בשלום, עס האָט חלילה קיינער נישט געמסרט.

— דאָס איז צוליב עפּעס אַנדערש — זאָגט ער. דאָס איז — גיט ער מיר צו פאַרשטיין, — ווייל אויף זיכער ווייסט קיינער נישט, אַז דאָ געפינען זיך יידן. עס איז בלויז אַ חשד, וואָס חזרט זיך כסדר איבער. וואָלטן זיי געווען איבערצייגט, אַז איר געפינט זיך דאָ, וואָלט איר שוין פון לאַנג נישט געלעבט. זיי וואָלטן קיין איין טאָג נישט געוואַרט און אייך געמסרט! זיי זענען אָבער דערין נישט זיכער — האָבן זיי מורא, ווייל, ווען עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די מסירה איז געווען אַ פאַלשע, ווערט דער מסור שטרענג באַשטראָפט.

— אָבער — באַרויִקט אונז יאַנעק — איר דאַרפט אייך נישט שרעקן — וואַצעק איז אַן אייגענער, ער קאָן האַלטן אַ סוד, בפרט, אַז זיכער איז ער נישט.

— יאָ, איר דאַרפט זיך היטן, אַז קיינער זאָל אייך נישט זען אָדער אונטערהערן, זיך שטאַרק היטן! ווייל דעמאָלט, אָ, דעמאָלט וואָלט געווען גאָר ביטער, גאָר שלעכט — ס'וואָלט געווען דער סוף!

* * *

וואָס קומט אָבער אַרויס פון אונזער היטן זיך, אַז זיי קאָנען קיין סוד נישט האַלטן. יאַנעק אַליין מיט זיין אויפפירונג קאָן אַרויסרופן אין דאָרף די פאַנטאַסטישסטע קלאַנגען. מען האַלט אים לעצטנס פאַר אַ גביר. ער וואַרפט געלט ווי עס לאָזט זיך. אים אַליין איז נישט צו דערקענען, ער איז געוואָרן פעט, אויסגעפּאַשעט און זעט אויס מיט אַ שפּאָר ביסל יאָרן יונגער. אויך די טשאָטקע שיינט אײַנגאַנצן. זי זעט אויס פריש, איז שטענדיק פריילעך, גייט שפּאַצירן און זוימט זיך גאַנצע טעג. זי זאָגט אַליין, אַז אין דאָרף שאַצט מען איר פאַרמעגן אויף שווערע טויזנטער. זי איז דערפון צופרידן און האָט שוין עטלעכע מאָל אין פאַרשידענע ערטער דערציילט, אַז זי האָט „אַ פּאָר נאַרישע טויזנטער דאָרט". שפּעטער קומט זי אַהיים און האָט אַליין עגמת־נפש, זי ווייסט, אַז דאָס קאָן אויסגיין נישט צום גוטן.

די פעלקאָווע זאָגט, אַז די טשאָטקע וועט מיט איר באַרימען זיך, ברענגען דעם טויט אויף אַלע. ווען די פעלקאָווע קומט אַהיים פון דאָרף ברענגט זי גרויסן וועגן שם, וואָס גייט וועגן דער טשאָטקעס פאַרמעגן. מען פרעגט אומעטום מיט אַ פאַרבאָרגן שמייכעלע — פון וואַנען זי האָט דאָס, די טשאָטקע?

לעצטנס, איז די טשאָטקע שוין פיל מאָל פארשוווּנדן געוואָרן אויף גאַנצע טעג. זי איז שוין אפילו עטלעכע מאָל נישט אהיים געקומען נעכטיקן. דאָס האָט אונז שטאַרק באַאומרואיקט. די פעלקאָווע דערציילט אונז, אַז אין גאַנצן דאָרף לאָכט מען פון איר, פון דער טשאָטקען: „אַזאַ זקנה און פירט ליבעס" — זי האָט צוויי „קאָכאַנקעס", וועלכע הוליען מיט איר אַרום און נאַרן ביי איר אויס געלט. זי שטעלט פאַר זיי בראָנפן און שיכורט מיט זיי.

— אַזאַ אַלטע זונה — זידלט די פעלקאָווע — שוין באַלד זיבעציק און קריכט נאָך צו די מענער. אַ שאָד וואָס זי איז נישט יונגער — אַ גאַנץ הויז מיט ממזרים וואָלט זי נאָך אַהיימגעבראַכט!

די טשאָטקע האָט זיך שוין עטלעכע מאָל באַרימט פאַר אונז, וועגן איר „פאָרוואָדזעניע". זי לויבט שטאַרק דעם „אָרגאַניסטער" פון ווישניעווער קאָשטשאָל — „ער איז זייער אַן „אנטעלעגענטנער" מענטש, מיט אים קאָן מען אַ וואָרט רעדן. אים וואָלט זי אפילו נישט מורא געהאַט צו דערציילן וועגן אונז! ווי? — ער וואָלט זיכער קיינעם נישט אויסגעזאָגט! האַ, וואָס מיר רעדן דאָרט?! ער איז אַ „סלאָדקי כלאָפּאַק". חוץ דעם — שמייכלט די טשאָטקע האַלב פארבאָרגן — מיך וואָלט ער פעוונע נישט געמסרט! האַ, איר דאַרפט זען, ווי אַזוי ער רעדט צו מיר. גאַנצע טעג קומט ער דאָך צו מיר צו לויפן — אַזש פון ווישניעוו!" —

— אַ נאַר, ניין? — נעמט זי קאָקעטיש ווינקען מיט די אויגן — וואָס האָט ער פון מיר, אַזאַ אַלטע באָבע? ס'פעלן יונגע? — אָבער צ'זעט דאָך -- נאָר איך געפעל אים, דעם שוטה. --

זי האָט אונז שוין אויך דערציילט וועגן פראַנעק קוטשאַק פון קאַלושין, וואָס פאַר אַ „צוואַניאַק" און „פעטניאַק" ער איז. אַ שאָד, וואָס זי קאָן אים דאָ אַביסל נישט פארבעטן, די פעלקאָווע וועט אים נישט אַריינלאָזן.

איינמאָל האָט די טשאָטקע געזיפצט און געזאָגט, אַז מענטשן האָבן מזל. אָט למשל, די שטאָטישע „פּאַנים", מיינט זי — זיי גייען כמעט אַלע אין זיידענע אונטער־וועש. ס'איז אַ וואַזשנע זאַך. די כלאָפּעס זאָגן, אַז גאָר אַנדערש איז אַ באָבע מיט אַ זיידן העמד. אויך דער אָרגאַניסטער פּאָסמאַקעוועט זיך גאָר וואַזשנע פון די באָבעס מיט זיידנס אויפן לייב. האַ, זי אַליין וואָלט געדאַרפט האָבן כאָטש אַ צוויי פּאָר זיידענע וועש!

— אַז מען וועט נישט אויסזאָגן קיינעם, קיינעם נישט — זי מיינט די פעלקאָווען — וועט זי אונז איבערגעבן אַ סוד. שרעקט זיך נישט! גאָרנישט — אַ נאַרישקייט! ניין, נישט וועגן אייך! האַ, שוין, זי זאָגט אונז גלייך, נאָר מיר זאָלן וועגן דעם נישט דערציילן דער פעלקאָווען:

— זי, די טשאָטקע, האָט געהאַט דעם ווייבערישן שטייגער, „די צייט", אַזש ביז זעכציק יאָר. יאָ, זי זאָל אַזוי לעבן — ביז זעכציק יאָר! זאָלן אסתרל און צפורהלע זאָגן, צי ס'איז נישט אמת, זי האָט נאָך היינט אַ פריש לייב ווי אַ יונגע נקבה! ניין? — וואָס זאָגן זיי? —

— ס'איז שפּעט, דער אָרגאַניסטער וואַרט, מען דאַרף גיין — צעלאַכט זי זיך און אַנטלויפט.

20־טער סעפּטעמבער :

זייט פעלעקס טויט פּילט זיך די פעלקאָווע איינזאַם, אַרומגערינגלט פון בלויז שונאים. „אַלע — שרייט זי — ווילן זי באַגנבענען, באַרצחענען און טרינקען איר בלוט”.

די פּויערים טראָגן איר אַנטקעגן שפּאָטיש־אָפּלאַכערישע בליקן און זי ענטפערט מיט שפּיזיקע אויגן. שפּעטער לאָזט זי דעם גאַנצן כעס אויס צו די פּרעמדע הינער, וואָס פאַרבלאָנדזשען אין אירע זאַנגענעס און גראָבן אין די זריעות. זי באַוואַרפט זיי מיט שטיינער און יאָגט זיי נאָך מיט דרענגער. די פּויערים מיט די ווייבער און קינדער לויפן אַרויס אויף די הינערישע קולות און באַוואַרפן מיט טויטע קללות די פעלקאָווע. זי שרייט און ליאַרעמט און די געוואַלדן טראָגן זיך ווי ווייט. דערנאָך זענען די שכנים זיך ווידער נוקם אין אירע הינער, וועלכע דזשאָבען מיט די שנעבלעך אין זייערע זאַנגענעס. זיי צעברעכן זיי מיט שטעקנס די פליגל און האַקן אונטער די דינע, הינערישע פּיסלעך. די עופות צעניזוקטע, צעשויבערטע, מיט אויסגעריסענע פעדערן, אַנטלויפן אין איין אָטעם. אויף זייערע יללות לויפט דאַן אַרויס די פעלקאָווע און ווידער איז היימלעך איבער אַ האַלב דאָרף.

אַלע פּויערים זענען איר שונאים און מיר האָבן מורא, אַז עס זאָל אַמאָל נישט אויסגיין צו אונזערע קעפּ. ביי אַ ליאַדע חשד זאָלן איצט די פּויערים נישט לויפן מסרן, — איצט, אַז פעלעק לעבט שוין נישט און זיי האָבן פאַר איר מער קיין מורא נישט. מיר בעטן רחמים ביי דער פעלקאָווען, אַז זי זאָל נאָכלאָזן, אויפהערן מיט די מחלוקת, ס'וועט נאָך ברענגען צו אַן אומגליק. מיר וועלן אומקערן אַלע שאָדנס, וואָס די הינער און סתם אַזוי די שכנים מאַכן. זי שרייט אָבער, אַז זי טאָר זיך פון זיי נישט לאָזן. ניין, זי איז אַן אָרעמע אלמנה און זי האָט נישט ווער עס זאָל זיך פאַר איר אָננעמען. אויב זי וועט זיך אַליין נישט פאַרטיידיקן און באַשיצן — וועלן זיי פון איר אַ תל מאַכן — אַלץ צוגנבענען און צורויבן.

קריגט זי זיך כסדר פאַר יעדער קלייניקייט און שטענדיק איז אַרום איר אַ בהלה. ווען זי איז אין שטוב נישטאָ — דרייען זיך די שכנים פאַרביי אונזער הייפל און קוקן בייז צום הייזל, ווי זיי וואָלטן עס וועלן איינשלינגען, פאַרצערן בלויז מיט די אויגן.

מיר זעען זיי דורך די בוידעם־שפּאַרעס און ציטערן. ווער ווייסט צי זיי גרייטן זיך נישט מיט עפּעס, צי זיי ווייסן נישט? צי טראָגן זיי זיך נישט אַרום מיט פאַרדעכטיקע פּלענער? מיינען זיי נישט אונז?

היינט, ווען די פעלקאָווע איז אַוועקגעגאַנגען פון שטוב האָבן מיר מיטאַמאָל דערזען, ווי אויף איר פעלד, אַנטקעגן דעם הייזל, דרייט זיך דער שכן מאַטשושאַק און קוקט פאַרדעכטיק אין אונזער זייט, צו דער פעלקאָוועס שטוב. ער האָט זיך געדרייט אַרום און אַרום און די אויגן נישט אַוועקגענומען פון הייפל. די הערצער זענען אונז שיר אַרויסגעפאַלן פון שרעק. ער האָט אַלץ אָבסערווירט און זיך כסדר אַרומגעקוקט. ער האָט זיך אויך דערנענטערט צום הייזל און דורך די פענצטער אַריינגעקוקט אין שטוב.

מיר האָבן געפילט, אַז ער מיינט אונז, ער וויל אונז אפשר זען, בכדי צו זיין זיכער, ער זוכט אונז! מיר האָבן זיך געקלאַמערט מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס. פּלוצים איז ער אַוועק פון פענצטער. פאָרזיכטיק זיך צוגעשאַרט צום פּעלד און פון

די פעלקאָוועס זאַגאָנעס גענומען רייסן גרויסע טאַבאַק־בלעטער צום ווייכערן. ער האָט זיי שנעל געלייגט אין די קעשענעס און איינס־צוויי אַנטלאָפן.

דאָס האָט ער זיך פריער אַרומגעקוקט, צי קיינער זעט נישט ווי ער גנבעט. ער איז בכן נישט חושד, אַז עס געפינט זיך אינעווייניק ווער, וואָס קאָן אים זען. מיר האָבן זיך אַזש גענומען פרייען פון זיין גנבה. זי איז פאַר אונז געווען אַ גוטער סימן.

„ניין, זיי זענען אין גאָרנישט חושד, זיי ווייסן נישט!"

אויך קלעש'ס ווייבל, דער רעכניאַקאָוועס טאָכטער, קומט אָפט אַהער, ווען די פעלקאָווע גייט אַוועק אויפן דאָרף און זי רייסט פון די זאַגאָנעס פאַרשידענע ירקות, זי באַהאַלט זיי אין קוישל און אַנטלויפט.

ניין, ס'פאַלט זיי נישט איין, אַז איבערגעשראָקענע אויגן באַטראַכטן דורך די שפּאַרעס דעם דרויסן פון אַלע זייטן.

האַלב אָקטאָבער:

יאַנעק איז עטלעכע טעג געווען אין וואַרשע און איצט געקומען צו פאָרן. ער דערציילט נייעס:

— וואָס, ס'דאַכט זיך, אַז עס זענען שוין גאָר קיין יידן נישטאָ? — אָ, עס זענען נאָך דאָ פיל! יעדן טאָג געפינט מען פרישע, זיי זענען פאַרשטעקט אין גאַנץ וואַרשע, אויף אַלע גאַסן. איצט האָט מען זיך שוין גענומען צו זיי, מען מאַכט אָרמעטום אַבלאַוועס, מען שליסט אָפּ גאַנצע קוואַרטאַלן און מען זוכט פון שטוב צו שטוב; מען פאַרהאַלט די טראַמווייען און מען קאָנטראָלירט אַלע פּאַסאַזשירן, אויך אויף די באַנען און אויף די וואָקזאַלן לאָזט מען נישט דורך קיין איין מענטש, וועלכן מען זאָל נישט בודק זיין און בעת יעדער אָבלאַווע כאַפּט מען עטלעכע.

— היינט איז זיי אפילו שווער צו דערקענען, די יידן, אַז די פרויען האָבן זיך אַלע טלענירט די האָר, אַלע העלע־בלאָנדינקעס געוואָרן, האָבן געמאַליעוועט די פּנימער און זענען גאָר עלעגאַנט געקליידט. די ערשטע צייט זענען זיי געגאַנגען אויך מיט טרויער־וואַלן פאַרהאָנגען די געזיכטער — האָט מען זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז דאָס זענען יידישע טעכטער, וואָס ווילן אַזוי אַרום זיך פאַרשטעלן די אויגן. נו, איצט זעט מען מער נישט אַזעלכע, איצט האָבן שוין אפילו אויך קריסטינס, ריינע אַריערינס, מורא — אין טרייער — זיך איינצושלייערן אין אַזעלכע יידענע וואַלן, ווייל מען וועט זיי גלייך אָננעמען פאַר יידינס און מ'וועט זיי פאַר־האַלטן.

— ביסלעכווייז אַנטדעקט מען זיי אַלע, מען ווערט שוין געוויער, וווּ זיי וווינען און מען נעמט זיי פון די דירות, עס שפּילן זיך דערביי אָפּ שרעקלעכע סצענעס. אַנומלט האָט מען ערגעץ — אויף דער כמיעלנע גאַס, אין אַ שטוב אויף דעם פינפטן שטאָק—אַנטדעקט יידן. ס'איז געווען אין מיטן דער נאַכט, ווען די אַגענטן זעבען נאָך זיי געקומען, נו, — האָט מען נאָר דריי באַוויזן צו נעמען, די איבעריקע — אַ יונגע מוטער מיט אַ קליין קינד און נאָך צוויי יונגע מיידלעך פון אַכצן יאָר — זענען געשפּרונגען פון פענצטער, יאָ, — פון פענצטער — פון פינפטן שטאָק, זיי זענען געבליבן ליגן אויפן ברוק צעשמעטערטע. גאַנץ וואַרשע איז דערנאָך געלאָפן קוקן.

— איך אַליין — דערציילט ווייטער יאַנעק — האָב אַמאָל געזען פירן געכאַפּטע יידן — זעקס מאַן, צווישן זיי — אַ יונגן בחור מיט אַ מיידל, ס'האָט אויסגעזען, ווי חתן־כלה. זי האָט אים ככדר אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און געוואָרפן צו אים אַזעלכע בליקן, ווי זי וואָלט זיך געזוכט לעבן אים צו שיצן. ער אַליין איז אויך געגאַנגען, ווי די פיס וואָלטן זיך אונטער אים געבראָכן, די אַנדערע — אויך אַזוי איבערגעשראָקן. זיי האָבן אַלע געהאַט געשלאָסן די הענט מיט קייטעלעך און די זשאַנדאַרן און פּאָליציאַנטן אַרום האָבן געהאַלטן די רעוואָלווערן גרייט צו שיסן. פיל קינדער און אויך עלטערע מענטשן זענען דעם גאַנצן וועג נאָכגעלאָפן. יאָ, מען האָט

געזאָגט, אַז דאָס זענען זשידעס. איך אַליין וואָלט נישט געוווּסט, מען האָט זיי גאָרנישט דערקענט, ווי עלעגאַנט זיי זענען געווען געקליידט! גאָר אַנדערש ווי די אַנטלאָפענע מיט אַ האַלב יאָר צוריק פון געטאָ.

— דעמאָלט, ווען דאָס געטאָ האָט געברענט, האָט מען אויך געכאַפּט אַ סך, וואָס האָבן זיך געפּרוּווט ראַטעווען דורך די קאַנאַלן אַרויס, אויף דער אַרישער זייט. אָבער יענע — אין יענע האָט מען גלייך דערקענט, אַז זיי זענען יידן: אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, מיט בלייכע אויסגעדאַרטע פּנימער, מיט אַרויסגעשטאַרצטע אויגן ווי מתים, זיי זענען באָרוועס געלאָפן און דערשראָקן געקוקט אין אַלע זייטן, ווי צו זוכן אַ לאָך, וווּ זיך צו פאַרשטעקן. זיי האָט מען גלייך געכאַפּט און געשאָסן. כ'האָב אַליין אַמאָל געהאַט געזען, ווי פון אַ קאַנאַל־לאָך אויף דער ווילטשע־גאַס זענען אַרויסגעקראָכן צוויי קינדער, געוויקלט אין שמאַטעס, מען האָט נישט דערקענט, צי יינגלעך צי מיידלעך, נאָר דאַכט זיך, אַז איינס אַ יינגל און איינס אַ מיידעלע. זיי זענען געווען שטאַרק ענלעך צו זיך, אפשר — אַ ברודער מיט אַ שוועסטערל, זיי האָבן שוין כמעט נישט געקאָנט גיין. זיי האָבן זיך געשאַרט און געוואָרפן איבערגעשראָקענע, בעטנדיקע בליקן. ס'איז געוואָרן אַ צוזאַמענלויף. איינער, אַ יאַטל פון אַ יאָר צוועלף, איז פאַרשוווּנדן און באַלד צוריקגעקומען מיט צוויי ס. ס.־מענער. די קינדער האָבן נישט געוויינט, נאָר אין קראַמף זיך גענומען וואַרפן, די בלאַסע פּנימלעך זענען געוואָרן ווייס ווי קאַלך. איינס, דאָס מיידעלע, האָט מען גלייך דערטרונקען אין זעלבן קאַנאַל. דער ס. ס.־מאַן האָט גענומען דעם לאַנגן בעזים ביי אַ גאַסן־קערער און אַראָפּוואַרפנדיק דאָס מיידעלע אין לאָך, האָט ער עס מיטן בעזים אַראָפּגעדריקט טיף אין וואַסער, ביז — ער האָט געלאַכט און געזאָגט אַז „שוין — ס'איז שוין פאַרטיק!”. דאָס אַנדערע, דאָס יינגעלע, האָט געפּרוּווט נעמען אַנטלויפן, ער האָט נישט געקאָנט, די פיסלעך זענען ביי אים געווען ווי געליימט, איז ער נאָר עטלעכע טריט געלאָפן, אַזוי מאָדנע לאָמנדיק געשפּרונגען מיט די דינעטשקע פיסלעך. אַלע האָבן געלאַכט. דער צווייטער ס. ס.־מאַן האָט אים אַזוי געלאָזט לויפן און זיך אַזש געהאַלטן ביי דעם בויך פון געלעכטער. דערנאָך האָט ער געשטעלט עטלעכע טריט, אַרומגענומען דאָס יינגעלע און אים אָנגעהויבן גלעטן איבערן פּנימל. דאָס קינד האָט אים אָנגעקוקט און מיט די אייגעלעך געבעטן, עס האָט געצאַפּלט. דער דייטש האָט געלאַכט: „ס'וועט דיר גאָרנישט געשען, האָב קיין מורא נישט”. ער האָט באַלד לאַנגזאַם אַרויסגעצויגן דעם פּיסטאָלעט און אים אַריינגעשאָסן גלייך אין מיילעכל. „אַ צוקערל, אַ שטאָלן צוקערל, האָב איך אים געגעבן” — האָט ער געלאַכט צום המון.

— ניין, היינט זעט מען זיי שוין נישט, די דאָזיקע. היינט איז זיי גאָר שווער צו דערקענען, די יידן, בפרט, אַז עס זענען נאָך דאָ פּאָליאַקן וואָס באַהאַלטן זיי אויס.

— יאָ, — שמייכלט יאַנעק — מיר זענען „פּאַרעטער”. די בלעטער שרייבן, אַז מיר, מיר אַלע וואָס העלפן יידן — זענען פּאַרעטער, פאַרקויפטע נשמות און שונאים פון אייגענעם פאָלק. די לעצטע וואָכן גייט אין פּוילישן בלאַט אַ געוואַלטיקע העצע קעגן די, וואָס באַהאַלטן אייך אויס. יעדן טאָג זענען געדרוקט בריוו פון לייענער, וואָס רופן שטרענג צו באַשטראָפן די, וואָס מען כאַפּט ביי זיי יידן, „ס'איז צו ווייניק — שרייבט מען — דער טויט נאָר פאַר זיי אַליין, מען דאַרף זיי עפנט־

לעך פאַרברענען צוזאַמען מיט זייערע משפּחות, עפנטלעך — כדי אַלע זאָלן זען און זיך נעמען אַ ביישפּיל!"

אַ סך האָבן טאַקע מורא — דערציילט ער — און וואַרפן אַרויס די באַהאַלטענע ייִדן. די וואָס גיבן אַליין אַרויס די פאַרשטעקטע, טוט מען גאָרנישט.

— אָך, ווי רייך די ייִדן זענען געווען — שאָקלט יאַנעק מיטן קאָפּ — גאָר ביזן היינטיקן טאָג וואַלגערט זיך דאָס פאַרמעגן זייערס איבער די גאַסן פון פאַרברענטן געטאָ. מען געפינט דאָרט פון כל טוב, עס לעבט נאָך דערפון האַלב וואַרשע. אומעטום פאַרקויפט מען זאַכן פון געטאָ, אָפּערגעשלעפּטע פון אונטער די חורבות. מען פאַרקויפט טעפּ, לעפל, מעסערס, לאָקשנברעטער, אַלטע לאַטשן, שיך און מלבושים, נישט אַלץ האָט דאָס פייער פאַרברענט. מען געפינט אויך לייטישע זאַכן, וואָס מען קאָן זיי נוצן. יעדן טאָג לויפן איצט הונדערטער מענטשן אויף די הורבות, זיי זוכן און נישטערן און שטענדיק געפינט מען נאָך עפּעס. מען געפינט פאַרשידענע געשירן און שטיקער פון מאַשינען, היינט זענען שוין אַפילו די דאָזיקע זאַכן ווייניקער בנמצא, נו — ברענגט דער עולם פון דאָרט האָלץ און ברעטער. מען גרייט זיך אָן אויף ווינטער צו באַהייצן די שטובן, מען טראָגט גאַנצע טירן, פוטרינעס, שטיגן און שטיקער מעבל. מען ברענגט אויך ציגל. מען זאָגט, אַז מענטשן זענען שוין דערפון נתעשר געוואָרן, שוין געפינען דאָרט אויך פיל גאָלד. איך אַליין בין דאָרט איינמאָל געגאַנגען, האָב איך גאָרנישט דערקענט, אַז דאָ זענען אַמאָל געווען גאַסן, נאָר — הורבות און קופּעס ציגל.

— עס ראָיעט דאָרט, ווי ווערים אויף אַ הויפן מיסט, מענטשן מיט זעק פאַרפלייצן די רויִנעס און נישטערן געבוויגענערהייט אין די לעבער, ס'איז דאָרט נישט מעגלעך דעם אָטעם צו כאַפּן — אַ שטויב, אַ רויך נעמט נאָך היינט אַלץ אַרום, ווייל מען רודערט בסדר אויף די קופּעס. עס פרעסט זיך איין אַ רויך — געמישט מיטן ריח פון פוילנדיקע מענטשלעכע לייבער. עס וואַלגערן זיך פון אויבן אָן אַ שיעור איברים, הענט און פיס, סקעלעטן פון קעפּ. אַז מען דרייט זיך דאָרט, נעמט אַזש אָן פאַרן האַרץ, מען זעט דעם חורבן!

— אַזוי פיל פאַרמעגן, אַזוי פיל גוטע זאַכן, אַזאַ האָב־און־גוטס הרוב געוואָרן!

— זיי זענען פאַרברעכער, די דייטשן! צו וואָס האָבן זיי דאָס אַלץ פאַרברענט? וויפל טייערע זאַכן זענען אינגאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן! מענטשן האָבן דערפון געקאָנט לעבן יאָרן. וואָס איז דערפון געבליבן? — בלויז לאַכעס און אַלטוואַרג. אַ שאָד, אַזאַ מעבל, אַזאַ בעטגעוואַנט, אַזעלכע קרישטאָלן. דאָס אַלץ איז דאָך „געזנישטשעט" געוואָרן, אַ תל! מ'האָט עס דאָך געקאָנט צעטיילן צווישן דער באַפעלקערונג!

— אומישנע האָבן זיי דאָס אַזוי געמאַכט, די דייטשן. נישט פאַרגינערס! מען געפינט דאָרט קעלערן — געמאַכט פאַר בונקערס און באַהעלטענישן — מיט גאַנצע זעק מעל און קאַשעס, מיט געבעקסן און אַנדערע שפּייזן — אָנגעגרייט אויף יאָרן, די ייִדן האָבן עס אָנגעזאַמלט זיך אויסצובאַהאַלטן לאַנגע צייטן. נו — איצט פוילט דאָס אַלץ. די דייטשן האָבן די קעלערן פאַרפלייצט מיט וואַסער און די מענטשן דערטרונקען, אָדער אַריינגעלאָזט דאָרט גאַז צו דערשטיקן און אַלץ איז פאַרשטינקען געוואָרן. עס שניידט דאָס האַרץ זעענדיק אַזעלכעס — אַזוי פיל עסנ־

וואַרג, גאַטס גאָב צונישט געגאַנגען אין אַזאַ צייט ווי היינט, אין אַזאַ שלעכטער צייט!

⁂

איינמאָל, נאָכן צוריקקומען פון וואַרשע, האָט אונז יאַנעק דערציילט, אַז ער האָט, דאַכט זיך אים, דאָרט — אויף דער גאַס — געטראָפן די קאַלושינער קרעמערקע, פּסחס ווייב — די פּעיסאַקאָווע. ער איז נישט זיכער, צי דאָס איז זי טאַקע געווען, נאָר ער וואָלט כמעט געקאָנט שווערן, אַז יאָ.

— ס'איז זי גאָרנישט געווען צו דערקענען — אַן עלעגאַנטע דאַמע מיט בלאָנדע לאָקן און צוגעשוירענע ברעמען, געפאַרבטע ליפּן מיט אַ שיינעם מאַנטל אין ברייטע דאַמען־טאָרבע אונטערן אָרעם. צוערשט איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז דאָס איז זי, נאָר ער האָט געזען, זי טראָגט שוואַרצע זאָקן — אַנגעצויגן ווי אין טרויער — איז אים גלייך איינגעפאַלן, אַז דאָס מוז זיין אַ יידישקע, וועלכע טרויערט נאָך אירע נאָענטע. מען זאָגט דאָך, אַז אַלע יידישקעס טראָגן איצט שוואַרצע זאָקן. ער איז שוין טאַקע געווען אַ בעלן זיך איינצוקוקן אין פּנים און זיך איבערצייגן, האָט ער זי שנעל איבערגעיאָגט און אויסגעמיטן, דאַן זיך אויסגעדרייט און זי גוט געזען. ער האָט געקוקט גלייך אין געזיכט, נו — באַלד האָט ער אין די אויגן דערקענט, אַז ס'איז טאַקע אַ יידישקע. כאָטש זי איז געגאַנגען שטאָלץ, דרייסט— האָט ער אָבער געזען, אַז ס'איז אַ נאָכגעמאַכטע שטאָלצקייט. פון די אויגן האָט עפּעס אַ געהיימניספולע שרעק אַרויסגעבליצט. ס'איז אים גלייך איינגעפאַלן, אַז דאָס מוז זיין די פּעיסאַקאָווע. ער האָט אפילו געקלערט צוצוגיין, זי אָפּשטעלן און איר זאָגן, אַז ער דערקענט זי, זי זאָל פאַר אים קיין מורא נישט האָבן, נאָר זי האָט פּלוצים גענומען שטעלן גיכע טריט און מיטאַמאָל זיך אָנגעהויבן איילן. אפשר, זי האָט מיך אויך דערקענט און מורא געקריגן, ווייל זי איז עפּעס מאָדנע אונטערגעשפּרונגען ביים גיין. אַ שטיק וועג בין איך איר נאָכגעגאַנגען. אויף אַלע גאַסן, כמעט ביי יעדן ראָג, האָט זי זיך אויף אַ רגע פאַרהאַלטן, זיך אויסגעדרייט און געקוקט הינטער זיך. ווען זי האָט מיך דערזען, האָט זי ווייטער זיך גענומען איילן און שטעלן אַזעלכע שטאַמלדיקע טריט. ביי יעדן טויער זיך פאַרהאַלטן, ווי געקלערט — צי זי קאָן דאָרט אריין, ערשט מיטאַמאָל האָט זי דערזען אַ קאָשטשיאָל. די טירן זענען געווען ברייט אויפגעפּראַלט. אינעווייניק פון דער טיף האָבן אַרויסגעלויכטן די אָנגעצונדענע ליכט אויף דעם באַפּוצטן „אָלטאַזש". אַ שטראָם מענטשן האָט אריינגעצויגן — ס'איז געווען זונטיק — האָט זי זיך אויסגעמישט מיט זיי און איז אויך אריין. אינעווייניק האָב איך זיך אויך צוגעקוקט צו איר פּנים, ווען זי איז געווען באַלויכטן פון דער ליכטיקייט פון די ברענענדיקע ליכט און כ'בין זיכער — יאָ, דאָס איז זי געווען! זי האָט געקניט און בעתן געבעט האָט זי אַזוי מאָדנע געמאַכט מיט די ליפּן, שליסנדיק דערביי די אויגן, ווי זי וואָלט אויסגעמיטן קוקן צום „אָלטאַזש". זי האָט זיך געמוזט מאָדלען אויף יידיש, צום יידישן גאָט, ווייל זי האָט עטלעכע מאָל זיך פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּנים און ווי זי וואָלט אריינגעוויינט אין זיי —זיך כסדר געווישט מיט אַ טיכל איבער די אויגן. ווען זי האָט מיך דערזען, איז זי געוואָרן שטאַרק צעטומלט. דאָס פּנים איז צוערשט רויט געוואָרן און באַלד בלאַס, די פאַרבן אויף אים האָבן זיך כסדר געטוישט, אין די אויגן האָט זיך

א שרעק־פייערל אָנגעצונדן און זי האָט אַוועקגעכאַפּט דעם בליק פון מיר. עטלעכע מאָל האָט זי אויף מיר אזוי א קוק געטון און שנעל אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, זי האָט זיך האַסטיק גענומען איבערצלמען.

— אָ, זי איז זייער טרויעריק און דערשלאָגן געווען. ווייזט אויס, אז זי טרויערט נאָך אַלץ נאָך די צוויי קינדער אירע, נאָך די צוויי יינגלעך, וועלכע מען האָט פאַראַיאָרן געהרגעט אין דאָרף בודקי.

⁂

וועגן דעם, אז די פּעיסאַקאָווע לעבט, האָבן מיר שוין א סך מאָל געהערט. די פּויערים דערציילן עס אָפּט אונטן, אין שטוב. מען האָט זי שוין פיל מאָל געטראָפן. שטענדיק ווו אַנדערש, מען האָט זי שוין אויך געזען אין די שכנותדיקע דערפער. מען שמועסט, אז זי קומט דאָ מאָנען חובות ביי היימישע פּויערים, כדי צו האָבן פון וואָס צו לעבן.

סטאַשקאָ קוטשאַק זאָגט, אז ער קוקט טאַקע אויס, אז זי זאָל אמאָל קומען צו זיי קיין בודקי, אָדער — זאָל ער זיך נאָר דערוויסן, אז זי איז געקומען ערגעץ ווו דאָ נאָענט, נו — זי וואָלט שוין פאַרשפּאָרט צוריקצוגיין, די זונה! אָבער צו אונז וואָגט זי נישט צו קומען, זי האָט א גוטן פאָרגעפיל. זי לאָזט דאָ אַלץ פאַרפאַלן ווערן, אַלע חובות. אַלע פון אונזער דאָרף זענען דאָך איר שולדיק געלט, אויך ביי מיר קומט איר נאָך אַ פּאָר לייטישע זלאָטעס. מיר האָבן זיך שוין אָפּגעשמועסט — זאָל זי נאָר קומען, נו — וועלן מיר שוין איר באַצאָלן! א חוצפּה פון אַזאַ נקבה — נאָך חובות מאָנען! אָ, וואָלטן מיר „באַצאָלט": צוערשט וואָלטן מיר אַלע א „קאָלייקע" געמאַכט, א „קאָלייקע" — כאַ,כאַ, כאַ — ווי אמאָל אין א מאַרק־טאָג די דיי ביי איר געוועלב. ווער עס וואָלט נאָר געוואָלט! מען וואָלט זי גישקשהדיק „חתונה געמאַכט" — שטיקער לייב אויסגעריסן! אָבער — א „שטשעניאַק", א ממזר וואָלט זי נישט געהאַט.

— כאַ, כאַ, כאַ — נישט דערלעבט צו האָבן! האַ?

— די פּאָליציאַנטן וואָלטן פאַרענדיקט די „סעודה" און די כלאָפּצעס וואָלטן זיך געוויילט, געבאַוויעט, ווי מיט דער מאָשקאָווע פון דאָב־ע.

⁂

די מעשה מיט דער מאָשקאָוועס טויט האָבן מיר געהערט מיט עטלעכע וואָכן צוריק, באַלד נאָך דער פאַרענדיקונג פונם שניט. וועגן דער מאָשקאָווע האָבן מיר זיך נאָך געהאַט דערוווסט פון קוניאַקן. א וואָך נאָך פּעלעקס טויט איז ער ווירער עטלעמע טעג געווען פאַרשטעקט אין יאַנעקס שייער. מיר האָבן געבעטן, אז די טשאָטקע זאָל אים אויספרעגן, צי ער ווייסט נישט וועגן אַנדערע יידן. צוערשט האָט ער געזאָגט, אז ניין — ער ווייסט נישט. ער האָט שוין קיין ייד נישט געזען זינט מען האָט די לעצטע יידן פון לאַגער ביי זיי, אין קאַלושין, אויסגעמאָרדעט און ער ווייסט בכלל נישט, צי עס זענען נאָך ווו פאַראַן יידן. אָבער נאָך עטלעכע טעג אויסרוען זיך אין שייער. נאָך דעם ווי די טשאָטקע האָט אים דערלאַנגט אַ פּאָר גראָבע הויזן, וואָס

אסתרל האָט פאַר אים צוזאַמענגענייט פון עטלעכע אַלטע פעלעקס הויזן און אַ פּאָר וועש צו טוישן — האָט ער פאַר דאַנקבאַרקייט צו דער גוטער פּאַני, דער טשאַטקען — איר איבערגעגעבן, אַז מיט אים צוזאַמען וואַלגערט זיך אַרום אַ יידישע פרוי, אַ ווייבל פון דאָברע, די מאָשקאָווע — הייסט זי. זיי האָבן ערגעץ ווו, אין די נאָענטסטע וועלדער, אַ בונקער, זי זיצט דאָרט אַ גאַנצן טאָג און ער גייט איבער די דערפער און שאַפט ברויט. זי איז אַ יונג ווייבל פון אַ יאָר דרייסיק. ער האָט זיך מיט איר טאַקע געהאַט געטראָפן אין וואַלד, נאָך מיט אַ שטיק צייט צוריק. פון דעמאָלט אָן זענען זיי צוזאַמען. פון מער יידן — ווייסט ער נישט. עס זענען שוין זיכער מער נישטאָ, ניין, זיכער נישט.

ער האָט זיך געזאָרגט צוליב דעם פאַרשטייענדיקן שניט. אַזוי בשעת אַן אָבלאַווע, קריכט מען אַרויס פון לאָך און מען פאַרשטעקט זיך אין קאָרן. גאַנצע פעלדער מיט קאָרן — קאָנען זיי נישט געפינען, ווען מען פאַרשטעקט זיך גוט. אָבער ביטער, — האָט ער זיך געקלאָגט — וועט זיין נאָכן שניט!

די טשאַטקע האָט אונז שפּעטער געראָטן, אַז אויך מיר זאָלן אַוועק אין וואַלד, אין קוניאַקס בונקער. זי וועט כסדר אָפּנעמען די סחורות ביי אונזערע הײמישע קריסטן און אונז שוין באַזאָרגן עסן אין וואַלד אַריין. ס'וועט זיין פיל בעסער — מיינט זי. מיר וועלן פאַרשפּאָרן אויסצוהאַלטן אויך די פעלקאָווען מיט איר ווירטשאַפט. זי מיט יאַנעקן וועלן כסדר צו אונז קומען.

קורץ נאָך דעם, תּיכּף נאָכן שניט, האָבן מיר געהערט, אַז מ'האָט די מאָשקאָוועס שוין דערמאָרדעט. די פּויערים פון נאָענטסטן דאָרף האָבן געהאַט געמסרט, אַז קוניאַק איז פאַרשטעקט אין זייער געגנט און אין אַ פאַרטאָג איז זשאַנדאַרמעריע מיט מיליטער אַריין אין וואַלד. זיי האָבן אַנטדעקט דעם בונקער, נאָר ער איז שוין געווען ליידיק. אי קוניאַקן און אי דער מאָשקאָווען האָט זיך איינגעגעבן פריער צו אַנטלויפן. זיי האָבן זיך פאַרשטעקט אויף אַ שבנותדיקן פעלד, צווישן די קאַרטאָפל־בייטן. זיי האָבן זיך אויסגעצויגן אין דער לענג — אין די ראָוויקעס. אַ האַלבע שעה איז אַרום געווען שטיל, זיי האָבן געמיינט, אַז זיי זענען שוין געראַטעוועט, נאָר שפּעטער האָבן זיך מיטאַמאָל דערהערט נעדיכטע טריט און קולות. די זשאַנדאַרן זענען אַרויף אויפן פעלד און גענומען זוכן. זיי זענען, ווייזט אויס, געגאַנגען פון בונקער אָן נאָך די טריט פון די אַנטלאָפענע, וועלכע האָבן געפירט גלייך צום קאַרטאָפל־פעלד. עטלעכע מינוט האָבן זיי געזוכט, ביז זיי האָבן אַרויסגעצויגן די מאָשקאָווע. זיי האָבן זי געשלאָגן, אַז זי זאָל אויסזאָגן ווו קוניאַק געפינט זיך. זי האָט געשריגן, אַז זי ווייסט נישט. אירע געוואַלדן האָבן אין דער פאַרטאָגיקער שטילקייט אָנגעפילט די פעלדער און זיך געטראָגן איבער די אַרומיקע דערפער. סך הכל עטלעכע זאַגאָנעס וויטער איז ער געלעגן, קוניאַק, און געציטערט, אַז מען זאָל נישט דערהערן ווי ס'וואַרפט אים. ערשט נאָך אַ פּאָר מינוט האָט ער געהערט צוויי שאָסן, אַן אָפּגעהאַקטן קוויטש, שווערע טריט און די קולות האָבן זיך דערווייטערט. ס'איז געוואָרן שטיל. ער האָט נישט געוווסט, צי מען האָט זי דערשאָסן, דער מאָשקאָוועס, אָדער האָט מען בלויז געשאָסן, כדי זי אָפּצושרעקן און זי ערגעץ אַוועקגעפירט. לאַנג איז ער נאָך געלעגן און מורא געהאַט פון אָרט זיך צו רירן. ס'האָבן זיך באַלד ווידער געהערט שטימען און טריט, וואָס האָבן זיך דערנענטערט. ער האָט זיך טיפער איינגענורעט. פון צווישן די בלעטער אָפּער האָט ער געזען, ווי אַ זשאַנדאַר פירט מיט זיך עטלעכע פּויערים. ער

האָט זיי צוגעפירט צום אָרט ווו די מאָשקאָווע איז געפונען געוואָרן און געהייסן „נעמען דעם מת און באַגראָבן". ס'האָט זיך אים אַ מיש געגעבן אין קאָפּ. דער זשאַנדאַר האָט נאָך מיט די פּויערים אַ ווײַלע גערעדט, באַלד איז ער אַוועק און — ער האָט געזען, ווי עטלעכע פּויערים ציען אַרויס פון צווישן די זאַנגען די מאָשקאָווע — אַ טויטע, מיט שטאַרע הענט און פיס. דאָס פּנים אינגאַנצן באַגאָסן מיט פריש בלוט, וואָס האָט געשטראָמט אין רימשקעלעך פון צווישן די נאָסע, רויטע האָר. דאָס בלוט האָט געטריפט איבער די אויגן, וועלכע זי האָט אָפן געהאַלטן — גלייך אין מויל אַריין, וואָס איז אויך געווען האַלב־אָפן. צוויי פּויערים האָבן זי געהאַלטן פאַר די הענט און אַוועקגעשלעפּט אין אַ זייט. באַלד האָבן זיך גענומען זאַמלען מענטשן פון דאָרף. עס זענען אָנגעקומען טשעקאַווע פּויערים מיט פּויערטעס, מיידלעך און קינדער און מען האָט זיך גענומען גראָבן אַ גרוב. אַ יונגער שגץ האָט אַראָפּגעריסן פון דער טויטער די מלבושים און זיי געוואָרפן אין דער לופט איבער דעם המון. ס'איז געוואָרן אַ לויפעריי, אַ רײַסעריי, די ווייבער האָבן זיך גענומען קריגן איבער די שטיקלעך קליידער, יעדע האָט געריסן פאַר אַן עק. דער שגץ האָט זיך צוגעקוקט צום ספּעקטאַקל און געוואָרפן איין שטיקל נאָכן אַנדערן. צוערשט — אַ ספּודניצע, אַ בלוזקעלע, אַ טיכל, באַלד — אַ לאַטש, נאָך איינעם און —

— אוואַנאַ, אַכטונג! — האָט ער געשריגן — איצט — אַכטונג!

ער האָט אַראָפּגעשלעפּט דאָס העמד, די הייזעלעך. ס'איז געוואָרן אַ ווילד געלעכטער. ווייבער האָבן געקוויטשעט, אַזש ספּאַזמירט, און זיך גענומען לויפן נאָך די אַוועקגעוואָרפענע, פאַרבלוטיקטע העמד און הייזעלעך.

— האַללאָ, אוואַנגאַ! — האָט אַ צווייטער, ריזיקער שגץ, אַ הויכער, גענומען שרייען. ער האָט פלינק געכאַפּט די טויטע פאַר די פיס און זי געגעבן אַ שטעל אויף. די טויטע איז געבליבן הענגען ביי אים אין די הענט — מיטן קאָפּ און מיט די הענט אַראָפּ צו דער ערד און מיט די פיס אַרויף. ס'האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט געשטאַנען אויפן קאָפּ. מיט די פיס אין דער הויך.

— האַללאָ, אַכטונג! — האָט דער שגץ געשריגן — און אירע פיס אויבן צעשפּרייט ווי אויסגעשטרעקטע אָרעמס אַרויף.

— אַכטונג, אַכטונג, האַללאָ!

דער עולם האָט זיך ממש געקאַלערט פון געלעכטער אויף דער ערד. די ווייבער האָבן העכער גענומען קוויטשן און לאַכן, אַז טרערן האָבן זיך אַזש געגאָסן איבער זייערע פּנימער.

— האַללאָ! אוואַנגאַ, אַכטונג! — — — —

⁂

אין אַ טאָג אַרום איז קוניאַק געווען ביי אונז. ער האָט דערציילט די געשיכטע און געבעטן, אַז די טשאָטקע זאָל אים דערלויבן צו זיין אַ פּאָר טעג אין יאַנעקס סטאַדאָלע. יאַנעק איז פּונקט געווען — האָט ער אים אַרויסגעיאָגט און אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל מער נישט וואַגן דאָ זיך צו ווייזן. באַלד איז אַרויפגעקומען צו אונז די פּעלקאַווע. זי האָט זיך געבראָכן די הענט און אַלץ איבערדערציילט.

— איר מוזט אוועק פון דאנען, ס'איז שלעכט — האָט זי געפינטלט מיט די אויגן — שוין גיין! מען וועט אונז זיכער כאַפּן. גייט, גייט, ווו איר ווילט. איך קאָן שוין מער נישט! — — —

נאָך אַ נס, וואָס די פראָנטן האָבן זיך אַ רוק געגעבן פאָרויס. די רויטע אַרמיי האָט זיך אונטערגערוקט מיט עטלעכע הונדערט קילאָמעטער. אין דאָרף שמועסט מען, אַז די מלחמה ענדיקט זיך שוין אינגיכן, די דייטשן זענען שוין באַלד אינגאַנצן צוזאַמענגעבראָכן. די דאָזיקע בשורות זענען אונזער טרייסט און האָפנונג. אפשר וועט עס שוין טאַקע לאַנג נישט דויערן!

זינט מוסאָלינים מפּלה אין איטאַליע - - הערן מיר נישט אויף צו האָפן. איצט איז שוין אַלץ מעגלעך. אַ ליאַרע טאָג קאָנען מיר זיך אויפכאַפּן און געוואויער ווערן, אַז היטלער האָט שוין איינגענומען אַ מיתה־משונה און, אַז מיר זענען פריי!

אָ, גאָט! צי איז דאָס טאַקע מעגלעך?! — ס׳קאָן זיך עפּעס נישט גלייבן! אָבער די לעצטע ידיעות וועקן פאָרט האָפנונג. אויך יאַנעק ברענגט אונז פרייילעכע נייעס, וועלכע ער הערט אין דאָרף.

שטענדיק, ווען ס׳קומט אַ פרייילעכע בשורה וועגן אַ פרישער דייטשער מפּלה — פילן מיר תיכף אַן אַנדערע שטימונג אַרום אונז. יאַנעק, די טשאָטקע און אפילו די פעלקאָווע ווערן אויפגעלייגט, פרייילעכער, קלאַפּן אונז איבער די פּלייצעס און גיבן גוטע האָפנונגען. זיי זענען נאָר „אַ בעלן צו וויסן" ווי אַזוי מיר וועלן זיי שפּעטער אָפּדאַנקען, צי אויף דעם „יידישן שטייגער"?

די טשאָטקע ברענגט אונז יעדן דאָנערשטיק פון קאָלושין צייטונגען פון אַ גאַנצער וואָך. זי וויל וויסן ווי לאַנג די מלחמה קאָן נאָך דויערן. מיר ווייזן בפירוש אויף, אַז העכסטנס נאָך צוויי־דריי חדשים. די טשאָטקע גלייבט קיינמאָל נישט. שטענדיק — זאָגט זי - - ווען מען פרעגט אונז נאָר, איז עס ביי אונז צוויי־דריי חדשים, נאָר איצט, דאָס מאָל, גלויבט זי שוין יאָ. אַלע אין דאָרף, און אויך דער „אָרגאַניסטער", זאָגן אַזוי. עס זעט טאַקע אַזוי אויס.

— נו — זאָגט זי — נאָך דריי חדשים קאָן מען וואַרטן.

קומט זי כסדר פון דאָרף און ברענגט נייעסן, וועמען זי טרעפט אָן, פרעגט זי אויס וועגן פראָנט. יאַנעק זאָגט, אַז זי זאָל זיך דאָס אויפהערן אויסצופרעגן, ווייל ס׳ווערט פאַרדעכטיקט. מען קלערט, פאַרוואָס דאָס אינטערעסירט זי אַזוי שטאַרק און מען פאַרשטייט, אַז ס׳איז צוליב פאַרבאָרגענע סיבות.

אַגומלט, בעת די טשאָטקע האָט אונז געבראַכט די בלעטער פון קאָלושין, האָב איך אַרויפגערופן צוערשט יאַנעקן מיט דער טשאָטקען און שפּעטער באַזונדער דער פעלקאָווען און זיי פאָרגעלייענט די שיינע געשיכטע, ווי מען האָט מוסאָלינין אַרעסטירט נאָכן דראָען דעם קעניג, ווי מ׳האָט אים אַריינגעוואָרפן אין אַ תפיסה־קאַרעטקע — „שוין מ׳זעט שוין די ישועה!" - - האָב איך פאַרענדיקט.

יאַנעק און די טשאָטסע האָבן געוואָלט טאַנצן פאַר שמחה. די טשאָטקע האָט נענומען מאָלן בילדער פון דער באַפרייאונג, ווי מיר וועלן דעמאָלט גרויס זיין, ווייל „מען שמועסט דאָך, אַז עס איז דאָ אַ יידיש מיליטער מיט יידישע גענעראַלן און מען זאָגט דאָך, אַז אַלע ענגלענדער און אַמעריקאַנער זענען יידן, בפרט — די גענעראַלן מיט די אָפיצירן, די רוסן אַוודאי". דאָס האָט זי שוין פיל מאָל געהערט אויך פון

אונז. פרוימאַנס פעטער — ווייסן זיי — איז א הויכער אָפיציר פון דעם ענגלישן קעניגס גוואַרדיע און אַלע אונזערע פעטערס און מומעס אין אויסלאַנד — זענען שיר „מיניסטאָרן”... (די דאָזיקע „וווּנדערלעכע מעשׂיות” האָבן אונז שוין נישט איינמאָל אָפּגעראַטעוועט).

— אויב זיי זענען אָרנטלעכע מענטשן — זאָגט יאַנעק — דאַרפן זיי אונז וואַשנע אָפּדאַנקען. מיר האָבן דאָך אייך געראַטעוועט.

די טשאַטקע זאָגט, זי וואָלט שוין געוואָלט זוכה זיין, גיין מיט זיי אין א טענצל!

די פעלקאָווע קרעכצט. כאָטש דריי חדשים — זאָגט זי — אָבער זי ווייסט נישט צי מען וועט איבערלעבן, נאָר ס'איז דאָך שוין נישט לאַנג – נו, מילא וועט מען זען! דער עיקר איז אָבער, אַז די אַלטע מכשפה זאָל דערוויל אויפהערן צו גנבענען און זי צו דערצערנען, ווייל זי קאָן שוין נישט אויסהאַלטן. אָ, אויש נאָך גאַנצע דריי חדשים!

שפּעטער, ווען מיר זענען געבליבן אַליין איז עפּעס געוואָרן טרויעריק אויפן האַרץ. אפשר טאַקע נאָר דריי חדשים? אפשר טאַקע ווינקט שוין די פרייהייט? — מען זעט דאָך שוין פאַרט די התחלה פון זייער מפּלה! אפשר טאַקע?

* * *

אָ, די פרייהייט, ווי מיר לעכצן נאָך איר, ווי מיר טרוימען נאָך איר און ווי שרעקן מיר זיך פאַר די דאָזיקע טעג! שוין נישט רעדנדיק וועגן די חבלי־לידה, ווער ווייסט, וואָס עס דערוואַרט אונז נאָך פריער! (אָ, מיר האָבן מורא וועגן דעם צו טראַכטן!) נאָר אויך שפּעטער, שוין נאָך דער באַפרייונג. אַלע וווּנדן וועלן דעמאָלט אויפגעריסן ווערן און געמען טריפן!

דעם לעצטן ראש־השנה האָבן מיר דאָס שוין איבערגעלעבט.

ס'איז געווען דער ערשטער טאָג יום־טוב. מיר זיצן פאַרטראַכט, פאַרזונקען אין מחשבות. מיר ווייסן: ס'איז היינט ראש־השנה, דער יום־הדין! עס טויכן אויף דערינערונגען פון אַמאָליקע ימים־טובים, פון היים, פון שטוב, פון טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברודער, פון יידן, פון א גאַנצער וועלט יידן! מיר ציטערן, ווי פיש אין וואַסער. האַ, ימים־נוראים — פּאַרכטיקע טעג אין אַזאַ פּאַרכטיקער צייט! מיר פילן זיך איום־ונוראדיק. ס'איז אַזוי מאָדנע אויף דער נשמה, עפּעס אַזוי באַנג! מיט א שטילן ציטער פּלאַטערט דאָס האַרץ.

אין דעם — א בשׂורה! די דייטשן האָבן קאַפּיטולירט! „שוין אויף זיכער!”

די פּויערים שיכּורן, לאַכן. די בשׂורה קומט דורך די שפּאַרעס אריין אין אונזער באַהעלטעניש. מיר קאָנען נישט גלויבן — מיר זענען טאַקע פריי?

מיר ווערן באַרויִשט, צעמישט און — אַנשטאָט צו פרייען זיך — האָבן מיר זיך צעוויינט: ווו גייט מען אַצינד? — קיין יידן זענען מער נישטאָ! נאָר אויפן בית־הקברות אַרויף, צו די מאַסן־קברים?

יעדער האָט זיך אויסגעצויגן אין א ווינקל, נישט גערעדט, געשוויגן. ס'האָט זיך געגלוסט איינשלאָפן אַזוי אויף אייביק.

אַזוי האָבן מיר מקבל־פּנים געווען די נעלעכצטע פרייהייט, ביז — זי, די פריי־

הייט איז צוריק צערונען, געוואָרן אויס. שפּעטער האָט יאַנעק דערציילט, אַז עס איז געווען נאָר אַ קול, אַ פּלאָטקע. די אילוזיעס זענען צעשוווּמען. אַ פּחד האָט זיך ווידער ארומגעלייגט איבער די ווענטלעך און אין האַרץ האָט אַזוי מאָדנע גענאָגט.

25־טער אָקטאָבער :

שוין זייט אייניקע וואָכן איז קאַלט. אין דרויסן איז שוין שפּעטער האַרבסט. די נאַקעטע פעלדער זענען ערטערווייז באַוואָרפן מיט שניי, די ביימער אויסגעדאַרטע, שווינדזיכטיקע — זינקען אין בלאָטעס. ביי אונז איז איצט פינצטער. די ברעטער האָבן זיך אָנגעזאַפּט מיט פייכטקייט, זענען די שפּאַרעס זיך צוזאַמענגעגאַנגען. מען זעט זיך כמעט נישט איינער דעם אַנדערן. דאָס האָט אָבער אויך אַ מעלה — דער ווינט יאָגט נישט אַזוי שטאַרק אַריין. ס'איז אָבער קאַלט, אַז עס נעמט דורך אַלע איברים. זיצן מיר אַ גאַנצן טאָג אין אַן עיגול מיט די פּיס אונטערן איבערבעט. דאָס איבערבעט איז שוין פאַרפוילט און עס לאָזט פון זיך פוילע רייהות. אַ חוץ דעם ראָיען אונטן טויזנטער ווערים. די פליי בייסן אויס שטיקער לייב און די קערפּערס זענען צעביסן און צעקראַצט.

זומער איז געווען נאָך ערגער: די פליי פון דעם שטרוי אונטער אונז, זענען געווען צעשפּרייט איבערן גאַנצן בוידעם, אין די שטובן, אונטן, און אויך אויפן הויף. זיי האָבן אָנגעפילט דעם חלל אַרום דער כאַלופּע, און די געסט, די באַזוכער, האָבן זיי פון זיך נישט געקאָנט אָפּטרייבן. דאָס האָט געהאַט באַקרעפטיקט דעם חשד, אַז ערגעץ דאָ, אין אַ לאָך, מוזן זיך מענטשן אויסבאַהאַלטן. די פּויערים האָבן בסדר — מיט אַ פאַרדאַכט־מינע אויפן געזיכט — געפרעגט „פון וואַנען קומען צו אייך אַזוי פיל ווערים?” איצט אָבער, זייט ס'איז אין דרויסן קאַלט געוואָרן האָבן די פליי זיך קאָנצענטרירט אין באַהעלטעניש און זיי לאָזן נישט איינזיצן. זיי קריכן איבערן פּנים, אין מויל אַריין און מען אָטעמט אויך מיט זיי. פאַרמאַכט מען שטייף די הענט -- צעקוועטשט מען גאַנצע קופּעס. דאָס פּאַדמאַטערט אונז שוין אינגאַנצן. ווי „פּיאַווקעס” זויגן זיי אויס דאָס לעצטע ביסל בלוט פון אונז. זיי פרעסן אונז אויף און מיר זענען קעגן זיי מאַכטלאָז.

אַביסל ראַטעוועט די קעלט, וועלכע קילט די ווונדן. כאָטש אויך זי, די קעלט, בייסט אָפּ די אויערן, די נאָז, און די שפּיצן פינגער. טוישן מיר כסדר די פּאָזיציעס: ווען עס בייסן די ווערים — אַנטלויפט מען צו דער קעלט זיך קילן. נעמט דער פראָסט בייסן — אַנטלויפן מיר ווידער אונטערן איבערבעט אַרונטער — צו די פליי...

27־טער אָקטאָבער:

היינט, איז ווידער געווען היימלעך צווישן דער טשאַטקע מיט דער פעלקאָווע און ווי שטענדיק, גייט עס אויס צו אונז.

געווען איז עס באַלד איבערפרי. די פעלקאָווע איז אַוועק קיין ווישניעוו אין קאַשטשאָל אַריין. פאַרן אַוועקגיין האָט זי דעם טאָפּ מיט דער סמעטענע איינגעשלאָסן אין אַ קאַסטן פון וועש בכדי די טשאַטקע זאָל אים נישט געפינען און אָפּזיפּן. ווען זי איז אַוועק, איז די טשאַטקע אָנגעקומען. זי האָט גענומען זוכן איבער דער גאַנצער שטוב די סמעטענע און נישט געפינענדיק — האָט זי פאַרשטאַנען, אַז זי מוז זיין איינגעשלאָסן אין וועש־קאַסטן. זי האָט גאָרנישט געקלערט, דעם קאַסטן איבערגעדרייט איינמאָל אַראָפּ און איינמאָל צוריק אַרויף און — איז אַוועק אויף שפּאַציר.

ווען די פעלקאָווע איז געקומען האָט זי געטראָפן אַ האַלבע פּאָדלאָגע פול מיט סמעטענע. אין קאַסטן זענען די קליידער און די וועש געווען איינגעשמירט און באַפלעקט, אַז איין שטיק האָט זיך געקלעבט צום צווייטן. זי איז אַרויף צו אונז מיט אַזאַ רעש און געשריי, אַז מען האָט געקענט הערן אויפן גאַנצן דאָרף. מיר נעמען בעטן, אַז זי זאָל רחמנות האָבן און רעדן שטילער, ס׳קאָן נאָך ווער אָנקומען, וועט מען דאָך פאַרשטיין צו וועמען זי שרייט. אין הויז איז דאָך קינער נישטאָ אויסער אונז! נעמט זי נאָך העכער וויינען, קלאַפּט זיך מיט די הענט אין קאָפּ און שרייט, אַז — ניין, איצט גייט זי שוין מער גאָרנישט אָן, אדרבה, זי וויל טאַקע, אַז מען זאָל הערן „איינמאָל פאַר אַלע מאָל" — היינט מוז זיך עס ענדיקן!

מיר צאַפּלען אויף — מיר הערן, ס׳איז ווער דאָ אין שטוב, אונטן, מען דרייט זיך דאָרט אַהין און צוריק. די פעלקאָווע הערט נישט אויף וויינען, קלאָגן און שעלטן און אַזוי קריכט זי אַראָפּ.

באַלד הערט מען אָבער, אַז דער גאַסט אין שטוב איז טאַקע אונזער טשאַטקע. מיר הערן דאָס פון די געשרייען אונטן, וועלכע פאַרשלינגען אונז שיר. די פעלקאָווע שרייט, אַז זי, די טשאַטקע, זאָל אונז נעמען און צוזאַמען מיט אונז שוין גיין צו אַלדי שווארץ יאָר. די טשאַטקע ענטפערט, אַז גיין צו אַלדי שווארץ יאָר וועט זי, די פעלקאָווע, פריער, ווייל מיר זענען ביי דער פעלקאָווען אין שטוב, נישט ביי איר, און אויב זי וועט אַ סך רעדן, וועט זי טאַקע אַוועק, נאָר אַליין, איינע אַליין. אונז וועט זי דאָ איבערלאָזן. די פעלקאָווע איז צו אונז אַרויפגעשפּרונגען, אַז אויב מיר גייען נישט תיכף, נעמט זי די קו, זי וועט מיט איר ערגעץ אַוועק און אַריינשרייבן אַ בריוו צו דער זשאַנדאַרמעריע, אַז מיר געפונען זיך דאָ. די טשאַטקע שרייט אַרויף:

— גלויבט נישט, זי וועט עס נישט טון, זי האָט זיך צו ליב! זי דראָט כאָר אַזוי.

די פעלקאָווע איז צוריק אַראָפגעשפרונגען און באַלד האָבן אונטן גענומען פליִען טעפ, וואַלגערהעלצער, בענקלעך. ביידע האָבן געקוויטשעט, זיי האָבן זיך געריסן פאַר די האָר, פעטש און קלעפ האָבן אָפגעקלונגען.

—— זשאַנדאַרמעריאַ, פּאָליציאַ, זשאַנדאַרמעריאַ — האָבן ביידע געשריגן.

⁂

נאָך אַ נס, וואָס קיינער איז נישט אָנגעלאָפן אויף די געשרייען און געוואַלדן. שפעטער איז די פעלקאָווע אַוועק אויפן דאָרף און די טשאַטקע איז אַרויפגעקומען, זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און גענומען וויינען. זי זאָגט, אַז זי קאָן שוין מער נישט אַזוי פיל ליידן צוליב אונז. ווען נישט מיר, וואָלט זי, „איינמאָל פאַר אַלע־מאָל” פטור געוואָרן פון דעם אומגליק. זי וואָלט „דער פעלקאָווען דערהרגעט, די כאַלופּע — אונטערגעצונדן, און — שוין!”

זי איז אַראָפ. עטלעכע שעה זענען מיר געזעסן מיט קלאַפנדיקע הערצער, נישט געוווּסט וווּ די פעלקאָווע איז פאַרשוווּנדן. יעדעס מאָל, וואָס מיר הערן טריט דערנענטערן זיך צום הייזל — נעמט דאָס האַרץ אָפשטיין.

ענדלעך, איז די פעלקאָווע צוריקגעקומען. זי איז גלייך אַרויפגעקראָכן צו אונז און געפרעגט צי מיר האָבן שוין אַ תשובה. וואָס קלערן מיר צו טון? — שוין איצט וויל זי אַ קלאָרן ענטפער. זי וועט דערווייל — זאָגט זי — בלייבן זיצן מיט אונז דאָ, זי וועט נישט מער אַריינגיין אין שטוב ביז די „שטשערווע” וועט אַוועקגיין, מיט איר צוזאַמען וויל זי נישט זיין. די פעלקאָווע נעמט קרעכצן, זיפצן, קנייפט זיך אין די באַקן, רייסט זיך די האָר פון קאָפ, ווערט אַ מינוט שטיל און נעמט זיך ווידער שאָקלען און ברעכן די הענט. זי וויינט און דערציילט אונז „ווער די טשאַטקע איז, וואָס פאַר אַ געמיין שטיק” און — לסוף — ווי עלנט זי אַליין איז, דאָס לעבן איז איר פינצטער, אָן פעלעקן, אָן אַ קינד, אָן אַ רינד.

— אָ, ווען זי האָט כאָטש אַ קליין חזירל צום האָדעווען! עס וואָלט איר ליכטיק געמאַכט די יאָרן. אָ, ווי זי האָט ליב קליינע חזירימלעך! טאַקע איצט האָט זי אין דאָרף געזען אַזאַ קליין חזירל, זי האָט אין זינען געהאַט, אַז אין אַזאַ זיס באַשעפעניש וואָלט זי אַ טרייסט געפונען אין איר ביטער לעבן. עס קאָסט סך־הכל אַ פאָר הונדערט זלאָטעס. אָ, ווען זי האָט געלט!

— וואָס, מיר ווילן געבן?! — אָ, ניין, ביי אונז וויל זי מער קיין געלט נישט! מיר מוזן דאָך סייווי פון דאַנען גיין! נו, אויב דער פאַן יוזשעק איז אַזאַ גוטער — זאָל זיין! זי וועט קויפן דאָס חזירל — אַזאַ שיינס און אַזאַ זיס! אויך מיר וועלן דערפון הנאה האָבן.

— ניין, ניין, זי וועט נישט אויסזאָגן פאַר דער אַלטער חצופה, אַז מיר האָבן דערויף געלט געגעבן. זי וועט זאָגן, אַז דאָס האָט זי אַליין געקויפט פאַר איר אייגן געלט, אָפגעשפאָרט פון די אייער פון אירע זיסע הינדעלעך, פון דער מילך און סמעטענע, פון דער פוטער — פון דער גאָלדענער קו, מיין איינציקער אוצר אין שטאַל.

— אָ, פון די אייער, פון דער סמעטענע, וואָס זי כלאָיעט אויס, אַז דער־שטיקט און דערוואָרגן זאָל זי דאָרט ווערן!

28־טער אָקטאָבער :

אין דאָרף איז היינט אַ שׂמחה : די סטאַשקאָווע האָט געבוירן אַ טעכטערל. סטאַשקאָ איז שוין אַן אַלטער בויין, שוין איבער די פופציק, און קיין קינדער ביז איצט נישט געהאַט. מיט צוויי יאָר צוריק האָט ער צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט — נאָכן טויט פון ערשטן ווייב — מיט אַ יונגער שיקסע. לציס האָבן זיך שוין געהאַט געחכמהט, אַז עס וועט אים גאָרנישט העלפן. אויף צו להכעיס אַלע — האָט אים דאָס ווייבל געבוירן אַ קינד און דאָס דאָרף גייט איצט אויף רעדלעך. מען שמועסט אפילו, אַז אַ דריטער האָט זיך געהאַט אַריינגעמישט אין דעם עסק, אָבער ווי ס'זאָל נישט זיין, פילט זיך סטאַשקאָ ווי אַ בעל־שׂמחה.

סטאַשקאָס הייזל שטייט בשכנות פון אונזער כאַלופע, הערן מיר ווי ס'רודערט זיך דאָרט, ווי מען פרייט זיך מיטן נייעם לעבן, וואָס איז אויף דער וועלט געקומען. מיר האָבן געהערט די געוואַלדן פון דער קימפעטאָרין, בעת דאָס קליינע האָט זיך געריסן צום לעבן און איצט הערט מען, אין די נעכט, ווי דאָס עופהלע וויינט, עס רייסט זיך. עס וויינט נאָגנדיק, טרויעריק און עס דערוועקן זיך בענקשאַפטן.

— אָ, מיין גאָט, אַ קינד ! ווי זעט אויס אַ קינד ?

מיר דערמאָנען זיך אין אַזוי פיל קינדער, אין אַזוי פיל יידישע קינדערלעך — וווּ זענען זיי איצט ? !

ס'איז פון זיי מער קיין זכר נישט געבליבן !

דאָס לעצטע מאָל האָב איך זיי געזען מיט אַ יאָר צוריק אין לאַגער, ווען די ס. ס. האָט אַרויסגעריסן די שוועלבעלעך פון די מוטערס הענט און זיי אַוועקגעפירט. קינדערלעך פון צוויי יאָר אָן ביז דרייצן־פערצן. ס'האָט זיך געהערט אַ געשריי אין דער לופטן, וואָס האָט פאַרטויבט די האַרצרייסנדיקע געוויינען פון די עופהלעך. זיי האָבן זיך געריסן צו די מאַמעס און זיך געקאָלערט אויף דער ערד. די מוטערס אָפּגעטיילטע אין דער זייט, האָבן געיאָמערט און זיך געהאַקט קאָפּ אין וואַנט, זיי האָבן געוואָלט מיטגיין און זיך געראַנגלט ביז מען האָט זיי פאַרטריבן אין די באַראַקן אַריין, די קינדערלעך איינגעשטעלט אין אַ רייע, צו פיר און זיי געהייסן גיין. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער וויינענדיקער צוג. די עלטערע, די גרעבערע, האָבן געטרייסט די קליינטשיקע, זיי געפירט ביי די הענטעלעך און באַרואיקט, איינגענומען.

איך זע נאָך פאַר זיך ייטקעלען, אונזער שכנטעס טעכטערל, דאָס זוניק גאָלדענע קינד, מיט די צעלאָזטע, גילדענע־בלאָנדע הערעלעך און הימל־בלויע אויגעלעך. ווען זי פלעגט זיך שפּילן צווישן די גראָזן ביי אונז אין גאָרטן, האָט זי אויסגעזען ווי אַ זוניק בלומעלע. ייטקעלע האָט פון דער רייע אַרויס געטופּעט מיט די פיסעלעך און געוויינט :

— מאַמעליו, כ'האָב מורא, כ'וויל נישט גיין, וווּ לאָזטו מיך איבער ?

די טויערן האָבן זיך פאַרקלאַפּט. די האַלב־משוגע־געוואָרענע מאַמעס האָבן

פון פאַרצווייפלונג און אומבאַהאָלפנקייט מיט די ציין געביסן דעם פאַרקאַן, זיך געוואָרפן צו דער ערד און מיט דעם שטערן געריבן, געזעצט, ביז — אין א שעה אַרום האָט מען געהערט, ווי גראַנאַטן רייסן אויף אויפן בית־עלמין.

ביי אונזער שכן סטאַשקאַ איז היינט אַ שמחה! איך דערמאָן זיך די שמחה ביי אונז אין הויז ווען מיין שוועגערין חיה איז געקומען אין ניינטן חודש. זי איז אין די נעכט אויף געוועז און גענייט קישעלעך און ציכעלעך — מיט אַ פאַרבאָרגענער גליקלעכקייט אין די אויגן. מיר האָבן דערוואַרט די שמחה און זיך געגרייט. אין אַ וואָך אַרום איז זי געלעגן אַ דערשאָסענע אין אַ קאַלוזשע בלוט, צווישן אַנדערע מתים אויפן לאַגער־הויף און זיך געוואָרפן אין גסיסה. מיר האָבן זיך ראַס, פון דער זייט, שטייענדיק אין דער ריי, צוגעקוקט און געביסן די פינגער. אַ רייטש איז איבער זיי געשטאַנען אין אַ זיידן העמדל און מיטן רויטן פרצוף געקוואָלן פון נחת און דערקוויקונג ביי יעדן גסיסה־צאַפּל פון די קרבנות. אַזוי האָט זי זיך געוואָרפן עטלעכע שעה, מיט אָפענע אויגן, מיט די הענט געגראָבן די ערד און מיט די נאַקעט־אַנטבלויזטע פיס געקאָפּעט, ביז — ביז זי איז געבליבן ליגן שטייף, מיט פאַרקריצטע ציין און פאַרביילטע פויסטן. דער בויך האָט נאָך געצאַפּלט און זיך געוואָרפן אפילו שפּעטער, ווען מען האָט אויף איר אין גרוב די ערשטע לאָפּאַטעס ערד שוין געשיט.

די סטאַשקאָווע האָט געבוירן אַ טעכטערל, דאָס קינד וויינט אַזוי טרויעריק.

8"טער נאָוועמבער:

די טשאָטקע איז היינט אינדערפרי צוריקגעקומען. מיט צוויי טעג צוריק איז זי געהאַט אַנטלאָפן, נאָך אַ סקאַנדאַל מיט אונז. שוין אַ וואָך צייט ווי זי גייט אַרום און ברענט די ערד אונטער זיך. זינט דער אַוואַנטורע מיט דער אויסגעגאָסענער סמעטענע, דאָס הייסט — פון דער אַוואַנטורע האָט זי גלייך פאַרגעסן, נאָר זינט די פעלקאָווע האָט זיך איינגעקויפט דאָס חזירל — קאָן זי זיך דאָ קיין אָרט נישט געפונען. זי האָט נישט געוווּסט, אַז דאָס איז פאַר אונזער געלט, נאָר זי קאָן סתם נישט פאַרטראָגן די פרייד פון דער שוועגערין.

די פעלקאָווע האָט אויפגעלעבט, פון באַלד אינדערפרי פאָרעט זי זיך אַרום חזירל, זי מאַכט אים אויף פרישטיק אַ זופ — קאַרטאָפל מיט פערפעלעך, געשמאַלצן מיט סמעטענע, זי זעצט זיך מיט דעם אַוועק ביי דער קיך (צוליב דער קעלט אין דרויסן — האַלט זי אים אין שטוב) און עסט מיט אים פון איין שיסל. דערביי גייט זי שיר אויס פאַר תענוג פון דעם חזירלס חכמה, זי דערציילט אונז ווי קלוג דאָס איז און ווי שיין. עטלעכע מאָל האָט זי אים שוין אויך אַרויפגעבראַכט אויפן בוידעם, כּדי אונז מהנה צו זיין, זי קושט אים אין פּיסקל, צערטלט אים, רעדט צו אים זיסע רייד און דריקט אים צום האַרץ.

די טשאָטקע איז שיר משוגע געוואָרן, געמאַכט דער פעלקאָווען מיט דער בלאָטע צוגלייך, מיט אונז זי זי געווען ברוגז און געדראָט, אַז זי גייט צוריק אין שטאָט וווינען. זי איז אונז דערגאַנגען די יאָרן. מען האָט זי געמוזט אייננעמען מיט אַ ניי קלייד (פאַרשטייט זיך, בתנאי, די פעלקאָווע זאָל דערפון נישט וויסן) און געהאָפט, אַז דער צאָרן וועט פאַריבער. האָט עס אָבער ווידער די פעלקאָווען געקרענקט, וואָס די טשאָטקע האָט זיך אַזוי שיין „אויסגעסטראָיעט" — האָט זי גענומען געוואַלדעווען, אַז די טשאָטקע איז אַ גנב, זי באַגנבעט אונז און מאַכט זיך אַלעמאָל נייע קליידלעך. די טשאָטקע האָט זיך געכאַפט מיט אַ האָלץ שלאָגן דאָס חזירל און געשריגן, אַז זי איז נישט קיין גנבטע — דאָס קלייד האָבן מיר איר געגעבן אַ מתנה, דאַקעגן זי, די פעלקאָווע, איז זיכער אַ גנבטע, ווייל פון וואַנען האָט זי דען געהאַט געלט, צו קויפן „דעם שמוציקן סוכאַטניק", דאָס חזירל?

— אַז דו ווילסט שוין יאָ וויסן — דאָס חזירל האָבן זיי מיר געקויפט! —

נו, מער האָט מען נישט געדאַרפט. דאָס האָט געווירקט ווי אַ באָמבע. די טשאָטקע איז אַרויף צו אונז און קלאַפנדיק זיך מיט די פויסטן אין קאָפ — געשריגן, אַז מיר זאָלן שוין גיין צו אַלדי רוחות, שוין, אָבער שוין! די מינוט! ווען נישט —

זי איז שנעל אַראָפ, פאַרקלאַפט די טיר און אַוועק.

צוויי טעג האָט זי זיך נישט געוויזן. מיר האָבן זיך געוואָרפן פון שרעק. מען האָט אַ ליאַדע מינוט — חלילה — דערוואַרט אַן אומגליק, שוין — דאָס מאָל האָט זיך אַלין געענדיקט! מיר האָבן די צוויי נעכט קיין אויג נישט צוגעטון. די פעלקאָווע האָט אונז אפילו באַרואיקט, אַז מיר זאָלן זיך נישט שרעקן — „הלואי וואָלט

זי אַזוי, די גנבטע, נישט צוריקגעקומען, ווי זי וועט זיכער צוריקקומען!". מיר זענען אָבער זיכער געווען, אַז דאָס מאָל איז עס ערנסט, זי קומט מער נישט צוריק, נאָר —

היינט איז זי צוריקגעקומען, זיך אַריינגעשאַרט אין שטוב אַזוי שטיל, אַז מיר האָבן נישט געהערט. די פעלקאָווע איז אַרויפגעקומען אונז אָנזאָגן די בשורה.

— כ'האָב אייך געזאָגט, זי וועט צוריקקומען, די זונה! זי האָט נישט ווו צו גיין, ווען נישט, וואָלט זי אייך שוין פון לאַנג געמסרט! כ'האָב געוווּסט, אַז זי וועט קומען. אָן אייך וועט זי צו פרעסן נישט האָבן און ביי וועמען צו גנבענען — אוודאי נישט!

נאָכמיטאָג, איז די טשאָטקע אַרויפגעקומען, אונטערגעזעסן אַ שטיקל צייט ברוגז און דאַן געזאָגט: זי וואָלט נישט צוריקגעקומען, מיר זענען עס נישט ווערט, נאָר ס'לוינט שוין אפשר נישט, די מלחמה ענדיקט זיך שוין באַלד, נו, מען וועט זען ווייטער.

איצט דרייט זיך אַרום די פעלקאָווע אַ ברוגזע אויף אונז. די טשאָטקע טראָגט זיך אַרום אין נייעם קלייד און דאָס שטעכט איר אויס די אויגן. דרייט זי זיך איינדרויסן פאַר אונזער ווענטל און זידלט, ווי צו זיך אַליין:

— איך שטעל איין מיטן קאָפּ און זי וועט אַרומגיין אַ געפּוצטע! זאָלן זיי גיין צום טייוול, צוזאַמען מיט איר, מיט דער אַלטער „שטשערווע" צוזאַמען!

14־טער נאָוועמבער:

זינט דער געשיכטע מיט דער אויסגעגאָסענער סמעטענע, האָב איך אַ נייע אויפגאַבע: יעדן טאָג ווען די פעלקאָווע גייט אַוועק, ברענגט זי דעם טאָפּ סמעטענע אַרויף אויפן בוידעם, זי פאַרשטעקט אים אין אַ ווינקל, אין היי. איך קום אַרויס פון באַהעלטעניש, פון הינטערן ווענטל אַפּער, און היט, אַז די טשאָטקע זאָל זיך אַמאָל נישט צוכאַפּן צום טאָפּ. דער בוידעם איז דאָס פּאַסיקסטע אָרט, ווייל איך קאָן דאָ גלייכצייטיק היטן אויך די אייער, די הינער לייגן זיך אַלע אין היי אויפן בוידעם.

איך ליג מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, הער זיך איין צום אַרום, צי מען הערט נישט אומבאַקאַנטע טריט. מיין חברה אין באַהעלטעניש האַלט אויך וואַך (דורך איין שפּאַרע קאָן מען נאָך אַרויסקוקן). ווען עס זעט זיך ווער פונדערווייטנס — גיבן זיי מיר אַ צייכן און — איינס־צוויי בין איך ווידער אין באַהעלטעניש.

מיין היטן האָט אַ פּעולה: שוין עטלעכע מאָל ווי די טשאָטקע איז אַרויפגעקומען אויפן בוידעם נאָך אַ פרישׂ איי. דערזעענדיק מיך, פאַרשעמט זי זיך און מאַכט זיך זוכן אין די ברודיקע וועש. זי פרעגט מיך, וואָס כ'טו דאָ. „איך כאַפּ לופט" — זאָג איך. גייט זי אַראָפּ און אין עטלעכע מינוטן שפּעטער קומט זי זען, צי איך כאַפּ נאָך לופט, דערנאָך — אַ דריט מאָל. אַזוי דויערט עס ביז די פעלקאָווע קומט צוריק. די טשאָטקע וווּנדערט זיך, וואָס יעדן טאָג מוז איך לופט כאַפּן, אָבער דערווייל איז די פעלקאָווע צופרידן און נישט איין סקאַנדאַל איז שוין אויסגעמיטן געוואָרן.

די הינער האָבן זיך צו מיר צוגעוווינט, זיי האָבן שוין פאַר מיר נישט קיין מורא און זעצן זיך אין היי, לעבן מיר. ווען זיי קומען בשלום איבער — גייען זיי זיך בנעימותדיק אַראָפּ. אין משך פון די פּאָר טעג, האָב איך אויך באַקומען פריינט אין דער קאַץ מיט אירע קליינע קעצעלעך. די קליינע שפּילן זיך אַרום מיר, זיי טאַנצן אויף מיינע אָרעמס, שויס און אפילו קאָפּ. די אַלטע, די מוטער, זיצט אַנטקעגן אין ווינקל און קוקט זיך מיט נחת צו.

לעצטנס, זינט זי האָט געהאַט צום צווייטן מאָל די קעצעלעך, האָט זי צוריק צו אונז באַקומען צוטרוי און זי באַזוכט ווידער אונזער באַהעלטעניש, אָדער אפשר האָט זי שוין פאַרגעסן די סצענע פון יענער נאַכט.

דאָס איז געווען נאָך אין זומער, זי האָט דעמאָלט אין אַ ווינקל פון בוידעם געבוירן פיר קליינע קעצעלעך. איינמאָל, אין מיטן דער נאַכט, הערן מיר אַ יאָמערלעך געוויין אויפן בוידעם. מיט שטורעם האָט מען גענומען רייסן אונזער טירל. אויפכאַפּנדיק זיך פּלוצים פון שלאָף, האָבן מיר זיך שטאַרק דערשראָקן. נאָך אַ מינוט זיך איינהערן, איז אונז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז דאָס יאָמערט אַזוי די קאַץ און זי רייסט עס אַזוי דאָס טירל. מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס איז געשען. מיר האָבן דאָס שוין אָנגענומען פאַר אַ שלעכטן סימן און נישט געוווּסט, וואָס צו טון. מען האָט געקלערט אַראָפּצוגיין, אויפוועקן די מענטשן אין שטוב, נאָר מיר האָבן פּשוט מורא געקריגן פאַר דער קאַץ, מען האָט געטראַכט, אַז זי איז אפשר משוגע געוואָרן. פון מינוט צו מינוט האָט זי האַסטיקער געריסן דאָס טירל, זיך אויף דעם געוואָרפן און אָנגעמאַכט אַזאַ גערודער, ווי ס'וואָלט ווער, אַ מענטש, ווילד געשטורעמט דאָס הייזל און איבער אַלעם האָט איר יאָמער פאַרטויבט די לופט. אַ קנאַפּע שעה צייט, זענען מיר אַזוי געזעסן אין איין שרעק און נישט געוווּסט, וואָס דאָס באַדייט. ערשט שפּעטער האָט זיך געהערט ווי ס'קריכט ווער פון שטוב אויפן בוידעם אַרויף. די קאַץ איז אַוועקגעשפּרונגען פון ווענטל און אָנגעהויבן אַזוי מאָדנע צו וויינען, ווי אַ קליין קינד. אַזוי יאָמערלעך, אַז עס האָט געשניטן ביים האַרץ. די פעלקאָווע האָט אָנגעקלאַפּט ביים טירל, מיר האָבן געעפנט. די קאַץ איז אַריינגעשפּרונגען מיט אַ גרייטקייט אונז אויף שטיקער צו צערייסן. די פעלקאָווע האָט זי קוים געכאַפּט און פעסט געהאַלטן. שפּעטער האָט זי אָנגעצינדן אַ ליכט און גענומען זוכן אויפן בוידעם, אין היי. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פיר קליינע קעצעלעך ליגן טויט. ווייזט אויס, אַז אַ קאָטער האָט זיי געהאַט דערהרגעט, בעת דער אָפּוועזנהייט פון דער מוטער, אַלס איפערזוכט פאַרוואָס זי ווידמעט זיך זיי און שענקט אים מער נישט קיין אויפמערקזאַמקייט. די קאַץ האָט אַליין נישט אויפגעהערט צו יאָמערן און זיך געריסן צו אונז. די פעלקאָווע האָט אונז אויפגעקלערט — „זי איז חושד, אַז איר האָט דערהרגעט אירע קינדער".

פון יענער נאַכט אָן, איז די קאַץ געוואָרן אונזער שונא, זי האָט אויפגעהערט קומען אין אונזער באַהעלטעניש. לאַנגע וואָכן האָט עס אַזוי געדויערט. זי פלעגט גאַנצע טעג ליגן אין ווינקל אין היי און קלאָגן. אין די נעכט האָט איר געיאָמער אָנגעפילט דעם בוידעם, זי האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן אין איר אומגליק. פיל מאָל איז איר יאָמער איבערגעגאַנגען אין אַ מוראדיקן כעס-אויסברוך. מיר האָבן געהערט ווי זי קריצט מיט די ציין און שפּריצט אַזש מיט שוים פון רציחה. שפּעטער האָט זי ווידער געקלאָגט, אַזוי ביז פאַרטאָג. דאָס האָט אַזוי געדויערט וואָכן.

די בעלקאָווע האָט אונז געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז דער מוטער־לעכער אינסטינקט, וואָס איז אַזוי שטאַרק ביי חיות — זיי פאַרגעסן נישט אַזוי שנעל.

18־טער נאָוועמבער :

לעצטנס, טרעפֿט גאַנצע וואָכן, אַז מיר עסן נישט קיין ביסל געקעכץ. די טשאַטקע עסט מיטאָג ערגעץ אין דאָרף און די פּעלקאָווע קאָכט בלויז פֿאַר זיך מיט דער קאַץ און פֿאַרן חזירל מיט די הינער. באַלד אינדערפֿרי וואַרפֿן זיי אונדז אַרויף אַ שטיק ברויט מיט אַ פֿלעשל נישט־דערקאָכטער קאַווע און דאָס דאַרף גענוג זײַן אויף אַ גאַנצן טאָג ביז פֿאַרנאַכט. אָוונט־צײַט, וואַרפֿן זיי אַרויף נאָך אַזאַ פּאָרציע.

מיר זענען אַלע אויסגעטרוקנט און מיר וואָלטן געדאַרפֿט מיט עפּעס זיך דערכאַפּן. אסתּרל און צפּורהלע רעדן מיט טרוקענע שטימעס, אפֿרימען וואַרפֿט זיך בסדר דאָס האַרץ, ער וואָלט עס געדאַרפֿט דערוווייקן מיט אַ ביסל מילך. כ'האָב עטלעכע מאָל שוין געגעבן געלט דער פּעלקאָווען, אַז זי זאָל יעדן טאָג אונדז אַרויסגעבן אַ ביסל מילך, עטלעכע אייער אָדער עפּעס אַנדערש צו דערכאַפּן אין זיך דאָס חיות — נעמט זי דאָס געלט און „פֿאַרגעסט” אַרויפֿצוגעבן. זי האָט מיר אַפֿילו געזאָגט, אַז פֿאַר אונדז אַליין, וואָלט זי אַרויפֿגעגעבן, נאָר זי ווייסט, אַז מיר ווילן דאָס פֿאַר דער טשאַטקען און יענע איז נישט קראַנק שטיינער צו פֿרעסן. די טשאַטקע באַקומט אויך פֿון אונדז געלט צו קויפֿן פֿאַר זיך עפּעס בעסערס. זי עסט דאָס אין דאָרף און די פּעלקאָווע ווייסט דערפֿון נישט. די מילך, סמעטענע און די פּוטער פֿון דער קו און אויך די אייער, פֿאַרקויפֿט זי אין שטאָט אַרײַן. איך האָב שוין פֿיל מאָל מיט איר איבערגערעדט, אַז איך בין גרייט צו צאָלן טײַערער ווי די שטאָטישע קונים. זי גיט אָבער אויסמײַדנדיקע ענטפֿערס און מיר פֿועלן גאָרנישט — אונדז וויל זי דאָס נישט געבן. צי וויל זי דערמיט אונדז צווינגען, אַז מיר זאָלן אַוועקגיין? אָדער — און דאָס איז אַ סברא — אונדזער געלט, ווייסט זי, וועט סײַ־ווי נישט פֿאַרפֿרעמט ווערן, עס וועט סײַ־ווי בלײַבן בײַ איר, אויך אָן די אייער און מילך. און פֿאַר די דאָזיקע זאַכן קאָן זי זיך אײַנשאַפֿן נאָך אַנדער געלט. פֿון דאָרף עפּעס קויפֿן דורך יאַנעקן אָדער דער טשאַטקען, קאָן מען אויך נישט. אויך זיי זענען בײַ דער זעלבער מיינונג ווי די פּעלקאָווע, אַז ס'איז אַ שאָד אונדזער געלט זאָל פֿאַרפֿרעמדט ווערן און אַחוץ דעם — קויפֿן בײַ אַנדערע, וועט עס ווערן פֿאַרדעכטיקט, פֿאַר וועמען קויפֿן זיי דאָס? — עס זענען שוין אַזוי אויך פֿאַרדעכטיקט די צו אָפֿטע קניות. מיר האָבן שוין אײַנגעקויפֿט פֿולע קעלערס קאַרטאָפֿל צו דער פּעלקאָווען און צו יאַנעקן, אויך קאָרן פֿאַר אונדז איז אָנגעגרייט אין די שייערן בײַ ביידע. די פּעלקאָוועס קו און יאַנעקס הינער מוזן אָבער אויך עסן קאַרטאָפֿל און מעל. העלפֿט עס גאָרנישט און מיר מוזן זיך באַנוגענען בלויז מיטן ברויט, וואָס פֿעלט אויך אויס עטלעכע טעג אין דער וואָך.

אַביסל זענען מיר אַליין דערין שולדיק. די ערשטע צײַט, נאָך בעת פּעלקעס לעבן, האָבן מיר מורא געהאַט עפּעס בעסערס צו נעמען אין מויל אַרײַן. מיר האָבן זיך פֿאַרגינען צו עסן, נאָר דאָס וואָס איז נויטיק צו דערהאַלטן דאָס חיות, מיר האָבן זיך עפּעס געשראָקן פֿאַרן בעסערן עסן, ס'האָט נישט באַקומען און מען האָט עס נישט געקאָנט פֿאַרדייען, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אין אַזאַ צײַט, איז אַ זינד

בעסער צו עסן, מיר האָבן געבעטן, אונזערע מאכלים נישט צו שמעלצן און הנאה געהאַט פונם טרוקענעם ברויט. פעלעק פלעגט אפילו פון אונז לאַכן, ער האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרשטיין. מיר האָבן דעמאָלט איינגעפירט צווייערליי עסנס. איינס, פאַר זיי אונטן, אין שטוב, אַ געשמאַלצנס און אַ באַזונדערס — אָן פעטס, פאַר אונז אויבן. איצט זענען זיי שוין געוווינט דערצו און מיר קאָנען גאָרנישט מאַכן דאָס איבערצואַנדערשן. מיר דאַרן איין פון טאָג צו טאָג. דער האַלז, דער גומען, די ליפן זענען שוין אויסגעטריקנט. ס'דאַכט זיך אונז, אַז ווען מיר וואָלטן געגעסן עפּעס אַנדערש ווי ברויט, וואָלט עס אונז פאַרשאַרט. די כוחות פאַרלאָזן אונז, ס'איז שוין קיין כוח נישטאָ צו רעדן. איך האָב מורא, אַז מיר זאָלן נישט קראַנק ווערן, זיי אונטן — זעען דאָס. איך האָב שוין עטלעכע מאָל געגעבן צו פאַרשטיין, באַזונדער יאַנעקן, די טשאַטקען און דער פעלקאָווען, אַז — מילא, איך וואָלט זיך געקאָנט באַגיין, נאָר פאַר אסתרלען מיט צפורהלען און אפרימען — זאָלן זיי עפּעס אַרויפגעבן, כאָטש עפּעס, זאָל עס זיין פאַר דעם טייערסטן פּרייז. נעמען זיי דאָס געלט און שטענדיק בלייבט עס ביים אַלטן. כ'האָב דאָס געפיל, אַז דאָס פאַרדריסט זיי נאָך אפילו.

מיטן געלט ווערט אויך וואָס אַמאָל שוואַכער. אויף עטלעכע ערטער האָט עס זיך שוין אויסגעלאָזט. שוין אַלץ פון דאָרט אָפּגענומען און אויספאַרקויפט. אַנדערע ווילן מער נישט אָפּגעבן, און די, וועלכע גיבן נאָך דערווייל אָפּ — ווער ווייסט ווי לאַנג דאָס וועט דויערן? שטענדיק, ווען די טשאַטקע גייט צו זיי נאָך סחורה — ציטערן מיר פאַר זייער ענטפער, צי האָבן יענע דאָרט זיך נאָך נישט מיישב געווען, צי ענדיקט זיך דאָס שוין נישט? אָבער אַזוי פיל האָבן מיר שוין קיין כוח נישט צו קלערן. אפשר וועט עס שוין פאָרט נישט דויערן אַזוי לאַנג?!

19־טער נאָוועמבער:

איך האָב איצט איבערגעלעבט אַן אויסטערלישע סצענע און כ'קאָן נאָך צו זיך נישט קומען. מיר זענען אַזוי דערשלאָגן, אַז אַלץ איז אונז שוין פאַרמיאוסט. די טשאַטקע האָט מיך איצט געשלאָגן! ס'איז דאָס ערשטע מאָל ווי זי האָט זיך דאָס דערלויבט.

מיט אַ האַלבע שעה צוריק, איז זי אַרויפגעקומען אויפן בוידעם, אָנגעקלאַפּט אין טירל און מיך אַרויסגערופן פון באַהעלטעניש. זי האָט זיך מיט מיר אוועקגעזעצט אין היי און דערציילט, אַז אויף די פראָנטן איז ווידער שטיל. אין דאָרף שמועסט מען, אַז די מלחמה פאַרשלעפּט זיך און זי קאָן נאָך דויערן אפשר אַ האַלב יאָר.

איך האָב זי גענומען באַרואיקן, אַז אין דאָרף ווייסן זיי נישט גוט, זיי לייענען נישט קיין צייטונגען און אָריענטירן זיך נישט אין פּאָליטיק. ס'וועט זיכער אַזוי לאַנג נישט דויערן. מען קאָן נישט וויסן. ס'קאָן אַמאָל געשען אַ נס און זי וועט זיך ענדיקן אַ ליאַדע טאָג.

— אָבער העכסטנס — פרעגט די טשאַטקע — העכסטנס ווי לאַנג קאָן דאָס נאָך דויערן?

— נו, העכסטנס, העכסטנס? — איך ווייס? אפשר צוויי — דריי חדשים און — אפשר?

די טשאַטקע איז מיטאַמאָל אַרייַנגעפֿאַלן אין אַן אויסטערלישן כעס. זי האָט גענומען שרייַען און מאַכן אַזעלכע געוואַלדן, אַז מען האָט געקאָנט הערן ווי ווייט:

— הורן־זון! ס'איז צו לאַנג, צו לאַנג, פֿאַרשטייסט?! — צו לאַנג, צו לאַנג, הורן־זון!

איך האָב זי געוואָלט נעמען בעטן, אַז זי זאָל זיך באַרואיקן, אָבער אין דער זעלבער רגע האָט זי זיך געוואָרפֿן אויף מיר, מיר גענומען רייסן פֿאַר די האָר און מיטן גאַנצן כוח אָנגעהויבן שלאָגן, מיט די פֿויסטן איבערן קאָפּ, איבערן קערפּער.

— אַראָפּ, אַראָפּ פֿון דאַנען, צום טייוול! וואָס? — נאָך צוויי חדשים, נאָך דריי חדשים? גענוג! אַראָפּ פֿון דאַנען, שוין, גענוג! ס'האָט זיך געענדיקט!

א גס, וואָס די פֿעלקאָווע מיט יאַנעקן האָבן עס דערהערט אונטן, אין שטוב, זיי זענען שנעל אַרויפֿגעקומען. זי האָט זיך אינגאַנצן געוואָרפֿן:

— אַזאַ הורן־זון, אַזאַ הורן־זון! הערסט יאַנעק, נאָך צוויי חדשים די מלחמה, נאָך דריי חדשים!

יאַנעק האָט מיך געהייסן זיך אַרייַנרוקן אין באַהעלטעניש. ער האָט זי אָנגענומען פֿאַר די הענט און אַראָפּגעשלעפּט.

21־טער נאָוועמבער:

שוין צוויי טעג זענען אַדורך ווי די טשאַטקע האָט מיך געשלאָגן און מיר קאָנען נאָכנישט קומען צו זיך. מיר געפֿינען זיך נאָך אונטערן דאָזיקן איינדרוק. מיר זענען שטאַרק פֿאַרצווייפֿלט און מוטלאָז. מייַן חברה קוקט אויף מיר ווי אויף אַ מאַרטירער... דעם ערשטן טאָג האָט קיינער פֿון אונז קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען. מיר האָבן זיך פֿאַרוקט אין די ווינקלען און געשוויגן. נעכטן אינדערפֿרי האָט פֿרוימאַן געזאָגט, אַז מען דאַרף זוכן אַן עצה, אפשר אַנטלויפֿן פֿון דאַנען?

— וווהין? — ווען איך וואָלט געווען איינער אַליין, וואָלט איך שוין געהאַט אַן עצה! שוין פֿון לאַנג וואָלט איך געהאַט פּטור געוואָרן פֿון אַלע דערנידערונגען, שרעקן און דאגות, אָבער — מייַן לעבן געהערט נישט נאָר מיר אַליין — מוז מען איינגורען דעם קאָפּ, פֿאַרקריצן מיט די ציין און — וואַרטן!

אפֿרים האָט אונז הייַנט געוואָלט דערמוטיקן, האָט ער גענומען שילדערן בילדער פֿון דער צוקונפֿט, אייב גאָט וועט העלפֿן און מיר וועלן איבערלעבן. אַלע פּיין, אַלע צרות — זאָגט ער — וועלן זיך האָבן געלוינט! ס'איז אַלץ ווערט אויסצושטיין. אַ וועלט, אַ גאַנצע וועלט, וואַרט אויף אונז, אויף אונזער לעבן, בפֿרט נאָך אונזערע שוועסטער און ברידער אין אויסלאַנד. מיר דאַרפֿן זיך פֿילן ווי סאָלדאַטן אויף אַ פֿראָנט און אַלץ איבערטראָגן, בכדי צו ראַטעווען אינזערע לעבנס.

דאָס האָט אונז טאַקע אַביסעלע דערמוטיקט.

יאָ, מיר שטעלן זיך פֿאָר, ווי די הערצער פֿון אונזערע ברידער אין דער וועלט קלאַפּן מיט אונז. דאָס גיט אונז טאַקע אייכדויערכוח. אַ סך מאָל האָבן מיר שוין וועגן דעם געטראַכט און דאָס האַלט אונז פֿיל אונטער.

אָ, ווען איר, ברידער און שוועסטער אונזערע, ווייסט, ווי מיר מאַטערן זיך איצט, ווי מיר קעמפן יעדע רגע מיטן טויט! דאָס געפיל, אַז אייערע הערצער קלאַפּן מיט אונז — מאַכט אונז אָבער זיך פילן נישט אַזוי איינזאַם. נישט אַזוי עלנט און פאַרלאָזן! מיר שטעלן זיך פאָר, ווי איר דאָרט טרויערט נאָכן חורבן, ווי אייער לעבן איז געוויקלט אין שק ואפר, ווי עלנט אויך איר פילט זיך; מיר שטעלן זיך פאָר אייער צער און וויי! זיכער איז תשעה־באב אין אַלע יידישע שטובן אין דער וועלט! אָ, ווי מיר וואָלטן געוואָלט זען כאָטש אַ יידישע צייטונג פון דאָרט! ווי פאַרביטערט און צאָרנדיק מוזן זיין די אַרטיקלען פון די יידישע שרייבער. ס'מוז דאָך אַלץ דערשיינען אין איין גרויסער שוואַרצער ראַם! צי איז נאָך ביי יידן דאָ הומאָר? צי שפּילט נאָך יידיש טעאַטער אויף דער וועלט?!

אָ, ברידער אונזערע, ווען איר ווייסט, ווי מיר מאַטערן זיך אין איצטיקן מאָמענט! ווען איר קאָנט כאָטש אַ בליק געבן צו אונז! און איר ברידער און שוועסטער אונזערע אין ארץ־ישראל, מיר שטעלן זיך פאָר אייער שטילן צער און אייערע ברוגזנדיקע יסורים! צו אייך שטרעקן זיך אונזערע אָרעמס!

האַלב דעצעמבער :

יאַנעק איז היינט געווען ביי אונז. שוין אַ חודש צייט ווי מיר האָבן אים נישט געהאַט געזען. זינט דער לעצטער געשיכטע מיט דער טשאָטקען, האָט ער זיך נישט געוויזן. צי האָט ער זיך געשעמט? — ס'איז מעגלעך. פון דער אַנדערער זייט ווידער, דאַכט זיך, אַז ער רוקט זיך פון אונז אַוועק. בכלל קומט ער לעצטנס וויניקער אויך צו דער טשאָטקע. ער מיידט אויס אונזער הויז, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אַוועקרוקן פון דעם גאַנצן פאַרדרייטן ענין. ער קומט נאָר נאָך ברויט און מעל און גייט באַלד אַוועק. דערפאַר זיצט איצט די טשאָטקע ביי אים כמעט גאַנצע טעג. מיר האָבן דעם איינדרוק, אַז אויך זי אַליין שעמט זיך מיט דער אַוואַנטורע, וואָס זי האָט געמאַכט. זי קומט צו אונז אַרויף כמעט יעדן טאָג, נאָר עפּעס פילט זיך, אַז עס איז אַנדערש ווי געווען, זי רעדט צו אונז ווי דורך אַ פאָרהאַנג. זי קוקט אונז נישט גלייך אין די אויגן אַריין און פילט זיך, ווי פרעמד. עטלעכע מאָל האָט זי שוין, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערן, גערעדט וועגן דעם, אַז די מלחמה זעט אויס ווי אַ פאַרשלעפּטע קרענק, און ווער ווייסט, ווי זי קאָן זיך פאַרענדיקן? ס'איז שלעכט, ווייל מיט דער פּעלקאָווען איז שווער אויסצוקומען און גאָט דאַרף זיך מרחם זיין!

אַז זי האָט אַביסל חרטה, קאָן מען אויך דרינגען דערפון, וואָס זי האָט לעצטנס ווידער גענומען קאָכן פאַר אונז מיטאָג. זי קאָכט־אויף אַ גרויסן טאָפּ קאַרטאָפל מיט וואַסער, שמעלצט מיט אַרויפגעוואָרפענע ראַזאָווע קליסקעס און גיט אונז אַרויף, אַליין עסט זי דערפון נישט — זי עסט ביי יאַנעקן. זי זאָגט, אַז יאַנעק האָט שוין אויך קיין געדולד נישט און וואָלט שוין געוואָלט, אַז די מלחמה זאָל זיך ענדיקן. מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז ס'איז אים שוין אַלץ דערעסן, ער וואָלט שוין געוואָלט פּטור ווערן פון דעם גאַנצן עסק און אַז ער איז אויך בייז אויף אונז.

היינט, איז ער אָבער אַרויפגעקומען אַ שמייכלדיקער, מעשה גוטער־ברודער יעדן דערלאַנגט אַ האַנט, זיך געפרעגט וואָס ס'הערט זיך און זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז לעצטנס שטאַרק פאַרנומען און האָט קנאַפּ צייט, דעריבער קומט ער אַזוי וויניק. ער האָט אונז דערציילט די לעצטע נייעסן פון דאָרף, פון שטאָט, זיך געקלאָגט, אַז די מלחמה דאַרף נאָך לאַנג דויערן און איצט גייט צו ווינאַכט. כמעט אַלע מענטשן זענען אַזוי רייך, מאַכן ריזן־געשעפטן און אַנדערע זענען נאָך אַלץ אָרעם. אויסגעהרגעט אַזוי פיל פאָלק — אַלע יידן און עס זענען נאָך דאָ אָרימע, וואָס האָבן פּשוט נישט אָנצוגרייטן אויף חגא. ער אַליין וואָלט איצט אויך נויטיק געדאַרפט האָבן סחורה כאָטש אויף צוויי קליידלעך פאַר זיינע צוויי טעכטערלעך, וואָס האָבן זיך אין לעצטן יאָר אַזוי שיין צעבליט, שיינע פרייליננס אויסגעוואַקסן, אַזש אַ נחת! זיי גייען שוין מיט קאַוואַלירן און דאַרפן זיך שוין לייטיש קליידן.

— יאָ, די וועלט שטייט נישט אויף איין אָרט — זאָגט יאַנעק -- די יאָרן לויפן. אָט זענען זיי נאָך געווען קליינע קינדער און איצט גאַנצע פרייליננס און האָבן

שוין אַזוי פיל דערפאָלג ביי די כלאָפּצעס. איך מוז זיי מאַכן נייע קליידלעך. די יוגנט האָט זיך איצט צוגעוויינט פיין צו לעבן —- גוט צו עסן און טרינקען, שיין זיך קליידן, מאַכן אַ לעבן און —- מיינע קינדער קאָנען דאָך נישט אָפּשטיין פון אַנדערע.

⁂

די פעלקאָווע איז אַרויפגעקומען זיך פרעגן, וואָס ער האָט געוואָלט ביי אונז, יאַנעק, דער גנב? — זיכער עפּעס אויסנאַרן! אומזיסט קומט ער דאָך נישט!

— צווי ברידער — און אַזאַ אונטערשיד, אַזאַ רוזשניצע: אירער, פעלעק

— שוויענטעי פּאַמיענטשי, איז דאָך מכלומר'שט געווען אַ גנב, געגנבעט ביי מענ־טשן, אַלע יאָרן אין תפיסות געזעסן און נעבעך באַצאָלט דערפאַר מיטן לעבן און

— וואָס האָט ער מישטיינסגעזאָגט, געגנבעט? — עפּעס עסן פאַר זיך און פאַר דער בהמה, דאָס שטומע באַשעפעניש, אין שטאַל! אַז אַ קאַליקע איז עס געווען, פאַרדינען האָט עס נישט געקאָנט, געווען בלינד, — נו — האָט ער ביינאַכט עפּעס אַהיימגעבראַכט! וועמען האָט ער דען געשאַדט? געגומען בלויז ביי רייכע, וואָס האָבן געהאַט אַ סך. קיינמאָל נישט געקזשיוודעט קיין אָרימען, נישט געהאַט קיין הארץ ביי אָרימעלייט צו נעמען!

זי געדענקט, די פּעלקאָווע, נאָך פאַר דער מלחמה, אַ סוף ווינטער. אין שטאַל איז קיין לעק היי פאַר דער קו,פאַר „לאָשאַ", נישט געווען, נישט געווען אויך ווי צו נעמען —- די רייכע גאָספּאָדאַזשעס האַלטן גוט פאַרמאַכט, גוט פאַרשלאָסן, און ס'איז נישט מעגלעך צוצוקומען און דאָ פּגרט דיר די קו אוועק פאַר אַ קיי, פאַר אַ ביס. פּעלעק, עליו־השלום, לויפט נאַכט ביי נאַכט, פון שטאַל צו שטאַל און — אַ נעכטיקער טאָג. אומעטום פאַרהאַקט אויף זיבן שלעסער! כאָטש זעץ מיטן קאָפּ! נו, מאַכט זיך אַ מעשה: איינמאָל אין מיטן דער נאַכט טרעפט ער אָן אויף אַן אָפן שטעלעכל און -- פול מיט היי! די באַלעבאָסטע האָט, ווייזט אויס, פאַרגעסן צו פאַרשליסן און אַלץ ליגט הפקר! כאָטש — נעם וויפיל דו ווילסט! פּעלעק איז געבליבן שטיין, געקוקט אין דער פינצטער, געטאַפּט דאָס היי, זיך פאַרטראַכט און

— וואָס מיינט איר, האָט ער געטון? —- אַוועקגעגאַנגען! אַוועקגעגאַנגען און גאָר־נישט גענומען. אַהיימגעקומען אַ ליידיקער! נישט געהאַט קיין האַרץ דערצו: דאָס היי איז געווען פון אַן אָרימער יתומה, פון דער מיכאַלוווקע. „גאָט — זאָגט ער

— זאָל אים שטראָפן, אַז ער זאָל נעמען ביי אַן אָרימער יתומה! ביי אַ בידנע מיידל! אַז עס טרעפט נישט ביי קיין רייכן, וועט ער ביי קיין אָרימען אוודאי נישט נעמען! אַז די קו וועט פּגרן — וועט מען זי צעשניידן אויף פלייש. צוליב איר וועט ער נישט „קזשיוודזשען אַ יתומה!”

— אַזאַ איז דאָס געווען! פון אַזאַ כאַראַקטער! דאָס האָט מען געהרגעט!

און ער — דער באַנדיט, דער יאַנעק, באַראַבעוועט די גאַנצע וועלט, גאַרט אַלץ אויס, גייט נאָך אָן פאַר אָן אָרנטלעכן און דרייט זיך אַרום פראַנק און פריי! אַז אַ מיתה־משונה זאָל ער איינגעמען!

ניי־יאָר 1944 :

עס קומט איצט אַ ניי יאָר, ווער ווייסט, וואָס עס וועט מיט זיך ברענגען? צי, חלילה, נייע מיתות־משונות, נייע מאָרדן אויף די לעצטע פאַרשטעקטע יידן, אָדער — ס'קאָן זיך גאָרנישט גלויבן! און אפשר טאַקע? — מיר קאָנען זיך איינמאָל אין אַ פרימאָרגן אויפכאַפּן און שוין זיין פרייע מענטשן! צי איז דאָס מענלעך? די צייטונגען דערציילן וועגן אַ גרויסער אָפּענסיווע, וואָס די רוסן גרייטן־צו — צי נאָך אין ווינטער, צי ערשט אויף פרילינג?

אַך גאָט! דערווייל איז שוין קיין כוח נישטאָ, עס זענען שוין איבערפולט אַלע מאָסן! מיר זענען שוין אַזוי דערשעפּט, אויסגעטרוקנט פון לעצטן ביסעלע זאַפט. דער בטחון צאַנקט, לעשט זיך, און — די הענט פאַלן אַפּ. פיל מאָל זענען מיר שוין גלייכגילטיק, אָ, ווי מיר וואָלטן שוין געדאַרפט אַביסעלע ווערן געשטאַרקט!

היינט זענען אפילו אונזערע באַלעבאַטים צופרידן מיט אונז. זיי זענען נאָך אָנגעגעסן און פאַרשיכורט מיט דער חגאות־פרייד, זיי זענען נאָך אין יום־טובדיקן עקסטאַז. די טשאַטקע און די פעלקאָווע טריאומפירן ביידע. ביידע האָבן „מנצח" געווען. יעדע איז זיכער, אַז נאָר זי האָט פון אונז באַקומען געלט אויף ווייַנאַכט, די חנאַ איינצורייבטן, און — די אַנדערע נישט.

די פעלקאָווע האָט באַקומען עטלעכע הונדער־ט זלאָטעס, צוגעזאָגט צו מאַכן אַ גוטע סעודה פאַר זיך און פאַר אונז און יענע דאָרט „וועט קריגן אַ קרענק". די טשאַטקע האָט געזאָגט, אַז היינט, אין אַזעלכע שלעכטע צייטן, דאַרף מען בכלל קיין ימים־טובים נישט פּראַווען, מען קאָן זיך באַגיין, מען דאַרף דאַנקען גאָט פאַר דעם טרוקענעם שטיקל ברויט, אַזאַ הונט מיט אויערן ווי די פעלקאָווע, דאַרף אויך פילן דעם טעם פון מלחמה! נאָר נישט מער, אַזוי ווי מיר זענען דאָך אַזוי אויסגעהונגערט — מוז מען פאַר אונז יאָ אָנגרייטן אַ לייטישע חגאותדיקע סעודה! זי וועט עס דעריבער אָפּקאָכן ביי יאַנעקן. די פעלקאָווע וועט נישט וויסן, אַז מיר האָבן דערויף געלט געגעבן. ווען זי וועט אונז ברענגען דאָס עסן, זאָלן מיר זאָגן, אַז יאַנעק האָט אונז געשיקט אַ מתנה, מיר האָבן דערויף גאָרנישט צושטייער געגעבן און — דער עיקר — איר דער פעלקאָווען, זאָלן מיר נישט דערוועגן עפּעס צו געבן, אפילו צו פאַרזוכן אויך נישט — זי איז דאָס נישט ווערט!

די פעלקאָווע האָט אָנגעגרייט אַ פּאָר קילאָ הזיר־פּעטס מיט פלייש און געגליווערטע פיס, מיט גרויסע קוכנס און — אין ווייַנאַכט אָפּגעוואַרט באַלד איינדערפרי, ווען די טשאַטקע איז אַוועק אין קאָשטשאָל אַריין, האָט זי אונז דאָס אַרויפגעבראַכט אין עטלעכע שיסלען. אונז אָנגעווונטשן אַ פריילעכן יום־טוב און געהייסן עסן — אויף צעפּיקעניש יענער.

עטלעכע שעה זענען מיר געזעסן און גאָרנישט געקאָנט טועם־זיין. דער האַלז איז געווען ווי פאַרקלעבט. איינער האָט עס גערוקט צום צווייטן. אַזוי לאַנג ביז לסוף איז אָנגעקומען די טשאַטקע. זי האָט זיך ברייט געטראָגן מיט „יאַנעקס

מתנה" — עטלעכע גרויסע טעפ. ווידער חזיר־שמאַלץ מיט געפרוירענע פיס און אַ סך שטיקער קוכן. זי האָט זיך צוערשט מיט דעם געדרייט אונטן, אין שטוב — דער ריח זאָל פאַרגיין דער פעלקאָווען אין די נאָז־לעכער און באַלד האָט זי גענומען אַרויפדערלאַנגען די טעפ, איינעם נאָכן אַנדערן.

די פעלקאָווע שרייט, אַז זי זאָל מיט דעם גיין צום טייוול. ווייל מיר זענען שוין זאַט פון איר מתנה. מיר האָבן שוין גענוג געגעסן.

די טשאַטקע ענטפערט נישט. קריכט אַליין אויך אַרויף און איז צופרידן, וואָס מיר האָבן גאָרנישט פאַרזוכט פון דער פעלקאָוועס. „יענע קאַכט, אַז אַ חלשות קאָן זיך אָנגיין! מיר טוען ווי חכמים, וואָס מיר נעמען עס נישט אין מויל אַריין. הונדערט יאָר זאָלן מיר דערפאַר לעבן!" זי צעקושט זיך אַזש מיט אונז און ווינטשט אַ „פריילעכן יום־טוב!" --- אויף צו להכעיס דער פרעסערין אונטן!

מיר האָבן זי מכבד געווען מיט דער פעלקאָוועס מאכלים פון וועלכע זי האָט „שיר געבראָכן" און בכדי „מיר זאָלן זיך נישט אָנעסן מיטן דאָזיקן חלשות" — האָט זי עס ביים אוועקגיין מיטגענומען מיט זיך. זי האָט עס פאַרשטעקט אונטערן פאַרטוך:

— דאָס איז נישט קיין עסן פאַר מענטשן! זי וועט עס וואַרפן פאַר די פערד אין דאָרף.

אויך „יאַנעקס מתנה" איז געבליבן שטיין אַזוי לאַנג, ביז די פעלקאָווע איז אַרויפגעקומען און געזאָגט, אַז זי פאַרשטייט אונז: „נאָך אַזאַ עסן ווי אירס — נעמט זיך שוין נישט קיין אַפעטיט צו אַזעלכע עקלהאַפטע מאכלים, ווי יאַנעקס".

— ניין, זי זעט אויך, אַז דאָס איז נישט פאַר אונז. אויב מיר ווילן, קאָן זי עס, די אַלטע מכשפה זאָל נישט וויסן, אַראָפטראָגן פאַר דער קאַץ און פאַרן חזיר

⁂

ניין, עפּעס פעטס קאָנען מיר שוין נישט עסן, מיר פאַרטראָגן עס שוין נישט, עס גייט נישט מער אין מויל אַריין.

דעם צווייטן טאָג חגא האָט אונז דעריבער די פעלקאָווע אַרויפגעבראַכט אַביסל מילכיק געקעכץ. האָבן מיר זיך געטיילט מיט די לעפל. יעדער האָט אויך געשטופּט דאָס טעפל צום אַנדערן און געזאָגט, אַז ער קאָן נישט, אַז עס שמעקט אים נישט, יעדער האָט זיך אוועקגערוקט אין אַ ווינקל. פרוימאַן האָט פאַרזוכט עטלעכע לעפל און זיך דערווייקט דאָס האַרץ, האָט ער עס אונטערגערוקט צו מיר. איך האָב עס איבערגעגעבן אסתרלן מיט צפורהלען — זאָגן זיי, אַז אפרים איז קראַנק אויפן האַרץ און אַז זיי קאָנען זיך באַגיין. אפרים איז בייז געוואָרן און עס צוריקגעשטופּט צו זיי, ער זאָגט, אַז ער פילט — זיי וועלן זיך פשוט מחיה זיין! זיי וועלן אויפלעבן! האָבן זיי עס צוריקגעשטופּט צו מיר. דאָס עסן האָט דערווייל אָנגעהויבן קאַלט ווערן, האָט פרוימאַן אויסגעגלייכט, אַז יעדער זאָל נעמען אַ לעפל. אפרים וויל אָבער נישט. „ס'איז אַן עבירה — זאָגט ער — אַז מיר, די מענער, זאָלן דערפון עסן! זיי, די פרויען, דאַרפן דאָס ווי דאָס לעבן! יאָ, ער פילט דאָס".

אסתרל האָט געכאַפּט צוויי לעפל און זיך געשוווירן, אַז מער וועט זי שוין

נישט עסן, זי קאָן אסור נישט. האָט צפורהלע אויך אראָפּגעשלונגען עטלעכע לעפל און באַשווירן אפרימען, אַז ער מוז עסן, ער זאָל קיין שוטה נישט זיין. ער איז קראַנק און ס'וועט אים זיין צו רפואה! זי האָט געשווירן ביי איר לעבן ווי ער וועט עסן!

אפרים בייזערט זיך. ער כאַפּט עטלעכע לעפל און זאָגט, אַז אויב מען וועט נאָך רעדן צו אים — גיסט ער עס תיכף אויס. איך האָב גענומען דעם לעפל אין האַנט און נישט געקאָנט אראָפּשלינגען, איך פיל, אַז זיי וואָלטן זיך פּשוט מחיה־געווען! דאָס מויל נעמט וואַסערן און דאָס האַרץ דערוויקט זיך.

די פעלקאָווע קומט דערווייל אַ־רויף נאָך דעם טעפל און וווּנדערט זיך וואָס עס שטייט נאָך. צי האָבן מיר דאָס נישט ליב? — דאָס חזירל איז זיך פּשוט מחיה מיט אַזאַ ביסל זופּ. עס איז זיך דערפון צעוואַקסן, אַז עס איז אַזש אַ נחת צו קוקן!

2־טער יאַנואַר, 1944:

ביידע, די פעלקאָווע און די משאַטקע, זענען זייער פרום. גייען עטלעכע מאָל אין דער וואָך קיין ווישניעווו אין קאָשטשאָל אריין. בפרט זונטיק און אין די חגאות. די פעלקאָווע גייט פון אַכט אינדערפרי ביז צען אַזייגער, דאָס הייסט — צו דער ערשטער „מאָדליטווע" און ווען זי קומט צוריק — גייט ערשט די טשאַטקע צו דעם אַנדערן „געבעט".

ביידע קומען זיי אַהיים מיט גאָטספאַרכטיקע פּנימער און מיט באַגייסטערונג פון דעם גלחס „קאַזאַניעס".

— הא, ווי זיס און הייליק ער האָט געפּרעדיקט. יעדעס וואָרט, איז דאָך גאָלד! פאַרוואָס פאַרשטייען נישט אַלע מענטשן אַזוי ווי ער? — גאָר אַן אַנדערע וועלט וואָלט דאָך דעמאָלט געווען: איינער וואָלט ליב געהאַט דעם צווייטן, מען וואָלט זיך קיינמאָל נישט געקריגט, געזידלט און געשאָלטן. איינער וואָלט דעם אַנדערן פאַרגעבן!

די פעלקאָווע קאָן נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס די טשאַטקע פאַרשטייט דאָס נישט און נעמט זיך דערפון נישט קיין מוסר־השכל.

— נאָך וואָס גייט זי, די מכשפה אין קאָשטשאָל אריין? אַז סיי־ווי לערנט זי דאָרט גאָרנישט, קומט צוריק און קריגט זיך, שעלט, גנבעט און טוט אַלדאָס בייז!

— הא, ווען יושעק וואָלט געהערט ווי האַרציק און פרום דער פאַן ביסקופּ האָט היינט געפּרעדיקט! ס'האָט געקאָנט אַ שטיין רירן און די „שטשערוויסקאַ" לויפט כסדר אין קאָשטשאָל און בלייבט ביים אייגענעם!

די טשאַטקע ווידער פאַרשטייט בכלל נישט צו וואָס די פעלקאָווע מאָדליעט זיך אַזוי פיל און נאָך וואָס זי לויפט עס אַזוי כסדר צום גלחס פּרעדיקטן, אַז סיי־ווי הערט זי אים ווי די וואַנט!

— אָ, זי און מענטשן־ליבע! אַז דאָס — נאָר ס'וואָלט זיך געזידלט, געקריגט, געראַבעוועט! ס'איז אַן עבירה אַזעלכעס אַריינצולאָזן אין קאָשטשאָל!

— אדרבה, זי וואָלט געווען אַ בעלן הערן, וואָס זי, די פעלקאָווע, וועט דערויף ענטפערן. זאָל יוזשעק ביי איר פרעגן, נאָך וואָס טאַקע זי גייט אין קאָשטשאָל

אַריין אַזוי אָפט, אַז וואָס דער גלח זאָגט — נעמט זי זיך סיי־ווי נישט אין זינען אַריין!

אויך די פעלקאָווע וואָלט געוואָלט, אַז יוזשעק זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל זאָגן דער טשאָטקען, אַז עס איז פיל ערגער איר גיין אין קאָשטשאָל און טון אַלץ קאַפויער, ווי זי הערט דאָרט. זאָל זי ליבערשט, די אַלטע מכשפה, בלייבן אין שטוב! יאָ, אומבאַדינגט מוז איר יוזשעק דאָס זאָגן!

אין אָוונט, ווי נאָר עס ווערט פינצטער, קריכט די טשאָטקע אַרויף אויפן בוידעם, רופט מיך אַרויס פון באַהעלטעניש, זעצט זיך מיט מיר אַוועק אין היי, דערציילט נייעס פון דאָרף, ווי מען האָט אומעטום פיינט די פעלקאָווע פאַר איר רשעות, פאַר איר געמיינקייט. מען קען זי אומעטום, מען ווייסט וואָס פאַר אַ מרשעת זי איז, אַפילו אין קאָשטשאָל, אַפילו דער גלח, ווייסט דאָס! יוזשעק מוז דאָס איר איינמאָל זאָגן. זאָל זי וויסן, אַז איר קענט זיך אויך אויף אירע שטיק, זאָל יוזשעק טאַקע פרעגן, פאַרוואָס גייט זי אין קאָשטשאָל אַריין.

אין פערדהייזל נעמט זיך רודערן. די פעלקאָווע פאַרקייטלט דאָרט די טיר פון דרויסן. עס זאָל קיינער נישט קאָנען אַריינגיין אין שטוב. באַלד הערט מען קריכן אויף דער לייטער.

— ס'איז זי, ס'איז זי! — נעמט מיך קנייפן די טשאָטקע — ס'איז זי! אָ, זי גייט דאָ אַרויף! זי ווייסט נישט, אַז איך זיץ דאָ. זאָל יוזשעק נישט זאָגן, אַז איך בין אויך דאָ. ס'איז פינצטער — זי וועט נישט זען. זאָל יוזשעק איצט טאַקע פרעגן. אַלץ, אַלץ זאָל יוזשעק פרעגן, כ'וויל הערן וואָס זי, דאָס מרשעת, וועט ענטפערן.

אַ נס, וואָס די פעלקאָווע קריכט אין דער פינצטער אַרויף גלייך אויף דער טשאָטקע.

— פשאַ־קרעוו! — גיט זי אַ געשריי. ווי אַן אָפגעבריטע שפרינגט זי האָסטיק אָפ און פאַלט גלייך אויף מיר אַרויף.

— האָ, יוזשעק איז אויך דאָ! — זעצט זי זיך פון דער צווייטער זייט פון מיר און נעמט קרעכצן.

די טשאָטקע קרעכצט אויך. קרעכצט, זיפצט, נעמט קלאָגן, אַז עס איז אַ געמיינע וועלט, אַ מיאוסע וועלט. מענטשן פאָלגן נישט, וואָס דער גלח זאָגט. זי באַגרייפט נאָר נישט, פאַרוואָס דאָס דאָזיקע פעבל גייט נאָך אין קאָשטשאָל אַריין!

די פעלקאָווע הויבט אָן העכער קרעכצן און נעמט מיך קנייפן. איך מאַך זיך נישט פאַרשטייענדיק, ווי איך וואָלט נישט דערפילט — קנייפט זי פעסטער און זוכט מיין אויער. דערווייל קנייפט מיך פון דער אַנדערער זייט די טשאָטקע: „נו, פאַרוואָס הייב איך נישט אָן? איצט איז דאָך די בעסטע געלעגנהייט איר אַריינצוזאָגן!"

די פעלקאָווע שושקעוועט:

— זאָל יוזשעק זאָגן!

כ'גיב אַ זיפץ, נעם קרעכצן. זיי ביידע רעדן דערווייל וועגן „מענטשן־ליבע", וועגן גוטסקייט, וועגן גאָט.

— נו, — זאָג איך — וואָס קומט אַרויס פון גלחס שיינע דרשות, אַז דאָס פאָלק פאָלגט נישט? „דער גלח דאָס זייניקע און דער פויער — דאָס זייניקע!"

זיי ווערן ביידע שטיל. איך באַקום מוט.

— יאָ, דער פֿיער בלייבט ביים זייניקן. איך פֿאַרשטיי נאָר נישט, פֿאַרוואָס גייען זיי, די מענטשן וואָס ווילן גאָרנישט לערנען, אין קאָשטשאָל. בעסער זאָלן זיי זיצן אין שטוב, אַז סיי־ווי טוען זיי שלעכטס — קריגן זיך, שעלטן און זידלען. יאָ, בעסער נישט גיין אין קאָשטשאָל.

ביידע נעמען מיך פּריש קנייפּן, פֿון ביידע זייטן. זיי זענען צופֿרידן, יעדע איינע פֿון דעם, וואָס כ׳האָב דער אַנדערער אַריינגעזאָגט. זיי קוועלן פֿון נחת און קנייפּן מיך מיט אַנערקענונג און ווילן ווייטער צוהערן. זיי קנייפּן מיך אין די הענט, אין די פּיס, אין דער פּלייצע. איך וויל שוין ווייטער דרשהנען —

— פּשאַ־קרעוו! — גיט אַ געשריי די פּעלקאָווע. זי האָט אויף דער פּלייצע זיך אָנגעטראָפֿן מיט דער טשאַטקעס קנייפּנדיקער האַנט.

— אַ כאָלערע! — נעמט שעלטן די טשאַטקע און ווי אָפּגעבריטע שפּרינגען ביידע — איינע הינטער דער אַנדערער — פֿון בוידעם אַראָפּ.

18־טער יאַנואַר :

דעם לעצטן זונטיק, האָב איך ווידער געהאַט אַ סקאַנדאַל מיט דער טשאַטקע, ווידער האָט זי מיך געשלאָגן, שוין דאָס צווייטע מאָל אין משך פֿון די לעצטע טעג. אָנגעהויבן האָט עס זיך פֿאַראַכטאָגן זונטיק.

די טשאַטקע האָט באַלד אינדערפֿרי אַוועקשפּאַצירט אין שטאָט אַריין אויף אַ באַזוך צו פּראַנעק קוטשאַק. ס׳איז געווען אַרום ניין אַזייגער. פֿאַרן אַוועקגיין האָט זי אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן נישט דערלויבן, די פּעלקאָווע זאָל פֿאַר אונדז מיטאָג קאָכן. מיר זאָלן וואַרטן ביז זי, די טשאַטקע, וועט צוריקקומען. ס׳וועט נישט לאַנג דויערן — קומט זי צוריק און וועט אָפּקאָכן. אויף דער פּעלקאָווע קאָן מען זיך נישט פֿאַרלאָזן, זי איז נישט פּאָרזיכטיק, זי גיט נישט אַכטונג. ס׳קאָן נאָך ווער, אַ פֿרעמדער פֿון דרויסן, אַריינקומען און טרעפֿן ווי עס קאָכט זיך אַ גרויסער טאָפּ און אַלץ וועט זיין אַנטדעקט!

אַרום האַלב צוועלף אַזייגער קומט די פּעלקאָווע אַרויף און פֿרעגט, צי מיר זענען הונגעריק. זי וויל קאָכן פֿאַר די הינער, וועט זי אין איינוועגס אָפּקאָכן אויך פֿאַר אונדז.

מיר זאָגן, אַז מיר זענען נישט הונגעריק און מיר האָבן נאָך קיין אַפּעטיט נישט צו עסן. זי גייט אַראָפּ אַ ביסל אַ באַליידיקטע. אָבער אין צוויי שעה אַרום איז זי ווידער דאָ, „זי גייט שוין קאָכן״ — מיר ליגן פֿאָר צו וואַרטן ביז די טשאַטקע וועט צוריקקומען, זאָגט די פּעלקאָווע, אַז מיר זענען נאַראָנים, יענע וועט קומען ערשט אין אָוונט, אָדער גאָר אויף צומאָרגנס.

— אַז מ׳גייט צו אַ קאָבאַנעק — קומט מען נישט אַזוי שנעל צוריק.

— חוץ דעם מוז זי שוין קאָכן, ווייל די הינער זענען הונגעריק.

מיר האָבן גענומען בעטן, אַז זי זאָל נאָך וואַרטן כאָטש צוויי שעה, ווייל — זי ווייסט דאָך — די טשאַטקע וועט זיין בייז און אויסלאָזן דעם כעס צו אונדז. די פּעלקאָווע איז אַראָפּ אַ ברוגזע, גאָרנישט זאָגנדיק. מיר ליגן מיט קלאַפּנדיקע הערצער און בעטן, אַז די טשאַטקע זאָל שנעלער אָנקומען.

עס זענען אַדורך עטלעכע שעה. עס ווערט נאַכט. אַרום האַלב־פינף — די פּעלקאָווע קומט אַרויף ברוגזערהייט און זאָגט, אַז איצט וועט עס אונז שוין גאָרנישט העלפן — זי גייט קאָכן!

אין אַ האַלבע שעה אַרום הערן מיר שיסלען קלינגען. די פּעלקאָווע גרייט זיך אונז שוין אַרויפצוגעבן דאָס עסן.

אין דער זעלבער רגע ---

די טשאָטקע איז דאָ!

זי איז נאָר אויף אַ מינוט אַריין אין קיך. דערזעענדיק דעם אָפּגעקאָכטן טאָפּ מיטן געקעכץ, האָט זי אַלץ אַוועקגעוואָרפן און --- מיט איין שפּרונג איז זי געווען אויפן בוידעם. זי האָט מיך גלייך אַרויסגערופן פון באַהעלטעניש און געפרעגט, פאַרוואָס איך האָב דערלויבט דער פּעלקאָווען צו קאָכן?

איך זע, אַז זי ברויזט אינגאַנצן --- פאַרמישט זיך מיר דאָס לשון. כ'שטאַמל קוים אַרויס, אַז די פּעלקאָווע האָט לענגער נישט געוואָלט וואַרטן.

אין דער זעלבער מינוט, האָט אַ פּאַטש אָפּגעקלונגען און באַלד — אַ צווייטער — פון דער אַנדערער זייט. עס האָט מיר גענומען שווינדלען פאַר די אויגן.

— סקורוויי־סין! — האָט זי געשריגן, געכאַפּט אַ פּאַק שטרוי און געוואָרפן אויף מיר. ווען כ'האָב זיך אומגעקוקט — איז זי שוין נישט געווען, זי איז שוין געהאַט אַראָפּ.

אַ גאַנצע וואָך האָט מען מער דערפון נישט גערעדט. ווי נעכטן, אייערנעכטן — איז זי יעדן טאָג אַרויפגעקומען, ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט. מיר האָבן דאָס אויסגעטייטשט ווי אַ חרטה.

הייַנטיקן זונטיק איז זי ווידער באַלד אינדערפרי אַוועק צו פּראַנעקן — שוין גאָרנישט אָנזאָגנדיק פאַרן אַוועקגיין.

אַרום האַלב־צוועלף — די פּעלקאָווע איז דאָ און פרעגט, צי מיר זענען הונגעריק — „זי וויל קאָכן פאַר די הינער — וועט זי אין איינוועגס אָפּקאָכן אויך פאַר אונז".

איך נעם בעטן, ווערט זי אין כעס, די פּעלקאָווע, און זאָגט, אַז נאָכאַמאָל, אויב די טשאָטקע וועט מיך פּרוּוון שלאָגן, זאָל איך גאָרנישט קלערן, נאָר איר גלייך דערלאַנגען אין דער מאָרדע אַריין — איינס און צוויי — וועט זי שוין וויסן אויף נאָך אַמאָל. עס וועט אָבער גאָרנישט העלפן, קאָכן מוז זי! העכסטנס קאָן זי נאָך וואַרטן אַ צוויי שעה.

בינו־לבינו — איז די טשאָטקע אָנגעקומען. זי איז אַריין אין קיך און זעענדיק, אַז דער קוימען איז ליידיק, עס קאָכט זיך נישט, האָט זי גאָרנישט גערעדט און איינס־צוויי — אַרויפגעשפּרונגען אויפן בוידעם, מיך אַרויסגערופן און געפרעגט, פאַרוואָס כ'האָב נישט געהייסן, אַז די פּעלקאָווע זאָל אָפּקאָכן מיטאָג, זי איז הונגעריק. שוין עטלעכע שעה ווי זי האָט גאָרנישט געהאַט אין מויל, עס הלשט איר אַזש דאָס האַרץ, זי איז זיכער געווען, אַז ווען זי וועט צוריקקומען פון שטאָט וועל איך האָבן אָנגעגרייט פאַר איר אַ ביסל מיטאָג.

איך נעם שטאַמלען:

— וואָס הייסט? — די טשאָטקע האָט שוין פאַרגעסן פון יענער וואָך, הייַנט אַכט־טאָג? איך האָב דאָך ספּעציעל נישט געלאָזט קאָכן —

די טשאָטקע איז אויף מיר אַרויפגעפאַלן מיט די פויסטן, גענומען זעצן אי־

בערן פּנים, איבערן קאָפּ און ווו זי האָט נאָר געטראָפן. כ'האָב זיך קוים באַפרייט פון אונטער אירע הענט.

— אָבער — טשאַטקע, טשאַטקע — האָב איך אָנגעהויבן.

זי איז אַריין מיט די הענט אין מיינע האָר, מיך גענומען שלעפּן פאַרן קאָפּ.

— שוין, שוין אַראָפּ פון דאַנען! ס'האָט זיך געענדיקט! געענדיקט האָט זיך! באַנדיט, גזלן, הונגער וועל איך ליידן ביי אייך?! — שוין אַראָפּ פון דאַנען! זי האָט גענומען מאַכן געוואַלדן, אַז מ'האָט געקאָנט הערן ווי ווייט.

די פּעלקאָווע איז אַרויף אויפן בוידעם:

משוגענע! דו פרעסט דאָך סיי־ווי דאָ נישט קיין מיטאָג! דו פרעסט דאָך ביי יאַנעקן!

מיך האָט זי אַריינגעטריבן אין באַהעלטעניש און ביידע זענען זיי מיט געוואַלדן אַראָפּ אויפן הויף.

25־טער יאַנואַר:

מיט עטלעכע טעג צוריק, האָבן אונזערע שכנים דערהרגעט אונזער קאַץ. אין זייער האַס צו דער פּעלקאָווע, זוכן זיי כסדר, ווי זיך נוקם צו זיין אין אירע בעלי־חיים. אויף דער קאַץ האָבן זיי געטראָגן אַ שנאה, זינט זי האָט געהאַט די קליינע קעצעלעך. זי פלעגט לויפן איבערן דאָרף, זוכן פאַר זיי „חיונה”. זי האָט אַלעמאָל עפּעס אַרויסגענאַשט פון זייערע פעדערהייזלעך.זי איז אויך געלאָפן אין די פרעמדע כאַלופּעס, פאַנגען מייז און טויטערהייט האָט זי זיי אין פּיסק געברענגט צו שלעפּן אויפן בוידעם אַרויף, פאַר די קעצלעך. די שכנים האָבן אויף איר געטשאַטעוועט. יענע וואָך איז זי פאַרשווונדן און איצט האָט די פּעלקאָווע זי געפונען אונטערגעוואָרפן ביי אונזער כאַלופּע — אַ דערהרגעטע. די פּעלקאָווע גייט אַרום, קלאָגט און שעלט די שכנים. זי וואָלט זיי געמאַכט אַן אַוואַנטורע, נאָר זי ווייסט נישט וועמען; ווער עס האָט זי דערהרגעט. די קאַץ איז געווען דורכגעשטאָכן מיט אַ שפּיז, אויף אַ רציחהדיקן אופן, עפּעס אַ סאַדיסטישע נקמה.

מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז אַ פייל, וואָס איז געווען געצילט צו אונז, האָט איר געטראָפן.

אין די לעצטע עטלעכע טעג, האָט זיך שוין אויך אַ פּאָר מאָל אַ שפּאַרבער אַראָפּגעלאָזט אויף אונזער הויף און דערוואָרגן דער פּעלקאָוועס צוויי הינער. די פּעלקאָווע גייט אַרום אַ צעחושטע. זי איז צעטומלט און קומט צולויפן צו אונז. די טויטע הינער האָט זי אָפּגעקאָכט און אונז געוואָלט מכבד זיין. מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט. מיר האָבן געקוקט אויף די געקאָכטע הינער, ווי אויף אונזערע כפּרות.

15־טער פעברואַר:

אסתרל איז שווער קראַנק. שוין צוויי וואָכן ווי זי ברענט אין פיבער. אַלע איברים טוען איר וויי, זי קרעכצט און זאָגט, אַז זי פילט ווי די כּוחות גייען איר אויס. מיר קאָנען זי נישט באַשיצן פאַרן ווינט, וואָס בלאָזט פון אַלע זייטן. זי ליגט אין ווינקל, אַרומגעוויקלט מיט פאַרפוילטן איבערבעט און עטלעכע אַלטע פּאַלטאַנעס. מיר זענען הילפלאָז, מוזן זיך צוקוקן ווי זי מאַטערט זיך און קאָנען גאָרנישט העלפן.

די טשאָטקע טאָר דערפון נישט וויסן. זי האָט בכלל נישט ליב צו הערן רעדן פון אסתרלן. ווען זי ווערט געוויר, אַז אסתרל איז קראַנק, וואָלט זי אונדז פאַרפּייניקט. זי וואָלט געזאָגט, אַז עס איז אונדז צו גוט, מיר האָבן זיך צו ליב און „פּיעשטשען" זיך. זי וואָלט אויך דאָס ביסל מיטאָג נישט געקאָכט.

מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל געבעטן דער פעלקאָווען, אַז זי זאָל אונדז פאַרקויפן אַביסל מילך, אַ שטיקל פּוטער — ווייל זי נישט. זי איז אויף אונדז — זינט עטלעכע וואָכן — אין כּעס. זי איז אין כּעס פאַרוואָס די טשאָטקע לאָזט איר נישט נוצן פון אונדזער האָלץ.

מיט דריי וואָכן צוריק האָבן מיר געקויפט ביי יאַנעקן עטלעכע קלאַפּטער האָלץ פון זיין אייגן אָלשינע־וועלדל, עס זאָל זיין אין שטוב צום קאָכן, צום ברויטבאַקן און באַהייצן, לאָזט די טשאָטקע דערפון נישט נוצן דער פעלקאָווען.

— פון יאַנעקס האָלץ — זאָגט זי — וועט זי נישט לאָזן נוצן דער מרשעת, זי האָט גענוג אייגן האָלץ, פולע קאַמערס, אַחוץ אייגענע ביימער אין איר אָלשינע.

די פעלקאָווע איז אַרויפגעקומען צו אונדז און געמאַכט אַן אַוואַנטורע, האָט זי פון מיר באַקומען (בסוד פאַר דער טשאָטקען)עטלעכע הונדערט זלאָטעס -- זי זאָל באַזונדער קויפן האָלץ, אָדער דערפאַר אויסשניידן עטלעכע ביימער פון איר שטיקל וואַלד און זיי באַהאַלטן פאַר זיך. האָט זי צוגענומען דאָס געלט און קיין פריש האָלץ נישט געבראַכט. זי זאָגט, אַז זי מוז נישט ברענגען, ווייל זי האָט דערווייל גענוג אָנגעגרייט, עס גייט איר נאָר אין דעם, פאַרוואָס די מכשפה זאָל די דעה האָבן אויף אונדזער האָלץ. אויף להכעיס איר, מוז זי נוצן דווקא פון אונדזערס.

קומט כּסדר צו סקאַנדאַלן און די פעלקאָווע איז אויף אונדז אין כּעס, זי וויל אונדז דעריבער גאָרנישט פאַרקויפן.

אסתרל קאָן נישט עסן, די ליפּן זענען ביי איר ווי פאַרברענט און זי האָט נישט מיט וואָס זיי צו באַנעצן. לעצטנס, קאָכן זיי שוין אויך נישט קיין קאַווע, יעדע וויל, אַז די צווייטע זאָל קאָכן אויף „איר" האָלץ.

אַנומלט, אין אַ פאַרנאַכט, אסתרל איז געלעגן און אינגאַנצן געברענט פון פיבער, זי האָט געבעטן אַ טרונק. איך האָב גענומען איינטענהנען, באַזונדער מיט דער טשאָטקען, אַז מיר זענען שטאַרק דאָרשטיק און באַזונדער מיט דער פעלקאָווען, אַז זי זאָל רחמנות האָבן, אסתרל גליט און הלשט נאָך אַ טרונק קאַווע. ביידע

האָבן אָבער נישט געוואָלט און געהייסן, אַז איך זאָל פאָדערן פון דער צווייטער, „וועלכע האָט אַ סך האָלץ".

שפּעטער, איז אַרויפגעקומען די טשאָטקע, אַריינגעקראָכן אין באַהעלטעניש, זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און גענומען פּאַטשן מיט איין ליפּ אין דער אַנדערער, צו ווייזן אַז זי איז דאָרשטיק.

— זי גייט שיר אויס פון דאָרשט! אָט, אָט חלשט זי! — איך זאָל גלייך רופן דער פעלקאָווען און הייסן, אַז זי זאָל אָפּקאָכן אַ פּאָר פלעשער קאַווע!

איך בין אַרויס, אַרויפגערופן די פעלקאָווע אויפן בוידעם, גענומען איינטענהן און געבעטן, אַז זי זאָל אָפּקאָכן אַביסל קאַווע — ווייל זי נישט. זי זאָגט, אַז דאָס איז פאַר דער מכשפה,וועלכע זיצט אויבן. און פאַר איר וועט זי בשום אופן נישט קאָכן, זי איז נישט קראַנק אַליין אָפּצוקאָכן און אויף איר אייגן האָלץ!

איך נעם שווערן, אַז דאָס איז פאַר אונז, פאַר אסתרלן. כ'בין גליקלעך, אַז די פעלקאָווע לאָזט זיך ביינן און איז מסכים. זי וועט אָפּקאָכן — זאָגט זי — אָבער נישט פיל, עס זאָל זיין בלויז פאַר אונז און נישט געצוגגען פאַר דער טשאָטקען.

איך קריך אַריין אין באַהעלטעניש אַ צעפּלאַצטער פון שמחה.

ס'וועט באַלד זיין קאַווע!

די טשאָטקע איז אויך צופרידן. זי האָט אויסגעפירט, די פעלקאָווע וועט מוזן קאָכן אויף איר אייגן האָלץ. איך טרייסט שטיל אסתרלען, אַז באַלד וועט זי האָבן אַ טרונק.

דערווייל האָט אָבער די טשאָטקע דערשנאַפּט, אַז אסתרל איז קראַנק. ארונטערשטעקנדיק די הענט אונטער די פּאַלטאַנעס, האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויף אסתרלכ גליענדיקע פּיס. זי נעמט זיך אויספרעגן וואָס עס איז, און אסתרלס קול דערקענט זי, אַז קוים וואָס זי רעדט. זי רעגט זיך אויף און נעמט שעלטן, פאַרוואָס מיר האָבן ביז איצט נישט אויסגעזאָגט און געהאַלטן עס בסוד.

— האַ, ס'איז גאָרנישט — זאָגן מיר.

זי נעמט זיך וואַרפן. בייזערט זיך, פאַרוואָס מיר היטן זיך נישט, מיר גיבן נישט אַכטונג און פאַרקילן זיך. חוץ דעם, איז עס אַ נאַרישקייט, ווייל זי אַליין, די טשאָטקע, הייסט עס, איז אויך שטאַרק פאַרקילט, איז קראַנק און זי מאַכט זיך נישט וויסנדיק. עס וועט פאַרבייגיין. אַלס סימן נעמט זי גלייך הוסטן.

— אָ! — מיר הערן? נו — ס'איז אַ נאַרישקייט. מ'דאַרף זיך נאָר נישט צופיל ליב האָבן, נישט פּיעשטשען זיך און ס'וועט גאָרנישט זיין!

די טשאָטקע הוסט און פּאַטשט מיט די ליפּן: זי קאָן שוין נישט אויסהאַלטן, זי' ווערט ממש פאַרבריענט פון דאָרשט! יוזשעק זאָל שנעלער גיין און ברענגען די קאַווע.

איך קריך אַרויס. די פעלקאָווע גיט פּונקט אַרויף צוויי פלעשער שוואַרצע קאַווע. איך דערלאַנג איין פלאַש דער טשאָטקען און איינע — אסתרלן.

די טשאָטקע פאַרזוכט, ווערט אין כעס, נעמט שעלטן, אַז די קאַווע איז נישט געצוג הייס. די פעלקאָווע זשאַלעוועט אַ שטיקל האָלץ אונטערצולייגן אונטערן פּייער. און איידער מיר באַווייזן זיך אומצוקוקן — רייסט זי אַרויס אויך די אַנדערע פלאַש פון אסתרלס האַנט, גיסט שנעל ביידע פלעשער אויס אין שטרוי אַריין.

— פּע, פּע, טפו, טפו — אַזאַ קאַווע צו טרינקען, עס גייט זיך אָן אַ חלשות!

— איך זאָל גלייך גיין, אָנזידלען דער פעלקאָוועס און פאָדערן, אַז זי זאָל תיכף ומיד אויפקאָכן פרישע קאַווע, נאָר — הייסע, קאָכעדיקע!

איך רוף ווידער אַרויף די פעלקאָווע און רוים איר שטיל איין, אַז די טשאַטקע זאָל נישט הערן, אַז די קאַווע איז זייער גוט געווען, מיר האָבן זיך מחיה געווען, מיר דאַנקען זייער, זי האָט זיך אַ מצוה געקויפט, נאָר מיר בעטן נאָך אַ ביסל הייסערע.

נעמט די פעלקאָווע שרייען און שעלטן, אַז אַ רוח זאָל אונז כאַפּן צוזאַמען מיט דער טשאַטקען, אַ חוצפה און אַ העזה — אויסצוניסן די קאַווע, וואָס זי האָט פאַר אונז אויפגעקאָכט! — זי האָט אונטן אַ פולע שטוב מיט קאַווע. עס האָט אַראָפּגערינען פון בוידעם דורכן סופיט אין שטוב אַריין און אַלץ איז באַגאָסן, פיטש־נאַס.

איך קריך קוים אַריין צוריק אין באַהעלטעניש, זיצט די טשאַטקע און פּאַטשט מיט די ליפּן:

—אָ, זי שטאַרבט, זי שטאַרבט שוין! אַ ביסל קאַווע! מיר זענען באַנדיטן און האָבן אויף איר קיין רחמנות נישט. זי איז קראַנק און מוז האָבן אַ הייסן טרינק. אָ, יעזוס, זי שטאַרבט!

זי נעמט הוסטן. עס דושעט זי:

— אָ, אָ זי שטיקט זיך!

איך בעט, אַז זי זאָל אויף זיך רחמנות האָבן און אַראָפּקריכן אין שטוב אָפּקאָכן פאַר זיך אַביסל הייסע קאַווע, נעמט זי וויינען, אַז מיר זענען אכזרים, גזלנים, אומדערבאַרימדיקע בריאים, זי ווייסט, אַז די קאַווע ווילן מיר נאָר פאַר זיך, זי גייט אונז בכלל נישט אָן.

זי קלאָגט, יאָכצט, פּאַטשט מיט די ליפּן און אַ הוסטנדיקע קריכט זי אַראָפּ.

— אַ קרענק וועט זי אונז קאַווע קאָכן. אַזעלכע אכזרים! ס'איז אַן עבירה אויף אונז אפילו זיך אומצוקוקן!

18־טער פעברואַר:

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט „לאָשאַ", די פעלקאָוועס קו, וועלכע האָט זיך אָפּגעקעלבט מיט דריטהאַלבן חדשים צוריק — גענומען מעקען, אָבער אַזוי בענקנדיק, אַז עס רייסט אויס אַ שטיק האַרץ, ווי אַ גרויסער צער וואָלט געפּרעסט איר „נשמה". אַ גאַנצע נאַכט האָט זי נישט געלאָזט שלאָפן און בייטאָג האָט זי נישט געוואָלט עסן, כסדר געמעקעט אַזוי אומעטיק און אָנגעפילט דעם הלל אַרום מיט טרויער. מיר האָבן געמיינט, אַז זי איז קראַנק, אויסער דעם, האָט אונז דאָס האַרצרייסנדיקע מעקען אָנגעפילט מיט־יעפּעס אַן אומבאַקאַנטער שרעק. ס'האָט אונז אויסגעזען, ווי אַ שרעקלעכע נבואה פון אַ שטום באַשעפעניש, וואָס וואָרנט, פאָרפילדניק שלעכטס.

די לעצטע נאַכט האָבן מיר אויך קיין איין מינוט די אויגן נישט געקאָנט צוטון. אסתרל איז געלעגן אין ווינקל און געקרעכצט פון שוואַכקייט און היץ, כסדר גע־

בעטן אַ טרינק. זי וואָלט אפשר איינגעדרימלט, נאָר די קו אין שטאַל הערט נישט אויף צו יאָמערן אין דער נאַכט אַריין און צו רייסן שטיקער האַרץ.

היינט אינדערפרי, באַלד ווי מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז די פעלקאָווע פלוצים אַרויפגעקומען און מכבד געווען אסתרלען מיט אַ גלאָז מילך. זי האָט צוגעזאָגט אויך אויף מאָרגן אַ „קוואַרטירל”. בשעת מעשה האָט זי זיך געקלאָגט, אַז „לאָשאַ” וויל גאָרנישט עסן. זי בענקט צום אָקס און וועט נאָך קראַנק ווערן. ס'איז שוין באַלד דריי חדשים ווי זי האָט זיך געקעלבט — נו, וויל זי שוין צום ביק. זי וואָלט זי אַוועקגעפירט — אין צווייטן דאָרף איז פאַראַן אַ גרויסער געזונטער ביק, עס קאָסט אָבער אַ האַלבער הונדערטער.

— אויב דער פאַן יוזשעק וויל, קאָן זי יעדן טאָג אַרויפברענגען מילך פאַר אסתרלען, נאָר זי ווייסט גלאַט נישט, וואָס עס וועט זיין מיט דער קו, זי וועט חלילה קראַנק ווערן, מען מוז זי שוין אַוועקפירן, נאָר זי האָט נישט קיין געלט.

— האַ, הונדערט יאָר זאָל דער פאַן יוזשעק לעבן! אַ שיינעם דאַנק פאַרן געלט! נו, זי האָט נישט קיין צייט, זי גייט גלייך אַוועק מיט דער קו אין שכנותדיקן דאָרף אַריין. נעבעך אַ רחמנות — אַ שטום באַשעפעניש, עס ליידט אַזוי פיל, ס'איז אַזש אַ צער בעלי חיים! זי פירט זי גלייך אַוועק, די קו. אַ שיינעם דאַנק פאַר די פופציק זלאָטעס, אַ שיינעם דאַנק!

— יאָ, מאָרגן ברענגט זי אַרויף אַ פריש קוואַרטירל מילך פאַר דער קראַנקער!

23־טער פעברואַר:

אסתרלען איז בעסער! באמת נישט צו פאַרשטיין די ניסים, ווי ס'איז איר בעסער געוואָרן. דער פיבער איז אַראָפּגעפאַלן, זי האָט אַביסל מער כוח און פילט זיך בכלל לעבעדיקער, נאָר די זייטן טוען איר איצט וויי, זיי שטעכן איר.

מיר ווייסן אַליין נישט ווי צו דאַנקען גאָט פאַר די ניסים! עס וואָלט זיך געגלוסט, גוט אויסוויינען אין אַ ווינקל פאַר דעם חסד. מיר האָבן די גאַנצע צייט נישט געקאָנט צוזען ווי זי מאַטערט זיך און מען מוז זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. מיר האָבן פאַרביסן די ליפן און געבעטן, מורא געהאַט צוצולאָזן שלעכטע מחשבות, אָבער אירע אויגן און דאָס פנים האָבן אָנגעוואָרפן אַ פחד!

— אַך, רבונו של עולם, די ניסים! איך פאַרגין זיך איצט נישט צו קוקן אויף איר!

מיין טייער קינד, זי פלעגט מיר אַזוי גלעטן איבער די הענט און אָנגעקוקט מיט אַזעלכע גלאַנציקע אויגן, וואָס האָבן געצופט שטיקער האַרץ. עס פלעגט מיך פאַרקלעמען. עס האָט זיך געגלוסט שלאָגן מיט דעם קאָפּ אין וואַנט און קריצן מיט די ציין!

אָ, מיין טייער קינד, איך ווייס נישט פאַרוואָס עס קומט דיר נעבעך אַזוי זיך צו מאַטערן, אַזוי פיל צו ליידן! אָ, געליבט צו גאָט, אַבי שוין אַזוי ווייט!

27־טער פעברואַר:

נעכטן, האָבן מיר געהאַט פרישע ניסים — טאָפּלטע ניסים — מיט אפרימען. ס'איז געווען פאַרנאַכט, מיר זענען אַלע געווען איין שטיק געדיכטע פינצטערניש, געזעסן שטיל און צוגעציטערט פון קעלט. פּלוצים האָט אפרים אַ געשריי געטון. מיר ציטערן אויף דערשראָקענע — נעמט ער מיטאַמאָל אַרויסלאָזן ווילדע קולות, ווי אַ בהמה וואָלט געברעוועט. מיר כאַפּן אים אַרום, ווערט ער פאַרשטומט און ווי אַ שווערע מאַסע פאַלט ער אויף פרוימאַנס שויס, ער בלייבט ליגן אומבאַוועגלעך. מיר נעמען אים שאָקלען, שטעכן און רייסן — עס איז אים שווער צו רירן, די הענט, די פיס, דער גאַנצער קערפּער איז פאַרשטייפט און דאָס פּנים איז באַגאָסן פון אַ געדיכטער שוים.

צפורהלע איז שנעל געלאָפן נאָך וואַסער. זי האָט שוין געטראָפן דער טשאָטקען מיט דער פעלקאָווע אויפן בוידעם. זיי האָבן געהערט דאָס געשריי און דאָס ריטשען אונטן, אין שטוב, זענען זיי שנעל אַרויפגעקומען. גיך איז די פעלקאָווע אַראָפּגעלאָפן און אַרויפדערלאַנגט אַ קובל קאַלטע וואַסער, מיר האָבן אים גענומען שטעכן, קנייפּן, טרייסלען, אויפרייסן די ציין, וועלכע זענען געווען פאַרהאַקט. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. די פעלקאָווע דערלאַנגט דאָס וואַסער, מיר גיסן איבער אים, ער נעמט צאַפּלען און ווערט ווידער פאַרשטייפט. מיר האָבן אים געשטעלט מיט דעם קאָפּ אַראָפּ, גענומען אים באַוועגן די הענט, געמאַכט קינסטלעכע אײנאָטעמונג. ער הויבט זיך ווידער אָן צו וואַרפן און נעמט פריש ריטשען. מיר פאַרשטאָפּן אים דאָס מויל. די טשאָטקע שרייט „אָלאַ באָגאַ!”. די פעלקאָווע לויפט אין דרויסן זען, צי קיינער הערט נישט. ער שרייט, ריטשעט, בייסט אונז שיר אָפּ די פינגער מיט די ציין, וואָס ווילן זיך צוריק פאַרהאַקן און פאַלט ווידער אַוועק ווי טויט.

צען מינוט האָבן מיר אים געשטאָכן, געביסן, געטרייסלט און באַגאָסן מיט וואַסער, ביז ער האָט אויפסניי זיך גענומען באַוועגן, זיך וואַרפן און ווידער שרייען.

די טשאָטקע איז אויך אַרויס אין דרויסן און מיר האָבן אים נאָכאַמאָל געמוזט פאַרשטאָפּן דאָס מויל. ער נעמט צאַפּלען און זיך ראַנגלען מיט אונז און — אָט, אָט ווערט ער ווידער שטייף.

ס'איז ווער געפאַלן אויף אַן עצה: אים עטלעכע מאָל אָפּגעגאָסן מיט וואַסער און אַרויפגעוואָרפן איבער אים דאָס איבערבעט מיט די פּאַלטאַנעס. ער האָט אונטן נאָך געריטשעט עטלעכע מינוט ביז ער איז איינגעשלאָפן.

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געכראַפּעט און געשריגן פון שלאָף. איצט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, ער ווייסט גאָרנישט וואָס מיט אים איז געשען. אינגאַנצן איז ער באַגאָסן פון אַ רויטער, בלוטיקער שוים און דאָס האַרץ טוט אים שטאַרק וויי.

די פעלקאָווע און די טשאָטקע פאַרזיכערן, אַז עס האָט קיינער נישט געהערט זיינע געוואַלדן.

6־טער מערץ:

מיר זענען שטאַרק באַאומרואיקט פון אפרימען. שוין אַ וואָך צייט איז פאַרייבער פון זיין אַטאַק און מיר ציטערן נאָך אויף, דערמאָנענדיק זיך יענע מינוטן.

רבונו של עולם, וואָס פאַר אַ ניסים ! און ווער ווייסט צי דאָס איז נאָר געווען אַ פאַרבייגייענדיקע זאַך, אַ צופעליקייט ?!

שוין לאַנג זענען מיר געווען באַאומרואיקט פון זיין האַלטונג, פון זיין אויפפירן זיך. פון טאָג צו טאָג האָבן מיר אין אים באַמערקט ענדערונגען, נישט נאָר פיזיש (ער ווערט כסדר שוואַכער) נאָר אויך גייסטיק. עפּעס אַן אומרואיקייט — אַ טרויעריקע, דריקט אים. גאַנצע טעג זיצט ער אין אַ ווינקל אַ פאַרשטיינערטער און שווייגט פאַרשלאָסן אין זיך. דער בליק פון זיינע אויגן זאָגט פאַר נישט קיין היימלעכס. מיר האָבן, קוקנדיק אויף אים, פאַרגעפילט, אַז עפּעס רוקט זיך אויף אים אונטער. איצט איז ער נאָכמער אָפּגעשוואַכט און נאָך דערדריקטער, עפּעס לעשט זיך אין זיינע אויגן. מיר זאָגן זיך דאָס נישט, אָבער יעדער איינער פון אונז אין זיך, צאַפּלט איבער אים, אויך ער אַליין פילט דאָס און ווי ווייט ער קאָן — באַמיט ער זיך צו האַלטן, צו שטאַרקן. וואָס אַ טאָג ווערט ער אָבער ווי מער דערווייטערט פון אונז און מער אין זיך איינגעשלאָסן. איך באַמי זיך אים אַריינצוציען אין שמועסן, דערוועקן זיין מוט, זיין ענערגיע, ער זאָל אַביסל ווערן אויפגעלעבט — ער האָט אָבער פאַרלוירן צו אַלעם דעם אינטערעס און עפּעס ציט אים צו אַ מידן שלאָף.

היינט איז מיר צום ערשטן מאָל במשך די לעצטע וואָכן, געלונגען אַרויסצוציען אַ שמייכל אויף זיין געזיכט.

דאָס איז געווען אין אַ שמועס וועגן נייעם פראָנט, וואָס זאָל זיך אין קורצן עפענען אויף מערב. איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז עס וועט שוין לאַנג נישט דויערן און דער פראָנט וועט זיך עפענען און אין אַ פריילעכן טאָן האָב איך אים געשילדערט די בילדער פון יענע טעג, וואָס וועלן באַשטימט זיין דעצידירנדיקע פאַר אונזער גורל. דאָס ערשטע מאָל נאָך אַ לאַנגער צייט האָט ער — ווי אַרויסרייסנדיק זיך פון אַ טיפן שלאָף — אויסגעהערט מיט אינטערעס און לסוף מיט גליק אין די אויגן, געשמייכלט.

אַך, רבונו של עולם, האָב אויף אים רחמנות ! ער האָט שוין מער קיין כוח נישט ! ער דאַרף עפּעס אַ זאַך, וואָס זאָל אים שטאַרקן !

אסתרל און צפורהלע קלאַמערן זיך אין אים, זיי האַלטן אים אונטער און טרייסטן אים, ער פאַלט אָבער. מיר ווייסן נישט וואָס צו טון — מיר זענען הילפלאָז ! ער וואָלט עפּעס געדאַרפט אַ מאכל מיט וואָס זיך צו דערכאַפּן דאָס האַרץ. מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל גערעדט מיט דער פעלקאָווע. צוויי מאָל האָט זי טאַקע עפּעס אַרויפגעגעבן און איצט מאַכט זי זיך ווידער פאַרגעסן.

מיר זענען מאַכטלאָז און קאָנען גאָרנישט טון. הלוואי זאָל עס זיין צום גוטן !

7־טער מערץ:

שוין העכער אַ יאָר צייט, ווי איך שרייב דאָס טאָג־בוך. ווען וואָלט דעמאָלט געקאָנט איינפאַלן, אַז דאָס וועט זיך אַזוי לאַנג ציען און אַז מיר וועלן דורך דער צייט אַזויפיל געפאַרן דורכמאַכן און איבערלעבן!

מיר געפינען זיך שוין דאָ איבער פופצן חדשים. שוין דער זעכצנטער חודש ווי מיר האָבן דורכגעמאַכט דעם וועג מיט דער טשאָטקע אַהער. ווי האָט זיך אָבער אַלץ געענדערט פון יענער צייט! פעלעק לעבט שוין נישט און ווער וואָלט דערקענט די טשאָטקע, פרווונדיק זי פאַרגלייכן צו יענע טעג? — עפּעס נישט דער איינגענער מענטש.

איך טראַכט אָפט וועגן די מענטשן דאָ און — כ'קאָן גאָרנישט פאַרשטיין. שוין נישט רעדנדיק וועגן יאַנעקן, וועלכער איז פאַר אונז, פון כמעט דעם ערשטן טאָג אָן אַ רעטעניש. וויפיל מאָל האָט ער זיך שוין געוויזן אין אַן אַנדער געשטאַלט. ווי שנעל ער טוישט זיך פון אַ פריינטלעכן מענטש ביז אַ פאַלשן. וויפיל מאָל האָט זיך שוין געענדערט אונזער מיינונג וועגן אים, נאָר אויך די טשאָטקע, וועלכער מיר האָבן די ערשטע צייט פשוט פאַרנעטערט, וועלכע איז פאַר אונז געווען ממש אַ מוטער, וויפיל האָט זי זיך פאַר אונז מוסר נפש געווען, ווער קאָן היינט גלויבן, אַז דאָס איז די זעלבע פערזאָן?!

ניין, מיר קאָנען דאָס אַלץ נישט באַגרייפן! עפּעס אַ העכערע קראַפט פירט מיט די דאָזיקע מענטשן!

אַ ציטער גייט מיר אַדורך איבערן לייב דערמאָנענדיק זיך, אַז מיט פופצן חדשים צוריק האָט אונז די טשאָטקע געפירט זיך צו פאַרשטעקן און ראַטעווען ביי אַ באַנדיט. וואָס האָט פאַר דער מלחמה (ווי מיר האָבן זיך עס לעצטנס דערוווּסט) אָנגעוואָרפן אַ פחד אויף די איינוווינער פון דער גאַנצער געגנט! און — ווי פּאַטערלעך, האָט ער זיך צו אונז באַצויגן, אַט דער פעלעק! און ווער קאָן משיג זיין די געשיכטע פון זיין שנעלן, פלוצימדיקן טויט?

פיל מאָל, דורכלעבנדיק די סצענעס צווישן דער פעלקאָווע מיט דער טשאָטקע און יאַנעקן, טראַכטנדיק וועגן זייער באַציִונג צו אונז — דאַכט זיך, אַז אָט, אָט, שוין, ס'האָט זיך, חלילה, געענדיקט און — עפּעס שטענדיק קומט אַרויס, אַז שפּעטער ווערט עס ווידער גוט, שטענדיק — פון אַן אַנדערער זייט! ווער קאָן דאָס פאַרשטיין? איך האָב מורא וועגן דעם צו טראַכטן!

⁂

יאָ, שוין דער זעכצנטער חודש ווי מיר זענען דאָ.

איך דערמאָן זיך אין די ערשטע וואָכן, ווען מיר האָבן זיך נאָך געפונען אין שטוב, הינטער דער וואַנט, נאָר אין דרייען — איך, אסתרל און צפורהלע. נאָך די שרעקלעכע טעג אין לאַגער, איז אונז אַלץ דאָ פאָרגעקומען אַזוי ניי און באַרואי־

קנדיק און איבער אַלעם, ווי האָט אונז געוואָרעמט דאָס געפיל, אַז די טשאָטקע איז מיט אונז! מיר האָבן אונזער גאַנצן גורל איר אָנפאַרטרויט און וויפיל מסירת־נפש האָט זי דעמאָלט פאַר אונז אַרויסגעוויזן!

מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענע שרעקלעכע שטאָק־פינצטערע ווינטער־נאַכט, ווען ס'האָט צו אונז דערגרייכט די ידיעה, אַז אין קאָפּערניק־לאַגער האָט מען אויסגעשאָסן 218 יידן — „נישט־פּעאיקע” צו דער אַרבעט — שוואַכערע, פרויען און קינדער און אַז אויך די איבעריקע דאָרט, זענען באַדראָט. מיר זענען שטאַרק פאַרצווייפלט געווען וועגן אפרימען. ער האָט זיך נאָך דאָרט געפונען צווישן דעם רעשטל, וואָס האָט אַ ליאַדע טאָג דערוואַרט דעם טויט.

זי, די טשאָטקע, האָט צוגעזען אונזער צער און אין יענער פראָסטיקער פינצטערער נאַכט, איז זי אַוועק אין שטאָט נאָך אים. זי האָט זיך געזוימט אַ מעת־לעת און אינמיטן דער צווייטער נאַכט האָט זי אָנגעקלאַפּט ביי אונז אין פענצטער, שטיל — די שכנים זאָלן נישט הערן. אָן איבערגעטועטעם, ווי אַ דאָרפישע גויע, האָט זי אפרימען אַריינגעבראַכט. מיר האָבן זיך אין דער ערשטער רגע דערשראָקן: אין דער טונקלקייט פון צימער איז פאַר אונז, לעבן דער טשאָטקע, געשטאַנען אַ יונגע פויערטע געוויקלט אין לאַכעס — איין ספּודניצע איבער דער אַנדערער, מיט אַ טיכל און דערעלע אַרומגעוויקלט דאָס פּנים. „זי” איז פּלוצים אָן לשון געפאַלן אויף אונז, אונז אַרומגעכאַפּט און גענומען קושן. מיר זענען געקומען צו זיך און — דערקענט אפרימען!... אין דער לעצטער מינוט האָט די טשאָטקע אים געהאַט אַרויסגעראַטעוועט פון לאַגער. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אַלע דאָרט לעבעדיקערהייט פאַרברענט!

מיר האָבן נישט געהאַט קיין ווערטער אויסצודריקן אונזערע געפילן צו איר. אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר דעמאָלט שוין נישט געשלאָפן. זי איז געזעסן אויף דער פּאָדלאָגע, אַרומגערינגלט פון אונז און אַ גליקלעכע, מיט טרערן אין די אויגן, בסדר דערציילט די ניסים, ווי זי האָט אים אַרויסגעגנבעט פון לאַגער, פון דער שטאָט, ווי זי האָט אים געפירט איבער די וועגן — צו פוס און אויף וועגענער — פון היימישע און פרעמדע פויערים, ווי זי האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר זיי אַלס אירם אַ ברודערן־טאָכטער — אַ טויב־שטומע, וואָס איז פאַרתּמ'ט — אַ נישט נאָרמאַלע. אַ טייל פויערים האָבן באַדויערט און אין דער פינצטער געוואָרפן מיטפילנדיקע בליקן אויף דעם אומגליקלעכן קראַנקן מיידל. אַנדערע, האָבן פון איר חוזק געמאַכט און געלאַכט.

אפרים איז צווישן אונז געזעסן צעמישט, אויסגעהערט דער טשאָטקעס דערציילן, פאַרוואונדערט געקוקט און נאָך נישט געקאָנט קומען צו זיך פון דעם וועג. ער האָט נישט געוווסט, צי זאָל ער דאָ בלייבן, צי גאָר צוריקלויפן אין לאַגער אַריין. ער איז געווען מאָדנע איבערגעשראָקן.

ביי אַראַמאָווע האָט זיי דער דאָרטיקער סאָלטיס געהאַט אָפּגעשטעלט און געפרעגט ביי דער טשאָטקען, צי די טויב־שטומע איז נישט אַמאָל עפּעס אַ זשידאָווקע? צי די טשאָטקע קען זי אויף זיכער? ער האָט אפילו געפאָדערט דאָקומענטן און די טשאָטקע — נישט פאַרלירנדיק זיך — האָט אים אויסגעלאַכט, געמאַכט אַזוי חוזק, אַז אַלע פויערים אַרום האָבן מיטגעלאַכט. די „צע'תמ'טע”, אַרומגעוויקלט דאָס פּנים, האָט פאַר שרעק געוואָלט פאַרשטעלן די אויגן, נאָר אין דער פינצטער האָט מען סיי־ווי נישט געזען דעם טויט־בלאַסק אין זיי.

די טשאָטקע דערציילט דאָס און לאַכט נאָך אויך איצט, אין אפּרימען וואַרפט זיך אַלץ דאָס האַרץ.

יאָ, שווער, גאָר שווער, איז אונז דעמאָלט אָנגעקומען צו פועלן ביי אים, אַז ער זאָל ביי אונז בלייבן און נישט וועלן צוריקגיין. ער האָט געציטערט און כסדר געשריגן, אַז ער וויל צוריק, דאָס האַרץ זאָגט אים, אַז דאָרט איז בעסער, זיכערער. עטלעכע טעג האָט ער זיך אַזוי געבעטן רחמים, אַז מיר זאָלן אים צוריקלאָזן. ער האָט אונז אינגאַנצן צעמישט מיט זיינע תחנונים. ער האָט געבעטן, אַז מיר זאָלן איבערשמועסן און פועלן ביי דער טשאָטקען, אַז זי זאָל אים צוריקפירן אין לאַגער אַריין.

עטלעכע טעג אַזוי, ביז עס איז אינצווישן אָנגעקומען די פינצטערע בשורה, אַז די יידן דאָרט לעבן שוין נישט, מען האָט זיי טאַקע אין די טעג לעבעדיקערהייט פאַרברענט און אפרים איז שוין אַזוי אַרום געבליבן ביי אונז.

שפּעטער, אין אַ קורצער צייט אַרום, האָט זיך צו אונז געראַטעוועט פון אַ בונקער אין מראָזער וואַלד, וואָס איז געוואָרן אַנטדעקט דורך די דייטשן און אויפגעריסן צוזאַמען מיט זיבן יידן — פּרוימאַן. דורך אַ נס איז ער פון דאָרט ניצול געוואָרן. ער האָט זיך געוואַלגערט אין אַן אַנדערן לאַגער, ביז מיר האָבן זיך פון אים דערוווסט און אויך אים האָט די טשאָטקע געבראַכט, — געבראַכט דורך אָפענע וועגן, אין מיטן העלן טאָג !

טראַכטנדיק וועגן דעם אַלעם, וואָלט זיך געגלוסט דער טשאָטקען אויסקושן יעדעס אבר.

ניין, ס'איז עפּעס גאָרנישט צו פאַרשטיין, זיך פאַרצושטעלן, ווען מען טראַכט היינט וועגן דעם. צי איז איר דאָס אַלץ מיט דער צייט געוואָרן צוגעגעסן, פאַרמיאוסט ?

אויך נאָך היינט, פיל מאָל, ווען זי פאַרגעסט זיך און קומט אַרויפֿ, דאַכט זיך, אַז עס נעמט עפּעס שטראָמען פון איר צו אונז. אָ, ווען נישט די ווירקלעכקייט פון יעדן טאָג ! צי איז אונז אפשר סתם באַשערט זיך צו מאַטערן און אָפּצוקומען פאַר אַלעם בייזן, פאַר יעדן שלעכטס ? — ניין, ס'איז גאָרנישט משיג צו זיין !

21־טער מערץ :

שוין עטלעכע וואָכן ווי ס'איז שטיל צווישן דער פעלקאָווען מיט דער טשאָטקע. זיי זענען צווישן זיך ברוגז, רעדן נישט איינע מיט דער אַנדערער און ס'קומט נישט צו קיין אָפענע סקאַנדאַלן, זיי מיידן זיך אויס און קומען נישט אין באַרירונג. יעדן טאָג קריכן זיי צו אונז אַרויפֿ — יעדע באַזונדער, און רעדן זיך אָפּ פון האַרץ. ווען זיי קאָנען זיך כאָטש דערטרונקען איינע דער צווייטער, אָדער כאָטש גלאַט אַזוי זיך דערשטיקן.

די טשאָטקע פאַרשטייט נישט צוואָס דער „הער גאָט" לאָזט לעבן אַזאַ נידעריק באַשעפעניש אויפֿ דער וועלט, בעת אַזוי פיל גוטע מענטשן קומען כסדר אום ! ס'איז גאָרנישט צו פאַרשטיין ! אויב עס וועט נישט קומען אויפֿ איר, אויפֿ דער מרשעת, מיטאַמאָל פּלוצים אַן אַפּאָפּלעקסיע אָדער סתם אַזוי אַ מיתה משונה — איז קיין גערעכטיקייט און יושר נישטאָ אויפֿ דער וועלט !

די פעלקאָווע ווידער בעט, אַז זי, די מכשפה, זאָל צעברעכן אויף איין מאָל, צוזאַמען, די הענט מיט די פיס, מען זאָל זי נעמען אין שפיטאָל אַריין כאָטש אויף אַ יאָר צייט!

— אָ, דעמאָלט וועט די גאַנצע וועלט אָפאָטעמען! אויב חלילה נישט, איז זי גרייט, די פעלקאָווע, זיך אַ מעשה אָנצוטון, זי וועט זיך נעמען דאָס לעבן!

בכלל גייט זי אַרום מיט טרויעריקע מחשבות, די פעלקאָווע. ס'איז איר אומעטיק, די טעג זענען איר טרויעריק, אַז מ'שטיינסגעזאָגט, וואָס איז דען אַ נקבה אַליין אויף דער וועלט? — אָן אַ מאַן, אָן אַ קינד, אָן אַ רינד, און בפרט — מיט אַזאַ שונא ווי די טשאָטקע אין שטוב! אַנדערש וואָלט געווען מיט אַ שטיקל פריינט, מיט אַ נאָענטן מענטש. „אַ מאַנספערשוין איז פאָרט אַ מאַנספערשוין!”.

טראַכט זי שוין פיל מאָל וועגן דעם, אַז עס וואָלט געווען אַ יושר! ס'איז שוין פרילינג, ס'קומט די פאַרזיי־צייט. דאָס שטיקל פעלד, ווי קליין ס'איז נישט, וואָלט געדאַרפט האָבן אַ האַנט, אַ קאָפ, אַ שטיקל באַלעבאָס. נו, און אַ קו האָט זי אויך. דער חזיר איז זיך קיין איינעהאָרע נישקשהדיק צעוואָקסן. אַ האָן מיט אַ הויף הינער דרייט זיך אויך אַרום, וואָלט עס אפשר געווען אַ יושר?

— הא, וואָס וועט זאָגן דער נייער באַלעבאָס וועגן אונז? צי איז נישט קיין מורא אַ פרעמדן מענטש דאָס אַנצופאַרטרויען? — נו, מען וועט שוין זען, מען וועט זיך אַן עצה געבן! עס שאַדט נישט, וואָס וועט דאָס דען אים אָנגיין? — צווייטנס, זי האָט דערצו נישט קיין עצה, פאַרפאַלן, אַליין זיך העלפן קאָן זי נישט. ס'איז איר צו שווער, „אַ מאַנסביל איז פאָרט אַ מאַנסביל!” ס'איז שוין פרילינג. דערנאָך גייט זומער. ס'איז אוממעגלעך, אַז זי זאָל זיך אַליין אַלץ איינאָרדנען. חוץ אַלעם — ס'איז דאָך טאַקע שוין פרילינג, ווען ס'נעמט נאָר וואַרעמער ווערן — קאָן מען שוין לעבן אין וואַלד, הלמאַי קוניאַק?! — נו, זאָל זי רעדן מיט אים? אַז זי וועט אים זען — קאָן זי אים דערציילן וועגן אונז. זי קאָן אים אויך זאָגן, אַז מיר ווילן גיין מיט אים. ער וועט אונז שוין זיכער ווייזן אַן אָרט, ווו מען קאָן זיך פאַרשטעקן און אפשר צוזאַמען מיט אים? — ס'וועט אים, דעם אָרימען, זיין פריילעכער, האַ? — יאָ, יאָ, זי וועט שמועסן מיט אים. זאָל זי אים נאָר טרעפן, ער איז שוין לאַנג דאָ נישט געווען. זיכער וועט ער זיך די טעג ווייזן.

— וואָס? ס'איז נאָך צייט דערפון צו רעדן? — ניין, מען מוז זיך גרייטן דערצו! פאַרפאַלן, זי קאָן אַנדערש נישט מאַכן, זי מוז אַזוי. זי איז אַזוי אומגליקלעך, אַזוי איינזאַם, אַזוי עלנט. נאָר יאָ, — זי האָט שיר פאַרגעסן — די מכשפה, די טשאָטקע, מוזן מיר מיט זיך מיטנעמען, אָדער — זאָל זי גיין צום טייוול, ווו זי וויל נאָר. ס'איז נישט איר עסק. דאָ בלייבן קאָן זי מער נישט! איבעריקנס, זאָל זי גיין צוריק אין שטאָט אַריין, קיין מינסק, צוריק צו זיך אין שטיבל — פראַווען אירע שטיק. לענגער דאָ זיין — ניין! שוין גענוג פאַרביטערט איר דאָס לעבן!

קומט זי כסדר צו אונז זיך באַראָטן וועגן נייע שידוכים. וואָס מען שלאָגט איר פאָר.

— אפשר דער אַלטער צערעניאַק? — אַ גאַנץ ווילער, נאָר אַ נאַר. סטאַשקאָ קוטשאַק וואָלט גוט געווען. נו, — האָט ער דאָך אַ ווייב, זי איז אפילו קראַנק, אפשר וועט זי שטאַרבן.

די פעלקאָווע זיפצט און טראַכט, אַז ווען נישט דאָס אומגליק אין שטוב,

וואָלט אַלץ אַנדערש אויסגעזען, אַ מענטש וואָלט געקאָנט אַריינקומען, זיין אַביסל, און זי וואָלט נישט געווען אַליין, פאַרלאָזן ווי אַ הונט!

די טשאָטקע טרייסט אונז, אַז מיר זאָלן זיך נישט זאָרגן. פון דעם עסק וועט סיי־ווי גאָר נישט אַרויסקומען, ווייל אין די דערפער געפינט זיך גאָרנישט אַזאַ נאַר, אַזאַ משוגענער, וואָס וועט מיט אַזאַ מיאוסקייט, מיט אַזאַ אַלטער און אַזאַ מרשעת חתונה האָבן און — אויסער אַלעם — מיר דאַרפן קיין עגמת־נפש נישט האָבן, נישט דערלעבן וועט זי דאָס, די פעלקאָווע! חתונה האָבן גאָר! דערויף איז זי דאָך דאָ, די טשאָטקע. זאָל זי נאָר וויסן צו וועמען זי שדכנט זיך, וועט זי שוין מיט יענעם איבעררעדן...

— ניין, ס'איז זיך גאָרנישט דאָ וואָס צו זאָרגן. כל־זמן זי, די טשאָטקע, לעבט און אַזוי לאַנג ווי זי וועט לעבן, וועט יענע נישט חתונה האָבן! מיר קאָנען דערין זיכער זיין!

— כאַ, כאַ, כאַ — חתונה האָבן גאָר האָט זיך איר פאַרוואָלט און אַז זי, די טשאָטקע, האָט נישט חתונה. מיט וויפיל איז זי דען סך הכל, מישטיינסגעזאָגט, עלטער פון יענער? מיט וויפיל? — נישט מיט קיין גאַנצע צען יאָר אפילו.

— כאַ, כאַ, כאַ — נאָר מיטן טייוול וועט זי חתונה האָבן, נאָר מיט אים, מיט קיין מענטש נישט. ניין, מיר קאָנען רואיק זיין!

* * *

די פעלקאָווע זאָרגט זיך, וואָס זי קריגט נישט קיין שידוך. עס מאַכט זיך נישט און אַז עס קומט שוין יאָ ווער אונטער און עס דאַכט זיך אָט־אָט, שוין — דויערט עס נאָר אַ פאָר טעג און מיטאַמאָל ווערט עס אויס, יענער קריגט חרטה. זי קלאָגט זיך, אַז זי האָט נישט קיין הצלחה. ס'איז ווינד און ווי איר גורל. אָבער וואָס קאָן זי טון? מן־הסתם איז עס דאָך אַ באַשערטע זאַך, אַזוי שוין אָפצופינצטערן אַלע אירע יאָרן, דאָס גאַנצע לעבן. זי זעט באַשיינפערלעך, אַז עס איז נישט פשוט. זי מיינט עס טאָקע, מיט די שידוכים. מסתמא איז דאָך אַזוי אויך דער ווילן פון פאַן יעזוס, אַז זי זאָל שוין אַזוי פאַרבלייבן אַ וויסטע אַלמנה. אַז אַלץ קריכט איר זוי פון אונטער די הענט אַפער! נישטאָ וואָס צו מאַכן! ווייזט אויס, אַז אויך פעלעקס האַנט איז דערין. ער וויל נישט, אַז זי זאָל חתונה האָבן. אייביק, וויל ער, זאָל זי נאָך אים טרויערן, זי זעט אים אַלע מאָל אין חלום, ער איז גאָר טרויעריק און בייז. דאָס פאַרדריסט אים זיכער אויף איר, פאַרוואָס זי קלערט צו נעמען אַן אַנדערן מאַן.

— ער איז גערעכט, דער אָרעמער נעבעך, מען דאַרף טאָקע נישט. זי לאָזט אים דאָרט אין גרוב נישט איינליגן. ער מוז זיך לויפן מיען, אַז פון די שידוכים זאָל גאָרנישט אַרויסקומען. ניין, פאַרפאַלן! נו, מילא, וועט זי בלייבן אַליין, אַז ס'איז נישט באַשערט. ס'איז נאָר גלאַט שלעכט מיטן פעלד, מיט דער ווירטשאַפט, נישטאָ ווער עס זאָל עפעס טון. זי אַליין האָט קיין כוח נישט און קאָן זיך קיין עצה נישט געבן. אויף פרעמדע מענטשן קאָן מען זיך אויך נישט פאַרלאָזן, זיי זענען פאַלש, גנבענען, און די אַרבעט איז קיין אַרבעט נישט. חוץ דעם, קאָסט עס טייער, זי איז נישט ביכולת אַזוי פיל צו צאָלן וויפל זיי פאַרלאַנגען.

— האַ, דער פּאַן יוזשעק וועט צושטייער געבן ? — נו, זאָל זיין. אוודאי איז דער פּאַן יוזשעק אַ גוטער. זי וועט עס אונז קיינמאָל נישט פאַרגעסן !

23־טער מערץ, פאַרנאַכט :

מיר האָבן היינט אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן טאָג. דער שווייס האָט זיך פון אונז געגאָסן און מיר ליגן איצט אַלע מידע אין די ווינקלען.

באַלד אינדערפרי, בעת אסתּרל איז אַרויסגעקראָכן פון באַהעלטעניש איבערן היי, אויף יענער זייט בוידעם, האָט זי צוליב אומפאָרזיכטיקייט פאַרלוירן אַ נאָדל, וואָס זי האָט געהאַט שטעקן אין לאָץ. זי איז צוריקגעקומען אויס מענטש, חלילה וחס, אויב „לאָשאַ" בעתן קייען דאָס היי זאָל אַראָפּשלינגען די נאָדל, איז אונזער לעבן מער קיין פּרוטה נישט ווערט. די פעלקאָווע וואָלט אונז אַלע צעריסן אויף שטיקער און מען וואָלט זיך געמעגט געזעגענען מיט דער וועלט.

איך בין אַרויס און פאָרזיכטיק גענומען זוכן אין היי. כמעט יעדעס פּיצל צענומען און אָוועקגעלייגט אין אַ זייט. געטאַפּט מיט די הענט אין דער פינצטער, געקוועטשט דאָס היי, אפשר וועל איך אָנטרעפן עפּעס שטעכיקס.

איך האָב אַזוי אָפּגעאַרבעט עטלעכע שעה און — די נאָדל איז ווי איינגעזונקען געוואָרן אין דער קופּע. אַ שווייס האָט פון מיר געשלאָגן. כ'בין געפאַלן פון די בורחות און גאָרנישט צו מאַכן ! כ'בין ווי מאַכטלאָז אַריין, געבליבן ליגן אין באַהעלטעניש און פרוימאַן איז אַרויס. ער האָט אָפּגעזוכט עטלעכע שעה. שפּעטער, אסתּרל, צפּורהלע און אפרים. זיי האָבן געאַרבעט מיט די לעצטע כוחות און — אָן רעזולטאַט. נישטאָ וואָס צו מאַכן, די נאָדל איז נישטאָ !

עטלעכע מאָל אין טאָג קומט די פעלקאָווע מיט אַ קויש אויפן בוידעם און נעמט היי פאַר דער קו. באַהיט און באַשירעמט זאָלן מיר ווערן, אַז „לאָשאַ" זאָל זיך חלילה שטיקן ! אויסזאָגן ווידער, אַז מיר האָבן פאַרלוירן אַ נאָדל און זי זאָל זיין פאָרזיכטיק — טאָר מען אויך נישט. דאָס הייזל וואָלט געגאַנגען אויף רעדלעך ! ווייסט מען נישט וואָס צו טון, מיר זענען פאַרצווייפלט.

איך בין ווידער אַרויס זוכן און ווידער די אַנדערע. מיר האָבן אויפסניי צענומען דאָס היי אויף קליינע קופּקעלעך. יעדעס קופּקעלע נאָך אַמאָל איבערגעקוקט. בודק געווען די גאַנצע קופּע פון אויבן ביז אַראָפּ. עטלעכע מאָל זי איבערגעוואָרפן פון זייט צו זייט, באַטאַפּט יעדער „גאָרשטש" אין האַנט. איך באַזונדער, זיי — באַזונדער און — כאָטש שלאָג מיטן קאָפּ אין דער וואַנט ! חלילה אַן אומגליק ! דער טאָג איז שוין באַלד אדורך. מיר קאָנען נישט רוען !

פאַרנאַכט, אַ רעזיגנירטער, האָב איך באַשלאָסן נאָך אַמאָל פּרווון זוכן. כמעט מיט פאַרצווייפלונג און כעס האָב איך גענישטערט דאָס היי.

פּלוצים האָב איך דערפילט אַ שטאָך אין אַ פינגער און באַלד נאָך איינעם. כ'האָב גלייך אַריינגעלאָזט די האַנט אויף דעם אָרט און — אַרויסגעצויגן די נאָדל מיט אַ שטיקל פאָדים איינגעפעדימט ! אַן איינגעטונקענער אין שווייס — בין איך אַריינגעקראָכן אין באַהעלטעניש. כ'האָב מיט נצחון געטראָגן די נאָדל אין האַנט...

מיר קאָנען זיך איצט פאַר מידקייט פון די ערטער נישט רירן, אָבער מיט אַ זינגער־שמייכל דרימלען מיר איין.

26־טער מערץ:

די פעלקאָווע טראָגט זיך אַרום מיט אַ פרישן פלאַן — אַהערצוברענגען אירס אַ פלימעניק, איר ברודערס אַ זונדל — אַ שנעק פון זעכצן יאָר — פון אַ דאָרף אין די ווענגראָווער מקומות. אַז קיין קינד — קיין יורש און קיין גואל, האָט זי נישט — פאַר וועמען דען האָט זי משטיינסנעזאָגט צו אַרבעטן? — וויל זי אים, וואַצושן, האַלטן ביי זיך. בפרט אַז ער וועט צונוצקומען. ער איז געזונט און גוט אַנטוויקלט. ער קאָן, זאָגט מען, אַרבעטן פאַר צוויי. זי וועט פאַרשפאָרן צוצונעמען צום פעלד פרעמדע מענטשן.

מיר קענען אים, דעם „תכשיט". מיר האָבן שוין פון אים געהאַט צו זינגען און צו זאָגן.

מיט עטלעכע חדשים צוריק, נאָך בעת פעלעקס לעבן, זומער, איז ער דאָ געווען, וואַצוש, צו גאַסט עטלעכע טעג — האָט דאָס גאַנצע דאָרף דערמאָלט געקאָכט, אַז ביי פעלעקן זענען דאָ „זשידעס". וואַצוש האָט געזען ווי מען קאָכט גרויסע טעפ מיט עסן און אַז מ'איז דערביי געהיטן — האָט ער פאַרשטאַנען, אַז יידן מוזן זיך דאָ אויכבאַהאַלטן. ער האָט גענומען נאָכפאָרשן, אומעטום געזוכט — אין די קאַמערן, אין שטאַל, אין שייער, אין די קעלערן. און — לסוף — האָט ער געפרוווט אַרויפקריכן אויפן בוידעם, נעבן דאָרט אַ נישטער. פעלעק האָט עס באַמערקט און אים געשטערט. וואַצוש האָט זיך אָבער פאַרלייגט דווקא אַרופצוקריכן אויפן בוידעם. ער האָט געזוכט תחבולות, מיטלען און אויסריידן. מען האָט געמוזט די לייטער פאַרשטעקן אין קעלער.

איינמאָל אין האַלבן טאָג, בעת די זון האָט מיט שאַרפע שטראַלן אַרומגענומען אונזער כאַלופע, האָבן מיר דורך די שפאַרעס געזען, ווי וואַצוש ליגט אַנטקעגן אונזער ווענטל, אויפן גראָז — אַ צעהיצטער, אַ צעטומלטער און שפילט זיך מיט אַ שפיגעלע. ער האָט עס געדרייט אין אַלע זייטן, זיך געשפילט מיט די זון־שטראַלן, גערוואָרפן „זון־פלעקן" אַרום און אַרום און כסדר געקוקט צום ווענטל. מיטאַמאָל האָט ער מיט דער הילף פון שפיגעלע גענומען וואַרפן שטראַלן גלייך צו אונז אין די שפאַרעס אַריין. דאָס האָט אונז אויסגעזען צו זיין פאַרדעכטיקט — האָבן מיר זיך פאַרשטעקט אין די ווינקלען.

נאָך אין זעלבן טאָג האָט מען אין דאָרף געשמועסט, אַז ביי פעלעקן אויפן בוידעם זיצן „זשידעס" — וואַצוש האָט זיי דורך די שטראַלן געזען אין דעם שפיגעלע.

פעלעק האָט דעם קליינעם אַהיימגעשיקט, אונז אויך עטלעכע טעג פאַרשטעקט אין קעלער. דאָס ווענטל אויפן בוידעם צענומען און געפירט דעם סאָלטיס מיט אַנדערע פויערים אויבן אַרויף, זיי איבערצוצייגן, אַז עס איז אַ ליגן, אויפן בוידעם איז קיינער נישטאָ, דער קליינער איז אַ בלבול־מאַכער און אַ ליגנער. שפעטער האָט מען צוריק אויפגעקלאַפט דאָס ווענטל און מיר זענען ווידער אַרויף. דאָס אַלץ וואָלט אפשר ווייניק געפועלט. ס'איז אָבער אינצווישן אונטערגעקומען די געשיכטע מיט

פעלעקס טויט. די זשאַנדאַרן האָבן געזוכט אויפן בוידעם און אומעטום און גאָרנישט געפונען. דאָס האָט פאַרן דאָרף באַשטעטיקט, אַז וואַצוש איז טאַקע אַ ליגנער.

איצט טענהט די פעלקאָווע, אַז עס וועט גאָרנישט העלפן, זי מוז אים ברענגען אַן אויב אונז געפעלט עס נישט, האָט זי דערצו קיין שום עצה נישט. אַליין האָט זי נישט נאָך וואָס צו לעבן. אים וועט זי פילן ווי אַן אייגן קינד.

די טשאָטקע זאָגט, אַז אויב דער קליינער ממזר קומט — זענען מיר אומגליקלעך, איז תיכּף אַ סוף צו אַלעם!

די לעצטע טעג האָבן מיר כסדר אונטערגעהאַנדלט מיט דער פעלקאָווע, מיט גוטן און מיט בייזן. קודם־כּל, האָב איך איר נאָכאַמאָל פייערלעך פאַרזיכערט, אַז זי וועט נישט מוזן אַליין אַרבעטן אין פעלד, איך וועל צאָלן פאַר אַ מענטש. זאָל זי וועמען דינגען צו הילף. דער שניט איז נישט נויטיק. מער ווי צרות וועט זי סיווי פון אים גאָרנישט האָבן. ער וועט אַלץ אַרויסגנבענען און שיקן צו זיינע עלטערן. איבעריקנס, איז דאָך דאָס נישט בלויז אונזער ענין: אויב ער וועט קומען און אונז זען, וועט ער זיכער מסרן און — אַז פּאָליציי וועט קומען, וועט מען דאָך זי טויטן גלייך מיט אונז!

די פעלקאָווע האָט זיך פאַרטראַכט און געוואָרן אַביסל טרויעריק. אין עטלעכע שעה אַרום איז זי אַרויפגעקומען און געלאַכט:

— זי וויל דאָך טאַקע, אַז מיר זאָלן אַוועקגיין פריער, נאָך איידער ער קומט. אָט־אָט ווערט וואַרעם אין דרויסן — וועט זי שוין איבערהערן מיט קוניאַקן וועגן אַן אָרט ביי אים אין וואַלד־בונקער. מיר מוזן זיך שוין גרייטן דערצו!

היינט האָב איך זי שטאַרק איבערגעשראָקן, די פעלקאָווע. כ׳האָב איר געזאָגט, אַז — יאָ, מיר זענען גרייט אַוועקצוגיין אין וואַלד אַריין, אָבער אונטער איין באַדינג: זי מוז אונז דערלויבן מיטצונעמען מיט זיך דאָס געווער, וואָס פעלעק האָט דאָ באַגראָבן, בכדי אין פאַל, אויב מען וועט אונז חלילה כאַפּן — זאָלן מיר קאָנען שטעלן אַ ווידערשטאַנד די דייטשן, ווייל איין רעוואָלווער איז דאָך צו ווייניק. בשעת־מעשה האָב איך איר געוויזן דעם רעוואָלווער, וואָס פעלעק האָט אונז איבערגעלאָזט פאַרן טויט.

די פעלקאָווע איז געוואָרן דערשראָקן: זי האָט בכלל נישט געוווּסט, אַז מיר האָבן געווער און אַז דער „שוטה שוויענטעי פּאַמיענטשי", האָט אונז דאָס געגעבן. זי בעט, אַז איך זאָל איר זאָגן, וווּ פעלעקס געווער ליגט באַגראָבן, וועט זי עס תיכּף אַרויסוואַרפן. זי האָט מורא, אַז די דייטשן קאָנען זיך נאָך חלילה דערפון דערוויסן און זיי קאָנען נאָך דאָס הייזל פאַרברענען און זי דערשיסן!

— אָ, מיר זאָלן רחמנות האָבן און זאָגן, וווּ עס געפינט זיך!

איך שפּיל זיך מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט און זאָג, אַז דאָס קאָן איך נישט אויסזאָגן. כ׳האָב פעלעקן געגעבן תקיעת־כּף און פאַרזיכערט, אַז כ׳וועל עס פאַר איר נישט אַנטפּלעקן. כ׳וועל עס איר אויסזאָגן נאָר ווען מיר וועלן האַלטן ביי אַוועקגיין אין וואַלד אַריין. דעמאָלט ווען מיר וועלן עס אויסגראָבן בכדי מיטצונעמען מיט זיך.

די פעלקאָווע קוקט — דאָ אויפן רעוואָלווער, דאָ — אויף מיר און — אין דעם פייערל פון אירע אויגן דערקענען מיר דעם חשד, וואָס צינדט זיך אין איר. זי האָט מורא, אַז אויב מיר וועלן דאַרפן אַוועקגיין פון דאַנען, זאָלן מיר חלילה נישט אַריינשיקן אַ געהיימען בריוו צו דער פּאָליציי, אַז ביי איר געפינט זיך געווער. אויך

דער בליאַסק פון דעם קאַלטן מעטאַל ביי מיר אין האַנט, רייצט איר די נערוון. זי נעמט קרעכצן :

— נו, מילאַ, זי זאָגט נאָך נישט אויף זיכער, אַז זי וועט אַהערברענגען וואַצושן. אוודאי איז אַ מורא אים צו ברענגען. ס'איז טאַקע אפשר גלייכער צוצונעמען אַ מענטש צו דער אַרבעט. ס'ווענדט זיך נאָר צי דער פאַן יוזשעק קאָן געבן אַ כך געלט ?

— אדרבה, מיר קאָנען מיט פאַרגעניגן דאָ בלייבן. מען דאַרף נאָר בעטן, אַז גאָט זאָל היטן ! ער וועט אונז זיכער היטן. מיר זענען דאָך גוטע מענטשן, טייערע מענטשן. אויף איר ערן־וואָרט ווי זי האָט אונז ליב. כסדר אַזוי פון ערשטן טאָג אָן! יאָ, וועגן פעלעקס געווער זאָלן מיר נאָר הלילה, נישט דערוועגן צו דאַכטן פאַר דער טשאַטקע, די מכשפה וואָלט געקאָנט מסרן און זי וועט איר כסדר דערמיט דראָען. פונדעסטוועגן, איז זי אַ בעלן, די פעלקאָווע, צו וויסן, ווו דאָס געווער געפינט זיך?

זי נעמט מיך אויספאָרשן. איך האַלט איין מיין ערנסטקייט. מיין פּנים זאָל הלילה נישט אויסזאָגן, אַז כ'ווייס גלייך ווי זי, ווו דאָס געווער איז באַגראָבן.

— ניין, זאָג איך, ניין, פעלעקס סודות טאָר איך נישט פאַראַטן, כ'וועל דאָס נישט זאָגן !

די פעלקאָווע קוקט אויף מיר מיט אַביסל אַכטונג. זי בעט, אַז איך זאָל פאַרשטעקן דעם רעוואָלווער. זי קאָן אויף אים נישט קוקן און מיט דעם פייערל אין די אויגן — שאַרט זי זיך אַראָפּ פונם בוידעם.

30־טער מערץ :

דאָך האָבן מיר באַשלאָסן אויף יעדן פאַל, על כל צרה שלא תבוא, צו שאַפן זיך נאָך אַ באַהעלטעניש. מיר האָבן וועגן דעם איבערגערעדט מיט יאַנעקן און אים פאָרגעשלאָגן צו מאַכן אַ גרוב ביי אים אין שטאַל (דער שטאַל שטייט סיווי ליידיק, יאַנעק האָט נישט קיין קו) און אים גוט צו פאַרמאַסקירן.

לכתחילה האָט ער דערפון נישט געוואָלט הערן. ער האָט מורא פאַר דער פעלקאָווע, האָט ער געטענהט. מיר האָבן אים אָבער אויפגעקלערט, אַז מיר האָבן נאָך דערווייל נישט בדעה צו נוצן דעם גרוב און מיר טראַכטן גאָרנישט איבערצוטראָגן זיך צו אים. מיר ווילן נאָר האָבן אַן אָרט אין פאַל פון אַ נויטווענדיקייט, אויף אַ טאָג־צוויי זיך צו פאַרשטעקן. מער נישט ! און בכלל, האָבן מיר אים געגעבן צו פאַרשטיין, איז גלייכער אויך פאַר אים צו האָבן גרייט אַ באַהעלטעניש. אין אַזעלכע צייטן ווי די איצטיקע קאָן מען גאָרנישט וויסן. עס קאָן אים אַליין נאָך אויך אַמאָל אויסקומען זיך צו פאַרשטעקן מיט זיין הויז־געזינט. יעדנפאַלס, וואָס אַרט עס אים אויב מיר וועלן אויסגראָבן אַזאַ גרוב, עס וועט אים אַמאָל נאָך נוצן אַלס „קאָפּיעץ” פאַר די קאַרטאָפל אויף ווינטער, אָדער אויף אַ קעלער.

יאַנעק האָט מסכים געווען מיט דעם געדאַנק. מיר האָבן רעכט, ווער ווייסט צי ער אַליין מיט זיין ווייב און קינדער וועלן זיך טאַקע אַמאָל נישט דאַרפן פאַרשטעקן.

— אַזעלכע צייטן ! אַז מען דערמאָנט זיך אין די קינדער, איז טאַקע אַ רחמנות. עס שניידט ביים האַרץ. אַזעלכע ווילדע, זיך אַזוי גוט אַנטוויקלט, ווי שיין זיי זענען! ער האָט זיי טאַקע געמאַכט די קליידלעך פון דער סחורה, וואָס ער האָט פון אונז

באַקומען אויף ווייַנאַכט. עס שמעקט אַזש אַראָפּ פון זיי, אָבער, וואָס קומט אַרויס?

— עס גייט דאָך צו זומער — קאָן מען דאָך נישט טראָגן ווינטערדיקע, וואָלענע קליידער. אָ, ווי זיי נויטיקן זיך אין לייכטע, זומערדיקע קליידלעך!

— מיר האָבן רעכט, דעם גרוב קאָנען מיר טאַקע גראָבן. אָך, אַזעלכע ווילע געראָטענע קינדער, וואָס פאַר אַ מלבושים מען מאַכט זיי — וואַקסן זיי אַרויס פון זיי.

⁂

פאַרטאָג, האָבן מיר, איך און פרוימאַן, זיך אַראָפּגעשאַרט פון בוידעם צו יאַנעקן אין שטאַל אַריין און מיט שפּאַדלעס זיך גענומען גראָבן. אויפן הויף האָבן געוואַכט יאַנעק מיט דער טשאָטקען. עלף אַזייגער איז געווען פאַרטיק דער גרוב. צוויי מיט אַ האַלבן מעטער די טיף אויף אַ לענג פון צוויי און ברייט — פון אַנדערטהאַלבן מעטער. יאַנעק האָט אַריינדערלאַנגט דרענגלעך מיט ברעטער. מיר האָבן פאַרפּעסטיקט די ווענט און זיך גענומען לייגן דעם „דאַך". מיר האָבן אַראָפּגעלאָזט די ברעטער דריי פערטל מעטער די טיף און אָנגעשיט פון אויבן אויף זיי — אויף אַזוי פיל, דאָס הייסט — אויף דריי פערטל מעטער — מיט ערד. די איבעריקע ערד האָט מען צעשיט אין דער ברייט פון שטאַל אויף אַ פערטל מעטער די הויך. אונזער „דאַך" האָט צוזאַמען געהאַלטן ביי אַ מעטער די דיק. יאַנעק און די טשאָטקע זענען דערויף געשפּרונגען, געטופּעט מיט די פיס און מיט צופרידנקייט פעסטגעשטעלט, אַז עס איז גוט פאַרמאַסקירט און -- גייענדיק אין שטאַל אויבן, דערקענט מען נישט, אַז אונטער דער ערד געפינט זיך אַ חלל. דעם שמאָלן צודעק צום אַריינגאַנג (די ברייט פון אַ מענטש, נאָר צו קאָנען זיך אַראָפּלאָזן) — האָט מען גוט פאַרמאַסקירט.

אין אָוונט, ווען ס'איז טונקל געוואָרן זענען מיר צוריק אַרויפגעקראָכן אויפן בוידעם. אונזער חבֿרה האָט זיך מיט אונז צעקושט. מיר האָבן זיך געדריקט די הענט און געווונטשן, אַז אויף אַ גוטן אופן זאָלן מיר דערצו נישט דאַרפן אָנקומען!

1־טער אַפּריל:

הײַנט איז אסתרלס געבורטסטאָג — זי ווערט פירונצוואַנציק יאָר. דאַנקען גאָט — דערלעבט! זי פייערט שוין דעם צווייטן געבורטסטאָג אין באַהעלטעניש. דעם 16־טן מאַי (ל״ג בעומר) ווערט צוויי יאָר זינט אונזער חתונה אין געטאָ. דאָס איז געווען איינע פון די לעצטע שמחות ביי ייִדן אין אונזער שטאָט. אין דריי חדשים אַרום איז פאָרגעקומען דאָס אומגליק!

פיל מאָל פילן מיר אַ געוויסע סאַטיספאַקציע: מיר האָבן נאָך געהאַט די זכיה, אַז אונזערע מוטערס זאָלן אונז בענטשן פאַר דער חופה (אונזערע ביידע פאָטערס האָבן שוין דעמאָלט נישט געלעבט). דאָס איז געווען ווי אַ לעצטע ברכה, ווי אַ געזעגענונג שוין אויף אייביק, עפּעס האָט זיך דעמאָלט שוין פאָרגעפילט.

יאָ, ערשט מיט צוויי יאָר צוריק איז דאָס געשען. איצט פילן מיר זיך שוין ווי זקנים, אַלע פילן מיר זיך אַזוי, כאָטש קיינער פון אונז איז נאָך קיין דרייסיק יאָר נישט אַלט. דער עלטסטער פון אונז, פרוימאַן, איז ערשט נישט לאַנג אַלט געוואָרן ניין און צוואַנציק, איך — זעקס און צוואַנציק, אפרים — צוויי און צוואַנציק, און צפורהלע — קוים צוואַנציק יאָר. קוניאַק, וועלכער גייט געוויקלט אין לאַכעס, ווי אַן אַלטער בעטלער, האָט דאָ ביים לעצטן באַזוך דערציילט פאַר דער טשאַטקע, אַז ער האָט איצט געענדיקט זעכצן יאָר.

לעצטנס, איז ער ווידער געווען פאַרשטעקט אין יאַנעקס שייער, אין היי. ס׳איז אַ רחמנות צו קוקן, קוים וואָס ער גייט אויף די פיס. דאָס האַרץ בלוטיקט צוזעענדיק זיין צושטאַנד. אסתרל האָט אים ווידער אויפגענייט וועש און וואַרעמע שטאָפענע פאַנטאָפל. מיר האָבן אים אויך אַראָפגעשיקט געלט, ער זאָל זיך קויפן אַ פּאָר שיך. די טשאַטקע האָט עס אים איבערגעגעבן. ער איז געווען באַגייסטערט פון דער גוטער קריסטין און ער האָט האַרציק געדאַנקט. ער זאָגט אָבער, אַז שיך קאָן ער נישט און טאָר זיך נישט קויפן. ראשית, האָט ער נישט ווו צו קויפן, והשנית, זיין אָפגעריסענער הולך — זאָגט ער — ראַטעוועט אים. ווען ער וואָלט געטראָגן נייע שיך, וואָלט ער שוין לאַנג נישט געלעבט. מען וואָלט אים געהרגעט בלויז בכדי צוצוראַבעווען ביי אים די שיך.

ער, קוניאַק, פאַרדאַנקט זיין לעבן אויך די צעריסענע לאַבעס, פונקט ווי ער פאַרדאַנקט דאָס די לייז. די גרעסטע קעלטן, דערציילט ער פאַר דער טשאַטקען, האָט ער איבערגעהאַלטן אַדאַנק די לייז, וועלכע האָבן אים נישט געלאָזט איינפרירן. ער איז ווינטער אין די גרעסטע פרעסט געשלאָפן, ערגעץ־ווו אין אַ שייער, אָדער אין זיין וואַלד־בונקער. די לייז פרעסן אים אויס שטיקער לייב און זיי לאָזן אים נישט איינשלאָפן. ער מוז זיך כסדר קראַצן און רייסן פון זיך שטיקער הויט. דאָס האָט אין אים אונטערגעהאַלטן די אינערלעכע וואַרעמקייט און אים אָפגעראַטעוועט פון געפרוירן ווערן.

די טשאַטקען האַלט ער פאַר אַ פריינט. ער פאַרטרויט זיך פאַר איר און דערציילט אַלץ פון האַרץ אַראָפּ. אַנומלט, האָט ער דערציילט, אַז ער טרעפט אָן אויף

נאָך גוטע מענטשן, וואָס העלפן אים. נישט אַלע זענען אַזוי שלעכט. אָט, למשל, האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק איינער, אַ גוטער פויער, וואָס קאָן שוין מער נישט צוקוקן זיין צער, אים געוואָלט דערהרגענען צוליב רחמנות. ער האָט אים מיט אַ שטעקן געוואָלט דערשלאָגן ביז טויט, ער זאָל זיך מער נישט דאַרפן אַזוי מאַטערן. ער האָט נישט געוואָלט, קוניאַק, און איז פון אים אַנטלאָפן.

די טשאָטקע האָט געלאַכט און נישט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס איז געווען פון רחמנות. קוניאַק שווערט זיך ביי אַלעם הייליקן, אַז דאָס איז געווען צוליב רחמנות, נאָר צוליב רחמנות. ער קען אים גוט דעם פויער, ס'איז געווען פון מיטלייד.

— ווייל גלאַט אַזוי וועלן דערהרגענען, פון דעם לויגט נישט — זאָגט ער — צו דערציילן, דאָס טרעפט מיט אים יעדן טאָג. יעדן טאָג שלעפן אים פויערים צום טויט.

⁂

מיר קאָנען נישט איינרעדן, וואָס טוט מען בכדי אים צו העלפן? יעדעס מאָל ווען ער גייט אַוועק — קלאַפּט דאָס האַרץ, ווער ווייסט צי מיר וועלן אים נאָך זען! און אויב עס זאָל חלילה עפּעס געשען מיט אונז — שעמען מיר זיך פאַר אים. די בשורה וואָלט צו אים דערגרייכט, ער וואָלט זיך דעמאָלט דערוווּסט ווענן אונזער זיין דאָ און ער וואָלט אונז דאָס זיכער נישט מוחל געווען!

מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל געקלערט, אין די נעכט בעת ער איז דאָ אין יאַנעקס שייער, זאָלן מיר זיך אַראָפּגנבענען צו אים און אַנבינדן מיט אים אַ קאָנטאַקט. ער וואָלט אָבער דעמאָלט גלייך פאַרשטאַנען, אַז מיר באַהאַלטן זיך דאָ אויס און ווידער נאַרן אים, וואָלט געווען נאָך מיאוסער!

אָ, ווי עס גלוסט זיך אים פּעסט צו אַרעמען. האַלזן אים און קושן און זיך פאַרבונדן מיט אים שוין אויף שטענדיק! כאָטש טיילן דעם זעלבן גורל, וויאַזוי געפינט מען דערצו אַן עצה?!

5־טער אַפּריל :

היינט באַלד אינדערפרי, ווען די פּעלקאָווע איז אַוועקגעגאַנגען אין דאָרף און די טשאָטקע, איז נאָך געבליבן אין בעט, האָבן מיר פּלוצים דערהערט ווי מען קלאַפּט אונטן אין שטוב, אין סופיט, גלייך אונטער אונזער באַהעלטעניש. די טשאָטקע האָט מיט אַ שרעקלעך קול געשריגן, אַז זי חלשט, אַז עס איז איר נישט גוט.

— אָ, יעזוס, זי שטאַרבט, זי גייט אויס! —

מיר זענען שטאַרק דערשראָקן געוואָרן, נישט געוווּסט וואָס צו טון. דער טשאָטקעס קלאַפּן ווערט פעסטער:

— יוזשעק — שרייט זי, ווי מיט די לעצטע כוחות — יוזשעק! ראַטעווע! שנעל, שנעלער! איך שטאַרב!

אויף גאָרנישט קוקנדיק בין איך אַרויס פון באַהעלטעניש, אַראָפּגעשפּרונגען פון בוידעם און אַריין אין שטוב. פון אַלע זייטן זענען געווען אָפן די טירן, די

פענצטער — אויפגעפראלט. די טשאָטקע שטייט אין מיטן צימער מוטער־נאַקעט.

— וואָס איז ? ! — שריי איך ארויס אין איין אָטעם.

— גאָרנישט — צעלאכט זיך די טשאָטקע — גאָרנישט, כ׳וויל נאָר יוזשעק זאָל זאָגן, צי כ׳בין אַ שיינע, צי איך האָב אַ שיין לייב, הא, יוזשעק ?

כ׳האָב גענומען שפּרינגען פון איין פענצטער צום צווייטן. ס׳האָט זיך מיר גערדאכט, אַז פון אַלע זייטן האָט מען מיך געזען.

— ניין, ניין — באַרואיקט זי מיך — קיינער זעט נישט. כ׳האָב זיך גוט ארומגעקוקט פון אַלע זייטן. נו, יוזשעק, כ׳בין שיין ?

כ׳האָב זיך קוים ארויסגעדרייט פון איר און ארויסגעשפּרונגען אויפן בוידעם. ווען כ׳בין שוין געווען פארקלאַפּט אין באַהעלטעניש און נאָך נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם, בכדי צו דערציילן פאַר מיין איבערגעשראָקענער חברה, וואָס עס האָט פּאַסירט, קלאַפּט זי שוין ווידער :

— גלופּי, נאַר ! יוזשעק איז אַ נאַר !...

מיין חברה וואַרפט זיך איינגאַנצן. ווער ווייסט צי ס׳האָט ווער פון דערווייטנס מיך נישט באַמערקט דורך אַ פענצטער. די טשאָטקע הערט אַלץ נישט אויף צו קלאַפּן, שרייען, לאַכן און רופן.

דערווייל איז די פעלקאָווע אָנגעקומען. שטייענדיק אין קיך האָט זי אונטערגעהערט ווי די טשאָטקע רופט מיך. זי איז אַריין אין צימער און טרעפנדיק זי אַ נאַקעטע, האָט זי זיך צעשריגן :

— אַלטע בהמה, אַלט פערד ! אַן אַלטע מיט אַ יצר־הרע פון אַ יונג מיידל. שעם זיך אַלטער נאַר !

בכלל פילט זי זיך, די טשאָטקע, לעצטנס ווי אַ יונג מיידל. די האָר האָט זי זיך איבערגעפאַרבט אויף בלאָנד און זי לויפט יעדן טאָג זיך טרעפן מיט דעם „אָרגאַניסטער" און מיט פראַנעק קוטשאַק פון קאַלושין.

האַלב אַפּריל:

. אין דאָרף קורסירן, דאַכט זיך, ווייטער קלאַנגען וועגן אונז. מיר זענען שטאַרק באַאומרואיקט. די טשאָטקע און יאַנעק לייקענען דאָס אָפּ. מיר האָבן אָבער בולטע באַווייזן, און עס זעט אויס, אַז דאָס מאָל איז עס גאָר ערנסט.

אָנגעהויבן האָט עס זיך נאָך מיט אַ וואָך צוריק. אונזער שכן מאַטשושאַק, וועלכער האָט מיט פופצן יאָר צוריק פאַרקויפט אַ שטיקל פעלד פעלעקן, האָט זיך איצט מיישב געווען, אַז עס איז געווען אַ מקח־טעות, אַז ער האָט זיך גענאַרט אין עס פאַרקויפט פאַר צו ביליק, האָט ער געמאָלדן דער פעלקאָווען, אַז ער האָט הרטה אויפן מקח־וממכר און אַז איצט, פרילינג, נעמט ער דאָס שטיקל פעלד צוריק.

ווען די פעלקאָווע האָט אָנגעהויבן מאַכן געוואַלדן אַז „וואָס הייסט"? זי האָט דאָך אים באַצאָלט און עס געהערט דאָך איר — האָט מאַטשושאַק נישט לאַנג געטראַכט און איז אַרויס מיט לשון:

— אַזוי וויל איך און פּרוּוו זיך נאָר אַנטקעגנשטעלן דו יידישע דינסט, דו!

געשריגן האָט ער דאָס הויך. אַז מען האָט געהערט אויף אַ האַלב דאָרף, און ווען די פעלקאָווע, גאָרנישט ענטפערנדיק, האָט זיך אַוועקגערוקט און איז אַריין אין שטוב, איז מאַטשושאַק געוואָרן ביי זיך נאָך פעסטער און גענומען מאַכן געוואַלדן, אַז צענדליקער פויערים האָבן זיך אַזש פאַרזאַמלט:

— איך וועל זי אָנלערנען, אַזאַ געמיין שטיק, אַזאַ יידישער פּאַכאַלעק!*)

אַלע האָבן געלאַכט. עס האָבן אויך מיטגעלאַכט יאַנעק און די טשאָטקע, וועלכע האָבן אים נאָך אונטערגעגעבן מוט און געריצט קעגן דער פעלקאָווען.

די פעלקאָווע איז אַ דערשראָקענע אַרויפגעקומען צו אונז און געפרעגט, וואָס זי האָט צו טון. זי האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַר זיין וואָרענען. שפּעטער האָט אונז די טשאָטקע באַרואיקט, אַז מאַטשושאַק מיינט חלילה נישט אונז, דאָס וואַרפט ער בלויז פאַר דער פעלקאָווען אירע חטאות־נעורים: אַלס מיידל האָט זי געדינט ביי יידן אין שטאָט. מיר וואָלטן אין דעם אפשר געגלויבט און זיך באַרואיקט, איז אָבער דעם לעצטן זונטיק אונטערגעקומען אַ פרישע געשיכטע פון וועלכער מיר קאָנען נאָך צו זיך נישט קומען:

קוניאַק איז פאַרנאַכט געווען אין דאָרף. אַ באַנדע קליינע שקצימלעך פון וואָלקע האָבן אים באַמערקט און אָנגעהויבן יאָגן. ער איז אַנטלאָפן און אַזוי לויפנדיק איז ער אַריין צו אונז אין שטוב, אונטן. די שקצימלעך האָבן אים געוואָלט אַרויסשלעפן, האָט זיי אָבער די טשאָטקע נישט אַריינגעלאָזט, אויך די פעלקאָווע איז צו זיי אַרויס מיט אַ בעזים. דאָס קליינוואַרג האָט אַרומגערינגלט דאָס הייזל און גענומען אויפפאָדערן די פעלקאָווע, אים אַרויסצוגעבן . זיי וועלן אים אַוועקפירן צו דער פּאָליציי און נישט אויסזאָגן, אַז ער האָט זיך דאָ ביי איר פאַרשטעקט. אויב נישט, גייען זיי רופן זשאַנדאַרמעריע אַהער, וועט זיין ערגער.

---

*) שאַלאַטן־שמש, פאַרקויפטער דינער.

די טשאָטקע און די פעלקאָווע האָבן געוואָלט זיי אָפּיאָגן פון זיך, זיי האָבן זיך אָבער נישט געקאָנט קיין עצה געבן. דאָס קליינוואַרג האָט געשטורעמט די טיר, די פענצטער און געמאַכט אַזאַ גערודער, אַז אין אַ האַלבער שעה אַרום איז דער הויף פול געווען מיט צענדליקער קינדער, שקצימלעך און שיקסעלעך, קלענערע און גרעסערע, וועלכע האָבן געמאַכט געוואַלדן:

— גיב אַרויס די יידן!

— די יידן גיב אַרויס!

— אַלע יידן!

— זשאַנדאַרמעריע קומט באַלד! די פעלקאָווע באַהאַלט יידן!

— מיר גייען נאָך פּאָליציי!

— אָ, פּאָליציי פּאָרט! פּעלקאָווא, אַרויס די יידן!

ערשט ווען ס'איז פינצטער געוואָרן איז דאָס קליינוואַרג זיך צעגאַנגען און קוניאַק איז שנעל אַנטלאָפן.

יאַנעק און די טשאָטקע האָבן אונז באַרואיקט, אַז מיר זאָלן קיין מורא נישט האָבן. ערשטנס, האָבן זיי נישט געמיינט אונז. זיי האָבן געמיינט נאָר קוניאַקן. קינדער, זיי קאָנען נישט רעדן, האָבן זיי געשריגן „אַלע יידן”. געמיינט האָבן זיי אָבער בלויז אים און צווייטנס, ס'איז נישט ערנסט. די קינדער האָבן זיך נאָר אַזוי געשפּילט, צו דער פּאָליציי וועט עס נישט דערגיין.

ביז היינט זענען מיר נאָך געווען אונטערן איינדרוק פון דער דאָזיקער געשיכטע. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט קומט טאַקע די פּאָליציי.

יאַנעק איז אַוועק קיין וווּלקע אויפצוכאַפּן די לעצטע פּליאָטקעס. ער איז צוריקגעקומען אַ פריילעכער. ער האָט אונז דערציילט פּרטים פון דער סאָוויעטישערווינטער־אָפּענסיווע. אויף פרישע עטלעכע הונדערט קילאָמעטער האָבן זיי פּאַריאָגט די דייטשן, וועלכע האָבן גרויסע פאַרלוסטן געהאַט. די רוסן זענען שוין אַ שטיק אין פּוילן, שוין הינטער קאָוועל. מען שמועסט, אַז איצט, נאָך אין פרילינג, גרייט זיך אַ פרישע גאָר גרויסע אָפּענסיווע. מיר וועלן שוין זיכער באַלד באַפרייט ווערן. פון דער מעשה מיט די שקצימלעך זאָלן מיר זיך אויסלאַכן. ער האָט דערפון גאָרנישט געהערט רעדן. כאָטש שוין אויך גרויסע כלאָפּצעס צווישן זיי, וועלן זיי דאָך נישט וואַגן גיין צו דער פּאָליציי, ווייל אויף זיכער, אַז דאָ געפינען זיך יידן — ווייסט דאָך קיינער נישט. מיר זענען טאַקע געוואָרן אַ ביסל אויפגעהייטערט. אָ, ווי נאָענט שטייט די ישועה! עס האָט זיך אַזש געגלוסט וויינען, וויינען פון האָפנונג. איז דאָס אונז אָבער גיך פאַרשטערט געוואָרן.

דער ווולקער סאָלטיס האָט היינט אינדערפרי שפּאַצירט אויף דער סטעזשקע ביים אָלשינעם וועלדל אַנטקעגן אונזער ווענטל מיט דער פעלקאָוועס ברודערן־טאָכטער, אַ שוועסטער פון וואַצושן, וועלכע ווילט דאָ אין דאָרף צו גאַסט. מיר האָבן זיי אָבסערווירט און באַמערקט, ווי דער סאָלטיס האָט זיך עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט און געקוקט גלייך צום ווענטל, מיט די אויגן אַרויף צו די שפּאַרעס. אויך דאָס שיקסל האָט נייגעריק געקוקט. זיי האָבן דערביי שטיל, געהיימניספול געשמועסט, ווי זיי וואָלטן זיך סודות איבערגעגעבן. מיר האָבן זיך משער געווען, אַז דאָס דערציילט אים דאָס שיקסל די אַנטדעקונג פון איר ברודער מיט דעם שפּיגעלע, אָדער גאָר האָט עס אפשר אַ שייכות צו דער זונטיקדיקער דראָונג פון די ווולקער שקצימלעך. ווי עס

זאָל אָבער נישט זיין, ווייסן מיר, אַז דאָס האָט צו טון מיט אונז. אויך נאָך מיטאָג, ווען זיי האָבן שפּאַצירט, האָבן זיי זיך ווידער עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט אַנטקעגן אונז און אהער אַרויפגעקוקט. מיר פילן, אַז קיין גוטס באַדייט דאָס נישט, כאָטש אונזער־ע באַלעבאַטים לאָזן זיך דערפון אויס (אַחוץ די פעלקאָווע, וועלכע ציטערט און וואָרנט אונז, אַז מיר זאָלן אַנטלויפן צו קוניאַקן אין וואַלד אַריין).

יאָ, מיר זעען בולט, אַז דער ענין מיט אונז האָט זיך אויפגעפרישט און דאַכט זיך, אַז גאָר ערנסט.

אָ, ווי עס טוט באַנג. איצט זאָל זיך חס־ושלום עפּעס מאַכן? איצט נאָכן דורכמאַטערן זיך אַזוי לאַנג. איצט, ווען די ישועה שטייט שוין אפשר אַזוי נאָענט?!

27־טער אַפּריל :

זינט עטלעכע טעג בין איך קראַנק און פיל זיך זייער שלעכט. אַ מידקייט איז מיר אויסגעגאָסן אין אַלע איברים און קוים איך באַוועג זיך. אַ היץ שלאָגט צום האַרץ און קאָפּ און גלייכצייטיק שווידערט מיך. הוץ דעם זידט אין מיר דאָס בלוט. איך פיל ווי עס קאָכט און בלעזלט זיך. עס שטראָמט אַרויף און אַראָפּ. יעדע פּאָר מינוט גיט אַ זעץ דאָס האַרץ ווי עס וואָלט אויסגעשאָסן. איך האָב שוין מער קיין כוח נישט צו דעם אַלעם. דער קאָפּ הענגט אויף מיר ווי אַ שווערע משא און עפּעס אַ גלייכגילטיקייט און אַ רעזיגנאַציע שלעפּערט מיך כסדר איין. איך האָב שוין אפילו קיין כוח נישט צו טראַכטן.

מיין חברה איז שטאַרק דערשלאָגן און קוקט אויף מיר מיט אַזעלכע טרויעריקע אויגן, אויך זיי זיצן אָנמעכטיק און רעזיגנירט, ווי זיי וואָלט דערוואַרט דעם גורל, וואָס רוקט זיך אונטער, וואָס אַמאָל מיט הילכיקער־ע טריט.

יאָ, אונזער גורל ווערט געחתמעט! מיר זעען דאָס שוין אָפּן.

די לעצטע טעג איז געווען „וויעלקאַנאָץ*). דאָס דאָרף האָט פרייליך געפּייערט די חגא.

דער יובל האָט אָנגעפילט אַלע הייזער. אונזער שכן מאַטשושאַק האָט געהאַט געסט פון וואַרשע. זיין טאָכטער מיט איר מאַן, קאַפּוסטאַ. ביינאַכט, האָבן מיר געהערט ווי מען שושקעט זיך הינטער אונזער ווענטל. מען האָט דערקענט די שטימען פון קאַפּוסטען און מאַטשושאַקס עטלעכע טעכטער. זיי זענען שטיל געוואָרן, לאַנג געשטאַנען, נאָכאַמאָל זיך געסודעט, ווידער שטיל געוואָרן און ווידער זיך גענומען שושקען.

אויף צומאָרגנס אינדערפרי האָבן זיי זיך אַלע פאַרזאַמלט ווי אַ דעמאָנסטראַציע הינטערן ווענטל און גלייך גענומען קוקן אין די שפּאַרעס, אָבער אַזוי חוצפּהדיק, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי לעכערן מיט די בליקן אַדורך די ברעטער. מיר האָבן מורא געקריגן, אַז זיי זאָלן אונז נישט באַמערקן דורך די שפּאַרעס (וועלכע זענען לעצטנס צוריק לויזער געוואָרן). און זיך פאַרוקט אין די ווינקלען.

---

*) פּוילישער פּאַסכאַ.

לאַנג זענען זיי געשטאַנען. ערשט ווען זיי האָבן דערהערט, אַז די פעלקאָווע עפנט די טיר צום אַרויסגיין, האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן.

פון דעמאָלט אָן באַמערקן מיר כסדר, ווער פון דאָרף עס גייט פאַרביי דורך אונזער הייזל, הויבט די אויגן אַרויף צו די שפּאַרעס. אויך די טשאָטקע און יאַנעק, וועלכע האָבן זיך פאַרשטעקט הינטער די ביימער אין וועלדל, בכדי צו אָבסערווירן די פאַרבייגייער — באַשטעטיקן דאָס. זיי זענען שוין מודה, אַז זינט אַ קורצער צייט פילן זיי אויך, אַז מיר זענען אַרומגעהילט פון פלאָטקעס, און זיי זענען שוין איצט מסכים מיט אונז, אַז אויך מאַטשושאַקס דראָען; די געשיכטע מיט די וואָלקער שקצימלעך און אויך דער געהיימער ראַנדעווו פון וואָלקער סאָלטיס הינטער אונזער װענטל ,זענען נישט קיין צופעליקייטן.

פון נעכטן־אָן וואַרפן זיי זיך איינגאַנצן. מיר האָבן זיי דערציילט, וואָס עס האָט פּאַסירט בעת זייער אָפּוועזנהייט.

פאַרנאַכט, ווען די פעלקאָווע און די טשאָטקע זענען אַוועק, יעדע באַזונדער, אין דאָרף און די שטוב אונטן, איז געבליבן אָפן, האָבן מיר פּלוצים דערהערט, אַז עס קריכט ווער אויף דער לייטער, אויף אונזער בוידעם אַרויף. מיר האָבן גיך פאַרשטעלט די שפּאַרעס פון װענטל אין בוידעם אַריין און איינגעהאַלטן דעם אָטעם. עטלעכע מינוט האָט זיך ווער אויבן באַוועגט און עפּעס געזוכט. נאָך אַ נס, וואָס אונזער װענטל איז דאָרט באַוואָרפן מיט בינטן שטרוי. באַלד האָט מען געהערט ווי יענער קריכט צוריק אַראָפּ. מיר האָבן אַרויסגעקוקט אויפן הויף און דערזען, ווי מאַטשושאַקס יונגסטע טאָכטער — מאַרישקע — אַ מיידל פון ניינצן יאָר, שלייכט זיך אַרויס פון פעדער־הייזל. ווידער האָט זי זיך פאַרהאַלטן פאַר אונזער װענטל און אַרויפגעקוקט. אין אָוונט איז די טשאָטקע געגאַנגען צו מאַטשושאַקן צו גאַסט. זי האָט געשמועסט מיט מאַרישקען און געפילט איר פאַרבאָרגענעם, שטעכיקן בליק.

יאַנעק זאָגט, אַז עס איז שלעכט און מען דאַרף אויסקלערן אַן עצה וואָס צו טון. די טשאָטקע בייזערט זיך, אַז מיר זענען אַליין שולדיק, מען האָט אונז זיכער געזען, דורך די שפּאַרעס. די פעלקאָווע שעלט אונז צוזאַמען מיט דער טשאָטקען, זי זאָגט, אַז נאָר איר אויפפירונג האָט אַרויסגערופן דעם חשד. שרייט די טשאָטקע, אַז שולדיק זענען מיר און די פעלקאָווע, וואָס קריכט צו אונז אָפט אויפן בוידעם און מאַכט דאָרט געוואַלדן, אַז מען קאָן ווי ווייט הערן.

יאַנעק זאָגט, אַז שולדיק זענען זיי ביידע. ביידע קריכן צופיל און ביידע געוואַלדעווען אַזוי אויבן, אַז ער הערט עס ביי זיך. מען האָט שוין זיכער פיל מאָל געהערט, ווי זיי קוויטשען אויפן בוידעם און זידלען אונז.

די טשאָטקע האָט אונז היינט דערפאַר געמאַכט אַזאַ אַוואַנטורע, אַז יאַנעק איז אַזש אַרויף מיט אַ שטעקן און זי אַראָפּגעטריבן. זי האָט געשריגן, אַז איצט איז אַלץ פאַרפאַלן און אַ שיינע־ריינע כפּרה אויף אונז, אדרבה זי וויל טאַקע, אַז מען זאָל אונז שיסן. מיר זענען עס ווערט, זי אַנטלויפט שוין און מיט אונז קאָן זיין וואָס עס וויל. דערנאָך איז אַרויפגעקומען די פעלקאָווע. זי האָט געזאָגט, אַז אין דאָרף ווייסט מען זיכער פון אונז, ווייל די טשאָטקע קלאַפּט צו אונז אַרויף מיט אַ שטעקן אין סופיט אַריין און רופט אונז. עס האָט דאָס זיכער ווער באַמערקט. אָבער זי, די פעלקאָווע, וויל דערפון נישט לײדן, זי איז נאָך יונג און וויל נאָך לעבן. צוליב אונז וועט זי זיך נישט לאָזן שיסן. מיר מוזן שוין תיכף אַוועק פון דאַנען. זי האָט זיך אַזוי הויך

צעוויינט, אַז יאַנעק איז ווידער אַרויף און זי מיט קראַפט אַראָפּגעוואָרפן.

איצט וויינט זי אונטן אין שטוב און זידלט זיך מיט דער טשאָטקען. זיי מאַכן אַזעלכע געוואַלדן. אַז יאַנעק איז אַזש ווילד. ער שרייט, אַז ער וועט זיי ביידע, צוזאַמען מיט אונז, אַרויסטרייבן און אונטערצינדן די גאַנצע כאַלופּע. איינמאָל פאַר אַלע מאָל זאָל עס זיך ענדיקן. ער האָט דאָס אַלץ שוין איבערגענוג.

מיר מישט זיך דער קאָפּ און עס שווינדלט מיר פאַר די אויגן. עס דאַכט זיך מיר, אַז איך זע שוין ווי די כאַלופּע ברענט און מיר שוועבן אין דער לופטן, ווי צו אַ תהום. אויך מיין חברה זיצט ווי פאַרשטיינערט און גלאָצט מיט די אויגן.

עס שטורעמט אין דרויסן אַרום אונז. מאָדנע קולות דערגרייכן ווי פון אָפּגרונט אַרויס, גרויסע, גרויסע לאַפּעס שטרעקן זיך פון אַלע זייטן. וואָס אַ מינוט דערנענטערן זיי זיך מער, מען זעט זיי שוין אויפן בוידעם, זיי כאַפּן אונז שוין אַרום, אָט־אָט שניידן זיי זיך איין אין אונזערע העלדזער — דערשטיקט צו ווערן!

2־טער מאַי :

מיר האָבן לעצטנס איבערגעלעבט עטלעכע שטורעמדיקע טעג. און עס גלויבט זיך עפּעס נישט, אַז מיר לעבן נאָך. דאָס גאַנצע דאָרף האָט געקאָכט מיט אונז. מיר זענען שוין מער נישט ביי דער פּעלקאָווע אויפן בוידעם. אונזער באַהעלטעניש אויבן איז אַנטדעקט געוואָרן. שוין דעם צווייטן טאָג געפינען מיר זיך אין גרוב ביי יאַנעקן אין שטאַל.

דאָס פּאַרגעפיל האָט אונז נישט גענאַרט.

דעם 28־טן אַפּריל אין אָוונט, האָבן מיר געהערט געשרייען און געוואַלדן לעבן מאַטשושאַקס כאַלופּע. מען האָט דערקענט צווישן אַנדערע אויך דער פּעלקאָוועס קוויטשנדיקע שטימע. כאָטש גענוי וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט מען נישט געקאַנט הערן, האָבן מיר זיך דאָך אָריענטירט, אַז עס איז אַ פּאַרזעצונג פון דער מחלוקה וועגן שטיקל פעלד, וואָס מאַטשושאַק רייסט אָפּ פון דער פּעלקאָווען. די הערצער האָבן אונז גענומען קלאַפּן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָרט צינדט זיך עפּעס אַ פייער, וואָס אָט־אָט, צעפלאַקערט עס זיך, דערנענטערט זיך אַהער און וועט אונז איינשלינגען. די געוואַלדן האָבן אַזוי אָנגעהאַלטן עטלעכע שעה און האָבן זיך אַהערגעטראָגן ווי אַ בלינדער, שטורעמדיקער אָנזאָג. ס'איז געווען אַ מיש־מאַש פון ווילדע, טעמפּע קולות און שאַרפע מח־לעכערנדיקע געשרייען. אונטן, אין שטוב איז געווען טויט־שטיל. אַפּנים, אַז אויך די טשאָטקע האָט אַנטיילגענומען דאָרט אין צוזאַמענלויף.

אַ גאַנצע נאַכט דערנאָך האָבן מיר שוין נישט געקאָנט שלאָפן. מען האָט געפילט, אַז עס איז שלעכט, אַז עס האָט פּאַסירט דאָס אויסטערלישסטע פאַר וועלכן מיר שרעקן זיך כסדר. באַלד פאַרטאָג האָבן פרישע געשרייען זיך גענומען טראָגן צו אונז. דאָס מאָל פון שטוב, אונטן, און מיר האָבן שוין דייטלעך געהערט ווי יאַנעק שעלט און זידלט די פּעלקאָווע, אַז נאָר זי איז שולדיק, אַז „איבער איר איז אַלץ אַנטדעקט געוואָרן". זי האָט נישט געדאַרפט אַרויסרופן די אַוואַנטורע מיט מאַטשושאַקן. זי האָט געדאַרפט פאַרבייגן די עולה, וואָס ער טוט איר און נישט רעאַגירן דערויף. זי האָט אַרויסגערופן דעם וואָלף פון וואַלד און איצט —

— איצט — האָט יאַנעק געשריגן — איז ביטער, שלעכט, פאַרפאַלן. שוין נישטאָ וואָס צו מאַכן. באַלד קאָן פּאָליציי קומען!

מיר האָבן דערפילט ווי אַן אָפּגרונט וואָלט זיך מיטאַמאָל געעפנט אונטער אונז. אַ קאַלטער שווייס האָט גענומען שלאָגן פון אונזערע בלאַסע געזיכטער. אסתרל און צפּורהלע האָבן איינגעגראָבן די נעגל אין די באַקן. אַ נעפּל האָט מיר פאַרגאָסן די אויגן.

אויפן בוידעם האָט זיך גענומען רירן. די טשאָטקע האָט אָנגעקלאַפּט. זי האָט זיך איינגאַנצן געוואָרפן.

— שלעכט, שלעכט! — האָט זי געזאָגט — שלעכט! די פּעלקאָווע האָט נעכטן ביינאַכט געדראָט מאַטשושאַקן, אַז זי וועט גיין צו זשאַנדאַרמעריע אים מסרן,

אַז ער האַלט נישט־פאַררעגיסטרירטע חזרים. מאַטשושאַק האָט דאַן אויסגעשריגן פאַר אַלע — עס איז דערביי געווען אַ האַלב דאָרף — אַז אויבן, ביי דער פעלקאָווע אויפן בוידעם, זיצן יידן און אַז מאָרגן וועלן זיי ברענען צוזאַמען מיט דער פעלקאָווען און דער גאַנצער כאַלופע. ער אַליין וועט גיין צו דער זשאַנדאַרמעריע און זיי אַהער אַראָפּברענגען, אַליין וועט ער זיי ווייזן ווו די יידן זענען פאַרשטעקט.

יאַנעק איז אַרויפגעקומען און געפרעגט, וואָס מיר טראַכטן צו טון.

— איצט צו אַנטלויפן — ראָט ער אונז נישט, ווייל מען וועט אונז גלייך כאַפּן. די פויערים אַליין וועלן אונז פאַרהאַלטן און איבערגעבן. מעגלעך, אַז פון דאָרף איז שוין ווער אַוועק מסרן, פון בוידעם מוזן מיר דעריבער תיכף אַראָפּ, ווייל אַ ליאַדע מינוט קאָן די זשאַנדאַרמעריע אָנקומען און זיי וועלן גלייך אויבן זוכן. אַזוי ווי מיר טאָרן זיך איצט אין מיטן העלן טאָג נישט ווייזן אויפן דאָרף, וואָלט דאָס בעסטע — האַלט ער — געווען אַצינד זיך צו פאַרשטעקן אונטן, אין שטוב, אין אונזער אַלט באַהעלטעניש, הינטער דער טאָפּלטער וואַנט, און אויב דער הייניטיקער טאָג וועט אַדורך בשלום, וועט מען אין אָוונט, ווען אין דרויסן וועט טונקל ווערן, ווייטער קלערן.

יאַנעק און די טשאָטקע זענען אַראָפּ און מיר האָבן גיך גענומען צעלייגן דאָס ווענטל; צעוואָרפן דאָס שטרוי אונטער זיך, אַרויסגעקליבן די סימנים פון אַ מענטשלעכער „דירה", דעם פלאַץ האָט מען פאַרוואָרפן מיט היי און —

אין אַ האַלבער שעה אַרום, האָבן מיר זיך שוין צוריק געפונען הינטער דער וואַנט אין שטוב.

אין שטוב איז מאָדנע שטיל. קיינער פון די בני־בית איז נישטאָ, נישטאָ אפילו ווער עס זאָל פאַרוימען די לעצטע שפּורן נאָך אונז אויפן בוידעם און דאָ אין שטוב באַהענגען די וואַנט מיט מלבושים, פאַרקלעבן דאָס טירל מיט טאַפּעטן און צורוקן אויף דעם פלאַץ דאָס בעט. ס'איז שטיל, אַז מען הערט אַזש דאָס זשומען פון די פליגן אין שטוב און אין קיך און די אָפּקלאַנגען פון אַלע פיר זייטן אין דאָרף.

מיר שטייען מיט זעצנדיקע הערצער, די שטערנס אָנגעלענט אויפן ווענטל. אין מוח קלאַפּט. די פיס ברעכן זיך, אָט־אָט צום פאַלן. קיינער איז נישטאָ, קלאָר, זיי זענען זיך צעלאָפן אין דערוואַרטונג אויף דעם שרעקלעכסטן וואָס קאָן יעדע מינוט, יעדע רגע אָנקומען. ווער ווייסט, מעגלעך זיי פאָרן שוין! מעגלעך, זיי זענען שוין אין דאָרף!

די מינוטן ציען זיך ווי לאַנגע שעהן, די שעהן, ווי יאָרן. אפרים פילט, אַז ער וועט חלשן, ער מוז האָבן אַביסל לופט, ער קאָן לענגער נישט שטיין. די פיס זענען שוין נישט געוווינט צו שטיין. אויך אונטער מיר ברעכן זיי זיך. אסתרל און צפורהלע כאַפּען שווער. אַ שווערע מידקייט ציט זיי צו דער ערד. אין שמאָלן באַהעלטעניש איז קוים דאָ אָרט צו שטיין. אויך באַוועגן מיט די הענט איז אוממעגלעך, מיר זענען איינגעפּרעסט צווישן די צוויי ווענטלעך. פרוימאַנען דרייט אין בויך. מיר פילן, אַז מיר גייען אויס!

עס דערהערן זיך קולות פון דערווייטנס. דאַכט זיך, אַ בהלה! אויפן מוח פאַלן האַמערס, די הערצער שטייען שיר אָפּ, עס פעלט אויס אָטעם.

טריט דערנענטערן זיך צו אונזער הייזל, אָבער איינצעלנע. מיר דערקענען, אַז עס איז די פעלקאָווע. זי קומט אַריין, דרייט זיך אין קיך, זי זיפצט, דרייט זיך אַהין

און צוריק, אַריין און אַרויס. זי קומט ווידער אַריין אין שטוב און הייסט אונז עפֿענען דאָס טירל. זי איז שטאַרק איבערגעשראָקן.

— אין דאָרף — זאָגט זי — איז עפּעס צו שטיל, ווער ווייסט וואָס עס גרייט זיך. מענטשן מיידן זי אויס, פֿון אומעטום קוקט מען איר נאָך מיט פֿאַרדאַכט. זי האָט דאָס געפֿיל, אַז עס איז אַ שטילקייט פֿאַר אַ שטורעם, וואָס קומט אַ ליאַדע מינוט אָן. זי פֿאַרענטפֿערט זיך, אַז זי איז נישט שולדיק, פֿון איר האָט זיך דאָס קיינער נישט דערוווּסט. זיי ווייסן דאָס שוין פֿון לאַנג, זיכער פֿון דער טשאַטקען, פֿון איר אויפֿפֿירונג און עס איז נאָך אפֿשר גלייכער, אַז מען שפּילט אין אָפֿענע קאָרטן. די סודות וואָלטן דאָך סיי־ווי געבראַכט פּאָליציי צו אונז און זיי וואָלטן אונז גלייך געכאַפּט אויפֿן בוידעם. דאָ, הינטער דער וואַנט, וועלן זיי אונז אפֿשר נישט געפֿינען און — זאָל נאָר ווערן נאַכט!

— אָ, זיי, די סוואָלאָטשעס, יאַנעק און די טשאַטקע, זענען נישטאָ, זיי האָבן זיך אָפּגעטראָגן און זענען פֿאַרשוווּנדן פֿון דאָרף. וואָס אַרט עס זיי, אַז מען וועט אונז שיסן?

— אָ, שלעכט, שלעכט! ביטער!

די פֿעלקאָווע פֿאַרקלעבט גיך דאָס טירל, רוקט צו דאָס בעט, פּאַרעט זיך אויפֿן בוידעם און פֿאַרשווינדט פֿון שטוב אַרויס.

⁂

אין אָוונט זענען געקומען יאַנעק און די טשאַטקע. יאַנעק זאָגט, אַז צו אים אין גרוב אין דער שטאַל, קאָן מען נישט אַריין, ווייל דער גרוב איז פֿול מיט פֿרישאַנגעקומען וואַסער. מען זאָל גיין אין דער פֿעלקאָוועס קעלער אין שייער. דער קעלער איז אפֿילו נישט פֿאַרמאַסקירט, נאָר מען קאָן אים פֿאַרוואַרפֿן מיט שטרוי און האָלץ. די פֿעלקאָווע זאָגט אָבער, אַז יעדער פּאָליציאַנט אין דעם געגנט קען דעם ראַזיקן קעלער. ביי יעדער גנבה קומען זיי דאָס ערשטע אין אים זוכן און דאָס איז קיין באַהעלטעניש נישט. בעסער איז, אַז מיר זאָלן אַנטלויפֿן אין וואַלד אַריין.

טענהט אָבער יאַנעק, אַז די פֿעלקאָווע איז אַ בהמה, באַלד דעם ערשטן טאָג וועלן די פּויערים אונז כאַפּן און איבערגעבן צו די דייטשן, זיי וועלן אונז שלאָגן, וועלן מיר אַלץ דערציילן. מיר וועלן פֿאַרשיטן אויך זיי — די פֿעלקאָוועס, אים און די טשאַטקען.

— ניין, מען טאָר אונז נישט אַרויסלאָזן!

די פֿעלקאָווע איז מסכים אונז אַריינצולאָזן צו איר אין סטאָדאָלע־קעלער, נאָר זי גייט אַוועק אין אַן אַנדער דאָרף שלאָפֿן. אין שטוב בלייבט זי נישט!

⁂

אין אַ שעה אַרום, ווען אין דרויסן איז שוין געווען גוט פֿינצטער, האָט מען אונז אַראָפּגעפֿירט אין קעלער אַריין. די פֿעלקאָווע איז טאַקע באַלד אַוועק. אויך יאַנעק מיט דער טשאַטקען האָבן זיך גלייך אָפּגעטראָגן און די שטוב איז געבליבן ליידיק. מיר ליגן אין אַ פֿינצטערן לאָך אויף אַ קופּע קאַרטאָפֿל. עס עיפּושט מיט פֿאַר־

פוילטקייט. די מייז שפרינגען איבער די קעפ. מיר זענען אינגאַנצן דערשלאָגן. אסתרל און צפורהלע קרעכצן, אפרים איז ווי באַטויבט. פרוימאַן שרעקט זיך, אַז יאַנעק זאָל אַמאָל נישט קומען אין מיטן דער נאַכט מיט עטלעכע זיינע פריינט, און מיט העק דערהרגענען און אין דער שטיל אונז באַגראָבן, בכדי אַלץ צו פאַרוימען.

„ניין, ער וועט עס נישט טון. ער וועט מורא האָבן דאָס וועמען צו פאַרטרויען; און ער אַליין מיינט, אַז יעדער פון אונז האָט ביי זיך געווער".

„אָבער וואָס טוט מען" ?

„אפשר טאַקע אַנטלויפן ?".

„אָבער וווהין" ? מיר קענען נישט די געגנט און נישט די מענטשן. נישטאָ אפילו וווּ אויף עטלעכע שעה זיך צו באַהאַלטן.

„וואָלט כאָטש קוניאַק געווען !".

מיר נעמען אויסרעכענען אַלע שכנים, אַלע איינוווינער פון דאָרף, אפשר וועט אונז וועמען אַריינלאָזן פאַר געלט כאָטש אויף עטלעכע טעג.

אסתרל האַלט, אַז עס איז אַ מורא צו גיין צו די פויערים זוכן אַן אָרט, זיי וועלן אונז נאָך פאַרהאַלטן און איבערגעבן צו דער פאָליציי. אין בעסטן פאַל, וועלן זיי אונז נישט אַריינלאָזן און ס'וועט זיין נאָך ערגער: יענע וועלן דאָס באַלד צעפלוישן איבערן גאַנצן דאָרף און ס'וועט ווערן נאָך מער טומל אַרום אונז.

יאָ, נאָר איין פויער איז דאָ אין דאָרף, נישט ווייט פון אונז, אונזער שכן וואַצעק. ער זעט אויס צו זיין אַן אָרנטלעכער און אַ בעל־סוד. אויב אפילו ער וועט אונז נישט אַריינלאָזן, אָבער דערציילן וועט ער פאַר קיינעם נישט, און פאַרהאַלטן אונז — אַוודאי נישט. צו אים קאָן מען ריזיקירן, גיין אים פאַרשלאָגן, אַז ער זאָל אונז כאָטש אויף עטלעכע טעג, ווו עס איז, פאַרשטעקן. ער איז אַ גרויסער אָרימאַן, פאַר אַ ביסל געלט, וועט ער אונז אפשר באַהאַלטן.

מיט אים צוזאַמען אין איין שטוב וווינט אָבער פאַלטין, מאַטשושאַקס איידעם. זיין ווייב, די פאַלטינאָווע, מאַטשושאַקס טאָכטער, האָט זיך באַטייליקט אין דער זידלעריי מיט דער פעלקאָווען. זי האָט אויך צוזאַמען מיט דעם פאָטער געשריגן וועגן די זשידעס ביי איר אויפן בוידעם.

אפרים זאָגט, אַז עס איז אַ מורא אַהין צו גיין. מען טאָר נישט איינשטעלן. פאַלטין קאָן אונז נאָך טאַקע פאַרהאַלטן.

אַ האַלבע שעה זענען מיר אַזוי געלעגן ווי פאַרגליווערט, פאַרשטיינערט און נישט געוווּסט וואָס צו טון.

פלוצים בין איך אויפגעשפרונגען:

— איך גיי, איך גיי צו וואַצעקן !

די חברה האָט אָנגעהויבן ציטערן. אסתרל און צפורהלע כאַפן מיך אַרום, זיי נעמען וויינען.

איך באַרואיק זיי, איך אַפעליר צום שכל:

— דאָ בלייבן, הייסט אָפוואַרטן דעם טויט, פרייוויליק זיך אים איבערגעבן; אַנטלויפן סתם, הייסט אַנטקעגנגיין דעם טויט אין פנים אַריין. מען מוז כאָטש ריזיקירן, זוכן רעטונג, אפשר וועט וואַצעק פאַרט העלפן, איך וועל פאַר אים וויינען און בעטן. ער איז דאָך אַ גרויסער אָרימאַן, די קינדער זיינע זענען קראַנק. איך וועל אים העלפן זיי ראַטעווען.

אסתּרל נעמט ספּאַזמירן. זי רייסט זיך די האָר פֿון קאָפּ:

— ניין, זי וועט מיך נישט לאָזן גיין! זי וועט נישט לאָזן איך זאָל אַליין גיין! אויב גיין, איז צוזאַמען מיט איר! זי גייט מיט!

מיר האָבן זיך ביידע צעקושט מיט דער חברה. איך האָב גענומען דעם רעוואָלווער אין קעשענע, אָפּגעדעקט דעם צודעק פֿון קעלער און ביידע זענען מיר אַרויס.

⁂

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע, די פעלדער זענען נאָך געווען איינגעהילט אין שניי, וואָס האָט באַלויכטן דעם אַרום. מיר קוקן פאַר זיך: דאָס דאָרף ליגט אַזוי נידעריק. די הייזלעך טוליען זיך אין איין מאַסע צו דער ערד, די פענצטער פאַרהאָנגען, פאַרלאָשן, ווי זיי וואָלטן געדרימלט. נאָר פֿון איינצלנע כאַטקעס לייכט זיך נאָך אַרויס. עס זעט איצט אויס קרוב האַלבע־נאַכט.

מיר נעמען זיך אין אַ זייט, אויסצומיידן די שכנישע הייזלעך. מיר ווילן דורכשניידן דאָס אָלשינע וועלדל, בכדי אַרויסצוקומען גלייך ביי דער טיר פֿון וואַצעקס כאַלופּע, וועלכע איז אונז באַקאַנט פֿון די געהערטע שילדערונגען. זי איז פֿון אויסנווייניק ווייס געקאַלכט. אויסער דעם דאַרף פאַר דער טיר הענגען אַ שילדל מיט וואַצעקס נאָמען.

מיר שטעלן די ערשטע טריט אַריין אין וועלדל, די טרוקענע לופט פאַלט אויף אונז ווי אַ מאַסע און וויקלט אונז אַרום. אסתּרל נעמט טיף אָטעמען, קורץ, אָפּגעהאַקט און אַזוי שווער. זי קאָן נישט אַריינציען אַזוי פיל לופט מיטאַמאָל. דאָס האַרץ קלאַפּט ביי איר, אַז איך הער עס אַזש, און אין קאָפּ מישט זיך איר. אויך איך פיל זיך ווי שיכור, איך וואַקל זיך, קוים וואָס די פיס טראָגן מיך, עס שווינדלט מיר פאַר די אויגן. מיר שטעלן נאָך עטלעכע טריט, אסתּרל קאָן ווייטער נישט גיין, די פיס ווילן איר מער נישט דינען, אויך שטיין לענגער קאָן זי נישט. אַרום איז נאָר שניי. נישטאָ ווו זיך צו זעצן. זי לענט זיך אָן אין אַ בוים. איך האַלט זי אונטער.

אין עטלעכע מינוטן אַרום האָבן מיר ווייטער גענומען גיין. זי ווערט ווידער מיד. מער קאָן זי שוין בשום אופן נישט גיין. זי וויינט, אַז זי האָט מער קיין כוח נישט און אַז זי וויל שוין צוריק. זי פילט, אַז זי מוז זיך אויסציען, מער דאַרף זי גאָרנישט, זי דאַרף נאָר ליגן. יאָ, זי וויל צוריק, זאָל שוין זיין, וואָס עס האָט צו זיין, ניין, זי קאָן מער נישט!

מיר פּרוּוון צוריקגיין — זי קאָן נישט. זי דאַרף זיך אָפּרוען כאָטש צען מינוט!

איך האָב אויסגעזוכט אַ פּיען פֿון אַן אָפּגעזעגטן בוים, אַראָפּגעשאַרט פֿון אויבן דעם שניי, איך האָב זי צוגעטראָגן און אַוועקגעזעצט.

פֿון נישט ווייט, פֿון אַ פענצטער, זעט זיך ליכט. איך שאַר זיך אַרויס פֿון צווישן די ביימער — אַ ווייס געקאַלכטע כאַלופּע. זיכער וואַצעקס! איך צעקוש זיך מיט אסתּרלען, צי אַרויס דעם רעוואָלווער פֿון קעשענע, קאָנטראָליר די אָנגעלאָדנקייט און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ שאַר איך זיך אַרויס פֿון וועלדל. איך דערנענטער זיך צום פענצטער: די שטוב איז באַלויכטן. איך פאַרגנבע זיך אין אַ זייט און קוק אַריין.

ביי דעם אויוון זיצט אַ פּויער פון אַ יאָר פערציק און וואַרעמט זיך. אין אַ בעט דערלעבן ליגט אַ באַבע מיט עטלעכע קינדער און שמועסט געמיטלעך מיט די שכנים פון אַנדערן בעט — אויך אַ פּויער מיט אַ באַבע. אין דריטן בעט שלאָפן עטלעכע קינדער. אין שטוב הערשט אַ געמיטלעכע שטימונג. אויפן טיש ברענט אַ נאַפט־לעמפּל. דער פּויער ביים אויוון, וועלכער איז שוין האַלב־אויסגעטון, גרייט צו גיין שלאָפן, רויכערט אַ פּאַפּיראָסל און העלפט מיט די שטוב־מענטשן אין שמועס. ער שמייכלט צו צו די וויצן פון צווייטן פּויער אין בעט.

איך ווייס נישט וועלכער עס איז וואַצעק און וועלכער פּאַלטין. איך קאָנטראָליר דאָס שילדל ביי דער טיר. יאָ, דאָס איז זיכער וואַצעקס כאַלופּע. אַ ווײַלע פאַרטראַכט איך זיך, דאָס האַרץ זעצט, נאָר אָפּצושטיין. אין געדאַנק טראַכט איך נאָכאמאָל איבער דעם פּלאַן ווי אַזוי צו רעדן מיט וואַצעקן און —

איך האָב נעגעבן עטלעכע קלאַפּ אין פענצטער.

— ווער איז? — האָבן זיך אַלע אין שטוב דערשראָקן.

איך וויל עפּעס זאָגן און קאָן נישט. דאָס מויל, שוין אָפּגעוווינט פון רעדן העכער, איז מיר געווען פאַרטרוקנט, ווי צוגעקלעבט און כ׳האָב אַ פּאָר ווערטער נישט געקאָנט אַרויסברענגען. מיט די לעצטע כוחות קוועטש איך אַרויס:

— וואַצעק!

עס קומט אַרויס ווי פון אַ הוילן פאַס, ווי פון אַ קבר אַרויס.

די מענטשן אין שטוב דערשרעקן זיך נאָך מער. איך זע, ווי זיי נעמען ציטערן.

איך נעם צונויפנעמען די כוחות און דאָס ביסל מוט און רוף נאָך אַמאָל:

— וואַצעק!

— ווער איז? — שרייט אַ באַבע אַרויס פון בעט.

— אַן אייגענער! — ענטפער איך, נישט מיט מיין קול.

— ווער איז, וואָס?! — אַלע אין די בעטן זענען אויפגעשפּרונגען.

— גאָרנישט, גאָרנישט, אַן אייגענער — קוועטש איך פון זיך ווייטער — איך דאַרף עפּעס רעדן מיט וואַצעקן! — איך דערקען נישט מיין שטימע.

— אָלאַ באָגאַ! — צעקלאָגט זיך אַ פּויערטע אין בעט.

איך האָב מורא, עס זאָל נישט ווערן קיין גערודער, באַרויק איך זיי:

— ס׳איז גאָרנישט, שרעקט אייך נישט, עפנט.

איך דערנענטער זיך צו דער טיר און נעם לייכט קלאַפּן.

נאָך עטלעכע מינוט האָט מען געעפנט. ס׳בלייבט פאַר מיר שטיין אַ ברייטפּלייציקער, געזונטער פּויער מיט געזונטע אָרעמס. ער מעסט מיך אָפּ מיט אַ בליק. דערזעענדיק דעם רעוואָלווער, הויבט ער אָן בעטן:

— פּאַניע, מיר זענען אומשולדיקע מענטשן, האָב רחמנות!

— עס איז גאָרנישט — זאָג איך אים — ער דאַרף קיין מורא נישט האָבן. איך וועל זיי חלילה גאָרנישט טון, כ׳דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי ער הייסט.

— פּאַלטין — זאָגט ער אַרויס — זיין שטימע ציטערט.

איך דערנענטער זיך צו אים און כ׳בעט, אַז ער זאָל דאָרט אין שטוב באַרויקן די ווייבער. עס וועט זיי קיין שלעכטס נישט געשען. איך דאַרף נאָר וואַצעקן. כ׳דאַרף מיט אים אַ פּאָר ווערטער רעדן. זאָל ער אים אַרויסשיקן!

פּאַלטינס קול ציטערט:

— וויפל מאַן זענט איר דאָ? — פרעגט ער.

— מיר זענען אַ גרופּע אין וועלדל — זאָג איך אים.

ער איז אַריין אין שטוב. איך גיי צוריק צום פענצטער. איך הער ווי ער דערציילט דאָרט בסוד, אַז דאָס איז אַ גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער. זיי ווילן רעדן מיט וואַצעקן.

וואַצעקס פרוי אין בעט הויבט זיך אָן שלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפּ:

— ניין, ניין, וואַצעק, האָב רחמנות! גיי נישט! האָב רחמנות!

וואַצעק זיצט אַ צעטומלטער. ער קראַצט זיך אין קאָפּ.

— גיי נישט! — כאַפּט אים אַרום דאָס ווייב, זי נעמט אים קושן,

— אָ, יעזוס, דערבאַרעם זיך!

וואַצעק וויל אַראָפּלאָזן די פיס. דאָס ווייב לויפט אַראָפּ פון בעט. דאָס העמד פאַלט איר אַראָפּ פון די אַקסלען:

— אָ, יעזוס, האָב רחמנות, גיי נישט! כ׳וועל נישט לאָזן!

זי ציטערט מיטן גאַנצן קערפּער.

איך רוף נאָך אַמאָל אַרויס פאַלטינען, כ׳בעט אים, אַז ער זאָל זיי באַרואיקן.

— פאַניע, דערבאַרעם זיך! — בעט ער — איך האָב קליינע קינדער!

ער גייט אַריין און קומט צוריק, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו רעדן. וואַצעק וועט נישט אַרויסקומען. אויב איך וויל, זאָל איך אַריינגיין אין שטוב.

איך בין הינטער אים געגאַנגען און בין געבליבן שטיין אין דער טיר מיט דעם אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער אין האַנט. אַ וואַרעמקייט שטראָמט מיר אין פּנים אַנטקעגן.

די וואַצקאָווע, אַ יונגע פּויערטע פון קנאַפּע דרייסיק, צאַפּלט אינגאַנצן. אַ כמעט נאַקעטע נעמט זי קניען פאַר דעם הייליקן בילד און ברעכט זיך די הענט. די אַנדערע אין די בעטן וואַרפן זיך.

איך שטעל עטלעכע טריט צו דער וואַצקאָווען.

— פאַני, — זאָג איך — באַרואיק זיך. כ׳וועל איך חלילה קיין שלעכטס נישט טון.

זי שטעלט זיך אויף, פאַלט אויף מיר אַרויף, נעמט מיר קושן אין די הענט.

— פאַניע, דערבאַרעם זיך!

ס׳איז מיר געוואָרן אומהיימלעך. איך נעם זי צערטלען איבער די צעלאָזענע בלאָנדע האָר. איבער די אַקסלען:

— פאַני, גיי אין בעט. ס׳וועט אים חלילה גאָרנישט פּאַסירן.

כ׳האָב זי קוים איינגענומען. זי איז צוריק אַריין אין בעט.

איך בעט, אַז וואַצעק זאָל מיט מיר אַרויסגיין נאָר אויף עטלעכע מינוט אין פּעדער־הייזל אַריין, כ׳מוז מיט אים כאַטש עטלעכע ווערטער רעדן בסוד.

— פאַניע — נעמט וואַצעק בעטן — האָב רחמנות! ניין, כ׳גיי נישט! — נעמט ער מיטאַמאָל פאַרצווייפלט שרייען — הרגע מיך, ווען דו ווילסט, דאָ אין בעט, אַרויס גיי איך נישט! ניין, כ׳גיי נישט! הרגע מיך דאָ!

די פרויען ספּאַזמירן, די קינדער נעמען קלאָגן.

— אָבער נאָר אויף עטלעכע מינוט. אַ סוד האָב איך פאַר דיר.

— ניין. כ׳וויל דאָ הערן! אַרויס גיי איך נישט!

נישט האָבנדיק קיין עצה, האָב איך אים דערציילט דעם סוד, אַז אַלע זאָלן הערן:

— מיר זענען אַ גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער. מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל זיך אַדורכצוריסן דורך דעם פראָנט אויף מזרח, קיין רוסלאַנד. עס האָט אונז ווער געגעבן זיין נאָמען, אַז ביי אים אין סטאָדאָלע קאָן מען איין נאַכט איבערנעכטיקן. פאַרטאָג גייען מיר ווייטער.

— מיר האָבן דאָך גישט ווו, מיר האָבן דאָך נישט קיין סטאָדאָלע — בעט זיך וואַצעק.

פּאַלטין לייגט פאָר, אַז מיר זאָלן זיך אַריינגנבענען צו דער פּעלקאָווען אין סטאָדאָלע. ער נעמט מיר אויסמשלן ווו זי געפינט זיך און אויב איך וויל, קאָן ער אונז דאָרט צופירן.

— ניין, אַ דאַנק, מיר וועלן שוין גיין ווייטער, אין נאָענטסטן דאָרף. אויך דאָרט האָבן מיר עטלעכע אַדרעסן פון ערטער ווו מען קאָן איבערשלאָפן.

די פּויערים ווערן צופרידן, אויך די ווייבער און קינדער באַרואיקן זיך.

איך בעט אַ טרונק וואַסער. פּאַלטין דערלאַנגט מיר העפלעך. ער פּרעגט צי כ׳וויל אפשר טיי טרינקען. ער איז מיר גרייט צו דינען.

— דרייען זיך עפּעס יידן ביי אייך אין דאָרף? — פרעג איך פּלוצים.

— ניין — ענטפערן אַלע מיטאַמאָל, — ניין!

— יאָ, איינער — זאָגט די פּאַלטינאָווע פון בעט אַרויס — איינער דרייט זיך אין אונזערע דערפער, קוגיאַק הייסט ער.

— קאָן מען אים זען? — פרעג איך.

— אָ, ניין, פּאַניע! — מיר ווייסן נישט ווו ער איז, ווו ער וווינט. ער קומט נאָר אַהער פון צייט צו צייט און פאַרשווינדט ווידער, מען זאָגט, אַז ער געפינט זיך אין די ווישניעווער וועלדער.

— און פון אַנדערע יידן אין דעם דאָרף אָדער געגנט, ווייסט איר נישט? מיר וואָלטן זיך זייער געוואָלט זען מיט יידן!

— מער קיין יידן געפינען זיך נישט אין אונזערע מקומות — זאָגט ברייט פּאַלטין.

— אפשר יאָ? דערמאָנט אייך. איך בין גרייט צו באַצאָלן ווען איר וועט אונז אָנווייזן יידן.

כ׳נעם ציען געלט פון די טאַשן.

— ניין, נישטאָ מער, זיכער נישט, נישטאָ מער!

— דערמאָנט אייך. אָ, ביטע, איך צאָל. מיר וועלן אייך באַזונדערס דאַנקבאַר זיין.

פּאַלטין פאַרטראַכט זיך. ער נעמט זיך רייבן מיט דער האַנט אין שטערן:

— באַלד, באַלד, אפשר... באַלד — —

— ניין, נישטאָ! זיכער נישטאָ! — שרייט אַרויס די פּאַלטינאָווע פון בעט, זי מעסט אָפּ דעם מאַן מיט אַ פאַרצווייפלטן בליק.

— נישטאָ, נישטאָ! — פאַרזיכערן די וואַצקעס פון אַנדערן בעט אַרויס.

— אוודאי נישטאָ, ניין, כ׳האָב געמיינט... נישטאָ! — באַשטעטיקט פּאַלטין.

— אַ שאָד! און אפשר ווייסט איר פון מענטשן וואָס באַהאַלטן אויס יידן,

אָדער האָבן זיי אויסבאַהאַלטן, אָדער העלפֿן זיי? מיר ווילן זיי באַלוינען.

— ניין, פֿון אַזעלכע וואָס באַהאַלטן אויס ייִדן, ווייסן מיר נישט, אָבער העלפֿן — העלפֿן מיר אַלע קוניאַקן, אויף וויפֿל מיר קאָנען נאָר. מיר גיבן אים אָפּט ברויט, אַביסל געקעכץ.

— נו געדענקטזשע, העלפֿט אים, קוניאַקן, ביז צו דער ענדע! מיר וועלן אייך דערפֿאַר באַלוינען. אין עטלעכע חדשים אַרום וועלן מיר דאָ זיין צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי. אויב קוניאַק וועט לעבן, וועלן מיר אייך אויסצייכענען. איר וועט פֿון אונז און פֿון סאָוויעטישן גענעראַל־שטאַב באַקומען מעדאַלן און געלט. וואָס מער ייִדן איר וועט ראַטעווען אָדער מיטהעלפֿן איבערלעבן, אַלץ מער וועלן מיר אייך באַלוינען, אייך און דאָס גאַנצע דאָרף.

— יאָ, מיר וועלן מיט אַלע אונזערע כּוחות און מעגלעכקייטן אים העלפֿן — פֿאַרזיכערן פֿייערלעך די פֿאַלטינאָווע מיט פֿאַלטינען.

איך נעם אַרויס אַ נאָטיץ־ביכל מיט אַ בלייפֿעדער און נעם זיך אויספֿרעגן זייערע נעמען. איך פֿאַרשרייב באַזונדער די מענער, באַזונדער די פֿרויען און אַפֿילו די קינדער.

— דאָס פֿאַרשרייב איך אייך פֿאַר באַלוינונגען, פֿאַר מעדאַלן. אָבער געדענקט, אין פֿאַל אויב מיר וועלן זיך דערוויסן, אַז ביי אייך אין דאָרף האָט מען געמסרט אַ ייִד — דעמאָלט, אָ, דעמאָלט, וועלן מיר דאָס גאַנצע דאָרף פֿאַרברענען, די שולדיקע אויפֿהענגען און אַלע איבעריקע מענטשן אין לאַגערן פֿאַרשיקן! געדענקט, ווי איר וועט אייך אויפֿפֿירן, אַזוי וועלן מיר אייך באַלוינען!

כ'האָב אַרויסגעצויגן הונדערט זלאָטעס פֿון קעשענע, דערלאַנגט פּופּציק דער וואַצקאָווען און פּופּציק דער פֿאַלטינאָווען — פֿאַר די קינדער אויף צוקערוואַרג. געוויזן מיט אַ פֿינגער אויפֿן מויל, דאָס הייסט, אַז עס דאַרף בלייבן אַ סוד, געזאָגט אַ „גוטע־נאַכט" און אַוועק.

⁂

אסתרלן האָב איך געטראָפֿן אַ שטאַרק איבערגעשראָקענע. זי האָט געשוידערט, זי האָט שוין נישט געוווּסט וואָס איבערצוקלערן. זי כאַפּט מיך אַרום קושן:

— אָ, אבי ביסט דאָ צוריק! וואָס הערט מען?

זי האָט מיך געוואָלט גיין זוכן, נאָר זי האָט נישט געקאָנט אויפֿשטיין.

— וואָס הערט מען? — אָ, אבי ביסט דאָ צוריק!

זי דריקט מיך צום האַרץ און ציטערט.

איך נעם זי פֿאַר דער האַנט:

— קום, מיין קינד, קום! כ'וועל באַלד דערציילן, קום שנעלער!

זי לענט זיך אָן אויף מיר, וויל גיין, זי קאָן אָבער קיין טריט נישט שטעלן. די פֿיס זענען ביי איר ווי געליימט.

— זי מוז זיך צוריק זעצן כאָטש אויף אַ האַלבע שעה!

מיך ציט עס אויך צו דער ערד, די שלייפֿן קלאַפּן. איך קאָן אויך מער נישט שטיין.

מיט די לעצטע כּוחות האָב איך זיך דערשלעפּט צו אונזער סטאָדאָלע און

אַרויסגערופֿן פֿרוימאַנען. ער איז מיט מיר אַריין אין דער אָלשינע. מיר האָבן ביידע אַסתּרלן גענומען אויף די הענט און זי אַריינגעטראָגן אין סטאָדאָלע.

מיר קריכן אַראָפּ אין קעלער און ציען זיך אויס אויף די קאַרטאָפֿל. אפֿרים מיט צפּורהלען דערפֿרייען זיך מיט אונדז. זיי האָבן די גאַנצע צייט געבעטן, אַז עס זאָל אַדורך בשלום. אפֿרים מיט פֿרוימאַנען האָבן תּהילים געזאָגט.

איך דערצייל זיי מיין דורכפֿאַל:

— וואַצעק האָט נישט געוואָלט אַרויסגיין, כ׳האָב אין דער לעצטער מינוט זיך געמוזט צוריקציען פֿון אונדזער פּלאַן, נאָך אַ נס, וואָס זיי האָבן קיין געוואַלדן נישט געמאַכט. עס איז מיר, דאַכט זיך, געלונגען זיי איינצורעדן, אַז איך בין אַ פּאַר־טיזאַנער פֿון דער פֿרעמד. מעגלעך, אַז מיין דראָען וועט עפּעס ווירקן, אויב ס׳איז נאָך נישט צו שפּעט.

פֿרוימאַן האָט מורא, אַז זיי זאָלן אַמאָל נישט דערקענען אונדזערע שפּורן אין שניי, זיי וואָלטן זיך גלייך געכאַפּט, אַז דאָס האָבן מיר זיי באַזוכט.

יעדנפֿאַלס זענען אַלע מודה, אַז שאָדן האָט דער וויזיט זיכער נישט געבראַכט, נישט געווען וואָס איינצושטעלן, פֿאַרפֿאַלן מען מוז וואַרטן, זען, וואָס ווייטער!

⁂

פֿאַרטאָג האָט ווער אויפֿגעמאַכט די טירן פֿון סטאָדאָלע און זיך צוגעשאַרט צום קעלער. ס׳איז געווען די פּעלקאָווע. זי עפֿנט דעם צודעק און פֿרעגט, ווי ס׳איז זיך די נאַכט דאָ געשלאָפֿן.

— גאָר גוט — ענטפֿערן מיר.

די פּעלקאָווע עצהט אונדז אָבער, דאָ לענגער נישט צו בלייבן. דעם קעלער קענען זיי אַלע. שוין גלייכער אין שטוב הינטער דער וואַנט. דאָרט וועלן זיי אפֿשר נישט זוכן. זי וועט גוט פֿאַרקלעבן דאָס טירעלע. אויב מיר ווילן, זאָלן מיר שוין איצט דאָרט אַריין. איצט איז נאָך טונקל אין דרויסן, וועט אונדז קיינער נישט באַמערקן.

איינציקווייז האָבן מיר זיך אַריינגעשאַרט אין שטוב, אַרונטער הינטער דער וואַנט. די פּעלקאָווע האָט אַריינדערלאַנגט עטלעכע שטיקער ברויט מיט צוויי פּלע־שער קאַווע און גיך פֿאַרקלעבט מיט טאַפּעטן די שפּאַרעס פֿון טירעלע.

באַלד זענען אָנגעקומען די טשאָטקע מיט יאַנעקן. זיי זענען פֿריילעך. יאַנעק לייגט אונדז פֿאַר אַ טרונק בראָנפֿן.

— בראָנפֿן — זאָגט ער — איז די בעסטע רפֿואה. אַ טרונק נעמט אַוועק אַלע זאָרגן. אָט האָט ער געמאַכט אַ שנאַפּס און איצט האָט ער גאָר קיין מורא נישט.

די טשאָטקע וויל, אַז מיר זאָלן אַרויסגיין פֿון באַהעלטעניש, זיצן אין שטוב אָפֿן. זי פֿרעגט נישט נאָך קיינעם. זי נעמט זינגען פֿריילעכע „קאָלענדעס”. די פּעלקאָ־ווע שרייט, אַז זי איז משוגע און באַזויפֿן.

אַרום האַלב־ניין איז אַריינגעקומען אונדזער שכנטע, די בעל־החלומותטע, די רעכניאַקאָווע. זי איז געווען שטאַרק אויפֿגערעגט און האָט זיך געהאַלטן אין איין פֿאַרענטפֿערן, אַז זי איז נישט שולדיק, זי איז חס ושלום נישט אויסן קיין שלעכטס, פֿאַרקערט, אַלס שכן איז זי זיי געקומען ראַטן גוטס, זיי זאָלן איר דאָס נישט נעמען פֿאַר אומגוט. זי איז אויסן זייער טובה און די טובה פֿון אַלע שכנים, פֿון גאַנצן דאָרף.

— דער וואָלקער סאָלטיס האָט זי געבעטן, אַז זי זאָל זיי מתרה זיין, אַז אויב זיי וועלן תיכף נישט אראָפּפאָרן די יידן פון בוידעם, וועט ער זיין געצוווּנגען צו שיקן נאָך זשאַנדאַרמעריע. ער האָט דאָס נאָך ביז איצט נישט געטון ווייל זיי, די „גאָספּאָדאַזשעס", זענען אים אַ שאָד, היימישע מענטשן, אָבער ער האָט נישט קיין עצה, זיך וועט ער נישט איינשטעלן !

די רעכניאַקאָווע ראַט, אַז בכדי זיי זאָלן, חלילה, נישט פאַרשפּעטיקן — זשאַנדאַרמעריע קאָן נאָך באַלד אָנקומען — זאָלן זיי שוין איצט, אין איר קעגנוואַרט, אַרויסיאָגן די יידן.

יאַנעק און די טשאַטקע לאַכן, אַז זי איז אַ נאַר, זי גלייבט טאַקע, אַז דאָ זענען פאַראַן יידן. די טשאָטקע שלעפּט זי אַרויף אויפן בוידעם :

— אדרבא, זאָל זי, די רעכניאַקאָווע, זיך איבערצייגן !

מיר הערן איבער אונז, אויפן בוידעם, זיך רודערן. די רעכניאַקאָווע דרייט דאָרט איבער דאָס גאַנצע היי און שטרוי, זי זוכט גרונטלעך.

— נו — זאָגט זי, ווען זי קומט אראָפּ — אפשר איז עס טאַקע אַ טעות, אָבער אַלע זאָגן אַזוי, אַז דאָ געפינען זיך יידן. מאַטשושאַק מיט די טעכטער האָבן דאָס באַשטעטיקט. ווי עס זאָל נישט זיין, איז אָבער גלייכער צו זיין געוואָרנט, ווייל דער סאָלטיס וועט זיכער שיקן נאָך זשאַנדאַרמעריע.

די רעכניאַקאָווע אַנטשולדיקט זיך נאָכאַמאָל. מען זאָל איר מוחל זיין. זיי פאַרשטייען דאָך אַליין. זי האָט נישט קיין שלעכטע כוונות. זי איז נאָר ווי אַ פריינט געקומען וואָרענען, מער איז זי גאָרנישט אויסן.

ווען זי איז אַוועק, האָט יאַנעק געעפנט אונזער טירעלע :

—לאַכט אייך דערפון אויס !

ער וויל אונז מכבד זיין מיט דעם ביסל בראָנפן. מיר נעמען בעטן, אַז ער זאָל אויסזוכן אַן עצה, אפשר האָבן זיי עפּעס אַ פריינט, אַ באַקאַנטן, נאָר אויף עטלעכע טעג. די טשאָטקע זאָגט, אַז מען דאַרף נישט מורא האָבן, מען קאָן רואיק בלייבן הינטער דער וואַנט, קיינער וועט נישט קומען. זיי דראָען נאָר אַזוי און איצט ווייסן זיי דאָך שוין אויף זיכער, אַז עס זענען קיין יידן נישטאָ. די רעכניאַקאָווע האָט זיך דאָך שוין איבערצייגט.

זי שעלט דער פעלקאָווען, וועלכע איז באַלד נאָך דער רעכניאַקאָוואַס אַוועקגיין אַנטלאָפן פון שטוב. דאָס, זאָגט זי, וועט נאָך באַשטעטיקן דעם שם וועגן די יידן. מען וועט פאַרשטיין, אַז זי האָט מורא צו זיין אין שטוב.

די טשאָטקע זאָגט, אַז זי אַליין שרעקט זיך נישט, זי פרעגט נישט נאָך קיינעם, זי וואָלט זיכער נישט אַנטלאָפן, זי וואָלט געבליבן, נאָר זי מוז גלאַט אַוועק אין שטאָט אַריין. זי דאַרף זיך דאָרט טרעפן מיט פראַנעק קוטשאַק, וועמען זי האָט פאַרשפּראָכן צו קומען. זי מוז תיכף אַהין אַוועק, ווייל ער וואַרט דאָרט אויף איר. ס'איז היינט זונטיק. אויך יאַנעק דאַרף זיך מיט אים טרעפן און ער מוז מיטגיין. מיר קאָנען אָבער רואיק דאָ בלייבן, נישטאָ וואָס זיך צו שרעקן, אין אָוונט קומען זיי צוריק.

דערווייל איז די פעלקאָווע געקומען צולויפן פון דאָרף מיט אַ שמחה :

— מאַטשושאַק לויפט אַרום צווישן די פויערים און שווערט זיך, אַז ביי דער פעלקאָווען זענען קיין יידן נישטאָ. ער האָט זיך דאָס נאָר אויסגעטראַכט בכדי זי צו

דראָען, ער וויל, אַז זי זאָל פאַר אים מורא האָבן, אָבער די גאַנצע מעשה הויבט זיך נישט אָן. ער איז שוין אויך געווען ביים וואָלקער סאָלטיס און דאָס באַשטעטיקט. איצט לאַכט מען אין דאָרף פון מאַטשושאַקס נישט געלונגענער חכמה. מען זאָגט, אַז ער האָט מורא געקריגן, אויב די דייטשן וועלן קומען און ביי איר קיין ייִדן נישט טרעפן, וועלן זיי אים נאָך באַשטראָפן פאַר דער פאַלשער מסירה.

זי אַליין, די פעלקאָווע, האָט איצט געטראָפן מאַטשושאַקס טאָכטער — די פאַלטינאָווע, האָט יענע זי איבערגעבעטן פאַר דער באַליידיקונג און דראָונג. זי האָט זיך געשוווירן ביים פאַן יעזוס, אַז זי האָט גאָרנישט געזאָגט וועגן ייִדן ביי איר אויפן בוידעם. זי ווייסט דעם אמת, אַז עס איז קיינער ביי איר נישטאָ, זי בעט, אַז די פעלקאָווע זאָל איר דאָס מוחל זיין און זי קאָן גיין פון כאַלופּע צו כאַלופּע געווויער ווערן, צי זי, די פאַלטינאָווע, איז נישט אומעטום געווען און אָפגעלייקנט דעם פאַלשן שם וועגן די ייִדן.

די פעלקאָווע דערציילט ווייטער, אַז פיל מענטשן נעמען זיך פאַר איר אָן. אָט שטייט איצט וואַצעק מיט זיין ווייב, אינמיטן דאָרף צווישן אַן עולם פאַרזאַמלטע פויערים און פויערטעס און לאַכן פון דער נאַרישער פּלאָטקע, אַז ביי דער פעלקאָווען זענען דאָ ייִדן. די וואַצקאָווע זאָגט, אַז זי קומט דאָרט שטענדיק אַריין צו דער טשאָטקען און ווייסט זיכער, אַז עס איז דאָרט קיינער נישטאָ. וואַצעק שרייט, אַז דער וואָס וועט נאָך דאָס איבערחזרן איז אַ משוגענער. ער קאָן נאָך חלילה ברענגען אַן אומגליק אויפן גאַנצן דאָרף, אַזעלכן דאָרף מען צערייסן אויף שטיקער. פאַלטין שווערט זיך, אַז זיין שווער, מאַטשושאַק, האָט נאָר געמאַכט אַ וויץ, איבערצושרעקן דער פעלקאָווען.

יאַנעק און די טשאָטקע זאָגן, אַז זיי גייען שוין נישט קיין קאַלושין, זיי בלייבן. מיר מוזן טאַקע טרינקען אַ פּאָר גלעזלעך. יאַנעק האָט זיך שוין גענומען פאָרען ביים פלעשל. פון דרויסן האָבן זיך דערהערט טריט. מיר האָבן פאַרהאַקט דאָס טירל.

עס זענען אַריינגעקומען דער וואָלקער סאָלטיס מיט פאַלטינען. דער סאָלטיס לאַכט:

— ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז עס זענען קיין ייִדן דאָ נישטאָ. האַ, וואָס מען האָט דאָרט געפּלאַפּלט? עס האָט זיך גאָרנישט געלייגט אויפן שכל, אַז זיי זאָלן טון אַזאַ נאַרישקייט און האַלטן ייִדן. נאָך איידער די רעכניאַקאָווע האָט אים געזאָגט, אַז זי איז געווען אויפן בוידעם און קיינעם נישט געזען, האָט ער דאָס שוין פאַרשטאַנען.

— נאָר יאָ, ער וויל בעטן, אַז מען זאָל צו מאַטשושאַקן און צו זיינע קינדער קיין פּרעטענזיעס נישט האָבן. מען זאָל אויף זיי קיין כעס נישט טראָגן. זיי זענען חלילה, גאָרנישט אויסן געווען, זיי האָבן נאָר בלויז געדראָאַט, קיין שלעכטס האָבן זיי נישט געמיינט צו טון. זיי האָבן אים טאַקע געבעטן, אַז ער זאָל דאָ אַריינגיין און דאָס אויפקלערן. ער בעט, דער סאָלטיס, אַז זיי זאָלן אים פאַרזיכערן, אַז זיי וועלן צו די מאַטשושאַקס קיין שנאה נישט טראָגן.

יאַנעק גיסט אָן אַ פּאָר גלעזלעך בראָנפן. דער סאָלטיס און פאַלטין טרינקען.

פאַלטין זאָגט, אַז ייִדן זענען אויך מענטשן און מען דאַרף זיי נישט טשעפּען, אויך ווען זיי דרייען זיך דאָ אַרום, ער מיינט למשל קוניאַקן.

— לחיים, לחיים, צום געזונט!

— זאָל לעבן די פעלקאָווע !

— זאָל לעבן דער סאָלטיס !

יאַנעק גיסט אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל. דער עולם נעמט זיך פילן בגילופין.

— לחיים !

— זאָל לעבן !

זיי שאָקלען זיך אויף די בענקלעך.

— זאָל לעבן יאַנעק, די טשאָטקע, די פעלקאָווע ! — שרייט דער סאָלטיס מיט אַ באַזויפן קול.

פאַלטין שטעלט זיך אויף, ער וואַקלט זיך :

— לחיים, זאָל לעבן דער סאָלטיס !

— זאָל לעבן קוניאַק !

⁂

באַלד ווי ס'איז געוואָרן נאַכט איז יאַנעק געקומען צו לויפן מיט אַ פינצטערער בשורה :

ער האָט געהערט אין דאָרף, אַז זשאַנדאַרן דאַרפן מאָרגן פאַרטאָג אַהערקומען.

געגנוי צו וועמען ווייסט ער נישט, אָבער ס'איז מעגלעך, אַז דאָ אַהער, צו אונז. ס'איז מעגלעך, אַז פון דאָרף האָט שוין ווער געהאַט געמאָלדן צו דער זשאַנדאַרמעריע וועגן אונז. ער איז ווי משוגע, ער ווייסט נישט וואָס צו טון.

— צו דער פעלקאָווען אין קעלער איז טאַקע אַ מורא אַראָפצוגיין, דאָרט איז קיין באַהעלטעניש נישט. אין דער וואַנט טאָר מען אויך נישט בלייבן, אַזעלכע באַהעלטענישן אַנטדעקן זיי גלייך. לעצטנס האָט מען אַ סך יידן שוין געכאַפּט הינטער טאָפּלטע ווענט.

איך זאָג, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען אין גרוב ביי אים אין שטאַל.

— דאָרט איז אוממעגלעך — זאָגט יאַנעק — דער גרוב איז פול מיט וואַסער. חוץ דעם, האָט ער מורא.

צפורהלע נעמט אים בעטן :

— מיר — זאָגט זי — וועלן דאָס וואַסער אויסשעפּן. ער דאַרף נישט מורא האָבן, מען וועט אונז זיכער דאָרט נישט געפינען, דער גרוב איז גוט פאַרמאַסקירט און אויב חלילה יאָ, וועט מען דאָך אים, יאַנעקן, גאָרנישט טון. אים וועלן זיי דאָך נישט כאַפּן, ער גייט דאָך סיווי אַוועק ווו אַנדערש שלאָפן. זיין פרוי און קינדער זענען דאָך נישטאָ (זיי זענען אין וואַרשע און וווינען די גאַנצע צייט נישט פון אונזער זיין דאָ). די טשאָטקע און די פעלקאָווע גייען דאָך אויך אַוועק.

יאַנעק האָט זיך פאַרטראַכט. ווייזט אויס, זיך איבערגעלייגט, איבערגערעכנט. לסוף האָט ער מסכים געווען און אונז גלייך אַריינגעפירט אין שטאַל.

מיר עפענען דאָס לאָך — אַ האַלבער גרוב איז טאַקע מיט וואַסער. די טשאָטקע איז געלאָפן און געבראַכט עטלעכע קובלעס. פרוימאַן האָט זיך אַריינגעלאָזט אינעווייניק, גענומען שעפּן, און מיר, אויבן, האָבן די קובלעס אַרויסגעגאָסן דורך די לעכער אונטער די ווענט. די טשאָטקע, די פעלקאָווע און יאַנעק האָבן זיך בשעת־מעשה געדרייט אין דרויסן, אַכטונג געגעבן צי עס קומט קיינער נישט אָן.

נאָך עטלעכע שעה איז ענדלעך דער גרוב געווען ליידיק. מער קיין וואַסער איז נישט געווען. פרוימאַן האָט דאַן אינעווייניק אויסגעבעט מיט שטרוי און מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט. די פעלקאָווע האָט באַלד אַריינדערלאַנגט ברויט מיט וואַסער, אַ ליכט מיט שוועבעלעך און יאַנעק האָט זיך פון אויבן גענומען פאַרמאַסקירן די עפענונג.

מיר בעטן, אַז ער זאָל גוט פאַרשיטן דאָס לאָך מיט ערד און אַז קומען עפענען זאָל ער ערשט מאָרגן אין אָוונט.

יאַנעק האָט אַריינגעלאָזט אין דער עפענונג ברעטלעך און גענומען אויף זיי שיטן ערד, כמעט אַ מעטער די הויך. ווען דאָס לאָך איז געווען אויסגעגלייכט מיט דעם גאַנצן באָדן פון שטאַל — האָט ער אָנגעוואָרפן מיסט. עטלעכע מאָל געשפרונגען איבער דעם אָרט און אויבן איז געוואָרן שטיל.

מיר בלייבן אין דער פינצטער. מיר זענען צופרידן, וואָס מיר געפינען זיך אַזוי טיף אונטער דער ערד. עס דאַכט זיך, אַז דאָ וועט אפילו דער טייוול צו אונז נישט דערגרייכן. די פינצטערניש איז אַזוי געדיכט, אַז מען קאָן זי כמעט טאַפּן מיט די הענט. אפרים וויל אָנצינדן אַ שוועבעלע — עס לעשט זיך אויס, ער פרווט אַ צווייטס — עס לעשט זיך, ער פרווט אַ דריטס — עס גייט נישט. פרוימאַנען איז יאָ געלונגען אָנצוצינדן דאָס ליכט, נאָך אַ רגע האָט עס זיך אָבער פאַרלאָשן. צפורהלע זאָגט, אַז עס איז איר שווער דעם אָטעם צו כאַפּן, אסתרל זאָגט אויך אַזוי.

איך דערפיל מיטאַמאָל, אַז דאָס שטרוי אונטער מיר ווערט נאַס. איך שטעק אַרונטער די הענט, איך דערפיל — אַ קאַלוזשע. אסתרלען ווערט שווער אויפן האַרץ, כאָטש אַ ביסעלע לופט, זאָגט זי, וואָלט זי געדאַרפט האָבן. איך הייס איר זיך צוביגן מיט דער נאָז צו דער פייכטער ערד. זי ציט זיך אויס, שאַרט אָוועק דאָס שטרוי און נעמט מיט די נאָז און מויל ציען לופט. אין צווייטן ווינקל טוט דאָס זעלבע צפורהלע. אפרים זאָגט, אַז עס שלעפערט אים, ער ציט זיך אויס אין דריטן ווינקל. איך און פרוימאַן בלייבן זיצן אין דער מיט. מיר באַשליסן צו שלאָפן, די נאַכט און דער צומאָרגנדיקער טאָג זאָלן שנעל דורכלויפן. איך דערפיל, אַז עס ווערט מיר עפּעס שווער אויפן האַרץ, אויך ביי פרוימאַנען שלאָגט דאָס האַרץ אַזוי, אַז איך פיל עס אַזש. מיר זענען אָבער געווען שטאַרק מיד און האָבן איינגעדרימלט. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָב איך זיך איבערגעוועקט און דערפילט, אַז עס איז מיר נישט גוט. עס איז מיר געפאַלן אַ שווערקייט אויפן גאַנצן גוף, קוים איך קאָן רעדן. איך פרעג פרוימאַנען, ווי ער פילט זיך — „נישט גוט” ! — זאָגט ער. פרעג איך אסתרלען, צי עס איז איר בעסער — זי ענטפערט מיר נישט ! איך פרעג נאָכאַמאָל — זי שווייגט ! איך ווער באַאומרואיקט און פרווו זי וועקן — זי רירט זיך נישט ! איך נעם טאַפּן מיט די הענט — זי איז ווי פאַרשטייפט ! איך מאַך אַ געוואַלד — קיינער ענטפערט מיר נישט ! איך נעם זי רייסן — זי באַוועגט זיך נישט ! פרוימאַן זאָגט מיר, אַז אויך צפורהלע און אפרים זענען פאַרחלשט. ער מונטערט זיי און עס העלפט נישט. מען מוז, זאָגט ער, שנעל אויפרייסן דאָס לאָך און אַריינלאָזן לופט ! ער נעמט זיך גלייך דערצו. איך רייס דערווייל די פאַרחלשטע.

עס איז מיר געלונגען אסתרלען אויפצוּוועקן, אָבער זי איז נישט ביים באַוווסטזיין, זי וואַרפט זיך ווי ביי אַן אַטאַק. איך לויף פון איר צו צפורהלען און צו אפרימען, אויך זיי זענען נישט ביים באַוווסטזיין. איך דערפיל, אַז אַ ליאַדע מינוט

וועל איך אויך אַוועקפֿאַלן. פּרוימאַן רייסט די עפֿענונג, אָן רעזולטאַט, די ברעטלעך ליגן פֿעסט אונטער דער ערד־מאַסע און רירן זיך נישט.

איך נעם זיי רייסן און ער מונטערט דערווייל די פֿאַרחלשטע. ער שרייט, אַז איך זאָל עס שנעלער מאַכן, ווייל ער פֿילט, אַז אָט־אָט פֿאַלט ער אויך לעבן זיי. איך קאָן אָבער גאָרנישט אויפֿטון. עס וויל זיך נישט רירן.

— שנעלער, שנעלער! — שרייט ער.

איך רייס מיט די לעצטע כוחות — עס גייט נישט. ער שטעלט זיך אויף און נעמט רייסן צוזאַמען מיט מיר. אַ ברעטל האָט זיך אָנגעהויבן רירן. מיר לאָזן עס נישט אָפּ. מיטן גאַנצן כוח רייסן מיר, מיט פֿאַרצווייפֿלונג. דאָס ברעטל האָט זיך געגעבן אַ רוק און — עס האָט גענומען פֿאַלן זאַמד. מיר פּאַקן אַריין די הענט אין לאָך און בויערן ווייטער אויבן אין דער ערד. עס האָט זיך גענומען שיטן. די ברעטלעך זענען לויזער געוואָרן. פּרוימאַן האָט איינס שנעל אַראָפּגעריסן. באַלד האָבן זיך אויך די אַנדערע אַרויסגערוקט, די ערד איז אַריינגעפֿאַלן אין גרוב און — דאָס לאָך איז געווען אָפֿן.

די פֿאַרחלשטע ליגן אַלע האַלב־פֿאַרשטיפֿט. פּרוימאַן האָט מיך גיך אונטערגעהויבן און אַרויסגעשטופּט. איך בין אַרויף אין שטאַל אַריין. ער האָט אויפֿגעהויבן אסתרלען און זי מיר דערלאַנגט. ביי די הענט האָב איך זי אַרויפֿגעצויגן. ער, אונטן, האָט אונטערגעשטופּט. איך האָב זי געכאַפּט אונטער די אָרעמס, אַרויסגעצויגן און אַוועקגעלייגט אויפֿן שטרוי. דאַן האָט ער אַרויפֿגעשטופּט צפּורהלען מיט אפֿרימען. איך האָב זיי אַרויסגעצויגן און אַוועקגעלייגט לעבן אסתּרלען. פּרוימאַן איז אַליין אַרויף און צען מינוט צייט האָבן מיר זיי געמונטערט, געמאַכט קינסטלעכע איינאָטעמונג ביז זיי זענען געקומען צו זיך.

אַ גאַנצע נאַכט שפּעטער זענען מיר געזעסן, אויבן אין שטאַל, אָפֿן. מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טון. מיר וואָלטן אפֿשר אַנטלאָפֿן אין וואַלד אַריין אויף עטלעכע טעג. אסתּרל, צפּורהלע און אפֿרים קאָנען אָבער נישט רירן מיט די פֿיס. זיי דרימלען אין די ווינקלען. אויך מיר — איך און פּרוימאַן — זענען אַזוי דערשעפּט, אַז מיר האַלטן זיך נאָך קוים. מיך מאַטערט זייט האַלב אַפּריל דער פֿיבער. איך ווייס נישט וויפֿל איך האָב, אָבער איך גלי אינגאַנצן. זענען מיר אַזוי געזעסן ביז פֿאַרטאָג. ערשט, ווען אין דרויסן האָט גענומען גרויען, זענען מיר צוריק אַראָפּ אין גרוב, צוערשט אָנוואַרפֿנדיק אַרום דער עפֿענונג מיט שטרוי. שוין זייענדיק אינעווייניק, האָב איך מיט די הענט, פֿון אויבן אַריינגעשלעפּט דאָס שטרוי אין לאָך, געלאָזט שמאָלע שפּאַלטן אויף לופֿט און זיך אַוועקגעזעצט אויף גאָטס באַראָט. מיר האָבן עטלעכע שעה געזאָגט תהילים, געבעטן. שפּעטער זענען מיר מיד געוואָרן און אַלע זענען מיר איינגעשלאָפֿן.

אויפֿגעוועקט האָט אונז די פֿעלקאָווע. ס׳איז שוין געווען אָוונט. מיר זענען אַרויפֿגעקראָכן אין שטאַל אַריין. זי האָט אונז געבראַכט אַביסל געקעכץ און דערציילט, אַז היינט, אַ האַלבן טאָג, זענען זשאַנדאַרן געווען אין דאָרף. זיי האָבן אין פֿיל ערטער געזוכט. מען האָט געמסרט, אַז עס מאָלט ווער אין געהיים תבואה. אונז האָט מען חלילה נישט געמיינט און, דאַנקען גאָט, אַז זיי האָבן אַהער נישט פֿאַרבלאָנדזשעט.

5'טער מאַי :

שוין דער פינפטער טאָג ווי מיר געפינען זיך אין שטאָל און מיר קאָנען נאָך צו זיך נישט קומען פון די איבערלעבענישן פון די לעצטע טעג. מיר זענען אַלע באַרוישט ווי מען וואָלט אונז מיט שווערע קלעפּ באַטויבט און אַ מידקייט שווערט די איברים, ווי זיי וואָלטן געווען מיט בליי אָנגעגאָסן. אסתרל, צפורהלע און אפרים זיצן כסדר אונטן אין גרוב און מיר, איך און פרוימאַן, זענען אויבן אין שטאָל. מיר קוקן אַרויס דורך די שפּאַרעס און אָבסערווירן די שטימונג אַרום אונז, צי זעט מען נישט עפּעס פאַרדעכטיקטס.

מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אָבסערוואַציע־פּונקטן אין די צוויי קעגנזייטיקע ווענט, הויך, האַרט אונטערן שטרויענעם דאַך. פון די קליינע לעכלעך זעט מען אַביסל דעם אַרומיקן שטח. שטייען מיר אַזוי כמעט אַ גאַנצן טאָג זייטיק, מיט די פיס אויף די שמאָלע ווענט־לייסטלעך, אָנהאַלטנדיק זיך מיט די הענט אין די שטרוי־שטעקענעס פון דאַך און באַטאַפּן דעם דרויסן מיט די אויגן. יעדער טונקעלער פּונקט, וואָס באַווייזט זיך פון דער ווייטנס — רופט אַרויס האַרץ־קלאַפּונג. מען שטרענגט אָן די ראיה און אַלע חושים, ביז דאָס פּינטעלע שיילט זיך אַרויס און נעמט אָן אַ קלאָרע געשטאַלט.

אין שטאָל איז איצט געפערלעך הייס. די לופט איז ווי פאַרגליווערט, ווי איין שטיק, אַז עס איז אוממעגלעך דורך די נאָזלעכער זי אַריינציען. און ווען מען עפנט דאָס מויל, זי אַריינצושלינגען שטיקערווייז, נעמט אָבער שטראָמען אַ מאָדנער עיפוש דורכן האַלז גלייך אונטערן האַרץ אַרונטער, נאָר צו ברעכן, אַז עס הויבט נאָר אָן צו שטיקן. טוישן מיר כסדר: אַנשטאָט די אויגן — שטופּן מיר צו די שפּאַרעס די נאָזלעכער. מיטן גאַנצן אינערלעכן כוח שלעפּט מען אין זיי אַריין דינע שנירלעך לופט און מען אָטעמט אַזוי שווער, אַז זיי אין דער טיף, אין באַהעלטעניש, הערן אַוש.

פּאַקט זיך אַרויס פון אונטן, פון לאָך, אַ צעשויבערטער קאָפּ מיט אַ בלייך פּנים און אַ שפּיציקע נאָז, באַטראַכט אונז מיט שאַרפע, פינקלענדיקע אויגן און ברומט אַראָפּ עפּעס אומפאַרשטענדלעכס צו די צוויי אַנדערע אין גרוב. פון אונטער דער ערד אַפּער נעמט זיך טראָגן אַ געברומעניש, ווי אַן עכאָ פון אַ קבר אַרויס, אַ פאַרטויבטער גערודער, און באַלד נעמט זיך עפּעס באַוועגן אויבן, ווער פון זיי וויל זיך טוישן מיט אונז:

— מיר זענען מיד פון כסדריקן הענגען אין דער לופטן, זאָלן מיר אויך אַ שטיקל צייט אַראָפּגיין אונטן, זיך אָפּרוען אַ ביסל, זיי וועלן שוין אַכטונג געבן!

מיר זענען צופרידן, אַז זיי וועלן אין זיך אַריינציען אַביסעלע לופט — שפּרינגט מען שטיל אַראָפּ פון די לייסטן. די פיס גיבן אַ טאָפּטשע אין נאַסן, בהמה־נעמיסטיקטן שטרוי און זינקען ביז איבער די קנעכלעך אין אַ שיטערער זומפּיקייט.

אפרים ליגט שוין אויף אַלע פיר אויף דער ערד און קוקט מיט די קורצזיכטיקע אויגן אויף דער וואַנט.

— ער וויל אַרויף אונז פאַרטרעטן !

הינטער אים, אין דער זעלביקער פּאָזיציע, ליגט צפּורהלע. אויף פרוימאַנס פּלאַץ שטייט שוין אסתּרל מיטן שפּאַר־לעכל איבערן אויג ווי אַ בינאָקל און באַטראַכט אַ צעשראָקענע דעם דרויסנדיקן אַרום.

אפרים נעמט צוזאַמען די כּוחות, זיך אויפצוהויבן, אַרויפקריכן אויף מיין אָרט. הינטן שלעפּט אים פאַר אַ פוס — צפּורהלע :

— ניין, זי וועט אַרויפקריכן, ער האָט קיין כּוח נישט און ער מיט זיין קורצזיכטיקייט וועט סיווי גאָרנישט זען, וואָס אין דרויסן טוט זיך.

אפרים ווערט זיך. אָבער זי קריכט שוין אַרויף. ער שטרעקט אויס אַ האַנט, צו ציען פאַר איר פוס. זי הענגט שוין אָבער מיט איין פוס אויפן ליסטל און מיטן צווייטן קאָפּעט זי אין דער לופט, ער זאָל אָפּלאָזן און צוריק אַראָפּגיין אונטן.

מיר הערן, ווי דאָס האַרץ ביי אים זעצט פון דושנעקייט. ער טאַפּט מיט די נאָזלעכער דעם חלל און זוכט אַ קאַפּעלע לופט. פרוימאַן הייסט אים זיך אויסציען אויף דער ערד, מיטן קאָפּ צו דער וואַנט. פון אונטער די פונדאַמענט־בעלקעס שאַרט זיך אַריין לופט און שפּרייט זיך איבערן באָדן. אפרים שטעקט אונטער דאָס פּנים און סאַפּעט שווער. ער זיפצט פאַר תּענוג פון די שטראָמקעלעך ווינט, וואָס וויקלען אים דעם קאָפּ אַרום, ווי מיט אַ שיטערן, זיידענעם טיכל און בלייבט אַזש אין אָנמאַכט, ביי יעדן פּאַסיקל לופט, וואָס פליסט אין איין אָטעם־צוג אַריין דורך די נאָזלעכער גלייך צום מוח, אין די לונגען און צעגייט זיך מיט אַ מאָדנער זיסקייט אין אַלע אבֿרים.

אויבן, אויף די פּאָסטנס שטייען די פרויען אָנגעשטרענגטע און צאַפּלען בסדר אויף ביי יעדער באַוועגונג אין דרויסן. יעדער אָפּקלאַנג אין דער לופט, מאַכט ווי טרייסלען, די פיס אונטער זיי ציטערן און וואַקלען זיך פון די לייסטלעך אַראָפּ און אינגאַנצן וואַרפן זיי זיך. ביי יעדן פרישן גערויש, רופן זיי אונז, אַז מיר זאָלן קאָנטראָלירן, וואָס עס איז דאָרט. פרוימאַן מאַכט פרישע שפּאַרעס אונטער די פונדאַמענט־בעלקעס, ער רופט זיי אַראָפּ, הייסט זיי זיך אויסציען, לופט כאַפּן, און מיר ביידע פאַרנעמען צוריק אונזערע אָבסערוויר־פּאָזיציעס.

אין דרויסן איז רואיק. בלויז די טשאַטקע פאַרעט זיך פאַר דער טיר פון דער פעלקאָוועס באַלופע, זי רייסט גראָז און זינגט זיך צו אַ טרויעריק לידל וועגן „שוויענטעי פּאַמיענטשי” פּעלעק. די גרילן רוישן און די פייגעלעך צוויטשטשען צו צו דער טרויעריקער מעלאָדיע.

עפּעס נעמט זיך פּלוצים באַוועגן הינטער אונז אין שטאַל. מיר דרייען זיך אום — אונטן איז ליידיק. אסתּרלן מיט צפּורהלען זעט מען נישט, זיי זענען שוין צוריק אין גרוב. אויך אפרימען זעט מען כּמעט נישט, ער איז שוין באַלד אינגאַנצן אינעווייניק, בלויז אַ שטיקל פוס שטאַרצט נאָך אַרויס פון לאָך, אויבן אַרויף, און מאַכט פאַרשידענע באַוועגונגען, זוכנדיק אַ באַקוועמען אופן ווי אַריינצובאַקומען זיך אין דער טיפעניש. פרוימאַן שפּרינגט אַראָפּ, כאַפּט אָן אפרימען פאַרן פוס און שושקעוועט אַריין, אַז זיי זאָלן צוריק אַרויסגיין צו די פונדאַמענט־שפּאַרעס, זיך דערפרישן מיטן ביסל לופט, זיי קאָנען נאָך אונטן חלשן פון דושנעקייט.

זיי ווילן נישט, זיי האָבן מורא. ס׳קאָן נאָך אויסקומען, אַז מען זאָל זיך דאַרפן שנעל פאַרשטעקן, איז גלייכער וואָס ווייניקער מענטשן אויבן. ניין, זיי ווילן בשום אופן נישט.

⁂

עס איז שוין פינף אַ זייגער פאַרנאַכט. אונטערן האַרץ נעמט עפּעס פּיקן, צי איז עס הונגער? דאַכט זיך, אַז יאָ. דאָס געקעכץ אין שטוב מוז שוין באַלד פאַרטיק זיין. די טשאַטקע רייסט שוין גראָזן פאַר די צוויי קראָליקעס, וואָס ליגן אין אַ ווינקל פון אונזער שטאַל. שוין דריי טעג ווי יאַנעק האָט דאָ אַריינגעלאָזט די צוויי קראָליקעס. אין זייער זכות האָט מען אָנגעהאָנגען אַ שלאָס אינדרויסן אויף דער טיר פון שטאַל, דאָס הייסט, אַז דער שלאָס דאַרף היטן, מען זאָל די קראָליקעס נישט צוגנבענען, אַנדערש, וואָלט דאָס פאַרשליסן די טיר געווען פאַרדעכטיק און מען וואָלט חושד געווען, אַז יאַנעק האַלט אינעווייניק פאַרשלאָסן יידן. זיצן די קראָליקעס אין ווינקל און ציטערן כסדר, ביי יעדן שאָרך, מיט די גרויסע אויערן. זיי ווייסן נישט, וואָס מען וויל פון זיי, פאַרוואָס מען האָט זיי דאָ איינגעשלאָסן. דערפאַר נעמט מיט די טשאַטקע, יעדעס מאָל ווען זי ברענגט אונז עסן, אויך פאַר זיי אַ שפּאָרן קויש גראָז. אינעווייניק, אין קויש, אונטערן גראָז, איז באַהאַלטן דאָס טעפּל מיטן געקעכץ פאַר אונז. די טשאַטקע איז צופרידן פונם אויפטו: קיינעם וועט נישט איינפאַלן, אַז דאָס טראָגט זי עסן פאַר מענטשן. שפּאַצירט זי דרייסט מיטן קויש פאַר זיך, מיט אַרויסשטאַרנדיקע ברייטע גראָזן און זינגט צו פריילעך אַ ליד. פאַר דער טיר פאַרהאַלט זי זיך, קוקט זיך אַרום און נעמט מיט אַ ניגון רופן:

- - טרוש, טרוש — טרוש, טרוש!

די קראָליקעס קורטשן זיך איין, שטרענגן אָן די אויערן און שפּרינגען אויף, צי פון שרעק, צי פון שמחה, פון פרישן קויש גראָז, וואָס זיי דערפילן זיין ריח פון דרויסן. די טשאַטקע ציט דעם ניגון:

— טרוש — טרוש, טרוש!

דאָס מאָל מיינט זי אונז — מיר, אינעווייניק, זאָלן זיך נישט דערשרעקן פאַר די דערנענטערנדיקע זיך טריט. זי שליסט אויף, די טיר עפנט זיך שמאָל און דער ווינט שמייסט אַריין אַ שאַרפן פאַס לופט, געמישט מיטן זויערן ריח פון געקעכץ, וואָס נעמט קיצלען אין די נאָז־לעכער און טייעט אויף דאָס שפּייעכץ פון האַלדז און גומען. זי שטעלט אַריין דעם קויש, ציט זיך צוריק און פאַרשליסט גיך הינטער זיך די טיר.

די חברה נעמט איינציקווייז אַרויסקריכן פון לאָך און זעצט זיך אַרום קויש. מען ציט אַרויס דעם טאָפּ פון צווישן די גראָזן, וועלכע מען וואַרפט אין אַ זייט. די קראָליקעס ווערן היימישער, רוקן זיך צו און ס׳הויבט זיך אָן אַ בשותפותדיקע סעודה. אכתרל, צפורהלע און אפרים איילן זיך, שלינגען גיך די הייסע לעפל, שנעלער פאַרטיק צו ווערן, אונז צו קאָנען פאַרטרעטן אויבן, בעת מיר וועלן אַראָפּגיין עסן, און אויך די קראָליקעס, אַביסל צוציטערנדיק מיט אָנגעשטרענגטע אויערן, שלינגען בהפזונדיק דאָס גראָז. צפורהלע נעמט זיי גלעטן און צערטלען איבער די בלענדנדיקווייסע אַנגאָרע־האָר, איבער די לאַנגע אָדערדיקע אויערן און זיי, די שטומע באַשעפעניש, איינגעקורטשעטע, שלינגען אייליק די לאַנגע גראָזן, באַטראַכטנדיק אונז

מיט די איבערגעשראָקענע רויטע אויגן. עפּעס זעט אויס, איז זיי דער גאַנצער ענין קשה. זיי פאַרשטייען נישט, וואָס דאָ קומט פאָר, זיי פילן אָבער, אַז קיין גוטס געשעט דאָ נישט — קוקן זיי אויף אונז מיט פאַרדאַכט און פאַרשנדיקע בליקן און מעגלעך, זיי פילן, אַז קיין גוטס פאַר זיי פון דער דאָזיקער בשותפותדיקער דירה מיט אונז, וועט נישט אַרויסקומען. פונקט ווי מיר זענען דערפון באומרואיקט: ווער ווייסט, צי זיי, די אומשולדיקע באַשעפענישן, קאָנען אַמאָל נישט זיין דער גורם פון אַן אומגליק: ס'קאָן זיך נאָך וועמען, אַ שכן, פאַרגלוסטן אַמאָל, אין מיטן דער נאַכט קומען אַראָפּדרייען דאָס שלעסל, וועלנדיק זיי אַרויסגנבענען, אָבער דערווייל —

דערווייל זענען מיר זיי דאַנקבאַר, אונזער־ע צייטווייליקע באַשיצערלעך. מיר זענען זיי דאַנקבאַר פאַר זייער גלייכגילטיקייט צו אונז, ווייל וואָס־וואָס, נאָר קיין שנאה פון זיי צו אונז, פילן מיר זיכער נישט און דאָס אַליין שוין דערוואַרעמט אונז אינערלעך. מיר זענען זיי דאַנקבאַר!

⁂

די מורא, אַז מען זאָל אין דער פינצטער נישט קומען אַרויסגנבענען די קראַליקלעך לאָזט אונז אין די נעכט נישט רוען. אין דער בייגאַכטיקער שטילקייט וואָס הילט אַרום דאָס דאָרף, דאַכט זיך כסדר, אַז מען הערט אַ געהיימניספולן גערודער, ווי שאָרכנדיקע טריט. עס דאַכט זיך, אַז פון די פעלדער שלייכט זיך ווער אין דער ריכטונג צו אונזער שטאַל. מיר וואָלטן זיך אַלע געלייגט שלאָפן אין גרוב און פאַרמאַכט אויבן די עפענונג, ס'וועט אָבער נישט מעגלעך זיין צו אָטעמען. בלייבט ווער אויך אין דער נאַכט וואַכן. אַלע שלאָפן אונטן אין גרוב און איינער זיצט אין דער פינצטער אויבן, אין שטאַל, נאָענט ביים לאָך און הערט זיך איין אין דער אַרומיקער שטילקייט. מען טוישט זיך — יערע נאַכט אַ צווייטער. מען מוז קעמפן מיט זיך נישט איינצושלאָפן. די נעכט זענען קילע, אַ ווינטעלע וואָס גנבעט זיך אַריין — פרישט אָפּ, וויקלט אַרום, צערטלט און שלעפערט איין, ווי מיט נאַרקאָטיק. די געדאַנקען וועפּן אויס, אין אונטערבאַוווסטזיין קלאַמערט זיך בלויז די שרעק, וועלכע מונטערט און העלפט־מיט קעמפן מיטן דרימל, וואָס זינקט אין אַלע איברים מיט אַ מאָדנער זיסקייט. די אויגן־לעדעלעך קלעבן זיך און די גלידער פאַלן שווער אַראָפּ, זיי בעטן זיך אויסציען אין שטרוי. די מייז גראַבלען אין די ווינקלען מיט די דינע פיסעלעך, ווי זיי וואָלטן מיט שפּילקעס געקראַצט אין מוח, אַ פחד שטראָמט אין דער פינצטער פון די ווענט און ווינקלען, און גיסט אָפּ ווי מיט געפרוירן וואַסער, אַז דאָס לייב נעמט אַזש שוידערן, די הויט בלעזלט זיך און שטעכט. פאַרשיידענע אָפּקלאַנגען דערגייען פון דרויסן. מיט די הענט קלאַמערט מען זיך אין ראַנד פון לאָך, גרייט אַראָפּצושפּרינגען. די חבֿרה, אונטן, שנאָרכט שווער מיט ביטערניש און זיפצט כסדר אַרויס פון שלאָף, זיי וועקן זיך יעדע ווײַלע איבער און הערן זיך איין, ווערן ווידער אַנטשלאָפן און שנאָרכן ווייטער.

ביסלעכווייז פאַרשווינדט די געדיכטע פינצטערניש. זי לאָזט איבער אַ גרויקייט, פון וועלכער עס שיילן זיך אַרויס פאַרדעכטיקטע, קאַלטע שאָטנס, וואָס נעמען זיך שלייכן אַרום די ווענט און אין חלל און דריקן זיך פון אַלע זייטן. איינדרויסן בלויט שוין, דער טאָג וועקט זיך, אין דער לופט נעמט זיך טראָגן אַ געצווישטשער פון פייגל. פרוימאַן וועקט זיך איבער און קריכט פויל, אין דער האַלבער

טונקלקייט, אַרויס פון לאָך. ער רייבט זיך מיט די אַרבל אויס די אויגן, צעקעמט מיט די פינגער די צעשויבערטע האָר. באַלד קריכט ער אַרויף אויף דער וואַנט, פאַרטשעפעט זיך מיט די באָרוועסע פיס אין די לייסטלעך און פאַרנעמט זיין אויסשפירפאָסטן.

איך בין שוין אויך אויבן. מיר שעפטשען ביידע אַ פרימאָרגן־תפילה. עס גלוסט זיך אַביסל פאַרטיפן אין זיך, זיך מתייחד זיין, אין האַרץ פלוסקעט זיך, עפעס ציט מאָדנע, מיט אַ טיק־טאַק וואָס קלאַפט אין אומרואיקער דערוואַרטונג.

פון מזרח רוקט זיך לאַנגזאַם אונטער אַ גרויסער אומבאַקאַנטער טאָג. עס פליסן מיט אַ האַסטיקער שנעלקייט פאַרנעפלטע געפילן, ריטשקעלעך בלוט שטראָמען און גיסן זיך שנעל איבער פון איין קאַנאַל אין צווייטן. דער טאָג שטעלט זיך אַזוי פריש, אַ לויטערער, אַ ליכטיקער. אין דרויסן איז שטיל, אַ חוץ דער דערוואַכטער נאַטור, שלאָפט נאָך אַלץ. די וועלט איז איצט אַזוי קלאָר, ריין און האַרמאָניש. די יונגע בליונג, געוואַשן אין מאָרגנטוי, פינקלט און שמייכלט אַנטקעגן דער יונגער, שטיפערישער זון. אַך, ווי עס וואָלט זיך איצט געגלוסט לויפן אַ באָרוועסער, דערפרישן די פיס אין די נאַסע גראָזן, שמייסן זיך מיט דער טויאיקער גרינקייט און אויסגעטרוקנטן פנים און פאַלן מיט אויסגעשפרייטע הענט צו דער פייכטער ערד, זיך צוקלעבן צו איר און וועגן גאָרנישט, וועגן גאָרנישט טראַכטן! אַך, ווען עס קאָן אַזוי בלייבן כסדר פאַרטאָג, כסדר אַזוי שטיל!

פון דערווייטנס רודערט זיך שוין אָבער, עס עפענען זיך שוין די ערשטע טירן פון די כאַלופעס, באַבעס מיט ווייסע טיכלעך געבונדן אַרום די קעפ און מילך־טעפ אין די הענט, לויפן שוין באָרוועסע צו די שטאַלן. דער טאָג איז דאָ, ער האָט זיך שוין געשטעלט! אויך די פעלקאָווע האָט שוין געעפנט איר טיר. זי שטייט פאַר דער שוועל מיט אַ זויער פנים, זי גרייט זיך אַרויסלאָזן די קו פון שטאַל, אויף דער פאַשע. אויך אַנדערע קי פאַרלאָזן שוין די שטאַלן. פון אַלע זייטן עפענען זיך טירן, די בהמות לאָזן זיך צום גראָז, די פויערים מיט די פויערטעס — אויפן פעלד, די הינער שאַרן זיך אַרויס פון די פעדערהייזלעך, אויך די פויגעלעך פאַרלאָזן די נעסטן. אַלץ איז שוין אין דרויסן, אָפן, פריי.

מיר קאָנטראָלירן צי די טיר איז גוט פאַרשלאָסן, פאַרשטאָפן גיך די איבעריקע שפאַרעס אין די ווענט, ליגן שטרוי אַרום דער עפענונג פון גרוב און גרייטן זיך, אויף יעדן פאַל — צו אַ פלינקן און געשיקטן שפרונג אין לאָך אַריין.

ווייזט אויס, אַז אפרימס חילשות פון די לעצטע טעג איז נישט געווען קיין צופעליקע. היינט, אין די מאָרגן־שעהן, האָט ער ווידער געהאַט אַן אַטאַק, אַן ענלעכן ווי דער, מיט דריטהאַלבן חדשים צוריק אויבן, ביי דער פעלקאָווען אויפן בוידעם. דאָס מאָל האָט דער אַטאַק אָבער שיר אויך געקאָסט אונזערע לעבנס.

געווען איז עס אַרום צען אַזייגער אינדערפרי.

די טשאָטקע האָט אונז געגעבן צו וויסן, אַז זשאַנדאַרן זענען דאָ אין יענער זייט דאָרף, זיי גייען פון כאַלופע צו כאַלופע און זוכן עטלעכע מענטשן פון דעם דאָרף — אַנטלאָפענע פון צוואַנגס־אַרבעט אין דייטשלאַנד. זי האָט אונז געהייסן פאָרזיכטיק זיין, און אין אַ נויט־פאַל — זיך גוט פאַרשטעקן. מיר האָבן פאַר־

שטאַרקט אונזער שמירה און אויך ביי דער דריטער וואַנט אַוועקגעשטעלט עמעצן, אַרויסקוקן דורך דער שפּאַרע. דאָס איז געווען אסתרל. צפּורהלע און אפרים זענען געבליבן אונטן, אין גרוב.

מיר שטייען מיט קלאַפּנדיקע הערצער, קוקן אין אַלע זייטן און הערן זיך איין צו דער שטילקייט אין דאָרף — אַ שטילקייט אַ באַקאַנטע, אַן אָנגעלאָדענע, ווי פֿאַר אַ געוויטער. אַ שרעק שוועבט אין דער לופֿט, מען שרעקט זיך אַפֿילו פֿאַר דעם צו הויכן קלאַפּן פֿון אייגענעם האַרץ. אין דרויסן זעט מען נישט קיין לעבעדיקן מענטש, אַלע זענען ווי איינגעזונקען, ווי אויסגעשטאָרבן, דער חלל איז פֿול מיט דערוואַרטונג.

אַנטקעגן, ביי מאַטשושאַקן, נעמט זיך לאַנגזאַם עפֿענען די טיר פֿון פֿעדער־הייזל, עס שטעקט זיך אַרויס אַ בלאָנדער, מיידלשער קאָפּ. ס'איז מאַרישקע, זיין יונגסטע טאָכטער. זי קוקט זיך פֿאָרזיכטיק אַרום אין אַלע זייטן, שושקעוועט עפּעס אַריין אין שטוב, ווי זי וואָלט וועמען גערופֿן און שאַרט זיך אַרויס אין דרויסן. הינטער איר שלייכט זיך נאָך מיט שטילע טריט דער יונגער וואָטשאַלאַק — אַ שכנס אַ זונדל, אַ שוואַרצער, קרעמפּיק־נידעריקער שגץ מיט רויטע באַקן. זיי האָבן זיך אַ מינוט איינגעהערט אין דער שטילקייט און אויף די שפּיץ־פֿינגער זיך גענומען דערנענטערן צו די הויכע גראָזן ביי דער סאַדזעווקע, אַנטקעגן אונזער שטאַל. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט, איינגענורעט די קעפּ אין די גראָזן און אויסנוצנדיק די אַרומיקע שטילקייט, זייענדיק ביי זיך זיכער, אַז קיינער זעט זיי נישט, האָבן זיי גיך פֿאַרגעסן, אַז אין דאָרף געפֿינען זיך זשאַנדאַרן...

מיר האָבן פֿאַרשטאַרקט די אויפֿמערקזאַמקייט און אַפֿילו דעם אָטעם גענומען איינהאַלטן. פֿרוימאַן האָט זיך פֿאָרזיכטיק אַראָפּגעגליטשט פֿון דער וואַנט און אַריינגעסודעט צו אפרימען מיט צפּורהלען אין גרוב, זיי אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז מען טאָר איצט קיין שאָרך נישט געבן.

אין אַ מינוט אַרום האָט זיך אונטער אונז פּלוצים גענומען טראָגן אַ מאָדנע רעוועדיק בעטשען, ווי פֿון אַ קו און באַלד האַלב־פֿאַרשטומטע געוואַלדן ווי פֿון אַ מענטש וואָס שטיקט זיך. מיר האָבן דערקענט אפרימס קול. אַלע מיטאַמאָל זענען מיר אַראָפּגעשפּרונגען און אַריין אין גרוב. אפרים איז שוין אַ פֿאַרשטייפֿטער געלעגן אויסגעצויגן מיט פֿאַרהאַקטע ציין, פֿאַרשטאַרטע פֿויסטן און מיט אַ רויטער שוים פֿאַרגאָסן דאָס פּנים. פֿרוימאַן, אסתרל און צפּורהלע האָבן זיך געכאַפּט אים מונטערן און איך בין שנעל אַרויף, צוריק צו דער שפּאַרע.

וואָטשאַלאַק און מאַרישקע זיצן מיט אָנגעשטרענגטע אויערן און הערן זיך דערשראָקן איין אין דער שטילקייט. זיי ווילן אויפֿכאַפּן פֿון וואַנען די קולות האָבן זיך געטראָגן. הערנדיק, אַז עס איז צוריק שטיל געוואָרן, האָבן זיי זיך גיך באַרואיקט און אויפֿסניי זיך פֿאַרזינקען צווישן די גראָזן. באַלד האָבן זיך ווידער גענומען טראָגן קולות. דאָס מאָל שוין אָבער שאַרפֿע, קלאָרע אויסגעשרייען. זיי, אונטן, האָבן דערמונטערט אפרימען און ער, נאָכנישט אומקערנדיק זיך צום באַוווסטזיין, האָט אָנגעהויבן מאַכן געוואַלדן און שרייען אויף יידיש, אַז ער „וויל אַהיים”. זיי האָבן אים געוואָלט פֿאַרשטאָפּן דאָס מויל, האָט ער זיך גענומען ראַנגלען און נאָך פֿעסטער געשריגן.

מאַרישקע און וואָטשאַלאַק זענען אויפֿגעשפּרונגען.

— דייטשן! דייטשן! — שרייט זי און וויל אַנטלויפֿן.

ער שלעפט זי און וויל, אַז זיי זאָלן זיך אויסציען און גוט פאַרשטעקן דאָ אין די גראָזן. אפרים הערט דערווייל נישט אויף צו שרייען.

— אָ, דייטשן! כ'הער דייטשע קולות! — שרייט מאַרישקע — לאָמיר זיך שנעל באַהאַלטן!

זיי טוליען זיך אונטערן גראָז און וואַרפן זיך אין שרעק.

פון אונזער גרוב הערן זיך אַלץ די קולות, פאַרשטומען און נעמען זיך ווידער טראָגן. צו מיינע אויערן טראָגט זיך דער גערעכנל פון אונטן, ווי אַ קאַמף אויף טויט און לעבן.

מיטאַמאָל שפּרינגט אויף וואַטשאַלאַק:

— ניין, דאָס זענען נישט קיין דייטשן! די קולות זענען עפּעס פון דאַנען, נאָענט!

זיי נעמען זיך ווידער איינהערן. אפרימס ייִדישע קולות שניידן זיך אַלץ אין דער לופט.

— טאַקע נאָענט — באַשטעטיקט אַ דערשראָקענע מאַרישקע — אָבער עפּעס יאָ דייטש און נישט דייטש.

זיי נעמען זיך שלייכן אין דער ריכטונג פון אונזער שטאַל.

אין דער זעלביקער מינוט האָבן אָנגעהויבן אָפּהילכן שאָסן פון אַלע זייטן דאָרף. פון דער ווייטקייט האָבן זיך גענומען אויסשיילן געשטאַלטן, ווי גרינע פלעקן.

— טאַקע דייטשן, דייטשן, שנעל מאַרישקע! — איז וואָטשאַלאַק געוואָרן ווי ווילד.

ער האָט געכאַפּט מאַרישקען פאַר דער האַנט און זיי האָבן ביידע זיך געלאָזט לויפן אין וועלדל אַריין.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז דאָס דאָרף שוין געווען פול מיט זשאַנדאַרן. זיי האָבן זיך געלאָזט אין די כאַלופּעס, אין די שייערן און אַרויסגעשלעפּט פון די באַהעלטענישן פאַרשטעקטע שקצים און שיקסעס. זיי האָבן זיך גענומען דערנענטערן אין אונזער זייט. מיר ווייסן נישט וואָס צו טון, מיר זענען ווי משוגע. מיר קלערן צו פאַרוואַרפן אפרימען מיט די קאָלדרעס און מלבושים און אויבן גוט פאַרשטעקן דאָס לאָך. ער וועט עס אָבער אונטן, אונטער דער משא, נישט אויסהאַלטן. זיי גיסן אויף אים וואַסער, רייבן אים די שליפן, די הענט און ער וואַרפט זיך אַלץ ווי אין קאָנוואָלסיע. די זשאַנדאַרן גייען פון כאַלופּע צו כאַלופּע, פון שייער צו שייער, זיי דערנענטערן זיך שוין צו די שכנותדיקע הייזלעך. מיר קלאַפּן זיך מיט די פויסטן אין קאָפּ. „אוי, רבונו של עולם, העלף!" נאָך אַ פּאָר טריט און זיי וועלן דערהערן זיינע קולות.

— רבונו של עולם!

אַלע זענען אונטן, זיי רייסן זיך אַזש די האָר פון קאָפּ פון אומבאַהאָלפנקייט. איך בין נאָך אויבן ביי דער שפּאַרע. עס ווילט זיך מיר פאַרברעכן די הענט, קלאַפּן מיטן קאָפּ אין וואַנט, צעבייסן זיך אַליין, אָט־אָט וועל איך איינזינקען לעבעדיקערהייט. אפרים הערט נישט אויף זיך צו רייסן און קוויטשען, ער איז שוין הייזעריק.

אָ, נאָך אַ מינוט!

אין דער זעלבער רגע האָט אַ פייף איבערגעשניטן די לופט. די זשאַנדאַרן זע־

נען זיך גיך צוזאמענגעלאָפן פון אלע עקן, זיך איינגעשטעלט אין רייען, מיטגענומען מיט זיך עטלעכע פארהאלטענע מענטשן און אָפמארשירט צוריק אין דער אנדערער זייט דאָרף.

⁂

אין א האלבער שעה ארום האָבן מיר ארויפגעשלעפט אפרימען אין שטאָל אריין, אים אויסגעצויגן ביי די אונטערשטע שפארעס פון דער וואנט, א ווינטל האָט אים ארומגענומען, די אויגן האָבן זיך ביי אים גענומען קלעבן, ער האָט מיד פארוואָרפן דעם קאָפּ און ביסלעכווייז איז ער איינגעשלאָפן.

איצט זאמלען זיך די פויערים אינדרויסן, אין קופּקעס, און מען דערציילט זיך יעדער זיינע נסים פון היינטיקן טאָג:

— נאָך א גליק, וואָס זיי האָבן גיך געכאפּט די געזוכטע, אַלע אנדערע באפרייט און אָפּגעשטעלט אינמיטן די אָבלאווע.

— נסים, נסים! — פרייען זיך די פויערים — ווען זיי זוכן ווייטער, ווער ווייסט, וויפל טריפהנע סחורות זיי וואָלטן אויסגעפונען, וויפל חזרים נישט־פארדעגיסטרירטע זיי וואָלטן מיטגענומען מיט זיך, ווער ווייסט?!

⁂

מיר דאַנקען אויך גאָט פאר די היינטיקע נסים. ווי ווערימלעך פילן מיר זיך אנטקעגן די גרויסע געשעענישן, וואָס פאסירן ארום אונז, ווי נישטיק קליינלעך אנטקעגן דער גרויסער מעכטיקער אומזעבארער האנט, וואָס קערעוועט אזוי אומפארשטענדלעך מיט אונזער גורל! ס'איז גאָרנישט צו פארשטיין, נישט צו באגרייפן דאָס אַלץ. צו שוואַך און מיד איז דער מוח, זיך צו פארטראַכטן וועגן דעם וואָס פארלויפט ארום אונז און מיט אונז! און צו וואָס וועט דאָס אַלץ דערפירן? ניין, אוממעגלעך וועגן דעם צו טראַכטן!

ווי דערלייכטערנדיק און מיט טרייסט איז אָבער צו פילן איבער זיך דאָס אויג פון דער השגחה, כאָטש אַן אומזעבארע און אַן אומפארשטענדלעכע. און ווי אנדערש, אומבאהאָלפן שוואַך, איז אין די מינוטן פון פילן זיך פארלאָזן, פון פילן זיך פאראייגזאמט אין דעם אומענדלעכן תהום! ווי אומענדלעך אומגליקלעך וואָלטן מיר געווען, ווען דאָס אַלץ זאָלן נאָר צופעליקייטן זיין!

יאָ, נסים, מיר פילן זיי און זעען זיי. פיל מאָל שטראַלן זיי און בליצן צו אונז, ווי מאָמענטן פון אנטפּלעקונג, פון התגלות און עפּעס א לויטערקייט און א געלייטערטקייט נעמט פלוצים אויפגיין פון הארץ און מוח, וואָס פארפלייצט דעם ארום ווי מיט תיקון.

ניין! נישט קיין צופעליקייטן! נסים, וואונדער הילן אונז ארום! „עמו אנוכי בצרה”. מיר פילן דאָס אין יעדן באַוועג פון הארץ און מוח, אין יעדן פלאַטער פון חלל, אין יעדן שאָרך פון דער נשמה. מיר פילן דאָס פארהוילענע, דאָס אומזעבארע, וואָס טיילט מיט אונז די פיין, וואָס באגלייט אונז אין אונזער אומענדלעכן אומעט און צער, וואָס גייט פאָרויס אין אונזער טרויער און שוין אפשר אלצאיינס וואוהין דאָס וועט דערפירן!

7־טער מאַי :

יאַנעק האָט אונז היינט דערציילט, אַז אין דער נעכטיקער אָבלאַווע האָט זיך אויך באַטייליקט די פּוילישע פּאָליציי פון מינסק און ווידער האָט זיך אויסגעצייכנט דער שוואַרצער פּוילישער פּאָליציאַנט בראָדאָוויטש. א גרויל גייט מיר אַדורך איבערן לייב הערנדיק דערמאָנען דעם ראָזיקן נאָמען. אַך, ווי עס וואָלט זיך נאָך געוואָלט איבערלעבן כאָטש בלויז בכדי אין דעם ראָזיקן הונט נקמה צו נעמען !

די סצענע מיט אים וועל איך, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט פאַרגעסן ! דאָס איז נאָך געווען אין דער בלוטיקער וואָך, אין דעם דינסטיק, באַלד נאָך יענעם פרייטיק, ווען מען האָט אויסגעראָטן די יידן פון אונזער שטאָט. ווען יענע טעג וואָלט איך נאָך וועלן פאַרצייכענען (כ׳האָב דאָס אויבן אויך צוגעזאָגט) עטלעכע פּרטים.

ווי שוין פריער דערציילט, האָט אונז אין דער נאַכט פון שבת אויף זונטיק א דייטשער הונט דערשנאַפּט פאַרשטעקט אין קאָנטראַקטאָוויטשעס שטרוי, נאָך דעם ווי מיר זענען דאָרט געווען אויסבאַהאַלטן א טאָג מיט צוויי נעכט. די סטערטע שטרוי האָט געהאַלטן פינף מעטער די הויך און איז געווען ברייט ביי א צוואַנציק מעטער. מיר זענען געלעגן גאַנץ אויבן און געווען איבערגעדעקט נאָר מיט א דינעם שיכט שטרוי, שיטער אָנגעוואָרפן איבער אונז, בכדי צו קאָנען כאַפּן לופט. מיר האָבן זיך כסדר איינגעהערט און ביי יעדן גערויש האָט מען זיך איינגענורעט טיפער אין דער קופּע אריין. ביי טאָג איז געווען שרעקלעך: די חמימה אין שטרוי האָט אונז שיר צעשמאָלצן, מיר זענען געלעגן איינגעפּרעסט איינער אין צווייטן און געמיינט, אַז מיר גייען אויס. מען האָט זיך גישט געטאָרט באַוועגן, ווייל די שקצים, קאָנטראַקטאָוויטשעס פאַראָבקעס, האָבן געאַרבעט נאָר עטלעכע טריט דערווייטערט פון אונז. קאָנטראַקטאָוויטש האָט אונז, ביים אריינלאָזן אין שטרוי, אָנגעזאָגט, מיר זאָלן זיך היטן, אַז זיי, די פאַראָבקעס זיינע, זאָלן אונז חלילה נישט דערטאַפּן, ווייל עס וועט זיין שלעכט, זיי וועלן אונז זיכער איבערגעבן צו דער פּאָליציי. זענען מיר געלעגן מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס און געפרייט פון היץ.

איינמאָל זענען מיר שיר נישט אַנטדעקט געוואָרן.

עטלעכע פאַראָבקעס, וועלנדיק זיך אָפּרוען אין מיטן דער אַרבעט, זענען אַרויפגעקראָכן אויפן שטרוי און זיך געזעצט גראַד איבער אונז. זיי האָבן געמיטלעך געשמועסט וועגן די געשעענישן פון טאָג, וועגן דער יאַגד אויף די יידן. זיי האָבן זיך באַגייסטערטע נאָכדערציילט די לעצטע נייעס, וועגן ניי־אַנטדעקטע יידן און וועגן פרישע מאַסן־שיסערייען. פון גאַנצן געגנט אַרום האָט אָפּגעהילכט א שיסעריי און די שקצים האָבן געציילט די שאָסן און באַרעכנט וויפל יידן עס זענען איצט געפאַלן. אַמערסטן האָבן זיי הנאה געהאַט פון די געשיכטעס וועגן די קלוגע, ראַפינירטע פּאָליאַקן, וואָס ווייסן ווי אויסצונוצן די סיטואַציע : „מאַכן א לעבן און ווערן ממש נתעשר״. זיי גייען איבער די גערטנער, פעלדער און וועלדער און זוכן אויס פאַרשטעקטע יידן. מען טוט זיי אויס נאַקעט, מען נעמט צו זייערע

אַלע זאַכן, די פּרויען פאַרגוואַלדיקט מען און מען לאָזט זיי איבער. די יידן וואַרפּן זיך אין אַנגסט און דאַנקען גאָט וואָס מען לאָזט זיי אַזוי, אַבי מען גיט זיי נישט איבער צו די דייטשן.

איינער האָט דערציילט, אַז זיינער אַ חבר פון אַ דאָרף דאָ נישט ווייט, האָט מיט נאָך אַ גרופּע כלאָפּצעס, געכאַפּט אַ יונגע, שיינע זשידאָווקע אין וואַלד. זי האָט זיך געווערט און געקעמפּט ווי אַ ווילדע קאַץ. זי האָט אין די אויגן מיט די נעגל געדראַפּעט, מיט די פּיס געקאָפּעט, מיט די ציין געביסן און נישט צוגעלאָזט צו זיך. זיי האָבן איר געדראָט מיט אָװעקפירן צו די דייטשן, מיט מעסערס געשטאָכן און ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. אַזאַ נאַר! וואָס האָט זי מורא געהאַט? וואָס האָט איר דאָס געאַרט? — ס'איז דאָך סיי־ווי געווען פאַרן טויט! זיי האָבן זיך מיט איר קיין עצה נישט געקאָנט געבן, ערשט, ווען זי איז געבליבן ליגן אַ באַוווּסטלאָזע פון די קלעפּ און וווּנדן — האָט מען זיך צו איר גענומען.

די שקצים האָבן געלאַכט און שטאַרק הנאה געהאַט פון די מעשהלעך. ס'האָט וזער גענומען באַקלאָגן זיין גורל, וואָס ער איז אַזוי פאַרקויפט צו דער אַרבעט און האָט נישט קיין צייט זיך אָפּצורייסן אויף עטלעכע שעה און געבן אַ זוך אין וואַלד.

— אַך, ווען איך כאַפּ כאָטש עטלעכע יידן מיט זשידוווקעס — האָט ער זיך געריבן די הענט פון פאַרגעניגן בלויז ביים פאָרשטעלן זיך דאָס בילד — איך וואָלט זיי אַפילו די הויט אָפּגעשינדן! כ'וואָלט זיי אַזוי נאַקעטע איבערגעלאָזט, צו די דייטשן וואָלטן זיי שוין שפּעטער סיי־ווי אַריינגעפאַלן!

אַן אַנדערער, מיט אַ גראָב קול, האָט זיך געשוווירן ביים פּאַן יעזוס, אַז ער כאָטש ער איז אָרעם און אויך אַ מאַנספּערשוין — וואָלט פון דעם נישט געוואָלט געניסן, ער וואָלט זיי, די פאַרשיווע זשידעס, פאַר די העלזער געשלעפּט און איבערגעגעבן צו דער זשאַנדאַרמעריע. ער איז זיי מוחל זייער פאַרשטינקען פאַרמעגן און אויך די נקבות! דעם טויט, נאָר דעם טויט זייערן וויל ער זען, זען מיט די אייגענע אויגן!

אַלע האָבן פון אים געלאַכט, ער איז אַ „יאָלד“, דעם טויט האָבן זיי דאָך סיי־ווי, צו וואָס זאָלן די זאַכן אַריינפאַלן בלויז צו די דייטשן? און מען האָט זיך גענומען דערציילן וועגן די פאַרשידענע מיתות־משונות, וואָס מען פּידט אויס איבער זיי, איבער די געכאַפּטע יידן.

מיר אונטן אין שטרוי, זענען געלעגן און זיך איינגעביסן מיט די נעגל איינער אין צווייטן. מען האָט געמוזט איינהאַלטן דאָס האַרץ אַפילו פון באַוועגן זיך, זיי איבער אונז וואָלטן דערפילט, אַז עפּעס רירט זיך אונטער זיי. איינער איז געזעסן איבער אסתרלס פּנים און זי — אינגאַנצן אָן אָטעם — איז אַזש איינגעשטאַרט געוואָרן. לאַנג וואָלטן מיר עס נישט איבערגעהאַלטן. אַ נס, וואָס דערזעענדיק פון דערווייטנס אָנקומען קאָנטראַקטאָוויטשן — האָבן זיי זיך דערשראָקן און גיך צוריקגעלאָפן צו דער אַרבעט.

מיר האָבן געבעטן אויף זיך דעם טויט. אסתרל האָט דעמאָלט ווידער געשריגן, אַז מיר זאָלן זיך סמען. מיר האָבן אָבער נאָך אַלץ געגלויבט, אַז אונזערע מאַמעס און נאָענטע לעבן נאָך און זענען ערגעץ פאַרשטעקט. קיין סם איז סיי־ווי נישט געווען און מוט, אויך מוט האָט אויסגעפעלט. אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר זיך אַזוי געמאַטערט ווי אין גסיסה און ערשט אין אָוונט, ווען ס'איז געוואָרן טונקל און שטיל אַרום אונז, די שקצים זענען אַוועק פון דער אַרבעט, האָט מען איצט

אוועקגעשאַרט דאָס שטרוי און אַרויסגעשטעקט די קעפ. אַ ווינטל האָט גענומען טרוקענען אונזערע צעשווייסטע, צעפרייכטע לייבער. אינגאַנצן זענען מיר געווען באַקלעבט מיט שטרוי און שמוץ און אינעווייניק אויסגעטרוקנט, אָן אַ טראָפן זאַפט. שוין צוויי טעג ווי מיר האָבן אפילו קיין שלונג וואַסער נישט געהאַט אין מויל. מיר האָבן פון דער טיף גענומען אָפאָטעמען, געוואָלט אַריינציען אַביסעלע לופט. מיר האָבן זיך אויפגעזעצט, געוואָלט אויסגלייכן די גלידער, ווי פון דערווייטנס האָבן זיך מיטאַמאָל גענומען טראָגן געוואַלדן און געשרייען. ווילדע שיכורע קולות האָבן זיך געריסן אין דער לופט. מיר האָבן דערקענט, אַז דאָס זענען דייטשן. דייטשע באַזויפענע שטימען, און אויסטיילן האָט מען כסדר געקאָנט נאָר איין וואָרט:

— יודען! יודען!

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַ מחנה שיכורע דייטשן איז אָנגעקומען אין דאָרף און מען זוכט יידן. ווי פעלד־מייז האָבן מיר אין טויט־אַנגסט זיך גענומען פאַרשטעקן וואָס טיפער אין שטרוי, ביז צו דער ערד זענען מיר פאַרקראָכן. מער האָבן מיר זיך נישט געקאָנט באַהערשן און אַלע האָבן מיר זיך געוואָרפן ווי אין קאָנווולסיע. קנאַפע צוויי שעה צייט האָט עס אַזוי געדויערט און מיר האָבן אונטן געפאָכעט מיט די נשמות. אויך שפעטער, ווען ס'איז שטיל געוואָרן אַרום, האָבן מיר נאָך מורא געהאַט אַרויסצוקריכן. עטלעכע שעה זענען מיר נאָך אַזוי געלעגן אונטער דער גאַנצער מאַסע שטרוי און ערשט אַרום האַלבער נאַכט זענען מיר צוריק אַרויף איבער דער סטערטע. אויבן, האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַ לאַנגן, שוואַרצן שאָטן, וואָס האָט זיך צו אונז דערנענטערט. ס'איז געווען קאָנטראַקטאָוויטש. ער האָט אונז אַרומגעזוכט און איז געווען שטאַרק איבערגעשראָקן. ער האָט אונז דערציילט, אַז אַ דייטשע אָפטיילונג האָט זיך טאַקע דאָ געפונען אין דאָרף און נאָכגעפרעגט וועגן פאַרשטעקטע יידן. זיי האָבן נישט געזוכט, ווייל ס'איז געווען פינצטער. זיי האָבן אָבער געוואָרנט, אַז מאָרגן וועלן זיי נאָך אַמאָל קומען און גרינטלעך זוכן. ער האָט זיך געוואָרפן, קאָנטראַקטאָוויטש, און געפאָדערט, אַז מיר זאָלן תיכף פאַרלאָזן דאָס דאָרף.

מיר זענען געבליבן ווי פאַרטויבט און גאָרנישט געענטפערט. קאָנטראַקטאָוויטש האָט אונז געצעהט, שוין איצט, טאַקע אינמיטן דער נאַכט, זאָלן מיר זיך לאָזן אין שטאָט אַריין און געוויער ווערן, אפשר איז נאָך ערגעץ געבליבן אַ לאַגער מיט יידישע אַרבעטער, זאָלן מיר זיך צו זיי אַריינבאַקומען. די בעסטע זאַך איז טאַקע איצט ביינאַכט, — איצט זענען ווייניקער פאַטרולן פאַראַן. פאַרטאָג וועט זיין ערגער, דעמאָלט זענען זיי, די דייטשן און די פאָליציאַנטן, אין די הונדערטער, אויף יעדן טריט און שריט. זיי לויערן אויף די איינצלנע יידן, וואָס לויפן פון באַהעלטעניש צו באַהעלטעניש און שיסן זיי אויס. פאַרטאָג זענען די גאַסן אָנגעוואָרפן מיט מתים. היינט, ווען ס'האָט נאָר געבלויט, האָט מען אָפגעפירט אויפן יידישן בית־עולם עטלעכע הונדערט געכאַפטע יידן, צווישן זיי פרויען און קינדער, זיי דערשאָסן און פאַרשיט אין מאַסן־קברים.

אַ הונט האָט זיך פלוצים צעבילט צווישן די כאַלופעס. קאָנטראַקטאָוויטש איז אויפגעשפרונגען:

— ביים אַוועקגיין מוזט איר זיך אָבער היטן, אַז דער דאָזיקער הונט זאָל

אייך נישט הערן. ער וואָלט גלייך צוויסן געגעבן זיין באַלעבאָס, אַז פאַרדעכטיקטע מענטשן געפינען זיך אין דאָרף און דער באַלעבאָס וואָלט צו אייך אַרויס מיט געווער. זיין באַלעבאָס איז אַ דייטש, אַ פּאַסקודנער דייטש. אפילו די אייגענע שכנים, פּאָליאַקן, פּייניקט ער. שוין פיל יידן האָט ער דאָ, אין די גאָענטסטע דערפער און וועלדער אויסגעפאַנגען, טאַקע מיט דער הילף פון זיין הונט, און זיי אויסגעמאָרדעט.

— אָ, נישט גוט, נישט גוט! — טרייסלט זיך דער פּויער.

מיר וואָלטן גלייך געווען אַוועק און זיך געלאָזט אין די שכנותדיקע וועלדער. קאָנטראַקטאָוויטש האָט אונז אָבער געראַטן, זיך אויפצוהאַלטן ביז דער הונט וועט זיך איינשטילן. ער אַליין האָט זיך אַוועקגעשלייכט און אונז איבערגעלאָזט מיטן באַפעל, אַז מיר זאָלן שפּעטער פאַרלאָזן דאָס דאָרף, אָבער גוט אַכטונג געבן אויף דעם הונט.

מיר זענען געבליבן זיצן איינגעשרומפּענע אין דער פינצטערניש און געוואַרט, אַז דער הונט זאָל זיך באַרואיקן. וואָס אַמאָל האָט ער אָבער העכער און צערייצטער געבילט. אַ בייזער, וואָרנדיקער עכאָ האָט זיך געטראָגן אין דער לופט. דאָס געבילעריי האָט זיך איבערגעטראָגן פון אָרט צו אָרט און אָנגעהויבן זיך דערנענטערן צו אונז. מיר האָבן זיך גענומען איינגראָבן אין שטרוי, איבערצוּוואַרטן ביז ער וועט פאַריבער דאָס אָרט. דער הונט האָט זיך וואָס אַמאָל מער דערנענטערט. מיר האָבן געהערט, אַז ער איז שוין אויפן שטרוי.

מיטאַמאָל, איז ער אַרויפגעשפּרונגען אויף דעם אָרט איבער אונז, גענומען האַווקען און מיט די פיס אָנגעהויבן גראָבן אין דער קופּע, ווי צוצובאַקומען זיך צו אונז. גאָר נאָענט האָט ער אָבער מורא געהאַט זיך צו דערגרעווען, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אויבן, איבער אונזערע קעפּ און גענומען בילן אין דער ריכטונג צו די כאַלופּעס, ווי ער וואָלט גערופן הילף. פון בילן איז ער איבערגעגאַנגען אין אַ וואָיען. אַ שטיק צייט האָט עס אַזוי געדויערט.

פּלוצים האָט ער גענומען שפּרונגען און זיך געלאָזט לויפן צו די הייזער. אין איצטיקן געביל האָבן מיר דערקענט, אַז ער שפּרונגט און טאַנצט אַרום עמיצן. באַלד האָבן מיר טאַקע דערהערט אַ קול פון אַ מענטש. מען האָט גערעדט דייטש. זיכער זיין באַלעבאָס!

אין אַ מינוט אַרום איז דער דייטש שוין געשטאַנען איבער אונז. דער הונט האָט געהאַווקעט און ווידער מיט די פיס זיך גענומען גראָבן אין שטרוי.

— יאַ, גוט! — האָט דער באַלעבאָס גערעדט צו זיך, אָדער צום הונט — און האָט זיך געלאָזט אַוועקגיין, דער הונט, אַ באַרואיקטער, איז אים נאָך.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז קיין איין מינוט לענגער טאָרן מיר דאָ נישט בלייבן, אַז מיר מוזן שוין אַוועק. אין דרויסן האָט שוין אָבער געטאָגט. דער דייטש וואָלט אונז תיכף געכאַפּט. זענען מיר אַרויסגעשפּרונגען פון דער סטערטע שטרוי און זיך געלאָזט לויפן צו אַ צווייטער גרעסער קופּע, וואָס איז געלעגן נישט ווייט.

מיר האָבן זיך נישט באַוויזן דאָרט איינצוגראָבן, ווי דער דייטש איז שוין ווידער געווען. ווייזט אויס, אַז דאָס מאָל איז ער געקומען מיט געווער, ווייל ער האָט אונז גענומען זוכן. נישט געפינענדיק אונז אויפן פריערדיקן אָרט, האָט ער געזוכט אַרום און אַרום.

— שאדע, אויסגעריסן די שויס־באנדע! — האָט ער ווידער גערעדט צו זיך.

ער האָט נאָך לאנג געזוכט און איז לסוף א בייזער און אויפגערעגטער אוועק.

אין דער דאָזיקער קופע שטרוי איז געווען נאָך שווערער ווי אין דער פריערדיקער. זי איז נאָך געווען ענגער צונויפגעפרעסט און ס'איז אוממעגלעך געווען זיך צו באוועגן. אחוץ דעם, האָבן הונדערטער פעלד־מייז געטאנצט און געשפרונגען פון אלע זייטן און אונז געפישטשעט אין די אויערן. גרויסע שטשורעס האָבן שפאצירט פראנק און פריי איבער אונז און מיר האָבן מורא געהאט, אז זיי וועלן נאָך לעבעדיקע שטיקער פון אונז בייסן.

מיר דערמאָנען זיך אין די דייטשן, וואָס האָבן געוואָרנט, אז זיי וועלן היינט קומען און גרונטלעך זוכן און מיר באשליסן צו אנטלויפן. וווהין, ווייסן מיר אליין נישט. אין וואלד אריין איז אָבער א מורא, באלד הייבן זיך אָן די אָבלאַוועס און יעדע נאָרע ווערט דורכגענישטערט, מען וועט אונז דאָרט זיכער כאפן. די בעסטע זאך וואָלט געווען זיך צו דערוויסן, צי זיי האָבן געלאָזט אין שטאָט א לאגער מיט יידישע ארבעטער. אויב יאָ — — דארף מען זיך אהין אריבערבאקומען און זיך אויסמישן מיט זיי! ווי דערוווסט מען זיך דאָס אָבער און וויאזוי באקומט מען זיך דאָרט אריבער?

לאנג קיין צייט צו טראכטן בלייבט נישט. אין דרויסן איז שוין העל. שוין איצט, וואָלט שווער געווען פאר אלע מיטאמאָל צו אנטלויפן. עטלעכע מענטשן צוזאמען, וועט מען אונז פון ווי ווייט באמערקן.

אסתרל און צפורהלע האלטן, אז דאָס בעסטע וואָלט שוין געווען איבערן היינטיקן טאָג צו בלייבן דאָ אין שטרוי. דער דייטשער שכן איז דאָך זיכער, אז מיר זענען אנטלאָפן און — אין אזא גרויסער קופע שטרוי וועט מען אונז אפשר אויך ביי אַן אָבלאַווע נישט אנטדעקן. אין אָוונט, ווען עס וועט פינצטער ווערן, וועט נישט זיין אַזאַ סכנה צו אנטלויפן.

— אָבער וווהין? און ווי פירט מען זיי אין אזא סכנותדיקן ארום? —

— ניין, א שאָד דעם היינטיקן טאָג צו פארנאכלעסיקן! איך מוז זיך צוערשט דערוויכן צי עס געפינט זיך אַן אָרט וווהין צו אנטלויפן, צי עס געפינט זיך אַן ארבעטס־לאגער. איך מוז ריזיקירן און זיך דאָס דערוויסן און אויב יאָ, וועט מען מוזן אויסזוכן א זיכער מיטל ווי אזוי זיי דאָרט אהין איבערצופירן.

ניין, מיט זיי צוזאמען לויפן, איינשטעלן זייערע לעבנס, וויל איך נישט!

איך זאָג זיי מיין פלאַן:

— איך וועל זיך איצט אליין ארויסבאקומען. זיי וועלן דערווייל דאָ בלייבן אין שטרוי, אפשר וועט עס היינט אדורך בשלום, איך וועל דערווייל אויספאָרשן די לאגע און ביינאכט וועל איך צוריקקומען. אפשר, אויב עס געפינט זיך א לאגער, וועט מיר געלונגען צו געפונען א זיכערן וועג זיי אריבערצופירן. לאנג קלערן טאָר מען נישט, כ'וויל אלזא שוין אוועק.

זיי נעמען וויינען, ספאזמירן. זיי כאפן מיך ארום:

— ניין, זיי וועלן נישט לאָזן! מען וועט מיך חלילה כאפן און דערשיסן. א, ניין, זיי וועלן נישט לאָזן, כ'זאָל אליין גיין!

זיי האלטן מיך פעסט ארומגעארעמט, קושן מיך און וויינען.

— ניין, קינדערלעך, מען מוז! צוליב אייך אליין מוז איך דאָס טון! מען דארף נאָר בעטן גאָט, אז עס זאָל אדורך בשלום. קינדערלעך, בעט און שטארקט

איך! מען מוז! קיין אַנדערע עצה איז נישטאָ. אַנדערש וועט מען אונז לסוף זיכער כאַפּן. אויב אַזאַ לאָגער איז נישטאָ, איז שוין אַלץ איינס, וועט אונז דער גורל סיי־ווי נישט מיידן און אויב יאָ — מוז איך זען אייך אַהין בשלום אַריבערצוברענגען. מיר אַליין, איין מענטש, וועט לייכטער אָנקומען זיך דורכצוקריגן דורך די וואַכן און פון דאָרט וועט זיך אפשר עפּעס לאָזן אויפטון פאַר אייך. שטאַרקט אייך, קינדערלעך! בייגאַכט וועל איך זיין צוריק.

כ'האָב זיך אויפגעריסן. מיט איין שפרונג בין איך אַרויס פון שטרוי און אונטערווײַלעכץ זיך גענומען שלייכן צו קאָנטראַקטאָוויטשעס כאַלופּע. כ'האָב זיך אַרומגעקוקט און פאָרזיכטיק גענומען קלאַפּן אין פענצטער, אין דער שויב. קאָנטראַקטאָוויטש האָט זיך באַוויזן אין די אונטערוועש און געעפנט די טיר.

— וואָס, איר זענט נאָך דאָ? — איר זענט נאָך נישט אַוועק? — האָט ער אויסגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר פאַרשלאָפענע אויגן.

— יאָ, מיר גייען איצט שוין אַוועק אין וואַלד. מיר ווילן אָבער מיטנעמען וואַסער און ברויט.

ער האָט מיר דערלאַנגט אַ שטיק ברויט.

— שנעל, שנעל! — האָט ער געשריגן.

איך האָב אַליין געכאַפּט אַ גרויסע קרוג, זי אָנגעשעפּט מיט וואַסער און אַרויס צוריק צום שטרוי. איך האָב זיי געטראָפן ליגן איינגענורעט, ווי איין שטיק, זיי האָבן געשלוכצט איינע אין דער אַנדערער אַריין. זיי האָבן אויפגעמאַכט אויף מיר די אויגן.

— קינדערלעך, כ'האָב אייך געבראַכט ברויט מיט וואַסער, וויינט נישט, שטאַרקט זיך! בעט! —

זיי האָבן זיך צעכליפּעט. כ'האָב די זאַכן געלאָזט שטיין, זיך מיט זיי צעקושט און בין שנעל אַנטלאָפן.

⁂

יענעם פרימאָרגן וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. כ'בין געלאָפן איבער די פעלדער ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל. פון פאָרנט, פון דער שטאָט, האָט זיך שוין געהערט אַ שיסעריי און איך בין געלאָפן אַנטקעגן. פון הינטן האָט מיך נאָכגעיאָגט זייער געוויין און זיך מיר געשפּרייט פון אַלע זייטן. איך בין געלאָפן אין מיטן פעלד, איבער בייטן קאַרטאָפל און גרינוואַרג.

— רבונו של עולם, העלף זיי די קינדערלעך דאָרט! — האָב איך כסדר געשעפּטשעט מיט די ליפּן, רבונו של עולם!

צו דער שטאָט איז געווען סך הכל דריי קילאָמעטער. בכדי אָבער אויסצומיידן די גאַנצע שטאָט און גלייך צוצוקומען צו דער אַנדערער זייט פון איר, דאָרט ווו, לויט מיין אויסרעכענונג, האָט זיך געדאַרפט געפינען דער אַרבעטס־לאַגער, האָב איך זי געמוזט אַרומרינגלען און מאַכן נאָך עטלעכע קילאָמעטער איבער וועלדלעך און אַרומיקע פעלדער, דורכהאַקן אויך דעם יידישן בית־עולם.

דאָס שיסעריי פאַרשטאַרקט זיך פון מינוט צו מינוט. פון איין פּונקט הערט זיך אַ געדיכט קלאַפּן פון מאַשין־געווער ווי מען וואָלט דאָרט אויסגעפירט אַ מאַסן־שחיטה. דאַכט זיך, אַז מען הערט אויך שרייען. דער ווינט ברענגט, פּיפּנדיק אין די אויערן, אַזעלכע מאָדנע ווידערקולות. דאָס זאָל קומען פון דער אַנדערער זייט שטאָט,

פון דער זייט פון בית־עולם. איך דערמאָן זיך אין קאָנטראַסטאָוויטשעס ידיעה ביינאַכט אין שטרוי וועגן דער שיסעריי און מאַסן־קבֿרים נעכטן פאַרטאָג טאַקע אויפן בית־עולם. דער אימפּעט יאָגט מיך אָבער, איך לויף אומבאַרעכנט נענטער אין דער דאָזיקער ריכטונג.

איבער די פעלדער און אין די וועלדלעך איז ליידיק. מען זעט נישט קיין לעבעדיקן נפש. ס'איז מאָדנע וואָרנדיק שטיל. מיינע צעשראָקענע טריט מוזן אָפּהילכן ווי ווייט. פון צייט צו צייט הערט זיך א סקריפּ פון צווישן די קזשאַקעס, ווי אַן איבערגעשראָקן חיהלע, אָדער א באַהאַלטענער ייד, וואָלט זיך געזוכט טיפער צו פאַרשטעקן. דאָס האַרץ נעמט ביי מיר העכער זעצן און איך לויף נאָך האַסטיקער. אָט בין איך שוין האַרט הינטער דער שטאָט.

איך נעם איינהאַלטן די טריט און קוק זיך אַרום. די זון שטייט שוין א רויטע איבערן הימל און גיסט מיט צעבעורים בלוט איבער דער שטאָט און בית־עולם. פון דערווייטנס זעען זיך שוין די דייטשע מיליטערישע קאַשאַרן. איך צי זיך שנעל אויס אויף דער ערד, הער זיך איין און נעם זיך רוקן אויפן בויך נענטער צו די ערשטע הייזער. כ'וועל איצט מוזן דורכהאַקן דעם שאָסיי פון דער הויפּט־גאַס, בכדי זיך אַריבערצוקריגן אויף די פעלדער, וועלכע פירן דורכן בית־עולם צו דעם אָרט, ווו דער לאַגער זאָל זיך געפונען. דאָס איז דער געפערלעכסטער פונקט. דער דאָזיקער וועג פירט טאַקע פון די דייטשע קאַשאַרן אין שטאָט אַריין.

ווי א זשאַבע בין איך לאַנגזאַם און פאָרזיכטיק צוגעקראָכן צום ראַנד פון שאָסיי. כ'האָב איינגעהאַלטן דעם אָטעם און מיט שפּיזיק צעגליטע אויגן געקוקט אין אַלע זייטן — מען האָט קיינעם נישט געזען. דער שאָסיי, וועלכער איז ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק געפּלאַסטערט געוואָרן מיט שווייס און בלוט פון יידישע יונגעלייט און מיידלעך, איז געלעגן ברייט און זויבער, גלאַטיק ווי א טיש און קאַלט געלאָזט אין זיין אַספאַלט אָפּשפּיגלען די אַרומיקע גרינקייט. שנעל, אויף אַלע פיר, האָב איך זיך אים גענומען אַריבערקריכן, אָט, אָט, בין איך שוין פון דער צווייטער זייט.

פּלוצים, איז ווער געגעבן ווי א וואַקס אַרויס אין מיטן שאָסיי. אויף א ראָווער האָט זיך א ברייט־פּלייציקער יונג, מיט אַן אַנטבלויזטער, צעבראַשטשעטער טשופּרינע, אין ציווילע קליידער, דערנענטערט צו מיר. מיט איין שפּרונג בין איך געווען אין ראָוו. כ'האָב זיך איינגעקורטשעט, איינגעשרומפּן און אויסגעדרייט מיטן פּנים צום וועג. יענער האָט מיך שוין אָבער געהאַט באַמערקט, האָט ער פאַרהאַלטן דעם ראָווער, אַראָפּגעשפּרונגען פון אים און גענומען גיין אין מיין זייט. אויף א רגע, האָב איך, דאַכט זיך, פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין. ווען כ'האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און גענומען קוקן צו אים, איז ער שוין געשטאַנען עטלעכע טריט פון מיר. ער האָט זיך פאַרהאַלטן, אָנגעלענט מיט אַן עלנבויגן אויפן ראָווער און ביידע האָבן מיר זיך גענומען קוקן גלייך אין די אויגן. אונזערע בליקן האָבן זיך ווי דורכגעשפּיזט. דאָס האַרץ האָט אין מיר אָנגעהויבן שפּרינגען, נאָר אַרויסצוזעצן. פאַר די אויגן האָט זיך מיר גענומען עפּעס וועבן ווי א גרויער פאָרהאַנג. א פּיכטקייט ווי א נעפּל האָט אָנגעהויבן פון זיי שלאָגן. כ'האָב אָבער אינסטינקטיוו זיי מורא געהאַט אַוועקצודרייסן פון יענעמס שאַרפן דורכדרינגלעכן בליק. עטלעכע סעקונדן האָט דאָס אַזוי געדויערט. מיר זענען מיט די אויגן ווי אַריינגעדרונגען איינער אין צווייטן.

מיטאַמאָל, האָט ער זיך האַסטיק אויסגעדרייט, געכאַפט דעם ראָווער, אויפגעשטיגן און שנעל אַנטלאָפן.

איך בין געבליבן ליגן אין אָנמאַכט. אויסגעליידיקט פון יעדן געדאַנק. כ'האָב אָבער אין אונטערבאַוווסטזיין דערפילט די סכנה פון דעם אָרט, האָב איך מיט די לעצטע כוחות זיך אָפגעריסן פון ראָוו און ווי אַ נאַכט־וואַנדלער אָנגעהויבן לויפן איבער די פעלדער אין דער בית־עולם געגנט. דאָס שיסעריי פון דער נאָענט האָט מיך אויפגעוועקט, אַלץ איז מיר ווידער קלאָר געוואָרן. כ'האָב זיך גיך אויסגעצויגן צווישן די ווילדע, שטעכיקע געוויקסן און ווידער זיך איינגעהערט אין דעם אַרום. די סכנה איז מיר שוין געשטאַנען פאַר די אויגן: כ'האָב זיך געפונען נישט ווייט פון בית־עלמין. פון אינעווייניק האָבן זיך געהערט געוואַלדן און געשרייען, דייטשע קולות און געוויינען, פאַרטויבטע פון אַן אומגעהויערן טומל. איינצלנע שאָסן האָבן נאָך געזאַלפט. כ'האָב זיך ליגנדיקערהייט צוריקגעצויגן, זיך אַריינבאַקומען אין נאָענטסטן וועלדל, אַרויס פון דער צווייטער זייט און לויפנדיק ווילד איבער די פעלדער, אויסגעמיטן דעם בית־עלמין, אַדורך דורך דעם שטאָטישן שפיטאָל, האָב איך זיך דערנענטערט צום לאַגער־שטח.

קאָפערניקס שול (דער לאַגער) האָט זיך שוין בולט געזען. דער רויטער ציגלנער בנין האָט זיך אויסגעטיילט פון די אַרומיקע הייזער. כ'האָב מיטאַמאָל דערפילט, אַז אַלץ אין מיר שטאַרבט אָפ, נאָך אַ מינוט און איך פאַל. כ'האָב זיך פילנדיק ווי פאַראַליזירט, אַריינגעגנבעט צווישן עטלעכע געדיכטע קזשאַקלעך אין מיטן אַ ליידיקן פעלד און זיך אויסגעצויגן אויף דעם גראָז.

אַרום איז איצט געווען גאָר שטיל. כ'האָב אָנגעשטרענגט דעם געהער, געוואָלט אין דער שטילקייט אויפכאַפן אַן עכאָ, אַ ווידער־קול. צי געפינט זיך ווער דאָרט אין לאַגער? — אָבער בלויז אַ פייגליש געצווישטשעריי האָט זיך געשניטן אין דער לופט. כ'האָב צוגעלייגט דאָס אויער צו דער ערד, געוואָלט פאַרנעמען עפעס אַן אָפקלאַנג. אין גראָז האָבן געראַיעט ווערעמלעך און נאָך מער בולט געמאַכט די טויטע שטילקייט פון אַרום. פאָרזיכטיק האָב איך זיך אַרויסגעשלייכט פון צווישן די קזשאַקלעך און פון דערווייטנס גענומען באַטראַכטן דעם לאַגער, אפשר וועט זיך עפעס לאָזן באַמערקן. ניין, ס'איז אוממעגלעך עפעס צו זען! דער שטח איז אַרומגערינגלט מיט אַ הילצערנעם פאַרקאַן, וועלכער לאָזט נישט זען, וואָס אינעווייניק טוט זיך. כ'ווייס נישט וואָס צו טון.

נישט ווייט, אַנטקעגן מיר, אויך אין די קזשאַקלעך גיט זיך עפעס פלוצים האַסטיק אַ באַוועג. איך שפרינג צוריק אַריין אין די קזשאַקלעך הינטער מיר. פון צווישן די שטעכיקע גרינע נאָדלען זע איך אַ פאָר גרינע, בלישטשענדיקע אויגן, וועלכע קוקן צו מיר מיט אַנגסט פון די קעגנאיבערדיקע קזשאַקלעך און באַלד איז אַן איבערגעשראָקענער האָז אַרויסגעשפרונגען פון צווישן די נידעריקע צווייגלעך און שנעל אַנטלאָפן. איך קוק אים נאָך און דערזע מיטאַמאָל זייטיק, אויפן פעלד, אַן אַלטן פויער, אַן איינגעבויגענעם. ער שטייט מיט אַ בייטשל אין האַנט און פאַשעט אַ קו. איך האָב זיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט, אָנגענומען זיך מיט מוט, זיך אויפגעשטעלט, אויסגעגלייכט און אַ דרייסטער זיך געלאָזט גיין צו אים. כ'האָב זיך צוגעגרייט אויף יעדן פאַל. דער פויער האָט מיך אָבער גלייכגילטיק אויסגעהערט, אָן דערשטוינונג האָט ער מיך אָנגעקוקט. כ'האָב זיך באַמיט עפעס אַרויסצולייענען פון זיין בליק, זיין פנים איז אָבער געבליבן אָן שום

אויסדרוק. ער האָט ווי נעכטן—אייערנעכטן געפאַשעט די קו, געווען פאַרנומען מיטן באַטראַכטן די סנאָפעס געשניטענע תבואה און געשענקט ווייניק אויפמערקזאַמקייט סיי מיר און סיי די געשעענישן פון די לעצטע טעג אַרום אים. אַ מינוט בין איך אַפילו געבליבן שטיין ווי צעחושט, קוקנדיק אויף אים איז מיר פאָרגעקומען, אַז דאָס איז נאָר אַזאַ שרעקלעך בייזער חלום געווען און אַלץ איז ווי פריער. אויך דער אָפהילך פון דער שיסעריי אַרום, האָט זיך מיר געדאַכט, איז נישט אַזוי שרעקלעך! אפשר טאַקע נאָר אַזאַ לאַנגער, בייזער חלום?!

פון נישט ווייט האָט זיך אָבער גענומען טראָגן אַ ווידער־קול פון אַ טומל. איך בין אויפגעציטערט געוואָרן, עס האָט מיך אָנגעהויבן טרייסלען און וואַרפן. דער פויער באַטראַכטנדיק אַ געוויקס, האָט מיר לאַנגזאַם געזאָגט, אַז ס'איז גאָרנישט, ס'איז גאָרנישט...

— ס'איז נאָר בלויז דער טומל פון די יידישע אַרבעטער, וועלכע די דייטשן האָבן געלאָזט אין לאַגער צו דער אַרבעט.

⁂

עס איז געווען האַלב זעקס דער זייגער, ווען איך האָב אין יענעם זונטיק פאַרטאָג (י' אלול תש"ב) דורך אַן אויפגעבראָכן ברעט אינם פאַרקאַן, זיך אַריינבאַקומען אינם לאַגער. כ'בין מיטאַמאָל אַריינגעפאַלן אין אַן עמק הבכא. דער גאַנצער חלל איז געווען אָנגעפולט מיט יאָמער און יללה. צענדליקער מענטשן האָבן זיך געוואַלגערט און געקאָלערט אויף דער ערד, זיך געשלאָגן אין קאָפ, געריסן פון זיך לעבעדיקע פאַסן, פאַרצווייפלט געקלאָגט און אַרויסגעלאָזט אַזעלכע מאָרנע קולות, וואָס האָבן אַזש געלעכערט די לופט.

ס'האָט מיך ווער באַמערקט און אין דער זעלבער רגע איז זיך ווי אַ בליץ צעלאָפן די ידיעה, אַז איך בין דאָ, אַז כ'האָב זיך אַריינבאַקומען פון דרויסן. ווי אַ שטורעם וואָלט אַריבער איבערן לאַגער, ווי פון אַ געוויטער געוואָרפן, האָט מען פון אַלע זייטן און פון אַלע טירן גענומען לויפן צו מיר. אין אַ מינוט אַרום בין איך געווען אַרומגערינגלט פון צענדליקער יידן — באַקאַנטע און פרעמדע — מען האָט מיך אַרומגעכאַפט, געהאַלזט און געקושט „אַ, אַבי דו לעבסט, אַבי דו לעבסט!". יעדער האָט זיך געריסן צו מיר, אַרויפגעפאַלן אויף מיר און זיך צעגאַנגען אין אַ געקלאָג. מיין צעווייטיקט געמיט האָט גענומען אויפטייען. כ'האָב אָנגעהויבן צו ספאַזמירן און מיט מיר דער גאַנצער עולם, און מיטאַמאָל איז אַ יללה און אַ קלאָגעניש אויפגעגאַנגען אין לאַגער. פרויען האָבן פאַרבראָכן די הענט, זיך געריסן די האָר, זיך געשלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפ, געשפרונגען פון איין אָרט צום צווייטן, געפאַלן איינע די אַנדערע אין די אָרעמס און צוזאַמען געקלאָגט און געהעשעט. אַ טייל, באַהאָפטן צו דער ערד ווי צו קברים, האָבן געביסן פון איר שטיקער און אַריינגעיאָמערט, געכליפעט און געשריגן. די מענער האָבן אָנגעהויבן לויפן ווי משוגעים, מיט צעשפרייטע אָרעמס, מיט די הענט געפאַטשט אין דער לופט און ווילד געשריגן אין חלל אַריין. וועלכע ס'האָבן זיך געקלאַמערט אין די מויערן און מיט די קעפ געזעצט אין דער וואַנט, און וועלכע — אויסגעצויגענע, אויסגעשפרייטע אויף דער ערד, ווי צוגעקלעבט צו איר, זענען געלעגן פאַרגליווערט, פאַרשטייפט ווי מתים און נאָר פון צייט צו צייט געגלאָצט, ווי אַראָפ פון

זינען, מיט די אויגן צום הימל. איינצלנע קינדערלעך זענען געלעגן, ווי פאַרגעסענע, אין די ווינקלען, דערשראָקן געשוויגן. אָלע פּאָר מינוט ארויסגעוויינט — „מאַמע, מאַמע, איך וויל צו דער מאַמע”. מיטאַמאָל אויפגעהויבן א געוויין און ווידער דערשראָקן גענומען שווייגן. א טייל האָט זיך באַהערשט, מיך נאָכאַמאָל גענומען קושן און מיט האַלב־פאַרטרוקנטע טרערן אין די אויגן אָנגעהויבן אויפניסן פאַר מיר זייער אומגליק, כמעט יעדער איז געבליבן נאָר אַליין, פאַריתומט פון אַלע.

— אַליין, אַליין, איינער אַליין! — האָבן זיי ווי נאָכאַמאָל זיך דערמאָנט און אויפסניי זיך גענומען האַקן מיט די פויסטן אין קאָפּ.

פון די תייזער האָבן אָנגעהויבן לויפן מיינע חברים און פריינט, וועלכע האָבן זיך די לעצטע מינוט דערוווּסט, אַז איך בין אָנגעקומען. איינער נאָכן אַנדערן זענען זיי מיר געפאַלן אין די אָרעמס און אין מיר אריינספּאַזמירט, מיך גענומען קושן און האַלזן, זיך געפרייט:

— אָ, לייבל דו לעבסט! דו לעבסט!

געקוקט מיר אין די אויגן און ווידער געפאַלן אין די אָרעמס און זיך פאַרגאַנגען אין א קלאָגעריי.

און מיטאַמאָל האָט זיך מיינער א חבר פון דערווייטנס גענומען רייסן צו מיר. מיט די אָרעמס זיך געמאַכט א וועג, כסדר געשריגן:

— לאָזט מיך צו אים, לאָזט מיך שנעלער צו צו אים!

— אָ, לייבל! איז ער ארויפגעפאַלן אויף מיר — אָ, לייבל טייערער! די לעצטע גרוסן פון דיין מאַמען, די לעצטע גרוסן פון דיין מאַמען, פון דיין שוועסטערל, אָ, די לעצטע גרוסן פון דיינע אָלע נאָענטע האָב איך פאַר דיר! די לעצטע גרוסן זייערע, די לעצטע גרוסן — — — —

— — — — — — — — — — — — —

ניין, כ’בין נישט בכוח מער צו שרייבן. כ’קאָן נישט! ס’גלוסט זיך מיר צעגריזשען דאָס האַרץ, צערייסן עס אויף שטיקער און אָוועקשליידערן! עס גלוסט זיך מיר שרייען, שרייען, אַז אַלץ זאָל אויפציטערן. אויב נישט, זאָל אַלץ, אַלץ איינזינקען! ווער קאָן באַשרייבן מיין צער?! ווער קאָן באַנעמען מיין צער און וויי?!

אָ, מאַמע, מאַמעשי, מיטאַמאָל האָב איך זיך דערפילט נאַקעט, אַן וואָרצלען, ווי אַן איינזאַם פאַרוואָרפן בלעטל אין ווינט!

אַלץ אין מיר האָט זיך געריסן, כ’בין געפאַלן צו דער ערד און מיט די הענט זי געוואָלט אויפרייסן, אויפרייסן און פאַרזינקען אין תהום. כ’האָב מיט די ציין זי געגריזשעט און מיטן קאָפּ געזעצט.

אָ, מאַמע, מאַמעשי, יענע מינוט וועט כ’האָב זיך מיטאַמאָל דערוווּסט, אַז שוין אויף אייביק האָב איך דיך פאַרלוירן!

אָ, מירימל, הייליק שוועסטערל מיינס, ווי קאָן איך נאָך לעבן אָן אייך?!

ניין, כ’קאָן נישט, כ’קאָן נישט מער, כ’קאָן נישט!

כ’האָב געביסן די ערד, זיך געקורטשעט און געוואָרפן, געשפּרייט די הענט אין חלל.

אָ, יענע מינוט! דאָס גאַנצע לעבן זאָל זי מיך באַגלייטן. איך זאָל דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן און — קיין רו קיינמאָל שוין נישט געפונען!

— — — — — — — — — — — — —

ניין, אפילו צו קלאָגן האָב איך דעמאָלט קיין צייט נישט געהאַט, אפילו זיך אויסוויינען האָב איך רעכט נישט געקאָנט.

אין לאַגער האָבן אין יענעם פאַרטאָג געגומען שטראָמען פרישע מענטשן, ניצול־געוואָרענע פון דער שחיטה, אַנטרונענע פון וועלדער און אַנדערע באַהעלטענישן, זיך דורכגעקריגן דורך דער שיסעריי און געבראַכט בשורות וועגן דער אַקציע איבער די לעצטע יידן, וואָס מען שלעפּט אַרויס פון באַהעלטענישן און מען שיסט זיי אויס אויף די גאַסן און אויף די וועגן, הינטער די ווענט, אין די הויפן און גערטנער; וועגן די אַבלאַוועס און זוכענישן אין די וועלדער און דערפער. די קולות האָבן זיך געטראָגן צום הימל, אַ קול ענות האָט פאַרטויבט די לופט.

איך האָב פאַרבראָכן די הענט און נישט געוווּסט וואָס צו טון. צי צוערשט אויסמישן זיך מיט אַלע, קלאָגן, שרייען, מאַכן געוואַלדן פון דעם וואָס מיין חבר האָט דערציילט, אָדער קודם זען עפּעס צו טון פאַר זיי דאָרט אין שטרוי, זיי צו ראַטעווען. כ'האָב געפילט, אַז איך קאָן זיי נאָך חלילה יעדע מינוט פאַרלירן, מיט יעדער רגע קאָן נאָך ווערן צו שפּעט. כ'האָב זיך פאָרגעשטעלט זייער לאַגע דאָרט, זייער פאַרצווייפלונג, האָב איך פּדיש פאַרבראָכן די הענט און אָנגעהויבן לויפן פון איינעם צום אַנדערן. דערציילט, געבעטן אַן עצה און דערווייל אַריינגעקלאָגט אומבאַהאָלפן אין די הענט. מיין חבר האָט מיך באַגלייט, מיר האָבן צוזאַמען ספּאַזמירט. יעדער האָט מיר צוגעזאָגט עפּעס צו טון, נאָר — „באַלד", „דערנאָך", „מען מוז וואַרטן". שפּעטער קומען דייטשע סאָלדאַטן און זיי נעמען אַרבעטער פאַר די פאַרשידענע „פּלאַצוווקעס", פירן זיי אין פאַרמאַכטע לאַסט־אויטאָס, וועט מען אפשר קאָנען צופאָרן אַהין אין דאָרף אַריין, זיי נעמען און אַהערברענגען אין לאַגער. די סאָלדאַטן טוען דאָס פאַר אַ שטיקל צירונג, פאַר אַ גאָלד־חפץ.

איך צעכליפּע זיך הויך, מיט אַ יאָמער, כ'ווייס נישט פון וואָס, צי פון אומבאַהאָלפנקייט און מאַכטלאָזיקייט פון דער שוואַרצער בשורה, פון מיין חברס דערציילן, צי פון פאָרשטעלן זיך זייער פאַרצווייפלונג דאָרט אין דער איצטיקער מינוט; פון דער מורא, עס זאָל חלילה נישט זיין צו שפּעט, אָדער גאָר פון האָפענונג זיי צו קאָנען אַרויסראַטעווען. איך צעקלאָג זיך פריש פון אַלץ צוזאַמען.

— מאַמע, מאַמעליו, מרימל! — שריי איך גלייך מיט אַלע.

— מיינע טייערע קינדערלעך! — ברעך איך די הענט — אסתרל און צפורהלע! איך נעם שפּרינגען איבער דער ערד און רייס זיך די האָר פון קאָפּ. אָט־אָט, וועל איך צעשפּרינגען ווערן, פאַלן און אויפפּלאַצן!

* * *

אין לאַגער איז דערווייל חושך. דער יאָמער הייבט זיך וואָס אַמאָל העכער. אינמיטן פּלאַץ שטייט אַ ברייט־פּלייציקער בחור, אַן אַרבעטער מיט אַ ווילד־צעשויבערטער טשופּרינע — צווישן אַן עולם אַנטרונענע, ערשט אָנגעקומענע אין לאַגער. ער וואַרפט ווי אַ מטורף מיט די הענט און דערציילט זיין אומגליק:

— נעכטן, שבת פֿאַרטאָג, איז עס געווען, ווען די זעלנער האָבן אונז, די אַרבעטער, געפֿירט פֿון דאַנען, פֿון לאַגער, צו דער אַרבעט.

— מען האָט אונז געפֿירט דורך די זעלבע געסלעך איבער וועלכע מען האָט אין פֿרייטיקדיקן פֿאַרנאַכט, בעת ליכט־צינדן, געפֿירט דאָס שטעטל יידן צו דער באַן־ראַמפּע. דער גאַנצער וועג איז געווען אַ בלוטיקער טייך, מיט אַרויסשטאַרצנדיקע שטיקער איברים, נאָך כמעט לעבעדיקע שטיקער. אָפּגעשאָסענע קעפּ מיט אויפֿגעריסענע באַקן באַקלעבט מיט פֿאַרטרוקנטן אויסגעגאָסענעם מאַרך, האָבן זיך געוואַלגערט לעבן פֿאַרשטאַרטע גופֿים. היטלען, שיכוואַרג און אַנדערע מלבושים געטונקען אין בלוט האָבן געגליווערט אויף יעדע פּאָר טריט. די אַרבעטער, איינגעשטעלט אין רייען, האָבן מאַרשירנדיק געטאָפּטשעט מיט די שטיוול אין דעם בלוט, אין די פֿאַרטרוקנטע, צעשפּריצטע געהירן פֿון זייערע טאַטעס און מאַמעס, שוועסטערלעך און ברידערלעך. כסדר האָט ווער אין די פֿאַרבלוטיקטע זאַכן דערקענט עפּעס פֿון זיין פֿאַמיליע, פֿון זיינע נאָענטע און זיך פֿאַרצווייפֿלט גענומען שלאָגן מיט די פֿויסטן אין די שלייפֿן. פֿון אונז אַלע האָט זיך געטראָגן אַ יללה, אַז עטלעכע פֿון די סאָלדאַטן, וואָס האָבן אונז עסקאָרטירט, האָבן אַזש געהאַט טרערן אין די אויגן. איינער האָט דערקענט זיין ברודערס היטל, דער מאַמעס אַ לאַטש, אַ צווייטער — אַ שטיקל באָרד פֿון זיין טעכטערלס האָר. ס'האָט עמעצער דערקענט אין אַן אָפּגעשאָסענעם, נאַקעטן קאָפּ, וואָס איז געלעגן אויפֿן אַספֿאַלט מיט אויסגעגלייזטע אויגן און לאַנגע אויערינגלעך אויף די אויערן — זיינס אַ שכנטע. דער קאָפּ האָט אויסגעזען ווי שוין טויטערהייט וואָלט ער זיך אויפֿגעשטעלט. אָדער ווי ער וואָלט זיך אַרויסגעשטעקט פֿון אונטער דער ערד. עטלעכע טריט דערלעבן איז געלעגן דאָס שייטל אַ פֿאַרגליווערטס אין בלוט. מיר האָבן אַריבערגעטרעטן איבער די גופֿים און ווייטער מאַרשירט. אונזערע יללות האָבן זיך געריסן צום הימל.

— און פּלוצים — האָט זיך דער אַרבעטער גענומען רייסן די האָר פֿון קאָפּ — און פּלוצים האָב איך דערזען מיין טאַטנס קאָפּ! דעם קאָפּ פֿון מיין טאַטן! ער האָט זיך געוואַלגערט אין ראָוו, מיט דער גרויער באָרד געטונקען אין אַ קאַלוזשע בלוט!

ער איז זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ יאָמער און זיך געוואָרפֿן אויף דער ערד.

אַן אַנדערער, אַ יונג בחורל, וואָס האָט נעכטן פֿאַרטאָג אויך מאַרשירט צו דער אַרבעט, האָט פֿאַרגעזעצט קלאָגנדיק:

— מען האָט אונז געפֿירט צום וואַקזאַל אַרבעטן. ווען מיר זענען אָנגעקומען, איז שוין באַלד געווען זעקס אַזייגער. מען האָט גראָד געהאַט פֿאַרענדיקט דאָס אַרויפֿפּאַקן די יידן אין די לאַסט־וואַגאָנעס. די טירן זענען שוין געווען פֿאַרקלאַפּט און די באַן האָט גערירט פֿון וואַקזאַל. די קולות פֿון אינעווייניק, האָבן זיך געריסן ביז צו די הימלען. פֿון די הויכע, פֿאַרקראַטעוועטע פֿענצטערלעך האָט מען נאָר אַרויסגעזען אויגן און הענט. מיר האָבן שוין קיינעם נישט געקאָנט דערקענען אויסער דעם געטאָ־בריוו־טרעגער — שמואל אברהם פּאָפּאָווסקי, וועלכער האָט צו אונז אַרויסגעפּאָכעט מיט דער האַנט ווי צו אַ געזעגענונג. זעענדיק אונז פֿאַרביימאַרשירן, איז די קלאָגעניש אין די וואַגאָנעס געוואָרן נאָך שטאַרקער. זיי האָבן געמוזט מיינען, אַז אין שטאָט בלייבן נאָך יידן און אַז אונז וועט מען שוין לאָזן

לעבן. זשאַנדאַרן האָבן גענומען שיסן אין די פֿענצטערלעך און ווען די באַן איז שוין געווען ווי ווייט, מען האָט זי שוין כמעט נישט געזען, האָט זיך דאָס קלאַנגעניש נאָך געטראָגן צו אונדז אויפֿן וואָקזאַל.

⁂

מיין חבר, וועלכער איז צוזאַמען מיט אַלע יידן געפֿירט געוואָרן פֿון מאַרקפּלאַץ צו דער באַן־ראַמפּע און האָט באַוויזן צו אַנטלויפֿן אין מיטן דער נאַכט פֿון וואָקזאַל, שילדערט די מוראדיקע סצענעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין דעם פֿאַרצווייפֿלטן בין־השמשות, בעת מען האָט זיי געפֿירט איבער די גאַסן:

— אַ שיסעריי פֿון אַלע זייטן. צענדליקער מתים. אַחוץ דעם זענען גאַנצע באַטאַליאָנען מיט ס. ס.־יונגען געלאָפֿן אין די זייטן פֿון די רייען, וועלכע האָבן זיך אומענדלעך־לאַנג געצויגן און מיט נאַהייקעס, מיט ביקסן און באַגנעטן געשלאָגן מכות־רצח אין די רייען אַריין, איבער די קעפּ און ווו זיי האָבן נאָר געטראָפֿן, איבער פֿרויען, קינדער און זקנים. די רייען האָבן זיך געצויגן באַגלייט פֿון דער אומאויפֿהערלעכער שיסעריי. מען האָט געשאָסן אין די יידן און אין דער לופֿט, כדי צו פֿאַרטויבן די מוחות און דעם באַוווסטזיין פֿון די מענטשן, צו דערשטיקן די געוואַלדן. אויפֿן גאַנצן וועג, אין די הייזער, באַוווינט מיט דייטשן, זענען לויטן באַפֿעל געווען אַרויסגעשטעלט די ראַדיאָס, גראַמאָפֿאָנען, פּאַטעפֿאָנען און געשפּילט פֿריילעכע שלאַגערס. שיכורע דייטשן מיט גראָבע בייכער זענען געשטאַנען אויף די שוועלן פֿון די שענקען און באַרן אין ווייסע העמדער און פֿריילעך, כלאַיענדיק ביר, נאָכגעקוקט דעם צוג און געחוזקט מיט פּרעכע געלעכטערס. די טראָטואַרן פֿון אַלע גאַסן, די טויערן און אַלע באַלקאָנען און פֿענצטער פֿון די אַרומיקע הייזער זענען געווען אָנגעפּאַקט מיט פּאָליאַקן, נייגעריקע מענער, פֿרויען און קינדער. מען האָט זיך געשטופּט קאָפּ איבער קאָפּ. יעדער האָט זיך געריסן וואָס בעסער צו זען און מיט די אויגן געזוכט אין די לאַנגע רייען היימישע, באַקאַנטע זשידקעס. אַ פּוילישער פּאָליציאַנט, אַ גראָבער מגושמדיקער פֿאַרשוין אין אַ גראַנאַטענעם אוניפֿאָרם — האָט מיטן גאַנצן כוח, געהאַקט מיט דער ביקס איבער קעפּ, און מיט דער פֿויסט פֿון דער צווייטער האַנט — געזעצט אין די פּנימער פֿון די, וואָס האָבן זיך אים אונטערגערוקט מיט דער ריי. ער האָט מיט דער גאַנצער רציחה געשלאָגן און גלייכצייטיק געלאַכט צו דעם המון הינטער זיך:

— זיי וועלן שוין מער נישט זויגן אונדזער בלוט! גענוג אונדזער בלוט געזויגט! —

— די זשידקעס פֿאָרן קיין פּאַלעסטינע — האָט אַ גראָבע ברוסטיקע שטימע אָפּגעשריגן פֿון אַ בוידעם־פֿענצטער, באַגלייט פֿון פֿרויען־געלעכטער.

— אויף ווידערזען, יידעלעך! — האָט אַ צווייט קול געשריגן פֿון אַנטקעגן.

די מאַסע האָט זיך געדריקט און נייגעריק, מיט פֿאַרחידושטע אויגן באַטראַכט און אָבסערווירט דעם ספּעקטאַקל. וואו־נישט־ווו האָבן זיך אַרויסגעזען אַ פּאָר טרויעריקע, מיטפֿילנדיקע אויגן, ביי אַ טייל — אויך טרערן. פֿון אַנדערע האָט אַרויסגעגלאַנצט די שאָדן־פֿרייד. די דייטשן מיט פֿאָטאָאַפּאַראַטן אויף די דעכער פֿון אויטאָס, וואָס זענען אַרומגעפֿאָרן פֿון אַלע זייטן, האָבן פֿאָטאָגראַפֿירט די „קאַד־

מישע” סצענעס, וועלכע אַנדערע דייטשן אונטן האָבן אויף זייער פאַראָרדנונג געמאַכט מיט די פרויען און זקנים.

⁂

דער זייגער איז שוין באַלד אַכט. דורכן פלויט כאַפּן זיך נאָך אַריין אין לאַגער איינצלנע מענטשן — אַנטלאָפענע פון די באַהעלטענישן אין שטאָט. אַלע אינעווייניק לאָזן זיך זיי אַנטקעגן, מען רינגלט זיי אַרום, מען קושט זיי, מען אַרעמט זיי, מען פרעגט זיך אויס און מען דערציילט. אַלע עטלעכע מינוט — פרישע געשריען, געוואַלדן און געיאָמערן.

— געוואַלד, יידן, מיר זענען פאַרלוירן! שרייט פון אַ ווינקל אַרויס אַ הויכער אַלטער ייד — זיי וועלן דאָ אונדז אויך אויסמאָרדן, די באַנדיטן!

מיין חבר, וועלכער דרייט זיך כסדר מיט מיר אַרום — הערט נישט אויף צו דערציילן וועגן די לעצטע מינוטן פון מיינע נאָענטע.

ער איז אויפן מאַרק־פּלאַץ געזעסן לעבן מיין מוטער און שוועסטערל, לעבן מיין שוויגער און יונגסטן, זעכצן־יעריקן שוואָגער, שמואלעק. שמואלעק איז געווען פון די ערשטע אויפן פּלאַץ. באַלד אינדערפרי האָט מען אים געכאַפּט ביי דער בריק, מען האָט אים מערדערלעך צעשלאָגן און געטריבן אויפן מאַרק. מיין מוטער, שוועסטערל און שוויגער האָט מען געבראַכט שוין נאָך שפּעט, אין מיטן טאָג, מיט אַ גאַנצער פּאַרטיע יידן, צווישן זיי דעם גביר, ר׳ יאַנקל ראָזענבערג. זיי האָבן דערציילט, אַז זיי זענען געווען באַהאַלטן ביי באַרטניצקין, הינטער דער שטאָט. ער האָט זיי אינדערפרי אַלע אַריינגעלאָזט און איינגעשלאָסן אין קאַמער. די מיטגעבראַכטע פּעק האָט ער צוגענומען און ערגעץ אַנדערש באַהאַלטן. אין עטלעכע שעה אַרום האָט ער פון זיי געפאָדערט דאָס געלט, וואָס זיי האָבן ביי זיך און ראָכ צירונג. ער מוז דערמיט — האָט ער געזאָגט — אָפּקויפן די דייטשן, וועלכע קומען כסדר און ווילן זוכן אין די קאַמערן. זיי האָבן אים אַלץ אוועקגעגעבן. שפּעטער האָט ער זיי אַלע אויסגעגעבן. עטלעכע „שוואַרצע” האָבן זיי אָפּגעפּידט אויפן מאַרק־פּלאַץ. מיין מוטער איז געלאָפן, ווי נישט מיט אירע כוחות, אָנהאַלטנדיק זיך אין מיין שוועסטערל און שוויגער. זי האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט זי, אויב זי וועט נישט קאָנען גיין, דערשיסן אויפן אָרט. אויפן מאַרק־פּלאַץ, צווישן די טויזנטער מענטשן, איז זי געלעגן האַלב־טויט מיט אַ פאַרטרוקנט מויל, און מיט די אויגן כסדר דערשראָקן, באַטראַכט מיין שוועסטערל. מיין שוויגער האָט געבעטן ביי די יידישע אָרדנונגס־לייט וואַסער, און די איינציק באַקומענע שלוק — געגעבן דער מחותנתטע צו טרינקען, כאָטש זי האָט אַליין געברענט פון היץ און דאָרשט. אויף איר שוים האָט זיך מיטן קאָפּ געטוליעט, אַ שווייגנדיקער, איר יונגסטער זון, שמואלעק. מיין שוועסטער מרימל האָט, אַ באַשלאָגענע מיט שוויס, זיך אינערלעך געוואָרפן פון אומבאַהאָלפנקייט, זיך געריסן ווי פון דער אייגענער הויט אַרויס, מיט די הענט זיך איינגעביסן אין די שטיינער און — זיי האָבן זיך כסדר נאָכגעפרעגט וועגן אייך, צי מען זעט אייך נישט, צי איר געפינט זיך נישט אויפן פּלאַץ. מיט די אויגן האָבן זיי אייך געזוכט פון אַלע זייטן, צווישן די זיצנדיקע און זיי האָבן כסדר גערעדט פון אייך. זיי האָבן נישט געוווסט, צי מען האָט אייך געשאָסן אָדער זענט איר נאָך באַהאַלטן ביי דער שטשעפּאַנעקן. איך ווייס

נישט, וואָס מיט זיי איז געשען. שפעטער, אויפן וועג און אויף דער ראַמפע, האָב איך נאָך געזען דיין שוויגער מיט שמואלעקן. דיין מוטער און שוועסטער — שוין נישט מער. מעגלעך, אַז מען האָט זיי אויפן וועג דערשאָסן, ווייל דיין מאַמע האָט מער נישט געקאָנט גיין, כ'ווייס נישט.

— געדענק, געדענק! — שרייט מיין חבר — מען טאָר עס נישט פאַרגעסן! נעם זיך אין זכרון אַריין זייערע לעצטע שעהן, זייערע לעצטע מינוטן, נעם זיך אין זכרון אַריין באַרטניצקין! דו ביסט דער איינציקער גואל הדם!

⁂

אַכט אַ זייגער איז דער לאַגער געוואָרן כמעט ליידיק. אַ גרופע דייטשע סאָלדאַטן איז געקומען און אַוועקגעפירט די יידן צו דער אַרבעט. יעדער האָט זיך געריסן מיטצוגיין, וועלנדיק אַרויף אויף דער ליסטע פון די אַרבעטער. זיי האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס עס זענען נאָך דאָ אַזוי פיל מענטשן און אויך די פרישע מיטגענומען מיט זיך. אין לאַגער איז געבליבן נאָר אַ קליינע גרופע יידן און איך — צווישן זיי. די מיטאַמאָליקע שטילקייט האָט גענומען דריקן. כ'האָב נישט געקאָנט איינרוען און געזוכט אַן עצה ווי אַזוי זיי ביידע, אסתּרלען און צפורהלען, אַהערצוברענגען פון דאָרף, מען זאָל זיי אויפן וועג נישט כאַפן. מיינע באַקאַנטע, וועלכע זענען אַוועק צו דער אַרבעט, האָבן מיר צוגעזאָגט, אַז אויב עס וועט מעגלעך זיין, וועלן זיי פון דער אַרבעטס־שטעלע צופאָרן מיט אַ סאָלדאַט אין אַ פאַרמאַכטן אויטאָ צו קאָנטראַקטאָוויטשעס שטרוי און זיי אַהערברענגען. כ'האָב דערפאַר צוגעזאָגט, דאָס איינציקע גאָלדענע רינגל, וואָס אסתּרל האָט נאָך געהאַט ביי זיך (דאָס איינציקע, וואָס ברעקער האָט נישט צוגענומען), צו געבן דעם סאָלדאַט.

דערווייל דריי איך זיך אין לאַגער־הויף ווי אין אַ שטייג און ווייס נישט וואָס איבערצוקלערן. „צי טוען זיי עפעס? צי וועט עס זיך איינגעבן? עס זאָל נאָר, חלילה, נישט זיין צו שפעט!" איך ציטער אויף ביי דעם געדאַנק. איך וואָלט געלאָפן אונטעריאָגן, יעדער טריט אַרויס אויסערן לאַגער איז אָבער אַ זיכערער טויט. כ'בין דאָ ספעציעל געבליבן און צו דער אַרבעט נישט געגאַנגען, ווייל מען האָט מיר דערציילט, אַז אינמיטן טאָג, ווען אַלע זענען ביי דער אַרבעט אויף די שטעלן — קומען אָפט אַהער סאָלדאַטן מיט געבראַכטע מענטשן פון די באַהעלטענישן און אויב כ'וועל זיי צוזאָגן דאָס גאָלדענע רינגל, וועלן זיי אפשר מיט מיר אַהינפאָרן נאָך זיי. די שעהן לויפן און מען זעט קיינעם נישט אָנקומען, אַחוץ די צעווילדעוועטע ס. ס.־לייט און פאָליציאַנטן, וועלכע דרייען זיך מחוצן לאַגער מיטן אָנגעלאָדענעם געווער און וואַרפן כסדר צו אונז אַריין שטעכיקע, רוצחישע בליקן, זעט מען קיינעם נישט פון דער אַנדערער זייט פלויט. די איינציק־געבליבענע אין לאַגער, זענען אַ פאָר אַלטע יידן, עטלעכע פרויען און אַ פאָר קינדער, וועלכע מיר האָבן איצט פאַרשטעקט אויפן בוידעם, די ס. ס.־לייט זאָלן זיי נישט דערזען און אַרויסשלעפן פון אַרבעטס־לאַגער און אויך עטלעכע קראַנקע. די אַלע זענען דאָ געבליבן, מורא האָבנדיק, אַז דאָרט אויף די פלאַצוווקעס, זאָל דאָס מיליטער זיי נישט אָנערקענען פאַר צו שוואַך, פאַר אַרבעטס־אומפעיק און אַרויסגעבן דער זשאַנדאַרמעריע. דרייען זיי זיך אויפן הויף און קערן, רוימען, וואַשן די ווענט און קאָכן אין דער קיך דאָס מיטאָג פאַר די אַרבעטער אויף די פלאַצווו־

קעס. (מיטאָג־צייט פירט מען דאָס עסן אַוועק צו דער אַרבעט) זיי ווילן וויזן, אַז זיי זענען נוצלעך. איך אַרבעט מיט זיי מיט און קאָן נישט איינרוען.

פון דרויסן הילכט אַלץ דאָס שיסעריי. די אַבלאַוועס און זובעניש אין שטאָט און אין די אַרומיקע וועלדער, פעלדער און דערפער האַלטן אָן. ביי יעדן פרישן שאָס ציטער איך אויף, ווער ווייסט, וואָס דאָרט, חלילה, איז?

— מיינע טייערע קינדערלעך!

די שעהן לויפן און לויפן, דער טאָג איז שוין באַלד פאַרביי און זיי זענען נאָך נישטאָ. די סאָלדאַטן פון דער פּלאַצוווקע זענען אפשר אַהין נישט געפאָרן? אפילו מיט וועמען באַפעלן צו די יידן, צו דער אַרבעט, און געווייער ווערן, וואָס מען הערט, איז נישטאָ, יעדע מינוט, איז אַ יאָר.

פון די פּאָר איבערגעבליבענע יידן גיסט דערווייל יעדער איינער אויס זיין אומגליק. ס'איז שוין באַלד קיין כוח נישטאָ צו וויינען, צו קלאָגן.

— מאַמע, מאַמעשי, מרימל!

איך האַק זיך מיטן קאָפּ אין וואַנט. עס באַפאַלט מיך כסדר אַ חשק אַרויסצולויפן, לאָזן זיך דערשיסן פון די וואַכן אינדרויסן, אָבער —

— מיינע טייערע קינדערלעך!

איך רייס זיך די האָר פון קאָפּ, קנייפּ פון זיך לעבעדיקע שטיקער אויס.

דער הויכער, אַלטער ייד ליגט אין אַ ווינקל פון הויף אויסגעצויגן, ער זיפצט און קלאַמערט אַ סענקעוואַטן שטעקן אין האַנט, ער בייסט דאָס גרויע בערדל אין מויל:

— אָ, דאָס, דאָס — ווייזט ער אויפן שטעקן — איז מיר פון אַלץ געבליבן. דאָס ווייב, די קינדער, די אייניקלעך, די שוועסטער, ברידער, משפחה — אַלץ, אַלץ איז אַוועק! קיין זכר נישטאָ! אָפּגעלעבט אַ לעבן לאַנג און נישטאָ די שטוב, נישטאָ גאָרנישט, נאָר דער שטעקן!

באַלד טרייסט ער זיך און אונז אַלע:

— האַ, איך זאָרג נישט, ס'וועט נישט לאַנג דויערן, אויך אונז וועלן זיי דאָך נישט לאָזן, אויך די אַרבעטער נישט! אפשר נאָך עטלעכע טעג!

— זיי איז שוין בעסער — ווייזט ער מיטן שטעקן צו די פון די לעצטע טעג פרישע קברים, אין עק פון לאַגער־פּלאַץ.

איך בין אַרומגעלאָפן ווי משוגע און נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט זיך. ס'גלוסט זיך מיר אַרויסלויפן. די ס. ס.־לייט און פּאָליציאַנטן דרייען זיך אָבער אין יענער זייט און וואַרטן, ווי אויסגעהונגערטע חיות אויף פּאַרציקונג — אויף אַ קרבן. ס'האָט מיר געבריט אונטער די פיס, כ'בין געלאָפן אין די באַראַקן, זיך געוואָרפן אויפן שטרוי, נישט געקאָנט איינליגן און צוריק אַרויס אויפן פּלאַץ, זיך געקלאַמערט צום פּאַרקאַן, מען האָט קיינעם נישט געזען, קיינער איז נישט געקומען.

ערשט שפּעט אין אָונט, ווען אין דרויסן איז שוין געווען טונקל, האָט מען פון דערווייטנס, פון דער טונקלקייט, זיך געזען אַרויסשיילן געשטאַלטן. צוערשט איינצעלנע, דערנאָך מער און מער — אַ מאַסע. באַלד האָבן אין דער שטילקייט גענומען אָפּהילכן טריט פון מאַרשירנדיקע. זיי האָבן זיך וואָס אַמאָל מער דערנענטערט, די טויערן האָבן זיך געעפנט און די עטלעכע הונדערט אַרבעטער, אַרומ־

גערינגלט פון מיליטער, האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין לאַגער, געקומען פון דער אַרבעט.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז דער לאַגער ווידער געווען אויפגעברויזט, אויפגעשטורעמט פון אַ ים מיט קולות, געשרייען, געוואַלדן און יללות. כ׳האָב אויפגעזוכט מיינע פריינט, זיי האָבן גאָרנישט באַוויזן אויפצוטון דורכן טאָג. דער עולם איז זיך צעלאָפן אין די באַראַקן, איך בין געבליבן אינדרויסן. כ׳בין אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד. פון אינעווייניק, פון די באַראַקן, האָט זיך געטראָגן אין דער פינצטערניש אַריין אַ קלאָגעריי.

— ויבכו העם בלילה!

8־טער מאַי:

שוין באַלד זענען צוויי יאָר פאַרביי און איך קאָן זיך נאָך נישט באַפרייען פונם גרויל פון יענע קאָשמאַרע גסיסה־טעג אין אויגוסט 1942, די טעג פון דער קראַמפּהאַפטער גסיסה פון אַ גאַנץ פאָלק. ווען זאָל דעמאָלט איינפאַלן, אַז מיר וועלן נאָך לעבן אין קנאַפּע צוויי יאָר אַרום און אויב יאָ, אַז די גסיסה וועט זיך נאָך ציען, זי וועט נאָך דויערן, און דער חלק וועט נאָך ליגן אויפן האַלז? די בילדער פון יענע טעג שוועבן מיר כסדר פאַר די אויגן, ניין, קיינמאָל וועלן מיר זיך פון זיי נישט באַפרייען!

איך געדענק ווי איצט, דאָס קרחת, אין וועלכן כ׳האָב זיך געוואָרפן גאַנצע דריטהאַלבן טעג אין קאַפּעניק־לאַגער, זייענדיק אָפּגעשיידט פון זיי און נישט וויסנדיק, וואָס מיט זיי דאָרט האָט פּאַסירט. מיינע פריינט האָבן מיך געטרייסט און באַרואיקט. געהייסן האָבן געדולד — „באַלד", „שפּעטער", „אפשר אין אַ שעה אַרום?", „מען וועט זיכער אַהינפאָרן און זיי אַהערברענגען". איך האָב אָבער נישט געוווסט, צי כ׳וועל זיי נאָך טרעפן אין שטרוי, צי זיי זענען נאָך פאַרראַן. ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה בין איך געלאָפן אין דער לאַגער־שטיג, זיך כסדר געריסן צו די קראַטן, צום פּלויט, געוואָלט אַרויס און צוריקלויפן אין דאָרף. אין די נעכט האָב איך, דורך דער פינצטערניש, געהאָפט אַהין צו דערגרייכן.

— אסתרל, צפורהלע! — האָב איך געראָוועט.

מיינע חברים האָבן מיך אָבער נישט געלאָזט. די ס. ס. און די „שוואַרצע" האָבן געלויערט פון אַלע ווינקלען אַרום און געצילט אין די, וואָס האָבן זיך געפרווט אַרויסגנבענען אָדער אַריינבאַקומען אין לאַגער, אָן מיליטערישער באַגלייטונג. עטלעכע זעלנער האָבן כסדר צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן פאָרן מיט מיר און כסדר אָפּגעלייגט פון שעה צו שעה, פון טאָג אויף נאַכט, פון נאַכט אויף טאָג. פון פאַרצווייפלונג האָב איך זיך געביסן די פינגער. דאָס האַרץ האָט מיר שוין פאַרגעזאָגט שלעכטס.

צוויי נעכט און דריטהאַלבן טעג האָט עס אַזוי געדויערט און ווי אַן אייביקייט האָט זיך עס פאַר מיר געצויגן.

אויפן דריטן טאָג, בין איך שוין כמעט געווען רעזיגנירט, כ׳האָב שוין ווי אויפגעגעבן די האָפנונג, כ׳האָב שוין נישט געגלויבט, אַז עס וועט מיר געלונגען

אַהין צוצוקומען און אויב יאָ, אַז כ׳וועל זיי נאָך דאָרט טרעפן. כ׳האָב געריסן פון זיך לעבעדיקע פאַסן, כ׳האָב זיך נישט געקאָנט מוחל זיין, פאַרוואָס כ׳האָב זיי פאַרלאָזט, כ׳האָב זיך דערמאָנט, ווי זיי האָבן זיך פאַרטאָג אין שטרוי ביי מיר געבעטן, אַז כ׳זאָל נישט אַליין אַוועק. וואָס האָב איך געטון? אָט, פּלאַצט ביי מיר דאָס האַרץ.

אין לאַגער איז ווידער ליידיק, ס׳איז שוין באַלד האַלבער טאָג. כמעט אַלע זענען ביי דער אַרבעט, וואָס טוט מען?

— ניין, לענגער וועל איך נישט וואַרטן! זאָל נאָר נאַכט ווערן, ס׳וועט זיין פינצטער, וועל איך אַרויס. איך וועל אויף גאָרנישט קוקן, זאָל געשען, וואָס עס האָט צו זיין! ניין, כ׳מוז צו זיי דערגרייכן, כ׳מוז זיי געפינען, אויב נישט, וועל איך זיך אַ מעשה אָנטון! לענגער וואַרט איך נישט! זאָל נאָר ווערן נאַכט!

כ׳רוקט זיך אונטער מיטאָג־צייט. עטלעכע ווייבער זענען פאַרפאַרעט אין קיך. מען קאָכט מיטאָג פאַר די אַרבעטער, אַ זופּ פון וואַסער מיט בוראַקעס, מען יאָגט זיך, באַלד דאַרף אַ דייטשער סאָלדאַט קומען מיט אַ לאַסט־אויטאָ, נעמען די זופּ און אַוועקפירן צו די אַרבעטס־פּלאַצוווקעס. יעדן טאָג קומט דער זעלבער סאָלדאַט. ער זעט אויס אַ בייזער, אַ רשע, ער שרייט אויף די ווייבער. נעכטן האָט ער זיך געדרייט אין די ליידיקע באַראַקן, געזוכט אין די קעסטלעך פון די אַרבעטער, די בעסערע זאַכן — צוגענומען און געלייגט צו זיך אין די קעשענעס. ער האָט מיך מאָדנע אָנגעקוקט און כ׳האָב געציטערט פאַר זיין שפּיזיקן בליק. אפשר וועט היינט קומען אַן אַנדערער, אַ בעסערער? — כ׳וועל פּרובירן רעדן מיט אים, אפשר?

דער זייגער איז שוין צוועלף, מיטאָג. פונדערווייטנס פייפט שוין, אַן אויטאָ סיגנאַליזירט, יאָ, דאָס איז דאָס מיליטערישע אויטאָ, מען פאָרט צו אונז אין לאַגער נאָך מיטאָג. כ׳איז זיכער דער זעלבער שאָפער, ער וועט אונז נאָך דערממיתן. דאָס מיטאָג איז נאָך נישט פאַרטיק! די ווייבער נעמט אַלץ פאַלן פון די הענט אַרויס, זיי קלערן זיך צו פאַרשטעקן. דער אויטאָ שטייט שוין! יאָ, ס׳איז דער זעלבער סאָלדאַט. ער וויל מען זאָל אים צוגרייטן דאָס געקעכץ און ער אַליין גייט דערווייל אין די באַראַקן אַריין, זוכן צווישן די זאַכן.

„וואָס עס האָט צו זיין — זאָל זיין! כ׳מוז רעדן מיט אים! זאָל ער מיך שיסן!"

איך שלייך זיך אים נאָך אין קאָרידאָר.

ער פאַרהאַלט זיך און שטעלט אָן אויף מיר אַ פּאָר אויגן — „וואָס איך פאַרלאַנג?" —

— גאָרנישט, כ׳וויל אים געבן אַ גאָלדן רינגל, צי ער וויל?

ער קוקט מיר ווילד אויף די הענט.

— ניין, כ׳האָב עס נישט ביי זיך. מיין פרוי האָט עס, זי איז דאָ נישט ווייט, סך־הכל דריי קילאָמעטער פון דאַנען אין אַ דאָרף. אויב ער וויל, קאָנען מיר אַהינפאָרן, כ׳וועל אים ווייזן וווּ, מיר וועלן אים געבן דאָס רינגל, ס׳וועט נישט לאַנג דויערן, אַ פּאָר מינוט נאָר. זיי דאָ, וועלן דערווייל צוגרייטן דאָס מיטאָג, ער וועט אונז אָבער מוזן צוריקברענגען אַהער, אין לאַגער אַריין! —

דער בייזער סאָלדאַט קוקט אויף מיר מיט אַזעלכע אויגן, אַז איך באַקום

חשק שוין צו זיין צוריק הינטער דער טיר, כ׳נעם קוקן אויף הינטער זיך.

— אָבער גאַרסט מיך נישט אָפּ? — פרעגט ער פלוצים — זיכער האָט זי אַ רינגל?

— אוודאי, אַ שיין רינגל, אַ גאָלדנס! — אין קאָפּ פאַרמישט זיך מיר.

— נו, קום שנעלער! — גיט ער אַ געשריי — ווי הייסט דאָס דאָרף?

זיצנדיק אין פאַרמאַכטן אויטאָ, אונטערן פלאַנדעק, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך חלום.

— קינדערלעך, קינדערלעך טייערע — האָב איך געשעפּטשעט.

ווען מיר זענען שוין געווען הינטער דער שטאָט, האָב איך מורא געקריגן. וואָס מער מיר האָבן זיך דערנענטערט צום דאָרף, אַלץ מער האָט מיך די מורא אַרומגעכאַפּט. צי זענען זיי נאָך דאָרט פאַראַן? כ׳האָב זיך געשראָקן פאַר דער רגע, וואָס כ׳וועל זיי רופן פון שטרוי אַרויס. דאָס האַרץ האָט מיר געזעצט, ס׳האָט זיך מיר געגלוסט אַראָפּשפּרינגען פון אויטאָ און אַנטלויפן וואָס ווייטער פון דאָרף און פון דער מינוט! ווער ווייסט! מיט די הענט האָב איך זיך געקלאַמערט אין די לייסטן פון דער פלאַנדעק. כ׳האָב באַשלאָסן — קוים חלילה — גיי איך נישט צוריק אין לאַגער. כ׳וועל בעטן דעם סאָלדאַט, אַז ער זאָל מיך דערשיסן, אָדער — כ׳וועל פאַרמאַכן די אויגן און לויפן אינמיטן שטאָט אַריין, גלייך הינטער די וואַכן.

כ׳וויל שוין פאַרמאַכן די אויגן, אָבער דער אויטאָ שטייט שוין.

— לאָס, שנעלער! דאָנערוועטער! — שרייט דער סאָלדאַט.

מיר זענען נישט ווייט פון שטרוי.

כ׳נעם זיך אַראָפּקריכן. די פיס זענען ביי מיר ווי אונטערגעהאַקט. איך שלעפּ זיי, ווי נישט מיינע.

— לאָס! שנעלער!

— אסתרל, צפורהלע! האָב איך גענומען הייזעריק שרייען.

— אסתרל, צפורהלע!

ס׳איז שטיל.

— אסתרל, צפורהלע! — דאָס האַרץ שטייט ביי מיר אָפּ.

איך קוק איבערן שטרוי:

— אסתרל, צפורהלע!

איך פאַרברעך די הענט!

— קינדערלעך, קינדערלעך!

מיטאַמאָל האָט זיך דאָס שטרוי אויבן אָנגעהויבן באַוועגן, רירן. ס׳האָט זיך ווי פון זיך אַליין גענומען אונטערהייבן.

— קינדערלעך! האָב איך פאַרצווייפלט מיט די לעצטע כוחות געשריגן.

— יאָ, — האָב איך קוים דערקענט אַ קול. קעפּ האָבן זיך גענומען אַרויסשמעקן.

— אסתרל, צפורהלע, קינדערלעך, שרעקט אייך נישט!

כ׳בין צוגעפאַלן צו זיי, זיי זענען געלעגן אין אָנמאַכט, צעמישט, געקוקט אויף מיר מיט די אויגן און נישט געקאָנט רעדן.

— לאָס, לאָס, שנעלער! — האָט דער סאָלדאַט געשריגן.

— שרעקט אייך נישט, קינדערלעך! קומט, מיר פאָרן אין לאַגער אַריין.

זיי האָבן זיך נישט געקאָנט ארויסדראפּען פון שטרוי. די פיס זענען ביי זיי געווען ווי געליימט און שווער זיך נאָכגעשלעפּט.

— לאָס, לאָס, שנעלער!

דער סאָלדאט האָט זיי געכאפּט אויף די הענט און אראָפּרייסנדיק פון אסתרלן דאָס רינגל פון פינגער האָט ער זיי ביידע, איינע נאָך דער אנדערער, אריינגעטראָגן אין אויטאָ.

⁂

ווי אויף אַ פילם־טאַשמע זענען בליץ־שנעל געלאָפן די געשעענישן פון יענעם טאָג און נישט געלאָזט כאפּן דעם אָטעם.

נישט לאַנג האָט געדויערט דער וועג מיט זיי פון קאָנטראַקטאָוויטשעס שטרוי אין לאַגער אריין. ווי ווילד האָט דער זעלנער געיאָגט מיטן אויטאָ איבער די וועגן און גאסן, צווישן די באוואָפנטע פּאַטראָלן מיט גרינע העלמען איבער די קעפּ. מיר זענען געזעסן אין דער אויטאָ־בודע, פארשטעלט מיט די פלאַנדעקעס און דער אויטאָ — שפּרונגנדיק אין דער לופט פון האַסטיקן לויפן, האָט אונז געוואָרפן פון איין ווינקל אין צווייטן. זיי זענען נאָך אלע געווען ווי פארטויבט, געקוקט אויף מיר צעמישט און זיך נישט געקאָנט גלייבן, אז דאָס וואָס עס פּאַסירט איצט, איז טאַקע אמת, אז איך בין טאַקע דאָ מיט זיי, אז כ׳האָב זיי ארויסגעריסן פון שטרוי און פיר זיי צווישן יידן אין לאַגער אריין. פון דער מינוט, וואָס כ׳האָב זיי פארלאָזט, זענען זיי געווען זיכער, אז איך לעב נישט מער. באלד נאָך מיין אוועקגיין, פארטאָג, האָט זיך צו זיי דערטראָגן אַ שיסעריי פון פעלד און זיי זענען זיכער געווען, אז מען האָט מיך געכאפּט. אין די פּאָר טעג האָט זיי כסדר געשוועבט פאַר די אויגן מיין בילד, ווי איך ליג אַ צעשאָסענער אין מיטן פעלד.

איך דערצייל זיי די געשעענישן פון די לעצטע פּאָר טעג. זיי קלאַמערן זיך אין מיינע הענט.

— און וווּ זענען זיי, אונזערע נאָענטע — די מאַמעס, שוועסטערן, ברידער און אלע?

— קינדערלעך, פרעגט נישט, כ׳ווייס נישט, הלוואי זאָלן מיר לעבן!
זיי קוקן אויף מיר מיט אויפגעריסענע אויגן.

— פרעגט מיך נישט, קינדערלעך!

די וואַכן ארום שיסן, מיר פאָרן דורך דעם געטאָ, מיר קוקן אַרויס פון די שפּאַלטן. די געסלעך — ליידיק, אַ טויטע שטילקייט. אויפגעריסענע טירן, פענצטער, אָנגעוואָרפענע זאַכן פאַר די אויסגעפּלינדערטע הייזער. טישן, שטולן, ניימאַשינען, בעטן, אויפגעריסן בעטגעוואַנט, פעדערן, צעבראַזגעט גלאָזוואַרג וואַלגערט זיך אויף די טראָטואַרן און שאָסייען. די פּאַטראָלן נישטערן אויף די הויפן, דער טויט שוועבט אין דער לופט. אויפן רבינס־געסל שלעפּט זיך פויל אַ מאַגיסטראַט־פורל, צוויי סטרוזשעס גייען פון דער זייט, קלויבן די מתים און לייגן זיי אויפן פורל, איינעם איבער אנדערן. ווי פון אַ שעכטהויז־וואָגן הענגען אראָפּ פארבלוטיקטע הענט, פיס, קעפּ. דאָס פערדל שלעפּט זיך פּאַמעלעך און פון וואָגן רינען ריטשקעס בלוט, וואָס באַפאַרבן רויט די שטיינער אונטער זיך. די גאַנצע גאַס

זעט אויס באַשפּריצט מיט בלוט. מיר פאָרן שנעל און די אָנגעטראָפענע פאַטראָלן באַטאַפּן דעם אויטאָ מיט די שפּיזיקע אויגן ווי זיי וואָלטן אים דורכגעלעכערט. זיי כאַלוטירן צום סאָלדאַט אין דער שאָפערקע. ער קוקט בייז און פאָרט נאָך שנעלער. מיר טוליען זיך אין אַ ווינקל און האַלטן זיך אָן אין די רייפן. מיר זענען שוין אויסערן געטאָ, אָט איז דער לאַגער. דער סאָלדאַט פאָרט אַריין אין טויער.

— קינדערלעך, מיר זענען אין לאַגער!

סך־הכל צען מינוט האָט געדויערט דער וועג. די ווייבער לויפן אַנטקעגן מיט דער בשורה, אַז דאָס מיטאָג איז פאַרטיק, גרייט צום אַוועקפירן. זיי העלפן מיר צו זיי אַראָפנעמען פון אויטאָ. דער זעלנער שטייט אין דער זייט אַ דערצערנטער, ער קריצט מיט די ציין.

— דאָנערוועטער! — שרייט ער און טרייבט אַוועק די ווייבער. ער נעמט זיי אַליין אויף די הענט און טראָגט זיי אַראָפ, ער ווישט זיך מיט די אַרבל די אויגן.

מיר קוקן אים אָן, אינעווייניק נעמט זיך עפּעס רירן, דאָס האַרץ באַוועגט זיך, מיר נעמען אַלע וויינען.

⁂

באַלד נאָך מיטאָג, אַרום האַלב־צוויי, איז דער זעלנער נאָכאַמאָל געקומען מיטן אויטאָ אין לאַגער. פאַרן אַוועקפאָרן האָט אים גאָרפינקל, אַ יונגערמאַן, וואָס האָט געאַרבעט אין באַראַק, צוגעזאָגט צו געבן אַ גאָלדענעם זייגער, אויב ער וועט אים אַהערברענגען פון אַ באַהעלטעניש אַרויס אין געטאָ — זיין פאַמיליע. ס'איז זייער ריזיקאַליש, ווייל ס'איז דאָרט אַרום פול מיט עס־עס־לייט און פּאָליציאַנטן. מען מוז עס דורכפירן שנעל, געשיקט. גאָרפינקל בעט דעריבער, אַז איך זאָל מיטפאָרן, בכדי שנעלער זיינע אַלטע טאַטע־מאַמע אַראָפּנעמען פון בוידעם און אַריינזעצן אין אויטאָ. עס זענען דאָרט, אין באַהעלטעניש, פאַראַן נאָך עטלעכע מענטשן, שכנים, מען וועט עס מוזן מאַכן גאָר געשיקט.

דער זעלנער איז איצט דירעוודיק און עפּעס אייגענער מיט אונז. ער זאָגט, מיר זאָלן קיין מורא נישט האָבן. אסתרל און צפּורהלע בלייבן אין באַראַק מיט די פּאָר יידן און מיר פאָרן. מיר פאָרן ווידער פאַרביי דאָס געטאָ. מיר הערן פון די הויפן אַרויס דייטשע קולות. זיי שרייען הויך צו די יידן אין די באַהעלטענישן, אַז זיי זאָלן אַרויס. מען וועט זיי גאָרנישט טון, זיי וועלן זיי נישט שיסן, מען וועט זיי בלויז אַוועקפירן אין געטאָ פון שכנותדיקן שטעטל קאַלושין, דאָרט זענען נאָך פאַראַן יידן!

מיר פאָרן שנעל פאַרביי. די קולות לויפן אונז נאָך. די דייטשן גייען פון הויף צו הויף מיט פּוילישע פּאָליציאַנטן און אומעטום שרייען זיי אויס דעם דאָזיקן פּזמון אויף דייטש און פּויליש. אָט פירט אַ דייטש מיט עטלעכע פּוילישע פּאָליציאַנטן אַ גרופּע יידן, וואָס זענען אַרויס פון אַ קוימען. צוויי מענער, עטלעכע פרויען, איינע — מיט אַ קינד ביי דער ברוסט און אַ פּאָר קליינע פירט זי ביי דער האַנט. זיי זענען אויסגעשוואַרצט, אויסגעריסט פון כאַדזשעס, די מלבושים, די פּנימער, די האָר — אַלץ שוואַרץ, מען זעט נאָר אַרויס די אויגן. זיי האָבן שוין מער נישט געקאָנט איינזיצן אין קוימען, זענען זיי אַרויסגעקראָכן, אויפן רוף — מסתמא. די קינדערלעך דריקן זיך צו די מוטערס און ציטערן, די ווייבער קוקן אַרום

זיך דערשראָקן, זיי ווייסן נישט וווהין מען פירט זיי, צי טאַקע קיין קאַלושין. זיי קוקן כסדר מיט די אויגן אויף די לופעס פון די אויסגעשטרעקטע ביקסן, מיט די מיילער צו זיי, און טוליען צו זיך די קינדערלעך. מען פירט זיי אין געסל פון דער געשטאַפּאָ־קוואַרטיר.

דער אויטאָ פאַרקערעוועט אין אַ זייטיקן הויף, הינטער דעם קאַשטשאָל, אין עק פון געטאָ און בלייבט שטיין. גאָרפינקל שפּרינגט אַראָפּ, איך — נאָך אים. דער זעלנער ציט אַרויס דעם רעוואָלווער, ער האַלט אים גרייט און וואַרט. מיר לויפן איבער שטיינער, איבער פינצטערע בוידימער.

— טאַטע! — שרייט גאָרפינקל, — טאַטע, מאַמע, עפנט! איך בין עס!

ברעטער האָבן זיך אין דער טונקל גענומען פונאַנדעררוקן, הייזעריקע קולות הערן זיך פון אַ לאָך אַרויס.

— שנעלער, שנעלער, אַרויס, איינס־צוויי — סודעט גאָרפינקל אַריין.

געשטאַלטן ווי שאָטנס האָבן זיך גענומען אַדורכשלייכן, מענער, פרויען און קינדער.

— שנעל, שנעל!

מיר לויפן איבער די שטיינער אַראָפּ.

אויפן הויף שטייט דער סאָלדאַט אַרומגערינגלט פון אַ מחנה פּאָליאַקן — אַרבעטער, וועלכע די עס־עס האָט געבראַכט אויסצופּלינדערן די יידישע שטובן. איטלעכער וואָס־וועגן זענען מיר פון זיי אַרומגערינגלט:

— האַלט, איר גייט נישט ווייטער, וואַרט!

עטלעכע לויפן נאָך זשאַנדאַרמעריע. מיר נעמען זיך פּאַקן צום אויטאָ. זיי כאַפּן אונז אָן פאַר די מלבושים און האַלטן אונז. דער זעלנער האָט זיך דערשראָקן, האָט ער אַרויסגעכאַפּט דעם באַגנעט, גענומען האַקן איבער די קעפּ און עטלעכע מאָל מיטן רעוואָלווער אויסגעשאָסן. די פּאָליאַקן זענען זיך צעלאָפן.

— אַריין, אַריין, שנעלער! — שרייט דער סאָלדאַט. ער לויפט גיך אין דער שאָפערקע אַריין, צום מאָטאָר, און דרייט שוין ביים רעדל. איך און גאָרפינקל פּאַקן שנעל אַרויף די מענטשן אויפן אויטאָ. דער מאָטאָר רוישט שוין. די מענער זענען שוין אויבן, מיר שטופּן אַרויף די פרויען און קינדער, ביי אַ צען מענטשן צוזאַמען. אַלע זענען שוין אינעווייניק, אויך גאָרפינקל קריכט שוין אַרויף, דער אויטאָ ריכט.

ער נעמט זיך דערווייטערן.

איך לויף נאָך, איך שטרעק די הענט. אָט־אָט דערגרייך איך אים.

איך בין שוין אַרומגערינגלט פון די פּאָליאַקן, זיי האַלטן מיך. דער אויטאָ דערווייטערט זיך, ער לויפט ווי אַ טייוול.

עטלעכע פּאָליאַקן מיט עס־עס לויפן נאָך, זיי שיסן אין די רעדער אַריין. דער סאָלדאַט פאַרדרייט אין אַ ראָג, דער אויטאָ איז שוין נישטאָ.

איך בין איינגעקלאַמערט אין פעסטע לאַפּעס, מען לאַכט מיר אין די אויערן אַריין:

— כאַ, כאַ, כאַ - - איין מינוטקעלע וועסטו וואַרטן, נאָר איין מינוטקעלע!

עס דרייען זיך אַדורך עטלעכע עס־עס־לייט. זיי שלעפּן וואַליזעס מיט ווערט־

חפצים און קוקן זיך צו אונז נישט אום. א פּאָר פּאָליאַקן זענען געלאָפן אויף דער גאַס אַרויס און מיט די פינגער אין מויל גענומען פייפן.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך אין טויער באַוויזן דער שוואַרצער פּוילישער פּאָליציאַנט בראָדאָוויטש.

⁂

א ציטער איז מיר אַדורך איבערן לייב. שוין אין לאַגער האָב איך געהערט וועגן די רציחות, וואָס ער, דער פּוילישער פּאָליציאַנט בראָדאָוויטש, האָט אָפּגעטון אין די לעצטע פּאָר טעג. די אַרבעטער האָבן זיך עס נאָכדערציילט.

ער האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט א בליק:

— קום, הורן־זון!

די פּאָליאַקן האָבן זיך צעלאַכט און מיך אָפּגעלאָזט.

— קום, הורן־זון! — האָט ער אַן אונטערגעמוטיקטער, לעבעדיקער באַפוילן און אויסגעשטרעקט מיר דעם רעוואָלווער צו די שלייפן.

איך האָב געשלאָסן די אויגן און גענומען גיין.

מיטאַמאָל האָט א האָגל פון קלעפּ זיך אָנגעהויבן שיטן איבער מיר, איבערן קאָפּ, אין קאַרק, אויף די אַקסלען, אין די זייטן.

— שנעלער! — האָט ער געריטשעט.

כ'האָב געוואָלט לויפן, ער האָט אָבער מיט איין לאַפּע מיך פעסט געהאַלטן פאַר אַן אָרעם און מיט דער אַנדערער, מיטן גאַנצן כוח, מיך געשלאָגן בלינד איבערן גאַנצן קערפּער, ווו די האַנט איז נאָר געפאַלן. באַלד האָט ער מיך אָפּגעלאָזט און באַפוילן לויפן, כ'האָב גענומען לויפן און ער, נאָכלויפנדיק הינטער מיר, האָט מיר געהאַקט מיט דער ביקס איבערן קאָפּ, אין די אָרעמס, איבער די פיס, אונטער די קני. כ'בין געפאַלן, האָט ער מיטן רעוואָלווער מיר גענומען שיסן איבערן קאָפּ:

— שנעל!

כ'בין אויפגעשטאַנען און אונטער א האָגל פרישע קלעפּ, ווידער גענומען לויפן, ביז כ'בין נאָכאַמאָל געפאַלן, ווידער אויפגעשטאַנען, אויפסניי געפאַלן און ווייטער געלאָפן. פינקען האָבן מיר אָנגעהויבן פליען פאַר די אויגן. כ'בין געלאָפן און געפאַלן, אויפגעשטאַנען און געלאָפן. כ'האָב שוין באַלד נישט געפילט די קלעפּ, נאָר שטיקער פייער זענען מיר שפּריצנדיק געפלויגן פאַר די אויגן און אין די אויערן האָבן מיר אָפּגעהילכט מאָדנע קולות. כ'האָב אויפגעריסן די אויגן און דערזען אַרום זיך שטיין עס־עס־לייט, זיי האָבן געלאַכט, געפּאַטשט מיט די הענט און געשריגן:

— בראַוואָ! בראַוואָ!

פון יוצא־זוענן זענען זיי מיר הינטערגעלאָפן און מיט די פיס נאָכדערלאַנגט עטלעכע „קאָפּ" פון הינטן. בראָדאָוויטש האָט זיך שטאַרק צעלאַכט פון דער חכמה, געמאַכט צו זיי מיט די הענט און מיט חניפה גענומען שרייען דאָס איינציקע דייטשע וואָרט, וועלכעס ער האָט געקענט:

— יודע, יודע!

מיר זענען אַרויס פון געטאָ־שטח צו די פּוילישע געסלעך. נייגעריקע האָבן זיך פאַרהאַלטן און אונז נאָכגעקוקט. פאַר די טויערן פון די הייזער און אין די ראָגעס האָבן אונז אָפּגעוואַרט געזעמלעך מענטשן, א סך היימישע פּאָליאַקן, שכנים. זיי

האָבן זיך געסודעט מיט די אַנדערע און איבערגעגעבן מיין נאָמען, ווי איך הייס. בראָדאָוויטש האָט מיך הינטערגעקאַפּעט:

— לעבעדיק, לעבעדיק! געגאַנגען, שנעלער!

— אויס מיט אייך, זיך געענדיקט!

— גענוג געטרונקען אונזער בלוט! געצאַפּט עס!

טרוקענע קלעפּ האָבן זיך מיר איינגעשניטן אין קאַרק און אין די אָרעמס־מוסקולן. ס׳האָט זיך מיר פאַרמישט אין מוח, פאַר די אויגן האָבן גרויסע רעדער זיך גענומען דרייען, געלעכטערס האָבן מיר געקלונגען אין די אויערן.

— הורן־זון, מיר האָבן זיך דערוואַרט, דערלעבט דעם טאָג! ביז דעם לעצטן וועלן מיר אייך אויסראָטן! דערלעבט די נקמה, הורישע ־ זין, ייִדן! — האָט בראָדאָוויטש מיר געשליידערט אין קאָפּ אַריין.

ער האָט זיך איינגעפּרעסן מיט דער האַנט אין מיינע האָר און לויפנדיק גענומען שטופּן מיך פאָרויס. א שוויים האָט זיך געגאָסן פון מיר. כ׳האָב געסאָפּעט און געפילט, אַז עס ווערט מיר נישט גוט, אַז אָט, אָט פאַל איך אַנידער. אין מוח האָט זיך מיר געגעפלט און ס׳איז מיר געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן, פרישע קלעפּ האָבן מיך אויפגעמונטערט. כ׳האָב געפילט ווי שפּילקעס וואָלטן פון אַלע זייטן זיך מיר איינגעגעסן אין לייב.

כ׳האָב זיך מיטאַמאָל אויסגעדרייט און אָנגעהאָנגען אין אים די אויגן:

— פּאַניע, דו ביסט א פּאָליאַק!

יאָ, יאָ, א פּאָליאַק, א פּאָליאַק! — האָט ער מיט די פויסטן נאָך צערייצטער מיר גענומען זעצן אין פּנים, אונטער די אויגן, אין שטערן, אין די שלייפן, אונטערן האַרץ.

ער האָט שנעל אויסגעצויגן די ביקס און מיך געהייסן לויפן. כ׳בין געלאָפן. שאָסן האָבן הינטער מיר גענומען קנאַלן. קוילן האָבן מיר געפייפט איבערן קאָפּ און פאַר די אויערן. כ׳האָב געשלאָסן די אויגן, איינגענורעט דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען.

— קינדערלעך טייערע, שמע־ישראל! קינדערלעך!

אין דער נאָז און ביז אונטערן האַרץ האָט מיר געשלאָגן א ריח פון פולווער. מיר געביסן אין די אויגן. כ׳האָב נישט געוווסט צי כ׳לעב נאָך.

— שמע־ישראל!

אסתרלס פּנים האָט מיר פאַרבייגעשוועבט צווישן פייערדיקע רייפן און בונקען.

כ׳האָב אויפגעריסן די אויגן:

מיר זענען געווען פאַרן געשטאַפּאָ־הויז.

* * *

אין א מינוט אַרום בין איך געשטאַנען אין דער הויפּט־קאַנצעלאַריע פון געשטאַפּאָ. פאַר דעם ביוראָ־טיש איז געזעסן סקאָבלינסקי, דער שעף פון „באַשלאַגנאַמט־ביוראָ“ — א צווילער רייכס־דייטש, — א מאַן פון א יאָר פופציק. אין די לעצטע טעג האָט ער זיך פרייוויליק געמאָלדן אָנצופירן מיט דער ייִדן־אויסראָטונג

אין שטאָט, און ספּעציעל מיט דער קאָנפיסקאַטע פון יידישע ווערט־חפצים. פרייטיק, אויפן מאַרק־פּלאַץ איז ער, מיט אַן אָפענער וואַליזע אין דער האַנט ארומגעגאַנגען צווישן די יידן מיט אַ נאַהייקע, געשלאָגן איבער די קעפּ און געדראָט, אַז יעדער זאָל אין דער וואַליזע אַריינוואַרפן דאָס צירונג, וואָס ער האָט ביי זיך. די וואָס מען וועט ביי זיי שפּעטער, בעת דער רעוויזיע, געפינען עפּעס אַ ווערטפולע זאַך — וועט מען גלייך אויפן אָרט דערשיסן. עטלעכע וואַליזעס מיט גאָלד־חפצים האָט ער דעמאָלט אָנגעזאַמלט פאַר דער רייכס־רעגירונג. (אין עטלעכע טעג אַרום איז ער מיט דער גאַנצער וואַליזע אַנטלאָפן. שפּעטער, האָט אים די עס־עס געכאַפּט ביים אַריבערשמוגלען זיך מיטן אָנגערויבטן פאַרמעגן איבער אַ נייטראַלער גרענעץ. דאָס דייטשע קריגס־געריכט האָט אים פאַרמשפּט צום טויט פאַר באַגנבענען דעם „מלוכה־אוצר”).

ער איז געזעסן אין אַ ווייס זיידן העמד, מיט אַ פּאָר גאָלדענע ברילן איבער דער נאָז, און מיט די גרינע אויגעלעך רוצחיש געבליקט אין אַקטן. פאַר אים, אויפן טיש, איז געלעגן אַ גלאַנציקער שטאָלענער רעוואָלווער.

בראַדאָוויטש האָט זיך אויסגעצויגן, געקלאַפּט מיט די שטיוול און סאַלוטירט.

סקאָבלינסקי האָט ארויסגעריסן די אויגן פון די פּאַפּירן און אונז ביידע באַטראַכט.

— יודע, געטאָ — האָט בראַדאָוויטש אַרויסגערעדט אין דייטש און באַלד אויף פּויליש אים דערציילט, אַז ער האָט מיך געכאַפּט אַרומלויפן אין געטאָ. כ׳בין געלאָפן אין די ליידיקע שטובן און ראַבירט. דערביי האָט ער מיט אַ וואָרף מיך אַריינגעשטופּט אין ווינקל פון צימער און געהייסן מיך שטיין מיט די הענט אין דער הויך.

— כ׳האָב נישט ראַבירט — פּרוּוו איך זאָגן אויך אין פּויליש.

— שווייג, דו שווין, דו יידישער גאָלד־זאַק! — נעמט סקאָבלינסקי דונערן מיט זיין גראָבער שטימע. ער זעצט מיט די פויסטן אין טיש.

— שיסן ווי אַ הונט וועל איך דיך באַלד! דו פאַרברעכער!

ער כאַפּט דעם רעוואָלווער, לויפט צו צו מיר און נעמט מיט דער קאַלטער לופע מיר ווישן איבער דעם שטערן, שלייפן און פאַכען פאַר די אויגן.

— זעסט? — כאַפּט ער מיך פּלוצים אָן פאַרן אַקסל, בייסט זיך אין מיר איין מיט דער האַנט און שלעפּט מיך צו צום פענצטער.

זעסט? — זע!

הינטערן פענצטער, אויפן הויף, זענען געלעגן אויסגעצויגן עטלעכע מתים. נישט ווייט זענען אין אַ קופּע געזעסן צוזאַמענגעטוליעט אַ ביסל יידן, אַרויסגעשלעפּטע אָדער אַרויסגענאַרטע אין די לעצטע שעהן פון באַהעלטענישן. עטלעכע פּאָליציאַנטן און „שוואַרצע” האָבן זיי באַוואַכט.

— זעסט? — ווייזט ער מיר נאָכאַמאָל אויף די מתים, דראָענדיק מיר מיט אַ פינגער פאַר די אויגן — זע, באַלד וועסטו דאָרט ליגן צווישן זיי!

ער צעלאַכט זיך הויך.

איך האָב גענומען שוידערן.

— האָסט אַנגסט? — דונערט ער מיטאַמאָל ווידער אַרויס און דראָט מיר ווידער מיט דעם פינגער פאַר די אויגן.

איך שוידער.

— נישט לאַנג, נאָר איין מינוט — לאַכט ער אויפסניי אַרויס.

ער לאָזט אונז איבער, לויפט שנעל אַרויס אין דרויסן.

איך זע דורכן פענצטער: ער איז אויפן הויף. איבער די טויטע גופים טרעט ער אַריבער צום ווינקל ווו די יידן זיצן. ער האָט ווילד גענומען שרייען, די יידן באַפוילן זיך אויסצושטעלן אין אַ ריי ביי דער וואַנט מיט די הענט אינדער־הויך און אָנגעהויבן זיי באַזוכן. די מענער, די פרויען און אויך די קליינע קינדער־לעך.

— גיט אַלץ אַוועק! אַלץ וואָס איר האָט — אַהער! — האָט ער געריטשעט.

די יידן זענען געשטאַנען טויט־בלייך.

אין איין מאָמענט האָט ער אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער ביי אַ פּאָליציאַנט. ער האָט גענומען שיסן. כ'האָב אויפגעציטערט און אינסטינקטיוו אַוועקגעכאַפּט דעם קאָפּ פון פענצטער.

— האָב קיין מורא נישט! — לאַכט בראָדאָוויטש — וועסט באַלד דאָרט ליגן צווישן זיי!

פון הויף טראָגן זיך קרעכצן. אין קאָרידאָר הערן זיך שוין טריט. די טיר רייסט זיך אויף. סקאָבלינסקי לאַכט:

— האָסט געזען? — זע!

די יידן אינדרויסן טוליען זיך אין אַ ווינקל, אויף דער ערד ליגן אָנגעוואָרפן איינער איבערן אַנדערן עטלעכע פרישע קערפּערס.

— כאַ, כאַ, כאַ — דאָנערוועטער, דעם טייוולס קינדער!

דער טעלעפאָן האָט זיך מיטאַמאָל צעקלונגען. סקאָבלינסקי כאַפּט דאָס טרייבל:

— האַללאָ! יאַ, איין מאָמענט! יאַ, יאַ, כ'קום זאָפאָרט!

ער וואַרפט אַוועק דאָס טרייבל און כאַפּט די קורטקע.

— פיר אים אַרויס, דערשיס אים! — גיט ער אַ כאַפּעל אין רייטש צו בראָדאָוויטשן.

ער לויפט אַרויס און פאַרקלאַפּט הינטער זיך די טיר.

-- יאַוואָל! — שרייט אים נאָך בראָדאָוויטש.

-- וואָס האָט ער געזאָגט? -- פרעגט ער מיך, ווען מען האָט סקאָבלינסקין שוין נישט געזען.

איך ציטער ביי דער וואַנט.

— וואָס האָט ער געזאָגט? — פרעגט ער נאָכאַמאָל.

עס קלאַפּט מיר אַ צאָן אין אַ צאָן.

— כ'ווייס נישט — שאָקל איך מיטן קאָפּ.

כ'וואַרף זיך.

בראָדאָוויטש לויפט אַרויס און קערט זיך באַלד אום מיט נאָך איינעם — אַ ציווילן דייטש.

-- יודע! — ווייזט ער ווידער אויף מיר און הויבט אָן צו אים צו רעדן אויף פויליש.

דער דייטש קוקט דאָ אויף אים, דאָ אויף מיר.

— יודע? — פרעגט ער איבער.

— יודע, יודע! — שאָקלט בראָדאָוויטש מיטן קאָפּ.

— דו פאַרפלוכטער ! וואָס מאַכסטו היער ? — נעמט דער דייטש טופּען מיט די פּיס.

כ'לאָז אַראָפּ די אויגן.

— זאָג ! — נעמט ער ריטשען — זאָג ! זאָפּאָרט זאָלסטו זאָגן ! וואָס מאַכסטו היער ?

— כ'בין אַן אַרבעטער — רעד איך קוים אַרויס.

— אַן אַרבעטער ? — ווו אַרבעטסטו, דו שוויין, דו ?

— ביי דער „וועהרמאַכט". (אַרמיי).

דער דייטש קוקט מיך אָן אַ ביסל פאַרווונדערט און לאָזט אַראָפּ פון טאָן :

— וואָסזשע טוסטו ביי אונז ?

— כ'האָב פאַרבלאָנדזשעט פון דער אַרבעט.

— יודע, יודע! — שרייט בראָדאָוויטש, נישט פאַרשטייענדיק וואָס מיר רעדן.

דער דייטש זעצט זיך אַוועק און נעמט מיך אויספרעגן „וואָס איך וויל דאָ ? ער פאַרשטייט נישט וואָס איך וויל ?".

איך ווער דרייסט און נעם אים בעטן, אַז אַזוי ווי כ'האָב פאַרבלאָנדזשעט פון דער אַרבעט, וויל איך צוריק אַהין.

— ראַאוס ! — נעמט ער קוויטשען — שנעל ראַאוס ! כ'וויל קיין יידישע אַרבעטער ! כ'וויל אייך נישט קענען. זאָל אייך די וועהרמאַכט האַלטן ! ראָנערוועטער ! שנעל ראַאוס, ראַאוס !

— יאַוואָל ! — קלאַפּט מיט די שטיוול אויסגעצויגענערהייט בראָדאָוויטש — יאַוואָל !

— צו דער וועהרמאַכט, שנעל ! — שרייט, קוקנדיק צו אים, דער דייטש.

בראָדאָוויטש שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. ער פרעגט מיר וואָס דער דייטש זאָגט.

— כ'זאָל צוריקגיין צו דער אַרבעט, צו דער וועהרמאַכט — זאָג איך אים אויף פּויליש.

בראָדאָוויטש נעמט גלאָצן מיט די אויגן.

— שנעל ! — קלאַפּט דער דייטש מיט דער פויסט אין טיש — שנעל !

ס'קומט אַריינצולויפן אַ „שוואַרצער" פון אַ צווייטן צימער.

— שנעל ! — שרייט צו אים דער דייטש ביים טיש — שנעל זאָל ער אַוועק, דער שוויין, פון מיינע אויגן. זאָל ער גיין צו דער וועהרמאַכט !

— צו דער וועהרמאַכט ! — ווייזט דער „שוואַרצער" בראָדאָוויטשן אויף מיר.

בראָדאָוויטש שרייט „יאַוואָל" און הייסט מיך גיין פאָרויס.

— צום טייוול ! — שרייט ער, ווען מיר האָבן זיך שוין געפונען הינטער דער טיר — איך אַליין זאָל דיך אָפּפירן אַהין, האָט ער געהייסן, דער קאַפּיטאַן ?

— יאָ, דאַכט זיך, יאָ.

— שנעל, צום טייוול, כ'האָב נישט קיין צייט, לויף שנעל !

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט מיך בראָדאָוויטש צוגעפירט צום טויער פון קאָפּערניק־לאַגער.

⁂

נישט לאַנג איז אונז באַשערט געווען זיך צו פרייען צוזאַמען. די געשעענישן האָבן געיאָגט איינס דאָס אַנדערע.

אַריינקומענדיק אין לאַגער, האָב איך אָנגעטראָפן אויף מיין שוועגערין חיה מיט איר מאַן— מיין עלטערן שוואָגער, שלום. פרייטיקצונאַכטס, ווען די שטשעפּאַנעק האָט אונז אַרויסגעטריבן, האָבן זיי ביידע — צוליב חיהס צושטאַנד (זי האָט זיך געפונען אין ניינטן חודש) — נישט געקאָנט לויפן אַזש הינטער דער שטאָט, צו קאָנטראַקטאָוויטשן. זיי האָבן זיך דעריבער פון אונז אָפּגעשיידט און געלאָפן צו אַנדערע באַקאַנטע. דאָרט האָט מען זיי אויך נישט אַריינגעלאָזט, האָבן זיי זיך עטלעכע טעג געוואַלגערט אין אַ חזיר־כלעוו און אין אַ מיסט־קאַסטן. איצט, האָט זיי אַ גרופּע יידישע אַרבעטער, וואָס איז דאָרט פאַרביי־געפאָרן אויף אַ וואָגן, געפונען און אַהער געברענגט. צוזאַמען מיט נאָך מענטשן האָבן זיי זיך אין אַ באַראַק געראַנגלט מיט אסתרלען און צפורהלען, וועלכע האָבן זיך געריסן פון לאַגער אַרויס און געוואָלט לויפן צו מיר אין געטאָ אַריין. זיי האָבן זיי געפרוווט טרייסטן, באַרואיקן און געגעבן האָפנונגען, אַז איך וועל צוריק קומען, דערציילנדיק דערביי זייערע אייגענע נסים פון די פאָר טעג.

איך בין מיטאַמאָל אַריינגעפאַלן אין טיר.

— קינדערלעך! — האָב איך אַ געשריי געטון.

אַלע זענען אויפגעשפרונגען. אסתרל און צפורהלע זענען אויף מיר אַרויפגעפאַלן און גענומען ספּאַזמירן. שלום און חיה האָבן זיי אוועקגעריסן, מיך אַרומגעכאַפּט און גענומען קושן. זיי האָבן זיך נישט געריכט, אַז זיי וועלן אונז נאָך טרעפן, אַז מיר לעבן נאָך. פון אַנדערע באַראַקן זענען מענטשן געקומען מיט די אייגענע אויגן מיך זען, צי איך בין טאַקע צוריקגעקומען. קיינער האָט עס נישט געקאָנט באַגרייפן. דער גערודער אין באַראַק איז געוואָרן גרויס. אַ יידענע האָט געשריגן, אַז מיר זאָלן אַלע צוזאַמען גומל בענטשן. דער אַלטער ייד מיטן שטעקן אין דער האַנט האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַ שאָד די רייד, ס'איז נישט ווערט קיין דרייער — אַן עבירה יעדע שעה. זיי, די באַנדיטן, וועלן אונז כּיוווי נישט לאָזן לעבן.

כ'האָב צוזאַמענגענומען מיין חברה און אַרויס אין דרויסן אויפן פּלאַץ צו דעם ברונעם. זיך אַביסל אַרומגעוואַשן נאָך די לעצטע פאָר טעג, געגעבן אַ שלונג וואַסער און מיר האָבן זיך געזעצט אין אַ ווינקל פון הויף, געפרוווט אָפּאָטעמען און זיך גענומען יעדער דערציילן זיינע פּאַסירונגען, געמאַכט אַ סך־הכל פון די געשעענישן פון די לעצטע טעג. פון מיין משפחה בין איך געבליבן איינער אַליין. כ'בין געווען גליקלעך, וואָס כ'האָב אסתרלען לעבן זיך. מיין שוואָגער ברעכט די הענט, פאַרגינט זיך נישט צו קוקן אויף זיין פרוי. אסתרל טוליעט צו זיך אירע שוועסטער. זי ציטערט בסדר און גלעט מיר איבער די הענט און פיס. מיין שוועגערין חיה פרייכט שווער, זי קאָן זיך נישט קיין עצה געבן מיטן בויך (עס איז די ערשטע שוואַנגערשאַפט).

— אָ, אַ בעט וואָלט זי געדאַרפט האָבן און די מאַמען איבער זיך!

אין האַרץ רייסט זיך. די אינערלעכע קוואַלן זענען פאַרשטאָפּט. מיר זענען מיד און די אויגן קלעבן זיך. מיר וואָלטן אַלע געדאַרפט כאַפּן אַ דרימל באָטש אויף עטלעכע שעה.

— „וואָס איז דאָס?" — עפּעס נעמען אָפּהילכן שווערע טריט ווי אַ מאַר־

שירנדיקע מחנה וואָלט זיך צו אונז דערנענטערט. פון די באַראַקן לויפן מענטשן צום פּלויט. זיי קוקן פאַרוואונדערט דורך די לעכער צום וועג וואָס פירט אהער.

— די ארבעטער! די יידישע ארבעטער קומען אָן פון די ארבעטס־פּלאַצוווקעס!

דער זייגער איז ערשט נאָך פינף, אין דרויסן איז נאָך טאָג און שוין פון דער אַרבעט?!

מיר לויפן זיי אַלע אַנטקעגן צום טויער. פון דערווייטנס מארשירט שוין א פּרייַשע גרופּע פון א צווייטער שטעלע.

די ערשטע זענען שוין דאָ אויפן הויף. זיי זענען שטארק דערשראָקן. זיי ווייסן נישט פאַרוואָס מען האָט זיי אינמיטן געהייסן אָפּשטעלן די ארבעט און אוועקמאַרשירן אין לאַגער. זיי פרעגן ביי אונז נייעס. אויך די אַנדערע פאַרשטייען דאָס נישט. עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אויך די איבעריקע גרופּעס פון פאַרשידענע אַרבעטס־פּלעצער. קיינער ווייסט נישט וואָס עס האָט פּאַסירט. די זעלנער זאָגן, אַז אויך זיי ווייסן נישט די סיבה, נאָר ס'איז געווען אַזאַ באַפעל פון דער זשאַנדאַרמעריע, אַז מען זאָל איבעררייסן די אַרבעט און אַלע יידן תיכּף אָפּפירן צוריק אין די באַראַקן.

אין לאַגער איז פול. די מענטשן לויפן ארום ווי פאַרסמט. אחוץ די צוויי הונדערט אַרבעטער, וועלכע זענען אָפיציעל געבליבן און זענען פאַרשריבן אויף דער רשימה, געפינען זיך דאָ נאָך עטלעכע הונדערט יידן — מענער, פרויען און קינדער, אַנטלאָפענע פון די באַהעלטעניש, וועלכע האָבן זיך דאָ אַריינבאַקומען אין די פּאָר טעג. דער עולם איז צעמישט. קלאָר, עס גרייט זיך עפּעס אַן אומגליק! איינער פרעגט ביים צווייטן אַן עצה. צי זאָל מען זיך צעלויפן?!

מיר קלערן זיך ווו צו פאַרשטעקן. אין לאַגער איז אָבער קיין באַהעלטעניש נישטאָ. נישטאָ זיך ווו צו באַהאַלטן. מיר קריכן איבער די שטאָקן פון רויטן ציגלנעם בנין, איבערן בוידעם.

א מהומה אין דרויסן! געוואַלדן! דאַכט זיך, עס רוישט עפּעס?!

איך לויף צו צום פענצטער: צענדליקער אויטאָס דרייען זיך שוין פון יענער זייט פּלויט, מאָטאָרן ברומען!.. מחנות באַוואָפנטע דייטשן, זשאַנדאַרן, עס־עס־לייט, שוואַרצע, פּוילישע פּאָליציאַנטן, ציווילע געהיים־אַגענטן לאָזן זיך פון אַלע זייטן צום לאַגער! מען הערט שוין א שיסעריי. עס קנאַלט אין דער לופט. די יידן אויפן הויף לויפן ווי געסמטע און פּאַקן זיך אין די הייזער אריין, אין די באַראַקן. אין אַלע שטובן איז שוין פול. מען הערט געוואַלדן, געשרייען, קינדער וויינען, ווייבער ברעכן די הענט!

— לאָס! ראַאוס! אַלע ראַאוס!!! — הערן זיך שוין קולות פון דרויסן.

— שנעל ראַאוס!!!

מיר דריקן זיך אַלע צוזאַמען. מען שטופּט זיך אין די ווינקלען. יעדער וויל זיין אין הינטערגרונט, איינער באַהאַלט זיך הינטער דעם צווייטן.

— ראַאוס!

קוילן פליען אין די שויבן.

— ראַאוס!

די טירן רייסן זיך אויף. דער עולם נעמט זיך פּאַקן אַרויס. מען שפּרינגט איבער

קעפּ, פון די פענצטער, איינער איבערן אַנדערן, מען צעקוועטשט זיך שיר. אַלע רייסן זיך צו די טירן.

איך בין איינגעקלעמט צווישן אַ מאָסע ווייבער און קינדער. מיינע נאָענטע האָב איך פאַרלוירן פון אויג. מען שטופּט מיך צו אַ טיר. נאַהייקעס פאַלן איבער אונזערע קעפּ. די געשרייען פאַרטויבן. איך געפין זיך אין אַ דורכגאַנג צווישן דייטשן. קלעפּ שיטן זיך. כ'בין אַרויסגעפאַלן הינטער דער טיר. עטלעכע דייטשן שיסן אויף אונז. עס שווינדלט פאַר די אויגן, איך טרעט איבער מענטשן, דאַכט זיך, מתים.

— לאָס, לאָס, פאַרפלוכטע! הילכט איבער אונז.

מיר לויפן צום לאַגער־פּלאַץ. די פּוילישע פּאָליציי רינגלט אונז אַרום און הייסט אונז זיך אויסזעצן אין רייען. פון אַלע זייטן לויפט מען צו אונז. איך זיץ אין דער ריי און זוך מיט די אויגן. מיין שוואָגער שלום זיצט נישט ווייט, ער זוכט זיין פרוי. צפורהלע שטופּט זיך אַדורך צו מיר, זי ווייסט נישט, וווּ חיה און אסתּרל זענען דאָ. דאָרט פון די טירן פּאַקט מען זיך אַלץ. איך דערקען סקאָבלינסקין. ער שטייט אין זיין העמד אַנטקעגן די אַרויסלויפנדיקע, מיט איין האַנט שלאָגט ער רציחהדיק מיט אַ נאַהייקע איבער די קעפּ, אין דער צווייטער האַלט ער אַ רעוואָלווער און שיסט. עס פאַלן מענטשן. אַנדערע לויפן און שפּרינגען איבער זיי און רייסן זיך צו אונז.

איך דערזע מיטאַמאָל אסתּרלן אַרויספאַלן פון דער ברייטער טיר. לעבן איר פאַלט ווער, זי בויגט זיך אין דרייען, שפּרינגט איבער די ליגנדיקע און ווערט פון אַ דייטש אָנזעקנעשליידערט אין אונזער זייט.

— אסתּרל!

זי לויפט, קאָלערט זיך פון ווייטיק און פאַלט אַוועק אין דער ריי לעבן מיר.

— וואָס איז?

זי האָט געקריגן פון אַ דייטש מיטן רעוואָלווער אונטערן האַרץ. עס קלעמט איר, זי לייגט אָן אויף מיר דעם קאָפּ און וויקלט זיך אין יסורים.

— לאָז, כ'וועל דיר אפשר עפּעס טון?

— ס'איז מיר גאָרנישט — זאָגט זי — דאָרט האָט מען חיהן דערשאָסן, אָ, דאָרט ליגט זי, דאַכט זיך, אַז זי לעבט נאָך!

זי קלעמט זיך אין מיר איין.

שלום שרייט אַריבער צו אונז, ער פרעגט, וווּ חיה געפינט זיך?

אסתּרל קורטשעט זיך פון ווייטיק אונטערן האַרץ. אַרום די באַראַקן איז שוין רואיק, קיינער לויפט שוין נישט פון די טירן. די עס־עס לויפט אין די שטובן, אירבער די בוידעמער און זוכט. זיי וואַרפן פון די פענצטער עטלעכע געפונענע קינדער. פאַר דעם הויז ליגן ניין דערשאָסענע מענטשן. אַ צען־יעריק דערשאָסן יינגעלע, לעבן אים — זיין פערצן־יעריק שוועסטערל. דאָס מיידעלע וואַרפט זיך און בייסט זיך מיט די הענט איין אין גראָז. זעקס זיבעצן־יעריקע מיידלעך אויסגעצויגן טויט, איינע לעבן דער אַנדערער. חיה ליגט צווישן זיי. זי לעבט נאָך, זי קאַפּעט מיט די אַנטבלויזטע פיס אין דער ערד, דער בויך צאַפּלט כסדר אויף.

אויפן פּלאַץ איבער אונזערע געדיכטע רייען — שיסט מען. סקאָבלינסקי לויפט מיט דער נאַהייקע און שלאָגט מערדערלעך איבער די קעפּ. מיר טוליען זיך איינער

צום צווייטן און — אַלע צו דער ערד. איבערן פֿאַרקאַן הענגען עטלעכע קערפּערס, דערשאָסענע ביים וועלן אַריבערקריכן און אַנטלויפֿן. די דייטשן שרייען, אַז מיר זאָלן זיך אויפֿשטעלן, די מענער זאָלן בלייבן און די פֿרויען זאָלן גיין באַזונדער. מען נעמט זיך פּאַקן. צפּורהלע פּירט אסתרלען אַוועק אין דער פֿרויען־זייט. שלום קלאַמערט זיך צו מיר:

— ווו איז חיה?

אַרום — אַן אומגעהויערער טומל.

— רוּע! שטיל זאָל זיין, איר „אַרשן־לעבער”!

דער זשאַנדאַרמעריע וואַכ־מייסטער גוטבעליי נעמט פֿאָרלייענען אַ ליסטע מיט די נעמען פֿון די צוויהונדערט אַרבעטער, וועלכע דאַרפֿן בלייבן. זיי מוזן אַרויסגיין פֿון דער ריי. זיי ווערן פֿון אונז אָפּגעטיילט דורך אַ קאָרדאָן פֿון עס־עס־לייט און אַוועקגעפֿירט דורך די סאָלדאַטן צוריק צו דער אַרבעט.

מיר זענען געבליבן זיצן און געוואַרט. אַ רעגן האָט פּאַמעלעך אָנגעהויבן טריפֿן. די עס־עס און זשאַנדאַרמעריע־פֿירער זענען איינגעשטיגן אין אויטאָס, איבערגעלאָזט באַפֿעלן און אַוועקגעפֿאָרן. אַרום אונז איז אַ געדיכטע קייט פֿון זשאַנדאַרן, עס־עס אין גרינע העלמען און פּוילישע פּאָליציאַנטן. אויפֿן פּלאַץ — אַ טויטע שטילקייט. מיר זיצן איינגעטוליעט איינער אין אַנדערן. פֿון אַלע זייטן שטרעקן זיך צו אונז לויפֿעס. פֿון הימל קאַפּיעט, דער רעגן טריפֿט איבער אונזערע קעפּ. אַן עס־עס־מאַן דרייט זיך מיט אַ נאָטיץ־ביכל און בליישטיפֿט אין דער האַנט און ציילט איבער וויפֿל מיר זענען.

— „עטלעכע הונדערט!”

איין פּוילישער פּאָליציאַנט גיט אונז איבער בסוד, אַז אויפֿן יידישן בית־עלמין גראָבט מען פֿאַר אונז גריבער, אַן אַנדערער פֿאַרזיכערט, אַז מען וועט אונז אַוועקפֿירן קיין קאַלושין אין דאָרטיקן געטאָ.

מיטאָמאָל, איז אַן אויטאָ אָנגעקומען. עס זענען אַרויס די עס־עס־אָפֿיצירן בראש פֿון געשטאַפּאָ־שעף שמידט. דער עס־עס־מאַן מיטן נאָטיץ־ביכל אין האַנט איז אים אַנטקעגנגעלאָפֿן, סאַלוטירט און ראַפּאָרטירט, וויפֿל מיר זענען. שמידט — אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער מאַן מיט אַ ווייסער הענטשקע אין האַנט — האָט גענומען אַרומלויפֿן און קאָנטראָלירן די צאָל.

— אויפֿשטיין! — איז געפֿאַלן אַ באַפֿעל — זיך אויסשטעלן אין רייען, צוזאַמען די מענער מיט די פֿרויען!

דער רעגן האָט זיך מיטאָמאָל פֿאַרשטאַרקט, פֿון הימל האָט האַסטיק גענומען גיסן. אין דרויסן איז שוין געווען טונקל, ווען מיר האָבן צו פֿיר אין אַ רייע אַרויסמאַרשירט פֿון לאַגער־טויער.

⁂

9־טער מאַי:

צוויי טעג האָב איך געשריבן. כ'בין געלעגן אויסגעצויגן אין שטאַל אויף דער ערד, פֿאַר אַ שפּאַרע אונטערן פֿונדאַמענט, און געשריבן. אויבן אויף דער וואַנט

האָט מיך אסתרל פאַרטרעטן און געהאַלטן וואַך. זי איז שוין מיד. היינט, פינף פאַרטאָג, האָב איך ווידער געמוזט פאַרנעמען מיין פּאָסטן. איך קוק אַרויס און פאַר די אויגן שוועבן מיר נאָך אַלץ די בילדער פון יענע טעג.

רבונו של עולם, שוין באַלד צוויי יאָר זענען פאַרביי און מיר געפינען זיך נאָך אין קאָשמאַר פון יענע טעג. עס דויערט אַזוי כסדר. עס זענען נאָך נישט געווען קיין פינף רואיקע מינוטן, צו קאָנען אָפּאָטעמען און מאַכן אַ שטיקל חשבון הנפש, צו פאַרטראַכטן זיך אַרום דעם וואָס עס פּאַסירט און צי וועט מען נאָך פון דעם אַלעם אַרויסקומען? צי וועט מען זיך נאָך אַמאָל באַפרייען פון דעם געשפּענסט? צי וועט מען נאָך ווען אין רו דערפון קאָנען טראַכטן?

די צייט לויפט. ס’ווערט שוין באַלד, אין אויגוסט, צוויי יאָר. ווען זאָל עס איינפאַלן, אַז דאָס וועט אַזוי לאַנג דויערן און אַז מען וועט עס קאָנען אַזוי לאַנג איבערהאַלטן!

אַך, רבונו של עולם, ס’איז דאָך שוין באו מים עד נפש. ס’איז דאָך שוין מער קיין כוח נישטאָ פרישע נסיונות אויסצושטיין, איבערצוטראָגן. מיר זענען אַזוי דערשעפּט און אויסגעמאַטערט! עס ציט צו דער ערד, אויסצוציען זיך, פאַרמאַכן די אויגן און ליגן. מיר זענען אַזוי אויסגעטרוקנט. אַ סך מאָל פילן מיר זיך ווי שוין דערשאָסענע, וועלכע לויפן נאָך אין לעצטן אימפּעט, אָן אייגענעם לעבן. אַט־אָט פאַלן מיר. דער אימפּעט טראָגט אונז שוין מער נישט. פאַר דעם שרעק איך זיך אַמ מערסטן. ביז איצט, האָבן מיר זיך נאָך אַליין געהאַלטן, אין זיך געקעמפט. איצט פאַלן מיר, אונזערע גופים ווערן גלייכגילטיק און פאַרגליווערן אויך אונזערע חושים.

כ’האָב היינט אינדערפרי געזען אַפּרימען אַרויסקריכן פון לאָך. ס’איז געווען פאַרטאָג, ווען כ’בין אַליין געווען אין שטאַל און אַרויסגעקוקט דורך דער שפּאַרע. דאָס שטרוי פון לאָך האָט זיך אונטערגעהויבן און אַפּרים, ווי אַ קרעט, וואָס גראָבט זיך פון אונטער דער ערד אַפּער — האָט גענומען אַרויסקריכן. כ’האָב זיך אין אים איינגעקוקט און נישט דער־קענט! אויף אַלע פיר איז ער שווער געקראָכן איבערן שטאַל, געסאַפּעט און זיך קוים באַוועגט. ווילד באַוואַקסן מיט אַזעלכע טויטע האָר, אָן אַ טראָפּן לעבן, די אויגן אויסגעלאָשן. ער האָט צו מיר אַרויפגעקוקט מיט אַזאַ שטומען געבעט, אַז עס האָט מיך אַזש פאַרשניטן ביים האַרץ. ער איז אינגאַנצן נישט געווען ענלעך צו קיין מענטש, נאָר ווי עפּעס אַ גרויסע איינגענורעטע חיה אַרויסגעקראָכן פון אַ זומפּ. בלויז די אויגן האָבן אַזוי גוטמוטיק, אומהיימלעך געשמייכלט. ווי אַ גרויס אומבאַהאָלפן קינד צו אַ שטרענגן פאָטער האָט ער צו מיר אַרויפגעקוקט. זינט דעם לעצטן אַטאַק איז ער נאָך נישט געקומען צו זיך, ער איז ווי פאַרתמט. שוין דריי טעג און ער האָט זיך נאָכנישט אינגאַנצן אומגעקערט צום קלאָרן באַוווסטזיין. כ’האָב אויף אים געקוקט און טרערן האָבן אין מיר זיך גענומען רייסן פון קוואַל אַרויס, ווי דורכגעשלאָגן די אינערלעכע פאַרגליווערונג — צו די אויסגעטריקנטע אויגן. זיי, פון אונטן, האָבן אים אַרויסגעשיקט כאַפּן אַביסל לופט — האָט ער זיך פאַרוקט אין אַ ווינקל, באַהאָפטן צו דער ערד און מיט אַ קינדערישן פּחד געקוקט צו מיר, „צי וועל איך אים דאָ לאָזן זיצן?” — ביי יעדן שאָרך פון דרויסן, האָט ער זיך איבערגעשראָקן גענומען קריכן צום לאָך.

— אוי, רבונו של עולם, האָב רחמנות! דאָס האַרץ פּלאַצט מיר. כ’קאָן שוין

נישט צוזען זייער צער און מאַטערן זיך. מיר זענען דאָך אויך לעבעדיקע באַשעפענישן. מיר קאָנען שוין מער נישט!

איך שרייב און טרערן גיסן זיך פון מיר.

— מן המיצר, פון ענגשאַפט רופן מיר דיך, האָב רחמנות! רבונו של עולם, מיר קאָנען דאָך שוין מער נישט! קוק זיך צו צו אונזער מאַטער!

שוין ניין טעג זענען מיר דאָ איינגעשלאָסן אין קבר, אין שמאָל, און מיר האָבן זיך אַזוי פאַרענדערט, נישט צו דערקענען. מיר גייען דאָ אויס אין דער שטיל.

שוין אַ שטיק אין מאַי און אַ להכעיסדיקע שטילקייט איז אויף די פראָנטן. אַ גאַנצן ווינטער האָבן מיר געהאָפט אויף דער פרילינג־אָפענסיווע. מען האָט פאַרויסגעזאָגט אויף אָנהויב אַפּריל גרויסע געשעענישן אויפן מזרח־פראָנט און אַז דער נייער פראָנט וועט זיך אויך אויף מערב עפענען. יעדן טאָג פיבערן מיר איבער, מיר דערוואַרטן ענדלעך די ידיעה. אַזוי לויפן טעג נאָך טעג, וואָכן נאָך וואָכן און די שטילקייט פרעסט אַזוי פון אונז שטיקער נאָך שטיקער.

רבונו של עולם, צי איז דען נישט מעגלעך, אַז אין איין טאָג זאָלן מיר דערהערן די האַרמאַטן קלאַפּן און כהרף עין זאָלן זיי זיין ביי אונז? — ס'איז דאָך סך־הכל צוויי הונדערט קילאָמעטער, אָ, צי איז דאָס טאַקע אוממעגלעך?!

ביי יענער אָפענסיווע האָבן דאָך די רוסן זיי פאַרשטויסן אויף העכער דרייהונדערט קילאָמעטער. פאַרוואָס איז איצט אַזוי שטיל? ווי לאַנג וועט עס אַזוי דויערן?!

און אפשר וועט דער פראָנט נאָר דערגיין ביז אונז, דאָ וועט ער שטיין בלייבן. ווער ווייסט וואָס עס שטייט אונז נאָך פאַר אין יענע טעג? מיר זאָלן נאָר נישט בלייבן פאַרשעמט! אַזוי לאַנג זיך געמאַטערט און אין דער לעצטער מינוט, אין דער לעצטער רגע, חלילה! איך וואָרף זיך אינגאַנצן ביי דעם געדאַנק!

שטיי איך אַזוי ביי דער שפּאַרע, און ביי יעדן פויער וואָס גייט פאַרביי — צאַפּל איך אויף: צי ברענגט ער נישט די לעצטע נייעסן? צי האָט עס זיך היינט פאַרטאָג נישט אָנגעהויבן? ניין, מען הערט גאָרנישט! ווי לאַנג איז דער שיעור? כ'האָב מורא כ'זאָל נישט פאַרזינדיקן, אָבער —

—רבונו של עולם, אויב דו ווילסט ראַטעווען — ראַטעווע שנעלער! יעדע מינוט, יעדע רגע קאָן נאָך זיין צו שפּעט, אָ, ראַטעווע שנעלער!

9־טער מאַי, 6 פאַרנאַכט:

כמעט צוועלף שעה נאָכאַנאַנד בין איך היינט געהאָנגען אויף דער וואַנט, אַרויסגעקוקט און זיך געוואָרגן מיט פאַרשידענע מחשבות. שרעקלעכע בילדער פון דער גאַנצער צייט יאָגן איינס דאָס אַנדערע און שוועבן אָן איבערייס פאַרן דמיון. כ'שליס בסדר די אויגן און קאָן נישט פאַרשטיין ווי איז מעגלעך, אַז דאָס אַלץ זאָל האָבן פּאַסירט, אַז כ'זאָל נישט חלומען.

איך געדענק יענעם אָוונט, ווען מען האָט אונז עטלעכע הונדערט ייִדן — מענער, פרויען און קינדער — אַרויסגעפירט פון קאָפּערניק־לאַגער. דער זייגער איז

שוין געווען נאָך אַכט. מיר האָבן מאַרשירט אין רייען, אין דער פינצטער, איינער האָט געטרעטן אויף דעם צווייטנס פיס. פון הימל האָט שטורעמדיק געבלאַפעט. אַ בייזער שלאַקס־רעגן, ווי די וועלט וואָלט זיך געוואָלט איבערדרייען, האָט געגאָסן מיט צעבערס.

מיר זענען געווען אויסגעווייקט. איך בין געגאַנגען אין דערמיט פון מיין רייע. פון איין זייט — אסתרל, און פון דער צווייטער — צפורהלע און שלום. איבער אונזערע קעפּ האָט געקראַכט — צי דונערן, צי אַ שיסעריי, דאַכט זיך, אַז ביידע צוזאמען, און — איבער אַלעם — די דייטשע געשרייען, וועלכע האָבן פאַרהילכט די לופט. מיר האָבן געטאָפּטשעט אין בלאָטעס און כמעט גאָרנישט געהערט. שלום האָט זיך געבעטן, אַז מיר זאָלן אים זאָגן, ווו חיה געפינט זיך. זיי ביידע האָבן זיך געטוליעט צו מיר. אַרום, אין ביידע זייטן, זענען די ס. ס.־יונגען און פּאָליציאַנטן געלאָפן, געפאָרן אויף ראָווערן, מאָטאָציקלען און אויטאָס. שטיקלעך פייער האָבן זיך קראַכנדיק געשניטן אין דער פינצטער און אויפגעריסן אין דער לופט.

מיר האָבן נישט געוווסט, וווהין מען פירט אונז. עס האָט זיך געדאַכט, אַז טאַקע צום בית־עלמין. דער וועג דורך די געסלעך האָט אַהין געפירט. מיר האָבן זיך עס געשעפּטשעט איינער דעם אַנדערן אין די אויערן אַריין. דאָס געשעפּטשעריי און געפּליסטער, איז ציטערנדיק אַריבער איבער דער גאַנצער מחנה און פּלוצים ווען שמידט האָט מיט דער נאַהייקע אין דער האַנט געגעבן אַ שמייז —

— זינגען! —

האָט זיך פון אַלע מיטאַמאָל אָנגעהויבן אַרויסרייסן איין געזאַנג, איין טאָן, אַ געזאַנג, וואָס האָט זיך שטורעמדיק גענומען הייבן צו די הימלען:

— כל עוד בליבב פנימה — נפש יהודי הומיה!

דאָס געזאַנג האָט מיטאַמאָל געעקבערט דעם אַרום, ס'איז אויפגעגאַנגען ווי אַ לעצטע האָפנונג.

— עוד לא אבדה תקותינו — התקוה הנושנה — האָט אויפגעברויזט.

די ס. ס. האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. זיי האָבן זיך ווי גענומען אַרויסרייסן פון דער ווילדקייט און געהייסן אונז פאַרלאַנגזאַמערן די טריט, גיין פּאַמעלעכער. מיר זענען שוין אָבער געווען אַרויס פון דעם אַלעם. מיר האָבן שוין כמעט גאָרנישט געפילט די געפאַר און גאָרנישט געהערט. בלויז אונזערע טריט האָבן שטאַרקער געהילכט ווי צום טאַקט פון געזאַנג, וועלכעס האָט אַוועקגעשוועבט צום ווייטנס און אונז מיטגעשלעפּט:

— לארץ, לארץ אבותינו!

די טריט זענען געוואָרן פעסטער, זיכערער, מיר האָבן געשלאָסן די אויגן. עפּעס האָט זיך געצינדן און געהעלט אַנטקעגן אונז:

— עוד לא אבדה תקותינו!

מיר זענען שוין געווען אין ראָג פון בית־עלמין געסל.

— סטאָפּ, שטיין בלייבן! — האָבן קולות געריטשעט אַרום אונז.

— התקוה הנושנה! — איז דאָס געזאַנג העכער געפלאָסן.

מיר האָבן געהערט שמידטס באַפעל:

— ס'איז צו שפּעט און צו פינצטער און דער רעגן מיטן שטורעם לאָזן נישט! מען קאָן איצט גאָרנישט טון. מען מוז עס אָפּלייגן אויף פאַרטאָג. דערווייל

זאָל מען אונז אַריינפירן, אויף איבער נאַכט, אין ליידיקן הויז פון יורטשאַקן, מען זאָל אונז באַוואַכן און — פאַרטאָג, פאַרטאָג — — —

— אויסדרייען זיך, מאַרשירן צוריק צו יורטשאַקס הויז און ווייטער זינגען! — איז געפאַלן אַ באַפעל.

טרערן האָבן גענומען פינקלען אין דער פינצטער. שטימען האָבן זיך געשטאַרקט —

— לשוב, לשוב לארץ אבותינו!

— לעיר בה דוד — דוד חנה!

ניין, ווי קאָן איך פאַרגעסן אין דעם בילד. מיר האָבן דעמאָלט שוין גאָרנישט געפילט קיין געפאַר. מיר האָבן פאַרגעסן דעם אַרום, ס'איז אונז שוין כמעט גאָרנישט אָנגעגאַנגען. מיר זענען געווען דערהויבן איבער אונזערע מערדער. אונזער מאַרש האָט עפּעס באַקומען אין זיך פון אַ זיג. מיר האָבן מנצח געווען אונזערע מערדער מיט זייער שפלותדיקער רשעות:

— עוד לא אבדה תקותינו — לשוב לארץ, לארץ אבותינו — — — —

* * *

אין צען מינוט אַרום זענען מיר געווען ביי יורטשאַקן אין הויז. דאָס איז געווען אַ נאָכנישט פאַרענדיקטע פיר־שטאָקיקע מויער. מען האָט אונז דאָרט אַריינגעלאָזט, ווי אין אַ שטייג, און אין דרויסן אַרום הויז זענען געבליבן די וואַכן. ווי אַרום אַ באַלאַגערטער פעסטונג, וואָס פאַרטיידיקט זיך, האָבן זיי פון אַלע זייטן אַרומגעשטעלט נעסטן פון מאַשין־געווער. מיר, אינעווייניק, האָבן זיך אין דער פינצטער צעשפּרייט איבערן גאַנצן הויז, געלאָפן ווילד איבער די שטאָקן און געזוכט אַ לאָך, אַ שפּאַרע.

— יידן, לאָמיר זיך ראַטעווען, לאָמיר זיך ראַטעווען! — האָט מען געהערט פון אַלע זייטן.

דער עולם האָט זיך צוזאַמענגעמישט, געלאָפן איינער אויפן צווייטן, מענטשן האָבן געזוכט זייערע פאַרלוירענע נאָענטע — די איינציקע, וואָס זיי האָבן נאָך פאַרמאָגט. הונדערטער פאַרצווייפלטע קולות האָבן זיך אויסגעמישט און אָנגעפילט די לופט.

— לאָמיר זיך ראַטעווען, יידן, לאָמיר זיך ראַטעווען!

אין הויז האָט גענומען זידן, מען האָט געשריגן, געוויינט און ספּאַזמירט, קינדערישע קולותלעך האָבן זיך געשניטן אין דער פינצטערניש. מען איז געלאָפן פון שטאָק צו שטאָק, מען האָט געזוכט היימישע. אַ טייל האָט זיך געזאַמלט אַרום די איינציקע אָפּטימיסטן, וועלכע האָבן באַרואיקט און געגעבן האָפנונגען, אַז עס איז נישט אַזוי שלעכט, ס'וועט נאָך גוט זיין, מען וועט אונז זיכער נישט הרגענען!

זיי האָבן אויסגעפּלפּולט פאַרשידענע סברות און דער עולם האָט זיך אין זיי געקלאַמערט.

אַנדערע האָבן זיך געבראָכן די הענט און געוווּסט צו דערציילן, אַז די גרייבער פאַר אונז אויפן בית־עלמין זענען שוין פאַרטיק.

דער עולם איז ווי פאַרסמט געלאָפן פון איין קרענצל צום צווייטן און אומעטום געזוכט אַ וואָרט.

אויף איין אָרט האָט מען געשמועסט, אַז עס איז זיכער — אַ פּאָלאַק זאָל עס האָבן אַריינבאַפּוילן — אויף דער באַן־סטאַציע שטייען שוין פּאַר אונדז גרייט לאַסט־וואַגאָנעס און פאַרטאָג פירט מען אונדז גאָר אָפּ קיין טרעבלינקע. ווייבער האָבן געוויינט, יונגעלייט האָבן זיך געווונטשן, אַז עס זאָל זיין אמת, פון דער באַן וועט מען אפשר אין וועג קאָנען שפּרינגען און אַנטלויפן. הונדערטער מענטשן זענען אַרומגעלאָפן ווי פאַרברענט פון דאָרשט, מיט פאַרטריקנטע ליפּן און געחלשט נאָך אַ טרינק וואַסער.

— אַביסל וואַסער און זאָל שוין אַלץ געשען!

עמעצער האָט אויסגעפונען אַ שמוציק לאָך מיט פליסיקייט. דער עולם האָט זיך געשטופּט. יעדער איז צוגעפאַלן און אינדערפינצטער מיטן מויל געשלונגען, מיט דער צונג געלעקט פון דער ערד אַרויס. שפּעטער האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דאָס זענען געווען אומריינקייטן, ס'איז שוין אָבער מער נישט געווען און — ווי אַן אינערלעכער פייער וואָלט אַלע געברענט, איז אויפגעגאַנגען אַ געקלאָג:

— וואַסער! וואַסער!

קינדערלעך, פרויען און מענער. מען האָט אַלץ פאַרגעסן און געזויגן די פאַרברענטע ליפּן, געלעקט די שויבן און די ווענט. די פּוילישע פּאָליציי האָט געעפנט אַ פענצטער, אַוועקגעשטעלט פון דרויסן אַ פּאָר קובלעס וואַסער און גענומען אַריינדערלאַנגען פלעשלעך. אַ גאָלד־שטיקל, אָדער אַ הונדערטער באַנקנאָט פאַר אַ טרונק. די וואָס האָבן געהאַט, האָבן זיך געשטופּט פאָרויס, געצאָלט און ווי פאַרסמטע מייז געטרונקען. ווידער געוואָרן דאָרשטיק און אויפסניי געלאָפן. די ס. ס. האָט געשאָסן אין די שויבן. די פּוילישע פּאָליציאַנטן זענען אַוועק, און ווידער האָט מען זיך דערמאָנט ווו מען געפינט זיך, די יללה האָט זיך פאַרשטאַרקט. עטלעכע מענטשן האָבן דורך די פענצטער געפּרוּווט אַנטלויפן און זענען אינדרויסן, פאַרן הויז, דערשאָסן געוואָרן. אַנדערע האָבן זיי מקנא געווען — שוין איבערגעקומען — זענען זיי הינטערגעשפּרונגען און געבליבן ליגן לעבן זיי. אַ שיסעריי האָט גענומען קנאַלן. מיר זענען אַנטלאָפן פון די פענצטער. כ'האָב נאָר באַוויזן צו זען, ווי עטלעכע ס. ס.־לייט טאַנצן אינדרויסן איבער די גופים פון די מתים, אונטער וועלכע בלוט האָט געשטראָמט און זינגען זיך צו אויסגעלאַסענע לידלעך.

שפּעטער, האָט מען זיך צעשאַרט אויף די פּאָדלאָגעס. אַ טייל איז איינגעשלאָפן און געשנאָרכט, אַנדערע האָבן נאָך געזוכט אַן עצה ווי זיך צו ראַטעווען.

איך בין געלעגן אין דער פינצטער אין אַ ווינקל און געדריקט צו זיך אסתרלען מיט צפּורהלען. אסתרל האָט אין זיך אַריינגעכליפּעט, צפּורהלע האָט געציטערט און זיך געטוליעט צו אונדז ביידע. איך האָב זיי אַרומגענומען. אין די אויערן האָט גערוישט ווי כישוף־קלאַנגען, אין דרויסן, אַרום הויז, האָט עפּעס געבלאָזט מיט אומהיימלעכע ווידערקולות. זיי האָבן זיך געדריקט צו מיר. שפּעטער האָבן זיי געוואָלט, אַז מיר זאָלן אויפזיין אַ גאַנצע נאַכט און זיך געזעגענען, כ'זאָל זיי עפּעס דערציילן.

פון דערווייטנס, פון דער פינצטערניש אַרויס, האָט מען זיך גענומען שלייכן צו מיר. עס זענען געווען די צוויי טעכטערלעך פון מיינס אַ שכן: צען־יעריקע מיידעלעך, אַ צווילינג, די קינדער פון פּליט פּיעניעק. קיינמאָל פלעג איך נישט קאָנען אונטערשיידן איינע פון דער צווייטער. זיי זענען געווען אַליין, שוין קיינעם נישט געהאַט. זיי האָבן זיך צוגעשאַרט צו מיר פון ביידע זייטן, צווישן אסתרלען

און צפּורהלעך, און מיר אָנגעלענט די קעפּלעך אויפן האַרץ. פיר לאַנגע, שוואַרצע צעפּעלעך פון עטלעכע טעג שוין נישט צוגעקעמטע, מיט רויטע באַנדן, זענען מיר געפאַלן אויף די אָרעמס. כ׳ האָב זיי אַרומגענומען. שוואַרצע אויגעלעך האָבן געבלישטשעט.

— מיר האָבן מורא ! — האָבן זיי געזאָגט און זיך געטוליעט צו מיר. זיי האָבן מיך געפרעגט צי עס איז שרעקלעך דאָס שטאַרבן.

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך אַלע פיר געדריקט צום האַרץ און געטרייסט. די צוויי קינדערלעך האָבן מיר, דאַכט זיך, געגלויבט. נאָענט צו טאָג זענען זיי איינגעשלאָפן. אין דרויסן האָט גענומען בלויען, דער עולם האָט זיך אויפגעריסן. די געפאַר האָט זיך דערנענטערט. אין הויז האָט ווידער גענומען זידן.

מיינע פריינט האָבן זיך געשראָקן פאַר מיר. כ׳האָב צו לאַנגע האָר — אַ צעשויבערטע טשופּרינע, כ׳וועל זיי נאָך אויסזען צו זיין פאַרדעכטיקט, די דייטשן — „רעוואָלוציאָנעריש”. זיי קאָנען מיך נאָך גלייך דערשיסן. ס׳האָט ווער געהאַט אַ שערעלע, אסתרל האָט עס געבאָרגט, זיך אַוועקגעזעצט. איך האָב אָנגעלענט דעם קאָפּ אין איר שויס און זי האָט מיר גענומען שניידן די האָר.

דאָס האָט טאַקע געפּועלט, ווייל אַכט אַזייגער אינדערפרי, ווען די ס. ס. איז אָנגעקומען און אונז אַרויסגענומען אויפן פּלאַץ, האָב איך זיי נאָך סיווי אויסגעזען צו זיין פאַרדעכטיקט. זיי האָבן מיך אויסגעפונען צווישן עולם און אויסגעפרעגט, וואָס מיין באַרוף איז.

— אַ שוואַרץ־אַרבעטער — האָב איך געזאָגט.

זיי האָבן מיך נאָך מיט חשד באַטראַכט און לסוף זיך געהייסן אַוועקזעצן צוזאַמען מיט אַלע אויפן פּלאַץ פאַרן הויז. מיר האָבן געוואַרט. די פירערשאַפט האָט זיך געאַמפּערט, וואָס מיט אונז צו מאַכן. ערשט אַרום צען אַ זייגער איז אָנגעקומען אַ גרופּע דייטשע סוחרים, אייגנטימער פון פאַבריקן און אונטערנעמונגען. זיי האָבן אונז פאַרלאַנגט פאַר זיך צו דער אַרבעט. מען האָט אויסגעקליבן די זקנים, קינדער און שוואַכע, זיי אָפּגעטיילט פון אונז און אַוועקגעפירט און אונז— די יונגע מענער און פרויען, האָט מען פאַרטיילט צו די שקלאַפן־סוחרים, אין לאַגערן אַריין.

10־טער מאַי :

ביי אונז איז היינט אַ שטיקל יום־טוב.

נעכטן ביינאַכט האָב איך זיך באַקענט מיט קוניאַקן. כ׳האָב זיך מיט אים געטראָפן ביי יאַנעקן אין סטאָדאָלע. די וואָך האָפן מיר אים נאָך געמען צו אונז. מיר זענען אַזוי גליקלעך, אַז מיר פאַרגעסן אין אַלץ אַרום. שוין לאַנג זענען מיר נישט געווען אין אַזאַ גוטער שטימונג. אַ גאַנצן טאָג זענען מיר פריילעך און עס גלוסט זיך צו זינגען. מיר וואָלטן אים שוין געוואָלט האָבן ביי זיך. מיט גאָטס הילף, וועלן די עטלעכע טעג ביי אים און ביי אונז דורכגיין בשלום און באַלד וועלן מיר זיין צוזאַמען.

אַלזאָ : נעכטן פאַרנאַכט, ווען אין דרויסן איז שוין געווען גוט טונקל, האָב איך אַרויסקוקנדיק דורך דער שפאַרע, פון דערווייטנס אין דער אָלשינע, דערזען אַ פאַרדעכטיקטן שאָטן. באַלד האָט זיך אויסגעטיילט אַ געשטאַלט, וועלכע האָט זיך געהיימניספול באַוועגט צווישן די ביימער. נאָך עטלעכע מינוט, ווען יענער האָט זיך אַרויסגעשלייכט פון וועלדל, האָב איך דערקענט, אַז דאָס איז קוניאַק. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און לאַנגזאַם, פאַרזיכטיק, זיך אַריינגעשאַרט אין יאַנעקס סטאָדאָלע, אַנטקעגן אונזער שטאַל. איך בין שנעל אַראָפגעשפרונגען און דערציילט מיין חברה די בשורה. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַהער געקומען איבערנעכטיקן. מיר האָבן שוין נישט געקאָנט איינרוען, איצט איז דאָך די בעסטע געלעגנהייט אָנצובינדן מיט אים אַ קאָנטאַקט. ווי אַזוי מאַכט מען דאָס אָבער ?

מיר האָבן גענומען פיבערן פון עפעס אַ פריידיקער שרעק. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָפצוואַרטן און נאָך האַלבער נאַכט זאָל איך אַרויס פון שטאַל און אַריין צו אים. מיר האָבן אָבער אַליין נישט געוווסט וואָס צו טון, צי גלייך אויסזאָגן, אַז מיר געפינען זיך דאָ און אים פאַרשלאָגן שוין זיך צו פאַרייניקן מיט אונז, אָדער — גלייכער נאָך אָפוואַרטן און פאַרלויפיק בלויז זיך באַקענען מיט אים, נישט אַנטפלעקן דערווייל אונזער באַהעלטעניש. ערשט שפעטער, אויב מיר וועלן זיך איבערצייגן, אַז עס וועט זיך לאָזן דורכפירן — אים אַלץ אויסזאָגן, און אפשר וועט ער נאָרנישט וועלן גיין צו אונז ? איך האָב באַשלאָסן וועגן דעם אַליין צו דעצידירן בעת אונזער געשפרעך. יעדנפאַלס, מוז איך זיין פאָרזיכטיק, נישט צו פאַראַטן גלייך ביים אָנהויב דעם ציל פון מיין באַגעגעניש מיט אים. צוערשט וועל איך זיך מוזן דערוויסן וועגן זיינע פאַרבינדונגען, באַקאַנטשאַפטן און אויב אַלץ וועט זיין כשורה, וועט מען זיך איצט פאַרייניקן ! קיינער וועט דערפון נישט וויסן, אויך די טשאָטקע נישט. אין דעם איצטיקן באַהעלטעניש, אין גרוב, קומען זיי נישט אַריין און — אויך זייענדיק אויבן אין שטאַל — וועלן זיי נישט וויסן, אַז ער געפינט זיך אונטן אין גרוב. מיטן עסן וועט מען זיך טיילן.

איך וואַרף זיך פון פרייד און שרעק צוזאַמען.

כ׳האָב אויף זיך אַרויפגעצויגן די שטיוול מיט דער בלוזע, מיט דער האַנט

פאַרקעמט די צעפּלאָשעטע האָר אויפן קאָפּ, גענומען צו זיך אַ שטיקל ברויט מיטן רעוואָלווער און —

כ׳קאָן זיך נישט באַהערשן פון די געפילן. דאָס האַרץ זעצט ביי מיר. ס׳דאַכט זיך מיר, אַז כ׳וועל נישט האָבן קיין כוח זיך צו טרעפן מיט אים, כ׳וועל עס נישט איבערטראָגן — שוין באַלד צוויי יאָר ווי מיר האָבן קיין ייד נישט געזען. ס׳דאַכט זיך מיר, אַז כ׳וועל אַרויפפאַלן אויף אים און גאָרנישט קאָנען, נישט האָבן קיין כוח — עפּעס צו רעדן. מיין חברה קוועלט און גיט מיר אונטער מוט. זיי ווילן, אַז כ׳זאָל אים גלייך מיטברענגען, זיי זענען אומגעדולדיק.

עטלעכע שעה זענען מיר אַזוי געזעסן און עס האָט אונז אונטערגעטראָגן. מיר האָבן זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן צוועלף. די שעהן האָבן זיך ווי אַן אומענדלעכקייט געצויגן.

ענדלעך האָט זיך אונטערגערוקט האַלבע נאַכט. איך האָב זיך אויפגעשטעלט. די פיס ברעכן זיך אונטער מיר. כ׳האָב זיך געשטאַרקט, אויסגעגלייכט, אָנגענומען מוט און — כ׳האָב זיך גענומען אַרויסקריכן פון שטאַל. כ׳בין אַרויפגעקראָכן אויבן אויף דער וואַנט ביז צום שטרויענעם דאַך, פאָרזיכטיק צעשפּרייט דאָס שטרוי, געמאַכט אין דעם אַ שמאָלן לאָך און — דער קאָפּ איז געווען אינדרויסן. די חברה האָט מיך פון אונטן אונטערגעשטופּט. נאָך עטלעכע מינוט האָב איך זיך אַרויסגעדראַפּעט. כ׳בין געווען פון דער צווייטער זייט, איבערן דאַך פון דער שטאַל.

כ׳האָב זיך אָוועקגעזעצט, שווער געסאַפּעט, איינגענורעט דעם קאָפּ און זיך איינגעהערט: ס׳האָט געהערשט אַ מיטנדערנאַכט־שטילקייט. אַלץ אַרום איז געווען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף. עטלעכע מינוט האָב איך זיך אַרומגעקוקט. אין דער פינצטערניש איז שווער געווען עפּעס צו זען. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָב איך זיך גענומען אַראָפּדראַפּען פון דער וואַנט. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז יעדן שאָרך הערט מען ווי ווייט. באַלד האָב איך זיך געפונען אונטן. כ׳האָב זיך שנעל אויסגעצויגן אויף דער ערד, נאָכאַמאָל באַטראַכט דעם אַרום און אויף אַלע פיר זיך גענומען ציען צו דער סטאָדאָלע. זי איז געווען סך־הכל ביי אַ צען מעטער ווייט פון דער שטאַל. דורך אַן אָפּגעריסן ברעט אין וואַנט בין איך שטיל אַריינגעקראָכן אינעווייניק. ס׳איז געווען שטאָק־פינצטער. אַ חשכות כמעט אָנצוטאַפּן מיט די הענט. כ׳בין געבליבן ליגן מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און אָנגעשטרענגט די אויערן. אַחוץ מיין אייגענעם אָטעם און סאַפּען, האָב איך גאָרנישט געהערט. כ׳האָב זיך אויפגעזעצט און שטיל גענומען רופן:

— קוניאַק! קוניאַק!

ס׳האָט זיך עפּעס ווי אַ באַוועג געטאָן אין שטרוי און ס׳איז ווידער געבליבן שטיל.

— קיניאַק! — האָב איך נאָכאַמאָל גערופן.

מען האָט גאָרנישט געהערט.

— קוניאַק, אַ ייד — אַ ייד איז דאָ, וווּ ביסטו?

די יידישע ווערטער האָבן אימהדיק אָפּגעהילכט. ס'האַרץ איז מיר שיר אַרויסגעפאַלן.

— קוניאַק, האָב קיין מורא נישט, איך אַ ייד, רוף דיך!

ס'איז מיר מיטאַמאָל מאָדנע טרוקן געוואָרן אין האַלז.

— קוניאַק, קוניאַק!

קיינער האָט נישט געענטפערט.

כ'האָב זיך דערשראָקן פאַרן אייגענעם ווידערקול. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די אַרומיקע פינצטערניש און די ווענט, כאַפּן עס אויף און טראָגן עס איבער גאָר ווייט.

— קוניאַק, קוניאַק! — האָב איך פאַרצווייפלט גענומען רופן — רוף זיך אָפּ! איך דיינער אַ ברודער, אַ ייד, איך בין עס! שרעק זיך נישט!

אַ מינוט איז געווען שטיל. מיטאַמאָל האָב איך דערהערט אַ שאָרך, ווי דאָס שטרוי אין ווינקל וואָלט זיך גערירט.

— קוניאַק, קום אַרויס! איך, אַ ייד!

דאָס שטרוי האָט זיך האַסטיק איבערגעקערט. ס'איז ווער געקראָכן צו מיר.

— ווער איז עס? — אַ דין איבערגעשראָקן קינדעריש קול.

— איך, אַ ייד!

כ'האָב דערפילט אַ מענטש לעבן זיך.

— קוניאַק! — האָב איך אים מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט — קוניאַק טייערער, האָב קיין מורא נישט!

— ווער זענט איר? — האָט ער זיך פון מיר אָפּגעשאָקלט.

— אַ ייד, אַ ייד! כ'בין דאָ פאַרשטעקט נישט ווייט פונדאַנען!

— קוניאַק! — האָב איך אים אַרומגעהאַלזט און גענומען קושן. כ'בין געבליבן צעמישט און נישט געוווּסט וואָס ווייטער צו זאָגן. ער איז געזעסן דערשראָקן און געציטערט.

— כ'בין אַ ייד, האָב קיין מורא נישט!

מיטאַמאָל איז ער געוואָרן דרייסט:

— פון וואַנען קומט איר אַהער? ער האָט מיך גענומען אויספרעגן ווער כ'בין, וווּ כ'בין און פון וואַנען כ'ווייס וועגן אים.

כ'האָב אים דערציילט, אַז כ'בין מיט אַ גרופּע יידן ערגעץ דאָ נישט ווייט, אין די וועלדער. מיר לעבן פאַרשטעקט אין אַ לאָך. מיר האָבן געווער. כ'האָב אים געוויזן דעם רעוואָלווער.

ווילסט אפשר גיין צו אונז, זיין צוזאַמען? —

— ניין! — ער וויל נישט. ער וויל נאָר כ'זאָל אים זאָגן פון וואַנען כ'האָב געוווּסט, אַז ער געפינט זיך דאָ?

— פאַרוואָס ווילסטו נישט זיין צוזאַמען מיט אונז?

ער איז געווען שטאַרק דערשראָקן און נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן.

כ'האָב אים דערלאַנגט דאָס ברויט.

— קוניאַק, כ'בין אַ ייד. מיר זוכן דיך שוין אַזוי לאַנג. מיר גייען שיר אויס נאָך דיר!

כ'האָב אים גענומען דערציילן מעשיות, ווי מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן אים, ווי מיר זעען אים כסדר, מיר האָבן ליידער ביז איצט זיך נישט געקאָנט וויזן

פאַר אים. איצט ווילן מיר אָבער שוין האָבן די מעגלעכקייטן אים צו נעמען צו אונז און ער וועט מער נישט זיין אַזוי הפקר. מיר ווילן אים ברענגען אין אונזער באַהעלטעניש.

כ׳האָב אים דערציילט, אַלץ וואָס מיר ווייסן וועגן אים, מעשיות וואָס האָבן מיט אים פּאַסירט.

— אָבער פון וואַנען ווייסט איר דאָס אַלץ? ! — איז ער געוואָרן לעבעדיקער און זיך גענומען חידושן.

— ווייל מיר זענען דיינע ברידער. מיר אינטערעסירן זיך מיט דיר. מיר ווייסן וואָס ס׳טוט דיר שלעכטס און וואָס גוטס. ניין, פון היינט אָן וועסטו מער נישט זיין הפקר. איך האָב דיך שוין זייט אַ שטיקל צייט נאָכגעשפּירט, געזוכט אַ געלעגנהייט זיך מיט דיר צו טרעפן. דו וועסט זיין מיט אונז. וועסט זיך מער נישט דאַרפן וואַלגערן אינדרויסן.

כ׳האָב אים אָנגעהויבן אויספרעגן, וואָס עס האָט לעצטנס מיט אים פּאַסירט.

ער האָט באַקומען צוטרוי און גענומען דערציילן.

— האָסט שוין לאַנג נישט געהערט און נישט גערעדט יידיש? — פרעג איך אים.

— אָ, ניין, כ׳הער עס אָפט. — ער האָט מיר דערציילט, אַז ער טרעפט זיך מיט נאָך אַ יידישער פאַמיליע, וועלכע לעבט דאָ ערגעץ אין די וועלדער

— אַלזאָ, דו גייסט צו אונז?

— יאָ, אָבער ער מוז צוערשט וויסן וווּ דאָס איז. חוץ דעם — ניין, היינט נאָכנישט! ער מוז זיך נאָך פריער טרעפן מיט אַ היימישן פויער. ערשט אין עטלעכע טעג אַרום, וועט ער אפשר קאָנען גיין. מיר ווילן זיך טרעפן נאָכאַמאָל.

כ׳האָב אים אויסגעפרעגט וועגן דער יידישער פאַמיליע.

— ניין, איצט קאָן ער מיר דאָס נישט זאָגן. דאָס צווייטע מאָל, ווען מיר ווילן זיך טרעפן, וועט ער מיר דערציילן און מיר ווילן דאַן אויך שמועסן וועגן אַלץ אויספירלעך.

מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט דאָ אויפן זעלביקן פּלאַץ צו טרעפן די דריטע נאַכט, צוועלף אַזייגער און מיר האָבן זיך געזעגנט. כ׳האָב זיך מיט אים צעקושט און בין אַוועק.

⁂

היינט, אַ גאַנצן טאָג, רעדן מיר פון דעם געשעעניש נעכטן ביינאַכט. קלאָר, ער האָט צו מיר ווייניק פאַרטרויען געהאַט. ס׳איז מיר נישט געלונגען אים איבערצייגן אין מיינע אויפריכטיקע געפילן צו אים. מיין באַגעגעניש איז אויך פאַר אים געווען צו איבעראַשנדיק און פּלוצים. אַחוץ דעם, איז ער נישט געוווינט צו אַזעלכעס, צו אויפריכטיקער פריינטלעכקייט און ער מיינט, אַז יעדער נאַרט אים; אַז יעדער וויל אים אַריינדאַרן דאָס לעבן זיינס.

אָרים קינד, ביי דיינע זעכצן יאָר האָסטו נאָך קיין גוטס נישט געפילט. בלויז שלעכטס, שלעכטס. דער מענטש האָט זיך דיר געוויזן אין זיין גאַנצער רויער נאַקעטקייט, אין זיין וואָלפישקייט, אין זיין פאַרדאָרבנקייט, אין זיין חיהשן לויער. האָסט נאָך קיין ברידערלעך האַרץ כמעט נישט געפילט. צו גוט קענסטו שוין דעם מענטש אין זיין אמתדיקן פּרצוף, אַז דו זאָלסט אים טרויען!

קומען וועט ער אָבער מאָרגן ביינאַכט, יאָ, ער וועט זיכער קומען, מיר ווייסן דאָס, און ביסלעכווייז וועט ער דערפילן, אַז מיר זענען זיינע שוועסטער און ברידער. מיר זענען אפילו צופרידן פון זיין אומצוטרוי צו פרעמדע, אויך ווען זיי רעדן אין זיין שפּראַך און מיט שיינע ווערטער; פון זיין אומצוטרוי, וואָס איז דיקטירט פון זעלבסטדערהאַלטונגס־אינסטינקט. ער וועט אָבער זיכער קומען! אַביסל האָבן מיינע ווערטער דאָך אויף אים געווירקט. איך האָב עס געפילט. זיי האָבן אים ווי אַן אָפּשיין פון אַ פייער געוואַרעמט. אַ שאָד נאָר, וואָס מיר האָבן זיך אין דער פינצטער נישט געקאָנט זען און קוקן זיך אין די אויגן. מיר זענען אָבער אַלע איבערצייגט, אַז ער וועט מאָרגן ביינאַכט קומען. מיר פילן דאָס און דאָס מאַכט אונז מאָדנע גליקלעך, אַ פרייד קוועלט פון אונז.

מיר נעמען זיך פילן נישט אַזוי איינזאַם. און אפשר דורך אים וועט מען זיך קאָנען פאַרבינדן אויך מיט דער אַנדערער יידישער פאַמיליע און דורך זיי מיט נאָך יידן. מיר פילן זיך אויפגעלעבט. אין האַרץ פּיקט זיך, ווי עפּעס ערב אַ פרילינג. עס ווערט וואַרעם אויף דער נשמה.

מיר פילן אויך אַ סאַטיספאַקציע: ענדלעך וועלן מיר אים האָבן ביי זיך. ער וועט זיך מער נישט וואַלגערן הפקר אויפן דאָרף און זיין אויסגעשטעלט אויפן חסד פון יעדן פּויער; ער וועט זיך מער נישט פילן ווי אַ שוצלאָזע חיה אויף אַן אָפן פעלד. פון איצט אָן וועט זיין גורל זיין — גלייך ווי אונזערער — אין דער האַנט פון גאָט. אפשר וועט ער פאַרט העלפן, אפשר וועט עס דאָך שוין לאַנג נישט דויערן?

מיר זאָלן נאָר, חלילה, קיין דורכפאַל נישט האָבן. ווייל, מילא, מיר ווי מיר, אָבער וואָס פאַרא פאַראַנטפערונג וואָלט איך געהאַט פאַר זיין יונג לעבן?! ביז איצט איז ער פאָרט ווי אַ פרייער פויגל אין פעלד און ווי דורך אַ נס קומט ער אַדורך און אַנטרינט פון אַלע געפאַרן. צי בינד איך אים אַצינד נישט צו?

— חלילה וחס! גאָט זאָל שומר ומציל זיין. ווי אַזוי וואָלט איך אים, אין די לעצטע מינוטן געקאָנט קוקן אין די אויגן אַריין! — — — —

11־טער מאַי:

זייט מיר זענען דאָ ביי יאַנעקן אין שטאַל איז עפּעס אין שטוב, צווישן די צוויי באַבעס, שטילער. מען האָט זיך כמעט אויפגעהערט צו קריגן, זיי גייען אַרום ברוגז און רעדן נישט איינע מיט דער צווייטער. די טשאָטקע לויפט גאַנצע טעג איבערן דאָרף אויף באַזוכן צו די שכנים און מיידט אויס די שטוב. דאַכט זיך, אַז זי מיידט עס אויס די מחלוקת מיט דער פעלקאָווען. אפנים זי האָט מורא. איצט, אַז מיר זענען נישט מער ביי דער פעלקאָווען, נאָר ביי יאַנעקן - - האָט זי מורא אַז בעת אַ קריגעריי זאָל יענע נישט לויפן צו די דייטשן מסרן וועגן אונז און היינט וואָלט עס דאָך אויסגעגאַנגען צו יאַנעקס קאָפּ.

זי גייט אַרום און קריצט מיט די ציין. זי קאָן נישט פאַרטראָגן דער שוועגערינס צופרידנקייט. די פעלקאָווע דרייט זיך איצט אַרום אַן אויפגערוימטע, אַ פריילעכע. זייט מיר זענען אַראָפּ פון איר בוידעם, האָט זי אויפגעלעבט. זי איז עפּעס ווי יונגער געוואָרן. זי פּאַרעט זיך ביי דער ווירטשאַפט און זינגט זיך צו פרומע

לידער. זי דאַנקט דעם פּאַן יעזוס פּאַר דעם, וואָס ער האָט זי מיטאַמאָל באַפרייט פון דעם „אומגליק”. די טשאַטקע קאָן דאָס אַלץ נישט צוקוקן. זי האָט אָבער מורא צו רעדן — קלאַפּט זי מיט די טירן און אַנטלויפט פון שטוב אַרויס. אויך צו אונז קומט זי גאָר ווייניק. זי קאָן אונז עפּעס נישט קוקן אין די אויגן אַריין.

דערפאַר קומט איצט צו אונז די פּעלקאָווע אָפטער ווי פריער. זי קומט מיט אַ פריילעך פּנים, זעצט זיך אוועק אין שטאַל איבערן לאָך פון באַהעלטעניש און דערציילט אונז אַריין נייעס, די לעצטע געשעענישן פון דאָרף. אַ זעלבסטצופרידנקייט שטראַלט איר פון די גרויע אויגן. זי לאַכט און שעלט די אַלטע נאַפּקע דאָרט, וואָס לויפט אַרום גאַנצע טעג און פאַרנעמט זיך ווייניק מיט אונז, זי היט נישט אָפּ, אַז מיר זאָלן עסן צו דער צייט.

— מיר קאָנען נאָך חס וחלילה קראַנק ווערן, אויב מיר וועלן נישט עסן נאָרמאַל!

זי, די פּעלקאָווע, ברענגט אונז איצט כמעט יעדן טאָג „עפּעס אין מויל אַריין” — אביסל קאַווע, אַ פּאָר קאַרטאָפלעס, אַ רעטעכל און אַמאָל אויך עפּעס פון דער קו — אַ ביסל מילך, אַ קריש פּוטער באַשמירט אויף אַ שטיקל ברויט. בכלל, באַמיט זי זיך איצט צו זיין מיט אונז גוט. זי האָט אויפגעהערט צו שרעקן און איז זיכער, אַז מען וועט דאָ איבערלעבן. „געוויס אַזוי! ווענן עסן זאָלן מיר נישט זאָרגן. מיר האָבן אַ געשעפט מיט דער טשאַטקע. זי וועט שוין זען, אַז מיר זאָלן נישט הונגערן”.

זי הנפנט זיך עפּעס צו פיל צו אונז. לכתחילה האָט אונז אויסגעזען צו זיין פאַרדעכטיקט אָט די מיטאַמאָליקע פריינטשאַפט, זי האָט אונז אפילו געשראָקן. מיר האָבן זיך אָבער איבערצייגט, אַז עס איז נישט געפערלעך, זי האָט נישט קיין שלעכטע כוונות, נאָר נישט מער, עס גייט צו זומער, עס ווערט אַ יקרות, איז גלייכער מיט אונז גוט צו זיין, פון די אייגענע הכנסות איז שווער זיך אַן עצה צו געבן. יאָ, ס'איז גלייכער מיט אונז גוט צו לעבן, בפרט, אַז איצט שטעלט זי גאָרנישט איין — מיר זענען ביי יאַנעקן אין שטאַל.

מיר זענען אויך דערפון צופרידן, נאָר באַהיט זאָל מען ווערן, אַז די טשאַטקע זאָל זיך דערוויסן פון דער דאָזיקער פריינטשאַפט, פון דער פּעלקאָוועס אָפטע וויזיטן, פון איר ברענגען אונז עפּעס אין מויל אַריין. אויך איצט דרייט זי זיך אַרום נענוג אָנגעלאָדן, זי וואָלט זיכער אויסגעשאָסן...

12־טער מאַי:

ענדלעך, ענדלעך! מיר האָבן קוניאַקן ביי זיך!

נעכטן ביינאַכט, ווען מיר האָבן זיך ווידער געטראָפן אין דער אָפּגעשמועסטער שעה ביי יאַנעקן אין שייער, איז מיר געלונגען אים איבערצורעדן, אַז ער זאָל מיט מיר גיין אין אונזער באַהעלטעניש!

די שמחה ביי אונז איז גרויס און אויך ער שטראַלט פון צופרידנקייט. ער קאָן זיך עפּעס אַליין נישט צוגלייבן, אַז דאָס איז אמת. ס'דאַכט זיך אים, זאָגט ער, אַז ער הלומט. ער זיצט אין גרוב אין אַ רעדל, אַרומגערינגלט פון אונזער חברה,

זועלכע קוועלן אַזש פון פרייד און ער גלאָצט מיט צעשמייכלטע אויגן. זיי אונטן לאָזן אים נישט אָפּ. מען האַלט אים אין איין אויספרעגן וועגן זיין לעבן ביז איצט, וועגן דאָרף, די פּויערים, וועגן זיינע באַקאַנטע יידן, וועלכע געפינען זיך פאַרשטעקט דאָ נישט ווייט אין די וועלדער און ער דערציילט גאָר אינטערעסאַנטע זאכן.

מיר אויבן, ביי די שפּאַרעס, איך און פּרוימאַן, קאָנען נישט איינשטיין אויף די ערטער, מיר ווילן אויך מיט אים רעדן, עפּעס הערן און זיך דערוויסן נייעס. עטלעכע מאָל האָבן מיר זיך שוין היינט געטוישט מיט אסתרלן און צפּורהלען. זיי האָבן פאַרנומען אונזערע פּלעצער און מיר זענען אַראָפּ אונטן און געשמועסט מיט אים. אויף מיר קוקט ער ווי אויף זיין אויסלייזער. ביז דער לעצטער מינוט, ביזן אַראָפּקומען אין באַהעלטעניש, האָט ער נאָך אַלץ צו מיר קיין צוטרוי נישט געהאַט. ער איז געגאַנגען און זיך געוואָלט אָפּהאַלטן, די טריט זיינע האָבן געציטערט און כ'האָב כסדר מורא געהאַט, אַז ער זאָל קיין חרטה נישט האָבן און געפונען אַ נייעם אויסרייד ווי אַזוי זיך דערפון אַרויסדרייען און צוריקציען זיך. ער איז געגאַנגען מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, כמעט ווי אויף קידוש השם. עפּעס האָט ער יאָ געגלויבט און נישט געגלויבט, אַז איך נאַר אים נישט אָפּ. ער האָט זיך כמעט איינגעשטעלט און מיט אַ געצוווּנגענער, אינערלעכער העלדישקייט, איז ער מיר נאָכגעגאַנגען. ערשט אינעווייניק, אין גרוב, דערזעענדיק די חברה, ווי זיי זענען אויף אים אַרויפגעפאַלן, געהאַלזט און געקושט, זייער אָפּנהאַרציקע שמחה, האָט ער פריי אָפּגעאָטעמט און אַ פריידיקע צעמישטקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט. די צעמישטקייט, וועלכע האַלט נאָך אָן ביז איצט און נעמט ערשט לאַנגזאַם אויפטייען אין אים. דער נעפּל פון די געפילן נעמט צערינען, כאָטש ער קאָן נאָך אַלץ נישט קומען צו זיך פון איבעראַשונג.

אַצינד האַלט ער זיך אין איין פאַרענטפערן און אַנטשולדיקן פאַר מיר פאַר דעם פריערדיקן אומצוטרוי און פאַרדאַכט. ער דערציילט, אַז שוין פיל מאָל האָבן געשטאַפּאָ־אַגענטן אַזוי אַרום אַריינגענאַרט באַהאַלטענע יידן, רעדנדיק צו זיי אפילו יידיש. ער האָט דאָס געהערט פון אַנדערע פאַרשטעקטע יידן אין וואַלד. ער קוקט מיך אָן, לאָזט כסדר אַראָפּ די אויגן פאַרשעמטערהייט און אַנטשולדיקט זיך ווידער... ער איז איצט אַליין מודה, אַז די גאַנצע צוויי טעג האָט ער זיך געשראָקן צו גיין צו אונזער באַגעגעניש. ער האָט שוין אפילו געהאַט באַשלאָסן נישט צו קומען און גאָר אַנטלויפן פון דעם דאָזיקן געגנט. פון דער צווייטער זייט ווידער, האָט אים עפּעס געצויגן צו מיר און געבראַכט אויפן באַשטימטן אָרט. אויך אין דער לעצטער מינוט, שוין שטייענדיק אין דער אַלשינע, נישט ווייט פון יאַנעקס שטאַל, האָט ער נאָך אַלץ געקעמפט מיט זיך, צי גיין, אָדער גאָר אַנטלויפן וואָס שנעלער. איך אַליין האָב דאָס אויך דערקענט.

צוועלף ביינאַכט. ווען כ'בין שוין געווען ביי יאַנעקן אין סטאָדאָלע, האָב איך דורך אַ לאָך אַרויסגעקוקט און דערוואַרט זיין אָנקומען פון דער זייט פון דער אַלשינע. כ'האָב געזוכט מיט די אויגן אין דער פינצטערניש פאַר זיך און ענדלעך דערזעענדיק אַ געשטאַלט, וואָס שאַרט זיך ביי די ביימער, האָב איך זיך אָריענטירט, אַז דאָס איז ער. כ'האָב אָבער צוערשט נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס ער דרייט זיך דאָרט אַהין און צוריק און קומט נישט אַריין אין סטאָדאָלע. שפּעטער, נאָך אַ פּאָר מינוט, האָב איך זיך משער געווען, אַז ער מוז מורא האָבן און קאָן זיך נישט אַנטשליסן וואָס צו טון. כ'בין דאַן אַרויס, זיך צוגעשאַרט צום

וועלדל, זיך פאַרשטעקט הינטער א בוים און אים גענומען באַטראַכטן. פון דער פינצטערניש אַרויס האָב איך דערקענט, אַז דאָס איז טאַקע ער. כ׳האָב זיך אונטערגעגנבעט און הינטערוויילעכץ אים אָנגענומען פאַר אַן אָרעם :

— קוניאַק !

ער האָט אויפצאַפּלענדיק זיך אויסגעדרייט און נישט דרייסט גענומען גיין נאָך מיר, אומאַנטשלאָסן, ביז אין שייער אַריין, ווו מיר האָבן זיך אין דער שטיל געזעצט אין א ווינקל. ער האָט, האָט זיך מיר געדאַכט, געציטערט. כ׳האָב האַרציק אָנגעהויבן צו אים רעדן, געפרעגט ווי ס׳האָט זיך אים געלעבט אין די פּאָר טעג און צי ער וויל שוין איצט מיטגיין אין אונזער באַהעלטעניש. ער האָט מיך גענומען אויספרעגן וועגן אונז, פון וואָס מיר לעבן, ווי אַזוי ס׳איז ביי אונז איינגעאָרדנט, צי ס׳איז ווייט פון דאַנען אַהין צו גיין, צי ס׳איז טיף אין די וועלדער, מיט וועמען מיר זענען פאַרבונדן און מיט נאָך אַנדערע פראַגן אויסגעטאַפּט ביי מיר דעם דופק. כ׳האָב אים ערשט דערציילט, אַז מיר זענען פאַרשטעקט ביי פּויערים און עס איז נישט ווייט פון דאַנען. כ׳האָב אים געמאָלן דאָס גאַנצע בילד פון אונזער לעבן. כ׳האָב זיך כסדר אויפגעשטעלט און געפרעגט צי ער גייט און ער האָט מיך אַלץ אָפּגעהאַלטן, געבעטן נאָך זיצן אביסל און געשטעלט פרישע פראַגן, מיך באַוואָרפן מיט קשיות. לסוף האָט ער זיך רעצידירט מיטצוגיין. כ׳האָב אים אָבער פריער אָנגעזאָגט, אַז ער מוז זיך פעסט אַנטשליסן — יאָ צי נישט, ווייל שפּעטער, פון אונז, וועלן מיר אים שוין נישט לאָזן אַוועקגיין, ס׳וועט זיין פאַרפאַלן !

ער איז אַרויס פון שייער, זיך נאָך מיר נאָכגעשלעפּט און — ווי א באָמבע האָט עס אים געטראָפן, ווען כ׳האָב אים געהייסן אַרויפקריכן אויפן דאַך פון זעלביקן יאַנעקס שטאַל.

— דאַ־אַ־אָ ? — האָט ער פאַרוואונדערט אויסגעשטעלט אויף מיר די אויגן.

כ׳האָב אים גאָרנישט געענטפערט און געהייסן קריכן. איך בין נאָכגעקראָכן. ער האָט זיך כסדר אויסגעדרייט און געקוקט אויף מיר פאַרשגדיק. איך האָב אים אונטערגעשטופּט און באַרואיקט, אַז ער זאָל זיך נישט זאָרגן, ס׳וועט גוט זיין ! גאָט וועט העלפן און מיר וועלן זיכער איבערלעבן. דורכן לאָך אין שטרוי פון דאַך זענען מיר אַריינגעקראָכן אין שטאַל. כ׳האָב אים אין דער פינצטער געוויזן ווי אַזוי זיך צוצושאַרן צום גרוב. ס׳האָט זיך שוין פון דאָרט געטראָגן א נעפליסטער. כ׳האָב אַריינגעסודעט, אַז מ׳זאָל עפּעס אינעווייניק אָנצינדן און מאַכן ליכטיק.

— דאָ איז עס, קוניאַק ! קריך אַריין !

איך בין נאָך הינטער אים. מען האָט פאַרשטעלט די עפענונג. א מיגום איז געווען א שפּאַנענדיקע שטילקייט.

— קוניאַק ! — האָב איך אַרויסגערעדט.

— קוניאַק — האָבן אַלע מיטאַמאָל געדעמפּט אַרויסגעשריגן — קוניאַק !

ער איז געוואָרן פאַרחושט און זיי זענען שוין איינער נאָכן אַנדערן געפאַלן אויף אים און געהאַלזט און געקושט.

12־טער מאַי, פאַרנאַכט :

קוניאַק דערציילט אונז, אַז ער הייסט יצחק, מען רופט אים איטשע, ער איז דער יונגסטער זון פון קאַלושינער טאַנדייט־שניידער חנא ראָזענבערג, וועלכן מען האָט גערופן חנא „אָבאַל”. זייער גאַנצע משפּחה איז באַקאַנט געווען אונטערן נאָמען די „אָבאַלעס”. דעם טאַטן האָט מען געקענט נישט נאָר אין קאַלושין צווישן יידן, נאָר אויך אין די אַרומיקע דערפער צווישן די פּויערים, וועלכע פלעגן זיך ביי אים נייען. אַ דאַנק דעם טאַטנס פּרנסה האָט ער דאָ אַביסל באַקאַנטע פּויערים פאַר וועלכע אויך ער נייט אין געהיים, מען גיט אים דערפאַר עפּעס צו עסן. דורך זיי איז ער איצט באַקאַנט אין גאַנצן געגנט. פאַר דעם רוב מענטשן מוז ער זיך אָבער היטן און אויף דער שוועל לאָזן אים נאָר איינצלנע. אין עטלעכע דערפער געפינען זיך איינצלנע אַזעלכע, וועלכע גיבן אים פון צייט צו צייט אַ שטיקל ברויט און אַ ביסל זופּ. מער ווי איין מאָל אין צוויי וואָכן קאָן ער צו די זעלביקע פּויערים נישט קומען. ער גייט דעריבער יעדע נאַכט אין אַ צווייט דאָרף. פאַראַן דערפער אין וועלכע מען טאָר זיך בכלל נישט ווייזן, ווייל דאָרט איז אַ זיכערער טויט. אַלע אָן אויסנאַם לויערן אויף יידן. אויף עסן קלאָגט ער זיך נישט — ער האָט גענוג. אין זיין נאָרע אין וואַלד — דערציילט ער — האָט ער אָנגעזאַמלט אַ גאַנצן „זאַפּאַס” ברויט און אויב מיר ווילן, קאָן ער מאָרגן גיין און עס אַהערברענגען.

היינט, ביים מיטאָג עסן, זעענדיק דעם קליינעם טאָפּ געקעכץ, וואָס די טשאַטקע האָט אַריינגעגעבן פאַר אונז אַלע, האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּחידושן, ווי אַזוי מיר לעבן פון „אַזאַ קליין ביסעלע”. ער האָט זיך אויסגעפרעגט צי שטענדיק גיט זי אַריין אַזוי ווייניק און הערנדיק אַז יאָ האָט אים, דאַכט זיך, אַרומגעכאַפּט די ערשטע אַנטוישונג, ער איז געבליבן זיצן אַ טרויעריקער.

פריער, מיט אַ שעה צוריק, האָט ער מיך געפרעגט, צי כ'וועל אים יעדן אָוונט, ווען אין דרויסן וועט טונקל ווערן, אַרויסלאָזן פון שטאַל, בכדי צו גיין צו זיינע היימישע פּויערים עפּעס אָפּעסן. ער איז שוין איצט הונגעריק, זאָגט ער, און פון דעם עסן, האָט ער מורא, וועט ער קיינמאָל נישט זאַט ווערן. ער פאַרשטייט נישט ווי אַזוי מיר לעבן, ס'איז אים אויך דאָ דושנע — ער קאָן דעם אָטעם נישט כאַפּן.

שפּעטער האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל פון שטאַל און פאַרזונקען אין מחשבות. ער זעט אויס פון נאָך דעם מיטאָג אָן זייער טרויעריק. דאַכט זיך, אַז ער וויל צוריק אַרויס, אַוועק פון אונז, נאָר ער שעמט זיך נאָך דערווייל וועגן דעם צו רעדן. איצט האָט ער מיר געזאָגט, אַז היינט אין אָוונט מוז ער אַרויס באָטש אויף אַ צוויי - דריי שעה, ווייל ער וויל גיין צו אַ באַקאַנטן פּויער. יענער האָט אים די לעצטע טעג געהייסן קומען, ער האָט אים צוגעזאָגט אָפּצושערן די לאַנגע האָר, אין וועלכע ס'האַלטן זיך אַסך לייז, אין איינוועגס וועט ער דאָרט אויך עפּעס אָפּעסן און צוריקקומען. כ'האָב זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט, כ'ווייס נישט צי ער וועט טאַקע צוריקקומען, אָבער אָפּזאָגן האָב איך אים עפּעס נישט געקאָנט. קודם האָב איך אים געפּרוווט זאָגן, אַז איך אַליין וועל אים אָפּשערן (אונזער הויפּט־שערער איז אסתרל, זי מאַכט עס פלינק און געשיקט, כאָטש אונזערע קעפּ בלייבן שטענדיק, נאָך איר שערן, ווי פעלדער נאָך אַ שניט, מיט זיגזאַגן און „זאַגאָנעס”) — ער וויל דאָס אָבער נישט. נאָר אַרויס צום פּויער וויל

ער. כ'האָב אים בלית־ברירה צוגעזאָגט און מיר האָבן דערפון עגמת־נפש. באַהיט זאָל מען ווערן, אויב ער זאָל, חלילה, נישט צוריקקומען, מיר וועלן דאַן לעבן אין כסדרדיקער מורא און אומרואיקייט. מיר קאָנען נאָך דורך אים חס־ושלום אַפילו אומווילנדיק, פאַראַטן ווערן!

די לעצטע מינוט, בעת כ'שרייב מײַנע שורות אויבן, הער איך, אַז ער אונטן איז שוין ווידער פריילעך. ער לאַכט און דערציילט זיי מעשהלעך. ער דערציילט וועגן דער טשאַטקע און דער פעלקאָווע, וועגן יאַנעקן און וועגן אַלע שכנים דאָ. איצט — זאָגט ער — פאַרשטייט ער שוין פאַרוואָס זי, די טשאַטקע, איז געווען צו אים גוט און אים אַזויפיל געגעבן. ער פאַרשטייט נאָר נישט פאַרוואָס די פעלקאָווע, איז טראָץ אַלעם צו אים געווען שלעכט און יאַנעק אויך אַזוי.

— ניין, די טשאַטקע איז טאַקע אַ גוטע, זייער אַ גוטע!

פונדעסטוועגן וויל ער נישט זי זאָל אים זען, „גלייכער אַז זי זאָל נישט וויסן, אַז ער איז דאָ". ווען זי האָט אַרייננגעגעבן דאָס מיטאָג, האָט ער זיך פאַרשטעקט וואָס טיפער אין ווינקל פון גרוב און ער איז געווען צופרידן וואָס זי האָט אים נישט געזען. ער דערציילט אויך, אַז אין דאָרף האַלט מען די טשאַטקען פאַר אַ געהיימניספולער בריאה.

— יאָ, יאָ, ער דערמאָנט זיך איצט, טאַקע אין דער מינוט, ער האָט שוין געהאָט געהערט אויף עטלעכע ערטער, אַז דאָ זענען פאַראַן יידן, אַז זי, די טשאַטקע, באַהאַלט זיי אויס.

איך בין אַראָפּגעשפּרונגען אין לאָך און אים גענומען אויספרעגן ווי ער האָט דאָס געהערט.

— יאָ, ער האָט עס געהערט — דאַכט זיך אים — אַמאָל ביי מאַטשושאַקן צי ביי פּאַלטינען און יאָ — איינמאָל אַפילו פון אַ שיקסל, וואָס האָט אים אַ שטיקל ברויט געגעבן. דאָס זאָל האָבן געווען די קליינע טערעסע, יאַשקאָ אָדראַבינשטשאַקס טאָכטער. זי טאַקע, יאָ, זי! זי האָט אים דערמאָלט דערציילט, אַז מיר זיצן אויפן בוידעם און אַז די טשאַטקע רופט אונז שטענדיק און — קלאַפּט מיט אַ שטעקן אָדער מיט אַ האָלץ אין סופיט ווען זי וויל אונז עפּעס זאָגן. ער פרעגט צי מיר זענען טאַקע געזעסן אויפן בוידעם, ווייל ער — ער האָט דערמאָלט נישט געגלויבט, אַז יידן באַהאַלטן זיך טאַקע דאָ אויס. ער האָט נישט געגלויבט אויף יאַנעקן און אויף דער פעלקאָווען, אַז זיי זאָלן האַלטן יידן און ער געדענקט אַפילו, אַז פעלעק פלעגט אים אַסך מאָל פון דאַנען פאַרטרייבן, ווען ער האָט זיך נאָר אויף דער שוועל געוויזן. יענער, פעלעק, איז דאָך אַפילו געווען אַ באַנדיט. ניין, ער איז געווען זיכער, אַז עס איז אַ ליגן, אַ בלבול, אַז קיין יידן זענען דאָ נישטאָ.

— נו — לאַכט ער איצט — ווער זאָל דאָס גלייבן?

מיר פרעגן אים אויס, צי ס'איז נישט פאַראַן קיין סכנה, אַז די פויערים זאָלן אַמאָל חלילה שיקן נאָך פּאָליציי, אונז מסרן. אָט ווייסן זיי דאָך עפּעס וועגן אונז?

קוניאַק טראַכט און זאָגט, אַז ניין. אויף זיכער, האָט ער דערקענט, ווייסן זיי דאָס נישט, און גלאַט אויף אַ חשד — האָבן זיי מורא צו מעלדן, סיי פאַר די דייטשן, וועלכע וועלן זיי באַשטראָפן פאַר אַ פאַלשער אינפאָרמאַציע און סיי פאַר דער משפחה פון דער פעלקאָווען און דער טשאַטקען, וועלכע קאָנען זיך שפּעטער אין זיי נוקם זיין פאַר מאַכן אַ בלבול.

— אודאי — ענדיקט ער — גאנץ זיכער איז דאָ נישט, אָבער, ווו איז מען דען יאָ זיכער ? !

13־טער מאַי :

מיר האָבן אים פאלש חושד געווען, קוניאקן. ער האָט געהאלטן וואָרט און איז נעכטן ביינאַכט, נאָכן זוימען זיך אַ פּאָר שעה אין דאָרף, צוריקגעקומען. ער זעט איצט אינגאנצן אַנדערש אויס. די האָר אָפּגעשוירן און דער קאָפּ איז גאָלנאַקעט. אָפּגעשוירן, זאָגט ער, האָט אים אַ היימישער פּויער, דאָ נישט ווייט פון דאַנען, פאלטין.

מיר נעמען אים אויספרעגן און ער דערציילט, אַז אין אַ שכנותדיק הייזל וווינען צוויי פויערישע פאַמיליעס — די וואצעקס און די פאלטינס. די לעצטע טעג באַהאַנדלען זיי אים זייער גוט, זיי גיבן אים צו עסן, זופּ מיט אַ סך ברויט, זיי זענען אים „גוטע פריינט", זיי הייסן אים זיך אויסהיטן, ער זאָל גוט אכטונג געבן און זען איבערצולעבן, ווייל די מלחמה וועט שוין לאַנג נישט דויערן און די „רוסקע" וועלן באַלד אַהערקומען, זיי ווייסן דאָס אויף זיכער, נאָר זיי בעטן, ער זאָל קיינעם דערפון נישט דערציילן.

קוניאק זאָגט, אַז זיי ווייסן טאַקע אַסך סודות. זיי האָבן אים איבערגעגעבן, אַז די „רויטע", די „באָלשעוויקעס", האָבן דעם לעצטן אַפּריל, דעם צענטן, אין אַן אָפענסיווע ארויסגעטריבן די דייטשן פון אָדעס און זיי וועלן מסתמא באַלד אַהערקומען. ער דערציילט אויך, אַז אין דאָרף ריכט מען זיך טאַקע שוין אויף די רוסן. אומעטום באַהאַנדלט מען אים איצט אַביסל בעסער. נאָר אַזוי פיל ווי וואצעק און פאלטין האָבן זיך לעצטנס געענדערט צו אים, צום גוטן — אַזויפיל קיינער נישט און אין ערגעץ נישט.

— יאָ, — זאָגט ער — זיי האָבן טאַקע מורא פאַר די רוסן און דעריבער באַהאַנדלען זיי מיך איצט אַזוי גוט.

אַ סימן האָט ער אויך, קוניאק : פאלטין האָט אים נעכטן ביינאַכט, נאָך דעם ווי ער האָט אים אָפּגעשוירן — אָנגעזאָגט, אַז אויב די „רויטע" וועלן אים שפּעטער פרעגן ווי אַזוי ער האָט איבערגעלעבט, זאָל ער דערציילן, אַז ער, פאלטין, און זיין שכן וואצעק האָבן אים מיטגעהאָלפן. אויף זיכער זאָל ער אַזוי זאָגן, קוניאק. די פאלטינאַווע האָט געבעטן ער זאָל זאָגן, אַז אויך איר פאָטער, מאַטשושאַק, האָט אים פיל גוטס געטון, ווייל ער, איר פאָטער, איז זייער אַ גוטער, ער האָט ליב יידן, נאָר ער איז נעבעך אַ נערוועזער מענטש, דעריבער איז גלייכער נישט צו גיין צו אים, אָבער אַ גוטער מענטש, אַ גוטער, איז ער.

קוניאק האָט אויף דער פּלייצע מיטגעבראַכט כמעט אַ האַלב זעקל מיט ברויט צענרליקער שטיקלעך — פארדאַרטע, פארהאַרטעוועטע און פאַרשימלטע. נאָכן אָפּשערן איז ער שנעל געלאָפן אין וואַלד, אין זיין נאָרע, געכאַפּט דאָס ברויט אין זעקל און ניך געקומען מיט דעם צולויפן. ער איז אונז דערמיט מכבד :

— „מיר זאָלן זיך נישט שעמען און עסן"...

— ס'איז מיר געווען לייכט צו טראָגן... — לאַכט ער — ס'איז מיר געוואָרן

גרינגער אויבן קאָפּ. פּטור געוואָרן מיטאַמאָל אַזוי פיל לײַז צוזאַמען מיט די לאַנגע האָר...

ער עסט איצט מיט אַפּעטיט דאָס ברויט און באַרויִקט אונז, אַז מיר זאָלן זיך נישט זאָרגן, מיר וועלן נישט הונגערן, אַז מען וועט דאַרפֿן, וועט ער אָפּט ביינאַכט אַרויס און ברענגען פֿריש ברויט.

13־טער מאַי, פֿאַרנאַכט :

איך בין קראַנק און דאַכט זיך מיר, אַז ערנסט.

שוין באַלד דרײַ וואָכן ווי אַ היץ ברענט אין מיר. כ׳האָב זיך נאָך קיינמאָל אין מײַן לעבן נישט געפֿילט אַזוי מאָדנע ווי איצט. דערצו הוסט איך און שפּײַ אָפּט פֿון טיף אינעווייניק.

ווער ווייסט, צי ס׳איז נישט קיין טובערקולאָז ? כ׳האָב דאָס געפֿיל, אַז יאָ. כ׳בין זייער מיד און איך שווײַג. איך פּרוּוו דאָס אויסצובאַהאַלטן פֿאַר זיי, איך וויל נישט, אַז זיי זאָלן האָבן עגמת־נפֿש, אָבער אויך זיי דערקענען אין מיר, אַז איך בין קראַנק. די אויגן בײַ מיר, זאָגן זיי, בלישטשען מיט אַ פֿיבער־פֿײַערל און די בלאַסע באַקן, פֿינקלען מיט רויטע פֿלעמעלעך.

איך זאָג, אַז עס איז גאָרנישט. ס׳איז אַ קלײנע פֿאַרקילונג, אַ ציטווײליקע, וואָס וועט באַלד פֿאַרבײַגײן. זיי זענען אָבער שטאַרק איבערגעשראָקן און נעמען דאָס אָן פֿאַר אַן ערנסטער קראַנקהייט. זיי זאָגן דאָס נישט, אָבער לויט ווי זיי קוקן מיך אָן, זע איך, אַז אויך זיי זענען חושד, אַז עס איז טובערקולאָז. באַזונדערס, שרעקן זיי זיך פֿאַר מײַן הוסט. איך הוסט אפֿילו נישט הויך, ס׳איז נישטאָ קיין געפֿאַר מען זאָל אין דרויסן הערן, אַז עס הוסט ווער אין שטאַל. איך באַמי זיך אויך שטענדיק, ווען איך פֿיל, אַז אַ הוסט דרישעט מיך אין האַלז — אַ־אָפּצושפּרינגען פֿון דער וואַנט און אַרײַנהוסטן אין לאָך אַרײַן, אַזוי, אַז אין דרויסן וועט מען נישט הערן, אָבער טאַקע דאָס קלײנע הוסטעלע שרעקט זיי נאָכמער און זעט זיי אויס צו זײַן פֿאַרדעכטיקט, אויך איך שרעק זיך דערפֿאַר. דאַכט זיך מיר, אַז בײַנאַכט הער איך אַטהדלן וויינען און ווי צפּורהלע באַרויִקט זי.

יאָ, זעט אויס, אַז ס׳איז חלילה אַ מיאוסע קראַנקהייט. אויך דעם אַפּעטיט האָב איך פֿאַרלוירן. קיין שום עסנוואַרג וואָלט מיר איצט נישט אָנגעשמעקט, אַפֿילו אַביסל מילך נישט. איצט, ווען כ׳שרײַב די שורות, זיצט קוניאַק אין אַנטקעגנדיקן ווינקל איז שטאַל און עסט קיין עין־הרע געשמאַק, מיט אַפּעטיט דאָס ברויט פֿון זעקל, איין שטיקל נאָכן אַנדערן. עס קנאַקט אים צווישן די ציין און — מיך איבלט, איך פֿאַרשטיי נישט ווי מען קאָן עסן.

מעגלעך, אַז ער פֿאַרשטייט מײַנע געדאַנקען. ער קוקט מיך אָן און שמייכלט. איך זאָג אים : „מיט אַ גוטן אַפּעטיט” !

14־טער מאַי:

די לעצטע נאַכט האָבן מיר געהאַט אַ שפּאָר ביסל אומזיסטע שרעק.

צפורהלע האָט פונקט געהאַט וואַך אויבן אין שטאַל, אויפגעוועקן און זיך איינגעהערט אין דער אַרומיקער פינצטערניש. מיר אַלע, די איבעריקע פינף, זענען געלעגן צוזאַמענגעטוליעט אין גרוב און געשלאָפן. פלוצים האָט אונז צפורהלע אויפגעוועקט און אַ דערשראָקענע אַריינדערציילט, אַז זי האָט מורא, זי ווייסט נישט וואָס עס איז, נאָר מען הערט אַ געדיכט רוישעניש אין שטאַל, ווי עס וואָלט ווער, אַ פרעמדער, דאָ געווען. מיר זענען געבליבן זיצן שטיל, זיך איינגעהערט און באַלד האָט טאַקע האַסטיק גענומען רוישן איבער אונז ווי ס'וואָלט ווער אומפאָרזיכטיק זיך געשאַרט. מיטאַמאָל האָבן מיר דערהערט עטלעכע קלעפ אין די ברעטלעך איבערן דאַך פון אונזער גרוב. באַלד האָט עס זיך פון דאָסניי איבערגעחזרט, ס'איז דערנאָך געוואָרן שטיל אויף אַ וויילע און דאָס רוישעניש, ווי עס וואָלט זיך ווער געשלייכט ממש איבער אונזערע קעפ, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן.

צפורהלע איז אין איין שרעק אַריינגעקראָכן אין באַהעלטעניש און איך האָב זיך פאָרזיכטיק אַרויסגעדראַפעט פון לאָך. כ'בין געבליבן ליגן מיט אָנגעשפיצטע אויערן און כ'הער ווי דאָ, ממש אונטער מיין נאָז, שאַרט זיך ווער. ער קלאַפט בסדר אין די ברעטלעך לעבן וועלכע איך זיץ. כ'האָב ציטערנדיק אויסגעשטרעקט די הענט פאַר זיך, זיי געשפרייט אין דער געדיכטער פינצטערניש, געטאַפט און געזוכט אויף דער ערד און אין חלל — כ'האָב גאָרנישט דערשפּירט. דאָס רוישן דויערט אָבער. כ'האָב זיך אויסגעצויגן און מיט די הענט גענומען פאָכען אין אַלע זייטן. גאָרנישט, אויף גאָרנישט שטויס איך זיך אָן ! דאָס קלאַפעריי ווערט שטאַרקער. ס'איז דאָ ממש לעבן מיר. כ'שטעק אַריין דעם קאָפ אין לאָך. די חברה ציטערט. כ'הער אַזש ווי ביי אייניקע פון זיי קלאַפט אַ צאָן אין אַ צאָן.

— וואָס קאָן דאָ זיין ?

זיי ווייסן נישט.

— ס'איז אפשר אַ מענטש דאָ דערלעבן ? — זאָגן זיי.

אינעווייניק הערט מען, נאָך בולטער דאָס רוישן. איך צי צוריק אַרויס דעם קאָפ, הער זיך ווידער איין און — ס'רודערט זיך אַלץ. כ'האָב אויף אַלע פיר גענומען קריכן איבער דער שטאַל און געשאַרט פאַר זיך מיט די הענט, געוואָלט עפעס אָנטאַפן. כ'בין געקראָכן פון איין ווינקל אין צווייטן, אויסגעמאָסטן די שטאַל אין דער לענג און אין דער ברייט, און אויף גאָרנישט אָנגעטראָפן. כ'האָב זיך אויפגעשטעלט און אויסגעטאַפט אַלע פיר ווענט, זיך איינגעהערט ביי די שפאַרעס, אָבער אויסער דעם גערויש פון דער מיט שטאַל, האָב איך גאָר קיין שום אַנדער ווידערקול נישט געהערט. כ'בין געוואָרן פאַרצווייפלט פון שרעק, נאָך אַ ביסל אויבן געקראָכן און — אַ רעזיגנירטער אַראָפגעלאָזט זיך אין גרוב אַריין.

די חברה שוידערט פון אַן אינערלעכער קעלט. מיר ווייסן נישט וואָס צו טון. פרוימאַן איז אַרויסגעקראָכן און איבערגענישטערט די גאַנצע שטאַל, געזוכט איבער די ווענט און איז אויך אַ רעזיגנירטער, נאָכמער איבערגעשראָקענער, צוריקגעקומען.

וואָס טוט מען זיך פאַר אַן עצה ?

מען ווייסט נישט וואָס צו קלערן. מיר דערמאָנען זיך, אַז די קראָליקלעך פעלן,

נישט איך און נישט פרוימאַן האָבן זיי אָנגעטראָפן ביים זוכן. מיר קריכן נאָכאַמאָל בײדע צוזאַמען אַרויס — ניין, זיי זענען טאַקע נישטאָ! זיי זענען פאַרשווּנדן! הייסט עס דאָך, אַז אַ גנבֿ איז דאָ געווען און זיי צונעגנבֿעט! — יאָ, געוויס אַ גנבֿ! האָט ער דאָך אונז זיכער אונטערגעהערט?!

אָבער פאַרוואָס הערט מען נאָך איצט אויך דאָס רוישן און קלאַפּן? — איז ער נאָך ערגעץ דאָ?

מיר האָבן פאַרשטאָפּט איבער זיך דאָס לאָך און אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר אַזוי געזעסן אין איין שרעק. דאָס רודערן זיך איבער אונזערע קעפּ האָט נישט אויפגעהערט. אָנצינדן אַ ליכטל אין גרוב האָבן מיר מורא געהאַט, זענען מיר געזעסן אין דער פינצטערניש. ערשט פאַרטאָג איז געוואָרן שטיל. מען האָט מער גאָרנישט געהערט. אַ לאַנגע צייט זענען מיר נאָך אַזוי געזעסן פאַרמאַכט. מיר האָבן מורא געהאַט זיך צו רירן פון די ערטער און אַרויסקריכן. נאָך עטלעכע שעה בין איך אַרויף און —— וואָס איז דאָס? די קראָליקלעך זענען ווידער דאָ!

איך דערצייל דאָס דער חבֿרה. פרוימאַן איז אויך אַרויס און מיר האָבן גענומען זוכן אַ באַשייד צום רעטעניש. אפשר האָבן זיי, די קראָליקלעך, ערגעץ אַן אָרט זיך צו פאַרשטעקן? —

מיר האָבן געזוכט און געזוכט און ענדלעך געפונען אַ קליין שמאָל לעכעלע אין דער ערד, אין דעם באָדן פון שטאַל. פרוימאַן שטעקט אַריין די האַנט — ס'איז זייער טיף! מען האָט זיך גענומען גראָבן און — מיר האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ שמאָלן קאַנאַל. מען האָט געגראָבן ביז דער ענדע. דער קאַנאַל האָט געפירט ביז אויף די ברעטער, האַרט איבער אונזערע קעפּ, דאָס הייסט —— כמעט אַ מעטער אין דער טיף פון דער ערד. דאָרט, אויף אונזער דאַך, האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַן אויסגעבעטער ווייכער נאָרע און, קיין עין־הרע, — אַ „שמחה“, —— אַכט שטיק קליינע קראָליקלעך ליגן אויפן ווייכן היי... אַנגאָרע ווייסע שיינע באַשעפענישלעך.

פון דער שרעק האָט זיך גאָר אויסגעלאָזט אַ „מזל־טובֿ“...

מיר האָבן פון אונטן אַרויפגערופן די חבֿרה. אַלע האָבן באַטראַכט די נייגעבוירענע חיהלעך. פון דער ווייטנס האָבן די גרויסע קראָליקעס מיט שרעק זיך צוגעקוקט צו אונזער אָנפאַל אויף זייער פרידלעכער היים. פרוימאַן האָט געפּסקנט, אַז מען מוז זיי געבן „עקסמיסיע“ פון איבער אונזערע קעפּ, ווייל דער קאַנאַל קאָן נאָך גורם זיין אַן אומגליק חלילה בעת אַן אָבלאַווע. מיר האָבן זיי איינגעאָרדנט אַ נאָרע אין אַ ווינקל פון שטאַל, אַריבערגעטראָגן אַהין דאָס קליינוואַרג און דעם קאַנאַל צוזאַמען מיט דעם וואָס מיר האָבן אויסגעגראָבן — שנעל פאַרשים.

15־טער מאַי :

פון נעכטן אָן זענען מיר זייער באַאומרואיקט. מיר זענען ווידער, דאַכט זיך, אַנטדעקט !

נאָכמיטאָג, בעת צפורהלע האָט פונקט אַרויסגעקוקט פון דער וואַנט אַנטקעגן דער פעלקאָוועס כאַלופּע, האָט זי מיטאָמאָל דערזען ווי אַ יונג מיידל אַנטלויפט דאָרט געהיימניספול פון דער פאָדערטיר פון הייזל. זי האָט נישט באַוויזן צו באַמערקן ווער דאָס מיידל איז געווען, זי האָט נאָר געזען ווי אויף דער טיר הענגט, צוגעשפּילעט, אַ ווייס באַשריבן צעטעלע. זי האָט דאָס אונז דערציילט. מיר זענען אַלע, איינער נאָכן אַנדערן, אַרויפגעקראָכן אויף דער וואַנט, אַרויסגעקוקט, און אויף דער פעלקאָוועס טיר האָט טאָקע געהאָנגען אַ קליין ווייס שטיקל פּאַפּיר, ווי אָן אויפגעקלעבטע מודעה. מיר האָבן נישט געוווסט, וואָס עס איז, אָבער געפילט, אַז עס איז עפּעס נישט קיין גוטס. מיר זענען געוואָרן אומרואיק. שפּעטער, ווען פרוימאַן האָט וואַך געהאַלטן פון דער דאָזיקער וואַנט, האָט ער געזען ווי די פעלקאָווע באַטראַכט אָן אויפגערעגטע דאָס צוגעקלעבטע צעטעלע, רייסט עס אַראָפּ און נעמט עס אין קעשענע אַריין. באַלד האָבן מיר געהערט ווי זי שליכט אויף אונזער שטאָל. זי האָט אַ דערשראָקענע אונז דערלאַנגט דאָס שטיקל פּאַפּיר און געפרעגט וואָס עס איז דערויף געשריבן, עס איז מיט אַ שפּילקעלע געווען צו־געשפּילעט צו איר טיר. איך האָב איבערגעלייענט און אַ פייער איז מיר אַרויס אויפן פּנים.

— „פעלקאָוואַ — איז אויפן פּאַפּיר געווען געשריבן מיט גרויסע ווערטער, אין דרוק־אותיות — פעלקאָווע, טרייבט תיכף אַרויס די שמוציקע יידן ! אויב נישט — וועט זיין ביטער!”

די פעלקאָווע האָט זיך אָנגעהויבן ברעכן די הענט, זי איז שנעל אַרויס און אַ דענערווירטע זיך גענומען דרייען איבערן הויף. צפורהלע זאָגט, אַז עס דאַכט זיך איר, אַז דאָס שיקסל, וועלכע האָט אויפגעקלעבט דאָס צעטעלע און איז אַנטלאָפן, איז געווען מארישקע, מאַטשושאַקס טאָכטער. זיכער איז זי נישט, אָבער אַזוי דאַכט זיך איר, זי איז אין אַנטלויפן זייער ענלעך געווען צו מאַרישקען.

פאַרנאַכט, איז ביי אונז געווען די טשאַטקע, זי האָט אונז אַריינגעבראַכט עסן. מיר האָבן איר געוויזן דאָס צעטעלע, איז זי אויך שטאַרק דערשראָקן געוואָרן. זי האָט געזאָגט, אַז זי גייט אויפן דאָרף, בכדי אויסצושנאָפּן די סיטואַציע. אפשר וועט זי זיך עפּעס דערוויסן. אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר ווידער נישט געשלאָפן. דאָס האַרץ האָט אונז פאָרגעזאָגט, אַז עס הייבט זיך אויפסניי אָן עפּעס אומהיימלעכס.

היינט, באַלד אינדערפרי, איז די טשאַטקע צו אונז אַריינגעקומען מיט יאַנעקן.

— ס'איז גאָרנישט — האָבן זיי אונז באַרואיקט. זיי האָבן אין דאָרף קיין שלעכטס נישט אַרויסגעפילט, כמעט מיט אַלע שכנים האָבן זיי גערעדט און

עס וואַרפט זיך נישט אין די אויגן, אַז זיי זאָלן אין עפּעס פאַרדעכטיקן. דאָס צעטעלע ביי דער טיר האָט געמוזט זיין אַ וויץ, אַ שפּאַס פון אַ יונג מיידל. מיר זאָלן זיך נישט שרעקן, ס'איז גאָרנישט!

ווען זיי האָבן גערעדט, האָבן מיר געהאַט דאָס געפיל, אַז אויך זיי זענען באַאומרואיקט, נאָר זיי ווילן זיך נישט צולאָזן קיין שלעכטס.

איצט, מיט אַ שעה צוריק, אַרום האַלב צען אינדערפרי, האָב איך אַרויסקוקנדיק פון דער זעלבער וואַנט דערזען, ווי פון אַ זייט רוקן זיך אַרוים צוויי סילועטן. עס זענען געווען צוויי פרויען: די יונגע סטאַשקאָווע און טאַקע מאַרישקע, מאַטשושאַקס שיקסל. זיי זענען פאַרביגעגאַנגען אונזער שטאַל און אַנטקעגן דער וואַנט זיך פאַרהאַלטן. זיי האָבן מיט געהיימע באַוועגונגען און שושקענדיק זיך אין די אויערן, פאַרדעכטיקט געשמועסט, אָנווייזנדיק כסדר אויף דער שטאַל. כ'האָב געפילט, אַז מען רעדט עפּעס וועגן אונז, אפשר, אַז מיר געפינען זיך דאָ אינעווייניק? דאָס פיבער האָט מיר מיטאַמאָל געשלאָגן צום האַרץ און קאָפּ, ס'האָט מיר גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. כ'האָב זיך פעסט געמוזט אָנהאַלטן אין די לייסטן, מורא האָבנדיק, אַז כ'זאָל נישט אַראָפּפאַלן פון דער וואַנט. מאַרישקע, האָב איך געזען, ווייזט דער סטאַשקאָווען מיט די פינגער אויף דער שטאַל־וואַנט.

אינצווישן איז יאַנעק אָנגעקומען פון דערווייטנס. די סטאַשקאָווע האָט מאַרישקען געצויגן ביים אַרבל און געגעבן אַ צייכן, אַז זי זאָל שטיל בלייבן, ווייל מען גייט. זיי האָבן זיך אויסגעדרייט און פריילעכע גענומען אַנטקעגנלויפן יאַנעקן. מאַרישקע האָט פון הינטן געוונקען צו דער סטאַשקאָווען און געלאַכט הויך אויפן קול ווען יאַנעק האָט מיט איר געטשעפּעט און געשטיפט.

איצט איז יאַנעק געווען ביי אונז. מיר האָבן אים אַלץ דערציילט און ער ווייסט נישט וואָס דערויף צו ענטפערן, ער הייבט מיט די אַקסלען און זאָגט, אַז ער וועט איבערעדן מיט דער טשאַטקען און זיי וועלן דאָ שפּעטער צו אונז אַריינקומען. מיר זענען שטאַרק איבערגעשראָקן.

15־טער מאַי, פאַרנאַכט:

מיר האָבן שוין היינט געהאַט געסט אין שטאַל — טאַקע מאַרישקע, מאַטשושאַקס מיידל און די סטאַשקאָוועס קליינע קינד. די טשאַטקע האָט זיי ספּעציעל אַהער אַריינגעפירט, כדי איבערצוצייגן, אַז קיינער איז דאָ נישטאָ.

מיטאָג־צייט האָט יאַנעק געהאַט אַריינגעשיקט די טשאַטקע. מיר האָבן איר אַלץ דערציילט. זי האָט פאָרגעלייגט, אַז מיר זאָלן זיך אַלע באַהאַלטן אין גרוב, און אויבן פאַרשטאָפּן דאָס לאָך און זי וועט מיט אַן אויסרייד דאָ אַריינרופן מאַרישקען, זי זאָל זען, אַז די שטאַל איז ליידיק. מיר האָבן זיך גוט פאַרמאַכט אינעווייניק און נאָר געלאָזט אין שטרוי פון פאַרשטאָפּעכץ אַ קליינע שפּאַרע אויף לופט. די טשאַטקע האָט אויבן אויך ליכט אָנגעוואָרפן מיט היי און אויפן אָרט פון דער עפענונג אַרויפגעשטעלט אַ דראָטענעם קויש, בכדי מאַרישקע זאָל אַמאָל, ביים ווייזן, מיט אַ פוס נישט אַרויפטרעטן אויפן לאָך און גלייך מיט אים אַריינקריכן אין דער עפענונג. שפּעטער האָט זי אָפּגעזוכט מאַרישקען און איר פאָרגעלייגט צו באַקוקן די קליינע ניי־געבוירענע קראָליקלעך. באַלד האָבן מיר פון דער־

זוייטנס געהערט אַ מיידליש געלעכטער און מען האָט זיך דערנענטערט צו דער שטאַל.

מיר הערן ווי די טשאַטקע שרייט „טרוש, טרוש, טרוש" — זיי קומען אַריין און זי ווייזט מאַרישקען די קליינע באַשעפֿענישלעך. מאַרישקע לאַכט, צערטלט זיי און רעדט זיסע רייד, זי צעגייט זיך שיִר פֿון געפֿילן צו די קראָליקלעך. זי קאָן פֿון זיי נישט אָוועקגיין און בעט, אַז די טשאַטקע זאָל איר פֿאַרקויפֿן כאָטש צוויי שטיק. די טשאַטקע האָט איר געהייסן זיך נעמען צוויי אומזיסט. ביי קיין שכנים, זאָגט זי, וויל זי קיין געלט נישט, נאָר אָט אַזוי געבן אַ מתּנה.

— גוטע שכנהשאַפֿט איז בעסער פֿון געלט.

מאַרישקע האָט זיך דערפֿרייט, געכאַפּט די צוויי קראָליקלעך און גלעטנדיק און קושנדיק זיי — אַנטלאָפֿן. שפּעטער האָט די טשאַטקע פֿאַרקייטלט די טיר, געעפֿנט דאָס לאָך און אונדז געהייסן אַרויסקריכן. איך, אסתּרל און פֿרוימאַן זענען אַרויס. זיי האָבן פֿאַרנומען די אַרויסקוק־פּאָזיציעס און די טשאַטקע לאַכט און דערציילט אונדז, ווי ס'האָט זיך איינגעגעבן דער באַזוך, מאַרישקע האָט מיט די אויגן געגלאָצט אין אַלע זייטן און אויסער פּוסטע ליידיקע ווענט — גאָרנישט געזען.

די טשאַטקע הייסט אונדז בלייבן אויבן, אַליין לויפֿט זי אַרויס און פֿאַרשליסט די טיר פֿון דער אַנדערער זייט. אין עטלעכע מינוטן אַרום הערן מיר ווידער איר קול. זי לויפֿט אַריין, לאַכט און רעדט צו זיך אַליין. זי דערנענטערט זיך צו דער שטאַל־טיר און שרייט:

— טרוש, טרוש, טרוש !

מיר זאָלן קיין מורא נישט האָבן.

זי האָט אויפֿגעשלאָסן און איז אַריין אין טיר מיט אַ קינד אויף דער האַנט.

— טרוש, טרוש, טרוש — שרייט זי הויך און דערציילט, אַז דאָס איז דאָס קינד פֿון דער סטאַשקאָווע. זי האָט עס געכאַפּט פֿון דער מוטערס האַנט אַרויס און געזאָגט, אַז זי גייט עס ווייזן די קליינע קראָליקלעך, בכדי די סטאַשקאָווע זאָל זען, אַז די טשאַטקע האָט נישט קיין מורא „צו פֿירן מענטשן אין שטאַל אַריין". זי הייסט אונדז גוט אַכטונג געבן דורך די שפּאַרעס, צי די סטאַשקאָווע לויפֿט אַמאָל נישט נאָך איהער נאָכן קינד.

פֿרוימאַן קוקט אַרויס און איך און אסתּרל בעטן רחמים, זי זאָל רחמנות האָבן און אַרויסטראָגן דאָס קינד, מיר האָבן פֿאַר דעם מורא, עס קוקט אַזוי אויף אונדז. די טשאַטקע לאַכט און מאַכט פֿון אונדז חוזק : דאָס קינד קאָן דאָך נישט רעדן און עס פֿאַרשטייט נאָך גאָרנישט, ס'איז דאָך קוים אַ האַלב יאָר אַלט. אסתּרל האָט מורא, אַז דאָס קינד זאָל שפּעטער, ביים פֿאַרבייפֿירן עס, נישט ציִען דער מוטער אין שטאַל אַריין. איך האָב אויך מורא, איך ווייס אַליין נישט פֿאַרוואָס, נאָר ס'גרויזלט מיך קוקנדיק אויפֿן קינד. די טשאַטקע לאַכט, אַז מיר זענען משוגעים. זי קאָן אונדז גאָרנישט פֿאַרשטיין, זי האָט דאָ געוואָלט אַביסל לענגער פֿאַרבלייבן מיטן קינד, ווייל פֿון סטאַשקאָס שטוב, פֿון פֿענצטער, קוקן די עלטערן אהער צו דער שטאַל צו. און ס'וואָלט פֿון זיי פֿאַרשווונדן יעדער חשד, אַז עס געפֿינט זיך ווער אינעווייניק, נאָר אַז מיר האָבן מורא — איז נישט. זי טראָגט עס שוין, די מינוט, צוריק אַרויס.

— טרוש, טרוש, טרוש — שרייט זי, זי פארשליסט גיך די טיר און פארשווינדט.

16־טער מאי :

שוין לאנג שטיל געווען ! מיר האבן היינט געהאט א סקאנדאל צווישן דער פעלקאווען און יאנעקן מיט דער טשאטקען. א סקאנדאל, אז כמעט א האלב דארף איז זיך ווידער צוזאמענגעלאפן אויף זייערע בייזע ווונדער. נאך איצט טראגן זיך די געוואלדן ווי ווייט, און ווי שטענדיק זענען מיר אינדערמיט, דער שעיר לעזאזל.

יאנעק האט זיך היינט מיישב געווען, אז עס קומט אים א שטיק פעלד ביי דער שווענגערין און ער וויל עס צוריק. דאס פעלד געהערט צו דער פעלקאווען, זי אקערט עס און פארזייט עס שוין פון לאנגע יארן, עס גרענעצט זיך נאר מיט יאנעקס נחלה. היינט אינדערפרי, בעתן צעאקערן זיין פעלד, האט יאנעק מיטן אקער זיך אויך איינאיינוועגס איבערשפאצירט אויף די שכנותדיקע זאגאנעס, וועלכע, לויט ווי ער זאגט, געהערן צו אים. ביז היינט האט ער דאס בלויז פארשווינגן ווייל פעלעק האט געלעבט און ס'האט אים נישט געארט, אז דער ברודער נוצט אויך עטלעכע זייגע זאגאנעס. אבער איצט איז עס שוין גענוג, דער מרשעת וויל ער עס נישט אוועקשענקען.

די פעלקאווע איז ארויס מיט א געוואלד, אז עס איז א בלבול, ער וויל זי אומגליקלעך מאכן, ס'איז איר פעלד, פעלעק האט עס נאך געקויפט ביים פריערדיקן אייגנטימער פאר דעם נדן, וואס זי האט אים אריינגעבראכט. יאנעק האט זיך אבער נישט וויסנדיק געמאכט און צעאקערט א פאר וווּיטערדיקע זאגאנעס. די פעלקאוועס געוואלדן האבן צוזאמענגערופן פויערים מיט פויערטעס פון אלע פעלדער, זי וויינט, אז אלע גוצן אויס איר שוואכקייט, זי איז א וויסטע, עלנטע אלמנה און האט נישט ווער עס זאל זיך פאר איר אננעמען, באשר יאנעק האט געזען, אז מאטשושאק האט ביי איר צוגענזלט א שטיק פעלד און זי האט זיך נישט געקאנט ווערן, האט ער אויך באשלאסן אויף אזא גזלנישן אופן דערפון צו געניסן. די טשאטקע איז געקומען צו לויפן און גענומען שעלטן און זידלען דער פעלקאווען, פון איר געלאכט און חוזק געמאכט, די פויערים האבן מיטגעלאכט און זי אויסגעפייפט. די געוואלדן, געשרייען און געלעכטערן האבן פארטויבט די לופט, ווי שטיקער געפאר האבן זיי זיך צו אונז געטראגן, און זיך געריסן דורך די שפארעס אין שטאל אריין. מיר האבן שוין פשוט קיין כוח נישט דערצו.

די פעלקאווע וויינט, קלאגט, דראט און יאנעק טוט זיך דאס זייניקע. מאטשושאק שטייט פון דערווייטנס פאר זיין כאלופע, ער לאכט און גיט צו מוט יאנעקן. מיר ווייסן, אז פון אזעלכעס קאן קיין גוטס נישט ארויסקומען, אזעלכע אוואנטורעס גייען דערנאך שטענדיק אויס צו אונז. שוין צו לאנג שטיל געווען! וואס ווילן זיי פון אונז ? זיי אליין צווישן זיך ? ! —

אין דעם, איז די פעלקאווע אנטלאפן צו זיך אין שטוב אריין, דארט געוויינט, און הויך געשריגן, ביז דער עולם איז זיך פונאנדערגעגאנגען. שפעטער איז זי ארויס אין דרויסן און א פארוויינטע אריין גלייך צו אונז אין שטאל.

— יוזשעק ! — האָט זי מיך שנעל אַראָפּגערופן פון דער וואַנט — יוזשעק, זעט אַז יאַנעק זאָל זיך מיט גוטנס אָפּטשעפּען פון מיר, ווען נישט — גיי איך נאָך היינט צו די דייטשן !

צוערשט האָבן מיר געשוויגן. זי האָט דאַן גענומען קלאָגן אויפן קול און רעדן אַזוי הויך, אַז כ'האָב מורא געקריגן, מ'וועט פון דרויסן דערהערן. כ'האָב זי דאַן באַרואיקט, אַז זי זאָל זיך נישט זאָרגן. יאַנעק וועט זיכער צוריקגעבן דאָס פעלד, איך וועל שוין איבעררעדן מיט אים, אַז מען וועט דאַרפן, וועל איך אים געלט געבן — ער זאָל אָפּטרעטן. ווען נישט, וועט זי פון מיר באַקומען באַצאָלט פאַרן פעלד, זי זאָל זיך אָפּקויפן אַן אַנדער שטיקל. זי האָט נאָך געוויינט אַזוי לאַנג, ביז יאַנעק איז געקומען צו לויפן, ער האָט זי פריער געזען אַריינגיין אין זיין שטאַל — האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ביי אונז מוז זיין היימלעך. ער האָט זי געוואָלט אַדורכוואַרפן, האָט זי אויפסניי גענומען שרייען און געדראָט, אַז זי גייט אים און אונז מסרן.

„איצט זענען מיר דאָך ביי אים, איר וועט מען גאָרנישט טון, נאָר אים וועט מען שיסן!”

יאַנעק האָט זיך אויפגערעגט און זי געוואָלט שלאָגן, מיר זענען אַריין צווישן זיי אין דער מיט און קוים אים אָפּגעהאַלטן. עס זענען געוואָרן פרישע געוואַלדן און שרייענדיק זענען זיי ביידע אַרויס.

שפּעטער, איז צו אונז געקומען די טשאַטקע. איך האָב געוואָלט, אַז זי זאָל מאַכן אַ שלום אויף מיין חשבון, האָט זי זיך אַזוי אָנגעצונדן, אַז כ'האָב שנעל אָפּגעהאַקט, זיך צוריקגעצויגן און זיך נאָך געמוזט אַנטשולדיקן. אויך מיט יאַנעקן האָב איך שוין געפּרוווט איבעררעדן, אָבער ס'איז מיט אים אוממעגלעך איינצוטענהן. די פעלקאַווע דרייט זיך אין דרויסן, וויל צו אונז אַריין, האָט יאַנעק צוגענומען דאָס שליסעלע פון דער טיר און לאָזט נישט. דרייען זיי זיך אַלע דריי אויפן הויף און שרייען און געוואַלדעווען. מיר מיינען, אַז מיר ווערן משוגע.

כ'בין דול און מיר פאַלן אַלע פון די כוחות. וואָס ווילן זיי פון אונז האָבן ?

- - כ'איז אונז שוין אַלץ אַזוי שווער און קיין כח איז נישטאָ !

16־טער מאַי, פאַרנאַכט :

איטשע־קוניאַק איז אויס מענטש. ער האָט מורא פאַר דער אַוואַנטורע צווישן אונזערע באַלעבאַטים. הערנדיק, אַז דאָס קומט דאָ אָפט פאָר, פאַרשטייט ער נישט ווי מיר קאָנען עס אויסהאַלטן, ווי אַזוי מיר לעבן צווישן זיי. ער איז נאָך אויך זייער איבערגעשראָקן פון דער געשיכטע מיטן צוגעשפּילעטן צעטעלע אויף דער פעלקאַוועס טיר. אַלץ ציטערט אין אים. מיר דאַרפן זען פון דאַנען צו אַנטלויפן, ראָט ער, און וואָס גיכער. ער האַלט, אַז דאָ זענען מיר נאָך אויסגעשטעלט אויף מער געפאַרן ווי ער אין וואַלד. כאָטש אין וואַלד, איז ער מסכים, וואָלטן מיר שוין פון לאַנג נישט געלעבט.

רעדנדיק וועגן דער געפאַר צו וואַנדערן אין די וועלדער און איבער די דער־

פער — דערציילט ער אונז אָן אַ שיעור גרויליקע געשיכטעס, ווי די פּוילישע באַפעלקערונג פון אַרומיקן געגנט האָט אויסגעראָטן כמעט ביזן לעצטן אויך די איינצלנע ייִדן, וועלכע האָבן זיך דאָ אַרומגעוואַלגערט. יאָ, כמעט ביזן לעצטן, ווייל אויסער ער און די ייִדישע פאַמיליע, געפינט זיך אין די נאָענטסטע דאָרפער און ווישניעווער וועלדער מער קיין איין ייִד נישט ! אַלע זענען זיי געוואָרן געכאַפּט אָדער געמסרט פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. ער ווייסט אַליין נישט די ניסים ווי זיי, די עטלעכע מענטשן, האַלטן זיך נאָך יאָ, גאָט זאָל נאָר ווייטער העלפן. מאָטל, דער ראש פון דער דאָרפער פאַמיליע אין וואַלד, דערציילט אים, איטשען, יעדעס מאָל ווען זיי טרעפן זיך אינמיטן דער נאַכט אויפן אָפּגעשמועסטן אָרט — אין די געדיכטע וועלדער — וועגן די אויסטערלישסטע ניסים וואָס פּאַסירן מיט אים און מיט זיין פרוי און שוואָגער; ווי זיי זענען אָן אַ שיעור מאָל אין די לאַפּעס פון טויט און ווי אַזוי זיי אַנטרונען ממש פון מלאך־המות'ס נעגל. אויך ער, איטשע, איז שוין צענדליקער מאָל געווען פאַרהאַלטן פון סאָלטיסעס און סתם פּויערים און אין דער לעצטער מינוט זיך פון זיי אַרויסגעגליטשט און אַנטלאָפן פון אונטער די הענט. אויך דאָ, אין אונזער דאָרף, איז ער שוין פיל מאָל געכאַפּט געוואָרן פון אַלטע פּויערים, יונגע שקצים און אפילו פון קינדער. זיי האָבן אים שוין מיט לעדערנע פּאַסקעס געהאַט געבונדן די הענט און די פיס און צוגעבונדן צו אַ פּלויט אָדער וואַנט פאַרן האַלז מיט שטריק. ער איז שוין אויך געלעגן געפאַנגען ביי זיי אין קעלערס וואַרטנדיק אויף פּאָליציי, נאָך וועלכער זיי האָבן געשיקט. ער דערציילט די ניסים, ווי ער האָט זיך געראַטעוועט און אַ ציטער גייט אונז אַדורך איבער די לייבער. מיר הערן צענדליקער געשיכטעס וועגן געכאַפּטע ייִדן בשכנות פון אונז — פון מערסטנטייל פאַלן האָבן מיר ביז איצט נישט געוווסט. ניסים, רחמים דאַרפן מיר האָבן !

ער האַלט, אַז ביי אונז איז אַ געפאַר צו זיין, מען וועט זיכער געכאַפּט ווערן. אפילו אויב מיר זענען נאָך ביז איצט נישט אַנטדעקט ! חוץ דעם, איז ער זיכער, אַז איך בין שוין קראַנק אויף טובערקולאָז. ס'איז נישט קיין ווונדער — דאָ אין אַזאַ לאָך, ווו עס שטינקט אַזוי, נאָך פון די בהמות וואָס זענען אַמאָל דאָ געשטאַנען און פון דער נעץ אין גרוב.

— מען קאָן דאָך דאָ נישט אָטעמען !

אַלע, זאָגט ער, וועלן מיר דאָ קראַנק ווערן. ער קאָן שוין איצט נישט אויסהאַלטן פון דער פאַרדומפּנקייט, ער קאָן דעם אָטעם נישט כאַפּן. ניין, מען טאָר דאָ נישט בלייבן !

17־טער מאַי :

מיר לעבן ווידער איבער געפערלעכע שעהן !

אונזער געגנט איז אויפגעקאָכט : מען האָט געכטן פאַרנאַכט פאַרברענט אַ הייזל אין דאָרף ושימנאַ־וואָדאַ. דייטשן האָבן בעת אַן אַבלאַווע דאָרט אין אַ סטאָדאָלע צופעליק אַנטדעקט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער. ס'איז געקומען צו אַ קעגנ־

זייטיקער שיכעריי בשעת וואָס עטלעכע פּאַרטיזאַנער זענען געפאַלן און די איבעריקע זענען אַנטלאָפן. אויך די באַלעבאָסטע פון דער סטאָדאָלע, אַ פּויערטע מיט איר טאָכטער, זענען אַנטלאָפן . די זשאַנדאַרן האָבן אונטערגעצונדן זייער הייזל און די סטאַדאָלע און מען זאָגט איצט פּאָר גרויסע רעפּרעסיעס און רעוויזיעס אין גאַנצן ענגנט. אַלע ציטערן. די פּויערים זענען אויפגעקאָכט קעגן דער פּויערטע פאַרוואָס זי האָט ביי זיך געלאָזט אַ נעסט פון פאַרדעכטיקטע פאַרשוינען. מען דאַרף זי, זאָגן זיי, לעבעדיקערהייט פאַרברענען פאַר אָנמאַכן צרות אַלע שכנים און — „ווער ווייסט צי עס זענען נישט פאַראַן נאָך אַזעלכע וואָס באַהאַלטן אוים פאַרדעכטיקטע לייט". מען מוז זיי אויסרייסן מיטן וואָרצל ! אַליין דאַרף מען זיי אַנטדעקן און אַהערופן די דייטשן, זאָלן זיי זען, אַז דאָס דאָרף טאָלערירט נישט קיין נעהיימע נעסטן. מען דאַרף אַליין זוכן אויף אַלע פאַרדעכטיקטע ערטער און אויסראָטן די פאַרשטעקטע אונטערוועלטניקעס".

— דאָס זענען דען פּאַרטיזאַנער ? — דאָס זענען דאָך יידן, יידישע באַנדיטן, וועלכע באַרויבן סיווּי דאָס האָב און גוטס פון די פּויערים. מען דאַרף אויסזוכן וווּ נאָר ס'איז דאָ אַ ייד און אים אויף שטיקער צערייסן. אַזעלכע באַנדיטן ! נישט נענוג וואָס זיי ראַבירן ביי אונז — מוזן מיר דערצו נאָך ליידן צוליב זיי פון די דייטשן !

יאַנעק און די טשאַטקע גייען אַרום אין איין שרעק. זיי ווייסן, אַז אין דאָרף האָט מען אויף זיי אַן אויג און ווער ווייסט, צי מען קאָן אין אַ ליאַדע.מינוט חלילה נישט זיין אומגליקלעך !

זיי ראָטן אונז, אַז מיר זאָלן דערווייל, אויף עטלעכע טעג, אַוועק אין וואַלד אַריין, אָפּזוכן קוניאַקן און ער וועט אונז שוין ווייזן ווו מען קאָן זיך פאַרשטעקן. שפּעטער, ווען עס וועט שטילער ווערן, וועלן מיר צוריקקומען. מען מוז עס טון, זאָגן זיי, אויך צוליב דער פעלקאַווען, וועלכע דראָט זיי איצט כסדר מיט אונז, ס'איז נישט גוט, מען דאַרף אומבאַדינגט זען עפּעס צו טון !

אַז עס איז שלעכט זעען מיר אַליין דורך די שפּאַרעס.

געזעמלעך פּויערים מיט זייערע פאַמיליעס זאַמלען זיך איצט אין די שכנותדיקע הויפן און אויך ביי אונז און מען דיסקוטירט אויפגערעגט, וועגן נעכטיקן געשעעניש אין זשימנאָ־וואָדאָ און וועגן אומגליק וואָס קאָן זיך נאָך דערפאַר אַראָפּלאָזן אויפן דאָרף.

— „מען מוז עס זען באַצייטנס אויסצומיידן און אַליין באַשטראָפן די שולדיקע !"

קוניאַק זאָגט, אַז אין וואַלד אַריין איז אַ מורא, מען וועט אונז געוויס נאָך אויפן וועג כאַפּן. ס'איז אַ שפּאָר ביסל קילאָמעטער צו גיין אַהין. מיר שרעקן זיך אויך, אַז זיי וועלן אונז שפּעטער דאָ נישט צוריק אַריינלאָזן.

— ניין, גיין אין וואַלד, איז דאָס זעלביקע ווי זעלבסטמאָרד ! מען דאַרף זען אַן אַנדער עצה. אפשר ווייסט ער, איטשע, וועגן עפּעס אַ פּויער צו וועלכן מען וואָלט זיך געקאָנט איבערטראָגן, מאַכן ביי אים אַ באַהעלטעניש פאַר געלט ?

איטשע לאַכט פון אונז. ער רעכנט אויס אַלע שכנים. ער קען זיי גאָר גוט. ניין, קיינער וועט אונז נישט אַריינלאָזן. עס געפינט זיך דאָ נישט אַזאַ איינער, וואָס וואָלט געהאַלטן יידן אפילו פאַר אַ הון רב, פאַר אַ פאַרמעגן אויך נישט.

אויך אין די אַרומיקע דערפער, זאָגט ער, געפינט זיך נישט אַזאַ פּויער. אַלע זענען זיי רשעים און די איינצלנע בעסערע זענען גרויסע פּחדנים. מען טאָר פון דאַנען דערווייל דעם קאָפּ נישט אַרויסשטעקן, עס וועט זיין שלעכט!

— יאָ, אויך דאָ איז נישט גוט. אויב עס וועט קיין אַנדער ברירה נישט זיין, האַלט ער, וועט מען באַרט מוזן גיין צו אים אין זיין וואַלד־בונקער. ער ווייסט אפילו נישט ווי אַזוי מיר אַלע וועלן דאָרט אַן אָרט האָבן. ער האָט לעצטנס, נאָכדעם ווי מען האָט אַנטדעקט זיין פריערדיקע מלינה וווּ ער איז געווען מיט דער מאָשקאָווען, אַ פרישן גרוב, אַ פאַרמאַסקירטן. מער ווי איין מענטש קאָן אין דעם לאָך נישט אַריין, אַ גרעסערער גרוב וואָלט זיך גלייך געוואָרפן אין די אויגן.

ס'איז נישט קיין אויסוועג!

איך פרעג אים נאָכאַמאָל וועגן זיינע באַקאַנטע פּויערים, די איינצלנע „נישט שלעכטע". ער רעכנט זיי מיר אויס אויף די פינגער, אָבער — „ס'איז נישטאָ וואָס צו רעדן, זיי וועלן בשום אופן נישט וועלן אפילו בלויז הערן דערפון".

אסתּרל דערמאָנט מיך, אַז נאָך פּעלעק האָט אונז אַמאָל געהאַט דערציילט וועגן אַ פרוי פון אַ גנב אין אונזער דאָרף, וועלכע וווינט איצט איינע אַליין אין אַ כאַלופּע, ווייל איר מאַן האָט מען געכאַפּט און אַוועקגעשיקט אויף צוואַנגסאַרבעט קיין דייטשלאַנד. אויף איר, פלעגט ער, פּעלעק זאָגן, אַז זי איז אַ דרייסטע אומדערשראָקענע, נאָך מער ווי אַ מאַן און זי האָט ליב צו פירן געהיימע געשעפטן. אפשר צו איר, צו דער גנבטע? די מאַלטשעווסקין הייסט זי. אפשר זאָל איך אין מיטן דער נאַכט דאָרט זיך אַריינגנבענען און מיט איר איבעררעדן? מען קאָן עס מאַכן דורך אַן אויפּטו, אַזוי אַז זי זאָל זיך נישט אָריענטירן וווּ מיר זענען איצט?

קוניאַק שמייכלט ווידער, ער קען זי גוט, די מאַלטשעווסקי, זי האָט אים שוין פיל מאָל אויך אַ שטיקל ברויט געגעבן, אָבער — ס'טויג נישט! ערשטנס, זוכט ביי איר בסדר די פּאָליציי, והשנית — מיט איר איז אַ מורא אַריינצוגיין אין אַ מסחר, אפילו אויב זי זאָל שוין מסכים זיין אונז צו נעמען צו זיך, ווייל זי איז פאַרבונדן מיט דער גאַנצער אונטערוועלט און האָט אַ סך ליבהאָבער צווישן זיי. ביי איר אין שטוב מוז זיין זייער „שטאַב", זי וועט זיי זיכער דערציילן וועגן אונז און זיי אַליין וועלן אונז נאָך דערמאָרדן בכדי צו באַרויבן, צוצונעמען אונזערע זאַכן; זיי קאָנען אונז אין געהיים אָפּרוימען, פּטור צו ווערן מיט איינמאָל פון אונז, פון דער לאַסט. וואָס רעדן טוט מען זיך פאַר אַן עצה?!

מיר זענען שטאַרק פאַרצווייפלט!

⁂

קוניאַק קאָן זיך דאָ קיין אָרט נישט געפינען. ער איז זייער איבערגעשראָקן. צי טראַכט ער אַוועקצוגיין, נאָר עס פּאַסט אים נישט צו זאָגן? — איך וואָלט אים איצט אַליין פריי געלאָזט און אויב עס וועט זיך באַרויקן, זאָל ער צוריקקומען. ס'איז אים אָבער נישט אַנגענעם. ער האָט זיך אין די פּאָר טעג צו אונז צוגעוווינט, זיך מיט אונז איינגעלעבט און ער פילט זיך צווישן אונז גוט. ער זאָגט, אַז דאָס אומגליק וואָס איז געשען איז צוליב זיין הצלחה — נישט באַשערט אים אַ פּאָר רואיקע טעג. ער פילט זיך ביי אונז ווי אין אַ משפחה־נעסט און ער דאַנקט גאָט, וואָס ער זעט נישט די פּויערים, אפילו די גוטע צווישן זיי.

יאָ, ער איז צופרידן וואָס ער דאַרף זיי מער נישט זען. אפשר אויך דערפאַר וואַרפט ער אָפ מיין פאָרשלאַג, אַז ער זאָל מיט מיר ביינאַכט גיין צו זיינע בעסערע פויערים, איבערצורעדן מיט זיי, אפשר וועט זיך דאָך עפעס לאָזן מאַכן. ער לאָזט נישט צו צו דעם געדאַנק און מעגלעך, ער האָט מורא, אַז שפעטער וועלן זיי אים אויך נישט אַריינלאָזן — פאַר פאַרמיטלען און פאַרלייגן זייערע געפערלעכע עסקים.

איך הער נישט אויף צו אים צו רעדן און בעטן, אַז ער זאָל זיך דערמאָנען כאָטש אין איין לייטישן פויער, מען וועט צו אים צוזאַמען גיין און אויב ס'וועט זיך איינגעבן, וועט עס דאָך זיין אַ ישועה אויך פאַר אים. מען וועט דאָרט מאַכן אַ גוט באַהעלטעניש און מען וועט זיך גוט אויסהיטן, וועט עס קיינעם נישט זיין פאַרדעכטיקט. מיר וועלן דאָרט רואיק קאָנען לעבן, ס'וועט זיין שטיל און מען וועט זען, אַז דער פויער זאָל קאָכן גוט עסן. מיר וועלן אַלע ממש אויפלעבן.

קוניאַק קוקט מיך אָן: איך קען נישט די פויערים, זאָגט ער, דעריבער גלויב איך, אַז עס וועט זיך איינגעבן אַזאַ אָרט צו געפינען. דאָך טוט ער מיר צוליב און רעכנט נאָך אַמאָל אויס די נעמען פון די געציילטע „גוטע” פויערים. ער שילדערט זייער כאַראַקטער, זייערע משפחות, זייערע כאַלופעס, קאַמערן, שייערן, שטאַלן, די דערפער, די הויפן און די שכנים.

ס'טויג נישט. אויך איך אַליין גלויב שוין נישט, אַז מען קאָן ביי זיי עפעס אויפטון, אומעטום צוליב אַנדערע סיבות אָדער חסרונות, ס'רוב — צוליב די שכנים מיט וועלכע זיי וווינען ענג צוזאַמען און ס'וועט אוממעגלעך זיין זיך אויסצוהיטן (אפילו אויב דער פויער זאָל שוין באַשטיין). ניין, אוממעגלעך אויף די אַלע ערטער!

קוניאַק דערציילט מיר בסוד וועגן איין גוטן פויער, שובע, וואָס וווינט אָפגעזונדערט, זיין כאַלופע איז אַ קאָלאָניע צווישן צוויי דערפער. ער וווינט דאָרט אַליין מיט זיין באַבע און אַ קליין שגצל פון אַכט יאָר. שובע לאָזט אים אַ סך מאָל אַריין נעכטיקן אין שייער און דערפאַר העלפט ער אים מיט אין דער אַרבעט. ער דרעשט אים די תבואה אין דער פאַרמאַכטער סטאָדאָלע. כאָטש דאָרט קומט קוינער נישט אַריין — מוז מען זיך דאָך אויסהיטן פאַר שובעס אַ בייזן שכן, וואָס וווינט דערלעבן אין אַ קאָלאָניע, סך־הכל אפשר אַ פופציק מעטער בשכנות פון אים.

ער, שובע, און אויך זיין ווייב זענען גוטע, די בעסטע פון אַלע אַנדערע, וועלכע ער קען. זיי גיבן אים אויך, ווען ער אַרבעט ביי זיי, עפעס אָפצועסן. אָבער — אַריינלאָזן יידן, לאָזן מאַכן ביי זיי אַ באַהעלטעניש — פון דעם זאָל איך נישט טראַכטן. זיי וועלן נאָך בייז זיין, ווען מען וועט זיי דאָס פאָרשלאָגן. שובעס ווייב איז אַ גרויסע פחדנטע, אַ שטאַרק איבערגעשראָקענע און דערצו זענען זיי נישט קיין אָרימע־לייט, זיי וועלן נישט זיין קיין בעלנים אפילו אויף געלט און באַלוינונג.

ניין, ער, איטשע, האַלט, אַז עס איז אַן עבירה אַהין צו גיין, מען וועט גאָרנישט פועלן, אַן אַרויסגעוואָרפענער וועג, ס'איז אויך נישט נאָענט פון דאַנען, ס'איז אַכט קילאָמעטער. אָבער — נישט מער, אַז איך האָב זיך דווקא איינגעעקשנט און וויל, אַז ער זאָל מיך אַהינפירן, פרוּוון רעדן — נו, וועט ער עס טון, כאָטש ער זאָגט נאָכאַמאָל, ער ווייסט, אַז מען וועט גאָרנישט אויפטון, נאָר אַז איך וויל, וועט ער מיט מיר אַהינגיין. ער קאָן מיט מיר גיין נאָך היינט, אינמיטן דער נאַכט.

18־טער מאי :

עס קומט אונז אַ מזל־טוב !

איך בין די נאַכט געווען מיט קוניאַקן ביי שובען, מיט אים איבערגערעדט און — זאָל עס זיין מיט מזל ! כ׳קאָן עס זיך גאָר אַליין נישט גלויבן. שובע איז באַשטאַנען, אַז מיר זאָלן ביי אים אין שייער מאַכן אַ באַהעלטעניש !

אָ, רבונו של עולם, מיר דאַנקען און לויבן דיך ! הלואי זאָל עס זיך איינגעבן, ער זאָל, חלילה, קיין חרטה נישט האָבן, ווי גליקלעך מיר זענען !

נעכטן אַרום עלף ביינאַכט האָבן מיר ביידע, איך און איטשע, זיך אַרויסגעקריגן פון שטאַל און אַריין אין אָלשינעם וועלדל. ער האָט מיך עטלעכע שעה געפירט צווישן וועלדער, אויסגעמיטן דערפער און אַרום צוויי אַ זייגער זענען מיר אָנגעקומען צו שובעס קאָלאָניע.

דער וועג — כ׳האָב נעגלויבט, אַז כ׳וועל אים נישט דורכמאַכן ! כ׳האָב קיין טריט נישט געקאָנט שטעלן. כסדר האָב איך געמיינט, אַז כ׳פאַל אַנידער. אַלע האַלבע שעה האָבן מיר זיך געמוזט אָפּרוען. די פיס ווילן מיך נישט טראָגן. כ׳וואָלט עס זיכער נישט אויסגעהאַלטן, ווען נישט די שרעק און דער אימפּעט, וועלכע האָבן מיך אין דער פינצטער־ניש אונטערגעיאָגט. איטשע איז געלאָפן און כסדר אויף מיר געמוזט וואַרטן. כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳וועל חלשן ! עפּעס אַ געהיימע, אינערלעכע קראַפט האָט מיך געשטאַרקט. אַרום צוויי אַ זייגער זענען מיר צוגעקומען צו דער קאָלאָניע. אַ הונט האָט אונז מקבל פנים געווען מיט אַ בייז בילעריי. כ׳האָב מורא געהאַט, אַז ער זאָל אונז נישט פאַראַטן פאַר דעם שכן פון דער צווייטער קאָלאָניע אָדער סתם פאַר געהיימע „נאַכט־געשפּענסטער”. איטשע האָט אים איינגענומען :

— שטיל, שטיל, מאָרוואַ, דאָס בין איך, קוניאַק !

ער איז צו צום הונט, אים געגלעט איבער דער פעל. דער הונט האָט גענומען וואָרטשען, דרייען מיטן עק און אים לעקן איבער די שיך און הענט ביז ער האָט זיך איינגעשטילט. מיר האָבן זיך צוגעשאַרט צום פענצטער. איך האָב זיך פאַרשטעקט הינטער דער וואַנט און איטשע האָט שטיל אָנגעקלאַפּט.

— ווער איז ? — האָט זיך דערהערט אַ קול פון אַ באַבע — ווער איז ?

— איך, קוניאַק, קוניאַק !

אין אַ רגע אַרום איז אַ האַלב־נאַקעטער פויער אויסגעוואַקסן הינטער דער שויב.

וואָס איז, צום טייוול, איצט, אין מיטן דער נאַכט ?

— עפּנט — האָט קוניאַק געבעטן — אַ וויכטיקע, אַ דרינגנדיקע זאַך, כ׳וועל באַלד זאָגן.

— צום טייוול — האָט דער פויער געבורטשעט — וואָס איז ?

— עפנט, גאָר נויטיק, כ׳זאָג באַלד.

אין אַ מינוט אַרום האָט זיך די טיר געעפנט. איטשע האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ האַנט און געשלעפּט הינטער זיך.

— ווער איז דער ? — האָט זיך דער פויער אין דער טיר דערשראָקן.

— אַן אייגענער — האָט איטשע געזאָגט — ער האָט גאָר וויכטיקס פאַר אייך.

— כ'דאַרף מיט אייך רעדן, עפּעס גאָר אינטערעסאַנטס — האָב איך דעם פּויער דערלאַנגט די האַנט.

מיר זענען אין דער פֿינצטער אַריין אין אַ שטוב און זיך אָנגעשטויסן אויף ליידיקע מילך־קאַנען, וואָס האָבן זיך צעקלונגען.

— וואָס איז? — איז דאָס ווייב, אין העמד, אונז אַנטקעגן געלאָפֿן.

— עפּעס איינער אַ פּאַרשוין וויל מיט אונז רעדן — האָט דער פּויער געהויבן מיט די אַקסלען.

— כ'וויים נישט, פֿאַרדריי נישט דעם קאָפּ! — האָט די פּויערטע, איבערגעשראָקן, זיך גענומען בייזערן אויפֿן מאַן.

— זאָל מען פֿאַרהאַנגען די פֿענצטער און עפּעס אָנצינדן, כ'וויל אייך גאָר וויכטיקס זאָגן, האָט נישט קיין מורא — האָב איך געבעטן.

דער פּויער מיט דער פּויערטע האָבן געבורטשעט און מיט קאָלדרעס פֿאַרהאַנגען די פֿענצטער.

באַלד האָבן זיי אָנגעצונדן אַ נאַפֿט־לעמפּל און ס'איז געוואָרן ליכטיק.

איך קוק זיך אַרום — אַ גרויסע שטוב מיט ווייס־געקאַלכטע ווענט. אַביסל דאָרפֿיש מעבל. די באַלעבאַטים שטייען אין מיטן, האַלב־נאַקעט, און באַטראַכטן מיך צעשראָקן. דער פּויער — אַ קליינער, ברייט־פּלייציקער מיט אַ בלאַס פּנים אויף וועלכן מען זעט בלויז אַ פּאָר לאַנגע, האַלב־גרויע וואָנסעס, וואָס רינגלען אַרום דאָס מויל און אויבן — אַ פּאָר קליינע שאַרפֿע אויגעלעך. די באַלעבאָסטע — אַ רונדיקע גויע מיט פֿולע רויטע באַקן און טיף אַריינגעזעצטע, קעצישע אויגן. זיי שטייען פֿאַרשלאָפֿענע אין די אונטער־וועש און קוקן מיר אין מויל אַריין. כ'האָב צו זיי געשמייכלט און זיך נאָכאַמאָל באַגריסט.

ביידע זענען שנעל אַריין אין בעט און מיך ווידער אומרואיק גענומען באַטראַכטן.

— וואָס איז, קוניאַק? — האָבן זיי זיך, צעטומלט, געווענדעט צו אים.

איך האָב זיי אָנגעהויבן דערציילן, אַז מיר זענען עטלעכע ייִדן פֿאַרשטעקטע אין די ווענגראָווער וועלדער. מיר האָבן געלט מיט גאָר גוטע זאַכן. די מלחמה ענדיקט זיך שוין באַלד און מיר ווילן איבערלעבן. מיר זענען אומשולדיקע מענטשן. אויך עטלעכע יונגע פֿרויען זענען מיט אונז, כמעט נאָך קינדער. וואָס האָבן מיר דען געזינדיקט, פֿאַרוואָס קומט אונז דער טויט? מיר ווייסן, אַז זיי זענען גוטע, גאָטספֿאָרכטיקע לייט, מיר וועלן זיי באַצאָלן, אַלץ וואָס מיר האָבן — אָוועקגעבן. גאָט וועט זיי אויך באַלוינען. אָט זע איך, אַז זיי ליגן אונטער רויט בעטגעוואַנט, נישטאָ מיט וואָס עס איבערצוציען, איך וועל זיי געבן ציכלעך מיט גרויסע ציכן, אויך פֿאַר דעם קינד, וואָס ליגט דאָרט אין צווייטן בעט, וועל איך געבן גוטע זאַכן. זאָלן זיי אונז ביי זיך פֿאַרשטעקן. זיי וועלן גאָרנישט היזק האָבן, קיינער וועט דערפֿון נישט וויסן. דאָ, אויף דער קאָלאָניע קומט מען דאָך נישט זוכן. זאָלן זיי אויף אונז רחמנות האָבן. איך וועל זיי גוט באַלוינען און דער פּאַן בוג וועט זיי אויך דערפֿאַר העלפֿן.

די פּויערים זענען געבליבן ליגן צעטומלט, זיך נישט געריכט, פּלוצים אין מיטן דער נאַכט, אויף אַזאַ מעשׂה גאָר. די פּויערטע האָט זיך איבערגעצלמט, אָפּגעשאָקלט און אַ צעחושטע גענומען שרייען צום מאַן, אַז ניין, זי וויל נישט, זי

וויל דערפון נישט הערן! דער פויער האָט זיך געריבן אין שטערן, געקוועטשט מיט די אויגן און זיך געבייזערט אויפן ווייב, אַז „זי זאָל שטיל ווערן, ער האָט שוין געהערט, ער ווייסט שוין, וואָס זי זאָגט". ער איז געווען צעמישט.

— ניין, נישט מעגלעך!

— אָבער פון וואַנען האָט איר דאָס אַלץ? — פרעגט ער פלוצים — איר זענט זיכער באַנדיטן!

איך שווער אים אַז נישט, אדרבא, ער וועט זען אונזערע פרויען, וועט ער זיך איבערצייגן, ווי אַזירעלע קינדער זיי זענען. מיר האָבן דאָס אַלץ פון דערהיים און ס'איז פאַרשטעקט ביי הוימישע, רייכע און אָרנטלעכע „גאָספּאָדאַזשעם". מיר וועלן אַלץ צו אים אַהערברענגען, קודם־כל אויף איבערצוציען דאָס בעטגעוואַנט.

דער פויער דרייט מיטן קאָפּ אויף: ניין.

— ס'איז אוממעגלעך, נישטאָ וואָס צו רעדן, ניין, ס'איז אַ מורא! וואָס זאָגסטו, באַבע, האַ?

די גויע קוקט אונז אָן מיט בייזע אויגן און איז איבעראַשט.

— נייע ציכן האָט איר? — פרעגט זי מיטאַמאָל, מיט וואָס פאַרא שטרייפן, וואָס פאַר אַ קאָליר? איך וויל ביי אייך קויפן.

אויך אים, שובען, אינטערעסירט דאָס צו וויסן.

איך נעם זיי שילדערן ווי שיין עס איז, כ'וויל עס נישט פאַרקויפן, נאָר געבן אומזיסט. איך אַפּעליר נאָכאַמאָל צו זיי.

אויך קוניאַק באַשטעטיקט, אַז מיר זענען זייער, זייער אָרנטלעכע מענטשן, נישט חלילה קיין באַנדיטן.

איך שילדער, ווי אַזוי מען וועט מאַכן דאָס באַהעלטעניש, קיין ילוד אשה וועט דערפון נישט וויסן. מען וועט זיך באָדן אין שוווילטאָג, גוט עסן און טרינקען און עס וועט גוט זיין. די מלחמה וועט דאָך שוין לאַנג נישט דויערן.

מאַן און ווייב האָבן זיך גענומען איבערשמועסן אין בעט. כ'האָב געהערט, אַז דער ענין לאָקט זיי. מיר האָבן זיי צעטומלט.

כ'האָב אויפסניי אָנגעהויבן. געשילדערט דאָס גוטע פאַר זיי און געבעטן אָן אויפהער, טרערן זענען מיר אַזש אין די אויגן געקומען. זיי האָבן מיך אָנגעקוקט. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיר זענען מיט זיי אויף אַ דרך, נאָר זיי קאָנען זיך נאָכנישט דעצידירן.

כ'האָב זיך פלוצים צעוויינט.

די שובעס זענען אַביסל גערירט געוואָרן, זיי האָבן מיט אַ וווייכערן טאָן זיך גענומען סודען. באַלד האָט ער מיך אָנגעהויבן אויספרעגן ווי אַזוי כ'שטעל זיך פאָר דאָס באַהעלטעניש און ווער ס'וועט עס מאַכן.

איך האָב אים געזאָגט מיין פּלאַן און אַז מאַכן וועלן מיר עס אַליין. ער זאָל אונז נאָר געבן נעהילץ, ברעטער מיט דרענגער. מיר וועלן אים באַצאָלן.

— אָבער, ניין, ס'איז אַ שווערע זאַך. יאָ, נעהילץ האָט ער אייגנס פון זיין וועלדל דאָ, עס וועט זיין נענוג. נאָר —

כ'האָב אַרויסגעכאַפּט געלט און דערלאַנגט. ער האָט געהאַלטן די האַנט אָפן.

— ניין, ניין, כ'קאָן נישט!

כ'האָב אים דאָס געלט אַריינגעפּאַקט אין האַנט, עס פאַרמאַכט מיט זיין פויסט

און געווונטשן אז עס זאָל זיין מיט מזל. זאָלן זיי קיין מורא נישט האָבן !

מאַן און ווייב האָבן זיך איבערגעקוקט צעחושט. כ׳האָב זיך מיט זיי גענומען קושן און געדריקט זיי די הענט.

— יאָ, ס׳וועט זיכער זיין מיט מזל, גאָט וועט אונז זיכער העלפן ! איר וועט זען ווי עס וועט זיך איינגעבן.

די פויערטע האָט געפרעגט, ווען מיר קלערן צו קומען.

— באַלד, שוין אויף צומאָרגנס.

זיי האָבן זיך נאָכאַמאָל מיישב געווען און געבעטן אָפּצולייגן עס אויף אַ צוויי טעג, דערווייל מאָרגן ביינאַכט, זאָל צו זיי אַהערקומען קוניאַק, זיך אַדורכרעדן וועגן אַלץ און מען וועט שוין זען.

מיר האָבן נאָך אַביסל געשמועסט. זיי האָבן זיך ביי מיר אויסגעפרעגט וועגן אונז און אונזער ביזאַיצטיקן לעבן, ווו אונזער וואַלד־בונקער איז. כ׳האָב זיי פאַרשידנס דערציילט און אויך אַ סך וועגן דער מלחמה וואָס וועט זיך שוין באַלד ענדיקן און ווי גוט ס׳וועט דעמאָלט זיין אונז און זיי. מיר וועלן זיי אייביק דאַנקבאַר זיין.

דאָס פּאָרפאָלק האָט גענומען מאַכן פּלענער ווי אַזוי אונז איינצואָרדנען. מיר האָבן זיי מיטגעהאָלפן.

— באַשטימט ?

— יאָ, מ׳וועט שוין זען. קומט, זאָל ער קומען מאָרגן ביינאַכט.

מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט, צוגעזאָגט, אַז קוניאַק קומט מאָרגן ביינאַכט און — מיר זענען אַוועק.

אין דרויסן האָב איך זיך צעקושט מיט איטשען. ער איז צעטומלט און קאָן נישט פאַרשטיין, וואָס דאָ האָט פּאַסירט, ווי אַזוי זיי האָבן מסכים געווען. זיי זאָלן זיך נאָר נישט צוריק מיישב זיין.

מיר נעמען זיך איילן, מען מוז שנעל גיין, אָנצוקומען ווען אין דרויסן וועט נאָך פינצטער זיין, אין אונזער שטאַל. כ׳האָב אָפּגעאָטעמט, די לופט האָט מיך מיטאַמאָל, דאַכט זיך, אויסגעהיילט פון מיין פיבער און קראַנקהייט. כ׳ציִ דעם אָטעם און — אַ נחת, כ׳גיי עפּעס אַזוי פריש, שנעל, אַ מחיה. כ׳האָב פרישן כוח. ציִ פון דער גוטער, שמעקנדיקער מאַי־לופט, ציִ גאָר פון דער גוטער בשורה, וואָס איך טראָג פאַר מיין חברה. כ׳לויף, כ׳איַיל צו זיי, זאָלן זיי וואָס שנעלער הערן די גוטע נייעס !

דער וועג איז, דאַכט זיך, אַדורך גאָר שנעל, נאָר דאָך האָט אין דרויסן שוין געבלויט, ווען מיר זענען צוריק אַריינגעקראָכן אין שטאַל. די חברה האָבן מיר אַלע געטראָפן אויבן. זיי האָבן זיך שטאַרק געזאָרגט, זעענדיק, אַז אין דרויסן טאָגט שוין באַלד און מיר זענען נאָך אַלץ נישטאָ צוריק. זיי האָבן זיך מיט אונז אַרומגעבאַפּט :

— אבי איר זענט דאָ ! דערציילט וואָס מען הערט ! וואָס הערט מען ?

מיר האָבן זיי אַלע אַראָפּגענומען אין באַהעלטעניש, אויבן גוט פאַרשטאָפּט און זיי אָנגעזאָגט די גוטע בשורה.

⁂

מיר זענען אַ גאַנצן טאָג בשמחה. כסדר טראַכטן מיר וועגן נייעם, וואָס טרעט אַריין אין אונזער לעבן און מיר האָבן דאָך מורא צו דאַכטן און איבעררעדן דערפון.

— גאָט זאָל רחמנות האָבן און דער פויער זאָל חלילה חרטה נישט האָבן און חוזר זיין!

קוניאַק איז צעפלאַמט און פילט זיך ווי דער גלאַוונער בעל־שמחה. מיר זענען באַשיינפערלעך, אַז אַלץ איז מן השמים. די מעשה מיט זיין קומען צו אונז ממש אין די לעצטע טעג. אפשר איז אונז טאַקע באַשערט איבערצולעבן?! און ווי וווּנדערלעך: וועמען זאָל איינפאַלן, אַז ער, דער עלנטער, דער נע־ונדניק, וועלכער האָט זיך ביז איצט געוואַלגער־ט איבער אַלע מיסטן, אין אַלע לעכער; אַז ער, וועלכער איז געווען דער אָביעקט פון אונזער שטרעבונג — אים צו העלפן, אַז ער גאָר וועט גורם זיין אַזאַ ענדערונג אין אונזער לאַגע! זאָל נאָר זיין מיט הצלחה און מזל, אין אַ גליקלעכער מינוט! אַך, מיר ציטערן, טראַכטנדיק וועגן דעם!

מיר זענען שוין דאָ אויפן דאָזיקן אָרט מיט דער טשאַטקען אַכצן חדשים, אַנדערטהאַלבן יאָר. וווּנדערלעכע, אומבאַגרייפלעכע אַנדערטהאַלבן יאָר! יעדער טאָג איז דאָך ווי אַן אייביקייט געווען. ווער קאָן זיי ציילן די הונדערטער נסים, די טויזנטער גרויסע און קליינע ווונדער פון יעדן טאָג, פון יעדער שעה, יעדער מינוט און יעדער רגע?! מיר פילן זיך אין זיי נישטיק קליין, פאַרלוירן ווי שטויבעלעך. יעדע קלענסטע דעריינערונג מאַכט גרוילן און ווער ווייסט וואָס עס שטייט אונז נאָך פאָר?! וואָס די נאָענטסטע שעהן, די נאָענטסטע מינוטן, וועלן מיט זיך ברענגען! ווי לאַנג קאָן עס נאָך דויערן? און אפשר זענען דאָס שוין די חבלי־לידה פון דער באַפרייונג? — ס'איז מיר קאַלט. דאָס בלוט גליווערט אין מיר!

אָ, ווי מען מוז זיך איצט קלאַמערן צו עפּעס אַ שטאַרקער זאַך, זיך אָנהאַלטן פּעכט!

רבונו של עולם, פאַרלאָז אונז נישט, פיר אונז ווייטער! אָ, מיר ציטערן!

19־טער מאַי:

פון נעכטן אָן גייט די טשאַטקע אַרום און איז אש להבה. זי האַלט זיך אין איין וואַרפן אויף אונז, זי זוכט זיך פון אונטער דער ערד אַפּער פּרעטענזיעס. די פּאָר מאָל וואָס זי האָט אונז אַריינגעבראַכט עסן, האָט זי מיט זיך מיטגעבראַכט דאָס גיהנום. זי זידלט, שעלט און שרייט, אַז זי קאָן אונז נישט פאַרטראָגן, זי קאָן אונז נישט ליידן און אַז זי האָט אונז שוין גענוג.

היינט אינדערפרי, ביים אַריינברענגען דעם טאָפּ זופּ, האָט זי זיך אויף מיר, אָן אַ פאַרוואָס, געוואָלט וואַרפן און בכדי אויסצולאָדן איר כעס, האָט זי מיטן פוס האַסטיק אַ קאָפּ געגעבן אין טאָפּ מיטן געקעכץ, וואָס איז געשטאַנען אין שטרוי אויף דער ערד און אים איבערגעדרייט. דאָס עסן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דעם פאַרמיסטיקטן באָדן. זי האָט אונז דאַן אָנגעשאָלטן און איז אַנטלאָפן. נאָך אַ נס, אַז זי ווייסט נישט, צו וואָס מיר גרייטן זיך, עס וואָלט, חלילה, געווען אונזער סוף!

א מאָדנער טיפּ דער דאָזיקער מענטש. זי ווייסט אַליין נישט, וואָס זי וויל.

פונקט ווי זי האָט אונז לכתחילה ליב געהאַט, אַזוי האַסט זי אונז אַצינד. זי ווייסט אָבער נישט וואָס מיט אונז צו טון; זי וויל אונז פּטור ווערן, אַלץ איז איר שוין דערעסן און — באַהיט זאָלן מיר ווערן, זי זאָל זיך דערוויסן, אַז מיר קלערן פון דאַנען צו אַנטלויפן; זי קאָן אויף אונז שוין נישט קוקן און — כ’ווייס, אַז זי איז צו אונז צוגעבונדן, זי וועט שפּעטער אָן אונז דאָ קיין אָרט זיך נישט קאָנען געפינען. זי וועט דערנאָך אַליין וויינען און נאָך דער פעלקאָווען אַ מעשה אָנטון. ווער ווייסט, צו וואָס פאַר אַ סקאַנדאַלן ס’וועט נאָך דאָ צוקומען?! אויך איך — כ’בין אויף איר אין כעס און — ס’איז מיר באמת אויף איר אַ רחמנות. כ’ווייס, אַז סוף כל סוף וואָלט זי אויף אונז געבראַכט דאָס אומגליק — איך געדענק אָבער, אַז ווען נישט זי, וואָלטן מיר פון לאַנג שוין נישט עקזיסטירט. זי ברענט לעצטנס די ערד אונטער זיך, דער דאָזיקער מענטש, זי שעלט אונז איצט מיט וויסטע, טויטע קללות און אין די אויערן קלינגען מיר נאָך אָבער אירע טרייסט־ און דערמוטיקונגס־ווערטער פון טיפן האַרצן. מיר מוזן אָבער אַוועק! דער שטריק ליגט אונז שוין דאָ ממש אויפן האַלז. מיר וועלן מוזן אַנטלויפן אין מיטן דער נאַכט, ווען זיי שלאָפן, ווי דעמאָלט אין דער פינצטערער ווינטער־נאַכט מיט דער טשאָטקע פון איר וווינונג אין מינסק.

אָ, איצט מוזן מיר אַנטלויפן פון זיי, פון איר! דאָס דאָזיקע אָרט איז צו פאַרכטיק. נישט מיר קאָנען דאָ אויסהאַלטן און נישט מען וועט אונז דאָ לאָזן איבערהאַלטן. איך פאַרשטיי זי זייער גוט, די טשאָטקע: זי קאָן שוין מער נישט, זי האָט שוין מער קיין כוח נישט, דאָס געדולד האָט איר שוין הונדערטער מאָל געפלאַצט. זי האָט זיך אין אָנהייב נישט פאָרגעשטעלט, אַז דאָס וועט אַזוי לאַנג דויערן און אַז זי וועט צוליב אונז אַדורכמאַכן אַזעלכע שרעקן און בכלל איז זי דאָך אַ קאָמפּליצירטע, אַ מערקווירדיקע נאַטור און כאַראַקטער, אַ נישט געוויינטלעכע: זי מוז אָדער שטאַרק ליבן, אָדער שרעקלעך האַסן. ביידע זענען ביי איר פאַרבונדן; אָדער בויען ביז אין די הימלען, אָדער צעשטערן ביזן טיפסטן אָפּגרונט. איר מוח מוז שטענדיק פּלאַנעווען און עפּעס נייעס דערפינדן — שטענדיק וועמען אויף להכעיס, צי דער גוטסקייט, צי דער רשעות. מיר וואַקלען זיך ביי איר אויף דער דאָזיקער וואָגשאָל און פּאַכן דערביי מיט די נשמות. איצט איז איר דאָס אַלץ שוין פאַרמיאוסט און זי קאָן אונז צוזאַמען מיט דער וואָגשאָל אַוועקשלײַדערן און פאַרוואַרפן ביז אין שאול תחתיה אַריין. דאָס קאָן פּאַסירן אויך איין מינוט פאַר דער אויסלייזונג, אין דער לעצטער רגע. די איינצלנע אויסגעלייזטע יידן וועלן דאַן פאַרעלנטע לויפן זוכן נאָך אַ ייד און — נאָך חלילה אָנטרעפן אויף אונזערע נאָך־צאַפּלדיקע, וואַרעמע גופים. זי אַליין, די טשאָטקע, וואָלט דאַן — ווי אַמאָל אין איר יוגנט — אויפסניי אַנטלאָפן פון דאָרף אין דער ווייטער וועלט און ווידער געזוכט אַ פרישן תכלית אין איר שטורמיש לעבן.

ניין, מיר ווילן לעבן. מיר ווילן אויך זיין צווישן די איבערגעלעבטע פון אונזער פאָלק! מיר, די איינצלנע עדות אויף זייערע מאַסן־קברים. מיר וועלן שפּעטער זייער אַש צוזאַמענקלייבן און וואַרפן אין די אויגן פון הימל און וועלט, העלפן ברענגען, אָדער די גאולה שלימה פאַר די רעשטלעך, אַ ליכטיקייט, אַן אייביקע, זאָל אויפגיין אויך פאַר זיי, אויב נישט — זאָל אַלץ, זאָל די גאַנצע וועלט אויך דערפון פינצטער ווערן, פינצטער ווערן אויף אייביק! מיר פילן זיך

באַפליגלט און עפּעס אַ באַפעל הויבט אונז אין דער לופטן. ער שוועבט צו אונז פון די הויכן און פון אַלע טיפענישן פון דער ערד, פון אַלע קברים, וואָס האָבן געמאַכט די ערד צו איין מוראדיק גרויס קבר פון אונזער גאַנץ פאָלק, פון דער גאַנצער וועלט פון גייסט און געוויסן; אַ באַפעל אַ קלאַפּ צו טון אין האַרץ פון דער וועלט מיט אַ גרויסער, מוראדיקער פויסט, אָדער — יהי אור — זאָל ווערן ליכטיק! און ווען נישט —

— זאָל ווערן אויף אייביק פינצטער!

19־טער מאַי, פאַרנאַכט:

עפּעס אַ געהיימניספולער גרויער שלייער פון סודות הילט וואָס אַמאָל מער ארום אונזער באַהעלטעניש דאָ. וואָס אַמאָל ווערט ער דיקער און פאַרנעפּלט די דורכזיכטיקייט. מיר פילן זיך אַרומגערינגלט מיט אַ שוואַרצן דיקן טוך און מכשפות טאַנצן אַרום אונז.

די סטאַשקאָווע האָט היינט אינדערפרי אַרויסגערופן די טשאָטקע פון שטוב און זיך מיט איר נעדרייט אויפן הויף הינטער די ווענט פון די כאַלופּעס. זיי האָבן זיך געסודעט. כ׳האָב אַרויסגעקוקט און געזען, אַז יענע דראָט עפּעס און וואָרנט און די טשאָטקע שווייגט אַ צעטומלטע. די סטאַשקאָווע האָט כסדר בייז געבליקט צו אונזער שטאַל, אים ווי דורכגעשטאָכן מיט ראַפּינירטע כיטרע שליפּעס און די טשאָטקע האָט אויסגעמיטן צו בליקן אין אונזער זייט. זי האָט ווי נישט געוווסט ווו אַהינצוטון די אויגן. אויך די סטאַשקאָווע אין פּנים האָט זי נישט געקאָנט קוקן. די סטאַשקאָווע איז אויך פאַרשטומט געוואָרן. זיי האָבן זיך ביידע געדרייט שווייגנדיקע. לסוף האָב איך געהערט ווי יענע נעמט עפּעס רעדן וועגן רעוויזיעס, פּאַליציי, נעפּאַר, שיסן און — יידן. זייער געשפּרעך האָט געדויערט גאָר לאַנג. דער טשאָטקעס פאַרבן אויפן פּנים האָבן זיך כסדר געענדערט. ביז זיי האָבן ביידע אַוועקגעשפּאַצירט אין וועלדל אַריין.

כ׳האָב מיין חברה וועגן גאָרנישט דערציילט, זיי פילן סיי־ווי, אַז אַרום אונז פּלעכט זיך עפּעס נישט גוטס. עס מונטערט אונז אָבער די האָפענונג פון שנעל אַנטרינען פון דאַנען. מיר זאָלן עס נאָר באַווייזן! עס דאַכט זיך, אַז עפּעס אַ נעהיימער וועט־לויף שפּילט זיך אָפּ מיט אונז, וועלכעס עס וועט אונז צוערשט דערגרייכן: צי דאָס שלעכטס, עס וועט אונז מיטאַמאָל אַרומכאַפּן און — חלילה — אויס! צי דאָס ראַטעוונדיקע, וואָס וועט אונז פריער, אַ רגע פריער, פון דאַנען אַוועקפירן און — ווען דאָס אומגליק וועט אָנקומען, וועט עס דאָ אין שטאַל אַנטוישט, אַנטרעפן אויף אַ ליידיקן גרוב, נאָך אויסגעוואַרעמט פון אונזער הויך און — פּוסטע ווענט!

דער פויער שובע, זאָל אונז נאָר אַריינלאָזן. עפּעס האָט ער מיט קוניאַקן — בעת זיין לעצטן באַזוך ביי אים ביינאַכט — געדרייט און געזוכט ווי חוזר צו זיין. קוניאַק מיינט, אַז ער האָט חרטה געקריגן. ער וויל עס, שובע, אָפּלייגן אויף נאָך אַ פּאָר טעג. היינט ביינאַכט וועל איך מוזן נאָכאַמאָל צו אים אַוועק און זען, אַז

כאָטש אויף צומאָרגנס זאָלן מיר זיך קאָנען אהין איבערטראָגן. באַהיט זאָלן מיר חלילה ווערן, אַז ער זאָל ערנסט חרטה האָבן! ניין, ער וועט נישט חוזר זיין! כאָטש אויף אַ פּאָר טעג, וועל איך אים בעטן, וועט ער אונז מוזן אַריינלאָזן! כאָטש אויף אַ פּאָר טעג.

פון דאַנען מוזן מיר אַוועק! איך וועל זיבער היינט בייטאָג ווידער אויף אים, אויף דעם פּויער! ער איז דאָך שוין באַשטאַנען! כ'טאָר אים אָבער נישט דערציילן, אַז אין אונזער אַלט באַהעלטעניש איז אַזוי ענג געוואָרן אַרום אונז. כ'וועל דערמיט אָנוואַרפן אויף אים אַ פּחד, ער וועט מורא קריגן.

די טשאַטקע איז איצט, די אותו־רגע, אַריינגעקומען צו אונז, זי רופט מיך, אַן איבערגעשראָקענע. וועגן דער סטאַשקאָווען וויל זי דערציילן. זי איז איצט ווייך, זי דערציילט: די סטאַשקאָווע האָט איר געזאָגט, אַז אומעטום שמועסט מען, אַז ייִדן, פינף ייִדן פון מינסק, זענען פאַרשפּאַרט דאָ אין שטאַל און זי אַליין, די סטאַשקאָווע, וועט זען אָפּצולייקענען דעם חשד אויפן בעסטן אופן: זי וועט אַליין אַהערברענגען פּאָליציי און זיי דאָ אַריינפירן, אויב עס זענען טאַקע קיין ייִדן נישטאָ, וועט זי דערנאָך אַלע רכילותניקעס אויפן דאָרף — אויסדראַפּען די אויגן. די טשאַטקע האָט איר נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. זי דערציילט אונז דאָס אַ בלייכע און קוקט אונז אין די אויגן, וואָס מיר זאָגן?

ווען זי איז אַרויס — בין איך אַראָפּ אין גרוב. אַ פינצטערניש האָט מיך איינגעשלונגען. כ'האָב זיך אַוועקגעזעצט צווישן דער חברה און דערפילט דאָס באַהעלטעניש ווי יוספס שלאַנגען־גרוב, ווי דניאלס לייבן־גרוב, בייזע כוחות פלעכטן זיך אַרום אונז פון דרויסן. מיר זאָלן נאָר געווינען דעם וועט־לויף און באַוויַזן צו דער צייט ניצול צו ווערן!

20־טער מאַי:

די לעצטע נאַכט איז געווען אַ שרעקלעכע. כ'בין מיט קוניאַקן אַוועק צו שורבען און געמוזט לײַדיק, מיט גאָרנישט, צוריקקומען.

נאָך צען זענען מיר אַרויס פון שטאַל און גענומען ניין צו שובעס דאָרף. איטשע האָט מיך ווידער געפירט איבער פינצטערע פעלדער און חושכדיקע וועלדער. כ'האָב נישט דערקענט דעם וועג פון יענעם מאָל, עפּעס אומהיימלעכער און אימהדיקער האָט ער מיר אויסגעזען. באַלד אין אָנהויב בין איך מיט אַ פוס אַריינגעזונקען אין אַ טיפן ראָוו מיט וואַסער און אַ נאַסע קעלט האָט מיך געמאַכט שווידערן. כ'האָב געטאָפּטשעט אין די שיך, ווי אין אַ קאַלוזשע, און אונזערע טריט האָבן, דאַכט זיך, אָפּגעהילכט אין דער נאַכט־פינצטערניש ווי ווייט. הינטער אַלע ביימער, האָט מיר אויסגעזען, שלייכן זיך פאַרדעכטיקע סילועטן, זיי דערנענטערן זיך צו אונז, אָט־אָט, שלינגט אונז איין אַ מוראדיקער פּיסק! עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַרום און אַרום, אין דער פינצטער, לויערט מען אויף אונז. מיר האָבן שנעל, שווייגנדיק, געשפּרייזט. איך האָב אים קוים נאָכגעאיילט. דאָס מויל און דער האַלז זענען מיר פון לויפן און פון שרעק געווען אויסגעטרוקנט און פאַרקלעבט. די קילע לופט האָט געטרוקנט דעם שווייס, וואָס איז אַרויסגעקומען אויפן לייב. מיר האָבן אויסגע־

מיטן דערפער, הייזלעך, וועגן און סטעזשקעס, לעבן זיי זיך זייטיק דורכגעשלייכט. נאָך עטלעכע שעה זענען מיר אַרויס אויף אַן אָפן קאַרטאָפל־פעלר, אַנטקעגן אַ דאָרף, סך־הכל שוין איין קילאָמעטער נאָענט צו שובען. מיר האָבן אָנגעהויבן שפּרייזן איבער די זאַנגאָנעס, ווי פון דאָרף אַרויס האָט מיטאַמאָל גענומען הילכן אַ שיסעריי.

— מען שיסט צו אונז! — האָט קוניאַק געזאָגט און זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט.

מיר האָבן זיך שנעל אויסגעצויגן אויף דער ערד און זיך גענומען שלייכן אין אַ ראָוו אַריין צווישן צוויי זאַנגאָנעס. מיר האָבן זיך פאַרשטעקט צווישן לאַנגע בלעטער. די שאָסן האָבן געהילכט און קוילן האָבן געפייפט אין דער לופט. מיר האָבן די קעפּ פאַרזונקען און איינגעהאַלטן דעם אָטעם. ס'איז געוואָרן שטיל. קוניאַק האָט מיר איינגערוימט, אַז דאָס מוזן זיין, אָדער דייטשן אָדער פּאַרטיזאַנער:

— פאַר ביידע דאַרף מען זיך גלייך היטן!

שפּעטער, האָט מען געהערט קולות און שווערע טריט נישט ווייט, אין דער זייט פון דאָרף. ער האָט זיך איינגעביסן מיט די פינגער אין מיין פוס — כ'זאָל נישט אָטעמען אַזוי שווער, מען קאָן נאָך הערן. ווידער איז גאָר שטיל געוואָרן. מיר זענען נאָך געלעגן אַ צייט און נישט געוווסט וואָס צו טון: צי גיין צו שובען, צי צוריק. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז מען קאָן נאָך זוכן ביי שובען און ס'איז שוין אויך געווען צו שפּעט · צו שמועסן מיט אים און נאָך באַווייזן, איידער עס ווערט ליכטיק, אַהיימצוקערן אין שטאַל אַריין. מיר האָבן נאָך געוואַרט אַ ביסל און באַשלאָסן צוריקצוגיין. מיר האָבן זיך אויף די ביינער געשלייכט פון פעלד אַראָפּ צו אַ וואַלד. דאָרט זענען מיר אויפגעשטאַנען און שנעל גענומען לויפן. כ'בין צענדליקער מאָל שיר געפאַלן. כסדר האָט זיך געדאַכט, אַז מען הערט טריט נאָענט פון אונז. מיר זענען שטיין געבליבן און זיך פאַרשטעקט הינטער די בוימער. פיל מאָל זיך אויסגעצויגן, אויפגעשטאַנען און ווידער געשפּרייזט. ס'איז געוואָרן שטאָקפינצטער און פייגל האָבן גענומען צווישטשען.

— מען מוז שנעלער גיין, ווייל ס'איז נאָך ווייט און ס'ווערט שוין באַלד טאָג — האָט איטשע געזאָגט.

מיר זענען געלאָפן, איינגעהאַלטן דעם אָטעם און דאָס האַרץ האָט אונז שיר אַרויסגעזעצט. מען איז אַריין אין אַן אָלשינע־וועלדל. „דאָס איז שוין אונזער אָלשינע, זי ציט זיך צוויי קילאָמעטער, פון דאַנען, ביז אונזער שטאַל" — האָט קוניאַק מיר אָנגעזאָגט. מיר זענען אַריין טיפער און טיפער. ווידער האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי און אין דער לופט האָבן זיך דורכגעשניטן פייערלעך. „אַ געפערלעכע נאַכט היינט" — האָט ער ווייטער געברומט. איך בין ווידער אַריין מיטן פוס אין דעם מיפן ראָוו, וואָס פריער.

אין דרויסן האָט שוין געטאָגט און מיר זענען אין דער מאָרגן־בלוילעכקייט אַריין אין שטאַל.

* * *

איצט בין איך זייער מיד. גאָט זאָל רחמנות האָבן און מיר זאָלן חלילה נישט פאַרשפּעטיקן.

כ'האָב היינט אָנגעשריבן אַ גרויסן בריוו צו דער טשאָטקען, ווו מיר אַנט־

שולדיקן זיך, מיר בעטן, אַז זי זאָל אונז מוחל זיין, זי זאָל אַריינטראַכטן אין אונזער לאַגע. זי פאַרשטייט דאָך אַליין אויך, אַז אַנדערש האָבן מיר נישט געקאָנט, מיר האָבן עס געמוזט מאַכן. איך שרייב, אַז מיר גייען אין די וועלדער, זיך אָנשליסן אין פאַרטיזאַנער און בעטן, אַז זי זאָל עס אויפנעמען רואיק, אין שטוב זאָל בלייבן שטיל, די פּעלקאָווע זאָל נישט האָבן קיין געלעגנהייט צו מאַכן אַוואַנטורעס, מיר וועלן אויך ווייטער אין איר געדענקען, איר כּסדר עפּעס שיקן און אויך לאָזן מיר פאַר איר איבער אַביסל פון דער סחורה, וועלכע מיר האָבן אין אונזער גרוב און די וואָס יאַנעק האָט ביי זיך צו פאַרקויפן — אַחוץ געלט — מזומן — עטלעכע טויזנט זלאָטעס. מיר געזעגענען זיך האַרציק און ווינטשן זיך מיט איר צו זעען בקרוב, ווי פרייע אויסגעלייזטע מענטשן. מיר וועלן איר אויך שפּעטער דאַנקבאַר זיין, עס קושן זי —

אירע...

דעם בריוו, צוזאַמען מיטן געלט און סחורה, וועלן מיר דאָ איבערלאָזן אויפן ראַנד פון באַהעלטעניש, ווען מיר וועלן אַוועק. זי וועט עס געפינען אויף צומאָרגנס אינדערפרי בשעת זי וועט עפענען די שטאַל אונז אַריינצוגעבן איבערבייס.

איך פיבער היינט אַ גאַנצן טאָג. אַ טאָפּלטער פיבער וואַרפט מיך. עס זאָל זיך נאָר אַלץ מיט אַ סדר איינגעבן. מיר זאָלן חס ושלום נישט נכשל ווערן. אין אָוונט מוזן מיר נאָכאַמאָל גיין צו שובען. ער זאָל נאָר נישט האָבן געהערט דאָס שיסעריי פון דער לעצטער נאַכט און צוליב דעם מורא האָבן. מסתמא וועט גוט זיין! איך האָף אַזוי, אַז ס׳וועט גוט זיין!

דערווייל האָב איך שוין אינדערפרי געבעטן יאַנעקן, אַז ער זאָל אויסגראָבן אויף זיין פעלד דעם ערדענעם טאָפּ מיט מיינע שריפטן. „איך דאַרף זיי האָבן עפּעס נאָכצוזען. כ׳וועל זיי אין עטלעכע טעג אַרום אים צוריק געבן". שוין אַ שפּאַר ביסל העפטן האָט ער דאָרט געהאַט באַגראָבן. שטענדיק, ווען איך פאַרענדיק אַ פרישן העפט — גיב איך אים און ער באַגראָבט אים צוזאַמען מיט די פריערדיקע. איך דערמאָן אים כּסדר, אַז ער וועט דערפאַר אַמאָל באַלוינט ווערן.

פריער האָט ער מיר זיי אַריינגעבראַכט מיטן טאָפּ. מיר וועלן זיי מיטנעמען צום נייעם באַלעבאָס. גאָט זאָל העלפן, אַז אַלץ זאָל אַדורך בשלום און זיי, די בלעטלעך, אָנגעוויקטע מיט בלוט און טרערן, זאָל איך שפּעטער, נאָך דער גרויסער שעה פון באַפרייאונג, אויך זוכה זיין אויסצוגראָבן ביי שובען. מיר זאָלן אויך זיין די עדות, ווי זיי, די עדות פון אונזער טראַגעדיע, וועלן נאָך דערשיינען פאַר דער וועלט מיט דעם גרויסן „זש׳אַקיז" פון דער פאַרבלוטיקטסטער עפּאָכע, מיט דעם געשריי פון אַן אויסגעמאָרדעטן דור!

20־טער מאַי, פאַרנאַכט:

אַ גאַנצע וואָך פירן מיר אַ קאַמף מיט אונזערע קראָליקלעך.

זיי האָבן זיך איינגעעקשנט, אַז עס געפעלט זיי נישט די נייע דירה אין ווינקל

און גראָבן זיך דווקא צו דער ערשטער נאָרע איבער אונזערע קעפּ. מיר קאָנען זיך מיט זיי קיין עצה נישט געבן. בייטאָג און ביינאַכט פּרווון זיי אויפצוגראָבן דעם, דורך אונז פאַרשיטן, קאַנאַל און מאַכן כסדר מיט די פּיסלעך לעכער אין דער ערד. מיר טרייבן זיי אוועק און פאַרשיטן און — אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען זיי ווידער דאָ און די אַרבעט הויבט זיך אויפסניי אָן. מיר האָבן שוין צו זיי קיין כוח נישט. גאַנצע נעכט לאָזן זיי אונז נישט שלאָפן. זיי רוען נישט און גראָבן אונז איבער די קעפּ. מיר האָבן גלאַט מורא, אַז עס זאָל ווער פון דרויסן נישט הערן דעם ליאַרעם פון אינעווייניק און ס'קאָן ווידער אויסגיין צו אונז. אַביסל שרעקן מיר זיך אויך, „צי פילן זיי נישט פאַר, אַז עס איז גלייכער זיי זאָלן זיין באַהאַלטן, פאַרשטעקט אונטער דער ערד?"...

ווען מיר וואַרפן זיי אַוועק — קוקן זיי אויף אונז זייטיק, בייז, ווי מיט אַ פאָרוואורף, פאַרוואָס מיר לאָזן זיי נישט במנוחה אין זייער דירה, צי עס געפעלט אונז נישט זייער שכנהשאַפט, ווען זיי שטייט יאָ אָן מיט אונז צוזאַמען?... און באַלד נעמען זיי זיך מיט פרישער אַנטשלאָסנקייט ווייטער צו דער אַרבעט.

פרוימאַן זאָגט, אַז זיי אימיטירן אונז: אונזער דירה איז אונטער דער ערד, ווילן זיי אויך אונטן וווינען.

היינט, האָבן זיי אויסגעגראָבן דעם קאַנאַל שוין אַ קנאַפּן מעטער די טיף. מיר האָבן עס ערשט איצט באַמערקט. מיר ווייסן נישט, צי שוין לאָזן אַזוי, אָדער צוריק פאַרשיטן? אפשר גייען מיר שוין טאַקע באַלד אַוועק פון דאַנען און עס לוינט שוין נישט איינצורייסן מיט זיי?

ווי זיי וואָלטן פאַרשטאַנען אונזערע מחשבות קוקן זיי איצט אויף אונז מיט אַ פעסטן באַשלוס און דעצידירטקייט אין די אויגן:

— „ניין, זיי וועלן זיך נישט לאָזן אויסוואָרצלען פון זייער דירה!"...

23־טער מאַי:

זייט צוויי טעג זענען מיר ביי שובען! אין דער נאַכט פונעם 21־טן אויפן 22־טן האָבן מיר זיך אַהער איבערגעטראָגן. עס זאָל האָבן געווען אין אַ מזלדיקער און גליקלעכער שעה!

אויפן האַרץ איז עפּעס אַזוי מאָדנע. די שרעק האָט אונז אַביסל אָפּגעלאָזט און מיר נעמען איצט באַרעכענען אונזער לאַגע. עס ווערט אַזוי טרויעריק אויף דער נשמה און עפּעס אַ פּוסטקייט פּילט אויס דעם מוח. אַ נייע צייט הויבט זיך פאַר אונז אָן און מיר זענען דאָך אַזוי מיד. אַ טרויער וועיעט פון די אַרומיקע, אָפענע פעלדער אין אונזער פאַראייניזאַמטער סטאָדאָלע אַריין און אַן אינעווייניקער אומעט עפּנט אונזערע הערצער און נעמט אים אויף. וויפיל פרישן מוט און ענערגיע, נייעם כוח און קראַפט דאַרף מען איצט האָבן! און אונז וואָלט זיך גאָר פאַרגלוסט צו פאַרמאַכן זיך וואָס טיפער אין באַהעלטעניש, אין דער ערד, און איינשלאָפן אויף אַ לאַנגע צייט. עפּעס אומבאַקאַנטס פּיקט זיך אין אונז. נייע געפילן שווערן אַראָפּ די אברים צו דער ערד. איך אַליין פיל זיך איצט באַזונדערס מיד. אַ וואַרעמע שוואַכקייט שלעפערט מיר איין די רעיונות און עס גלוסט זיך מיר אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ אויף דער ברוסט און איינדרימלען.

כ'מוז אָבער זיין אויף דער וואַך, האַלטן אויפן אויג אונזערע באַלעבאַטים, מוטיקן, איינלעבן זיך מיט זיי, זיי מאַכן פריילעך, פאַררעדן די צייט און לאָזן זיי וואָס ווייניקער טראַכטן, וואָס ווייניקער איבערלייגן זיך, מיישב זיין און אַריינקלערן אין עסק.

כסדר קומען זיי צו אונז אין סטאָדאָלע, דאָ — ער, שובע, דאָ — זיין ווייב, די שובאָווע, און שטענדיק מוז איך זיין גרייט זיי אַנטקעגנצוקומען מיט אַ פרישן פּלאַן, אַ מעשהלע, אַן אויפטו. זיי זאָלן האָבן מיט וואָס זיך צו באַשעפטיקן און נישט געדענקען, אַז מיר האָבן זיי אַהערגעבראַכט שרעק.

ביז איצט זענען נאָך די שובעס ווי אין אַ חלום. עס דאַכט זיך זיי, אַז עס איז נאָר אַזאַ פּלאַן און מיר זענען נאָך נישט דאָ איינקוואַרטירט. אפשר דערפאַר קומען זיי דאָ אַזוי בסדר אַריין צו לויפן, זיך איבערצוצייגן צי ס'איז ממשותדיקייט. זיי האָבן נאָך אָבער נישט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, זיך נאָך נישט איינגעלעבט מיט אים. עס קומט נאָך אין זייער אונטערבאַוווסטזיין פאָר דער קאַמף — צי יאָ, צי ניין — צי אונז יאָ אַריינצונעמען צו זיך, צי נישט. עס דאַכט זיך זיי, אַז עס איז נאָך נישט באַשלאָסן, כאָטש אין דער ווירקלעכקייט, ווייסן זיי, אַז מיר זענען שוין דאָ און אַז עס איז שוין אַ געשעענע זאַך. זיי חלומען נאָך אָבער!

און אפשר חלומען מיר גאָר? אפשר דאַכט זיך דאָס אַלץ גאָר אונז אויס? — עפּעס קומט אונז טאַקע פאָר, ווי מיר וואָלטן געחלומט! אַזוי פון דער ערשטער נאַכט, פון מיין וויזיט ביי שובען.

די געשעענישן פירן דעם מענטש ווי אַ פאַרכישופטן און זיין גורל גייט דערווייל ווייטער צו עפּעס אַ געהיימען ציל, צו אַן אומזעבאַרן ענדע־פּונקט. מיר ווייסן

און פילן, אַז דער דאָזיקער פּונקט איז שוין נישט ווייט, ער שטייט שוין דאָ ערגעץ פאַר אונז. צי אַ ליכטיקער, אַ דערלייזערישער, מיט אַ צעשמייכלטער העלקייט, צי נאָר — אַ מחבל — אַ ריזיקער שוואַרצער שד, מיט אַן אויסגעשטרעקטער שווערד, מיט פאַרגליווערט און טריפנדיק בלוט פון מיליאָנען?

אָ, נישט ווייט איז ער דער ענדע־פּונקט, אָבער אַ דיקע וואַנט איז אין דער מיט און אַ שוואַרצער טוך הענגט דיר דערווייל פאַרן געזיכט. אפשר וועט ער מיטאמאָל צערינען און פאַר די אויגן וועט זיך פּלוצים באַווייזן די ליכטיקייט! מיר וועלן דאַן זיין פריי, פרייע מענטשן אויף דער ערד, קאָנען לויפן אומגעשטערט אויף די פעלדער און מעסטן קברים, זיך צולענען אויף זיי און דאָרט, אָן מורא, אָן פחד, איינדרימלען. ביז מען וועט זיך איינמאָל אויסשלאָפן פון די קאָשמאַרן און שפּרייזנדיק איבערן ריזיקן בית הקברות וועט פון דיר אויפגיין אַ מעכטיקער געשריי, אַ לייבישער, ווי אַ ברום פון די טיפענישן פון אַלע קברים מיטאמאָל, אַ געשריי, אַז אַלץ ארום זאָל אויפציטערן און אין דעם געשריי וועסטו זיך אויפלעזן, געפינען אַ תיקון און ווערן אויס!

און ער, דער געשריי, וועט אויף אייביק בלייבן הענגען אונטער די הימלען, ווי אַ וואָרנונג פאַר די דורות אויף דער ערד!

⁂

יאָ, מיר חלומען און אויך ער, שובע, חלומט. ער ווייסט נאָכנישט, צי מיר דאַרפן דאָ זיין צי נישט.

בעת מיין ערשטן באַזוך ביי אים האָט ער מסכים געווען. ער האָט נאָר געבעטן, אַז קוניאַק זאָל אויף צומאָרגנס צו אים קומען, בכדי זיך אויספּירלעך דורכצושמועסן און מאַכן אַ גענויעם פּלאַן. נאָך אונזער אַוועקגיין האָט ער אָבער הרטה געקריגן און ווען איטשע איז די צווייטע נאַכט געקומען, האָט ער אים כמעט אָפּגעזאגט, אפילו נישט מיט קיין אָפן מויל, אָבער דאָך אָפּגעזאָגט.

„ניין, ער ווייסט נאָכנישט. דערווייל די טעג נאָכנישט. מען מוז עס לעת־עתה אָפּלייגן, שפּעטער, אפשר, מען וועט שוין זען".

אויך ווען מיר זענען געקומען אויף דער דריטער נאַכט, דערנאָך, דאָס הייסט די נאַכט פון 20־טן אויפן 21־טן האָט ער זיך געקווענקלט, געהויבן מיט די פּלייצעס. אַז ער איז נאָכנישט דעצידירט. ער האָט געשמייכלט און געזאָגט, אַז ער האָט מורא פאַרן טויט. אויב מען וועט אונז חלילה כאַפּן, וועט מען דאָך זיי טויטן. ס'איז מיר געוואָרן אומאַנגענעם און כ'האָב אים נישט געקאָנט דרייסט קוקן אין די אויגן. שפּעטער האָב איך אים געפרעגט, וויפיל חזרים ער האָט און וויפיל קעלבער. ער האָט מיר אויסגערעכנט עטלעכע.

— אַלע זענען זיי „געקאָלטשעוועט" און רעגיסטרירט?

— ניין, נאָר צוויי, די איבעריקע נישט.

— שעכסטו אַמאָל אַליין אַ חזיר?

— אוודאי, פון צייט צו צייט.

כ'האָב אים געפרעגט, צי ער ווייסט וואָס עס קומט פאַר „שלאַכטן" אַליין אַ חזיר, וואָס פאַר אַ שטראָף.

— יאָ — שמייכלט ער — ער ווייסט: טויט־שטראָף. ערשט מיט עטלעכע טעג

צוריק האָבן דייטשן אין קאַלושין געשאָסן צוויי הזירניקעס פאַר הרגענען אַליין חזירים, נישט־פאַרעגיסטרירטע.

— און פאַר נישט אוועקגעבן דעם גאַנצן קאָנטינגענט תבואה די דייטשן, וואָס קומט?

שובע לאַכט ווידער:

— אַ לאַגער!

— דו ווייסט, אַז אַ לאַגער איז אויך כמעט טויט?

— אוודאי ווייסט ער.

— און דו גיכט אוועק דעם גאַנצן קאָנטינגענט?

— ניין, ער גיט קיינמאָל נישט.

— דו מאָלסט אַליין מעל און פאַרקויפסט עס?

— יאָ!

— וואָס קומט דערפאַר?

— אייך לאַגער!

— כ'הייסט אויך טויט? !

שובע לאַכט:

— יאָ!

— און פאַר וועלכן עבירהלע קומט נישט ביי די דייטשן טויט?

— אוודאי, פאַר כמעט אַלץ, פאַרן גאַנצן לעבן!

דאָס האָט ער שוין אַליין צוגעענדיקט.

— נו, זע אַליין: די חזירים, נישט־פאַרעגיסטרירטע, האַלטסטו אָפן אין בלעוו, אויף די קעלבער אין שטאַל, דאָס מעל און תבואה — אין שייער. דאָך גיסטו זיך אַן עצה און מען כאַפּט עס קיינמאָל נישט. בפרט מיר, אַז מיר וועלן זיך פאַרשטעקן אין אַ פאַרמאַסקירטן גרוב און מען וועט אונז קיינמאָל נישט זען. דערפון וועט איר דאָך האָבן מער ווי פון אייערע עטלעכע קליינע הזירימלעך און אָרימען ביסל תבואה און — ערשט די מצוה ביים פאַן בוג און די באַלוינונג נאָך דער מלחמה!

שובע האָט אויפגעעפנט אַ פּאָר אויגן און אָנגעקוקט דאָס ווייב. זי האָט געזאָגט, אַז כ'בין „זייער אַ קלוגער זשירעק” און קאָן זיין, אַז כ'האָב רעכט, נאָר צי מיר האָבן נישט אַמאָל אַ שטיקל סחורה אויף אַ קליידל? זי וויל ביי אונז קויפן.

— אוודאי האָבן מיר! וואָס פאַר אַ קויפן, ווען קויפן? — כ'וועל עס מאָרגן ביינאַכט, בעת מיר וועלן אַהערקומען, מיטברענגען מיט זיך. גאָר אַ שיינע סחורה מיט בלימעלעך. מיר גיבן עס איר אַלס מתנה.

— ניין, זי וויל נישט קיין מתנה. נאָר, יאָ... זי האָט פאַרגעסן, זי דאַרף אַ שטיקל שטאָף פאַרן קליינעם יינגעלע אויף הייזעלעך, צי מיר האָבן נישט אַמאָל?

— אַ שאלה? — אוודאי האָבן מיר! ווי ספּעציעל צוגעפּאַסט פאַר אים. און יאָ, מיין פרוי איז אַ בריה, זי קען אַלץ, זי וועט אַליין אויפנייען לויט דער שענסטער מאָדע, ווי די גרויסשטאָטישע „פּאַניס” — פאַר איר דאָס קליידל, אַך, ווי שיין דאָס וועט זיין! און אויך פאַרן יינגעלע די הייזלעך קאָן זי אַליין אויף דער האַנט אויפנייען. אַז מען וועט דאַרפן, וועט זי אויך אויסשטריקן פון וואָל גאָר שיינע זאַכן! אפשר אַ סוועטער פאַרן פאַן?

שובע האָט געוויזן, אַז ער האָט טאַקע נישט קיין סוועטער. דאָס ווייב האָט אים גענומען גלעטן איבערן „סוואָיסקע־דראָבאָטע” העמד.

— אָ, דאָס איז אַלץ. ווו האָט ער אַ סוועטער?

— נו, ס'וועט זיין! זאָלן זיי זיך נישט זאָרגן!

מיר האָבן גענומען איבערעדן דעם פּלאַן פון אונזער קומען. זיי האָבן געוואָלט, אַז מיר זאָלן נאָך וואַרטן אַ פּאָר טעג. כ'האָב געזאָגט, אַז מיר זענען שוין צוגעגרייט און ס'וואָלט פאַר אונז שווער געווען צו וואַרטן, בפרט אַז מען מוז שוין אין צוויי טעג אַרום שיקן צו אונזערס אַ באַקאַנטן גאָספּאָדאַרזש נאָך סחורה. ס'וועט ווער פון זיי אָהינפאָרן מיט אונזערס אַ בריוול און ברענגען פון כל־טוב — פון ציכן, ציכלעך און וועש און אויך אויפן קליידל און הייזעלעך, אחוץ אַנדערע זאַכן — צו פאַרקויפן, זיך איינצושאַפן געלט. מען מוז שוין, די נאָענטסטע טעג, ווייל ס'וועט נאָך זיין צו שפּעט. יענע „גאָספּאָדאַזשעס” קאָנען נאָך אין צווישנצייט אַוועקפאָרן.

שובע פרעגט, פאַרוואָס יענער האַלט אונז נישט ביי זיך, דער, וועלכער האַלט אויך אונזער סחורה?

— מיר ווילן דאָרט נישט זיין, ווייל יענער איז אַ רייכער און זייער אַ גוטער און ער וויל אונז האַלטן אָן געלט. מיר ווילן נישט געניסן פון קיינעם, נאָר לעבן פון איינגנס.

שובען איז דאָס געפעלן געוואָרן. ער האָט אונז געדריקט די הענט און געהייסן אַלע צוזאַמען קומען שוין מאָרגן ביינאַכט.

* * *

דער צומאָרגנדיקער טאָג איז ביי אונז געווען אַ פיבערדיקער. מיר האָבן איינגעפּאַקט אַלע אונזערע זאַכן אין גרוב, דאָס ביסל וועש, אַנדערע קליינינקייטן, און פּאָר די שובעס אַ פּעקעלע סחורה, געמאַכט אָרדנונג אין שטאַל, פאַרווישט אַלע שפּורן און — אומגעדולדיק געוואַרט אויף נאַכט. די טשאַטקע האָט זיך אַ גאַנצן טאָג געדרייט ווי אַ גלייכגילטיקע צו אונז, מיט אַן אַנטשלאָסנקייט, ווי זי וואָלט שוין געקומען צום אויספיר, אַז זי האָט אונז אין דער „אדמה”, וואָס עס האָט צו זיין — זאָל זיין. זי דאַרף נאָר זען, אַז זי אַליין זאָל דערביי נישט אַריינפאַלן און זיין גרייט צו דער צייט, ווען מען וועט דאַרפן, זיך אָפּצוטראָגן. די פעלקאָווע האָט זיך אויך געדרייט הינטער אונזער וואַנט און ווי רעדנדיק צו זיך אַליין — געוואָרנט דורך די שפּאַרעס, אַז אויב יאַנעק גיט נישט תיכף צוריק דאָס פעלד — גייט זי נאָך היינט צו די דייטשן — מסרן. מיר האָבן געהויבן די אויגן צום הימל און געבעטן, אַז מען זאָל שוין איבערקומען דעם טאָג, עס זאָל שנעל נאַכט ווערן. מען האָט נאָך געהיטן און אַרויסגעקוקט אין דרויסן — עס זאָל נאָר דערווייל חלילה גאָרנישט פּאַסירן. כסדר האָבן מיר געקוקט צו דער זון, ווי ווייט זי האָט נאָך צו מערב. פון דערווייטנס איז סטאַשקאָס פענצטער געווען אָפן און מען האָט פון דאָרט געקוקט צו אונזער הויף. מאַרישקע מאַטשושאַקס איז פאַרבייגעלאָפן מיט געהיימניספולע מינעם. יאַנעק איז אויף אַ מינוט געקומען און איז באַלד פאַרשוווּנדן. מיר זענען געווען גרייט. אונזערע הערצער האָבן געזעצט. די קראָליקלעך האָבן זיך פאַרשטעקט אין די ווינקלען (זייער נאָרע איז נאָך נישט געווען פאַרטיק) און מיט אויסגע־

שטרעקטע אויערן און איבערגעשראָקענע אויגן זיך געטוליעט איינס צום אַנדערן, קוקנדיק זייטיק צו אונז, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעפילט, אַז די מענטשן דאָ גרייטן זיך צו עפּעס גאָר פאַרדעכטיקטס.

פאַרנאַכט, ווען ס'האָט נעגומען טונקלען, האָט די טשאַטקע אַריינגעבראַכט אונזער מיטאָג. זי האָט אונז נישט אָנגעקוקט, נאָר געברומט צו זיך, אוועקגעשטעלט דעם קויש און שנעל אַרויס. אין דרויסן איז געוואָרן פינצטערער. מיר האָבן זיך אָנגעטון, פאַרשטעקט עטלעכע שטיקלעך ברויט אין די טאַשן, פאַרשטאָפּט דאָס לאָך און אַרויפגעלייגט אויפן ראַנד דעם בריוו צו דער טשאַטקען, מיטן געלט און די סחורה. מיר זענען נאָך אונטערגעשטאַנען אַ שטיקל צייט. ערשט, ווען ס'איז שוין געווען גוט פינצטער, האָט איטשע גענומען אַרויסקריכן און הינטער אים — מיר אַלע. מיר האָבן זיך פאָרזיכטיק געשאַרט אויף די בייכער ביז אין דער אָלשינע אַריין. דאָרט האָט מען זיך אויפגעשטעלט, גענומען גיין און — דער וועג האָט זיך אָנגעהויבן. —

מיר זענען נעגאַנגען און זיך עפּעס נישט געגלויבט, אַז מיר טרעטן טאַקע אויפן באָדן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז מיר שוועבן. מען האָט כמעט נישט געפילט דעם אָנריר פון די צעיוירענע, וואַרעם־אונטערגעשוואָלענע פיס אין דער קילער ערד. איינער דעם אַנדערן האָט שטיל אונטערגעגעבן מוט און געשטאַרקט. אפרים האָט געזאָגט, אַז ער פילט, די לופט היילט אים, ער קריגט פרישע כוחות. ער האָט געהאַלטן אין איין אַרויפציען דעם אָטעם. מיר האָבן זיך צעשאַרט צווישן די בוימער און עס האָט זיך אונז געדאַכט, אַז פון אונטן יאָגט מען אונז נאָך — די טשאַטקע, יאַנעק און נאָך פּויערים. באַלד זענען מיר אַרויס פון דער אָלשינע אויף אַן אָפן פעלד. אַ שאָטן איז אונז אַנטקעגנגעגאַנגען. ס'איז געווען אַן אַלטע גויע. קוניאַק האָט אונז באַרואיקט, אַז זי מיינט אודאי, אַז מיר זענען פּאַרטיזאַנער. עס פאַלט זיי מער נישט איין, אַז עס לעבט נאָך ערגעץ אַזאַ גרויפּע יידן. מיר זענען דרייסט געגאַנגען ביז דעם נאָענטסטן וועלדל.

אסתרל און צפּורהלע האָבן געפרעגט צי מיר זענען שוין באַלד ביי שובען, ווייל זיי האָבן שוין קיין כוח נישט, זיי פאַלן. זיי האָבן שווער געסאַפּעט און זיך אָנגעלענט אין אונז. אין וועלדל האָבן מיר זיך געזעצט אָפּרוען. פון הימל האָט אַ שטערן אַראָפּגעשאָסן איבער אונזערע קעפּ. דערווייל האָט זיך אונז געדאַכט, אַז מען הערט שיכן און שטימען פון מענטשן. מיר האָבן זיך איינגעטוליעט און געשווינן. צווישן די בוימער האָט זיך טאַקע עפּעס גערודערט. מיר האָבן אַלע איינגעהאַלטן דעם אָטעם. איטשע האָט געזאָגט, אַז עס מוז זיין אַ חיהלע. מיר האָבן זיך אויפגעשטעלט. די פיס זענען געווען שווער און מען האָט זיך ווייטער גענומען שאַרן דורך וועלדלעך און פעלדער. אסתרל און צפּורהלע האָבן געשריגן, אַז זיי חלשן, זיי קאָנען שוין מער נישט. פרוימאַן האָט זיי געפירט. איטשע איז געלאָפן פאָרויס, פאַר אונז. ער האָט דורכגעהאַקט אַ געדיכטן וואַלד און אַרויסגעקומען אויף אַ פעלד. ער האָט זיך פאַרהאַלטן, אונטערגעוואַרט אויף אונז און געפרעגט, צי מיר זעען שוין פון דערווייטנס אַ טונקעלן פלעק, וואָס טיילט זיך אויס אין דער פינצטערניש? דאָס זענען שובעס כאַלופּע און שייער, ס'איז שוין נישט ווייט.

האַלב דריי איז געווען דער זייגער ווען מיר זענען אַרויף אויף שובעס הויף. ווידער האָט אונז מאַרוואַ מקבל־פּנים געווען מיט אַ בילעריי און איטשע האָט אים

איינגענומען. זיי האָבן זיך געדריקט הינטער די ווענט און איך האָב עטלעכע מאָל אָנגעקלאַפּט אין דער שויב. שובע האָט אַרויסגעקוקט און באַלד געעפֿנט. איך בין אַריין, געבעטן פֿאַרהענגען די פֿענצטער און מען האָט געמאַכט ליכטיק. שאָטנס האָבן זיך אַריינגעשאַרט איינער הינטערן אַנדערן. כ'האָב דערלאַנגט דאָס קליינע פּעקעלע סחורה און פֿאַרגעשטעלט דעם עולם פֿאַר די כאַלעבאַטים אין בעט. די שובאָווע האָט באַטראַכט דאָס פּעקעלע. זיך געקרומט, ס'איז אַזוי ווייניק און געקוקט אויף אונז ווי אויף „נישט גוטע”. אסתרל און צפורהלע האָבן מיט איר פֿאַרפֿירט אַ געשפּרעך און — איך, פּרוימאַן, אפֿרים און איטשע האָבן אים גענומען אין דער אַרבעט. ער איז געווען איבערגעשראָקן און צעחושט.

כ'האָב געזוכט אין די קעשענעס נאָך גוטע זאַכן, זיי מכבד צו זיין און נישט געפֿונען, האָב איך אָנגעהויבן צו זאָגן וויצן. שובע האָט געשמייכלט. מען האָט זיך אָפּגעשמועסט, אַז באַלד פֿאַרטאָג נעמען מיר זיך גראָבן דעם גרוב אין סטאָדאָלע און ס'איז דעריבער גלייכער שוין איצט צוצוגרייטן דאָס געהילץ. מען האָט אַרויסגעפֿירט די פֿרויען מיט אפֿרימען אויפֿן בוידעם און מיר זענען מיט שובען אַרויס אין זיין שכנותדיק וועלדל. מיר האָבן אויסגעקליבן עטלעכע אָפּגעזעגטע לאַנגע בוימער און זיי אַריינגעטראָגן אין סטאָדאָלע. דאָרטן זענען שוין אויך געלעגן ברעטער און שפּאַדלעס. שובע איז צוריקגעגאַנגען זיך לייגן. איך האָב אים אַריינבאַגלייט אין שטוב. זיין ווייב איז נאָך אַלץ געזעסן אויפֿן בעט אַ צעטומלטע און נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. כ'האָב זיי גענומען פֿאַרלייענען אַ פּרשה פֿון ישועות און נחמות. דער קליינער, דאָס שגצל, איז געשלאָפֿן אין בעט. כ'האָב צוגעזאָגט אויך פֿאַר אים צו קויפֿן שיינע זאַכן און ס'איז ביי אונז געבליבן, אַז ער טאָר דערפֿון נישט וויסן. די עלטערן וועלן אים, מאַניעקלן, נישט אַריינלאָזן אין שייער. מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט, אַז די שובאָווע וועט די טעג פֿאָרן צו קאָנטראַקטאָוויטשן און אָהערברענגען אַ גרויסן פּאַק סחורה — פֿון שענסטן און בעסטן.

כ'האָב געזאָגט אַ „גוטע נאַכט” און צוזאַמען מיט פּרוימאַנען און איטשען אַריין אין סטאָדאָלע.

אינדרויסן איז שוין באַלד געווען טאָג. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און געוואַרט עס זאָל נעמען גרויען, מען זאָל קאָנען אָנהויבן די אַרבעט. איטשע האָט אָנגעהויבן שנאָרכן. מאָרגנס אויפֿן הויף האָט שוין געבילט און געוויעט דעם טאָג אַנטקעגן. דורך די שפּאַרעס האָט שוין אַריינגעבלויט. פּרוימאַן האָט גענעצט און געוועקט איטשען. איך האָב זיך געפֿילט ווי צובאַהאַפּטן צו דער ערד און ס'איז מיר שווער געווען זיך אָפּצורייסן. כ'בין געווען ווי געליימט, די אויגן האָבן זיך מיר געקלעבט און די פֿיס זענען געלעגן אויסגעצויגן ווי קלעצער. מען האָט זיך איינער דעם אַנדערן אונטערגעיאָגט און זיך גיך גענומען צו דער אַרבעט. מיר האָבן זיך די הענט נישט געהויבן, כ'האָב דעם שפּאַדעל אין האַנט נישט געקאָנט נעמען. זיי ביידע האָבן דערווייל געגראָבן. מען האָט אָנגעצייכנט אַ פּלאַן: דריי מעטער די לענג, אויף צוויי די ברייט און דריטהאַלבן די טיף. איך האָב זיי געוואָלט העלפֿן, כסדר געכאַפּט אַ שפּאַדעל און געפּרוווט אָנהייבן. ס'איז מיר אָבער נישט געגאַנגען. די הענט זענען מיר שווער אַראָפּגעהאָנגען און נישט געוואָלט זיך אונטערוואַרפֿן מיין ענערגיע און אָנשטרענגונג. דער גרוב איז דערווייל געוואָרן טיפֿער, זיי האָבן שנעל געגראָבן, שפּאַדעל נאָך שפּאַדעל און אַרויסגעשיט די ערד-

אויף דעם סטאָדאָלע־באָדן. פרוימאַן האָט מיך אַרויסגעיאָגט פון גרוב און געהייסן אויבן צעשיטן די אַרויסגעגראָבענע ערד איבער דעם גאַנצן שייער. כ'האָב געפילט, אַז כ'פאַל אַוועק און כסדר געמוזט רוען. אין דרויסן איז לאַנגזאַם געוואָרן טאָג. די שובעס זענען שוין געווען אויפן הויף און זיך געפאָרעט ביי דער ווירטשאַפט. זי איז צו אונז אַריינגעקומען און נישט געזאָגט קיין „גוטמאָרגן". זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט קוקן צו אונזער אַרבעט און געקרעכצט. פון שטוב איז דערווייל באָרוועס אַרויסגעשפרונגען מאַניעקל און גלייך אַ טשעקאַווער צוגעקומען צו דער סטאָדאָלע. די מוטער איז אים בייז אַנטקעגנגעלאָפן און נישט אַריינגעלאָזט.

— אַוועק, שוין אַוועק! — האָט זי געשריגן צו אים.

מאַניעקל האָט זיך אָבער איינגעשפאַרט, אַז „ער וויל זען, ער וויל זען!". דורך די שפאַרעס פון דרויסן האָט ער אַריינגעקוקט און אונז באַטראַכט. מיר האָבן אים גערופן — איז ער פאַרשעמט אַנטלאָפן. באַלד צוריקגעקומען, אַריינגעקוקט און ווידער אַנטלאָפן. די שובאָווע האָט אונז געזאָגט, אַז מיר זאָלן קיין מורא נישט האָבן, ער איז אַ קלוגער, זי האָט אים צוגעזאָגט שיינע זאַכן און ער וועט נישט אויסזאָגן. זי האָט אים אָנגעכאַפט פאַר אַ הענטל און אַריינגעשלעפט צו אונז. ער האָט געקאָפעט מיט די פיסלעך און זיך צוריקגעריסן. מיטן צווייטן הענטל האָט ער זיך פאַרשטעלט די אויגן. מיר האָבן אים געקנייפט אין די בעקלעך, צוגעזאָגט צו קויפן אַ סך שפילצייג און אַ ראָווער. מאַניעקל איז גיך געוואָרן היימיש. ער האָט אויפגעמאַכט די אויגעלעך, זיך אַוועקגעזעצט אויפן זאַמד און ווען די מוטער איז אַרויס, האָט ער געכאַפט אַ שפאַדעל און געהאָלפן גראָבן. איך האָב אים נאָכאַמאָל דערציילט וועגן די שיינע זאַכן און דעם ראָווער און געפרעגט צי ער האָט ליב דעם „אויטשעץ מיט דער מאַטקע".

— יאָ, ער האָט זיי ליב!

— אויב אַזוי, טאָר ער, מאַניעקל, פאַר קיינעם נישט דערציילן וועגן אונז ווייל די דייטשן קאָנען נאָך דערפאַר שיכן דעם אויטשעץ מיט דער מאַטקע! קיינעם זאָל ער גאָרנישט זאָגן, אויך זיינע חברימלעך נישט!

מאַניעקל האָט געשאָקלט מיטן קאָפ, אַז ער וועט קיינעם נישט אויסזאָגן און זיך געפרעגט ווען כ'וועל אים ברענגען דעם ראָווער.

פון פרוימאַנען און איטשען האָט זיך דערווייל געגאָסן דער שווייס. דער גרוב איז שוין באַלד געווען פאַרטיק. מיר האָבן געבעטן, אַז דער היינטיקער טאָג זאָל שוין האָבן אַדורך בשלום, מיר זאָלן שוין האָבן דאָס באַהעלטעניש, ווו זיך צו פאַרשטעקן. מיר דאָ — אין סטאָדאָלע און זיי — אויפן בוידעם, זענען איצט אָפן. עס זאָל נאָר חס ושלום קיין אָבלאַווע נישט זיין און קיין אומגעריכטער גאַסט זאָל אַמאָל נישט קומען אין סטאָדאָלע אַריין.

אין דרויסן האָבן זיך געדרייט די שובעס און אַכטונג געגעבן. אויך מאָריוואַ, אָנגעבונדן אויף דער קייט פאַר דער בודע, ביי די טירן פון שייער, האָט אַלאַרמירט ווען כ'האָט זיך ווער אַ פרעמדער דערנענטערט אויפן וועגל (אַ וועגל לויפט פאַרביי האַרט הינטער דער סטאָדאָלע פון איין דאָרף צום צווייטן). איך בין אויך אַריין אין דער אַרבעט און אַ פאַרע האָט אַזש געשלאָגן פון אונזערע צעשוויסטע לייבער. די העמדער אויף אונז זענען געווען אויסגעוויקט — פיטש נאַס.

נאָכמיטאָג איז דער גרוב געווען פאַרטיק. מיר האָבן די לאַנגע בוימלעך נע־

ליגט אויבן אין דער לענג, אַלס בעלקעס, די ווענט אינעווייניק באַפּעסטיקט מיט סלופּקעס און ברעטער, די רעשט אויסגעבעט מיט שטרוי און אַרומגעשלאָגן מיט לייסטן. אויך אויף דער פייכטער ערד, אויף דעם באָדן, אויסגעבעט מיט שטרוי. אויבן איבער די בעלקעס האָט מען אָנגעלייגט מיט צווייגן, אויסגעשפּרייט צייטונגען און גענומען שיטן ערד פון דעם אויסגעגראָבענעם באַרג מיט זאַמד, צוזאַמען אַ קנאַפּן מעטער די דיק. מיר האָבן פון דער הויך אָנגעשיט היי און מיסט און פון דינע ברעטלעך געמאַכט אַ דעקל צו דער שמאָלער עפענונג. אָנגעשיט אויף דעם ערד און פון אויבן אויך היי, שטרוי און מיסט — צוגעפעסטיקט אומזעבאַר מיט דינעם שטריק. עס האָט זיך גוט איינגעפּאַסט אין דער עפענונג. פון אונטן, פון גרוב, האָבן מיר דאָס דעקל געקאָנט עפענען, אַרויסשטופּנדיק עס מיט בײדע הענט אויבן אַרויף. פון אויסנווייניק אין דער סטאָדאָלע, איבער דעם באַהעלטעניש, איז אוממעגלעך געווען עפּעס צו דערקענען. דאָס היי, שטרוי און מיסט האָבן אויסגעגלייכט דעם גאַנצן באָדן. ביי אַן אָבלאַווע וואָלטן מיר אינעווייניק געקאָנט פעסט צוהאַלטן דאָס דעקל, מען זאָל, פּרווונדיק, נישט קאָנען עס אַרויסשלעפּן און זען, אַז עס איז אַן עפענונג.

שובע און די שובאָווע זענען געקומען צו לויפן, באַוווּנדערט אונזער געלונגענע אַרבעט און זיך גענומען פילן זיכערער. געפּרוווט אַרייִנקריכן און נישט געקאָנט — צו שמאָל געווען דאָס טירעלע. מאַניעקלן איז דאָס עסק געפעלן — איז ער אַריין און אַרויס, אַראָפּגעשפּרונגען און זיך אַרויסגעדראַפּעט. ער האָט נאָכאַמאָל צוגעזאָגט קיינעם נישט צו דערציילן.

פאַרנאַכט איז שובע אַוועק אין דאָרף נאָך בראָנפן. ווען ס׳איז פינצטער געוואָרן, האָט מען אַראָפּגעבראַכט אַמתדלן, אפּרימען און צפּורהלען פון בוידעם. מאָרוואַ האָט אין דרויסן געוואַכט און מיר מיט אונזערע באַלעבאַטים האָבן אינעוויניק געמאַכט אַ שנאַפּס, געטרונקען „לחיים״ און זיך געווונטשן, אַז עס זאָל טאַקע זיין לחיים ולא למות!

⁂

מיר זענען היינט אַלע ריין, זויבער, אַזש אַ נחת.

אין אָוונט, נאָכן פאַרטיק מאַכן דאָס באַהעלטעניש, האָבן מיר געבעטן דער שובאָווען, האָט זי אונז אַרייַנדערלאַנגט אין סטאָדאָלע אַ באַליע מיט עטלעכע קובלעם וואַסער. אסתרל האָט אונז אָפּגעשוירן. מיר האָבן זיך אָפּגעוואַשן און אָנגעטון זויבערע וועש. זיי זענען אַלע אַראָפּ אין באַהעלטעניש און איך בין אויבן געבליבן מיט איטשען. כ׳האָב אים געהייסן אַראָפּוואַרפן זיינע פאַראומרייניקטע מלבושים און אים אַרייַנגעזעצט אין דער באַליע מיט הייס וואַסער. כ׳האָב אים אויסגעזייפט, אויסגעבאָדן און געגעבן קלאָרע וועש*) און מלבושים (אַראָפּגענומען פון יעדן פון אונז אַ שטיקל). זיינע אַלטע לאַכעס האָט מען באַגראָבן אין אַ גרוב הינטער דער סטאָדאָלע. ער האָט אינגאַנצן אויפגעשיינט.

---

*) דאָ, שפּעטער, ווי פריער ביי דער טשאַטקע, האָבן אונזערע באַלעבאַטים געוואַשן בסתר פאַר אונז די וועש. זייער אָפט איז עס געווען פאַרבונדן מיט גרויס געפאַר.

שפּעטער האָבן מיר זיך אַלע פאַרמאַכט אין גרוב. מיר האָבן אָנגעצונדן אַ ליכט, זיך אַרומגעקוקט און ס'איז אונדז דאָ פאָרגעקומען ווי אין אַ נייער, לייטישער און גערוימער דירה. דער עולם איז געוואָרן הונגעריק, די שובאָווע האָט באַלד אַריינדערלאַנגט אַ טאָפּ געקעכץ — קאַרטאָפל אויף מילך. די חברה האָט זיך צוגעכאַפּט און — אַ מינוט, דערמאָנענדיק זיך אין לעבן דאָרט — האָט זיך געדאַכט, אַז די ישועה איז שוין דאָ...

אָ, די טשאָטקע, וואָס טראַכט זי איצט? וואָס זאָגן זיי אַלע? הלוואי זאָל עס זיך דאָרט באַרואיקן! גלייכער וואָס שטילער אַרום אונדז. דאָ האָבן זיך דערווייל אַביסל באַרואיקט אונדזערע צעשרויפטע נערוון, ס'איז נאָך צו שטיל. מיר שרעקן זיך אַזש דערפאַר. מיר האָבן מורא, מען זאָל זיך נישט פאַרזינדיקן, צי מעגן מיר לעבן אין אַזאַ רואיקייט, אין אַזאַ שטילקייט? !

24־טער מאַי :

די שובאָווע איז היינט אינדערפרי געפאָרן צו קאָנטראַקטאָוויטש נאָך סחורה. זי האָט אים געבראַכט אונדזערס אַ בריוול און געזאָגט, אַז זי איז פון הינטער וואַרשע. מיר זענען ביי פּאַרטיזאַנער און גייען אַמאָל פאַרביי זייער דאָרף. מיר האָבן אים געשריבן, אַז די מלחמה ענדיקט זיך שוין באַלד און מיר וועלן אים דאַן זיין דאַנקבאַר. ער האָט צוריקגעשיקט אַ בריוועלע אַז ער האָט נאָך גאָר ווייניק און עס באַטרעפט שוין נישט פּיל.

גאָט זאָל טאַקע העלפן, אַז עס זאָל שוין לאַנג נישט דויערן. מיר האָבן נאָך אויך אויף אַנדערע צוויי ערטער צו קליינע ביסלעך. עס זאָל נאָר גענוגענען אויף דער צייט!

די שובאָווע האָט געבראַכט אַ פּעקל און אונדז געפרעגט צי מיר זענען טאַקע פאַרבונדן מיט פּאַרטיזאַנער. אויך שובע האָט עס שטאַרק געוואָלט וויסן. מיר האָבן זיי געזאָגט, אַז יאָ. מיר האָבן צווישן זיי פּיל פריינט. זיי ווייסן, אַז מיר זענען דאָ ביי אים, ביי שובען און זיי זענען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אונדזער גורל. ווען עס טוט אונדז ווער, וואָלטן זיי אין יענעם תיכף נקמה גענומען און אונדזערע רעטער וועלן זיי שפּעטער באַלוינען.

מען האָט אויפגעפּאַקט דאָס פּעקל און די קאָלירטע ציכן האָבן זיי גענומען בלישטשען אין די אויגן, אויך די אַנדערע שטיקלעך שמעקן. די פּויערים גלאָצן אויף די סחורות, לייגן זיי פון איין האַנט אין דער צווייטער און קאָנען זיך פון זיי נישט אָפּרייסן. אַלץ געפעלט זיי און זיי וואָלטן עס געדאַרפט פאַר זיך, אַ שאָד צו פאַרקויפן. שובע זאָגט, אַז פאַרקויפן וועט מען נאָר קלייניקייטן. עס זאָלן זיין אַ פּאָר גילדן אין שטוב אויף די פאַרשידענע הוצאות. דאָס איבעריקע, וועט ער האַלטן פאַר זיך און עסן וועט ער אונדז שוין דערפאַר געבן פון זיינעם. מיר האָבן זיך דערלאַנגט די הענט אויף „זגאָדאַ”. זיי זענען צופרידן אַוועק מיט די סחורות און ביי אונדז איבערגעלאָזט נאָר אַ קליינעם טייל.

היינט, נייט אסתרל די ציכן און די הייזלעך פאַר מאַניעקלעך. די שובאָווע פילט זיך גוט, ווי אַ גרויסשטאָטישע „פּאַני”. זי קומט כסדר באַקוקן די אַרבעט. זי קומט און קוקט, דאָ צו אונדז און דאָ — צו דער אַרבעט. זי איז אינגאַנצן צע־

חושט — קוקט זי אויף אונז — פאַרציט זיך איר אַ נעפּל אויף די אויגן. קוקט זי צו דער וועש — נעמען זיי מיט אַ יונגער פרישקייט בלישטשען.

⁂

יאָ, די צייט איז דורכגעלאָפן. מיר געפינען זיך שוין טאַקע אין אַ ניי באַהעלטעניש, ביי נייע באַלעבאַטים. אונזער געמיט איז אַביסל אויפגעפרישט. מיר פילן אַן ענדערונג און קאָנען אַליין נישט באַרעכענען, וואָס עס האָט פּאַסירט. דאַכט זיך, אַז וויניקער שרעק, דאָ וויסט דערווייל קיינער נישט פון אונז. די מלינה איז נאָך זיכער. מיר האָבן אויך אַ שומר פאַר דער טיר — מאַרוואַ, וואָס בילט אַנטקעגן יעדן, וואָס קומט אָן פון דרויסן. מאַרוואַ איז אַ צויג פון מיטעלן וווקס מיט אַ ברוינער פעל און קליינע ווייסע פלעקן. יעדן פאַרנאַכט בינדט זי שובע אָפּ פון דער קייט, זי קומט אַריין צו לויפן אין שייער און שנאַפּט מיט די נאָז־לעכער. מיר פאַרשטעקן זיך דאַן אַלע אין גרוב. מיר האָבן פאַר איר מורא. גלייכער זאָל זי נישט זיין היימיש מיט אונז — זי קאָן אונז נאָך אַמאָל פאַראַטן.

אויך דאָ זענען צוויי פון אונז אַ גאַנצן טאָג אויבן אין סטאַדאָלע און היטן דורך די שפּאַרעס אין די ווענט. עס גייען אָפּט פאַרביי מענטשן אויפן גרינעם וועגל הינטער דעם שייער, פון איין דאָרף אין אַנדערן, און זיי פאַרהאַלטן זיך אַ סך מאָל ביי אונזער באַלעבאָס, ביי דעם ברונעם אויפן הויף. ער איז זיי מכבד מיט אַ קאַלטן טרונק וואַסער. מען מוז זיין פאָרזיכטיק. בכלל איז ער אַ פריינטלעכער מענטש, שובע, ער נעמט גערן אויף געסט און האָט אַ סך היימישע. אויך יידישע באַקאַנטע האָט ער אַמאָל פיל געהאַט. יעדן טאָג קומט ער צו אונז אַריין אין סטאַדאָלע, זעצט זיך אויף דער ערד און דערציילט מעשיות וועגן זיי, די באַקאַנטע יידן, וואָס האָבן דאָ אַמאָל געהאַנדלט און געוווינט אין די אַרומיקע דערפער, יידן — גוטע, אָרנטלעכע און „שווינדלערס", וואָס האָבן אָפּגענאַרט דעם פויער. ער רעדט וועגן זיי אָן שנאה און די מעשיות לאָזן איבער אַ טרויער: נישטאָ שוין מער די דאָרפס־יידן, די יידן מיט די פאַרמעליקטע כאַלאַטלעך און שטיוול, מיט די פאַרשטרויטע בערדלעך. ער דערציילט פּשוט, שובע, און מיר דערוויסן זיך, ווי זיי, די אָרעמע יידן, האָבן שווער, ווי קריעת ים־סוף, געקעמפט פאַרן שטיקל ברויט, ווי דער פויער האָט זיי געשינדן די פעל און מבזה געמאַכט. די דאָזיקע יידן, מיט די פאַרמעליקטע, אויסגעווייסטע היטלען און פנימער האָבן געבראַכט פרנסה דעם דאָרף, זיי זענען מיט דעם געווען פאַרבונדן, פאַרברודערט פון דורות, אַ שטיק פון דעם און — ער, דער עלטערער פויער, דערציילט וועגן זיי גוטמוטיק ווי וועגן דעם שלעכטן, נישט נעגראָטענעם שניט פון פאַר צען־פופצן יאָר. עס שוועבן פאַר מיר אויף היימישע, ליבלעכע געשטאַלטן, פאָלקסטימלעכע, געזונטע טיפּן יידן, וואָס זענען געווען דאָ נישט לאַנג, דאַכט זיך — נעכטן און זענען שוין נישטאָ און וועלן מער נישט זיין. דעם פויערס מעשהלעך רופן ביי מיר אַרויס קדיש־געפילן און איך בלייב ליגן אָן לשון.

26־טער מאַי:

היינט האָבן מיר שוין דאָ געהאַט אַ גאַסט. שובעס אַן אויסגעגעבענע טאָכטער פון אַ שכנותדיקן דאָרף. שובע איז צוערשט אַריינגעקומען אונז צוגרייטן צו דעם וויזיט. ער האָט אונז דערציילט, אַז די טאָכטער איז זייער אַן אָרנטלעכע און אַ גוטע. מיר דאַרפן זיך פאַר איר נישט שרעקן. מען האָט איר געמוזט אויסזאָגן וועגן אונז, ווייל זיין ווייב האָט שטאַרק מורא, מוז זי האָבן פאַר וועמען זיך אָפּצורעדן פונעם האַרץ, מיט וועמען זיך טיילן מיט דער שרעק. מאַנקע, אַזוי הייסט זייער טאָכטער, איז אַ דרייסטע, אַן אומדערשראָקענע און זי קאָן צונוץ קומען אויך, למשל, צו פאַרקויפן אַביסל קלייניקייטן פון די געברענגטע סחורות. זי וועט מיט דעם גיין יעדן מיטוואָך קיין דאָברע אויפן מאַרק און פאַרקויפן. זי וועט אין איינוועגס אויך איינקויפן פאַר אונז די נויטיקע זאַכן.

באַלד איז די שובאָווע אַריינגעקומען מיט מאַנקען און זי אונז פאָרגעשטעלט. מאַנקע, אַ בלאָנדע דאַרע שיקסע פון איבער צוואַנציק, מיט רויטע, אויסגעטריפטע אויגן, איז געבליבן שטיין אַ צעמישטע אויף דער שוועל פון סטאָדאָלע, געקוקט צו אונז, אונז באַטראַכט און נישט געוואָלט גיין ווייטער. אויף די הענט האָט זי געטראָגן פאַרוויקלט אַ קינד. מאַניעקל האָט זיך אין איר אָנגעהאַלטן פון אַ זייט און געזויגן אַ פינגער אין מויל. ער האָט איר שטילערהייט דערציילט, אַז מיר וועלן אים קויפן אַ ראָווער מיט שיינע זאַכן. די טירן פון דער סטאָדאָלע זענען געווען פאַרמאַכט, בין איך שנעל אַנטקעגנגעלאָפן, דערלאַנגט מאַנקען די האַנט און זי געבעטן ווייטער גיין. זי האָט נישט דרייסט געשטעלט הינטער מיר די טריט. מיר האָבן זיך אַלע געזעצט אַרום לאָך און געשמועסט וועגן סחורות, ווי טייער זיי זענען איצט. מאַנקע האָט דערציילט וועגן געכאַפּטע זשידקעס אין דעם קאַנט און אַז מען וועט זיי נאָך הרגענען, דעם טאַטן מיט דער מאַמען. די שובאָווע האָט אונז בייז אָנגעקוקט. איך האָב זיי אַנטדעקט אַ סוד, אַז פאַרשטעקט זענען טויזנטער יידן און מען כאַפּט זיי נישט, ווייל די „גאָספּאָדאַזשעס” זענען קלוגע מענטשן און ווייסן ווי אַזוי צו היטן דעם עסק. פון די וועלכע מען כאַפּט נישט ווייסט מען דאָך נישט. דערוויסן, דערוווּסט מען זיך בלויז פון די געכאַפּטע, וועלכע מען געפינט ביי די נאַרישע פויערים, וואָס קאָנען זיך נישט אויסהיטן און פאַראַטן זיך אַליין. עס ווענדט זיך אַלץ נאָר בלויז אין זיי, ווי זיי וועלן זיך אויפפירן. כ׳האָב זיי איינגערעדט, אַז זיי ווייסן אַליין נישט, וויפיל פון זייערע שכנים און קומעס עס האַלטן ביי זיך פאַרשטעקטע יידן, נאָר זיי מאַכן עס אַזוי געהיים, אַז קיינער האָט גאָר נישט דעם מינדסטן חשד.

שובע האָט זיך דערין אָנגעכאַפּט און באַלד גענומען אויסרעכענען צענדליקער נעמען פון שכנים אין דעם דאָרף און פון די נאָענטסטע דערפער, „וועלכע האָבן זיכער ביי זיך יידן”. יאָ, ער ווייסט עס שוין אויף געוויס, שובע, ער האָט שוין סימנים. אָ, כ׳בין גערעכט. יענע זענען זייער קלוגע, דעריבער ווייסט נישט קיינער דערפון.

— אָ, וואָ, וואָ — אים איז דאָך ביז איצט גאָרנישט איינגעפאַלן!

די שובאָווע קרעכצט:

— אָבער נאָכוואָס, גאָט מיין גאָט, נאָכוואָס האָט אונז דאָס געטויגט? נאָכוואָס?

מאַנקע האַלט אויך, אַז מען דאַרף זיך שטאַרק היטן און ס׳איז זייער מעגלעך, אַז ביי זיי אין דאָרף זענען אויך פאַרשטעקט יידן, (זי וווינט אין זעלביקן דאָרף ווי די פעלקאָווע). ביי דער אַלמנה פון באַנדיט פעלעק, זאָגט מען, באַהאַלטן זיך אויס יידן פון מינסק. עס מוז אָבער זיין אַ ליגן, ווייל מען האָט שוין דאָרט פיל מאָל געזוכט און גאָרנישט געפונען. עפעס איז אָבער דאָרט נישט אין אָרדנונג, פעלעקס שוועסטער, די הויכע טשאַטקע, זעט אויס צו זיין פאַרדעכטיקט.

— ניין — זאָג איך איר — דאָרט ווייס איך, זענען קיין יידן זיכער נישטאָ, ווייל בלויז אָרנטלעכע מענטשן — פרומע און קלוגע האַלטן יידן.

מיר האָבן מאַנקען מכבד געווען מיט אַ ביסל בראָנפן און שובע האָט איר דערציילט, וואָס פאַר אַ קלוגער זשידעק איך בין און ווי קלוג איך רעד. אָט, אפילו מיט אים, כ׳האָב אים באַלד ביים ערשטן געשפרעך איבערגערעדט און ער איז באַשטאַנען אונז צו נעמען, טראָץ דעם, זאָגט ער, וואָס ס׳האָט זיך אים נישט געגלוסט. ווען כ׳בין אַוועק, האָט ער חרטה געהאַט און אויף צומאָרגנס קוניאַקן אָפגעזאָגט, אָבער ווען כ׳בין ווידער געקומען, האָט ער, כאָטש ער האָט נישט געוואָלט, געמוזט זאָגן יאָ. ווען כ׳בין אַוועק, האָט ער ווידער באַשלאָסן, אַז נישט, אָבער דאָ זענען מיר אַלע צוזאַמען שוין אָנגעקומען און ער האָט, נאָכדעם ווי איך האָב מיט אים גערעדט, נישט געקאָנט זאָגן „ניין”.

— ער איז זייער אַ קלוגער — זאָגט ער — און קאָן יעדן איבעררעדן!

די טאָכטער וויל מיך באַוווּנדערן. איך גיב איר צו פאַרשטיין, אַז איך בין נישט קיין קלוגער, נאָר דאָס אַלץ האָט דער פאַן בוג געמאַכט. ער האָט מיך געלערנט וואָס צו רעדן און ער האָט איר טאַטן און מאַמען נישט געלאָזט זאָגן ניין, ווייל ס׳איז גאָטס ווילן אַזוי!

מאַנקע זאָגט, אַז עס איז מעגלעך, אַז איך בין גערעכט, ווייל זי ווייסט, אַז זשידקעס זענען אויך גאָטס־קינדער און מיר זענען אַמאָל אפילו געווען גאָטס אויסדערוויילט פאָלק, נאָר ווייל מיר האָבן פאַרזינדיקט און פאַרשטויסן גאָטס זון — דעריבער איז אויף אונז געקומען אַזאַ שטראָף.

שובע בעט, אַז די טאָכטער זאָל אַמאָל נישט אויסזאָגן וועגן אונז איר מאַן, ווייל ער האָט נישט ליב קיין יידן. מאַנקע דערציילט אונז אויך, אַז איר מאַן האָט נישט ליב צו זען קיין זשידקעס, נאָר זי וועט אים נישט זאָגן, אַז מיר געפינען זיך דאָ.

דאָס קינד אויף איר אָרעם האָט זיך דערווייל צעוויינט. זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט און זענען אַלע מיטאַמאָל אַרויס.

⁂

נאָך מאַנקעס אַוועקגיין איז שובע נאָכאַמאָל אַריינגעקומען צו אונז און זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט נישט געוואָלט אויסזאָגן דער טאָכטער. נאָר דאָס ווייב, זי מוז אַלץ דערציילן מאַנקען. פאַר דער טאָכטער אַליין וואָלט ער אויך קיין מורא

נישט געהאָט, ווייל זי ווייסט ווי צו היטן אַ סוד. לאַנגע יאָרן, אַלס מיידל נאָך, האָט זי געוווּסט אַלע סודות פון זייערע שכנים, די באַרימטע באַנדיטן, די צענגעלשטשאַקעס. זי איז צו זיי אין שטוב אַריינגעקומען, צו זייערס אַ שוועסטער, אירס אַ חברטע און אַלץ געוווּסט, אָבער קיינעם נאָרנישט אויסגעזאָגט. אויך די פּאָליציי האָט זי אַמאָל געפּאָרשט און זי האָט זיך „געהאַלטן” און נישט פאַרשיט. פאַר איר איז דעריבער נישטאָ וואָס זיך צו שרעקן, נאָר ס'איז אַ מורא פאַר זיין אײדעם. פאַר איר מאַן — מאַטשעק. ער איז אַן אַנטיסעמיט און האָט נאָך פאַר דער מלחמה געשלאָגן יידן. ווען ער כאַפּט אַ ייד, וואָלט מיט יענעם געווען ביטער. אָדער ער וואָלט אים אַליין צום טויט דערשלאָגן, אָדער אים גלייך איבערגעגעבן צו די דייטשן. באַהיט זאָל מען ווערן, אַז ער זאָל זיך פון אונדז דערוויסן. נאָר מאַנקע איז אַ קלוגע, אפילו דעם אייגענעם מאַן וועט זי נישט אויסזאָגן. זי וועט נישט וועלן איינשטעלן דאָס לעבן פון די עלטערן. זי איז אַ גוטע טאָכטער און האָט שטאַרק ליב דעם טאַטן מיט דער מאַמען.

שובע דערציילט מיר, אַז ער אַליין האָט אַ ווייך האַרץ, ער קאָן נישט זען ווי מען הרגעט מענטשן, פונקט פאַרקערט ווי דער אײדעם, מאַטשעק.

זיי זענען איינמאָל ביידע געפאָרן פון מראָזים קיין קאַלושין. דאָס איז געווען פאַראַיאָרן ווינטער, אין דעצעמבער. בעת מען האָט די צונויפגעזאַמלטע יידן פון קאַלושין געטריבן נאָך מראָזים צו דער באַן, קיין טרעבלינקע. ס'איז פונקט געווען אַ גרויסער פראָסט. ער מיטן אײדעם זענען געפאָרן אויף אַ שליטן און געזען אויפן שאָסיי פאַרבייטרייבן די יידן — אפשר אַ פאָר טויזנט מאַן — מענער און פרויען, יינגלעך און מיידלעך און קינדער אַ סך. די וועגן זענען געווען אויסגעשפּרייט מיט טויטע מענטשן, מיט אויפגעריסענע קעפּ און בייכער. ער, שובע, האָט נישט געקאָנט קוקן. דאָס האַרץ האָט אים געטראַסקעט. ער האָט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ פון די טויטע גופים. דער אײדעם האָט געטריבן דאָס פערדל, עס אונטערגעשמיסן מיט דער בייטש און געזאָגט:

— פּשאַ קרעוו! אַ כאָלערע אויף זיי! מ'דאַרף זיי אַלע אַזוי צעטרייבערן די בייכער, נישט גלאַט שיסן, ב'קיל זיך מיין האַרץ.

און שפּעטער, שוין נאָענט פון קאַלושין, ווען זיי האָבן געזען זשאַנדאַרן יאָגן עטלעכע יידן — מענער, פרויען און קינדער — צום „זשידאָווסקי צמענטאַזש” צום שיסן און אויף אַן אַנדער געסל האָט אַ פורל איבערגעפירט אַ גאַנצן הויפן מיט טויטע, נאָר וואָס דערשאָסענע צום בית־עלמין, האָט ער, שובע, אַזש פאַרמאַכט די אויגן, זיך איבערגעצלמט און זיך גענומען מאָדלען. ס'איז אַזש אַ שרעק געווען! מאַטשעק האָט אָבער פון אים געלאַכט און געזאָגט, אַז דער „אויטשעץ” האָט אַ צו ווייך האַרץ, ווי אַ באַבע, נאָך ערגער. מ'דאַרף זיי אַלע, פאַרשיווע זשידעם, אַזוי דערטליקען.

שובע זאָגט מיר, איך זאָל זיך נישט אויפרעגן, ער איז נאָך יונג, אַזוי אַלט סך־הכל ווי איך אַליין בין, נישט מער, און ער האָט נאָך נישט קיין שכל. ווען ער וועט קומען אין זיינע יאָרן — אַריבער די פופציק — וועט ער מסתמא קלוגער ווערן. נאָר דערווייל דאַרף מען זיך פאַר אים היטן.

ווען ער איז אַרויס פון סטאָדאָלע — בין איך אַראָפּ אין גרוב צו דער חברה. מיר האָבן זיך פאַרמאַכט. כ'האָב זיי איבערדערציילט וואָס פאַראַ „תכשיט” מאַטשעק איז. קוניאַק קען אים. נישט איינמאָל איז ער שוין פאַר אים אַנטלאָפן. ווען

ער זעט איב, מאַטשעק, יאָגט ער אים נאָך. ער האָט אים איינמאָל אפילו שוין געהאַט געכאַפט, אריינגעשלעפט אין אַ קעלער און מיט אַ פאַסעק צוגעבונדן צו אַ לייסט, ער האָט אים געשלאָגן און אַוועק — מסתם נאָך פאָליציי. אין דער צווישנצייט איז אָבער אָנגעקומען זיין ווייב, מאַנקע, זי האָט אים געקענט פון זיין קומען צו איר פאָטער, צו שובען. זי האָט אים אָפגעבונדן און געהייסן שנעל אַנטלויפן. ער איז — דערציילט איטשע — אַ געפערלעכער לאָבוז, אַ „ווילער יונג” און אַ גרויסער נאַר דערצו.

— באַהיט זאָלן מיר ווערן — גיט איטשע אַ ציטער, אַז אַ שוידער גייט אונז אַלע אַדורך איבער די לייבער — באַהיט זאָלן מיר ווערן, ווען דער חברה־מאַן דערוויסט זיך חלילה פון אונז.

30־טער מאַי:

די טעג ביי שובען ציען זיך לאַנג. מיר זענען ערשט סך־הכל דאָ איבער אַ וואָך און עס זעט אונז שוין אויס ווי אַ לאַנגע צייט. במעט ווי אין אַ חלום קומט אונז פאָר דאָס זיין ביי דער טשאָטקען, ביי דער פעלקאָווען, ביי יאַנעקן, און דאָס אַנטלויפן פון דאָרט. די טעג זענען איצט זייער שיינע. אין דרויסן איז אַ מילדע, ליבלעכע וואַרעמקייט. די פעלדער אַרום זענען צעזינגען, צעשפילט. מיר קוקן אַרויס און קאָנען מיטן אויג גאָרנישט איינזאַפן אַזאַ שפע פון רחבות. אחוץ דעם שכנישן הויף פון קאָוואַלטשיקן (אַזוי הייסט אונזער שכן) און נאָך איינצלנע הייזלעך, גאָר פון דער ווייטנס — זעט מען פון אַלע זייטן נאָר פעלדער און וועלדער. אונזערע באַלעבאַטימס הויף זעט אויס ווי אַ גרוי אינזעלע, ווי אַ פאַרקערטער אָאַזיס, אין דער אומענדלעכער אַרומיקער גרינקייט. שובעס הייזל שטייט האַרט ביים וועגל, ווי ספעציעל אויפצונעמען אורחים, מיט פענצטער אין דריי זייטן. ווען נישט דער אָנגעזאַפט־פאַרפוילטער שטרויענער דאַך, וואָס שווערט אַראָפ די בייטע כאַלופע צו דער ערד, וואָלט די כאַטע גיכער אויסגעזען ווי אַ זומער־וועראַנדע אָפגעמאָלט אויף גרוי. די פויערים דרייען זיך אויפן הויף און טוען געמיטלעך זייער אַרבעט. זיי טראָגן לאַנגזאַם אַהין און צוריק קובלעס, קוישן און טעפ. שובעס בליק איז אַ רואיקער, אַ געלאַסענער. ער מאַכט אַלץ פאַמעלעך און שמייכלט צו אין די האַלב־גרויע וואָנצעס אַריין. די שובאָווע וויגט זיך מיטן רונדיקן קערפער און קוקט נערוועז צום וועגל און צו דער סטאָדאָלע. ווען נישט דאָס וועגל, וועלכעס פירט האַרט הינטער דער סטאָדאָלע אַדורך דעם וועג פון זשימנאָוואָדאַ קיין ראָברע, וואָלט מען איגנאַנצן, דאַכט זיך, געווען אָפגעריסן פון דער אַרומיקייט. אַזוי אָבער, שרעקט יעדער מענטש, וואָס באַווייזט זיך פון צייט צו צייט אויף דער סטעזשקע. יעדעס פורל, וואָס פאָרט פאַרביי, דערמאָנט אין דער שטאָט, אין דער וועלט, אין מענטשן און אַז אַ שרעק איז אויסגעשפרייט אַרום. פויערים, אומבאַקאַנטע, פאָרען זיך אויף די פעלדער נאָענט פון אונז און עס דאַכט זיך, אַז זיי זענען גאָר ווייט, זיי זענען פאַרטון אין דער אַרבעט און האָבן אונז גאָרנישט אין זינען. מיר קוקן כסדר פון אַן אַנדער לעכל אַרויס און די צייט ציט

זיך לאַנגזאַם. אויף די פראָנטן איז נאָך אַלץ אַזוי שטיל און דער פרילינג איז דאָך שוין אַזוי טיף. אין דרויסן איז דאָך טרוקן, שיינע וועטערן. אויף וואָס וואַרטן זיי די גענעראַלן און מאַרשאַלן? פאַרוואָס הייבן זיי נאָכנישט אָן? מען האָט געשמועסט פון א נייעם פראָנט, אָן ענגלישן, און דערווייל שטייט נאָך אויך דער אַלטער, דער רוסישער! אָך, אפשר הייבט עס זיך איצט דאָרט אָן צו רירן, אויף מזרח און מערב, איצט, בעת איך שרייב דאָ, אויסגעצויגן אין סטאָדאָלע, אויפן באָדן? אפשר?!

דערווייל ציט עס זיך און מיר אַלע שלאָפן עפּעס איין. די זון פון דרויסן טרעפט נישט אין אונזער באַהעלטעניש אריין, אין אונזערע הערצער. פאַר אונז איז שטענדיק נאַכט. עס ציט זיך נאָך אַלץ די מוראדיק לאַנגע נאַכט, די פראָסטיקע. שוין עטלעכע יאָר ציט זי זיך פאַר אונז, די שטאָק־פינצטערע „נאַכט פון לאַנגן מעסער". זי הערשט און פאַרשטעלט דעם טאָג. אונז שוידערט און אין דרויסן איז דערווייל – - דאַכט זיך — פרילינג, זומער, ליב און וואַרעם. בלוי און גרין שפּילט זיך צווישן הימל און ערד און ביי אונז איז שוואַרץ, מרה־שחורהדיק, פינצטער. פון דער ליכטיקער זוניקייט אין דרויסן קומען צו אונז אריין נאָר טרויעריקע רעפלעקסן, וואָס קיצלען און רייצן דאָס האַרץ מיט א ים פון געפילן, ליבלעכע, וואַרעמע און אומהיימלעכע, להכעיסדיקע. וועלכעס וועט גובר זיין?!

⁂

צו אונזערע באַלעבאַטים קומען פון צייט צו צייט באַזוכער, פאַרבייגייער און שכנים פון די נאָענטסטע דערפער און מען דערציילט זיך אויך מעשיות וועגן יידן. די מעשיות קומען דאָ אָן פאַרשפּעטיקטע, אַלץ אַלטע זאַכן און ווירקן דעריבער נישט אַזוי דראַסטיש. שובע דערציילט זיי אונז שפּעטער איבער, מיט א ביסל שרעק.

אַנומלט האָט ער אונז דערציילט, אַז ער האָט היינט געהערט פון אַן אַלטן פויער, א באַזוכער, אַז אויך די „סערזשאַנטשעס" הרגענען יידן. ער האָט מיך געפרעגט צי דאָס איז מעגלעך. נאָכן איבערפרעגן אים — בין איך געוויזער געוואָרן, אַז „סערזשאַנטשי" מיינט ער „פּאַרטיזאַנטשי", די פּוילישע פאַרטיזאַנער, וועלכע זאָלן לעצטנס גראַסירן אויך אין דאָזיקן געגנט. זיי, האָט דער אַלטער דערציילט, זאָלן אויך הרגענען יידן, ווייל זיי זאָגן, אַז דאָס באַפרייטע פּוילן מוז זיין ריין פון יידן, באַפרייט פון ביידע שונאים — די דייטשן און די יידן. זיי זוכן ביי פויערים און באַשטראָפן זיי גלייך, ווי די דייטשן, אויב מען געפינט א ייד.

כ'האָב שובען אויסגעלאַכט און געזאָגט, אַז דער אַלטער איז א נאַר. פאַרקערט, די נייע פּוילישע מלוכה וועט זיכער באַלוינען פאַר אויסבאַהאַלטן יידן און באַשטראָפן די פּאַליאַקן, וואָס האָבן זיי געפּייניקט, געמאָרדעט און דאַבירט יידיש האָב און גוטס. מיר אַליין זענען דאָך — ווי ער ווייסט — פאַרבונדן מיט פאַרטיזאַנער, וועלכע זאָרגן פאַר אונזער לעבן. שובע איז אַרויס א צופרידענער. שפּעטער האָט אונז קוניאַק דערציילט, אַז די פּוילישע פאַרטיזאַנער מאָרדן טאַקע יידן, זיי זוכן אין אַלע דערפער. אויך ער איז שוין דורך זיי פאַרפאָלגט געוואָרן. מיר האָבן דאָס כמעט נישט געוואָלט גלויבן. אפשר זענען דאָס געווען באַנדיטן, פאַרשטעלטע פאַרטיזאַנער, ווי אַמאָל שוין ביי אונז? — „ניין, — טענהט ער — אמתע פאַרטיזאַנער!".

מיר האָבן ביז אַהער גאָרנישט געוווּסט, אַז מען דאַרף זיך אַזוי שטאַרק היטן פֿון ביידע זייטן — פֿאַר די פּוילישע פֿאַרעטער און אויך פֿאַר זייערע פּאַטריאָטן! *)
מיר האָבן דערפֿילט ווי דער שטריק וואָלט זיך אונז טיפֿער איינגעשניטן אין האַלז.

וואָס ווילן זיי, די באַנדיטן, פֿון אונז? — נאָך אַזעלכע טייכן פֿון בלוט און זיי האָבן נאָך אַלץ צו ווייניק? מיינען זיי טאַקע, אַז עס איז שוין הפקר? דאָס בלוט שרייט פֿון דער ערד, עס וועט זיך אָן נישט רוען, ביז עס וועט קומען דער אויסלייזער, דער גואל הדם!

1־טער יוני:

נאָך אַלעמען מוז מען פֿאָרט דערשאַצן דעם נס מיטן אַריבערקומען אַהער, צו שובען. די געשפּאַנטקייט האָט אונז אַביסל נאָכגעלאָזט. די נערוון זענען נישט אַזוי אָנגעשטרענגט, אָנגעצויגן. מיר קומען אַביסל צוריק צו זיך. דאָרט איז דאָך שוין געווען געפֿערלעך, נישט צום איבערהאַלטן. שוין נישט רעדנדיק וועגן דער אויסזיכטסלאָזיקייט, וועגן דער געפֿאַר, וואָס האָט כסדר געשוועבט איבער אונזערע קעפּ צוליב די רכילותן אַרום אונז, זייענדיק אַרומגעהילט און אַרומגעוועבט פֿון הונדערטער פּלאָטקעס פֿון גאַנצן דאָרף און — שוין נישט רעדנדיק וועגן די כסדרדיקע מחלוקתן, קריגערייען, אַרומרייסענישן און שנאה צווישן די צוויי ווייבער. זיי האָבן דאָך אונז מיט דעם פֿאַרמאַטערט און ס'איז דאָך אוממעגלעך געווען אַז דאָס זאָל אויסגיין צום גוטן. ניין, דאָרט וואָלטן מיר אויך אָן דעם אַלעם, נישט אויסגעהאַלטן. די באַדינגונגען זענען נישט געווען צום איבערטראָגן. ביי יאַנעקן אין שטאַל זענען מיר אַלע שוין געפֿאַלן פֿון די כוחות. דאָס פֿעלן פֿון לופֿט, דער כסדרדיקער עיפּוש. מיר זענען ממש פֿון געשטאַנק פֿאַרסמט געוואָרן, מען האָט געפּרייכט און זיך געשטיקט. דערצו דער שמוץ, די פּליי, וועלכע האָבן אונז גע־פּרעסן און די קראַנקהייטן. אַלע זענען מיר שוין דאָרט געווען ערנסט קראַנק. מיין הויכער פֿיבער, דער הוסט, די מידקייט. אפֿרימס אַטאַקן און זיין זינקען אין טרויער און אומעט. אסתרלס קראַנקהייט און אַלע אַנדערע האָבן זיך אויך נישט איבעריק גוט געפֿילט.

ניין, מיר וואָלטן סיי־ווי דאָרט נישט אויסגעהאַלטן. מיר וואָלטן, חלילה, לסוף געפֿאַלן ווי די פֿליגן, איינער נאָכן אַנדערן. סיי פֿון אָפּגעשוואַכטקייט, אויסגעמאַטערטקייט און סיי פֿון הונגער. מיר זענען אַלע שוין געווען אויסגעטרוקנט, אינער־לעך פֿאַרוויאַנעט, מיר זענען פּשוט איינגעגאַנגען.

דאָ — דאַנקען גאָט, די שובעס ווייסן נאָך נישט, אַז מיר זענען געזווינט צו לעבן אָן עסן, אָן טרינקען, אין אוממענטשלעכע באַדינגונגען. זיי באַהאַנדלען אונז נאָך ווי שטיקלעך מענטשן. צוויי מאָל אין טאָג קאָכט מען אויף אַ גרויסן טאָפּ זופּ

---

*) נאָך דער באַפֿרייונג זענען מיר געוואויר געוואָרן, אַז די א. ק.-פּאַרטיזאַנער (מיט וועלכע ס'איז פֿול געווען אונזער געגנט) האָבן, אויפֿן באַפֿעל, אויסגעמאָרדעט טויזנטער פֿאַרשטעקטע יידן.

געשמאָלצן מיט שמאַלץ, צי מיט מילך. פֿאַר מיר, ווייל איך פֿיל זיך נישט גוט — פֿרעגלט מען כמעט יעדן טאָג אויס אַן איי. מיר וואַשן זיך אויך ווי געהעריק און טוישן אָפּט די וועש. אין סטאָדאָלע איז לופֿטיק, פֿון די אַרומיקע אָפֿענע פֿעלדער בלאָזן אַריין פֿרישע ווינטלעך. מיר פֿילן זיך איצט אַלע בעסער. אפֿרים האָט אויפֿגעלעבט. ער קומט ביסלעכווייז צוריק צו זיך. ער זאָגט, אַז די לופֿט ראַטעוועט אים. פֿרוימאַן האָט אויפֿגעהערט צו הוסטן. אויך צפּורהלע פֿילט זיך גוט. איטשען איז ממש נישט צו דערקענען, נישט רער אַמאָליקער קוניאַק. פֿאַר די קנאַפּע צוויי וואָכן, האָט ער זיך צוגעזען, ער ווערט דיק און דאָס פּנים גלאַנצט אים. נאָר אסתרל פֿילט זיך נישט ווי אַמבעסטן, עס איז איר נאָך אַלץ שווער צו אָטעמען. זי האָט ווייטיקן אין דערזייט און עפּעס האָט זי באַקומען אַ שלוקערץ, וועלכער מאַטערט זי כסדר. זי פֿילט אָבער, זאָגט זי, אַז עס וועט איר באַלד בעסער ווערן. איך אַליין פֿיל זיך אויך נישקשהדיק בעסער. די לופֿט! די לופֿט צעגייט זיך מיר אין אַלע אבֿרים. איך טרינק זי ווי וואַסער. די לעצטע טעג ליג איך זיך יעדן פֿאַרנאַכט אויף אַ קופּע היי ביי אַ וואַנט און צי דורך אַ שפּאַרע אַריין לופֿט דורך דער נאָז און מויל. צוויי פֿון אונז היטן בשעת מעשה דעם דרויסן און אויך מאָרוואַ איז וואַך אויף איר פּאָסטן. זייט עטלעכע טעג האָבן מיר אויך איינגעפֿירט אונזערס אַ נאַכט־וואַך. די סטאָדאָלע איז דאָך נישט פֿאַרשלאָסן און זי ליגט אויפֿן וועג. אַ דורכוואַנדערער קאָן נאָך אין מיטן דער נאַכט זי עפֿענען און זיך אַריינגנבֿענען שלאָפֿן. ער וואָלט דאַן אונזער באַהעלטעניש געטראָפֿן אָפֿן (פֿאַרמאַכטערהייט איז אוממעגלעך דאָרט צו זיין, בפֿרט נאָך שלאָפֿן) — איז דעריבער יעדע נאַכט אַ צווייטער וואַך אויבן, ביים ראַנד פֿון גריב. ער איז אויף און הערט זיך איין צי עס דערנענטערט זיך ווער, ווען יאָ — וואָלט ער נאָך באַוויזן שנעל אַריינצושפּרינגען אין לאָך און פֿאַרמאַכן דאָס דעקל.

יאָ, מיר לעבן זיך דאָ ווי שטיקלעך מענטשן. מיר האָבן שוין די דאָזיקע ענדערונג געמוזט האָבן מיטן לעבן. מער וואָלטן מיר עס שוין דאָרטן נישט איבערגעהאַלטן. מיר רוען זיך אַביסל אָפּ. אפֿשר איז עס נאָר אַן אָטעם־פּויזע, זיך דערוויל אַביסל צו דערכאַפּן? ווייל עפּעס שרעקן מיר זיך פֿאַר דער דאָזיקער רואיקייט. ווי איז דאָס מעגלעך אַזאַ שטילקייט? אָבער אָן שרעק וואָלטן מיר דאָך — דאַכט זיך — שוין נישט געקאָנט לעבן...

* * *

איך דערמאָן זיך אין דער לעצטער מינוט:

היינט, דעם ערשטן יוני, האָבן מיר דאָך אַ יאָרטאָג אָדער אַ יאָרצייט.

מיט אַכט יאָר צוריק האָבן מיר געהאַט אַ פּאָגראָם אין אונזער שטאָט, אין מינסק־מאַזאָוויעצקי. טויזנטער גויים פֿון אַלע אַרומיקע דערפֿער זענען זיך אין דעם טאָג צוזאַמענגעלאָפֿן און פּאָגראָמירט די יידישע באַפֿעלקערונג. יידישע קרבנות (אָנגעהויבן פֿריער מיט ישראלקע ציליך ז"ל), שרפֿות פֿון הייזער, פֿאַרניכטעטע פֿאַרמעגן, אָרימע האָרעוואַניע פֿון דורות — צערויבט. אַ וואָך צייט האָט דער המון געווילדעוועט און זיך געלאָזט ווילגיין איבער יידיש לייב און לעבן און האָב און גוטס. אויפֿגעריסענע טירן, אויסגעבראָכענע פֿענצטער, צעבראָזגעטע שויבן, אין אַלע יידישע שטובן. די גאַסן פֿאַרפֿלייצט מיט פֿעדערן פֿון אויפֿגעריסענע פּערינעס, פֿאַרניכטעטע מעבלען, כלים און סחורות. שקעלעטן פֿון הייזער האָבן זיך גערויכערט אין די שפּיטעלער אין וואַרשע זענען פֿול געווען מיט פֿאַרוווּנדעטע, באַנדאַזשירטע

און גענישפּסעוועטע. אַ גאַנצע שטאָט מיט יידן — און איך אויך צווישן זיי — איז דעמאָלט אין איין טאָג, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּליטים. מיר האָבן זיך אַלע געראַטעוועט קיין וואַרשע און זיך געוואַלגערט איבער די גאַסן. דאָס איז געשען דעמאָלט — נאָך אין דער רואיקער פֿאַר־מלחמה־צייט. די וועלט האָט אונז שוין דעמאָלט געוואָלט צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז אונזער לעבן איז הפקר, אַז אונזער בלוט איז קיין בלוט נישט, אַז אונזערע קינדערלעך פֿאַרדינען נישט קיין רחמנות. שוין דעמאָלט האָבן פֿעלקער געצויגן די שפּיזן, די שווערדן פֿון דער שמיד און געמיינט, אַז זיי שטעקן עס בלויז אין אונזער לייב. זיי האָבן עס געשטאָכן אין זייער האַרץ, אין זייער געוויסן, אין זייער ערע, אין דער מענטשלעכקייט פֿון זייערע קינדער! היינט זענען זיי אויפֿגעשטאַנען, פֿאַרניכטן זיך אויף די פֿראָנטן איינער דעם אַנדערן און — אויב זיי ווילן נאָך איצט זייער תּיקון, דאַרפֿן זיי וויסן, אַז ישׂראל לעבט אין וויכן יידיש בלוט, וועט דאָס בלוט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מבול, אין וועלכן די וועלט אַליין מיט אירע דערגרייכונגען פֿון דורות, וועט דערטרונקען ווערן!

2־טער יוני :

איך האָב היינט געזען מאַטשעקן.

ער איז אויף אַ פערד, אַ באַרוועסער, געקומען צו רייטן צום שווער. נאָך אויף אַ פּאָר מינוט איז ער אַריין אין דער כאַטע. באַלד איז ער אַרויס אויפן הויף און זיך גענומען דרייען אַהין און צוריק. דאַכט זיך מיר, אַז ער ווייסט שוין וועגן אונז! ער האָט אויסגעזען פאַרחושט און ווי אויסגעמיטן צו קוקן אין אונזער זייט. ער האָט דעם קאָפּ כסדר אַוועקגעדרייט, צוואַרפנדיק אין דער ריכטונג פון דער סטאָדאָלע נאָר זייטיקע בליקן. כ'האָב אים פון דער שפּאַרע אַרויס אָבסערווירט: אַ פּויערישער יונג מיט אַ רוצחישן פּרצוף, מערדערישע, קליינע אויגעלעך, פאַרזעצט טיף אין די גרויסע אויגן־לעבער. כ'האָב זיך גוט איינגעקוקט אין אים און אַ שרעק האָט מיך אַרומגעכאַפּט. ער איז געווען צעטומלט, נערוועז און די הענט האָבן אים, דאַכט זיך, געציטערט. אויך די שובעס זענען אַרויסגעקומען אויפן הויף און מיט אים, צעקאָכטע, איינגעטענהט. איך וואָלט געשווירן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אונז. מאַניעקל האָט געטאַנצט אַרום שוואָגער און מאַטשעק האָט באַקוקט און באַטאַפּט זיינע נייע הייזעלעך. לסוף האָט ער זיך גענומען דרייען האַרט הינטער די ווענט פון דער סטאָדאָלע, מיט די הענט פאַרוקט אין די הויזן־קעשענעס. צוגעפייפט זיך אַ לידל און כסדר ווײלעריש פאַרוואָרפן מיטן קאָפּ, אַריבערוואַרפנדיק אַזוי אַרום די אויסגעצויגענע שאַטיגע טשופּרינע אויף הינטן. כ'האָב באַפוילן, אַז די חברה אין גרוב זאָל פאַרזיכטיק זיין און איך אַליין, מורא האָבנדיק, אַז ער קאָן פּלוצים אַריינקומען אין שייער, האָב מיך געהאַלטן גרייט, שנעל אַריינצושפּרינגען אין לאָך און זיך פאַרמאַכן. ער איז אָבער נישט אַריינגעקומען. ער האָט די סטאָדאָלע פון אויסנווייניק באַשנאַפּט, מיט די אויגן זי דורכגעשפּיזט און זיך לסוף דעצידירט נישט אַריינצוגיין. האַכטיקער האָט ער גענומען פייפן דאָס לידל, אַרויפגעשפּרונגען אויפן פערד, עס גענומען קאָפּען און קיצלען אין בויך און שנעל, אין גאַלאָפּ, אָפּגעריטן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ געדיכטן נעפּל פון שטויב.

איך האָב זיך פאַרמאַכט מיט דער חברה אין אַלע זענען מיר זיכער, אַז ער ווייסט שוין פון אונז. דאָס ווייב האָט אים געוויס אויסגעזאָגט און ווער ווייסט, וואָס דער תכשיט טראַכט, וואָס קלערט ער וועגן דעם און וואָס האָט ער באַשלאָסן?

די שובאָווע איז אַריינגעקומען. איך האָב זי איבערגעפרעגט, האָט זי זיך פאַרויטלט, גענומען דרייען מיט דער צונג און געזאָגט, אַז ער ווייסט נישט. מען האָט אים נישט דערציילט. זי איז אַביסל פאַרשעמט צוריק אַרויס און באַלד איז אַריינגעקרמען שובע. ער זאָגט, אַז מיר דאַרפן קיין מורא נישט האָבן, אפילו מאַטשעק וועט וויסן, וועט ער אויך נישט אויסזאָגן. מאַנקע, דאָס ווייב, קאָן מיט אים אַלץ מאַכן. כאָטש ער האָט נישט ליב קיין ייִדן, איז ער אָבער דאָך נישט „קיין גאַנץ שלעכטער יונג". כ'האָב זיך ביי אים נישט געקאָנט דערוויסן, צי ער ווייסט שוין, מאַטשעק, פון אונז, צי נאָכנישט. שובע האָט אויסגעמיטן דערויף צו ענטפערן. עס זעט אַלזאָ

אויס, אַז ער ווייסט שוין יאָ, נאָר ס'איז ביי זיי באַשלאָסן געוואָרן, אַז ער זאָל זיך דערווייל נישט וויסנדיק מאַכן און זיך דערווייל מיט אונז נאָכנישט באַקענען.

5־טער יוני:

שובע זאָגט אונז אָן, אַז מיר זאָלן שטאַרק געהיטן זיין פאַר זיין שכן, קאָוואַלטשיק. יענער איז אים אַ גרויסער שונא און ער זוכט אויף אים שלעכטס. שוין לאַנגע יאָרן ווי זיי קריגן זיך אַרום צוליבן פעלד און צוליב דער סאַדזעווקע אַנטקעגן אונזער סטאָדאָלע.

די סאַדזעווקע געהערט צו שובען, זי גרייכט אָבער ביז קאָוואַלטשיקס הויף — גנבענען זיי דאָרט שטענדיק, ווען שובע זעט נישט — פיש. קאָוואַלטשיק איז אַ רייכער פויער. ער פאַרמאָגט ביי אַ פופציק מאָרגעס פעלד און אַ סך בהמות. פונדעסטוועגן איז ער אַ בעלן אויף אומזיסטע פיש און ער גנבעט זיי ביי יעדער געלעגנהייט. די שובאָווע טשאַטעווע אין אַ זייט, פאַרשטעקט אין אַ ווינקל. פיל מאָל האָט זי שוין געכאַפּט קאָוואַלטשיקן אָדער וועמען פון זיין הויזגעזינט ביי דער „אַרבעט" און ס'קומט צו גרויסע מחלוקת. זיי קריגן זיך אויך צוליב די הינער און גענז. אַמאָל פאַרבלאָנדזשען קאָוואַלטשיקס עופות צו שובען אויף די זאַנגעס, ווי זיי דזשאָבען די זרעים און אַמאָל פאַרקערט — שובעס, אויף קאָוואַלטשיקס פאַרזייעטע פעלדער און אין גערטנדל. די פויערטעס לויפן דאַן אַרויס מיט שטיינער און באַוואַרפן די עופות, וועלכע אַנטלויפן צעיאָכמערטע און מאַכן אַזעלכע גוואַלדן, אַז זייערע באַלעבאָסטעס קומען צולויפן און עס ווערט אַן אמתער „ויצעקו". גאַנצע וואָכן גייט אָן די מלחמה און די שכנים זענען זיך שונאים אויפן לעבן. איינער דעם אַנדערן וואָלט אין אַ לעפל וואַסער דערטרונקען, בפרט קאָוואַלטשיק — שובען.

שובע וואָרנט אונז. זיי האָבן אים שוין פיל מאָל אונטערגעשיקט באַנדיטן און גנבים. מען האָט אים שוין באַרויבט און באַגנבעט. אין די לאַנגע, פינצטערע ווינטער־נעכט וואַרפן זיי שטיינער אין זיין כאַלופע, אים איבערצושרעקן, ער זאָל מיינען אַז דאָס זענען שדים. זיי האָבן שוין אויך געהאַט געמסרט פאַר די דייטשן, אַז פאַרטיזאַנער קומען צו שובען. דאָס איז געווען עטלעכע טעג איידער מיר זענען אַהערגעקומען. בעת מען האָט דערשאָסן די פאָר פאַרטיזאַנער אין זשימנאַ וואָדאַ. איין פאַרטיזאַנער איז דאַן אַ פאַרוווּנדעטער אַנטלאָפן באָרוויס מיט פאַרבלוטיקטע פיס. ער איז פאַרבייגעלאָפן דורך דער כמעושקע הינטער אונזער הויף, מיט אַ ביקס אין האַנט געדראָט שובען און אַראָפּגעצויגן ביי אים די שטיוול פון די פיס. ער האָט זיי אָנגעטון, כדי נישט איבערצולאָזן אויפן וועג קיין בלוט־שפורן פון די טריפנדיקע וווּנדן און ער איז ווייטער אַנטלאָפן. קאָוואַלטשיק האָט אָבער ביי די דייטשן געמסרט, אַז ער האָט אַליין געזען, ווי איינער, אַ פאַרטיזאַנער, איז אַריין צו שובען. זשאַנדאַרן זענען אָנגעקומען און טאַקע געפונען די בלוט־צייכנס, וועלכע האָבן געפירט צו אונזער הויף. פיל צרות האָט ער, שובע, געהאַט אויסצושטיין, ביז עס איז אים געלונגען זיי אויפצוקלערן, אַז ער אַליין איז גאָר אַ קרבן, ער איז באַרויבט געוואָרן פון זיינע שטיוול.

— אָ, ווען קאָוואַלטשיק דערוויסט זיך, אַז איר געפינט זיך דאָ, וואָלט ער תיכף געמסרט!

שובע בעט נאָכאַמאָל, אַז מען זאָל זיך היטן, ער ווייסט נאָר נישט צי דאָס וועט העלפן, ווייל זי, קאָוואַלטשיקס ווייב, איז אַ כישוף־מאַכערין און ווייסט פיל זאַכן דורך כישוף. מיר זאָלן נישט לאַכן. אים אַליין, שובען, האָט זי איינמאָל שיר פאַרכישופט. ער האָט זיך דאַן קוים געראַטעוועט פון אונטער אירע הענט.

זי האָט אים איינמאָל מיט אַ שפּיצל אַריינגענאַרט צו זיך אין שטוב און געבעטן זיצן אויף אַ בענקל, ער האָט לכתחילה זיך נישט געכאַפּט און זיך טאַקע געזעצט. אינמיטן האָט ער אָבער באַוויזן צו דערזען, אַז זי דרייט זיך אַרום דער שטול, זי מאַכט אַרום אים „הקפות”. דאָס האַרץ האָט אים גענומען קלאַפּן. ער האָט מיטאַמאָל פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר, אַז זי וויל אים אַזוי אַרום פאַרכישופן. ער האָט זיך געוואָלט אויפרייסן פון בענקל. זי האָט אָבער צו אים גערעדט אַזוי פריינטלעך. „קומיע”, „שכן” — האָט זי אים גערופן און ער האָט פאַר שרעק געמיינט, אַז ער פאַלט אין חלשות. ער האָט זיך געפילט אָנמעכטיק, אָן ווילן און ער האָט זיך כמעט נישט געקאָנט רירן פון אָרט. ערשט קוים מיט די לעצטע כוחות האָט ער זיך באַהערשט, זיך געשטאַרקט, זיך אויפגעריסן פון בענקל און שנעל — אָן אַ „גוטן טאָג” — אַנטלאָפן!

— יאָ, יאָ, אַזאַ כוח, אַזאַ קראַפט האָט זי, די מכשפה, קאָוואַלטשיקס ווייב. זי האָט עס נאָך געירשנט פון איר פאָטער, אַן אַלטן פויער, אַ מכשף. יענער האָט אַמאָל געהאַט פאַרכישופט פערד מיט געסט, וועלכע זענען צוריקגעפאָרן אין אַ זונטיק פון קאָשטשאָל, פון אַ שלוב, אַ חתונה. די פערד האָבן זיך אַליין אויסגעשפּאַנט פון די וועגענער און שיר געניזוקט די מענטשן.

— מיר מוזן האָבן רחמים, אַז זי, די טאָכטער, זאָל אונז אַמאָל נישט פאַרכישופן. פאַר אַלע פון קאָוואַלטשיקס שטוב מוז מען זיך היטן, אויך פאַר דעם זון און פאַר די צוויי טעכטער. איינע פון זיי, די עלטערע, איז נישט־נאָרמאַל — אַ פאַרתמטע, זיכער פאַרכישופט דורך דער „מאַטקע”. מען וועט זיך שטאַרק דאַרפן היטן, אָבער עס זאָל נאָר העלפן!

⁂

מאַנקע איז היינט ווידער געווען ביי אונז. זי האָט גענומען אַ פּאָר שטיקלעך סחורה צו פאַרקויפן אויפן מאַרק אין דאָברע און זי האָט אונז מודה געווען, אַז איר מאַטשעק ווייסט שוין פון אונז. זי האָט אים דאָס דערציילט, נאָר עס מאַכט נישט אויס, ער וועט קיינעם נישט אויסזאָגן. ער האָט עס איר געמוזט צושווערן.

— כ׳האָב אים געזאָגט, אַז אויב ער וועט דערציילן, וועט מען דאָך מיך הרגענען! ער פאַרשטייט דאָס און וועט עס נישט טון!

איך האָב איר דערציילט, אַז כ׳האָב אים דאַן געזען, ווען ער איז דאָ געווען מיטן פערד און ער איז מיר שטאַרק געפעלן. ער זעט אויס גאָר אַ פיינער חברה־מאַן, אַן אינטעליגענט געזיכט. גאָר אַ גוטער מוז ער זיין און פונקט ווי זי אַליין — קלוג. איך וויל זיך דורכאויס באַקענען מיט אים, אויסטרינקען אַ שנעפּסל און איינקלאַפּן אַ „פּיפּטל”. זי איז זייער צופרידן געווען פון די קאָמפּלימענטן און געזאָגט, אַז זי וועט אים שוין איינמאָל אַהערברענגען. ער האָט אַ שיינע מאַריבאַרקע מיט הייזן, נאָר זי דאַרף פאַר אים אַ צוויי העמדער. כ׳זאָל איר פאַרקויפן

פון דעם ביסל כחורה — לייוונט. מאטשעק האָט געזאָגט, אַז ער וועט מיר שוין באצאָלן.

— יאָ, זי איז זייער צופרידן, אַז זי קאָן דערפון אראָפּנעמען אויף צוויי העמדער. ניין, זי וויל נישט אומזיסט. איבעריקנס — כ׳וועל שוין וועגן דעם איבעררעדן מיט איר מאַטשעקן אליין. ער וועט באצאָלן, נאָר — איר גייט אין עפּעס אנדערש: צי וואָלט דאָס דאָזיקע מוסטערל, זי מיינט דאָס מיט די בלומעלעך, נישט גוט געווען פאַר איר קינד אויף א יאַקעלע און פאַר איר אליין, אויף א קליידל און א קאָפּ־טיכל? — אמת, יאָ! נו, גוט, זי נעמט עס, זי וועט באצאָלן מיט פוטער און סמעטענע. זי וועט שוין אהערברענגען ווען זי וועט קומען. ניין, ניין! זי וועט ברענגען, זי וויל נישט אומזיסט. פאַר מאַטשעקן האָבן מיר זיך נישט וואָס צו שרעקן. ער איז נישט געפערלעך. ער וועט ווען ס׳איז אהערקומען וועלן מיר זען. זי וועט אים צוערשט אויפנייען די העמדער, ער זאָל האָבן וואָס אָנצוטון, ער וועט קומען מיט מיר אויסטרינקען. ער איז א גאַנץ ווילער. פון דער איבעריקער סחורה וועט זי פאַרקויפן עטלעכע שטיקלעך אויפן מאַרק און אונז דאָס געלט געבן ווען זי וועט קומען דאָס צווייטע מאָל. יאָ, פאַר א טייל וועט זי קויפן בראָנפן מיט פאַרבייסעכץ. מיר וועלן טרינקען מיט מאַטשעקן, ער איז נישט קיין שלעכטער יונג, ער איז א גאַנץ ווילער.

דימער יונג :

מיר האָבן היינט געהאַט א לענגערן שמועס מיט די שובעס. איך האָב ביי איר געקויפט עטלעכע אייער. זי האָט זיי אויסגעקאָכט אויף הארט און אריינגעבראכט מיט ברויט און זאַלץ. מיר האָבן גענעסן בשותפות די סעודה און געשמועסט בנעימותדיק. זיי האָבן מיר דערציילט פיל מעשיות פון זייער לעבן און אויך מיר האָבן דערציילט און זיך אָפּגערעדט פון הארץ. מען האָט גערעדט פון אונזער לאַגע.

שובע האָט זיך געחקרנט, פאַרוואָס די יידן קומט אזא שטראָף. די שובאָווע האָט לכתחילה געזאָגט, אַז זיי האָבן אָפּגענאַרט און געלעבט נישט ערלעך. זי ווייסט אפילו, אַז די יידישע בעקער האָבן אַמאָל דאָס געבעקס פאַרקנעטן מיט סם און עס פאַרקויפט פּוילישע קינדער. שטענדיק האָבן זיי ליב געהאַט צו נאַרן און טוען שלעכטס. שובע האַלט אָבער, אַז עס זענען געווען א סך אָרנטלעכע יידן, וועלכע האָבן גאָר געהאָלפן דעם פויער, אים גוטס געטון און אַז דער יידישער קרעמער אין שטאָט האָט אפילו בעסער באהאַנדלט דעם פויער, וואָס איז צו אים געקומען עפּעס קויפן אָדער פאַרקויפן, ווי די איצטיקע פּוילישע הענדלער, וועלכע האָבן איבערגענומען זייערע געשעפטן. דער ייד —- גיט שובע צו פאַרשטיין —— איז געווען א היימישער מענטש, מען האָט זיך מיט אים געקאָנט דינגען און אָפּדינגען. ער האָט נאָך גוטברודעריש געקלאַפּט איבער דער פּלייצע און מען האָט נישט געדאַרפט פאַר אים שטיין „נא באַטשנאָשטש”, מיט דעם היטל אין דער האַנט, ווי פאַר די איצטיקע פּוילישע סוחרים. די שובאָווע איז מודה, אַז היינט איז נישט מעגלעך אריינצוגיין אין שטאָט עפּעס קויפן, זיי נעמען טייער, טאָפּלט ווי דער ייד מוזן זיי

פאַרדינען און מ׳טאָר זיך מיט קיין וואָרט נישט דינגען. אזוי ווי ער רעדט ארויס — מוז מען באַצאָלן און נאָך דאנקען. זיי פילן זיך ווי „פאנעס", האַלטן זיך גרויס קעגן פויער. אָך, טאקע געווען אַמאָל גוטע צייטן! מען האָט ביי די יידישע קרעמער נעקריגן שטענדיק געבאָרגט, זיי האָבן נישט פיל פאַרדינט און טיילמאָל נאָך געבראַכט די סחורה אויפן דאָרף און געגעבן אויף אויסצוצאָלן. אנדערע יידן זענען אַהערגעקומען און געקויפט אַמאָל א קעלבל, אַמאָל פאַרמיטלט ביי א קו, געקויפט תבואה. יאָ, בעסערע מענטשן ווי די היינטיקע סוחרים און קונים!

זיי האָבן אין די נאָענטסטע דערפער אויך געהאַט א סך יידישע שכנים — דאָרפס־יידן, וועלכע האָבן געלעבט פונקט ווי דער פויער — באַאַרבעט פעלד, געהאַלטן בהמות און געמאַכט מילכוואַרג. פיינע, האַרציקע מענטשן געווען, פשוטע, פּראָסטע, זיך נישט גרויס געהאַלטן, שטענדיק געראַטן דעם פויער, זיך מיט אים געלעבט ווי ברידער. למשל — לייבקאָ פון וואָליע, פסח פון גאָרצין, איצעק פון וואָלקע און נאָך אנדערע.

בנאמנות פיינע מענטשן געווען. זיי לעבן שוין נישט אַלע, דער דייטש האָט זיי „געזנישטשעט". פאַרוואָס איז זיי דאָס געקומען, די יידן? ער פאַרשטייט דאָס נישט, שובע, נאָר סיידן, ווייל זיי האָבן אַמאָל געהרגעט דעם פאַן בוג!

מיר האָבן זיך צערעדט און שובע נעמט מיך אויספרעגן וועגן אונזער פרייערדיק לעבן, איידער מיר זענען צו אים געקומען. כ׳האָב אים דערציילט בסוד, אַז מיר זענען פריער געווען ביי פעלעקן און יאנעקן אין שכנותדיקן דאָרף, דאָרט ווו זיין טאָכטער וווינט.

שובע האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ:

— וואָס רעדט איר, ביי דעם באַנדיט? — פעלעק איז דאָך געווען א באַנדיט! און אויך יאנעק איז דאָך נישט קיין אָרנטלעכער מענטש, ווי האָבן זיי אייך געהאַלטן?

ער דערציילט אונז מעשהלעך וועגן פעלעקס „טעטיקייט" אַלס גנב אויף די יארידים און מערק, אין דאָברע און קאַלושין, ווי קלוג ער איז געווען און ווי פלינק ער האָט „געאַרבעט". ער איז דאָך געווען דער „רבי" פון די גנבים און באַנדיטן!

שובע קאָן גאָרנישט באַגרייפן, ווי אזוי מיר זענען דאָרט געווען און זיי האָבן אונז נישט געהרגעט. ער צלמט זיך אַזש איבער.

איך דערצייל זיי וועגן דער טשאָטקע און די שובאָווע נעמט שילדערן ווי זי זעט אויס, זי קען זי זייער גוט, זי טרעפט זיך מיט איר אין קאָשטשאָל אין ווישניעוו.

— האָ! — איצט פאַרשטייט זי שוין, פאַרוואָס יענע, די טשאָטקע, וועלכע איז שטענדיק א פריילעכע, איז דעם לעצטן זונטיק, ביי דער גאַנצער „מאָדליטווע", געשטאַנען אזוי טרויעריק, אזוי דערשלאָגן, אַז עס איז זי נישט געווען צו דערקענען. זי, די שובאָווע, האָט זיך טאַקע געוואונדערט, זי האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס האָט מיט איר פּאַסירט. אַלע האָבן באַמערקט, אַז זי איז שטאַרק דערשלאָגן. די טשאָטקע האָט מיט קיינעם נישט גערעדט, כמעט זיך נישט „געמאָדלעט", נאָר א טרויעריקע געשטאַנען אין א ווינקל און פריער פאַר אַלע ארויס און שנעל אַהיים.

שובע איז אַלץ אויסער זיך פון דעם, אַז מיר זענען געווען ביי פעלעקן. איך זאָג אים, אַז פעלעק איז געווען נישט קיין געוויינטלעכער מענטש, נאָר פון אַ העכערער מדרגה. ער שפּרינגט אַזש אויף, ער וויל זיך נאָכאַמאָל איבערצלמען. לסוף צעלאַכט ער זיך אין די וואָנצעס אַריין. נעמט אָן דאָס ווייב פאַר אַ האַנט און ביידע שאַרן זיי זיך אַרויס אויפן הויף.

9־טער יוני :

שובע איז היינט געקומען צו לויפן אַ צעקאָכטער מיט אַ פויליש בלאַט אין דער האַנט און אונז געוויזן די בשורה טובה, אַז אויף מערב, אין פראַנקרייך, האָט זיך ענדלעך געעפנט דער צווייטער פראָנט. די ענגלענדער האָבן דעם 6־טן אַרויסגעזעצט אַ דעסאַנט דורכן „לאַ מאַנזש־קאַנאַל” אויף צפון־פראַנקרייך און די דייטשן ברעכן זיך. די צייטונג פרוווט פאַרמינערן די ענגלישע נצחונות און די דייטשע מפּלות, אָבער פון צווישן די שורות שרייט אַרויס זייער אומגליק!

אַך, מיין גאָט, געבראָכן דעם אַטלאַנטיק־וואַל! חדשים און יאָרן האָבן זיי דאָך, די דייטשן, געשריגן, אַז די אַטלאַנטיק־פאָרטעצעס זענען אומבאַזיגבאַר, נישט איינצונעמען און דאָ — מיטן ערשטן מאָל און אַלץ איז „קאַפּוט”!

מיר קאָנען אין זיך נישט באַהערשן די פרייד! ענדלעך האָט עס זיך אָנגעהויבן און איצט וועט זיך מסתמא באַלד אָנהייבן די רוסישע אָפענסיווע אויף פוילן. אַך, מיין גאָט! מיר קאָנען אפשר באַלד ווערן פריי? ! עס רירט זיך עפּעס אין אונזערע הערצער.

מיר האָבן זיך געווונטשן מזל־טוב אויך מיט די שובעס. זיי זענען פריילעך און כ׳האָב זיי געמוזט צוזאָגן בראָנפן. מיר האָבן עס אָפגעלייגט אויף מאָטשעקס באַזוך. מאָרגן וועט ער וואַרשיינלעך קומען.

רבונו של עולם, צי דערנענטערט זיך שוין טאַקע די פרייהייט צו אונז? צי וועלן מיר דאָס אַלץ דורכמאַכן? אַך, ווי גליקלעך מיר זענען! עס זאָל נאָר אַלץ אַדורך בשלום!

11־טער יוני :

נעכטן האָבן מיר דאָ געהאַט דעם גאַסט — מאַטשעקן.

ווידער איז ער געקומען צו רייטן אויפֿן פֿערד, נאָר דאָס מאָל אויסגעפּוצט ווי אַ שטאָטישער. שיין צוגעקעמט די האָר, מיט אַ ליטישן אַנצוג און אַ העמד, וואָס זיין ווייב האָט אים די טעג אויפֿגענייט. ער איז צו מיר אין סטאָדאָלע אַריין מיט אַ בייז פּנים און ערנסטער מינע. אַלע פֿון אונדז זענען געזעסן אונטן און נאָר איך אַליין בין געווען אויבן. די שוויגער, די שובאָווע, האָט אים אַריינגעפֿירט און פֿאַר מיר פֿאָרגעשטעלט. ער איז געווען צעשראָקן און איך האָב אים פֿריינטלעך — מעשה גוטער־ברודער — דערלאַנגט די האַנט. איך האָב אים גראַטולירט צו דער אַנטשטייונג פֿון נייעם פּראָגט און אים גלייך אָנגעהויבן צו „דערציילן פּאָליטיק", ווי אַזוי די מלחמה זעט אויס און ווי זי וועט זיך אַנטוויקלען. מאַטשעק האָט אויף מיר געעפֿנט אַ פּאָר אויגן און זיך איינגעהערט צו די נייעס. כ'האָב אַרויפֿגערופֿן אסתרלען און איר געהייסן אָנגיסן אַ פּאָר גלעזלעך. מען האָט געשיקט אויך נאָך שובען און מען האָט גענומען טרינקען „לחיים", מאַטשעק האָט געגלאָצט מיט די אויגן און איך האָב אים כסדר גוט־ברודעריש געקלאַפּט איבער דער פּלייצע. ער האָט אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזלעך, זיך פֿאַרווײַלט און דאָס מויל האָט זיך אים געעפֿנט.

— איך האָב נישט ליב קיין זשידעס — האָט ער מיר געזאָגט — איך לייד זיי נישט!

ער האָט זיך באַלד צעלאַכט:

— ניע בוי סיען, האָב קיין מורא נישט, כ'מיין נישט דיך, דו ביסט אַן אַנדערער, אַ „נאַש בראַט", אַן אייגענער, אַ מאָנדרי, און אַ קלוגער זשידעק!

איך זאָג אים, אַז ער קען זיכער נישט גוט קיין ייִדן. אַלע זענען מיר די זעלביקע, ווען ער וואָלט געקענט אַנדערע —

— ניע, ניע, ניין — צעשרייט ער זיך — ער וויל זיי נישט קענען, די אַנדערע. אויך נישט די פֿון אונדז אונטן אין גרוב, ער פֿאַרטראָגט זיי נישט, זאָלן זיי דאָרט בלייבן, נאָר מיט מיר אַליין וויל ער רעדן.

שובע האָט געשמייכלט און געזאָגט, אַז מאַטשעק איז נישט אַזאַ שלעכטער ווי ער מאַכט זיך.

— אָבער צו ייִדן — יאָ, צו ייִדן בין איך אַ שלעכטער! — שרייט מאַטשעק. ער קוקט מיר אין די אויגן:

— אָבער, אָבער שרעק זיך נישט, נישט צו דיר, דו ביסט אַ פּושיאַטשעל, „אַ פֿרוינד" —

כ'האָב אים נאָכאַמאָל גענומען דערציילן וועגן דער מלחמה, וועלכע ענדיקט זיך שוין באַלד און וועט ער זען ווי די גאַנצע וועלט האָט — פֿאַרקערט — גאָר ליב ייִדן, נאָר די פּאָליאַקן אַזוי, זיי האָבן פֿיינט, די אינטעליגענטע פֿעלקער

האָבן גאָר ליב און — דו ביסט דאָך אַן אינטעליגענט, דו דאַרפסט דאָך פאַרשטיין, אַז אַלע מענטשן זענען גלייך.

מאַטשעק האָט זיך צעשמייכלט און מיך גענומען אויספרעגן צי די יידן אין אויסלאַנד זענען טאַקע רייך און וויפיל זיי קאָנען צאָלן פאַר אַ קעפּל, דאָס הייסט, פאַר יעדן לעבעדיקן ייד, וואָס מען וועט זיי צושטעלן נאָך דער מלחמה.

— אַ הון רב, אַ פאַרמעגן — האָב איך אים געזאָגט.

— אָבער געניי, מער ווייניק, וויפל? — וויל ער וויסן.

— כ'וויים, אפשר הונדערט טויזנט דאָלאַר?

— אַזוי? נישקשה! אַ שיינע פּאָר גילדן. ס'איז ווערט.

— וואַרט — זאָגט ער צום שווער — טאָ וויפל וועלן מיר קריגן? באַלד, מען וועט זען, לאָמיך באַרעכענען. וויפל קעפּלעך האָבן מיר?

— איינס, צוויי, דריי — נעמט ער ציילן אויף די פינגער — און קוניאַק איז פיר און נאָך וויפל?

— נאָך צוויי — זאָגט שובע.

— איז וויפל צוזאַמען? — וואַרט — פיר, יאָ, און צוויי, איז צוזאַמען ביי אַ זעקס, זעקס שטיק, וויפל געלט צוזאַמען?

— דאַכט זיך, אַז נישט קיין סך — זאָגט מאַטשעק און קוקט אָן דעם שווער.

די געמאַכטע פריילעכקייט האָט מיר נאָכגעלאָזט, אינעווייניק האָט זיך מיר ווי עפּעס אָפּגעריסן און אַדויסגעשלאָגן אויפן פּנים.

מאַטשעק איז נאָך אונטערגעזעסן אַביסל, זיך געוויצלט מיטן שווער און מיר האָט זיך מיטאַמאָל פאַרגלוסט וויינען.

שובע האָט זיך אויפגעריסן און גענומען שלעפּן דעם איידעם:

— קום, מאַטשעק!

מאַטשעק האָט זיך אויסגעגלייכט:

— פּשאַ קרעוו, מען דאַרף גיין!

ער האָט זיך גענומען אָפּפּוצן די מאַרינאַרקע פון צוגעקלעבטן שטרוי.

כ'האָב פּלוצים דערזען אַ יידישע קאַפּאָטע! אין אַ געהאַקטער הסידישער קאַפּאָטע איז ער געווען אָנגעטון — אַ געהאַקטע קאַפּאָטע, געקירצט פאַר אַ מאַרינאַדקע, איבערגעמאַכט ביי אַ דאָרפישן שניידער.

ער האָט מיר פריילעך דערלאַנגט די האַנט. מיר נאָכאַמאָל פאַרזיכערט, אַז איך דאַרף זיך נישט שרעקן. איך בין אַ גוטער, ער וועט נאָך צו מיר קומען. נאָר יענע זשידעס אין גרוב וויל ער נישט זען.

— פּשאַ קרעוו, זשידי! — האָט ער אַ געשריי געטון, ווי צו זיי אונטן אַראָפּ און — איז אַרויס.

אויפן הויף האָט ער געהאַלטן אין איין לאַכן. כ'האָב אים דורכן לעכל נאָכגעקוקט. די עקן פון דער מאַרינאַרקע האָבן זיך אין ווינט געשאָקלט, ווי די פּאָלעס פון דער געהאַקטער קאַפּאָטע.

מאַטשעק האָט אַ פריילעכער, אַביסל שיכור, גענומען שפּרינגען און טאַנצן אויף דער ערד און מיר האָט זיך פאַרמישט פאַר די אויגן. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער טאַנצט אויף דעם טויטן ייד, דעם אייגנטימער פון דער קאַפּאָטע. ער רייסט זי פון אים אַראָפּ, די פּאָלעס בלאָזן זיך אין ווינט און ער שרייט:

— וויפל, וויפל וועט מען קריגן פאַר אַ קעפּל?!

15־טער יוני:

צוויי טעג האָבן מיר איבערגעלעבט אויסערגעוויינלעכע שרעק. מיר זענען געוועזן זיכער, אַז דאָס נייע אָרט אונזערס, ביי שובען, איז אַנטדעקט, אַז מען האָט אונז חס־ושלום געזען אָדער אונטערגעהערט.

מיט צוויי טעג צוריק האָט פּרוימאַן אַרויסגעקוקט פון דער וואַנט אַנטקעגן דער סאַדזעווקע און געזען ווי קאָוואַלטשיקס זון פאַרגנבעט זיך הינטער אַ בוים פּאַר זייער הויז, ציט זיך אויס אויף דער ערד און קוקט אין אונזער זייט. ער האָט מיך שנעל צוגערופן צו דער שפּאַרע. איך האָב זיך איינגעקוקט און טאַקע געזען ווי קאָוואַלטשיקס זון — אַ ריזיקער בלאָנדער יונג פון איבער צוואַנציק — ליגט און טשאַטעוועט ביים ראַנד פון יענער זייט סאַדזעווקע און אָבסערווירט אונזער הויף. ער האָט זיך דערביי גוט פאַרשטעקט, אַז מען זאָל אים נישט זען. יעדעס מאָל, ווען שובע אָדער די שובאָווע זענען אַרויס פון דער כאַלופּע, איז ער שנעל אַנטלאָפן הינטער זייער סטאָדאָלע אַרונטער, אָפּגעקוקט פון אַ זייט און ערשט זעענדיק, אַז זיי זענען שוין אַריין אין שטוב, האָט ער זיך צוריק געהיימניספול אַרויסגעשאַרט, פלינק זיך אויסגעצויגן הינטער דעם בוים און ווידער גענומען אָבסערווירן. זיין בליק איז כסדר געווען געווענדעט צו אונזער שייער. פיל מאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער פונדערווייטנס, טרעפט זיך אָן מיט מיין בליק פון דער שפּאַרע אַרויס.

מיר האָבן עס מיטגעטיילט דער חברה אין גרוב. איינער נאָכן אַנדערן זענען זיי אַרויס פון באַהעלטעניש, אַרויסגעקוקט דורכן לעכל און אַלע האָבן זיי פעסטגעשטעלט דאָס זעלביקע, אַז ער באַטראַכט אונזער שייער. מיר האָבן זיך אינגאַנצן בעוואָרפן. זיכער האָבן זיי איינמאָל ביינאַכט, ווען מאָרוואַ האָט איינגעדרימלט — זיך אונטערגעגנבעט הינטער אונזער שייער און אונז אונטערגעהערט, אָדער אפשר האָבן זיי צופעליק געזען, ווי די שובאָווע טראָגט קוישן מיט עסן אין סטאָדאָלע אַריין, פאַרשטייען זיי, אַז מענטשן געפינען זיך אינעווייניק. איצט איז ער דעריבער פאַרשטעקט, ער וויל זיך איבערצייגן, צי זי וועט נאָך טראָגן עסן און אפשר וועט ווער פון אונז אַרויסקומען אויפן הויף.

ס'איז שלעכט. מיר זעען עס בפירוש. שוין עטלעכע שעה און ער טרעט אַלץ נישט אָפּ. אַ פּאָר מאָל האָב איך געזען, ווי ער קריכט אויפן בויך צו האַרט צום ראַנד פון וואַסער און פאַרשטעקט זיך צווישן די גראָזן.

שפּעטער, איז די שובאָווע אַריינגעקומען. איך האָב זי צוגעפירט צו דער שפּאַרע, זי האָט אים אויך געזען. זי האָט מיך אָבער באַרואיקט, אַז ער טשאַטעוועט אַזוי, ווייל ער וויל גנבענען פיש און ער היט זיך, אַז זיי זאָלן אים נישט באַמערקן. זי איז אַרויס פון שייער און קאָוואַלטשיקס זון איז תיכף אַנטלאָפן. שפּעטער, איז ער ווידער אַריין צווישן די גראָזן. מיר האָבן נישט געגלויבט, אַז דאָס זוכט ער טאַקע אַ געלעגנהייט פיש צו גנבענען. באַהיט זאָלן מיר ווערן, אַז זיי זאָלן, חלילה בלויז האָבן אַ חשד! ניין, ס'איז נישט צוליב גנבענען פיש. אָט ליגט ער שוין לאַנגע שעהן, עס ווערט שוין באַלד נאַכט און ער קריכט נאָך אַלץ פון בוים צום וואַסער און צוריק. מיר זעען נישט, אַז ער זאָל פאַנגען פיש.

די גאַנצע נאַכט זענען מיר געווען אומרואיק. קלאָר, אַז זיי ווייסן עפּעס, די קאָוואַלטשיקס!

נעכטן אַ גאַנצן טאָג ווידער דאָס אייגענע: דער שנעק איז נישט אָפּגעטרעטן פון די גראָזן און כסדר האָט ער געקוקט אין אונזער זייט. ווען ער האָט נאָר דערזען די שובעס — איז ער אַנטלאָפן, זיך פאַרשטעקט און באַלד צוריקגעקומען. ניין, דאָס איז נישט צוליב פיש! איך האָב אַרויסגעקוקט פון לעכל און געציטערט. ווידער האָבן מיר געהאַט אַ שלאָפלאָזע נאַכט. מיר האָבן זיך איינער דעם אַנדערן געפּייניקט און זיך אויפגעוויזן באותות ומופתים, אַז ער מיינט טאַקע אונז. אויך היינט, פון באַלד אינדערפרי אָן, האָב איך אים געזען. ער האָט דורכגעשפּיזט אונזער הויף מיט נייגעריקע און גלייכצייטיק איבערגעשראָקענע בליקן.

ערשט מיטאָג־צייט, אַרום צוועלף, האָב איך מיטאָמאָל געזען ווי זיין שוועסטער גנבעט זיך אויך פאַרבאָרגן אין זיין זייט און טראָגט עפּעס מיט זיך. כ'האָב זיך איינגעקוקט — ס'איז געווען אַ קליינע נעץ צו פאַנגען פיש, אַ „ווענטקע". זי האָט זיך צוגעשליכט און אים דאָס געגעבן. ער האָט די ווענטקע געלאָזט אין וואַסער און אָנגעהויבן כאַפּן פיש, די געפאַנגענע פיש געוואָרפן צו דער שוועסטער אין פאַרטוך און ווידער געלאָזט די נעץ אין וואַסער און געכאַפּט פרישע פיש. שפּעטער זענען זיי אַנטלאָפן. ביז איצט, פאַרנאַכט, האָבן זיי שוין עטלעכע מאָל איבערגעחזרט די „אַרבעט".

מיר זיצן איצט אַלע אין גרוב, און מיר קאָנען נאָך צו זיך נישט קומען...

⁂

שוין עטלעכע מאָל געוואָלט שרייבן וועגן אונזער צויג — מאַרוואַ.

כ'האָב שוין דערציילט, ווי זי האָט מיך מקבל־פּנים געווען ביים אַהערקומען מיט אַ בילעריי, ווי בייז זי איז ביים דערזען אַ פרעמדן מענטש זיך דערנענטערן צו אונזער הויף. זי הייבט אָן בילן און וואַרפט זיך אויף דער קייט, בילט, וואַרטשעט, אַז זי איז כמעט שוין הייזעריק. שובע האָט אונז אָנגעזאָגט, אַז פאַר דעם הונט, פאַר מאַרוואַן, דאַרף מען זיך היטן — „ווען זי דערזעט אייך אינעווייניק, אין שייער, צערייסט זי אייך אויף שטיקער". מיר האָבן טאַקע די ערשטע טעג — שטענדיק ווען שובע האָט מאַרוואַן אָפּגעבונדן פון דער קייט, זי זאָל זיך אַביסל איבערשפּאַצירן — זיך שנעל אַלע פאַרמאַכט אין באַהעלטעניש, זי זאָל אַריינקריכנדיק אין סטאָדאָלע — זיך אַמאָל נישט „באַגעגענען" מיט אונז. כמעט יעדן פאַרנאַכט, ווען עס ווערט טונקל אין דרויסן, קריגט זי אויף אַ שעה־צוויי „אורלויב", זי ווערט אָפּגעבונדן און זי לויפט אויף „באַזוך" צו די שכנותדיקע הינט.

מיר האָבן אין די ערשטע אָווגטן זיך פאַרשטעקט און זי פלעגט טאַקע אַריינקומען באַשנאָפּן די סטאָדאָלע. זי האָט בייז געבילט, געגעבן אָנצוגעהערן, אַז זי ווייסט, אַז דאָ איז נישט אַלץ אין אָרדנונג — עפּעס פאַרדעכטיקטע פאַרשוינען געפינען זיך דאָ. זי האָט געבילט, געריבן מיט די פיס אין באָדן און אויסגעשנאָפּט אַלע ווינקלען. מיר, אינעווייניק, האָבן זיך געפילט נישט היימלעך, אָבער פאָרט געבענטשט דעם הונט פאַרן היטן אונז געטריי פאַר די טירן, פאַרן נישט צולאָזן קיין פרעמדע צו דער סטאָדאָלע, פאַרן אַלאַרמירן און געבן אונז סיגנאַלן, אַז עס איז אַ געפאַר, מען גייט!

אָבער איינמאָל אין תחילת־אָוונט, בעת די שובאָווע האָט אונז אַריינדערלאַנגט דעם טאָפּ מיט געקעכץ און געהייסן אַלע אַרויסקריכן פון גרוב — עסן. זיי־

אין דרויסן, זי מיטן מאַן, וועלן שוין אכטונג געבן. מיר זיצן אין דער טונקל אַרום טאָפּ און שאַרבן מיט די לעפל. אין דעם: עס שאַרט זיך ווער אונטער די כטאָדאָלעטירן און איידער מיר קוקן זיך נאָך אום — מאָרוואַ איז דאָ! זי לויפט צו אונז. מיר האָבן אַלע אויפגעצאַפּלט. מאָרוואַ איז אַנטקעגן אונז געבליבן שטיין, געקוקט אויף אונז מיט אָנגעצונדענע, בלישטשנדיקע אויגן ווי צעטומלט. אַ מינוט האָט די שפּאַנונג געדויערט. זי האָט געקוקט צו אונז און מיר, דערשראָקענע, גלייך אין אירע אויגן. אָבער פּלוצים האָט זי זיך אויסגעצויגן מיט דעם בויך אויף דער ערד, גענומען וואַרטשען און זיך רוקן אויף די פיס ביז צו אונז צו, געבליבן ליגן ווי אויף דער קני און מיטאַמאָל געגעבן אַ שפּרונג און שנעל אַ לעק אסתרלן אויף דער באַק. זי האָט זיך אויסגעצויגן און זיך גענומען טוליען מיטן קאָפּ אין אונזערע שויסן, געגאַנגען פון איינעם צום אַנדערן און מיט אַ שוימיקער צונג אונז געלעקט איבער די הענט. מיר האָבן זי געוואָלט מכבד זיין מיטן עסן. זי האָט נישט געוואָלט. מיר האָבן זי גענומען צערטלען איבער דער פעל און מאָרוואַ האָט מיט אַ שטומער פרייד אונז געקוקט אין די אויגן און זיך געטוליעט צו אונז. שפּעטער, זענען די שובעס אַריינגעקומען און זיך אַליין נישט געוואָלט צוגלויבן, וואָס דאָ פּאַסירט. זיי האָבן מאָרוואַן אָנגעכאַפּט פאַרן פּאַכיקל אויפן האַלז און געוואָלט אַרויסציען. זי האָט זיך אָבער נישט געלאָזט אויפהייבן, זי האָט מיט די פיס און בויך זיך שווער איינגעקלאַמערט אין אונז און זיך נישט געלאָזט רירן פון אָרט.

די שובעס זאָגן, אַז אַ שטום באַשעפעניש פאַרשטייט און פילט אַלץ. זי ווייסט, אַז מיר זענען געשלאָגענע מענטשן און דעריבער דריקט זי זיך אַזוי אין דער טונקל צו אונז. זי פילט אונז אַזוי אַרום מיט און טרייסט אונז. זיי ווילן זי אַרויספירן:

-- קום מאָרוואַ! גענוג, קום אין בודע!

זי וויל נישט גיין. ערשט נאָך דעם ווי מיר זענען אַלע אַריין אין גרוב און זיך פאַרמאַכט, איבערלאָזנדיק זי אַליין אויבן — האָט זי זיך קוים געלאָזט אַרויספירן צוריק אין בודע אַריין. צוערשט האָט זי זיך אָבער אויסגעצויגן, זיך געטוליעט און געוואָיעט אַריין אין אונזער טירל. די שובעס האָבן זי אַרויסגעפירט און ----

פון יענעם מאָל אָן קומט זי שוין כסדר צו אונז. יעדן אָוונט, ווען עס ווערט טונקל און מען באַפרייט זי נאָך פון דער קייט. עפּעס מיט אַ שטומער גליקלעכקייט אין די אויגן טוליעט זי זיך צו אונז, לעקט איבער די הענט און פּנימער, וואָיעט און קוקט אונז אָן. עס דאַכט זיך אונז טאַקע אין איר בליק, אַז זי פילט אונזער לאַגע, אונזער שאַרן זיך איבערגעשראָקן איבער דער טונקעלער סטאָדאָלע, אונזערע שטילע געהיימניספולע באַוועגונגען. זי קוקט אונז אָן און דאַכט זיך, אַז מיר פאַרשטייען זיך. מאָרוואַ פאַרשטייט אונז!

20־טער יוני:

מיר שרעקן זיך שטאַרק פאַר דעם קליינעם מאַניעקלען. פאַר זיינע שפּילערייען מיט די חברימלעך. עפּעס האָט ער צופיל חברימלעך און אַלע זענען מיט אים נאָר היימיש. גאַנצע טעג שפּילט ער זיך מיט זיי, לויפט מיט זיי צווישן די פעלדער און

װעלדער און מיר האָבן מורא, אַז דער קלײנער זאָל נישט עפּעס אַרױספּלאַפּלען. יעדעס מאָל װען מיר זעען אים, װי ער לױפֿט מיט זײ, װאַרפֿן מיר זיך אײַנגאַנצן. מיר קוקן זײ נאָך און באַטראַכטן די אױסדרוקן פֿון זײערע פּנימלעך, צו דערגײן װעגן װאָס זײ שמועסן. שטענדיק — דערנאָך — רופֿן מיר אים אַרײַן צו אונז, מאַניעקלען, און מען פֿרעגט אים אױס װעגן װאָס ער האָט מיט זײ גערעדט, און װאָס זײ שפּילן זיך. מיר װאָרענען אים דערבײַ נאָכאַמאָל װעגן דער שרעק מיט די דײַטשן און זאָגן אים אױפּסנײַ צו דעם ראָװער מיט אַנדערע שפּילצײַג. ער איז אַ קלוגער יאַט, דער קלײנער. ער האָט אַ פּאָר קלוגע, שװאַרצע אײגעלעך און גאָרנישט קײן פּױעריש פּנימל. אַ סך מאָל שרעקט ער אונז איבער. מיט אַן ערנסט מינעלע פּאַרטרױט ער זיך, אַז ער האָט דערצײלט, אױסגעזאָגט װעגן אונז און ערשט װען מיר כאַפּן זיך אָן פֿאַר די קעפּ — הײבט ער אָן צו לאַכן און זאָגט, אַז עס איז אַ ליגן, ער האָט קײנעם נישט דערצײלט, ער נאַרט נאָר אונז אַזױ אָפּ. איך בין אױס מענטש, כ'װײס נישט װעלכעס איז יאָ צו גלײבן און װעלכעס נישט; װאָס עס איז אמת, צי האָט ער יאָ אױסגעזאָגט אָדער נישט. מיר שיקן אַרײַן נאָך די עלטערן און דערצײלן זײ אונזער עגמת־נפש. זײ נעמען אים אַרײַן אין שטוב אױף אַן „אױספֿאָרשונג", זײ דראָען אים און עס װײַזט זיך אַרױס, אַז עס איז טאַקע אַ ליגן, ער האָט נישט דערצײלט. דער קלײנער „קעלבאַס" רײצט זיך נאָר אַזױ מיט אונז.

אָפּטמאָל האָט ער אַזױ ליב מיט אונז זיך צו רײצן און אָנצומאַכן שרעק.

אַנומלט, האָט ער אײנמאָל, זײַענדיק בײַ אונז אין סטאָדאָלע און קריכנדיק מיט די באָרװעסע פֿיסלעך איבער די װענט ביז אונטער דעם שטרױענעם דאַך אַרונטער — פּלוצים גענומען מיט אַ געדריקט קולעכל שרײַען צו מיר מיט פּרוימאַנען:

— שנעל, שנעל, באַהאַלט אײַך! ניעמצי, דײַטשן, שנעל באַהאַלט זיך! איך זע זײ פֿון די שפּאַרעס אױבן!

מיר זענען אױפֿגעשפּרונגען. װי װילד זענען מיר געלאָפֿן צום לאָך און גענומען אַרײַנקריכן. מאַניעקל איז אונז נאָך און שטיל, װי מיט די לעצטע כוחות, אַרױסגעקװעטשט פֿון זיך:

— אַרײַן! פֿאַרמאַכט שנעל, באַהאַלט אײַך! ניעמצי, דײַטשן!

װײס װי קאַלך זענען מיר געװען. די הערצער זענען אונז שיִער אָפּגעשטאַנען. מיר האָבן מיט שװער אָפּגעטױטע הענט געשלעפּט דאָס דעקל איבער אונזערע קעפּ, אײַליק צו פֿאַרמאַכן. ערשט — מאַניעקל צעלאַכט זיך:

— כאַ, כאַ, כאַ — כאַ, כאַ, כאַ! — כ'האָב אײַך אַרײַנגענאַרט!... צ'האָט זיך געלאָזט אַרײַננאַרן... נישט אמת, נישטאָ קײן ניעמצעס, קײן דײַטשן!

עטלעכע שעה דערנאָך האָבן מיר נאָך אַלץ נישט געקאָנט קומען צו זיך. די הענט און די פֿיס האָבן זיך אונז געװאָרפֿן און דער קלײנער האָט אַלץ געלאַכט. שפּעטער האָבן מיר עס דערצײלט די עלטערן און שובע האָט אים דערלאַנגט אַ פּאָר פּעטשלעך. ער האָט זיך צעװײנט און צוגעזאָגט אונז מער נישט איבערצושרעקן, מער נישט צו מאַכן אַזעלכע „חכמות".

מיר זענען אָבער באַזאָרגט װעגן זײַן חברשאַפֿט מיט די שקצימלעך, מיט די פּאַסטעכלעך פֿון די אַרומיקע קאָלאָניעס און דערפֿער. די עלטערן שטערן אים לעצטנס זיך צו שפּילן מיט זײ, זײ רײַסן אים שטענדיק אַװעק פֿון דער חברותא און

טרייבן אים אין שטוב אַריין. אויך אסתרל, וועלכע האָט מיט אים יעדן טאָג „לעקציעס" (ער קומט צו אונז אין באַהעלטעניש און ביי אָן אָנגעצונדן ליכט לערנט זי אים לייענען, שרייבן און רעכענען) רעדט אין אים אַריין און גיט אים צו פאַרשטיין, אַז ער זאָל זיך מער נישט טרעפן מיט זיינע חברימלעך. מיר וועלן אים דערפאַר ליב האָבן און קויפן פון שענסטן און בעסטן. עס העלפט אָבער נישט. פון אונטער די הענט ווערט ער זיי נעלם, דעם טאַטן מיט דער מאַמען, ער ווערט פאַרשווונדן און מען ווייסט נישט ווו ער איז אַהינגעקומען. ערשט נאָך לאַנגע זוכענישן געפינען זיי אים שפעטער מיט עטלעכע פאַסטעכלעך פאַרשטעקט ווו צווישן די תבואות, אָדער אין וואַלד. עס הויבן זיך אָן אויספאָרשונגען, געוויער צו ווערן, צי ער האָט זיי חלילה נישט עפעס דערציילט.

מיר דאַרפן האָבן ניכיב מיט דעם קליינעם.

22־טער יוני:

די לעצטע נאַכט האָבן מיר געהאַט אַ שפּאָר ביסל טויט־שרעק.

געווען איז עס אַרום דריי אַ זייגער. פרוימאַן האָט פונקט וואָך־געהאַלטן אויבן ביים טירל פון באַהעלטעניש. אַלע זענען מיר געשלאָפן אונטן. אינמיטן דער נאַכט האָב איך דערפילט, אַז כ'קאָן דעם אָטעם נישט כאַפן, עס האָט מיר אויסגעפעלט לופט און כ'האָב זיך שיר געשטיקט, אַחוץ דעם האָט דער פיבער מיר געשלאָגן צום קאָפ און האַרץ. כ'האָב געגליט און געמיינט, אַז איך ווער פאַרברענט. כ'האָב באַשלאָסן אַרויסצוקריכן אין שלאָפן אויבן ביים ראַנד פון לאָך. כ'האָב געבעטן פרוימאַנען, ער זאָל גוט אַכטונג געבן און ביים מינדסטן שאָרך זאָל ער מיך אויפוועקן. באַלד בין איך איינגעשלאָפן, אָבער — אומרואיק. צוליב דעם פחד אין אונטערבאַוווסטזיין האָב איך זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער, כסדר זיך איבערגעוועקט, אויפגעוואַכט און צוריק איינגעשלאָפן.

אַרום האַלב דריי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און שוין מער נישט געקאָנט איינדרימלען. ס'איז מיר געווען קאַלט און אויך עפעס אַ שרעק האָט מיך געמאַכט ציטערן. כ'בין געזעסן אין דער פינצטער און זיך מורא געהאַט צו באַוועגן. פלוצים הער איך ווי פרוימאַן שנאָרכט, ער כראַפעט און פייפט מיט די נאָז־לעכער. ער האָט זיך, ווייזט אויס, פאַרלאָזט אויף מיר און דערוויל געכאַפּט אַ דרימל. איך האָב אים מיט דער האַנט אַ שטויס געגעבן — ער זאָל אויפהערן צו כראַפען. ער איז שטיל געוואָרן און זיך צוגערוקט נענטער צום לאָך. אויך איך האָב זיך צוגערוקט און זיך געלייגט האַרט אויפן ראַנד — בעת אַ סכנה זאָל איך פון צעמישונג אַמאָל נישט פאַרגעסן, ווו דאָס לאָך געפינט זיך און אין דער פינצטער לויפן אין אַ צווייטער זייט. פרוימאַן האָט ווידער איינגעדרימלט. ס'איז מיר געוואָרן אומהיימלעך, עפעס אַ שרעק אַ פינצטערע האָט זיך געדיכט געוועבט אין שייער, ממש חושך — מצרים, אָנצוטאַפּן מיט די הענט. כ'בין געלעגן אויפן פאַרמיסטיקטן שטרוי, איינגעקורטשעט, און געשוידערט פון מורא און קעלט.

מיטאַמאָל, דערהער איך עפעס ווי מענטשלעכע שטימען און ווי טריט. כ'האָב

זיך אָנגעכאַפּט אין פּרוימאַגען! כ׳הער זיך איין: יאָ, מען רעדט און ס׳גייט ווער שוין גאָר נאָענט פון דער סטאָדאָלע. כ׳האָב שנעל פּרוימאַגען אַרייַנגעשטופּט אין באַהעלטעניש. איך בין הינטער איס נאָכגעשפּרונגען. כ׳בין געווען אינעווייניק, נאָר דעם קאָפּ נאָך אַ ווײַלע געלאָזט אין הדויסן, כ׳האָב זיך געוואָלט אָריענטירן, וואָס עס איז. אויפן הויף האָבן אויפגעבליצט עלעקטרישע לעמפּלעך, שטראַלן האָבן זיך געשניטן דורך די שפּאַרעס אין סטאָדאָלע אַרײַן. כ׳הער ווי מען קלאַפּט דאָרט אין שויב פון שובעס פענצטער:

— עפן, באַלעבאָס!

כ׳האָב שנעל געצויגן איבערן קאָפּ דאָס דעקל, עס איינגעפּאַסט און איינס־צוויי באַפּעסטיקט. אַלע האָבן זיך אויפגעכאַפּט. מיר זענען געזעסן שטיל און מורא געהאַט אַרויסצולאָזן דעם אָטעם. מ׳האָט געציטערט און זיך אָנגעהאַלטן איינער אין אַנדערן. „זיכער פּאַרטיזאַנער! זיי קאָנען נאָך אַרייַנקומען צו אונז אין סטאָדאָלע שלאָפן!"

עטלעכע שעה זענען מיר אַזוי געזעסן אין דערוואַרטונג, מיט טויט־שרעק און זיך מורא געהאַט צו באַוועגן. איבער אונז איז געווען שטיל. מ׳האָט גאָרנישט געהערט. ערשט פאַרטאָג האָט אונז שובע געהייסן עפענען דאָס לאָך. ער האָט דערציילט, אַז פּאַרטיזאַנער, וועלכע זענען אין מיטן דער נאַכט פאַרבייגעגאַנגען אויף דער סטעזשקע — האָבן ביי אים אָנגעקלאַפּט, גענומען עטלעכע ברויטן און — געגאַנגען ווייטער. ער האָט געפרעגט צי מיר האָבן דאָס געהערט, ווייל מען מ׳ז זיין פאָרזיכטיק.

— דער טייוול ווייסט זיי, ווער זיי זענען, צי יאָ פּאָליאַקן צי נישט פּאָליאַקן. מען זאָגט, אַז די פאַרשוינען זוכן אין די נעבט יידן און הרגענען זיי. מען דאַרף זיין געוואָרנט.

25־טער יוני:

מיט אונזער באַהעלטעניש איז זייער שלעכט. צי שטראָמט אונטן אַ קוואַל? — עס האַלט אין איין אונטערקומען וואַסער אויף דעם באָדן. עס ווייקט און שווענקט אַדורך דאָס שטרוי אונטער אונז. יעדן טאָג מוזן מיר אויסשעפּן צענדליקער קובלעס וואַסער און אויבן, הינטער די סטאָדאָלע־ווענט, אויסגיסן. עס העלפט אָבער נישט און מיר זיצן כסדר אין אַ נעץ. אַלץ אויף אונז איז נאַס. מיר האָבן שוין אויסגעזוכט אַ מיטל אָפּצוציִען דאָס וואַסער. ס'איז ווער פֿון אונז געפֿאַלן אויף אַן אויפטו און געראַטן צו מאַכן אין אַ ווינקל פֿון באַהעלטעניש אַ טיפֿן גרוב און אויפֿן גאַנצן באָדן קאַנאַלעכלעך, שמאָלע ראָוועקלעך, משופּעדיקע, וועלכע זאָלן דאָס וואַסער אַהין אַריינציִען. מיר האָבן טאַקע אַזוי געמאַכט און עס העלפט נישט. דאָס וואַסער שטראָמט כסדר סיי פֿון אונטן און סיי פֿון די ווענט. שובע זאָגט, אַז דאָס איז דערפֿאַר, ווייל זיין הויף — די באַלופּע מיט דער סטאָדאָלע — ליגן אין אַ טאָל און פֿון אַלע זייטן שטראָמט דאָס וואַסער אַהער אַראָפּ.

— היינט — זאָגט ער — איז נאָך נישקשה — פֿרילינג און האַרבסט איז ערגער. דעמאָלט ווייסט ער נישט צי עס וועט מעגלעך זיין דאָ צו זיצן. דער גרוב וועט זיכער פֿול זיין מיט וואַסער. ער לאַכט אָבער, שובע:

— אויף האַרבסט, אויב די מלחמה וועט זיך נאָך נישט האָבן געענדיקט — וועט איר סיי־ווי מוזן פֿון דאַנען גיין. מער ווי עטלעכע חדשים וועל איך נישט קאָנען האַלטן. נאָכן שניט מוז איך יעדנפֿאַלס האָבן די סטאָדאָלע אויף אַריינצולייגן די תבואה. קיין שפּילקע־קעפּל קאָן מען דעמאָלט נישט אַריינטון אין שייער. איר וועט דאָ קיין אָרט נישט האָבן. כ'וועל אַלץ פֿאַרלייגן מיט בינטן קאָרן און ווייץ.

אויך די שובאָווע האָט אונז שוין געגעבן אָנצוהערן, אַז באַלד נאָכן שניט וועלן מיר מוזן גיין פֿון דאַנען.

— עס איז הייאָר אַ פּרי און גרויס גערעטעניש און מיר וועלן סיי־ווי רייך ווערן!

פֿיל מאָל האָט זי שוין פֿאַר אונז געקלאָגט, אַז זי ווייסט אַליין נישט וואָס פֿאַר אַ נאַרישקייט עס איז איר אין קאָפּ געקומען ווען זי האָט אונז אַריינגעלאָזט צו זיך.

— צו וואָס האָבן מיר דאָס געדאַרפֿט? — קוקט אויפֿן פֿעלד, אויף דער תבואה, אויפֿן ווייץ און קאָרן! אַזאַ געראָטן יאָר איז שוין לאַנג נישט געווען. אַ מעכיע (מחיה) אויף די פֿעלדער! נאָכוואָס האָט דאָס אונז געטויגט?!

⁂

מיר קוקן אַרויס אויף די אַרומיקע פֿעלדער — און טאַקע — אַלץ איז צעוואַקסן און איבערפֿולט. די לאַנגע זאַנגען שווערן זיך אַזש אַראָפּ צו דער ערד, אָנ־

געדראָלן און אָנגעיווירן קרעפּטיק. איין גרויס גערעטעניש אויף גאָטס ערד. דער מענטש האָט איר, דער ערד, די לעצטע יאָרן געגעבן אַזוי פּיל בלוט צו טרינקן — גיט זי אים איצט איר באַלוינונג: פעטע תבואות זיך צו שפּייזן, נישט פאַר איין — נאָר פאַר עטלעכע יאָר; אַזוי פיל האָט זי, די ערד, די לעצטע צייט פאַרדעקט אונטער זיך, גיט זי איצט אַרויס מיט אַ ברכה, וואָס זי קאָן נאָר: יונג ברויט פאַר יונג לייב פון קליינע קינדער, פרישע וויינען און זאַפטן — פאַר פריש בלוט. די ערד פרייט זיך מיטן מענטש און דער מענטש — מיט דער ערד. זי דעקט, פאַרווישט און קוויקט זיך מיט זיינע פאַרברעכנס און זי באַצאָלט אים, זי באַלוינט אים, מיט בליונג, מיט אויפגעגאַנגענע פעלדער, מיט זאַנגען, וואָס רייסן זיך פריידיק, שטאָלץ, אומפאַרשעמט צו די הימלען!

אונטן, אונטער דער ערד איז אָבער אַ בונט, אַ בונט פון בלוט, וואָס קאָן נישט פאַרגליווערן, עס ברויזט, זידט, קאָכט און רייסט זיך און וועט נאָך אויסשיסן ביז צו די הימלען מיט אַ ווולקאַן, מיט אַן ערדציטערניש, ערגער ווי אין קרחס צייטן. די ערד און דער מענטש וועלן צוזאַמען צעשטויבט ווערן!

⁂

די שובבים קומען כסדר צו אונז און רעדן וועגן דער שפע אויף די פעלדער. זיי גיבן אונז אָנצוגעהערן, אַז ווען זיי וואָלטן אין מאַי זיך געריכט אויף אַזאַ גערעטעניש, וואָלטן זיי בשום אופן נישט באַוויליקט אונז צו נעמען צו זיך. דאָס פאָריקע יאָר איז ביי זיי נישט געווען אַזוי וואַזשנע. כאָטש אומעטום איז אויך געווען אַ געלונגענער שניט. זייער ערד איז אָבער נישט פון די בעסטע און זי האָט זיי אָפט ליב צו טון אויף להכעיס. דאָס לעצטע יאָר האָבן זיי געהאַט אַ שלעכטן „פּזשעדנאָוועק" (פאָר שניט־צייט). ס'איז זיי געווען ענג, אַלץ האָט אויסגעפעלט, זיי האָבן געמיינט, אַז אויך הייר־יאָר וועט זיין אַ שיטער און נישט געראָטן געוויקס אויפן פעלד, זענען זיי באַשטאַנען אונז צו נעמען. גיי ווייס, אַז דאָס מאָל וועט זיין אַזאַ „אוראָדזאַי". „צוואָס האָטושע געטויגט דאָס גאַנצע אָנשיקעניש?".

— אָך, מיין גאָט! — זי, דאָס ווייב, ברעכט זיך אַזש די הענט.

איינמאָל, האָב איך זיי שוין געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מעגלעך — אַז דאָס גוטע גערעטעניש איז אין אונזער זכות, דאָס באַלוינט זיי טאַקע דער פאָן בוג פאַר שיצן אומשולדיקע און נערודפטע מענטשן. זיי האָבן זיך דעריבער פאַרטראַכט. אַ פּאָר טעג איז דערנאָך געווען שטיל און זיי האָבן אונז צורו געלאָזט. נעכטן, איז אָבער ער, שובע, ווידער אַריינגעקומען און אויפסניי אָנגעהויבן דעם שמועס וועגן די פולע פעלדער. ווידער האָט ער אונז געזאָגט, אַז נאָכן שניט, נאָך פאַר האַרבסט, וועלן מיר מוזן גיין זיך זוכן אַ פריש אָרט. ער האָט אונז אַזוי דערשלאָגן מיט די ווערטער, אַז שפּעטער, ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין, זענען מיר געווען צוגעלייגט. מיר האָבן אַ וואָרט איינער מיטן אַנדערן נישט געקאָנט אַרויסרעדן.

היינט, באַלד אינדערפרי, זענען זיי בײדע אַריינגעקומען. זיי זענען איינגאַנצן צעקאָכט און קוקן אויף אונז מיט אַ ווייטיק אין די אויגן. איך בין אַראָפּ אין באַהעלטעניש. אסתרל איז צו זיי אַרויפגעגאַנגען און אָנגעהויבן אַ שמועס. ווידער האָט זיך דאָס געשפּרעך אַרויסגעדרייט אויפן תבואה־גערעטעניש. אסתרל האָט גענומען באַדויערן די שלעכטע צייט אין וועלכער מיר לעבן. פאַר נאָרנישט און מיט

גאָרנישט איז מען היינט זיכער. מלחמות, שׂרפֿות, רויב און מאָרד. דער מענטש איז אַפֿילו מיט זיין אייגענער היים נישט זיכער. וואָס קאָן מען וויסן, וואָס אַלץ עס שטייט נאָך דער באַפֿעלקערונג פֿאָר? — דער דייטש קאָן נאָך צינדן, ברענען, „זנישטשען" דעם מענטש, די בהמות, די כאַלופּע, און דאָס פֿעלד. אין אַזאַ צייט לעבן מיר! מען מוז האָבן ניסים, רחמים, כּסדר דאַרף מען בעטן גאָט. שוין אין ווייניק דערפֿער האָבן זיך די דייטשן — פֿאַר גאָרנישט, פֿאַר קיין שום חטא נישט — נוקם געווען?! אויך אָן האַלטן יידן, אָדער אַנדערע „זינד", קאָן נאָך טרעפֿן דאָס ערגסטע. ס'איז נאָך דעריבער פּריצייטיק צו רעדן וועגן אונז, וועגן דעם, אַז מען וועט שפּעטער דאַרפֿן גיין זוכן אַ פֿריש אָרט. מען זאָל באַהיט ווערן — ווער ווייסט וויפֿיל מענטשן אַחוץ אונז — אַחוץ יידן, וועלן זיך נאָך אַליין דאַרפֿן גיין זוכן אַן אָרט, אַ געלעגער פֿאַרן קאָפּ. ווער ווייסט, צי ער אַליין, שובע, חלילה — קאָן נאָך אַמאָל נישט זיין צווישן די דאָזיקע? — מען דאַרף שטאַרק בעטן!

די שובעס האָבן גענומען זיפֿצן:

— טאַקע, טאַקע, ניסים דאַרף יעדער היינט האָבן! יאָ, מען דאַרף בעטן!

זיי זענען ביי זיך עפּעס אַראָפּגעפֿאַלן און נאָכגעלאָזט פֿון טאָן.

— יאָ, ווער קאָן רעדן וועגן שפּעטער? — יעדן טאָג דאַרף מען גאָטס הילף!

ווען זיי זענען אַרויס, בין איך אַרויף אויבן און אַרויסגעקוקט: די הויכע, גאָלדענע זאַנגען האָבן מיר אין די אויגן געשטאָכן ווי שפּיזן, ווי אומצאָליקע בלאַנקע שפּיזן!

27־טער יוני:

די שובעס האָבן געוואָרפֿן אַן אומחן אויף איטשען. פּונקט ווי זיי האָבן אים פֿריער ליב געהאַט, קוניאַקן, און אים כּסדר געהאָלפֿן — אַזוי פֿאַרטראָגן זיי אים איצט נישט. כאָטש ער אַרבעט פֿאַר זיי, נייט פֿאַר זיי הויזן, מאַכט איבער אַלטוואַרג. זיי זוכן זיך צו אים פּרעטענזיעס און ספּעציעל זי, די שובאָווע, טשעפּעט זיך צו אים.

— זעט נאָר — זאָגט זי — ווי ער האָט זיך אויסגעפּאַשעט, וואָס פֿאַראַ דיקע בעקלעך און ברייטן הינטן ער האָט באַקומען!

איטשע האָט זיך טאַקע צוגעזען. ער איז אין די פּאָר וואָכן געקומען צו זיך און ס'איז אים נישט צו דערקענען, אַן אַנדערער מענטש געוואָרן. אַזוי פֿלעגן אים די לייז אויספֿרעסן שטיקער לייב און אויסזויגן פֿון אים דאָס גאַנצע ביסל זאַפֿט. אויך דאָס לייפֿן איבער די דערפֿער, אין די וועלדער, האָט אים אויסגעדאַרט און אויסגעמאָגערט. ער איז פֿריער געווען בלייך און דין ווי אַ שטעקן. איצט, זינט ער איז פּטור געוואָרן פֿון די אומריינקייטן, ער זיצט אויף אַן אָרט און דאָס עסן איז דאָך אויך נאַרהאַפֿט — נעמט ער כּסדר צו צו דער וואָג. ער איז געוואָרן דיק און האָט באַקומען קאָלירן אויפֿן פּנים. זי קאָן דאָס נישט פֿאַרטראָגן און עס רעגט זי אויף. זי האָט אים ליב געהאַט און געהאָלפֿן אַזוי לאַנג, ווי ער איז געווען הפֿקר און אָפּגעלאָזן, געוועקט רחמנות און זיך גענויטיקט אין אַ פּיצל פֿאַרדאַרט ברויט. איצט, אַז „עס גייט אים גוט" — איז דאָס רחמנות פֿאַרשוווּנדן און זי איז אויף אים בייז פֿאַרוואָס „ער זעט אויס ווי אַ פּריץ".

זיצט ער, איטשע, אַ גאַנצן טאָג פאַרשטעקט אין באַהעלטעניש, פאַרוקט אין אַ ווינקל מיט אסתרלן. זיי האָבן זיך ביידע איינגעאָרדנט אַ „וואַרשטאַטל“, אונטער דער באַלויכטונג פון אַ ליכט. ער נייט פאַר די באַלעבאַטים און זי שטריקט פאַר זיי. מען באַניצט זיי פון קאָפּ ביז פיס. עס גייט אַ „פּראָצעסיע“ פאַר שובען, פאַר זיין ווייב, פאַר מאַניעקלען, פאַר דער טאָכטער, פאַר מאַטשעקן (מיר זענען צופרידן, אַז ער באַשטעלט ביי אונז אַרבעט) מיטן קינד און צו ביסלעך, פאַר דער איבעריקער משפחה — פאַר דער שובאָוועס שוועסטערן. כאָטש זיי ווייסן נישט פון אונז — נעמט ביי זיי די שובאָווע אַרבעט און זאָגט, אַז איר טאָכטער, מאַנקע, וועט עס שוין אויפנייען אָדער אויסשטריקן און — קיין אַרבעט פעלט נישט. מיר זענען נישט אַרבעטסלאָז...

⁂

שוין באַלד יוני אַדורך און אויף דער וועלט איז אַלץ שטיל. אויף מזרח קיין פּיפּס נישט. צי גרייט מען זיך דאָרט אַלץ אַזוי פיל? אויך אויף מערב איז שטיל געוואָרן. די ענגלענדער זענען אריין מיט אַ פוס קיין פראַנקרייך און שטייען. זעט אויס, אַז דעם היינטיקן זומער וועלן שוין קיין גרויסע ענדערונגען נישט פאָרקומען. וואָס וועט טאַקע זיין נאָכן שניט, נענטער צו האַרבסט צו? — די שובעס טראַכטן ערנסט שפּעטער אונז צו הייסן גיין. דערווייל ציען זיך די טעג אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנגוויילִיק. אין דרויסן טוט זיך אַ וועלט, ס'איז זומער, היים, צעוואַקסן. די וועלט איז אָפן, ס'גייט אַ לעבן און מיר פוילן נאָך אַלץ דאָ, אונטער דער ערד. אונזערע קערפּערס זענען שוין פאַרפוילט, אָנגעזאַפּט מיט פייכטקייט. מיר זענען חיות, נישט קיין מענטשן, אונטערערדישע חיות, זומפּיקע באַשעפענישן. חיות און נאַאיווע טרוימער דערצו. מיר טרוימען און האָפן נאָך אויף אַ טאָג, אויף אַ געוויסן טאָג, אויף אַ טאָג פון מעשה בראשית, ווען די וועלט וועט זיך אויפכאַפּן פון איר פינצטערן שלאָף און ווערן באַנייט. דערווייל שוועבן מיר אין אַ תוהו ובוהו, אין אַן אָפּגרונט, אין אַן אומענדלעכן שאול־תחתיה. מיר האָפן אויף ווידערגעבורט, אויף באַנייאונג -- המחדש בכל יום תמיד מעשה בראשית, — דערווייל פירט אָבער מיט דער וועלט אַ טייוול, אַ מעכטיקער טייוול, ער שפּילט זיך און לאַכט מעפיסטאָפעליש פון אונז, אַ מוראדיק געלעכטער. ער ווייזט אונז אַ צונג!

29־טער יוני:

ביי קאַוואַלטשיקן אויפן הויף איז איצט כסדר פריילעך. יעדן פאַרנאַכט קומען זיך צונויפמען שקצים פון די אַרומיקע דערפער און פאַרברענגען מיט זיינע טעכטער. די יונגערע איז אַ דאָרפישע שיינקייט און האָט אַ סך דערפּאַלץ. די שקצים ברענגען מיט זיך ראָווערן און יעדער רייסט זיך זי צו נעמען אויף אַ „פּאָר“. זיי פאָרן אַהין און צוריק, איבער אונזער סטעזשקע פאַרביי, מען זינגט, מען לאַכט, מען קוויטשעט און מען פאַרשווינדט צווישן די תבואות, די איבעריקע שלעפן דערווייל די אַנדערע טאָכטער, די נישט־נאָרמאַלע, אין ווינקלען און זוימען זיך צו

עטלעכע מינוט. פיל מאָל פאַרשטעקן זיי זיך הינטער אונזער סטאָדאָלע און מען הערט פון דאָרט שטומע התפעלות־ספּאַזמען און אויסרופן. כאָטש מיר ווייסן, אַז די יוגנט וועט צו אונז אין שייער נישט אַריינקומען, מוז מען זיך דאָך היטן און זיין אויף דער וואַך. מיר זענען אָנגעשטרענגט און האַלטן די אויערן און די אויגן אָנגעשפּיצט. די נישט־גאָרמאַלע טאָכטער, קאָוואַלטשיקס, ליבט זיך אויך מיט זייער הינטל, אַ קליינס און געפלעקטס — שוואַרץ־ווייס, זי לויפט מיט דעם אין פאַרבאָרגענע לעכער, צווישן די תבואות, אין וועלדל, הינטער דער סטאָדאָלע. די עלטערן זוכן זי שפּעטער אומעטום, אויך אין די שכנותדיקע הויפן און זי באַקומט דערפאַר געשלאָגן. יעדן טאָג הערט מען אירע יללות פון די קלעפּ. עס העלפט אָבער ווייניק. זי באַווייזט שטענדיק אויסצוזוכן אַ פרישן לאָך, אַ פרישן גרוב און זי פאַרשווינדט דאָרט אויפסניי מיטן כלב. ווידער זוכן די עלטערן און מיר מוזן אַכטונג געבן, אַז זיי זאָלן אַמאָל נישט אַריינטרעפן צו אונז און אונז באַגעגענען אויבן.

די לעצטע עטלעכע טעג זענען שוין אויך פאָרגעקומען אָוואַנטורעס צווישן דער קאָוואַלטשיקאָווע און דער שובאָווע וועגן די הינער און גענז, וועלכע אַנערקענען נישט קיין גרענעצן און לויפן אויפן אַנדערנס שכנס פעלד, שאַרן מיט די פיסלעך צווישן די זאַנגענעס און זוכן עפּעס אין דזשאָב אַריין. די ווייבער דערממיתן שיר די אָרעמע עופות נעבעך און מען שרייט איבער די פעלדער מיט קללות און חרמות, זלזולים, ביז אין טאַטנס טאַטן אַריין. מ׳וואַרפט זיך פאָר די חטאים נאָך פון עלטער־זיידן און עלטער־באָבן, אַז די ערד זאָל אים, דעם מכשף, און איר, די זונה, אַרויסוואַרפן זייערע טריפהנע ביינער.

איצט זענען פרישע מחלוקת צוליב אַ „פסולער ליבע”. קאָוואַלטשיקס גרויסער „קאַלקוצקער” האָן האָט זיך דווקא פאַרליבט אין שובעס הינער. פון באַלד אינדערפרי דרייט ער זיך מיט זיי אין דער סטאַדע, פירט זיי אויף אַלע מיסטן און דער עיקר — ער באַפרוכפערט זיי. קאָוואַלטשיקס אייגענע הינער בלייבן אָן אַ „מאַנספערשוין” און זענען עקרות. ביי דער שובאָווען דרייען זיך שוין עטלעכע קוואָקעס, אַרומגערינגלט מיט פּישטשענדיקע קורטשאַקלעך — „ממזרימלעך” פון קאָוואַלטשיקס „קאַלקוציקן” האָן.

פירט די קאָוואַלטשיקאָווע אַ קאַמף — אי קעגן דער שובאָווען און אירע הינער און אי קעגן אייגענעם האָן. גאַנצע טעג יאָגט זי זיך נאָך אים, אים אַהיימצוטרייבן צו זיינע אייגענע פאַרלאָזטע ווייבער, זי יאָגט אים מיט שטעקנעס און שטיינער. ער אַנטלויפט אין אימת מות, אָבער — ער קומט באַלד צוריק און באַהאַלט זיך אויף אונזער הויף. די קאָוואַלטשיקאָווע קומט ווידער צו לויפן און יאָגט זיך מיט אים אַרום שובעס כאַלופּע און אונזער סטאָדאָלע. ער לויפט ווי אַ טייוול און מיר האָבן מורא, ער זאָל, חלילה, דורך אַ לאָך נישט אַריינלויפן זיך באַהאַלטן ביי אונז, אינעווייניק אין שייער, וווהין די קאָוואַלטשיקאָווע וואָלט אים נאָך. די שובאָווע שפּרינגט דערווייל אַרויס און וויל פאַרטרייבן די שכנטע פון הויף. יענע מאַכט אויך אויף אַ מויל און ס׳איז „לעבעדיק און לוסטיק”.

ביי יעדער מחלוקת ציטערן מיר. עס דאַכט זיך, אַז אָט, אָט וועט יענע אַרויס מיט לשון וועגן אונז.

יאָ, ס׳איז זומער אין דרויסן. אומעטום מוז מען איצט האָבן אויגן און אויערן. פאַרנאַכט קומט ווידער די יוגנט שפּאַצירן אויף די סטעזשקעס. די נישט גאָרמאַלע טאָכטער קאָוואַלטשיקס זוכט ווייטער ערגעץ מיטן הינטל אַן אָרט. מען

לאַנג, מען שרייט, מען זינגט און פֿון הינטער די ווענט דערטראָגן זיך שטילע אַנטציקונגס־אויסרופֿן, התפּעלות־ספּאַזמען. מיר הערן ווי ביי דער יוגנט רוישט דאָס בלוט אין די אָדערן און אין אונז ווערט עס שיער פֿון שרעק פֿאַרגליווערט.

30־שער יוני :

אין דרויסן איז היינט געפּערלעך היים, אַזוי פֿאַרנע און דושנע. אַ גאַנצן טאָג פֿרייכן מיר. די היץ ציט אַרויס דאָס לעצטע ביסעלע כּוח. דערצו ציען זיך די טעג אַזוי האָפֿנונגסלאָז לאַנג, יעדע שעה ··· אַ יאָר. נישטאָ זיך ווו פֿאַר דער היץ צו באַהאַלטן. אין סטאָראָלע איז אַלץ אָנגעגליט. נישט מעגלעך דעם אָטעם אַרויפֿצוציען. אין גרוב שימלט דאָס שטרוי, די ברעטער און אונזערע זאַכן — פֿון דער כּסדרדיקער קאַלוזשע וואַסער, וואָס הערט נישט אויף אונטערצוקומען און רינען פֿון די ווענט. דער פֿוילער עיפּוש זעצט אין קאָפּ, עס דושעט אין האַלז און ס׳איז אוממעגלעך אינעווייניק צו זיין. אַ גאַנצן טאָג בעטן מיר אויף דעם פֿאַרנאַכט.

ע־שט אָוונט־צייט ווערט קיל. פֿרישע ווינטלעך קומען פֿון די פֿעלדער און צעגייען זיך. ס׳ווערט לייכטער. מען אָטעמט אָפּ. עס פֿאַרשווינדט אויך די שרעק און שפּאַנונג פֿון אַ גאַנצן טאָג. אַלע קריכן אַרויס פֿון לאָך און מען צעלייגט זיך אַרום די זוענט־שפּאַרעס. די קילע לופֿט וויקלט אונז אַרום צוזאַמען מיט די שאָטנס, גלעט און צערטלט איבער די בלייכע געזיכטער. מען בלייבט אַזש ליגן אין אָנמאַכט.

אויף די פֿעלדער אַרום איז איצט שטיל. די פּויערים ליגן אַלע מידע אין די כאַטעס. די סטעזשקע שלאָפֿט איין, אויסגעצויגן צווישן די תּבואה־פֿעלדער. קיינער באַטרעט זי נישט. אויפֿן הימל פֿאַרציט זיך אַ טרויעריקע טונקלקייט. וואָלקנדלעך, ווי לעצט־פֿאַרשפּעטיקטע מלאָכים איילן דאָרט, ווילן באַווייזן אַריין איידער מען פֿאַרמאַכט די הימל־טויערן. מען גרייט זיך דאָרט אויך צו נאַכט. אַלץ וועט באַלד איינשלאָפֿן — די מענטשן דאָ — מידע פֿון אַ גאַנצן טאָג גזילה, רויב, מאָרד — און אויך די שומרים אויבן, פֿאַרציען די העל־בלויע פֿענצטער און טויערן מיט טונקעלע טיכער. זיי פֿאַרשווונדן פֿון די וואַך־פּאָסטנס. מיר דערפֿילן זיך אַליין, פֿאַרלאָזט. די נאַכט וויקלט אונז איין. דער חלל איז ווי אָנגעפֿילט מיט מיליאָנען שוועבנדיקע נשמות. מיר שרעקן זיך און פֿילן זיך אויך רואיקער. אויף דער ערד ליערט, דאַכט זיך, איצט קיינער נישט אויף אונז, אָבער מיר זענען אויך אָן שוץ פֿון אויבן. אָ, אפשר וועט אַלץ מיט אונז צוזאַמען אַוועקשוועבן אין דער טונקלקייט, ווו אין דער גרויער הויכקייט!

פֿון דער־ווייטנס טיילן זיך אויס אין דער טונקלקייט געשטאַלטן. דאָס זענען די ביימער פֿון הינטער קאָוואַלטשיקס שייער. מיר זעען נישט אפֿער זייערע גופֿים, נאָר די באַוואַקסענע צווייגן־קעפּ. איינער, אַ גאָר גרויסער בוים, נעמט אָן אַ מענטשלעך געשטאַלט, עס טיילט זיך אויס אַ קאָפּ, אַ גרויסער קאָפּ מיט פֿעדערשוואַרצע האָר, סאַמעטענע באָרד און טיפֿע, אָנגעגליטע אויגן, — אַ נביאישע געשטאַלט. יעדן אָוונט זע איך די קאָלאָסאַלע הערצל־געשטאַלט, וועלכע קוקט אין דער טונקלקייט, דאַכט זיך, אין אונזער זייט. זי נעמט אָן די פֿאָרם, ווי אַמאָל פֿון דער דונאַי־בריק, אין חזיון אויף די בלויע וואַסערן. איך עס זיך איין מיט מיינע אויגן אין דער געשטאַלט. דער קאָפּ גרייכט פֿון איבער דער ערד און וועבט זיך איין אין די הימלען. אַ ווינט בלאָזט — דער קאָפּ צעשאָקלט זיך, גלייך צו אונז בליצן די אויגן. איך

פאַרנעם אַ גרוס פון דער ווייטקייט, פון פאַרשניטענע, פאַרגאַנגענע און צוקונפטיקע דורות יידן, וועלכע קוקן צו אונז מיט אַ „חזק ואמץ".

דער קאָפּ, די האָר, די באָרד, צעבלאָזן זיך אין ווינט און דערגרייכן צו אונז מיט אַ גרוס פון צוקונפטיקער פרייהייט!

די גאַנצע צייט, וואָס מיר זענען דאָ ביי שובען זאָרגן מיר זיך צוליב דעם פאַרלוירענעם קאָנטאַקט מיט דער יידישער פאַמיליע אין די דאָברער וועלדער. די פאַרבינדונג צווישן איטשען מיט זיי איז איבערגעריסן געוואָרן נאָך בעת אונזער זיין ביי יאַנעקן אין שטאַל, באַלד אין די ערשטע טעג פון זיין קומען צו אונז. איטשע אַליין האָט אויך קיינמאָל נישט גענוי געוווסט ווו זיי געפינען זיך. ער פלעגט זיך נאָר מיט זיי טרעפן אויף אַן אָפּגעשמועסט אָרט אין וואַלד. ביי יעדער באַגעגעניש אין מיטן דער נאַכט אין די וואַלד־טיפענישן, פלעגן זיי זיך באַלד אָפּרעדן ווו און ווען זיך צו טרעפן דאָס צווייטע מאָל. דאָס לעצטע מאָל האָבן זיי זיך געהאַט באַשטעלט אויף אַ צוזאַמענטרעף אויף איינער פון די ערשטע נעכט, ווען איטשע איז שוין געווען מיט אונז. ער האָט דעמאָלט געוואָלט גיין צו זיי, נאָר מיר האָבן אים נישט געלאָזט. מיר האָבן מורא געהאַט אים צו לאָזן אין אַזאַ ווייטן וועג (ס'איז געווען עטלעכע קילאָמעטער פון אונז). ער איז טאַקע נישט געגאַנגען און פון דעמאָלט אָן, האָט ער פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט זיי. היינט, וואָלטן מיר זייער געוואָלט מיט זיי זיין פאַרבונדן. איטשע זוכט פּלענער, ווי אַזוי ער וואָלט זיי געקאָנט אויסזוכן. ער גלויבט אָבער נישט, אַז עס וועט אים נאָך געלונגען זיי צו טרעפן. יענער, דער ראש פון דער פאַמיליע — מאָטל, איז אַ בעל־סוד. ער האָט קיינמאָל פאַר איטשען נישט פאַרטרויט זייער באַהעלטעניש. איטשע ווייסט אפילו נישט, צי זיי זענען, ווי מיר, פאַרשטעקט ערגעץ ביי פויערים, אָדער לעבן זיי ווו אין אַ וואַלד־בונקער, ווי ער אַליין ביז לעצטנס. מאָטל האָט זיך געהיטן צו אַנטדעקן פאַר אים זיין נעסט. אויך איטשע האָט פאַר אים קיינמאָל נישט אויסגעזאָגט ווו זיין בונקער געפינט זיך. ס'איז נאָר אַמאָל געווען אַ קליינע צייט, ווען זיי האָבן צוזאַמען געלעבט אין וואַלד, מיט נאָך עטלעכע יידן. דאָס איז געווען אַ שטיק צייט פריער, איידער מען האָט געכאַפּט די מאָשקאָווע. זיי האָבן דעמאָלט געלעבט אין די טיפענישן פון די דאָברער וועלדער, ביי אַ צען יידן. זיי האָבן אויף די פעלדער געגנבעט קאַרטאָפל און אין מיטן דער נאַכט אויפגעקאָכט אין וואַלד אַ קובל קאַרטאָפּלעס מיט וואַסער. זיי האָבן געמאַכט אַ פייער פון צווייגלעך, אַרומגעשטעלט מיט ציגל און אויבן אַרויפגעשטעלט דעם קובל. מען האָט אויך געבראָטן קאַרטאָפל, צו האָבן וואָס צו עסן אַ גאַנצן טאָג. בייטאָג האָט מען קיין פייער נישט געטאָרט מאַכן, ווייל דעם רויך וואָלט מען געקאָנט זען פון דער ווייטנס. דעמאָלט האָט זיך ביי זיי אויך געפונען אַ ווייבל פון מינסק מיט אירס אַ קינד. דעם מאַן אירן — שמואל אלי' פערעלמאַן -- האָט מען פריער געהאַט געהרגעט. זי האָט זיך געראַטעוועט צו זיי מיטן קינד. שפּעטער, האָט דאָס קינד געגעסן ווילדע וואַלד־שוואָמען און זיך פאַרסמט. עס איז געשטאָרבן. זיי האָבן עס צווישן די ביימער קובר געווען. אַ קורצע צייט האָט די גרופּע יידן געלעבט צוזאַמען. ביז איינמאָל, בעת אַן אָבלאַווע זענען זיי זיך צעלאָפן. אָפּגעפונען דערנאָך האָבן זיך בלויז

איטשע מיט דער מאָשקאָווע און מאָטל מיט זיין פאַמיליע. פון די אַנדערע האָבן זיי מער נישט געהערט. מאָטל איז דאַן מיט זיין פרוי און שוואָגער ערגעץ אַוועק און געבליבן זענען נאָר ער, איטשע, מיט דער מאָשקאָווע, וועלכע מען האָט אויך בעת דער שפעטערדיקער אָבלאַווע דערשאָסן. איטשע האָט געטוישט דעם בונקער און פון דעמאָלט אָן מיט מאָטלען זיך נאָר געטראָפן אין די נעכט. זיי האָבן זיך ביידע מער נישט אַנטפלעקט זייערע מלינות. איטשע דערציילט מיר, אַז צווישן דער גרופע יידן האָט זיך אויך געהאַט געפונען אַ פרומער בחור — אַ שניידער פון דאָברע — מיט זיין כלה, אַ מיידל מיט רויטע האָר. דער בחור האָט יעדן טאָג געלייגט תפילין און געדאַווענט צווישן די ביימער. ער פלעגט שטענדיק ליגן פאַרשטעקט און בעטן.

ער אַליין, איטשע, דאַוונט אויך יעדן טאָג. ער פאַרוקט זיך אין אַ ווינקל און לאָזט אַראָפ די אויגן אין סידור. דורך דער שמאָלער עפענונג פאַלט אַריין אין גרוב אַ פאַס ליכט און ער בעט שטיל, ער באַוועגט לייכט מיט די ליפן, זאָגט וואָרט ביי וואָרט און דאַוונט אינערלעך — טיף. מיר האָבן נאָך ביי דער פעלקאָווע אויפן בוידעם געהאַט געמאַכט אַ סידור. איך און פרוימאַן האָבן דיקטירט די תפילות און אפרים האָט זיי מיט דער האַנט אויסגעדרוקט אין אַ העפט. איך און פרוימאַן דאַווענען פון אויסנווייניק, בעל־פה. אפרים מיט איטשען — פון סידור, איינער נאָכן אַנדערן. אפרים רעדט אַרויס שאַרף יעדעס וואָרט, ווי ער האָט געלערנט אין דער תרבות־שולע — הברה ספרדית. ער גלאָצט מיט די אויגן אונטער דער האַנט, וואָס ער פאַרלייגט איבער זיי ווי אַ דעכל. אויך די פרויען זאָגן יעדן טאָג קריאת־שמע און מודה אני.

מודים אנחנו, מיר דאַנקען און לויבן גאָט פאַר יעדן טאָג, פאַר יעדער שעה און פאַר יעדער רגע. מיר שטרעבן צו דערהויבנקייט, זיך צו באַהעפטן צו אַ העכערער קראַפט, איינוועבן זיך אין רוחניותדיקייט. שבת פילן מיר זיך יום־טובדיק, נשמה־יתירה׳דיק. עס זינגט עפעס טיף אין אונז. מיר האָבן אים ליב, דעם שבתדיקן טאָג. מען שעפט פון אים קראַפט, אויסדויער־כוח אויף אַ גאַנצער וואָך. פאַרנאַכט אין דעמערונג זינגט מען אין דער שטיל זמירות „בני היכלא", „צבי לחדא בהא ועדא" — גאָט איז מיט אונז ביי אונזער טיש — „עמו אנוכי בצרה" — „שכינתא בגלותא" — מיר פילן זיך עפעס היימישער, נישט אַזוי עלנט, מיט אַ גרויסן אורח, וואָס וואָגלט איצט אָן זיין פאָלק, מיט אַ גאַסט, וואָס טיילט אונזער צער. מיר טוליען זיך אין דער פינצטער צום גאַסט און צום שבת, אַ שאָד זיך צו שיידן. מיר בלייבן דאָך אַליין אין אַזאַ גרויסער, גרויער און שרעקנדיקער וואָך. פון זונטיק אָן ציילן מיר אין הערץ די טעג נענטער צום פרייטיק־צונאַכטס. דעמאָלט, פרייטיק פאַרנאַכט, אין בין־השמשות, דאַכט זיך, אַז אין דער טונקל שפרייטן זיך אויף אַלע פעלדער פלושענע, סאַמעטענע טעפיכער לכבוד שבת. די ליכט אין די ווייטע פענצטערלעך זעען אונז אויס ווי שבת־ליכטלעך — געצונדן אין חלל פון דער וועלט. און זיי, אונזערע הייליקע מאַמעס, די צינדערינס, שוועבן מיט ווייסע פאַרטוכער אין דעם בלויען חלל, פאַרשטעלן זיך מיט די הענט די פנימער — לייגן זיי אויף אונזערע קעפ און בענטשן אונז צוזאַמען מיט די מלאכים. פון הימל לייכטן מילד די שטערן — בליצן פון שבת־ליכט. באַלד בלענדן זיי זיך שוין אויס. אין דער לופט שוועבט אַ פרייטיק־צונאַכטס־ניגון וואָס קומט פון ערגעץ, פון הינטער די וועלדער. עס גלוסט זיך נישט צו שלאָפן. מיר וואָלטן אַזוי געזעסן ביי די שפאַרעס און אין זיך איינגעזאַפט דעם ניגון ביז אינדערפרי.

שבועות „ווען די הימלען שפּאַלטן זיך" — זענען מיר געזעסן כמעט אַ גאַנצע נאַכט הינטער די סטאָדאָלע־טירן און פאַרנומען טענער.

לויטן סדר א—ת, ב—ש, ג—ר, ד—ק האָבן מיר אויסגערעכנט די צייט און געמאַכט אַ יידישן קאַלענדאַר, צו וויסן ווען עס זענען אונזערע ימים־טובים. מיר דער־וואַרטן זיי ווי עפּעס אַ התחלתא דגאולה. ווי אַ קליינע, באַטש גייסטיקע דערלייזונג. אונזערע נשמות עפענען זיך, די הערצער פלאַטערן. אָ, ווי מיר וואָלטן זיך אויפגעריסן, אָפּגעריסן פון דאַנען, אָפּגעריסן אין חלל און אוועקגעשוועבט! — — שטייט אויף, — „קומי, צאי לך מתוך ההפכה, רב לך שבת בעמק הבכא" — שטייט אויף, „מעפר קומי, לבשי בגדי תפארתיך עמי — קרבה אל נפשי גאלה". „קומי, קומי, אורי, עורי, עורי. כבוד ה' עליך נגלה". — קומט, שטייט אויף, קום דו אויך, פּאָטער גרויסער, אַנטפּלעק זיך און לייז אונז אויס!

30־טער יוני, פאַרנאַכט:

דער קליינער מאַניעקל פּייניקט אונז מיט זיינע שפּילערייען. היינט נאָכמיטאָג בין איך געווען זיכער, אַז ער האָט אונז שוין, חלילה, פאַרראַטן. כ'האָב געזען דורך אַ שפּאַרע, ווי ער שפּילט זיך מיט עטלעכע פּאַסטוכלעך אויפן פּאַשע־פעלד אַנטקעגן אונזער סטאָדאָלע און מיטאַמאָל דערהערט, אַז זיי שרייען „זשידי, זשידי— יידן!"

דאָס האַרץ איז מיר שיר אָפּגעשטאַנען. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָב איך זיי אָבסערווירט און זיך איינגעהערט. זיי האָבן זיך געשפּילט אין כאַפּן יידן. עטלעכע זענען געווען „יידן", עטלעכע — „פּויערים", וואָס האָבן זיי געכאַפּט און די איבעריקע — „דייטשן", וועלכע זענען אָנגעקומען אויפן רוף פון די „פּויערים" און איבער־גענומען פון זיי די „יידן". עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ „שלעדזטווא". די „דייטשן" האָבן אויסגעפּאָרשט די געכאַפּטע „יידן", זיי געשלאָגן און די קליינע „פּויערימלעך" האָבן דערביי געשריגן:

— פּאַדשיווע זשידי, פּאַרשיווע זשידי, פּאַרכי, דערשיסן זיי!

מאַניעקל איז געווען אַ „דייטש". ער האָט אַרויסגעצויגן אַ לאַנגן שטעקן — אַזאַ ביקס און געשריגן:

— פּיף, פּיף! — ער האָט „געשאָסן" און די „יידן" זענען „טויטע" געפאַלן.

נו, כ'האָב זיך צוגעקוקט צו דער שפּיל, און שיר אַראָפּגעפאַלן פון דער לייטער. אין קאָפּ האָט זיך מיר פאַרמישט.

שובע איז אָנגעקומען, אָנגעכאַפּט מאַניעקלען פאַר אַ האַנט און אים אַריינגעשלעפּט אין שטוב. ער האָט נאָך אויפן גאַנצן וועג געשריגן:

— פּיף, פּיף! זשידי, זשידי!

שובע האָט אים געשלאָגן אָן רחמנות. ער האָט גענומען די שקצימלעך אויף אַ פאַרהער און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי ווייסן פון גאָרנישט. ער האָט זיי גאָרנישט דערציילט, מאַניעקל, ס'איז נאָר געווען אַזאַ שפּיל. אין אַלע דערפער שפּילן זיך איצט די קינדער אין כאַפּן און שיסן יידן — האָבן זיי זיך אויך אַזוי געשפּילט.

מיר האָבן זיך באַרואיקט. ווער ווייסט אָבער צי פון דער דאָזיקער שפּיל קאָן אַמאָל נישט חלילה אַרויסקומען עפּעס שרעקלעכס!

מאַניעקל קוועלט איצט, ער לאַכט פון אונז, ווי מיר האָבן מורא. ער שווערט זיך, אַז ער וועט נישט אויסזאָגן. מיר זאָגן אים צו, צו מאַכן אַ שיין גאַרניטורל צו דער „קאָמוניע”. מיר וועלן אים אויספּוצן ווי אַ שטאָטיש ייִנגל, פון קאָפּ ביז די פּיס ניי, ער זאָל קאָנען גיין אין קאָשטשאָל אַריין שיין אויסגעסטראָיעט. ער פרייט זיך און פּאַרזיכערט נאָכאַמאָל, אַז ער וועט קיינעם פון גאָרנישט זאָגן, אויך נישט יוזעפן — קאָוואַלטשיקס פּאַסטוכל, זיין בעסטן חבר — אים אויך נישט.

פאַר קאָוואַלטשיקס פּאַסטוכל — פאַר יוזעפן — האָבן מיר אַממיינסטן מורא. ער איז גרעסער און עלטער פון מאַניעקלען. שטענדיק פאַרנאַרט ער אים אין אַ זייט, שפּילט זיך מיט אים און פרעגט אים אַ סך אויס וועגן זייער שטוב, וועגן דעם טאַטן, דער מאַמען און וועגן אַלץ, וואָס ביי זיי פּאַסירט. ער האָט אויך אָנגעהויבן אָפט צו קומען אויף אונזער הויף און קריכט מיט מאַניעקלען אויף די ביימער. זיי סודען זיך און לאַכן.

מאַניעקל שווערט זיך, אַז יוזעף ווייסט פון גאָרנישט און ער וועט נישט וויסן. ער וועט אים דאָס קיינמאָל נישט אויסזאָגן, נאָר דערפאַר מוזן מיר אים קויפן דעם שענסטן ראָווער מיט צוויי קלינגערס און אַ טאָפּלט געזעסל.

1טער יולי:

ווידער, דאַנקען גאָט, אַ פרישער חודש. יעדן „ערשטן” הייבן מיר אָן צו ציילן די טעג. זיי ציען זיך אַזוי לאַנג. ביז מען קומט איבער אַ חודש, ווערט דאָס בלוט הונדערטער מאָל געזעצט. ווידער דער „ערשטער”! אפשר וועט דער איצטיקער חודש שוין ברענגען עפּעס דעצעדירנדיקס! איז דען מעגלעך, אַז אויף מזרח זאָל הייר־יאָר אַדורך דער זומער שטיל?

שובע איז היינט פאַרצווייפלט איבער אונזער גורל. ער זאָגט אונז פּאָר נישט קיין נוטס. ער האַלט, אַז עס איז אַ פאַרפאַלענע זאַך:

— קיינער וועט אייך נישט העלפן, אויך די רוסקע נישט! זיי האָבן אייך אויך נישט ליב!

ער דערציילט, אַז דאָ, אין די וועגנגראָווער וועלדער, לעבן אין אַ בונקער צוויי סאָוויעטישע סאָלדאַטן, אַנטלאָפענע פון דייטשער געפאַנגענשאַפט. צוויי רוסישע יונגעלייט. זיי האָבן נישט געוואָלט בלייבן ביים דייטש אין געפאַנגענשאַפט און אוודאי נישט גיין קעמפן צווישן די רוסישע פאַרעטער, די „וולאַסאָווצעס”, קעגן זייער אייגן פאָטערלאַנד — זענען זיי אַנטלאָפן פון געפאַנגענען־לאַגער דאָ נישט ווייט, און זיך איינגעאָרדנט אין די וועגנגראָווער וועלדער. זיי לעבן זיך גוט, די פויערים טראָגן זיי אַהין ברויט מיט מילך און געקעכץ. זיי פאַרנעמען זיך אויך מיט אויסאַרבעטן פון צווייגן פויערישע געפלאָכטענע קוישלעך, וועלכע זיי פאַרקויפן שפּעטער אין די אַרומיקע דערפער.

זיי, אָט די צוויי רוסן, האָבן שוין געהרגעט עטלעכע יידן, וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט דורך זייער וואַלד. „זיי פאַרטראָגן נישט קיין זשידעס” — זאָגן זיי. געווען אפילו אַמאָל אַ פאַל, אַז אַ יידישער בחור מיט אַ מיידל, וועלכע זענען געווען פאַרשטעקט אין די מקומות — האָבן זיך דערוווסט, אַז רוסן לעבן אין וואַלד און זענען אַרויס פון זייער באַהעלטעניש, זיך אָנצושליסן אין זיי. נו, — די צוויי רוסן האָבן זיי תיכף באַרויבט, אַראָפּגעצויגן פון זיי די מלבושים און דערמאָרדעט. זיי זאָגן אונז, אַז אויך דאָס רוסישע פאָלק האָט פיינט די זשידעס, וועלכע ברענגען שלעכטס אויף רוסלאַנד. אויך די מלחמה האָבן יידן געמאַכט.

שובע האַלט דעריבער, אַז אונזער גורל איז אַ ביטערער, אונזערע אויסזיכטן זיך צו ראַטעווען און בלייבן לעבן — זענען גאָרנישט ווערט.

— אַלע איינס צי די דייטשן וועלן בלייבן, צי די רוסן וועלן קומען!

איך ווייס אים נישט וואָס צו ענטפערן, שובע, כ׳האָב אים נאָר אויפגעוויזן, אַז די סאָוויעטישע מאַכט באַשטראָפט פאַר פאַרפאָלגן יידן. אויך די צוויי רוסן וועלן שפּעטער באַשטראָפט ווערן און אַז אין דער רויטער אַרמיי קעמפן הונדערטער טויזנטער יידן, וועלכע פאַרגיסן זייער בלוט און איילן אונז צו באַפרייען.

⁂

ניין, מיר וועלן נישט איבערלעבן — זאָגט פאָר שובע. ער ווייסט דאָס אויף זיכער —

— אַז איך זאָג — איז שטענדיק אַזוי!

דעם זעלביקן שמועס — דערציילט ער אונז — האָט ער אַמאָל, מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק, געהאַט מיט אַנדערע יידן. ער האָט זיי דעמאָלט אויך געזאָגט, אַז זיי וועלן נישט איבערלעבן. נו, האָט ער נישט געטראָפן? — זיי לעבן שוין געוויס לאַנג נישט.

דאָס איז געווען ווינטער, אָנהויב 1943. איינמאָל, אין מיטן דער נאַכט האָט מען אָנגעקלאַפּט ביי אים אין פענצטער. ער האָט געעפנט און עס זענען אַריינגעקומען דריי יידן — צוויי ברידער מיט אַ שוועסטער. זיי האָבן אַדורכגעוואַנדערט אין דער נאַכט דורך דער סטעזשקע און האָבן געבעטן זיי צו לאָזן איבערנעכטיקן. ס'איז געווען זייער קאַלט און זיי זענען שיר אין דרויסן געפרוירן געוואָרן. שובע האָט זיי דאַן אויסגעבעט אויף עטלעכע שעה מיט שטרוי אין דער וואַרעמער שטוב און געלאָזט ביז פאַרטאָג זיך דערוואַרעמען און אײַנערשלאָפן.

— ס'איז געווען אַ שטאַרק רחמנות אויף זיי. זיי האָבן עלנט און אָן אַ ציל געוואַנדערט, זיך געוואָלט ראַטעווען פאַרן דייטש. די פויערים האָבן זיי פון אומעטום פאַרטריבן און געדראָט. זיי זענען געווען אין אַ שרעקלעכן הולך — אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, אויסגעבלייכט און אויסגעפרוירן, כמעט שוין נישט געווען צו דערקענען קיין מענטשן. זיי האָבן זיך שטאַרק געשראָקן און נישט געוווּסט וואָס צו טון. זיי זענען געווען אויסגעהונגערט און כסדר געציטערט פון קעלט. כ'האָב זיי געגעבן וואַרעמס צו טרינקען, עפּעס צו עסן און זיי געהייסן גיין נאָך איידער אין דרויסן נעמט טאָגן. דער „סוואָלאָטש", קאָוואַלטשיק, זאָל זיי נישט זען אַרויסגיין פון מיין שטוב און:

— שוין אויף דער שוועל האָב איך זיי געזאָגט, אַז עס איז אַ שאָד דאָס מאַטערן זיך, זיי וועלן נישט איבערלעבן. די דייטשן און אונזעריקע וועלן נישט לאָזן! נו, לעבן זיי נאָך? — געוויס נישט! זיי זענען פאַרפאַלן געוואָרן ווי אַ האַרבסטבלעטל אין ווינט און אין שניי. ערגעץ זיכער אונטערוועגס פאַרפרוירן געוואָרן אָדער געהרגעט הינטער אַ פּלויט. איך האָב עס באַלד פאַרשטאַנען. געזען אַז קיין זשידקעס איז נישט באַשערט זיך צו ראַטעווען. דאָס פאָלק וועט נישט לאָזן און דער פּאַן בוג וויל זיי נישט העלפן און מיט אייך איז אויך נישט גוט. מען וועט אייך צום סוף „זנישטשען".

כ'האָב אים גאָרנישט דערויף געענטפערט, שובען, נאָר געזאָגט, אַז מיר פאַרלאָזן זיך אויפן פּאַן בוג. אים פאַרטרויען מיר אונזער גורל און פאַרפאַלן, וואָס ער וועט מאַכן — זאָל ער מאַכן. כ'ווייס נאָר, אַז מיר זענען אומשולדיק און אַז דאָס בלוט פון הבל וועט שטענדיק פאַלן אויף קינס קאָפּ.

שובע האָט געזיפצט.

— אַ שאָד, אַ שאָד, איר זענט דאָך פיינע מענטשן, ערלעכע, איר לעבט פון אייגנס, פון די עלטערנס פראַצע.

אַ גאַנצן טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען טרויעריק. ערשט פאַרנאַכט האָט אים די שטימונג פאַרלאָזט. מיר האָבן זיך דערמאָנט, אַז עס איז אָנהייב חודש. מעגלעך, אַז אין דרויסן וועט זיך מאַכן „הייס", די לאַגע אויף די פראָנטן און אין לאַנד וועט

ווערן געשפּאַנט, גלייכער צו האָבן ביי זיך אַביסל סחורה. שובע האָט איינגעשפּאַנט דאָס פורל און אַוועקגעפאָרן צו קאָנטראַקטאָוויטשן — נאָכן לעצטן ביסל זאַכן.

3־טער יולי :

נעכטן פאַרנאַכט האָבן מיר איבערגעלעבט אַביסל שרעק און איצט האָבן מיר די נאָכווייעניש.

ס'איז געווען אַרום זיבן, אין דרויסן האָט שוין גענומען צופאַלן די נאַכט, האָב איך פּלוצים דורכן לעכל באַמערקט, ווי עפּעס אַ פאַרדעכטיקטער שאָטן טיילט זיך אויס פון דער טונקלקייט און דערנענטערט זיך אויף דער סטעזשקע צו אונז צו. באַלד האָב איך געזען, ווי די שובאָווע, באַמערקנדיק יענעם, לויפט גיך, אין איין שרעק, צו דער כאַלופּע, כאַפּט מאַניעקלען פאַר אַ האַנט און אַנטלויפט מיט אים שנעל אין דער אַנדערער זייט אויף די פעלדער. אין שטוב איז קיינער נישט געבליבן — שובע איז גראָד געהאַט אוועק אין אַ שכנותדיקן דאָרף. כ'האָב באַטראַכט דעם אָנקומענדיקן און ווען ער איז שוין געווען גאָר נאָענט, האָב איך בלויז באַוויזן צו דערזען, אַז ער איז אין אַ גרינעם אוניפאָרם! שנעל בין איך אַראָפּגעשפּרונגען אין לאָך, זיך פעסט פאַרמאַכט און מיר זענען געבליבן זיצן אָן אָטעם. ביי אַ צוויי שעה צייט זענען מיר געווען פאַרמאַכט און נישט געוווּסט, וואָס אויבן אין דרויסן האָט פּאַסירט. מען האָט גאָרנישט געהערט און ס'האָט זיך גערעכט, אַז אויפן הויף איז שטיל, רואיק. צו עפּענען האָבן מיר אָבער מורא געהאַט. ערשט שפּעטער איז שובע געקומען פון דאָרף און נישט טרעפנדיק קיינעם אין שטוב — איז ער אַריין אין סטאָדאָלע, געזען אַז ביי אונז איז פאַרמאַכט דאָס לאָך, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ס'האָט עפּעס פּאַסירט. ער האָט אָנגעקלאַפּט, געהייסן עפענען און געפרעגט, וואָס עס איז. מיר האָבן אים דערציילט וועגן דייטש, וואָס איז געווען אויף דער סטעזשקע. שובע איז אַרויס, באַלד צוריק אַריינגעקומען און אונז באַרואיקט, אַז עס איז גאָרנישט, מען זעט קיינעם נישט, ס'איז אַרום און אַרום שטיל. דער דייטש האָט בלויז געמוזט פאַרבייגיין אויפן וועגל. ער האָט זיך אָבער געזאָרגט, שובע, נישט ווייסנדיק, ווו דאָס ווייב מיטן קליינעם זענען אַהינגעקומען. איך בין אַרויס פון גרוב, זיך געזעצט מיט אים ביי דער טיר פון דער סטאָדאָלע, דורך דעם שפּאַלט האָבן מיר אַרויסגעקוקט און אַכטונג געגעבן. אויפן הויף איז געווען פינצטער. מען האָט גאָרנישט געקאָנט זען, נאָר בלויז הערן טריט, אויב ס'וועט זיך ווער דערנענטערן. אויך מאָרווא האָט מיט דער נאָז אויסגעשנאַפּט צי ס'קומט קירנער נישט אָן.

מיטאַמאָל, איז די שובאָווע מיט מאַניעקלען געקומען צולויפן, צוזאַמען מיט איר'ס אַ שוועסטער פון זשימנא וואָדאַ (די שוואַלאָווע). זיי זענען אַריין אין שטוב. שובע איז זיי נאָך. שפּעטער, ווען די שוועסטער איז אַוועק, איז די שובאָווע צו אונז אַריינגעקומען נאָך טויט־איבערגעשראָקן. זי האָט דערציילט, אַז מורא האָבנדיק פאַרן דייטש, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען, זייענדיק זיכער, אַז זשאַנדאַרמעריע קומט צו אונז, איז זי דעריבער מיט מאַניעקלען אַנטלאָפן צו איר שוועסטער.

מיר פרעגן, צי זי האָט זיך חלילה דאָרט נישט אַרויסגעכאַפּט, פאַרוואָס זי האָט

מורא און פאַרוואָס זי אַנטלויפט. די שובאָווע זאָגט, אַז ניין, זי האָט נישט געזאָגט.

— נאָך וואָס איז איצט די שוועסטער מיטגעקומען?

די שובאָווע דרייט מיט דער צונג און ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן. זי איז אַ צעהושטשע אַרויס. קיינער פון זיי איז שוין מער ביינאַכט צו אונז נישט אַריינגעקומען און מיר האָבן געפילט, אַז עס איז נישט פשוט, אַז עס האָט עפּעס געמוזט געשען, נאָר זיי פאַרבאָרגן עס פאַר אונז. אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר געווען באַאומרואיקט און קיין אויג נישט געקאָנט צוטון.

היינט אינדערפרי, ווען מאַניעקל איז אַריינגעקומען צו אסת־ילען מאַכן אַ לעקציע, האָבן מיר אים גענומען אויף אַ פאַרהער און דער קליינער האָט דערציילט, ווי די מאַטקע איז מיט איר אַריינגעפאַלן צו דער מומע, ווי איבערגעשראָקן זי איז געזען און אַז זי האָט דאָרט, פאַר דער שוועסטער, דערציילט וועגן אונז אין, אַז אַ דייטש איז אָנגעקומען, דעריבער איז זי אַנטלאָפן. אויך דער „וואַיעק" שוואַל איז געווען און געהערט.

מיר האָבן מער נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט אונז. מען האָט דעם קליינעם שנעל אַריינגעשיקט אין שטוב און געהייסן צו אונז אַריינרופן דעם פאָטער. שובע איז אַריינגעקומען צעטומלט און פאַר אונז מודה געווען, אַז דאָס ווייב האָט נעכטן אויסגעזאָגט פאַר דער שוועסטער און שוואָגער, אַז מיר געפינען זיך דאָ. זי איז געווען אַזוי שטאַרק איבערגעשראָקן, אַז זי האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן.

כ'האָב פון צרות אַזש פאַרבראָכן די הענט. כ'ווייס דאָך ווי זיי פלעגן זיך די גאַנצע צייט אויסהיטן פאַר די שוואַלס. דער שוואָגער שניידט צוויי מאָל אין דערוואָך ביי אונז אין סטאָדאָלע שטרוי אין דער „שעצקאַרניע" און מיר האָבן כסדר, בעת זיין אַרבעט, זיך טיף פאַרשטעקט. שובע האָט שטענדיק אויבן פאַרוואָרפן דאָס לאָך מיט ביגטן שטרוי, בכדי שוואַל זאָל נישט עפּעס באַמערקן.

שובע שטייט מיט אַ דערשראָקענעם, אומבאַהאָלפענעם אויסדרוק אויפן פּנים און הייבט צעמישט מיט דער פּלייצע. די שובאָווע איז אַריינגעקומען אַ פאַרשעמטע און זיך גענומען פאַרענטפערן, זי איז נישט שולדיק, זי האָט זיך פון שרעק אַרויסגעכאַפּט אין ס'איז שוין געווען פאַרפאַלן. צוריקציען האָט זי נישט געקאָנט. מיר זאָלן זיך אָבער נישט שרעקן. זיי וועלן קיינעם נישט דערציילן. זיי, די שוועסטער און שוואָגערס לעבן גוט צווישן זיך, זענען זיך נישט קיין שונאים און די שוואַלס וועלן גישט אויסזאָגן, זיי וועלן נישט וועלן פאַרשיטן און אומברענגען די אייגענע, די נאָענטסטע מענטשן.

שובע הייבט אַלץ מיט די אַקסלען. ער ווייסט נישט צי דער שוואָגער מיטן ווייב וועלן טאַקע האַלטן סוד. דער מאַן — אפשר יאָ, נאָר זי, די באַבע? זי וועט עס נאָך דערציילן דער דריטער שוועסטער און די אַנדערע שוואָגערס און שוועגערינס. ס'קאָן נאָך זיין פּאַסקודנע!

מיר האָבן זיך אַלע צוזאַמען מיישב געווען און באַשלאָסן, אַז עס איז גלייכער צו שיקן נאָך די שוואַלס, זיך באַקענען מיט זיי און אַליין זיך דורכרעדן, בעטן, אַז זיי זאָלן אונז נישט פאַראַטן.

שובע און די שובאָווע זענען אַוועק צו זיי קיין זשימנאַ וואָדאַ, זיך דאָרט געזוימט עטלעכע שעה און מיר האָבן געוואַרט מיט קלאַפּנדיקע הערצער, נישט וויסנדיק, וואָס איבערצוקלערן. ערשט מיט אַ שעה צוריק זענען זיי אַהיימגעקומען

און אונז דערציילט, אַז די שוואַלס ווילן איצט נישט קומען צו אונז, עס גלוסט זיך זיי נישט, זיי הייסן אונז אָבער באַרואיקן, אַז מיר זאָלן זיך נישט שרעקן. זיי וועלן עס האַלטן בסוד און ס׳וועט זיך קיינער נישט דערוויסן, אויך זייער איינציק טעבטעל וועלן זיי עס נישט אויסזאָגן. מיר קאָנען גאַנץ זיכער און רואיק זיין. קומען צו אונז וועלן זיי אפשר אַן אַנדערש מאָל, ביי אַ געלעגנהייט.

עס ווערט אַרום אונז אומהיימלעך, מיר קלאַמערן זיך אַזש פון שרעק איינער אין אַנדערן. די פויערים דאָ קאָנען קיין סוד נישט האַלטן. די לופט אַרום אונז ווערט ענג, אָנגעצויגן. מיר זאָלן נאָר באַווייזן דערפון אַרויס גאַנצערהייט!

6־טער יולי :

ענדלעך האָט דער רוסישער פּראָנט געריִרט !

די רויטע אַרמיי האָט אָנגעהויבן אַ געוואַלדיקע אָפענסיווע אויפן ווייס־רוסישן אָפּשניט. באַלד אין די ערשטע טעג, דעם דריטן יולי, איז מינסק — די הויפּטשטאָט פון ווייסרוסלאַנד — באַפרייט געוואָרן. זיי זענען שוין אַריבער די פּוילישע גרענעץ און דערנענטערן זיך צו באַראַנאָוויטש. דער פּראָנט ביי קאָוועל שטייט נאָך, אָבער מען שמועסט, אַז אויך אויף דעם אָפּשניט וועלן זיך די קאַמפן אויסבריטערן. די פּויערים זאָגן, אַז דאָס מאָל וועט דער פּראָנט שוין דערגרייכן אויך צו אונז. צי איז דאָס מעגלעך ? אונזערע הערצער קלאַפּן פון שרעק און דערוואַרטונג ! מיר וואָלטן איצט געשלאָסן די אויגן, זיך פאַרמאַכט אין באַהעלטעניש און איבערגעוואַרט.

אַך, מיין גאָט, מיר שטרעקן אונזערע הענט, ממעמקים, פון די טיפענישן ! מיר רופן דיך, האָב רחמנות !

עפּעס רייסט זיך אין אונז. מיר זאָלן נאָר דאָס אַלץ דורכמאַכן !

אויפן דאָרף איז היימלעך, די פּויערים פּאָליטיקירן. אַלע האַלטן, אַז די רוסן קומען שוין דאָס מאָל אַהער. טייל שרעקן זיך פאַר די „באָלשעוויקעס". מען דערציילט זיך נאָך וועגן דער רויטער אַרמיי די אויסטערלישסטע זאַכן. אַנדערע פרייען זיך און דערוואַרטן זיי שוין. אונזערע שובעס זענען צעחושט. מיר פאַרנעמען די אַלע נייעסן און דאָס בלוט הייבט זיך עפּעס אָן דערוואַרעמען אין אונז, עס שטראָמט האַסטיקער. איך קאָן אַזש נישט שרייבן !

16־טער יולי :

די רוסן גייען שנעל פאָרויס. שוין באַפרייט אַ רייע שטעט אין צפון־מזרח פּוילן. דאַכט זיך, אַז אויך ווילנע. דער פּראָנט איז נאָך אָבער ווייט פון דאַנען. ער זעט אויס איצט זיך צו פאַרנעמען אויף אַן אַנדערער ריכטונג, גאָר קיין ליטע. ביי קאָוועל איז נאָך אַלץ שטיל, מ'הערט פון דאָרט גאָרנישט. עס מוזן אָבער דאָרט פאָרקומען געוואַלטיקע צוגרייטונגען, ווייל גאַנצע נעכט פליען איבער אונז דורך צענדליקער און צענדליקער דייטשע עסקאַדרעס מיט באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַנען. זיי רוישן אַזוי שווער. מיר פילן אין דער לופט דעם פּראָנט. מיר קאָנען אין די נעכט נישט שלאָפן. אַ גאַנצן טאָג איז אָבער ביי אונז רואיק און מען הערט גאָרנישט. אין דרויסן גייט דער שניט אויף דער גאַנצער פאַרע. מען זאָגט, אַז די דייטשן האָבן באַפוילן שנעל אַראָפּצונעמען די תבואה פון פעלד. זעט אויס, אַז זיי ריכטן זיך דאָ אויף „היצן". דערווייל אַרבעט און האָרעוועט דאָס דאָרף פלייסיק. שובע האָט צוגענומען אַ געהילף צו דער אַרבעט, אַ שוואַרצע שיקסע פון זעלבן דאָרף ווי די טאָכטער. זי דרייט זיך אַ גאַנצן טאָג אויף אונזער הויף און קוקט אומעטום

אַריין. מיר מוזן זיך איצט שטאַרק היטן. יעדן פֿאַרנאַכט קומט זי אויך אין סטאַדאָלע אַריין שניידן שעצקע פֿאַר די בהמות. מיר פֿאַרמאַכן זיך אַלע אין גרוב. מיר שרעקן זיך פֿאַר איר. די שיקסע דרייט זיך עפּעס צופֿיל אַרום דער סטאַדאָלע, ווי זי וואָלט עפּעס אַרויסגעשמעקט. מיר טאָרן קיין איין מינוט זיך נישט פֿאַרגעסן. מיר קוקן אַרויס און פֿאָרשן יעדן באַוועג אירן און יעדן אויסדרוק פֿון איר פּנים, צי פֿאַרשטייט זי נישט עפּעס? מיר מוזן זיך איצט אויך היטן פֿאַר די אַנדערע פּויעָרים אויף די פֿעלדער, וועלכע אַרבעטן אין דער נאָענט פֿון אונז. זיי קומען כסדר אויף אונזער הויף וואַסער טרינקען.

אַנומלט, האָט אונז אַ שיקסע מיט אַ ווייס טיכל אויפֿן קאָפּ שיִר אַנטדעקט. זי האָט דורך אַ שפּאַלט אַריינגעקוקט אין סטאָדאָלע. מיר האָבן זיך פֿאַרוקט אין די ווינקלען און נישט געוווּסט צי זי האָט אונז געזען, צי נישט.

אָך, ווי מען מוז איצט אַכטונג געבן! דאַכט זיך, אַז דאָס זענען די לעצטע וואָכן. גאָט זאָל אונז העלפֿן און מיר זאָלן זוכה זיין די באַפֿרייאונג! מיר וואָלטן איצט אַלע כסדר געזעסן אין גרוב פֿאַרמאַכט, עס איז אָבער אוממעגלעך: דאָס וואַסער שטראָמט פֿון די ווענט און פֿון אונטן און דאָס פֿאַרפֿוילטע שטרוי שטינקט, מען קאָן דעם אָטעם נישט כאַפּן. דאָס טירל מוז אָפֿן זיין, מוז מען במילא אויך וואַכן אויבן און אַרויסקוקן. ס'איז אָבער שווער זיך אַן עצה צו געבן און אַזוי האָבן דאָס אויג אומעטום פֿון אַלע זייטן. יעדן טאָג פֿאַרמאַכן מיר זיך פֿון צייט צו צייט אין גרוב. דאָ, אונטער דער ערד, הערט מען אַצינד כסדר אויפֿטרייסלונגען, ווי די ערד וואָלט געציטערט. צי איז דאָס שוין דער אָפּהילך פֿון פֿראָנט, דאָס זענען אַרטילעריע־באַשיסונגען, קנאַלן פֿון האַרמאַטן, אָדער אפשר באָמבאַרדירונגען? מען הערט אָפֿט, כמעט אָן איבעררייס. אַלע פּאָר מינוט גיט די ערד אַ ציטער. אויבן, אין דרויסן, הערט מען עס נישט.

מיר זיצן פֿאַרמאַכט, הערן זיך איין און ביי יעדן ציטער פֿון דער ערד — גיט אַ פּלאַטער דאָס האַרץ. אָ, אפשר איז עס טאַקע די מלחמה?

עס ווערט דושנע. מען מוז עפֿענען און צוריק אַרויס אויבן. ווידער מוז מען שטאַרק אַכטונג געבן. דאָס דאָרף איז אויפֿגעטרייסלט און לעבט דאָך נאָך רואיק. מען אַרבעט נאָרמאַל און די געשעענישן דערגרייכן אָהער נאָר דורך פּלאָטקעס און איבערדערציילטע נייעס. מיר זענען באַרוישט ווי פֿאַרשיכורט, פֿאַרכישופֿט.

18־טער יולי:

מיט זעקס טעג צוריק איז מאָרוואַ געלעגן געוואָרן און געבוירן פֿינף קליינגע הינטעלעך, זייער שיינע. שוין האָט מיט צוויי טעג שפּעטער דערטרונקען פֿיר שטיק אין וואַסער און איבערגעלאָזט נאָר איינס — דאָס שענסטע. די צויג איז, דאַכט זיך, משוגע. אין די פּאָר טעג וויינט זי, קלאָגט, יאָמערט און קריצט רציחהדיק מיט די ציין. זי לאָזט קיינעם נישט צו צו זיך. זי רייסט זיך אויף דער קייט און בילט אפֿילו אויף די באַלעבאַטים, ווען זיי דערנענטערן זיך צו איר. זיי וואַגן נישט צוצוגיין מיטן עסן. זיי האָבן מורא, אַז זי וועט זיי צערייסן.

דער צער פֿון הונט רייסט פֿון אונז שטיקער האַרץ. מיר קאָנען ביינאַכט נישט

שלאָפֿן. זי וואָיעט און קלאָגט גאַנצע נעכט. מיר האָבן שוין פּשוט נישט קיין כּוח צו הערן און פֿאַרנעמען אירע יללות. עס ציפּט שטיקער האַרץ. זי איז שוין הייזעריק און וואַרפֿט זיך אין ספּאַזמעס. איר מוטער־צער דערוועקט אין אונדז טרויעריקע געפֿילן און רופֿט אַרויס פֿאַרשידענע רעפֿלעקסיעס. מיר זענען ווי באַנומען און קאָנען זיך קיין אָרט נישט געפֿונען.

נעכטן בייַנאַכט האָט זיך מאָרוואַ אָפּגעריסן פֿון דער קייט, איבערבייַסנדיק זיך דאָס לעדערנע פּאַסיקל פֿון האַלדז. זי איז ווילד אַרייַנגעלאָפֿן אין סטאָדאָלע און צו צו אונדזער באַהעלטעניש. איך בין געזעסן אויבן. זי איז צו מיר צו, אַוועקגעלייגט זיך און גענומען וואָיען אין מייַן שויס אַרייַן. כ׳האָב זי געצערטלט און געגלעט איבער דער פֿעל. מאָרוואַ האָט זיך אויסגעצויגן און דעם קאָפּ געריבן אין דער שויס. זי האָט געציטערט, ווילד געברומט, געקלאָגט און מיר געלעקט איבער די הענט. שפּעטער, זענען די אַנדערע פֿון באַהעלטעניש אַרויפֿגעקומען, זי האָט זיך צו אונדז געדריקט און מיט פֿאַרגאָסטענע, פֿאַרלאָפֿענע אויגן אונדז אָנגעקוקט מיט שטומען געבעט. זי פֿילט אין אונדז גוטע פֿרייַנט. זי ווייסט, אַז מיר פֿילן מיט איר צער.

מיר האָבן זיך צו איר דורך דער צייַט שטאַרק צוגעבונדן. זי איז דאַכט זיך, אונדזער איינציקער אויפֿריכטיקער פֿרייַנט, דאָס איינציקע טרייַע באַשעפֿעניש. יעדן פֿאַרנאַכט קומט זי צו אונדז און קוקט מיט אַ שטומער פֿרייד אין אונדזערע אויגן. אַ גאַנצן טאָג שטייט זי אויף דער וואַך און לאָזט נישט צו צום שייַער קיין פֿרעמדן מענטש. אַז זי דערזעט אָדער דערפֿילט וועמען, נעמט זי בילן און זיך רייַסן צו יענעם, אויפֿגערייצט, ווי צו אַ געפֿערלעכן שונא. זי זאָגט אויך אונדז אָן, אַז עס איז אַ געפֿאַר. מען דאַרף זיך שנעל באַהאַלטן.

— שנעל, שנעל! — בילט זי אין איין אָטעם — שנעל, שנעל פֿאַרשטעקט אייַך, אַ שונא קומט אָן!

יעדן אָוונט, ווען זי קומט צו אונדז זיך טוליען און קוקן אין די אויגן, דאַכט זיך, ווי זי וואָלט געפֿרעגט:

— האַ, וואָס זאָגט איר, צי האָב איך הייַנט גוט געהיטן, גוט אַלאַרמירט און פֿאַרטריבן די שונאים?

די לעצטע זעקס טעג, זינט זי האָט געהאַט די הינטעלעך און מען האָט זיי פֿון איר אַוועקגענומען, זענען מיר טאַקע געווען ווי הפֿקר, אָן אַ שומר פֿאַר דער טיר. נעכטן בייַנאַכט, ווען זי איז צו אונדז אַרייַן, האָט אויסגעזען, ווי זי קומט זיך אָפּרעדן פֿון האַרץ און גלייַכצייַטיק זיך פֿאַרענטפֿערן, אַז שוין, זי וועט שוין צוריק היטן, זי נעמט ווידער איבער איר פּאָסטן.

הייַנט, כאָטש זי קלאָגט נאָך צו ביסלעך אויף איר צער, איז זי שוין אויף דער וואַך — זי בילט, היט און וואָרנט אונדז פֿאַר יעדן פֿרעמדן.

19־טער יולי:

מיר האָבן הייַנט געהאַט גרויסע ניסים! שוין דורכגעמאַכט די ערשטע אָבלאַווע ביי שובען! כ׳ציטער נאָך אינגאַנצן ביים שרייַבן די דאָזיקע שורות. זשאַנדאַרן זענען הייַנט געווען אין אונדזער סטאָדאָלע! זיי האָבן געזוכט, אַלץ איבער־

געדרייט און מיר האָבן געמיינט, אַז ס'האָט זיך חלילה שוין געענדיקט מיט אונז!

אַך, די ניסים!

געווען איז עס אַרום צען אַ זייגער אינדערפֿרי. אַלע זענען געווען אין גרוב, נאָר איך און פֿרוימאַן האָבן געוואַכט אויבן. ער איז געווען אָנגעהאָנגען אויף איין וואַנט און אַרויסגעקוקט אויף צפֿון־מערב און איך ביי דער אַנטקעגנדיקער וואַנט, בין געלעגן אויף אַ קופּע היי און אָבסערווירט די צווייטע זייט. שובע איז מיט אַ שעה צוריק געהאַט אַוועק קיין גרויס־גאַרצין — איין קילאָמעטער פֿון אונז. די שובאַווע מיט מאַניעקלען האָבן זיך געפּאָרעט אין פֿעלד.

מיטאַמאָל — מאַניעקל לויפֿט צו אונז. ער פֿאַלט אַריין פֿאַריאַכמערט אין סטאָדאָלע און שרייט:

— שנעל, שנעל, באַהאַלט אייך, איינס—צוויי. פֿאַרשטעקט אייך, ניעמצי, ניעמצי — דייטשן! שנעל!

מיר זענען געבליבן דערשראָקן און נישט געוווּסט צי ער שפּאַסט ווידער, צי דאָס מאָל איז עס אמת. מיר שפּרינגען צו צום באַהעלטעניש. פֿרוימאַן טאַנצט אַריין און איך, קלאַמערנדיק זיך ביים טירעלע — פֿרעג אים אויס, צי ס'איז אמת, ווו זיי זענען די דייטשן, און — דער קליינער טרייסלט זיך:

— שנעל, שנעלער, באַלאַמוטשעט נישט! שנעל, זיי זענען דאָ!

שובע איז אַריינגעקומען בלייך ווי די וואַנט און אונז דערציילט, אַז גייענדיק קיין גרויס־גאַרצין, האָט ער אויפֿן וועג אָנגעטראָפֿן עטלעכע לאַסט־אויטאָס מיט דייטשער זשאַנדאַרמעריע און פּוילישער פּאָליציי. זיי פֿאַרנעמען איצט פּאָזיציעס אַרום אונזערע דערפֿער. מען דאַרף זיך פֿאַרשטעקן און ער וועט אין דרויסן שוין אַכטונג געבן, ער וועט אונז כסדר געבן צו וויסן, וואָס עס הערט זיך. מיר האָבן זיך פֿאַרמאַכט און שובע האָט אָנגעוואָרפֿן אויפֿן לאָך און אויבן, אויפֿן גאַנצן שטח פֿון באַהעלטעניש, מיט בינטן תבואה און שטרוי. ער איז אַרויס מיט מאַניעקלען. מיר זענען אונטן געבליבן זיצן אין דער פֿינצטער און זיך מורא געהאַט צו באַוועגן. מיר האָבן זיך אָנגעהאַלטן איינער אין אַנדערן און געשוויגן.

עס איז אַדורך אפֿשר אַ שעה און אויבן איז שטיל. אויך שובע קומט נישט אַריין אונז זאָגן, וואָס מען הערט, צי זיי זענען נאָך דאָ, אָדער זיי זענען אַוועק. אין לאָך איז דערווייל דושנע, עס ווערט אוממעגלעך צו אָטעמען. מיר סאָפּען שווער, ווי אין אַסטמע, אויבן איז אַלץ נאָך שטיל, מען הערט קיין שאָרך נישט.

מיטאַמאָל, דערהערן מיר שווערע טריט אויפֿן הויף. מאָרוואַ צעבילט זיך און איידער וואָס־ווען — די סטאָדאָלע־טירן רייסן זיך האַסטיק אויף. מיר הערן שוין ווי מען טרעט אויבן. עס רודערט זיך, מען רייסט, מען קלאַפּט, מען וואַרפֿט ברעטער, בינטן תבואה און שטרוי. דייטשע קולות הילכן גראָב, מען באַפֿעלט. טריט דערנענטערן זיך איבער אונזערע קעפּ צום אָרט פֿון טירעלע. מיר פּרעסן זיך איין איינער אין אַנדערן. נעגל בייסן זיך אין מיר. מען האַלט איין מיט די לעצטע כוחות דעם אָטעם. מען איז שוין איבער אונז!

זיי וואַרפֿן און זוכן אין שטרוי. אָט־אָט, טרעטן זיי אַרויף אויפֿן טירעלע! מיר פּרעסן צוזאַמען די ליפּן, די הערצער שפּרינגען.

איינער האָט האַסטיק איבערגעדרייט אַ באַליע, געזוכט אונטן אַ לאָך, אַן עפֿענונג. ער וואַרפֿט זי צוריק אַוועק:

— ניכטס ! קאָם, קאָם ! — ער רופֿט די אַנדערע — ס'איז דאָ גאָרנישט דאָ מען דאַרף גיין !

זיי זענען אַלע טומלדיק אַרויס, אָפֿן לאָזנדיק די טירן.

מיר הערן, ווי מאַרוואַ באַגלייט זיי מיט בילנדיקע טויטע קללות. מיר אָטעמען אָפּ. איך טאַפּ אַפּרימען, ווי ער פֿילט זיך, די פּאָר מינוט האָב איך מורא געהאַט, אַז ער זאָל חלילה פֿון שרעק נישט קריגן קיין אַטאַק און אַרויס מיט אַ געשריי.

אויפֿן הויף איז ווידער שטיל. מאַרוואַ וואָיעט נאָך, אָבער שטילט זיך שוין איין, זי באַרואיקט זיך. אַ סימן — זיי זענען שוין ווייט אַוועק. פֿון הויף הערט מען אַלץ גאָרנישט. קיינער פֿון די באַלעבאַטים מוז נישט זיין. מיר זיצן נאָך אונטן און ס'איז שטיל.

נאָך אַ האַלבער שעה האָט מען געהערט טריט. מאַרוואַ אַלאַרמירט. ס'קומט ווער אַ פֿרעמדער אַריין אין סטאָדאָלע, דרייט זיך אַהין און צוריק און גייט ווידער אַרויס. מיר הערן ביי די טירן שרייט אַ פֿויערטע :

— שובאווא, שובאָווא, קומט אַהיים, ווו זענט איר, קומאָ ?

קיינער האָט נישט געענטפֿערט. די פֿויערטע איז אַוועק. מיר זענען נאָך אַזוי געזעסן אַ שטיקל צייט מיט די פֿיס און אונטערשטן האַלבן קערפּער אין וואַסער. שפּעטער, האָט מען געהערט, ווי די שובאָווע מיט מאַניעקלן זענען אָנגעקומען. זיי האָבן צוגעלענט די סטאָדאָלע־טירן און געבליבן אויפֿן הויף. מיר האָבן עטוואָס אויפֿגעשפּאַרט דאָס טירעלע און אַריינגעלאָזט אַביסל לופֿט. אַלע האָבן מיר געפּאַקט די נעזער צום לופֿט־שפּאַלט. ביז שובע איז אָנגעקומען. ער האָט זיך אויפֿן הויף דורכגעשמועסט סודותדיק מיטן ווייב, אַריין און אונז דערציילט, אַז זשאַנדאַרמעריע האָט געהאַט אַרומגערינגלט די גאַנצע גרופּע דערפֿער און אומעטום געזוכט, זיי זוכן באַנדיטן, מיט וועלכע עס זאָל פֿול זיין די דאָזיקע געגנט. זיי זענען שוין אַוועק, נישט געפֿונענדיק קיינעם.

דער פֿויער איז נאָך אַלץ ווייס, ווי קאַלך. ער איז זיך מודה, אַז ער איז אַוועק פֿון שטוב, מורא האָבנדיק, אַז מען וועט אונז געפֿונען. די שובאָווע איז אַריינגעקראָכן אינגאַנצן ווילד, זי האָט זיך געבראָכן די הענט און געהאַלטן אין איין שרייען:

— אָ, יעזוס, יעזוס, נאָכוואָס האָט דאָס מיר געטויגט אַזאַ שרעק ? !

דערזעענדיק די זשאַנדאַרן זיך דערנענטערן, איז זי מיט מאַניעקלן שנעל אַנטלאָפֿן און זיי האָבן זיך פֿאַרשטעקט אין ווייץ אויפֿן פֿעלד. אַזוי, אַז די זשאַנדאַרן האָבן קיינעם אין שטוב נישט געטראָפֿן. זיי האָבן דאָרט אַלץ דורכגענישטערט. שטענדיק ווען זיי טרעפֿן נישט קיינעם פֿון די שטוב־מענטשן, זוכן זיי נאָך מער, ווייל עס זעט זיי אויס פֿאַרדעכטיקט.

מיר צאַפּלען, וואָס פֿאַר אַ ניסים ! איצט, חלילה, אַריינצופֿאַלן ! איצט ווען דער פֿראָנט, דערנענטערט זיך וואָס אַמאָל מער !

מיר האָפֿן, אַז גאָט וועט אונז איצט נישט פֿאַרלאָזן ! זיצנדיק אין גרוב האָבן מיר געפֿילט ווי די ערד ציטערט־אויף פֿון די אויפֿרייסן אויפֿן פֿראָנט. אונזער גורל אַנטשיידט זיך. ער הענגט אויף דער וואָג־שאָל.

שובע דערציילט אונז פּרטים פֿון דער אַבלאַווע :

— מען שמועסט, אַז דאָס איז טאַקע צוליבן פֿראָנט. די דייטשן ריכטן זיך, אַז די מלחמה קומט אַהער, דאָ קאָן זיין די פֿראָנט־ליניע, ווילן זיי פֿריער די געגנט

אָפרייניקן פון פאַרדעכטיקטע עלעמענטן, פון פאַרטיזאַנער, גנבים און באַנדיטן. זיי האָבן מורא, אַז די דאָזיקע עלעמענטן וועלן זיי שטערן אויפן פראָנט און דינען דעם שונא. זיי האָבן געזוכט אין אונזערע דערפער, ווייל דאָ געפינען זיך פון שטענדיק אַ סך באַנדיטן. די דייטשן האָבן שוין אַ סך מאָל דאָ דורכגעפירט אָבלאַוועס און פאַרניכטעט די רויב־באַנדעס מיט זייגע שכנים, די צעגעלשטשאַקעס, אין דער שפיץ. די צעגעלשטשאַקעס האָבן געהאַט אונטערערדישע היילן אין פעלד. די דייטשן האָבן זיי אַנטדעקט און אויפגעריסן. די באַנדיטן זענען דעמאָלט איינער נאָכן אַנדערן געכאַפּט און דערשאָסן געוואָרן. איצט זוכן זיי פרישע נעסטן. ער, שובע, האָט נישט קיין מורא, ער איז צופרידן, ער זעט, אַז דער פאַן בוג היט אונז, נאָר זיין ווייב, זי איז משוגע פון שרעק. מען שמועסט, אַז זיי וועלן אין די נאָענטסטע טעג נאָכאַמאָל קומען און זוכן גרינטלעכער, אָבער — אפשר וועלן זיי עס שוין נישט דערלעבן. מען זאָגט דאָך, אַז די רוסקע יאָגן זיי שנעל און זיי אַנטלויפן אין בהלה.

מיר לויפן ווי געפאַנגענע אין שייער־שטייג און קלאַמערן זיך אַליין אין אייגענעם לעבן.

נאָך אפשר אַ קורצע צייט און וואָס פאַראַ רחמים! באַווייזן, אויסהאַלטן, איבערהאַלטן, אָדער חלילה — נישט!

סוף יולי:

מיר לעבן איבער אויסערגעוויינלעכע טעג. מיר ציטערן ווי פיש אין וואַסער. אונזער גורל וויגט זיך איצט אויף אַ האָר. דער פראָנט דערנענטערט זיך, רינגלט אונז אַרום!

אין דער לעצטער דייטשער צייטונג, וואָס מיר האָבן באַקומען, איז מיטגעטיילט וועגן אַ גרויסער רוסישער אָפענסיווע שוין אויך אויפן קאָוועלער אָפשניט. קיין צייטונגען מיט ווייטערדיקע ידיעות האָבן מיר שוין נישט. עס איז אוממעגלעך צו באַקומען. די פאָסט אין קאַלושין איז שוין זייט עטלעכע טעג נישט טעטיק. אויך קיין שום אַמט פונקציאָנירט מער נישט! די פויערים דערציילן, אַז דער פאָסטערונעק מיט דער פוילישער פאָליציי איז אַנטלאָפן אויף מערב. אויך די דייטשן פון דער מיליטערישער ראַדיאָ־סטאַציע הינטער דאָברע — זענען שוין אַוועק.

אויף די דערפער איז אַ גערודער: פויערים אַרבעטן אין איילעניש. מען שלעפט די תבואה, נישט אויסגעטרוקנטערהייט, אין די שייערן. מען האָט מורא, אַז דער פראָנט וועט זיך שנעל אונטעררוקן און אַלץ אויפן פעלד קאָן נאָך פאַרניכטעט ווערן. זינט עטלעכע טעג זענען די דאָרפסלייט נאָכמער איבערגעשראָקן: אוקראַינישע פאַמיליעס, וועלכע האָבן געדינט דעם דייטש, אַנטלויפן אין בהלה פון מזרח מיט זייער גאַנץ אָנגערויבט האָב און גוטס, מיט וועגענער הויזווירטשאַפט, זיי טרייבן מיט זיך בהמות. זיי לויפן אויף מערב, קיין דייטשלאַנד. אויפן וועג רויבן זיי ביי דער היגער פוילישער באַפעלקערונג. זיי שלאָגן די פויערים און הייסן אַלץ אָפגעבן, ווייל „ס'איז נישט זייערס, די פויערימס, ס'איז יידיש פאַרמעגן און זיי, די אוקראַינער, האָבן מער רעכט דערויף, ווייל זיי האָבן דירעקט צוגעהאָלפן צוזאַמען

מיט די דייטשן, ליקווידירן די יידן". די פּויערים גראָבן איצט קעלערס און מען פֿאַרשטעקט די זאַכן. זיי באַהאַלטן זיך אין די וועלדלעך אויך מיט די פֿי. מען זאָגט, אַז די דייטשן נעמען מיט זיך מיט אַלע בהמות. אין שכנותדיקע דערפֿער זענען זיי די לעצטע טעג געקומען מיט לאַסט־אויטאָס און אויפֿגעלאָדן פֿיל געכאַפּטע קי, אָקסן, קעלבער, שעפּסן און חזירים. ביי אונז האָט מען געהערט דאָס שיסעריי פֿון דאָרט. די אוקראַינער רויבן אויך פֿערד ביי איין פּויער און פֿאַרקויפֿן עס דעם צווייטן.

אונזער סטעזשקע רוט איצט נישט קיין איין מינוט: די באַפֿעלקערונג פֿון די שטעט וואָס ליגן אויפֿן הויפּט־שאָסיי, אַנטלויפֿט אין מורא אויף פֿורן און צופֿוס. מען זעט הונדערטער מענטשן פֿון קאַלושין, שעדלעץ און מינסק. מען לויפֿט מיט די פֿאַמיליעס, מיט די פֿרויען און קינדער, זיך צו פֿאַרשטעקן אין זייטיקע דערפֿער ביז דער פֿראָנט וועט פֿאַריבער. מען שלעפּט מיט זיך וואַליזעס און ריזיקע פּעק אויף די פּלייצעס — בעטגעוואַנט און מלבושים. דורך די שפּאַרעס זעען מיר פֿיל היימישע פּאָליאַקן פֿון מינסק, אויך גרויסע אַנטיסעמיטן. זיי לויפֿן זיך איצט אַליין פֿאַרשטעקן ווי מייז אין די לעכער. זייער אומבאַהאָלפֿנקייט וועקט אין אונז האָפֿענונג, זיי וואַרפֿן אָבער אויף אונז אויך אַ פּחד. מיר שרעקן זיך נאָכמער און מיר וואָלטן אויף עטלעכע טעג פֿאַרקראָכן אונטער דער ערד. די סטאָדאָלע איבער אונז ציטערט איצט מיט אונז מיט, פֿון אַ שווערן גערויש אין דער לופֿטן. אונזערע געפֿילן זענען טאָפּלטע, געמישטע: מיר לעבן אין אַנגסטיקער און פֿריידיקער דערוואַרטונג. די גאַנצע וואָך רופֿט מען און מען כאַפּט די פּויערים אויף אַרבעט, צו גראָבן אָקאָפּעס און אויסברייטערן דעם לופֿט־פּלאַץ אין יאַנאָווע. אויך שובע האָט איין טאָג דאָרט געאַרבעט. אַ דייטשער אָפֿיציר און סאָלדאַטן האָבן אָנגעפֿירט מיט די פּויערים און זיי באַפֿוילן אין אימפּעט אַראָפּצונעמען די תבואות פֿון די אַרומיקע פֿעלדער. מען גייט פֿאַרגרעסערן צוליבן פֿראָנט, דעם פֿלי־פּלאַץ. שובע שרעקט זיך, אַז די דייטשן זאָלן זיך אַמאָל דאָ נישט באַפֿעסטיקן און שטעלן אַ גרויסן ווידערשטאַנד. עס זעט אויך אַזוי אויס. אָבער די רוסן צעשטערן זייערע פּלענער. גאַנצע נעכט פֿליען דאָ רוסישע עסקאַדרעס און באָמבאַרדירן די געגנט. די ערד ציטערט כסדר. אין די נעכט זענען מיר איצט אויבן אין סטאָדאָלע. מיר קוקן אַרויס דורך די שפּאַרעס און זעען הונדערטער קאָלירטע סיגנאַלן און צייכנס אויפֿן הימל. די לופֿט ווערט צעטרייסלט פֿון שווערן גערויש פֿון צענדליקער עראָפּלאַנען. זיי וואַרפֿן ראַקעטן און באַלויכטן די געגנט. מיר זעען אין דער לופֿט געהיימניספֿולע פֿייערלעך אין אַלע קאָלירן - רויט, בלוי, גרין און געל. דאָס מוזן די אויסשפּיר־עראָפּלאַנען אָנצייכענען די וויכטיקע דייטשע מיליטערישע און סטראַטעגישע אָביעקטן און שפּעטער וואַרפֿן די באָמבאַרדירער אויף די פּלעצער באָמבעס. די ערד שפּרינגט אין דער לופֿט. מיר קלאַמערן זיך אין די ווענט, האַלטן זיך אָן אין די ברעטער און עפּעס אַ פֿרייד וואַרפֿט אונטער די הערצער.

מען זאָגט אונז, אַז די דייטשע זשאַנדאַרמעריע און פּאָליציי איז שוין אַוועק פֿון דער געגנט, נאָר דאָס מיליטער איז פֿאַרבליבן. עס פֿאַרנעמט ערגעץ פּאָזיציעס. ווו דער פֿראָנט איז איצט — ווייסט קיינער נישט צו זאָגן. מיר קריכן אין באַהעלטעניש אַריין, אויפֿצוכאַפּן די ערד־טרייסלונגען, די קנאַלערייען פֿון פֿראָנט, אָבער — ס'איז עפּעס שטיל. מען הערט איצט, אין די טעג, גאָרנישט, אַ חוץ אַ רויש, נאָר אין די נעכט איז די ערד ווי אַ ווולקאַן. באָמבעס צעטרייסלען אַלץ אַרום.

די לעצטע נאַכט איז אין דרויסן געווען ליכטיק ווי אין מיטן העלן טאָג. ראַקעטעס ווי זונען האָבן זיך כסדר אויפגעריסן. אין דער לופט איז געווען א זשומעריי און שיסעריי. מען האָט געקאָנט פאַרטויבט ווערן. וואָס פאַר א ניסים מען דאַרף האָבן אין אַזעלכע טעג!

רבונו של עולם, האָסט אונז אַזוי לאַנג געפירט מיט דיין האַנט און געהאָלפן, אַזוי פיל נסים אונז געוויזן, אַלץ איבערגעקומען ביז איצט — וועסטו אונז זיכער אויך אין די איצטיקע טעג נישט פאַרלאָזן! אָ, פיר אונז צו ביז צום ברעג!

⁂

זייט צוויי טעג ציען זיך די דייטשע אַרמייען צוריק דורך אונזער סטעזשקע — אויפן וועג קיין ראָברע. הונדערטער אָפּטיילונגען רייטן און מאַרשירן אַדורך דורך אונזער סטאָדאָלע. גאַנצע טעג ליגן מיר איצט אין גרוב. די זעלנער רייסן זיך כסדר אַריין אין שייער און זוכן איבער אונזערע קעפּ עפּעס צו רויבן. מיר וואָלטן אונטן אויסגעגאַנגען פון דורשטיקייט און היץ און פון דעם עיפּושדיקן וואַסער, וואָס קומט כסדר אונטער, ווען נישט מאָרוואַ. זי ראַטעוועט אונז. מיר זענען אינעווייניק און האַלטן דאָס טירל אביסל אויפגעלענט, אַריינצולאָזן לופט, און ווען מאָרוואַ נעמט זיך רייסן אויף דער קייט — פאַרמאַכן מיר זיך שנעל. זי ראַטעוועט אונז ממש אין דער לעצטער מינוט. די סאָלדאַטן פאַלן אַריין, זוכן, נישטערן, געפונען גאָרנישט און לויפן שנעל אַרויס, צו דעריאָגן די אוועקמאַרשירנדיקע קאָמפּאַניעס. מיר עפענען ווידער און כאַפּן אויפסניי ביסלעך לופט, ביז מאָרוואַ נעמט ווידער אַלאַרמירן. עטלעכע מאָל אין טאָג קומען אַריין די שובבים. מיר דערלאַנגען זיי אַרויס קובלעס וואַסער און זיי גיסן עס אונטער די ווענט. עס איז עפּעס אַ פאַרשאָלטענע שפּע — צענדליקער קובלעס מוז מען יעדן טאָג אַרויסגיסן, ווען נישט, וואָלטן מיר געווען ביזן האַלז אין וואַסער. אַ גאַנצן טאָג שטיקן מיר זיך אין פאַרמאַכטן גרוב. ערשט אין אָוונט קריכן מיר צו ביסלעך אַרויס, אָנשעפּן כוחות. מען מוז אָבער האַלטן אָנגעשפּיצט אַלע חושים, אויפצוכאַפּן דעם מינדסטן שאָרך.

⁂

פון נעכטן אָן איז אין אונזער געגנט גאָר שטיל. מען זעט מער קיינעם נישט. די אַרמייען האָבן אויפגעהערט צו מאַרשירן. זיי זענען פאַרשווּנדן. אויך די אַנטליפנדיקע באַפעלקערונג פון די שטעט זעט מען שוין נישט. אַלץ אַרום איז ווי איינגעזונקען, אויסגעשטאָרבן. אַ טויטע בית־עולם־שטילקייט. די גאַנצע געגנט טונקט זיך אין אַ שטילער זוניקייט, בלויז די גרילן הערט מען רוישן. ס'איז עפעס צו שטיל. אין דרויסן באַלויכט אַלץ די זון און ביי אונז איז אַ נאַסע שאָטנדיקייט. מיר האָבן זיך מורא צו באַוועגן, מען הערט דאָס קלאַפן פון די אייגענע הערצער. מיר שאַרן זיך אויף די שפיצן־פינגער און שעפן פּאָרזיכטיק אַרויס דאָס וואַסער פון גרוב. מיר קוקן פון די שפּאַרעס און אַחוץ דער זוניקער רחבות אויף די פעלדער פאַרנעמט דאָס אויג גאָרנישט. אין דער אַנדערער זייט פעלד שטייען נאָך נעציילטע גאַרבן תבואה און טרוקענען זיך. צווישן די בינטן שאַרן זיך פאַרדעכטיקס איינצלנע שאָטנס, מען זעט זיי נישט אַרויס. מען זאָגט, אַז דאָס זענען אוקראַאינער, וואָס ווילן נישט אַוועק מיטן דייטש און באַהאַלטן זיך דאָ אויס, וואַרטן אויף די רוסן. נעכטן פאַרנאַכט זענען זיי אַרויסגעקראָכן און געקומען אויף אונזער הויף וואַסער טרינקען. מיר האָבן זיך אַריינגעשלייכט אין באַהעלטעניש. היינט זעט מען זיי נישט אַרויס פון צווישן די סנאָפעס.

אַלץ אַרום זעט איצט אויס ווי אין דערוואַרטונג. מען הערט קיין שאָרך נישט. אויך די פויערים זענען ווו פאַרשטעקט. קאָוואַלטשיקס הויף איז פאַרפלייצט פון זון און זעט אויס ווי אויסגעשטאָרבן. מאַרוואַ ליגט געטריי אויסגעצויגן אויף דער ערד פאַר אונזערע טירן און כאַפט אַ דרימל אונטער דער וואַרעמער זון. זי האָט נישט קיין אַרבעט, איז אָבער קאָנצענטרירט און אָנגעשטרענגט. מאַכט כסדר אויף די אויגן, שטעלט אָן די אויערן און זוכט עפעס צו פאַרנעמען. זי שנאַפט מיט די נאָז־לעכער. פון לאַנגווייליקייט גענעצט זי און שפילט זיך מיט איר איינציק זונעלע. זי האָט היינט סך־הכל איינמאָל געכאַפט אַ פאַרדעכטיקטן גאַסט, באַלד אינדערפרי. אַ הויכער פאַרשוין, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן איבערגעטועטער מיליטער־מאַן. ער איז אָנגעקומען פון אַ זייטיק וועגל, זיך אַרומגעקוקט און געהיים זיך צוגעשלייכט צו אונזער הויף. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר מאַרוואַס געשריי און גענומען פלאָנטערן מיט די טריט. שובע איז אַרויס און נישט פאַרשטאַנען דעם פאַרשוינס לשון. יענער האָט זיך דערשראָקן צוריקגעצויגן און ערגעץ פאַרשווּנדן. ביז איצט האָט מען מער קיין לעבעדיקן נפש נישט געזען אַרום. אַ שטילקייט האָט איינגענומען די געגנט.

מיטאָג־צייט האָט די זון אויך צו אונז אַריינגעוואָרפן אַ דינעם פאַסמע־שטראַל. צי אַ רייצנדיקע לאַנגע צונג, חלילה, אין דער לעצטער מינוט אַ בלאַנקנדיקע שפּיז וואָס זאָל זיין אָנגעגרייט פאַר אונז? צי גאָר שיין אַ העלער וועגווייזער צו דער באַפרייאונג? אונזערע הערצער פלאַטערן שטיל.

⁂

דאָס איז געווען אין א פֿרייטיק*), א טאָג ווי די פֿריערדיקע טעג. אַרום האָט אַלץ געהערשט די זוניקע שטילקייט. צעוואַרעמטע, ליכטיקע זענען די פֿעלדער געלעגן אין רואיקער דערוואַרטונג. אין דעם חלל איז געווען הויל, פּוסט, קיין ווינטל האָט נישט געוואַגט איבערצורייסן די דינע שטילקייט וואָס האָט צאַפּלדיק געשוועבט אין דער לופֿט. די געגנט איז געלעגן, ווי אין דערוואַרטונג אויף אַן עכאָ, אַן אָפּקלאַנג. אויך די מענטשן אין די הייזלעך זענען געזעסן אָנגעשפּיצט, אָנגעשטרענגט, ווי צו פֿאַרנעמען אַן אָפּהילך פֿון די געשעענישן, וואָס האָבן זיך שוין געפֿילט. קיינער האָט עפּעס ווי נישט געוואַגט אַרויסצוגיין אינדרויסן. אונזערע חברה איז געזעסן שטיל פֿאַרטראַכט אין טרוימען, אין גרוב. איך און פֿרוימאַן זענען געווען אויבן אין סטאָדאָלע, געשטאַנען אויף דער וואַך ביי די שפּאַרעס. אונזערע הערצער האָבן געשלאָגן מיט אַן אומרואיקן טיק־טאַק, ס'האָט זיך געפֿילט, אַז אָט־אָט, אין איין אויגנבליק, וועט עפּעס אויפֿרייסן, אויפֿשטורעמען און צעטרייסלען די ערד. וועגן פֿראָנט האָט מען גאָרנישט געוווּסט, צי איז ער ווייט, צי נאָענט. מען האָט נאָר געהאַט דאָס געפֿיל, אַז ערגעץ שלייכט ער זיך שטיל, אונטערערדיש ווי א גנב און וועט מיט איינמאָל פּלוצים אַרויסקנאַלנדיק דערשיינען אויף דעם אויבערפֿלאַך; ווי א ווולקאַן פֿון אונטער דער ערד — אַרויסברעכן. דערווייל איז געווען רואיק, א שטילקייט האָט געצופּט דאָס האַרץ.

פֿון לעכל ביי מיר אין וואַנט, זע איך, ווי די שובעס שלייכן זיך אַרויס פֿון דער כאַלופּע, קוקן זיך אומרואיק אַרום און שאַרן זיך צו צו דער סטעזשקע. ביים ראַנד האָבן זיי זיך געזעצט, געקוקט אויפֿן וועגל, ווי אויסגעקוקט א גאַסט. מאָרוואַ פֿאַר דער טיר האָט לאַנגווייליק מיטן עק געטריבן פֿון זיך די פֿליגן. פֿונדערווייטנס אויף דער סטעזשקע, האָבן זיך באַוויזן א פּאָר פּינטעלעך. זיי זענען געוואָרן גרעסער און ס'האָבן זיך אויסגעטיילט עטלעכע פּויערטעס מיט פֿאַרביקע טיכלעך אויף די קעפּ. זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו די שובעס, זיך אָפּגעשטעלט און זיך געזעצט לעבן זיי. די פּויערים האָבן זיך צעשראָקענע דערציילט נייעס, איך האָב זיך איינגעהערט, געוואָלט עפּעס אויפֿכאַפּן. די באַבעס האָבן גערעדט וועגן דער שטילקייט וואָס עס קאָן זיין? די דייטשן, די ניעמצעס, זענען שוין נישטאָ און אויך די רוסקע זעט מען נישט, ווו איז דער פֿראָנט? זיי האָבן זיך דאָס נישט געקאָנט דערקלערן:

— טייל זאָגן, אַז ביי ביאַליסטאָק, טייל — אַז ביי בריסק. אויב אַזוי, פֿאַרוואָסזשע זענען שוין די ניעמצעס פֿונדאַנען אַנטלאָפֿן?

---

*) 28-טער יולי, 1944.

דער זינגער איז שוין געווען אַרום עלף פאַרמיטאָג. שובע האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט, אַז עס וועט נאָך געווים לאַנג דויערן ביז די רוסקע וועלן אַהערקומען. דערווייל דאַרף מען זיך צוריק נעמען עפּעס טון, ער גייט ווידער אָנהויבן אַרבעטן, ער מוז נאָך אַריינטראָגן פון פעלד די איבעריקע סנאָפּעס קאָרן אין שייער אַריין. ער איז אַוועק צום פעלד און די באָבעס זענען נאָך געבליבן זיצן און דערשראָקן געפּלוידערט.

מיינע אויגן טראָגן זיך איבער דעם פלאַך פון די פעלדער, די אויערן איינגעוועבט אין די ווייטקייטן. איך ציטער עפּעס אינערלעך. מיינע ליפּן ברומען זינגעוודיק תּפילות:

— אָ, גאָטעניו, גאָטעניו!

מיטאמאָל —

אַ ליכט שיסעריי, ווי פון מאַשין־געווער, אָדער קליינע האַרמאַטלעך, רייסט איבער די לופט!

עס איז עפּעס דאָ נאָענט, נישט ווייט!

כ'בין געבליבן ווי פאַרשטיינט. די ווייבער אין דרויסן זענען אויפגעשפרונגען. די אויערן האָבן זיך ביי זיי אויסגעצויגן.

איך הער זיך איין —

עס חזרט זיך איבער, אָבער אַזוי נאָענט!

איך שטיי אַלץ און פאַרנעם דאָס ליכטע שיסעריי, עס רייסט זיך איבער און הויבט זיך ווידער אָן.

„ווו קאָן דאָס זיין?!”

עס טראָגט זיך אַהער ווי פון הויפּט־שאָסיי בריסק ־ וואַרשע, ווי פון קאַלושין.

— מען שיסט, ליבל? — קעפּ פּאַקן זיך פון באַהעלטעניש אַרויס.

— ש־ש־ש, שאַ — יאָ, שטיל!

— וואָס איז עס?

— כ'ווייס נישט, ש־ש־ש!

— די רוסקע מוזן שוין זיין! — שרייט אויפן הויף אַ באָבע.

— קאָן זיין, אַז די רוסן — שושקע איך צו זיי צום גרוב, פון דער וואַנט.

די פויערטעס זענען אַוועק די שובאָווע איז אַריינגעקומען צו אונז און געפרעגט, צי מיר הערן שיסן, ס'קומט פון דער קאַלושינער זייט פון שאָסיי. זיכער זענען עס די רוסן!

דאָס שיסעריי האָט זיך אונטערגערוקט נענטער. אויך שובע איז באַלד אַריינגעקומען, מיט אַ פאַרצויגענעם שמייכל אויפן פּנים:

— די רוסקע, פּעוונע די רוסקע!..

זיי זענען אַרויס. איך און פרוימאַן זענען אַראָפּ אין באַהעלטעניש, מיר האָבן זיך פאַרמאַכט.

— טאַ, טאַ, — טאַ! — הילכט אָפּ אין גרוב. ווי פון זיסע קלאַנגען באַוועגן זיך אונזערע הערצער. מיר האָבן קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען, מיר זעגען געזעסן אין דער פינצטער, אין אַ קופּע און זיך איינגעהערט.

— טאַ. טאַ, — טאַ, טאַ !

עס וואַרפט מיך אונטער.

כ׳בין צוריק ארויס אויבן.

אין דעם — אַ געזאַנג דערטראָגט זיך פונדערווייטנס. כ׳בין צו צו דער שפּאַרע, ארויסגעקוקט: פון דער זייט, פון דאָבערער וועג, האָט זיך געטראָגן אַ געדיכטער שטויב, ווי אַ נעפּל, אַ מענגלעך געזאַנג האָט זיך געוויקלט ווי פון שטויב ארויס. איך כאַפּ אויף די קלאַנגען: מען זינגט דעם פּוילישן הימן. באַלד האָב איך דערזען אַ רייטער אויף אַ ווייס פערד, ער איז געריטן גאַלאָפּ צו דער סטעזשקע צו און געזינגען:

— יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ !

— פּאָלאַצי, פּאָליאַקן ! פּוילן, אונזער פּוילן, איז שוין ווידער פריי !!!

די שובבֿים זענען ארויס פאַר דער טיר. דער רייטער האָט פאַקערעוועט צו אונז אויפן הויף. כ׳בין צו צו דער צווייטער זייט וואַנט און אים נאָענט אָבסערווירט: אַ יונגער שגץ, מיט ווילדע, צעפּלאָשעטע, בלאָנדע האָר. מיט אַ בלייך פּנים און קליינע גרינע אויגעלעך, אָנגעטון אין אַ ציוויל, צעקנייטשטן, שוואַרצן אַנצוג. ער האָט זיך ארומגעקוקט פון אַלע זייטן. כ׳האָב זיך שנעל אַראָפּגעשאַרט אין גרוב און פאַרמאַכט דאָס דעקל.

מיין חברה ציטערט:

— די פּוילישע פּאַרטיזאַנער, זיכער אַ יונגער פּוילישער קאָמאַנדיר פון וואַלד ארויס !

מיר הערן ווידער שווערע גאַלאָפּ־טריט פון פערד:

— יעשטשע פּאָלסקאַ — — — —

— ברידערלעך פּאָליאַקן ! פּוילן איז ווידער תחית המתים אויפגעשטאַנען!!!

די לופט איז פול מיט זיין שטורמיש געזאַנג.

ער דערווייטערט זיך. מען גייט צו אונז אין סטאָדאָלע, די שובבֿים. ביידע מיטאַמאָל קומען אריין, הייסן אונז עפענען און דערציילן סודותדיק, אַז אין קאָלושין געפינט זיך פריש מיליטער. דאָס האָט דער פאַרשוין אויפן פערד זיי דערציילט. קאָלושין איז פריי, נאָר זיי ווייסן נישט, זיי געדענקען נישט, וואָס ער האָט געזאָגט: צי די „רוסקע" זענען דאָרט, צי די „באָלשעוויקעס". ס׳קאָן גאָר זיין, אַז די „סאָוויעטן", יענער האָט עס נישט שאַרף אויסגעמשלט. אויף אים קאָן מען זיך סיי ווי נישט פיל פאַרלאָזן. דאָס איז אַ באַרימטער באַנדיט פון זשימנאַ־וואָדאַ, וועלכער האָט זיך עטלעכע חדשים אויסבאַהאַלטן פאַרן דייטש, געווען פאַרשטעקט און איז איצט אַרויס, ער פרייט זיך, אַז די דייטשן זענען אַוועק.

מיר זענען געבליבן ווי צוגעשטיינערט צום אָרט:

— די רוסן זענען דאָ ! קינדערלעך !!!

די שובבֿים זענען אַרויס.

— קינדערלעך !!!

מיר זענען געבליבן שטיל.

— טאַ, טאַ, טאַ — האָט זיך געטראָגן פונדרויסן.

מיר זענען אַלע אַרויס פון גרוב, אויבן אַרויף.

אין דאָרף איז נאָך געווען שטיל. פונדערווייטנס האָט מען געזען איינצלנע

מענטשן שנעל פאַרבײלויפן. מען האָט זיך מיט די הענט איבערגעוואונקען די נײעס.

— רוסקי, רוסקי יעסט — האָט אַ מיידל געשריגן ערגעץ צו אַ פויער.

ווידער האָט אַ שטויב זיך אָנגעטראָגן, אַ פערד איז אין גאַלאָפ אָנגעלאָפן. מיר האָבן נאָך פונדערווייטנס געזען דעם רייטער — מאַטשעק. ער איז אַרויף אויפן הויף.

— הוראַ! — האָט ער געשריגן. ער איז האַסטיק אַראָפגעשפּרונגען און אַרײַן גלייך צו אונז:

— זשידקי, רוסקי יעסט! רוסקי, וואַשע סאָן! בראָנפן, שנאַפּס! בראָנפן ווו האָט איר?

די שובעס זענען אים נאָך.

מיר האָבן זיך געדריקט די הענט. די פויערים זענען געווען פריילעך. פון אונזערע צעקנייטשטע פּנימער האָט זיך געדריקט אַ פרייד און אַרויסגעבראַכט קרומע גרימאַסן. ס'האָט זיך געוואָלט פרייען, טאַנצן און זינגען און אונטערן האַרצן האָט זיך עפּעס געשניטן אַ געוויין. כ'האָב פאַרגליווערט געשמייכלט, פון אינעווייניק האָט עפּעס געקוועלט, איבערגעלאָפן דעם גאַנצן גוף, אי פרייד, אי טרויער, אַ מעלאַנכאָלישקייט איז אין מיר אויפגעגאַנגען.

כ'האָב אַרויסגעכאַפּט אַ פּאַפּירל פון טאַש, דערלאַנגט שובען, ער זאָל ברענגען בראָנפן.

מאַטשעק האָט געשילדערט, ווי אַזוי די רוסן זענען אַרײַן קיין קאַלושין. גאַר אומגעריכט, גאַר אָנגעקומען פון דער צווייטער זייט — פון הינטן אַרום. פון לובלינער שאָסיי זיך דורכגעריסן — דורך הינטערוועגלעך און וועלדער — און קאַפויער געקומען ביי אונז, אויפן בריסקער וועג. די דייטשן פון בריסק און שעדלעץ זענען אַרומגערינגלט, אין אַ קעסל. די רוסקע זענען זייער שטאַרק באַוואָפנט. איצט וואַרפן זיי איבער די כוחות, פאַרשטאַרקן זיך, באַפעסטיקן די פּאָזיציעס און באַלד וועלן זיי זיכער גיין ווייטער, פאַרנעמען די אַרומיקע דערפער, קומען אויך אַהער. פון דאַנען וועלן זיי גיין אויף דאָברע.

— הוראַ! לעבעדיק! זשידקי!!!

— קינדערלעך, מיר זענען פריי! — עס רייסט זיך אין מיר, כ'וואָלט געשפּרונגען און צעזעצט דעם אַרום.

מיין חברה שמייכלט. ביי עטלעכע פאַרציען זיך די אויגן פייכט, זיי ווישן זיי מיט די הענט און לאַכן צו די גויים.

שובע איז געקומען צולויפן מיט אַ פלאַש „בימבער" און געבעטן, אַז מען זאָל וואַרטן אויף די שוואָלס. דער שוואָגער מיט דער שוועגערין קומען באַלד — אויסטרינקען מיט אונז, מיר מאַכן דערווייל פּלענער, צי איז גלייכער וואַרטן ביז די רוסקע וועלן אַהערקומען צו אונז, אָדער זאָלן מיר שוין זיי אַנטקעגנלויפן, קיין קאַלושין?

די שוואָלס זענען אָנגעקומען, זיך אַרומגעקוקט צעחושט. איך בין זיי אַנטקעגנגעגאַנגען, אַרײַנגעבעטן, זיך פאַרגעשטעלט און אַלע פון אונז. זיי האָבן אונז געקלאַפּט איבער די פּלייצעס:

— מאָלאָדיעץ, קלוגע יידעלעך, זיך דערוואַרט זייעריקע. איצט וועט איר שוין לעבן!

מען האָט אָנגעגאָסן דעם בראָנפֿן, זיך געווונטשן מיט די פּויערים, פֿריילעך געלאַכט און געקלאַפּט מיט די גלעזלעך:

— צום געזונט!

— לחיים! — האָב איך זיך אויסגעדרייט צו מיין חברה — לחיים!

כ'האָב זיך מיט זיי צעקושט. מיר האָבן זיך אָנגעקוקט. אינעווייניק האָט זיך עפּעס גערירט, די פֿרויען האָבן זיך צעוויינט.

* * *

מיר זענען געזעסן פֿאַרמאַכט אין גרוב און פֿאַרשלאָסן אין זיך געשוויגן. צפּורהלע האָט אין אַ ווינקל געהעשעט:

— מאַמע, מאַמע, מאַמעליו!

אסתרלען זענען גרויסע טרערן גערינגען פֿון די אויגן. זי האָט שווער געסאַפּעט. איך האָב אַרויסגערעדט:

— קינדערלעך, מען טאָר נישט, מען דאַרף פֿריילעך זיין און לויבן גאָט! לאָמיר אַרויפֿגיין!

צפּורהלע האָט געהעשעט:

— וווהין וועט מען גיין? ווו גייט מען? ווער וואַרט אויף אונז? — מאַמעליו, מאַמעליו! — זי האָט גענומען ספּאַזמירן.

פֿרוימאַן מיט איטשען האָבן געראָטן, אַז מ'זאָל גיין קיין קאַלושין. דאָרט, אין דער רויטער אַרמיי, וועט מען זיכער טרעפֿן יידן. אסתרל האָט געוואָלט, אַז מען זאָל נאָך וואַרטן ביז די רוסן וועלן אַהערקומען.

עס זענען אַריינגעקומען די שובעס. זיי האָבן געהאַלטן, אַז עס איז גלייכער צו וואַרטן, ווייל אויף די וועגן קיין קאַלושין איז נאָך אומרואיק, די לאַגע איז נאָך נישט זיכער, די פּויערים זוכן דייטשן נקמה צו נעמען. אין ווישניעוו האָבן עטלעכע פּויערים געכאַפּט אַ פּאָר דייטשע סאָלדאַטן און זיי מיט די קאָסעס צעשניטן אויף שטיקער, אויך אין אַנדערע דערפֿער איז אומרואיק. זיי קאָנען נאָך אונז אויך הרגענען, ווייל עס איז איצט הפקר, וואָס איינער וויל — טוט ער. גלייכער צו וואַרטן ביז די רוסקע וועלן אַהערקומען!

מיר האָבן באַשלאָסן צו וואַרטן ביז מאָרגן, זאָל די לאַגע קלאָר ווערן. דערווייל דאַרף מען זיך נאָך היטן, איידער וואָס ווען, נישט אַרויסגיין פֿון סטאָדאָלע. זאָלן די שכנים אונז נאָכנישט זען.

מען האָט דערווייל אויסגעשעפּט דאָס וואַסער פֿון גרוב, אַרויסגעגאָסן, אָנגעלייגט אַ פֿרישׂ ביסל שטרוי אין לאָך און זיך אין דער פֿינצטער אויסגעשפּרייט איינער לעבן אַנדערן.

* * *

אין שבתדיקן טאָג איז ווידער געווען שטיל אין דאָרף, מען האָט כמעט קיין מענטש נישט געזען. מיר האָבן נישט געוווסט, צי גיין, צי נישט גיין. די שובעס האָבן זיך אַ גאַנצן טאָג געשובט און לסוף נישט געוווסט, וואָס צו ראָטן. קיין שיסעריי האָט מען מער נישט געהערט. קיין שום ווייטע־דיקער גרוס איז פֿון קאַלושין נישט געקומען. מ'האָט כסדר באַשלאָסן גיין און דאָך זיך אָפּגעהאַלטן, ווידער באַ־

שלאָפֿן און זיך נישט געקאָנט דעצידירן. דער טאָג איז אַדורך, מיר האָבן געקלערט אין דער נאַכט צו גיין און — מורא געהאַט. ס'איז געבליבן — וואַרטן ביז מאָרגן — זונטיק, אָפּנעמען אַ געניִעם גרוס פֿון קאַלושין און זיך דעמאָלט אַהינלאָזן. צוערשט מוזן מיר אָבער זיכער זיין, אַז דער וועג איז רואיק. גלאַט אַזוי איצט — נישט אַהין און נישט אַהער — אַוועקפּטרן דאָס לעבן, פֿאַלן פֿון אַ ליאַדע פֿויערלס האַנט — איז נישט קיין „מסחר". די נאַכט איז אַדורך שטיל. מיר זענען עפּעס פֿריי און נישט פֿריי, מען מוז נאָך וואַרטן און האָבן געדולד.

זונטיק*), באַלד אינדערפֿרי האָט די זון לעבעדיק אויפֿגעשיינט, מיט טויזנטער הנען אַריינגעשיינט צו אונז. מיר זענען אַרויס אין סטאָדאָלע. די שובאָווע האָט אונז אַריינדערלאַנגט וואַסער, זיך אַרומצוּוואַשן. מיר האָבן זיך מיטן מאַשינקעלע ראַזירט, זיך ריין געמאַכט די מלבושים און גענומען וואַרטן אויף נייעס. מאַטשעקס ווייב, מאַנקע, איז אָנגעקומען און דערציילט, אַז אין זייער דאָרף איז שוין געווען אַ רוסישער פּאָרפּאָסטן, אַ „ראָזוויעדקע", זי האָט אונז געראַטן, לויפֿן קיין קאַלושין. מיר האָבן עפּעס טועם געווען און זיך גענומען גרייטן גיין. אויך די שוואָלס האָבן אונז באַזוכט, זיך גערימט, אַז זיי האָבן כסדר געהאַלטן סוד און נישט אויסגעזאָגט:

— בראָן־באָזשע, ווען מען כאַפּט אייך, וואָלט געווען שלעכט!

זיי מיינען, אַז מען מעג דרייסט גיין קיין קאַלושין. נישט שרעקן זיך, נאָר גיין פֿריי, אָפֿן.

מיר האָבן זיך אָנגעטון און ערשט דערזען, ווי פֿאַרפֿוילט און צעפֿאַלן אונזערע מלבושים זענען, מען זעט אויס ווי בעטלערס. מיר פּוצן זיי נאָכאַמאָל.

— יאָ, מ'גייט באַלד!

מען שטאַרקט זיך און מען מוטיקט זיך, אויף דער נשמה איז עפּעס געוואָרן פֿריילעך:

— מ'וועט גיין!

דערווייל, איז צו די שובעס אין שטוב געקומען צולויפֿן, פֿאַרויטלט, זייערס אַ פּלימעניק — טאַדעק — אַ שנאָץ פֿון איבער צוואַנציק, מיט אַ רויט בלימעלע אין לאַץ און אַ רויטער קאָקאַרדע אויפֿן האַלז — געבונדן ווי אַ שלייף. ער האָט געמאַכט מיט די הענט, צעקאָכט און דערציילט נייעס. די פּויערים זענען אַריין אין שטוב און אים אַרומגערינגלט, ער האָט געשריגן, אַז מיר, אין שייער, האָבן אַזש געהערט „ווי גוט די רוסקע זענען, וואָס פֿאַראַ פֿיינע מענטשן", ער איז געווען אין קאַלושין און באַקוקט די רויטע אַרמיי. זיי האָבן אים געגעבן דעם רויטן באַנד, אויפֿגענומען אויף אַ טאַנק און מיט אים געפֿאָרן ביז אַהער אין דאָרף אַריין. ער האָט זיי געפֿירט, געוויזן דעם וועג. זיי האָבן באַקוקט דאָס דאָרף און צוריק געפֿאָרן קיין קאַלושין, מסתמא וועט באַלד די גאַנצע אַרמיי אַהערקומען, ווייל דאָס איז געווען נאָר אַן „אויסשפּיר־גרופּע". זיי האָבן אים, טאַדעקן, געגעבן ברויט, פֿלייש, קאָנסערוון.

ער איז שנעל אַנטלאָפֿן.

מיר קאָנען זיך נישט שענקען: וואָס פֿאַראַ געלעגנהייט פֿאַרנאַכלעסיקט! מיר האָבן דאָך מיט זיי געקאָנט פֿאָרן קיין קאַלושין! אַצינד איז שוין שפּעט, זיי זענען

---

*) דעם 30־טן יולי.

שוין אוועק! שוין אפשר אַ שעה — דערציילט איצט שובע — ווי זיי זעגען צוריק אין שטאָט אריין. ער הייסט אונז וואַרטן, ווייל באַלד קומט דאָס גאַנצע מיליטער אַהער.

— ניין, מיר וואַרטן נישט! מיר וועלן זיי אַנטקעגנגיין און מסתם טרעפן אויפן וועג!

מיר ווילן שוין אַרויס — אויף דער סטעזשקע פאָרט וועד אַן אויף אַ ראָווער, אויפן וועג פון דאָברע צו אונז. ער פאָרט אַדורך שנעל און פאַקערעוועט זיך קיין קאַלושין, מען זעט ביי אים אויפן לינקן אָרעם אַ ווייס־רויטע לענטע — זיכער אַ פוילישער מיליציאַנט — אַ פאַרטיזאַנער. פאַר די דאָזיקע חברה־לייט האָבן מיר מורא, באַשלאָסן מיר צו וואַרטן ביז ער וועט ווייט אוועק, דאַן ערשט אַרויס און לאָזן זיך אין וועג. מיר שטייען ביי דער טיר פון שייער, גרייט מיט עטלעכע פעקלעך און די הענט, די פיס ברעכן זיך אונטער אונז. ער איז שוין נישטאָ. מען זעט אים שוין אויך נישט פונדערווייטנס. מיר ווילן עפענען די טירן — ערשט — וואָס איז עס? עס רוישט, מען פאָרט! עפעס הערט זיך אַ האַסטיקע באַוועגונג, ווי פון אויטאָס, האַרמאַטן. טאַנקן. אַ שווער גערויש ווי אַן אַרמיי וואָלט זיך דערנענטערט! אין דעם, אויף דער סטעזשקע פאָרט שנעל צוריק דער מיליציאַנט. ער קוקט זיך דערשראָקן אום אויף הינטער זיך, רייסט אַראָפ די ווייס־רויטע לענטע פון אָרעם און נעמט איילִיק לויפן אויפן ראָווער צוריק קיין דאָברע! מיר ווייסן נישט וואָס עס איז געשען! נישט ווייט פון אונז אין זשימנאַ־וואָרא, אויפן פּרשת־הדרכים ווענגראָוו־קאַלושין, הערט מען שוין טאַקע אַן אַרמיי! דער שאָסיי דאָרט צעשפּרינגט שיר אין דער לופטן אונטער דעם שווערן געפּאָרעריי פון טאַנקן און האַרמאַטן. אַ, אָ, וואָס רוישט אויבן? — אעראָפּלאַנען פליען אַזוי נידעריק, האַרט איבערן וועג, ווי איבערן קאָפּ פון די כאַלופּעס. שובע לויפט אַהין:

— די רוסקע, די רוסקע מוזן זיין!

ער רופט אונז מיט. מיר בעטן, אַז ער זאָל צוערשט אַליין גיין, זען און צוריקקומען, איבערגעבן וואָס עס איז, עפעס שרעקן מיר זיך, ער לויפט אוועק מיט מאַניעקלן, לויפט נאָר אַ קליין שטיקל און קומט באַלד צוריק, מיט אַ גאַנצער כאָפּטע פויערים. מען אַנטלויפט עפעס פון יענער זייט. די פויערים לויפן ווילד, דערשראָקן, מאַכן מיט די הענט, מען שרייט. שובע לאָזט זיי אָפּ, ער לויפט אין איין אָטעם, מיט טויט־שרעק אויפן פנים, גלייך צו אונז, ער פאַלט אַריין אין טיר:

— כּכאָוואַיטאַ סען, באַהאַלט אייך! שנעל, שנעל, באַהאַלט אייך! ניעמצי, דייטשן, טויזנטער דייטשן, וווּיסקאָ, מיליטער איז דאָ, זיי ראַבירן שוין אומעטום, שנעל אַריין אין גרוב, פאַרמאַכט זיך! אַריין טיפער! אָט אַזוי, גיכער!!!

מיר ליגן אין פינצטערן לאָך. שובע וואַרפט פון אויבן, אין איין אָטעם, אויף אונז, מיט בינטן שטרוי — איינעם אויפן אַנדערן.

⁂

עס האָט זיך געשטעלט דער פראָנט איבער אונז.

דייטש מיליטער — ס. ס.־דיוויזיעס — האָט זיך גענומען שיטן פון דער ווענגראָווער זייט און פאַרנומען פּאָזיציעס, אויף דעם שטח פון עטלעכע קילאָמע־

טער, אין אַלע דערפֿער, וועלדער, אויף די פֿעלדער. קאַלושין און דער גאַנצער בריסקער הויפּט־שאָסיי איז געווען באַזעצט פֿון די רוסן, וועלכע זענען אָנגעקומען פֿון לובלין און זיך דורכגעריסן דורך דרום און — די צפֿון־זייט פֿון שאָסיי — די ווענגראָווער געגנט און אַלע הינטערוועגלעך, איז געווען פֿאַרנומען דורכן דייטשן מיליטער.

דער פֿראָנט האָט זיך געשטעלט.

אונזער סטאָדאָלע איז געלעגן פּונקט אינדערמיט פֿון די דייטשע פּאָזיציעס. די סטעזשקע הינטער אונז איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין גלאַוונעם דייטשן „שאָסיי”. עס האָבן זיך אויף איר געצויגן וועגענער, שווער באַלאָדענע אויטאָס, טאַנקן, האַרמאַטן און דער גאַנצער קריגס־טראַנספּאָרט. פֿון אַלע זייטן זענען שכנים געלאָפֿן צו שובען. צום גליק און אומגליק ליגט זיין הויף אין טאָל — לויפֿן די פּויערים, וועלכע קאָנען זיך שוין נישט ארויסקריגן פֿון קריגס־פּלאַץ, זיך פֿאַרשטעקן אין אונזער הויף — אין טאָל. דאָ, צוליב דער טיפֿקייט, וועט אפֿשר דאָס באַשיסונגס־פֿייער זיך דורכציען און נישט אונטערציינדן די כאַלופּעס. אונזער הויף איז באַלאַגערט פֿון פּויערים, פּויערטעס און קינדער. חוץ שובעס משפּחה — אויך שכנים פֿון די נאָענטסטע דערפֿער. זיי בעטן, ער זאָל זיי אָפּטרעטן, צו וווינען, די סטאָדאָלע. שובע איז צעמישט, ער זוכט פֿאַרשידענע תּירוצים. עס קלעבט זיך נישט און די פּויערים זענען אין כעס. ער זאָגט, אַז אין סטאָדאָלע האַלט ער דעם קאָרן, ס'איז כמעט פֿול און ער האָט מורא, אַז זיי וועלן אים צוטרעטן און קאַליע מאַכן די תּבֿואה. ער בעט אַלע אַריין אין שטוב.

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי פֿון אַרטילעריע. די ערד האָט געציטערט, אַלץ איז אין דער לופֿטן געשפּרונגען, אונזער סטאָדאָלע האָט זיך געטרייסלט און שיר צעשיט געוואָרן. דאָס דייטשע מיליטער איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויף די פֿעלדער, הינטער אַלע ביימער און געשיט מיט פֿייער קיין קאַלושין. פֿון דאָרט אַהער האָט געהאָגלט מיט גאַנצע וואָלקנס פֿייער און רויך. מיר זענען ווי פֿאַרטויבט געוואָרן.

שובע איז אַריינגעקומען צו אונז אויף די שפּיץ־פֿינגער, און זיך געטרייסלט. ער האָט מורא, אַז די דייטשע זעלנער וועלן זיך דאָ וועלן איינקוואַרטירן. זיי האָבן שוין פֿאַרנומען — אין גאַנצן געגנט, אין אַלע דערפֿער און קאָלאָניעס — די כאַטקעס, סטאָדאָלעס און אפֿילו שטאַלן.

— קוים קומען זיי אַהער, אַריין צו אונז, זענען מיר פֿאַרלוירן! בעט גאָט, אייער יידישן גאָט, ער זאָל ראַטעווען! ער זאָל העלפֿן!

ער ברעכט זיך די פֿינגער פֿון די הענט און לויפֿט פֿאַרצווייפֿלט אַרום. שוין פֿון דער טיר קערט ער זיך אום:

— עסן וועלן מיר אייך מער נישט קאָנען אַריינגעבן! מ'קאָן נישט צוליב די שכנים אין שטוב. ס'איז אויך דאָ מאַטלאַק — דער פּאָזנאַניאַק, דער יידן־היצעל. ער וועט גלייך באַמערקן און פֿאַרשטיין, אַז עס זענען מענטשן — יידן דאָ אין דער סטאָדאָלע!

— נישט גוט! — שאַרט ער זיך שנעל אַרויס.

דאָס שיסעריי איבער אונז צעטרייסלט די לופֿט, די ערד וואַרפֿט זיך. מיר וויגן זיך אין גרוב.

כ'בין אויף א רגע אַרויף אין סטאָדאָלע און אַרויסגעקוקט.

קיין דייטשן האָב איך נישט געזען, נאָר פון אַלע זייטן האָבן זיך וואָלקנס רויך געצויגן צום הימל. דערפער האָבן געברענט. דאָס שיסעריי פאַרטויבט מיר די אויערן. ביי שובען אין שטוב איז אָנגעפּאַקט מיט שכנים, מען זעט זיי דורך די פענצטער.

אויפן וועגל זענען אָנגעפאָרן פרישע אויטאָס מיט מיליטער, מאָרוואָ האָט זיך צעבילט. איך בין שנעל אַריינגעשפּרונגען אין לאָך און פאַרקלאַפּט דאָס טירל.

זיי זענען אַדורך. מאָרוואָ האָט זיך באַרואיקט. מיר האָבן נישט געקאָנט איינזיצן אין דער דושנעקייט. כ'בין ווידער אַרויף און גענומען אַרויסקוקן. אויך פרוימאַן איז אַרויף און אַרויסגעגאָסן אונטער די ווענט די קובלעס וואַסער, וואָס אפרים האָט אים אַרויפדערלאַנגט. כסדר זענען אויטאָס, טאַנקן און האַרמאַטן געפאָרן אַהין און צוריק, מ'האָט געמוזט איבעררייסן און צוריק אַריין. דאַנקען גאָט, זיי האָבן זיך נישט פאַרהאַלטן ביי אונז.

אין פאַרמאַכטן באַהעלטעניש איז נישט מעגלעך צו זיין. זייט נעכטן רעגנט אינדרויסן און דאָס וואַסער פאַרפלייצט ממש דעם גרוב, מען מוז אויפהאַלטן דאָס טירל, כאָטש א ביסל לופט אַריינצולאָזן און כסדר אויך אָפּשעפּן דאָס וואַסער. מיר זיצן אַזוי אויך אין אַ קאַלוזשע. איך שפּרינג יעדע פּאָר מינוט אַרויס און גיס אויס דאָס פריש־אָנגעקומענע וואַסער, דאָס לאָך לופטערט זיך דערווייל איבער. אויף דער סטעזשקע פאָרן אָן אויפהער מאָטאָציקלען אַהין און צוריק, קורירן פירן איבער באַפעלן. עס איילן פאַרמאַכטע סאַניטאַר־אויטאָס, מיט א רויטן־קרייץ. אויטאָמאַבילן מיט אָפיצירן יאָגן פון אַלע זייטן. די בעסטע זאַך וואָלט געווען זיך פאַרמאַכן און בלייבן אינעווייניק, מיר וועלן אָבער חלשן פון דער היץ און דושניקייט. פון וואַסער און שטרוי זעצט א פּאַרע צו די שלייפן. מיר סאַפּען שווער, מען מוז האַלטן אָפן דאָס טירל.

איך קריך ווידער אַרויס, לויף צו צו דער שפּאַרע, מען פאָרט אויפּראָסניי, מאָרוואַ בילט.

איך טאָנץ נישט צוריק אַראָפּ, כ'וועל אַראָפּ נאָר דעמאָלט, ווען זיי וועלן זיך פאַרהאַלטן ביי אונזער הויף, כ'וועל נאָך באַוויזן זיך צו פאַרמאַכן. כ'בלייב אויבן און — מען פאָרט אָן איבעריים. די פּאָזיציעס, זעען אויס, נישט צו זיין אין אונזער קאָלאָניע, נאָר אַרום און אַרום. אויף די אַרומיקע פעלדער זענען די אָקאָפּעס. ביי אונז מוז פאַר זיי זיין צו טיף דער באָדן. זיי זאָלן נאָר חלילה אויך דאָ נישט איינאָרדנען קיין פונקט. די פּויערים זיצן אין שטוב אין איין ציטערניש און האָבן מורא אויפן הויף אַרויסצוגיין.

דאָס שיסעריי האָט זיך אינצווישנצייט אָפּגעשטעלט, אין דער לופט איז געוואָרן רואיקער. שובע איז נאָכאַמאָל אַריין צו אונז און דערציילט, וואָס פאַר א געפערלעכער פּאַרשוין דער פּאָזנאַניאַק, מאַטלאַק, איז.

— ער איז אַ דייטשער אַגענט. ער האָט דאָך אַמאָל געוווינט אין פּויזן און קען די דייטשע שפּראַך. ער טראָגט זיי אַלץ צו, שוין פיל שכנים — פּויערים, געמסרט און אויסגעפּרעסט ביי זיי געלט, ער איז א ספּעציעלער יידן־שונא, שוין א סך יידן געכאַפּט און זיי אַוועקגעפירט צו די דייטשן, ער פלעגט זיי שלאָגן מכות־רצח. מען דאַרף האָבן נסים, אז ער זאָל זיך נישט כאַפּן, אז איר געפינט זיך דאָ. ס'וואָלט געווען אויס אויך מיט אונז! אַזאַ באַנדיט איז ער!

ער דערציילט אויך, אַז אַלע דערפער אַרום ברענען איצט פון די באַשיסונגען. וווישניעוו האָבן די דייטשן אַליין אונטערגעצונדן, אַלס נקמה, ווייל די פּויערים האָבן דאָרט געהאַט דערהרגעט מיט קאָסעס עטלעכע דייטשע זעלנער. אומעטום זענען זיי דאָ, די דייטשן, אין אַלע הייזלעך, אין אַלע דערפער, נאָר ביי אונז און ביים שכן קאָוואַלטשיק נאָכנישט.

— וואָס טוט מען, אויב זיי קומען? עס וועט זיין ביטער!

ער שרעקט זיך אויך, אויב חלילה אונזער כטאָדאָלע וועט זיך אונטערצינדן, וועלן מיר לעבעדיקערהייט פאַרברענט ווערן.

— איר וועט דאָך נישט קאָנען אַרויס — זיך ראַטעווען! מען וואָלט אייך תּיכּף געכאַפּט און סיוווי דערשאָסן!

ער האָט אַריינגעבראַכט צוויי ווייסע קאָפּ־טיכלעך פאַר אסתּרלען מיט צפּורהלען. אויב עס וועט נעמען ברענען, זאָלן זיי, כאָטש די פרויען, אַרויס און זיך פאַרשטעקן אין די ביגטן תּבֿואה, וואָס שטייען נאָך אויפן פעלד. עס זענען נאָך פאַראַן איינצלנע סנאָפּעס. זיי, די פרויען, ווען זיי וועלן זיך גוט אַרומבינדן די פּנימער, וועט מען אפשר נישט דערקענען, אַז זיי זענען יידישקעס. זיי וועלן קאָנען אַריינלויפן אין די קופּעס געשניטענעם קאָרן.

— מיט אייך, מיט די מענער, איז נישט גוט!

עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ שיסעריי. דאָסמאָל האָבן געזאָלפּט הונדערטער מאַשין־געווערן און ביקסן.

— טיק, טיק — טיק, טיק! — האָט זיך געשניטן אין דער לופט. קוילן האָבן געפּייפּט אין ווינט.

שובע האָט זיך איבערגעצלמט און אַרויס.

אין דרויסן האָט דער רעגן געגאָסן, די מאַשין־געווערן האָבן זיך געריסן. אַ רעגן פון וואַסער און אַ רעגן פון פייער האָט זיך אויסגעמישט אין האָריזאָנט. אין דער נאַסער, גיכנדיקער גרויקייט, האָבן טויזנטער רויטע, שפּיזיקע פייערלעך — בליציק זיך אויפגעדיסן און טראָפּנווייז צעשפּרונגען אין אומצאָליקע פונקן, בייז זיך געשיט איבער די פעלדער און הייזלעך, צוזאַמען מיט די גרויע, האַרטע — ווי ארבעכלעך — רעגן־טראָפּנס. איך בין געשטאַנען ביי די שפּאַרעס און זיך געקלאַמערט אין דער וואַנט. כסדר האָט מיר אויסגעזען, ווי די פייערלעך רייסן זיך צו דער כטאָדאָלע, ווילן פון אַלע זייטן דורכהאַקן די דינע, ברעטערנע ווענט און זיך אייכעכן אין אונז. ביי יעדן בליציקן איבּפּרייס, האָב איך אינסטינקטיוו אָנגעכאַפּט דעם קאָפּ און זיך איינגעקורטשעט.

נאָך אַ שטיקל צייט איז געוואָרן שטיל, אויך דער רעגן האָט מיטאַמאָל אויפגעהערט. צווישן די וואָלקנס האָט זיך אַ זון אויף אַ ווײַלע דורכגעריסן און באַקוקט די ערד.

פון שובעס כאַלופּע האָט זיך די טיר געעפנט און — אַ הויכער, גראָבער, פעטט־געבויטער פאַרשוין — פון אַ יאָר פופציק, מיט אַ באַטרונקן פּנים, איז אַרויס פאַר דער שוועל. ער האָט זיך מיט די פאַרלאָפענע קליינע אייגעלעך אַרומגעקוקט. הינטער אים האָבן זיך נאָכגערוקט אַן ענלעכע צו אים געזונטע גויע, מיט רויטע

שמאַלציק־אָנגעפּרעסענע באַקן און צוויי קליינע שקצימלעך. באַלד זענען נאָך עטלעכע פּויערים אַרויס, זיך אַוועקגעשטעלט פאַר דער טיר און באַטראַכט דעם אַרום. זיי האָבן געקוקט מיט חשיבות אויף דעם אָנגעפּעצטן פאַרשוין, וואָס האָט כסדר מיט אַ גראָבער לאַפּע, זיך געגלעט דאָס שמאָלע וואָנצעלע אונטער דער בלויער נאָז און „גערעדט פּאָליטיק". ער האָט מיט אַ זיכערן טאָן גערעדט איבערן פראָנט און די אויסזיכטן. עס האָבן זיך פונדערווייטנס דערהערט דייטשע קולות. דער עולם איז שנעל צוריק אַריינגעלאָפן אין פּעדער־הייזל. דער „חשובער" פאַרשוין האָט געמאַכט מיט די הענט, זיי אונטערגעשטופּט, געהייסן זיך פאַרוקן טיף דאָס ווייב מיט די קינדער און פאַרמאַכט די טיר. אַליין איז ער געבליבן שטיין פאַר דער כאַלופּע, זיך אויסגעגלעט די מלבושים, פאַרגלעט דאָס וואָנצעלע און מיט דרייסטקייט אָפּגעוואַרט די דייטשן, וואָס האָבן זיך אויפן וועגל דערנענטערט. אַ באַוואָפנטע גרופּע איז אַדורך. ער האָט אויף דייטש זיך צו זיי באַגריסט, געלאַכט זיי אַנטקעגן אין די פּנימער און געווונטשן דערפאָלג: „זיי זאָלן גוט שלאָגן און שנעל קאַפּוט מאַכן די רוסקע". די סאָלדאַטן מיט רוצחישע פּרצופים, האָבן נישט געענטפערט, נאָר גענומען מאַכן ווילדע אויסרופן. זיי זענען אַוועק ווייטער. איך האָב זיך משער געווען, אַז דאָס איז מאַטלאַק. ער האָט זיי אין אַן עכט דייטשער אויסשפּראַך נאָכגעשריגן, אַז ער איז אַ דייטשער „פרוינד" און האָט ביז איצט געאַרבעט ביי די דייטשע „באַהערדען". אַ ביסל, ווייזט אויס, האָט ער פאָרט מורא געקריגן, האָט ער לאַנגזאַם, הינטערווילעכטס, געעפנט די טיר פון הייזל און זיך שנעל אַריינגעשאַרט.

⁂

פאַרנאַכט. אין דרויסן האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן די שטילקייט, די פּויזע־שעה צווישן די קאַמפן. אַ דריבנער רעגן איז ווידער שטעטיק געפאַלן און זיך איינגעשפּריצט אין דער ערד, וועלכע איז געלעגן אַ פאַרוווּנדעטע, אַן אויפגעריסענע, מיט הונדערטער לעכער און גריבער; זיך איינגעזאַפּט אין די צעפלאַשעטע, צעשויבערטע פעלדער און געקילט די לופּעס פון די האַרמאַטן. שוואַרצע כמאַרעס און וואָלקנס האָבן פון אַלע זייטן געצויגן און זיך אַראָפּגעלאָזט טיף ממש איבער די פעלדער. פונדערווייטנס האָבן זיך געהערט דייטשע געשרייען און פּויערישע געוואַלדן. עטלעכע זעלנער זענען געלאָפן אין אונדזער זייט, באַגלייט פון דאָרפישע יינגלעך, מיט גרויסע עמערס אין די הענט. מאָרוואַ האָט זיך געריסן אויף דער קייט. מיר האָבן זיך פאַרזיכטיק פאַרמאַכט. די געוואַלדן האָבן זיך דערנענטערט, מען האָט געהערט, אַז זיי זענען שוין אויף אונדזער הויף. איין זעלנער האָט ווילד געקוויטשעט. עס האָבן זיך געהערט שווערע טריט, ווי פון בהמות און געדיכטע שטימען, אַ געמיש פון דייטשע באַפעלערישע אויסרופן, פּויערישע הבנעה־געבעטן און איבער אַלעם דאָס בייזע קול פון טאָלדאַט, וואָס האָט זיך אַלץ ווילדער און העכער געריסן.

מיטאַמאָל, האָבן זיך אויפגעפּראַלט די טירן פון אונדזער סטאָדאָלע, עטלעכע דייטשן האָבן אַריינגעשריגן, אַריינגעשאָלטן, און צוריק אַוועק. די טירן זענען געבליבן אָפן, מען האָט דייטלעכער געהערט די קולות אויפן הויף. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער סאָלדאַט שרייט כסדר „יודע", „יודע"! מען האָט דאָס שוין בולט געהערט! אין דעם פאַרטויבנדיקן טומל האָבן די קי געמעקעט, מיר האָבן געקלערט, אַז די סאָלדאַטן נעמען צו די בהמות.

נאָך אַ האַלבער שעה איז אַלץ אַוועק. מען האָט ווידער געהערט די שווערע טריט פון די קי, ווי זיי וואַלגן צוריק אַריין צו שובען אין שטאַל. אויפן הויף איז שטיל געוואָרן, ס'איז שוין געווען טונקל. די שובאָווע איז צו אונז אַריינגעקומען, זיך געבראָכן די הענט און געגלאָצט מיט די אויגן. מיר האָבן אויך געשוויגן און געציטערט. פון דרויסן האָט אַריינגעיאָגט אַ מאָדנע קעלט און זיך געלייגט אויף די נשמות. שובע האָט זיך אַריינגעשאַרט, אַרויסגעיאָגט שטיל דאָס ווייב, אַרויסגעקוקט מיט איין אויג דורך אַ שפּאַרע און דערציילט, אַז דאָס זענען געווען ס. ס. - זעלנער. זיי האָבן קאָנטראָלירט אַלע פּויערים און יעדן חושד געווען, אַז ער איז אַ ייד. זיי זוכן ייִדן. אויך אין סטאָדאָלע האָבן זיי געוואָלט אַריין, נאָר זיי האָבן מורא געהאַט, טאָמער דאַרפט מען זיך אינעווייניק אויף זיי. דעריבער האָבן זיי בלויז אַריינגעקוקט, זען צי קיינער איז נישטאָ. זיי האָבן אויך מיטגעבראַכט קובלעס און מעלקן אומעטום די קי, די מילך ווערט צעטיילט צווישן די זעלנער אין די אָקאָפּעס.

איר דאַרפט זיין שטאַרק געהיטן! דאָס באַרעלכטניש שטענדיק פאַרמאַכט האַלטן!

— איצט — זאָגט ער — איז אַ ביסל שטילער, קאָן זיין, אַז ביינאַכט רוט דער פראָנט. אויך מיינע שכנים זענען איצט אַוועק, יעדער צו זיך אַהיים.

ער האָט אונז געוואָלט אַריינברענגען עפּעס אָפּצועסן, נאָר עס איז מער קיין ברויט אין שטוב נישט געווען, טאָקע האָבן זיי מורא געהאַט. מיר זענען סיי ווי געווען פאַרטרוקנט און גאָרנישט געקאָנט נעמען אין מויל אַריין.

שובע איז נאָך לאַנג מיט אונז געזעסן אין דער פינצטער און מוראדיק געזיפצט, ער האָט בסדר אַרויסגעשטאַמלט:

ביטער, ביטער!

- אָ, וואָ, וואָ פאַרוואָס זענט איר נישט געקומען, איידערנעכטן, אַוועק קיין האָלישין, צו די רויטע? מען וועט אונז איצט אַלע הרגענען. זיי זענען שטאַרק, די ניעמצים!

מיר האָבן געשוויגן, אין דער טיף געריסן פון זיך לעבעדיקע שטיקער „פאַרוואָס זענען מיר טאַקע נישט אַוועק!, „שוין געווען פריי און איצט?”. ס'האָט זיך געגלוסט ברעכן די הענט און רייסן זיך די האָר פון קאָפּ.

ווער ווייסט, צי חלילה?

מיר האָבן שווער געאָטעמט און זיך נישט געקאָנט מוחל זיין:

— פאַרוואָס זענען מיר נישט געגאַנגען?

דער פויער האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך אַרומגעקוקט אין דער פינצטערניש פון דער סטאָדאָלע און אַרויס.

מיר האָבן געהערט, ווי ער קייטלט אויף די אַנדערע טירן, די הינטערשטע, פון דער צווייטער זייט סטאָדאָלע. ער האָט פונדרויסן אַוועקגענומען דאָס הינטערלעגעכץ און אַריינגעשושקעט, אַז ער נעמט עס ספּעציעל אַוועק, כדי בעת אַן אומגליק, אויב די סטאָדאָלע וועט זיך, חלילה, אונטערצינדן, זאָלן מיר קאָנען אַרויס פון דער צווייטער זייט גלייך אויפן פעלד, צו די בינטן תבואה און צום וועלדל. פון דער אַנדערער זייט וועט מען אונז אפשר נישט זען אַרויסלויפנדיק.

מען האָט זיך אַלע פאַרמאַכט אין גרוב. דער קאָפּ איז ביי מיר געווען ווי אַ שטיק נעפּל. ס'האָט זיך געגלוסט אַרויסלויפן, אַנטלויפן אונטערן רעגן, זיך ווו פאַרשטעקן

און ווידער לויפן. מיר האָבן זיך דערפילט ווי אין אַ קליאַטקע, אַרומגערינגלט מיט אַ גאַנצן פראָנט פון ס. ס. ־ דיוויזיעס.

— וואָס האָבן מיר געטון ? פאַרוואָס זענען מיר באַצייטנס נישט אוועק ?!

די חברה סאָפּעט שווער, אַן אַנגסטיקער שווייס זעצט אונז אַרויס פון די לייבער. מיר פילן זיך ווי געוויקלט אין שוואַרצע רייפן, נישט אַרויסצופּלאָנטערן זיך פון דער געדיכטער פינצטערער נעץ !

— און אפשר זאָל מען ביינאַכט פּרוּוון זיך דורכרייסן דורכן פראָנט ?

די ערד האָט מיטאָמאָל אויפגעציטערט און באַלד נאָכאַמאָל.

די סטאָדאָלע איז אויפגעשפּרונגען ווי פון אַן ערד־ציטערניש, מעכטיקע אויפרייסן האָבן אַלץ גענומען טרייסלען. מיר האָבן זיך געקלאַמערט אין די ווענט. האַרמאַטן־שאָסן האָבן אָנגעהויבן דונערן, שראַפּנעלן און גראַנאַטן האָבן זיך געריסן. מיר האָבן מורא געקריגן צו בלייבן פאַרמאַכט. מיט געלייטטע הענט האָב איך געעפנט דאָס טירל און זיך אַרויסגעשלעפּט אויבן אַרויף. כ'האָב זיך געזעצט ביים ראַנד פון לאָך.

— דזזז, דזזז, דזזז ! — האָט געברומט אין דער לופט.

כ'האָב איינגענורעט דעם קאָפּ און מיט האַלב אָפענע אויגן געקוקט אויף די פינצטערע ווענט. שראַפּנעלן־ליכט האָט זיך אַריינגעריסן דורך די שפּאַרעס. ריזיקע פייערן זענען געפלויגן אין דרויסן, גאָר נידעריק. זיי האָבן מעכטיק אויפגעריסן און צעפּלאַצט די לופט. אַלץ האָט זיך געוואָרפן און געשפּרונגען פון דער ערד. ביי יעדן פייער, האָט זיך געדאַכט, אַז עס פליט גלייך צו אונז אין סטאָדאָלע אַריין. אָט־אָט ווערן מיר צעריסן אויף שטיקער. כ'האָב זיך גענורעט צו דער ערד :

— שמע־ישראל, שמע־ישראל !

כ'האָב דערפילט, אַז מען קלעמט זיך אין מיר איין. ס'איז געווען אסתרל. זי איז געווען אויבן. זי האָט מיך גענומען גלעטן און געדריקט דעם קאָפּ אין מיר. די ערד און דער דרויסן האָבן זיך געטרייסלט און אונז געוואָרפן. מיר האָבן זיך אויסגעצויגן אויפן באָדן :

— שמע ־ ישראל ! אוי גאָטעניו, האָב רחמנות !

— ס'איז דער סוף ! — האָט דאָס האַרץ געזעצט.

ס'האָט ווער אַרויסגערעדט פון דער עפּענונג :

— וואָס טוט מען ? אפשר אַרויסלויפן אויפן אָפענעם פעלד ? !

— ס'איז דאָך פינצטער אין דרויסן !

— דזזז, דזזז ! — האָט מוראדיק געברומט און געזשומעט דער גאַנצער הלל.

— דזזז ! דזזז !

ערגעץ האָט אויפגעבליצט און געמאַכט ליכטיק אויך אין דער סטאָדאָלע. אַלץ איז באַלויכטן געוואָרן : אסתרל איז געלעגן און ווי אַ שלאַנג זיך געוויקלט אַרום מיר. אפרימס קאָפּ האָט, ווי אין אַ כישוף־הויז, אַרויסגעשטעקט פון דער ערד (פון לאָך).

— דזזז, דזזז ! — האָט געדונערט.

ס'איז ווידער פינצטער געוואָרן און ראַקעטן ווי בליצן האָבן איינגעשלונגען שטיקער פינצטערניש. ווי דאָס מוראדיקע אויג פון מלאך־המות, האָט עס כסדר־

אריינגעלויכטן און אונז באַקוקט. מיר האָבן זיך געשאַרט צום באַהעלטעניש און געציטערט אַריינצוקריכן.

ס'האָט נאָכאַמאָל אויפגעריסן ערגעץ נישט ווייט און פייערן האָבן זיך געצונדן. ס'האָט געברענט אַרום און אַרום. מיר האָבן דערהערט געוואַלדן ווי שיכורע סאָלדאַטן וואָלטן געשריגן. אין איין אויגנבליק זענען מיר געווען אינעווייניק — פאַרמאַכט.

דער גרוב וויגט זיך, עס שווינדלט אַזש אין קאָפּ און פאַר די אויגן. מיר האַלטן אין איין קאָנטראָלירן צי ס'איז גוט פאַרמאַכט אָדער נישט. מיר ווייסן אַליין נישט וועלכעס ס'איז בעסער. מיר פאַרמאַכן און לענען עטוואָס צוריק אויף. ס'דאַכט זיך, אַז מען דערנענטערט זיך צו אונזער סטאָדאָלע. אַ ווינט בלאָזט און ס'איז אוממעגלעך עפּעס אויסצושיידן — אַלץ איז פאַרטויבט.

ס'איז אַ רגע שטיל געוואָרן. מיר הערן זיך איין — ס'איז שטיל, ווי אַלץ וואָלט אין אַנמאַכט געפאַלן! דאַכט זיך, אַז עס האָט אויפגעהערט. כ'האָב געעפנט און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ: ס'איז טאַקע שטיל! נאָר אָפּשיינען פון שריפות וואַרפן העלע ליכט־פּאַסן דורך די שפּאַרעס אין שייער אַריין. צו דער נאָז האָט מיר געשלאָגן אַן אָנגעסמאַליעטער ריח פון אָפּגעזענגטע ביימער און הייזער. נישט ווייט האָבן פרויען שאַרף געקוויטשעט און ווילדע מענער־געלעכטערן האָבן איבערגעהילכט די געשרייען. פרעכע קולות פון ווילדע אָרגיעס אַרום פייערן האָבן אָנגעוואָרפן אַ פּחד אין דעם פינצטערן גרוב, וואָס איז כסדר געוואָרן דורכגעלעכערט פון ליכטנאָדלען. די געלעכטערן האָבן זיך ווי געוויקלט אַרום די שריפות און געשפּריצט אימה. ס'האָט פאַרנומען עלנטע פרויען־הילפסרופן און גראָבע קולות. די שריפות האָבן זיך לאַנגזאַם געלאָשן, נאָך צו ביסלעך געצאַנקט, געשפּריצט מיט טויטע פונקען און — ווי חלבנע ליכטלעך אויף די פעלדער — זיך פון ווינט און רעגן אויסגעלאָשן. אַ שטאָק־פינצטערניש האָט אַלץ אויפסניי איינגעהילט. פאַרדושעטע געשטיקטע געלעכטערן האָבן זיך נאָך געהערט און אויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט די לעצטע קרעכצן. אַ פאַרטייעטע שטילקייט האָט געציטערט אין דער לופט. כ'האָב זיך צוריק אַריינגעצויגן אין גרוב. מיר האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן. אונטער אונז האָט זיך געפּלושטשעט די קאַלוזשע וואַסער. מען האָט איצט, אין דער נאַכט, מורא געהאַט אויסצושעפּן. די פינצטערניש זאָל דעם עכאָ נישט פאַרטראָגן און — אפשר שלייכט זיך אַ שאָטן הינטער די ווענט! אונזערע קעפּ זענען מידע געפאַלן אויף די נאַסע שטרוי־ווענט, אייניקע האָבן געשנאָרכט.

— רבונו של עולם, היט אונז! אומקומען חלילה גאָר פון רוסישן פייער?! אַ שיינע מעשה וואָלט דאָס געווען!

⁂

פאַרטאָג, האָט אונז דער פראָנט אַרויסגעריסן פון דער מידער איינגעדרימלטקייט. אַ הילכעריי, אַ געמיש פון פאַרשידענע דינגע כלי־זיין, האָט געפּויקט אין די אויערן און אומגעקערט דעם באַוווסטזיין. כ'בין פאַרזיכטיק אַרויס אין סטאָדאָלע, און בין צו צו די שפּאַרעס: די זון האָט אַ בלאַסע, אַ בלייכע, פון אַ באַהאַלטן

ווינקל אָפגעשיינט. אַנטקעגן דער נעבעטיקער קאַנאָנאַדע, האָט דאָס איצטיקע שויבעריי אויסגעזען ווי אַ גרילצעריי. ס'האָט, ווייזט אויס, „געאַרבעט" בלויז די אינפאַנטעריע אין די אָקאָפעס מיט לייכטע ביקסלעך און קליינע מאַשינגעווערן. מ'האָט אינדרויסן קיינעם נישט געזען. די פויערישע שכנים זענען שוין געווען ביי די שויבעס אין כאַלופע, זיי האָבן זיך געשטיפט הינטער די פענצטער. אויפן הויף איז געווען ליידיק. אויך מאָדוואַ איז — אַ דערשראָקענע און אַ דערצערנטע — פון דעם משוגענעם האַרמידער, וואָס די מענטשן האָבן די לעצטע טעג דאָ פליצים אָנגעמאַכט — טיף געקראָכן אין איר בודע און באַלעקט דאָס בנך יחידל, ווי וועלנדיק עס באַשיצן פאַר די מענטשלעכע ווילדע אויסטערלישקייטן. כ'האָב זיך געהייסן אַרויפדערלאַנגען מיטן קובל דאָס וואַסער אַרויסצוגיסן. די עטלעכע צענדליק קובלעס זענען אַוועקגערינען אין אַ זייטיקן ראָוו, צוזאַמען מיט די שטראָמנדיקע רעגנוואַסערן, וואָס האָבן זיך אַהערגעגליטשט פון הויף. קיינער וואָלט נישט חושד געווען, אַז מען גיסט דאָ עפעס אַרויס פון דער סטאָדאָלע. אויך אויפן גאַנצן הויף זענען ברייטע וואַסערן — דורכגעטרוקנטע אין דער מיט, מיט שמאָלע סטעזשקעלעך, פון דער זון — געלעגן ווי צעפלאַצטע שפיגלען. פרוימאַן האָט צוריק אַריינגענומען דעם ליידיקן קובל. ער האָט אויסגעזען ווי אַ שאָטן. ער איז אויך אַרויף אויבן טרוקענען דאָס צעשווייסטע לייב און איז געפאַלן ווי אין חלשות ביי אַ שפאַרע. ער האָט צו מיר געווונקען מיט די אויגן, אַז ער קאָן שוין מער נישט, ער גייט אויס. איך בין צו צום גריב און אַריינגעקוקט. פון דער טונקלקייט האָט מיר אַ מוראדיקער עיפוש געשלאָגן אין דער נאָז. זיי זענען געלעגן ווי זשאַבעס אין אַ זומפ און שווער געכאָרכלט. ווען פרוימאַן איז, אַביסל אָן אָפגעטרוקנטער, צוריק אַריין, איז אפרים אַרויס, שפעטער — צפורהלע, איטשע און דאַן — אסתרל. קיינער פון זיי האָט קיין כוח נישט געהאַט קיין וואָרט אַרויסצוברענגען. איך בין געלאָפן פון וואַנט צו וואַנט, פון שפאַרע צו שפאַרע און אָבסערווירט דעם אַרום:

— ניין, מיר וועלן חלילה פון דאַנען נישט אַרויס!

דאָס שיסעריי האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע שעה. שפעטער, אַרום עלף, האָט עס אויפגעהערט. שובעס געסט — בראש מיט מאַטלאַקן און זיין פאַמיליע — זענען אַרויס אויפן הויף, זיך אַרומגעקוקט און געזעצט זיך אויף די בענקעס פאַר אונזער סטאָדאָלע. די זון האָט אַלץ געשיינט און באַוואָרעמט די שטילקייט. די פויערים האָבן ווידער זיך איינגעהערט צו מאַטלאַקס „פּאָליטיק" און געשלונגען יעדעס וואָרט. ער האָט גערעדט מיט זיכערקייט, מיט אַ טאָן פון אַן אַלצווייסער:

— די רוסקע — זאָגט ער — וועלן דאָ אויך נישט בלייבן. מ'וועט זיי שפעטער פאַרטרייבן, די „מאָסקאַליעס", אַהין פון וואַנען זיי זענען געקומען. פוילן וועט זיין בלויז פאַר פאָליאַקן. דאָס גוטע וועט זיך איצט אָנהייבן. עס וועלן אויפלעבן די פוילישע ערד און דער פוילישער מענטש. אויך די פויערים, די „גאָספּאָדאַזשעס", וועלן אויסגלייכן די פלייצעס, מ'וועט נישט מוזן אַזוי שווער האָרעווען. עס וועלן זיין גענוג „מענטשן" צו דער אַרבעט. יעדער פויער וועט האָבן דינער, „פאַראָבקעס" — אַ פאָר דייטשן, אוקראַינער אָדער יידן. פאַר די דריי געמיינע בעלקער וועט זיין אַ גיהנום. שקלאַפן — שקלאַפן ביי אונזערע מענטשן וועלן זיי זיין, מען וועט זיי אָנלערנען, ווייזן ווי אַזוי זיי האָבן צו לעבן און זיך צו פירן. גענוג געלעבט אויפן פויערס פלייצעס! פון זייגן אונזער בלוט! דעם ערגסטן סוף וועלן האָבן די

איבערגעלעבטע זשידעס. זיי, די יידן, וועלן מיזן אָפּאַרבעטן פאַר דער גאַנצער צייט, אָן אַ פרייער מינוט. ווען ס'וועט נישט זיין וואָס צו טון — וועט מען זיי אָנבינדן פאַר אַ בודע אויפן הויף מיט אַ קייט אויפן האַלז, ווי — אָ, איר זעט? — ווי אָט דעם הונט! זעט! — קוקט! ווי דעם אָ — שובעס הינט!

ער האָט געטייטלט מיט דעם פינגער צו דער בודע:

— אָ, זעט!

מאַרוואַ — אַן אויפגערייצטע — האָט גענומען בילן מיט פאַרלאָפענע אייגן, זי איז געשפּרונגען מיט דער קייט און שיער איבערגעדרייט די בודע. אויך דאָס קליינע האָט דין, הייזעריק אונטערגעפּישטשעט.

אַלץ אין מיר האָט געזאָטן, געקאָכט.

כ'בין אַריין אין באַהעלטעניש און פאַרמאַכט מיטן דעקל.

די חברה האָט איבערגעריסן אַ שמועס און געבליבן שטיל. כ'האָב געפילט, אַז פרוימאַן איז דער ראש־המדברים. ער האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט אַ פאַרצווייפלטן און גלייכצייטיק מיט אַ זיגערישן בליק. אין דער פינצטער האָב איך געזען דאָס פינקלען און דעם בלישטש פון זיינע אייגן:

— נו, נאָכוואָס זיך געמאַטערט אַזוי לאַנג?

דאָס איז געווען דער המשך פון געדאַנק וואָס האָט אים די גאַנצע צייט נישט אָפּגעלאָזט און פון וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַפרייט. פון דעם געדאַנק וואָס ער האָט לעצטנס מורא געהאַט אין מיין אָנוועזנהייט צו ברענגען פאַרן מויל:

„אַ שאָד דאָס מאַטערן זיך, מען וועט סייווי נישט איבערלעבן!"

— נו? — האָט ער מיך אָנגעקוקט און אַלץ נאָך אים.

כ'האָב עפּעס געוואָלט זאָגן, אים אָפּענטפערן, נישט נאָכגעבן.

דאָס וואָרט איז מיר פאַרגליווערט געוואָרן אויף דער צונג.

⁂

שוין עטלעכע טעג ווי דער פראָנט ציט זיך און מען זעט נאָרנישט, אַז עס זאָל נעמען אַ סוף. יעדן טאָג און נאַכט דאָס כסדרדיקע עפענען און פאַרקלאַפּן דאָס דעקל איבער אונדז; דאָס אומאויפהערלעכע פאָרן אַהין און צוריק פון דייטשע טאַנקן און אויטאָס לענג־אויס די כטעזשקעס; — דאָס דונערן פון האַרמאַטן און קלאַפּעריי פון ליכטן־געווער; די אָנפאַלן פון זעלנער אויף די איינוווינער פון די דערפער — פאַרגוואַלדיקונגען, רויבערייען און שיסערייען. עטלעכע מאָל אין טאָג קומען די סאָלדאַטן אויף אונדזער הויף — מעלקן די קי און זוכן אינאיינוועגס יידן. אויך יעדעס ביסל זעלנער, וואָס גייט פאַרביי — כאַפּט זיך אַריין צו אונדז אין שייער און זיי נישטערן אַלץ אַדורך; די קללה פון רעגן און פון וואַסער: צוליבן רעגן ציטערט מען, אַז דאָס מיליטער זאָל אין די פויזע־שעהן זיך נישט אַריינכאַפּן אין סטאָדאָלע, זיך אויסרוען אויפן היי און שטרוי. מיר וואָלטן, חס־ושלום, אין גרוב נישט אויסגעהאַלטן, מ'וואָלט, חלילה, פון דער געדיכטער שטינקעניש דערוואָרגן געוואָרן. זיי וואָלטן אונדז זיכער אויך דערטאַפּט אונטער דער ערד.

היינט, האָבן מיר געהאַט באָמבאַרדירונגען. די סאָוויעטן האָבן געוואָרפן

קלײנע באָמבעס אויף די דײַטשע פּאָזיציעס. די דײַטשע אַרטילעריע האָט אַרויפֿגעשאָסן און אַראָפּגעוואָרפֿן עטלעכע רוסישע עראָפּלאַנען. דאָס געקנאַלערײַ האָט צעלעכערט די הימלען, מיר זענען אין דער לופֿט געשפּרונגען. פֿון אַ לעכל אין וואַנט האָב איך געזען צוויי אונטערגעצונדענע רוסישע עראָפּלאַנען ווי שטיקער רויך זיך אַראָפּקײַקלען אויף דער ערד. אַלץ אין קאָפּ האָט זיך מיר פֿאַרמישט.

אין די לעצטע טעג זענען מיר אײַנגאַנצן אויסגעליידיקט פֿון געדאַנקען, מ׳קאָן שוין גאָרנישט טראַכטן. די קעפּ זענען בײַ אונז ווי אָנגעדראָלענע, שווערע העלצער. בלויז דאָס אומאויפֿהערלעכע געקנאַלערײַ וועקט דעם פּחד־באַוווסטזײַן. ווערט אַביסעלע שטילער, ווערן מיר ווי אויסגעלאָשן, מיר ווייסן נישט וואָס עס טוט זיך מיט אונז, אַלץ פֿלאָנטערט זיך אין קאָפּ. מיר זענען שוין נישט קיין מענטשן, נאָר בלויז שטיקער אויסגעלאָשענע שרעק. די שובעס גיבן אונז נישט אַרײַן קיין עסן, מיר שפּײַזן זיך מיט די תּבֿואה־קערנדלעך און טרונקען דערנאָך דאָס אונטערגעקומענע וואַסער פֿון גרוב. מיר נויטיקן זיך נישט אין עפּעס אַנדערש, אַלע זענען מיר קראַנק. אויך מײַן קראַנקייט מאַטערט מיך דאָס לעצטע ביסל צו. אַ פֿיבער שלאָגט מיר צו די שלייפֿן און האַרץ. ווען מען וואָלט כאָטש אויף עטלעכע טעג זיך געקאָנט פֿאַרמאַכן אין גרוב און נישט אַרויסגיין בכלל! די קללה פֿון וואַסער איז דאַכט זיך די ערגסטע! ווען מען וואָלט כאָטש נישט געדאַרפֿט אָטעמען! אַזוי מוז מען כּסדר זײַן אָנגעשטרענגט און האַלטן געשפּאַנט די נערוון. דאָס מיליטער פֿאַרלאָזט נישט קיין איין מינוט די סטעזשקע. דאָס פֿאָרערײַ אַליין מאַכט משוגע. פֿון די אויטאָס און אַלע וועגענער רײַסן זיך צו אונז אַראָפּ אויסגעמאָלטע שאַרבנס — טויטע קעפּ — אויך פֿון די שוואַרצע סאַמעטענע היטלען, העלמען און אָרעמס פֿון די אָפֿיצירן און זעלנער. זיי פֿאָרן און מאַרשירן אָן אויפֿהער פֿאַרבײַ און לעכערן דעם גרוב מיט זייערע שפּיזיקע בליקן. איך לויף שוין נישט כּסדר אַראָפּ, נאָר ווען זיי דערנענטערן זיך און פֿאַקערעווען צו אונזער סטאָדאָלע. נישט ווייניקער דאַרף מען זײַן קאָנצענטרירט מיט דער וואַכזאַמקייט צו די געסט פֿון שטוב, וועלכע לויפֿן אָפֿט אויפֿן הויף אַרויס און שנאַפּן אומעטום מיט די נעז.

„ניין, מיר וועלן, חלילה, נישט אַרויס פֿון דעם אַלעם!"

איך דערמאָן זיך, אַז מיר זענען שוין געווען פֿרײַ. כ׳וואָלט זיך אויפֿגעריזשעט דאָס אייגענע האַרץ. וועלכער טייוול האָט אונז דאָ געהאַלטן? שוין, געקאָנט לעבן און —

אַזוי פֿיל יאָרן זיך דורכגעמאַטערט, אַזויפֿיל נסיונות אויסגעשטאַנען, איצט, אין דער לעצטער מינוט חלילה?

„ניין, ס׳איז אוממעגלעך! ס׳איז דאָך דאָ אַ השגחה".

מיר קלאַמערן זיך אין לעבן.

⁂

עס איז שוין עטלעכע טעג אין אויגוסט, ס׳איז פֿרײַטיק. שוין באַלד אַ וואָך ווי מיר זענען, ווי אין חלום, אַן אויגנבליק געווען פֿרײַ און ווי דאָס אומגליק האָט זיך ווידער אַזוי שרעקלעך אַראָפּגעלאָזט גלײַך איבער אונזערע קעפּ. דער פֿראָנט דושעט און וואָרגט אונז מיט זײַן גאַנצער מעכטיקייט. דעם דרויסן איז שוין נישט צו דערקענען. אַלץ איז איבערגעדרייט און אויסגעריסן מיטן וואָרצל. דאָס מיליטער־

איז ווילד. מען טוישט יעדן טאָג די פּאָזיציעס, די סאַניטאַר־אויטאָס שלעפּן כמעט אָן אויפהער וועגענער מיט הרוגים, צעשמעטערטע קערפּערס, אחוץ די פאַרוווּנדעטע. זיי האַלטן זיך נאָך אָבער, זעט אויס, פעסט. א שלל פון אַמוניציע קומט כסדר צו. די מעכטיקסטע כלי־משחיתים. מען ווייסט קיינמאָל נישט פון וועמען די הילביקע שיסערייען און אויפרייסן קומען, צי פון די רוסן, צי פון זיי — ימח־שמם? צי גייט די רויטע אַרמיי כאָטש אַ ביסל פאָרויס, אָדער האָבן זיי נאָכנישט אָנגעהויבן דעם אָנגריף אויף צו פאַרטרייבן די דייטשן? — אין א דאָרף דערלעבן — האָט אונז שובֿע נעכטן ביינאַכט דערציילט — איז שוין געווען אַ רוסישער פאָר־פּאָסטן, נאָר די דייטשן האָבן זיי געכאַפּט און נאָכן אויספאָרשן — הינטער אַ סטאָדאָלעוואַנט — דערשאָסן. זיי כאַפּן כסדר פרישע רויטאַרמייער און דערמאָרדן זיי הינטער די כאַטע־ווענט. צי ראַנגלען זיי זיך אַזוי מיט די לעצטע כוחות, אָדער זענען זיי — חס־ושלום — שטאַרק? -- נאָך יעדער געדיכטער שיסעריי דערוואַרטן מיר די רוסן און בלייבן אַנטוישט. יעדן פאַרטאָג לויף איך שנעל אַרויס, קוקן צי מען זעט נאָך די דייטשן, צי דאָס געדיכטע פּאַרעריי אַ גאַנצע נאַכט איז נישט געווען זייער אַנטלויפן? צי האָט דער נאַכט־אָנגריף זיי נישט פאַרטריבן? איך דרענג די אויגן צו די שפּאַרעס: האַקן־קרייצן און טויטע קעפּ בלישטשען אין טאָג־ליכט! די ערשטע טעג האָט מען נאָך געפּרוווּט אויסטייטשן זייער מאַנעווּרירן: זענען זיי געפאָרן אויף קאַלושין, האָבן מיר דאָס אָנגענומען פאַר אַ שלעכטן סימן, אַ באַווייז אַז זיי טרעטן נאָך נישט אָפּ, זיי פאַרשטאַרקן נאָך די ערשטע ליניעס. זענען זיי, פאַרקערט, געפאָרן צו דאָברע־צו, האָט מען זיך ווידער גענומען קלאַמערן אין דער האָפענונג. היינט זענען מיר שוין צעמישט: זיי פאָרן כסדר אַהין און צוריק און עס נעמט קיין עק נישט! מען קאָן נאָרנישט דערפון דרינגען!

די שובֿאָווע פאַרפּייניקט אונז אויך. אין יעדער פרייער מינוט קומט זי אַריין צולויפן, זי ברעכט די הענט, קנייפּט זיך אין די באַקן:

— ניין, ניין, אַ שאָד די רייד, מען וועט אונז הרגענען!

— גאָט, מיין גאָט, נאָכוואָס האָט מיר געטויגט דאָס אומגליק אין הויז?!

נעכטן און היינט, ווען קיינער האָט נישט געזען, האָט זי אונז, אפילו אונטערן פאַרטוך -- אַריינגעבראַכט עטלעכע שטיקלעך ברויט מיט טיי, איינמאָל שוין אויך אַ ביסל זופּ פון קאַרטאָפל. מיר קאָנען עס אָבער נישט עסן. זי קנייפּט זיך אין די באַקן און לויפט אַרויס.

אַלץ קלעמט און זינקט אונז אַראָפּ און דאָ איז דאָך דער פראָנט, דאָס הייסט, די רוסישע ליניע, אַזוי נאָענט, סך־הכל זעקס קילאָמעטער פון דאַנען, אין קאַלושין, געפינט זיך די רויטע אַרמיי! ווער ווייסט וויפל יידן צווישן זיי און אפשר אויך היימישע יידן, פוילישע יידן, גואלי הדם, צוריקגעקומענע נאָך פינף יאָר אַהיים מיט דער האָפענונג נאָך עמעס צו טרעפן? אָ, נאָר אַזאַ קליין שטיקל וועג טיילט אונז פון זיי! אפשר זוכן זיי דאָרט מיט אַ ליכט אַ יידן, כאָטש אַ לעצטן ייד, אַ לעבעדיקן עדות אויף די אומענדלעכע חורבות פון זייערע היימען און שטעטלעך און דאָ ליגן מיר אַזוי הילפלאָז! אַזוי אומבאַהאָלפן קלאַמערט מען זיך מיט די שטיקלעך נשמות אויף די שפּיצן פינגער! זיי זאָלן נאָר באַווייזן אונז מיט דעם רעשטל חיות, מיט דעם קאַפּעלע לעבן, צו טרעפן! מיר זענען דאָך אַזוי אַרומגערינגלט! צי איז דאָס נאָך מעגלעך?

ס'איז היינט פרייטיק, דער פאַטאַלער, פרייטיקדיקער טאָג. מיר זאָלן אים נאָר בשלום איבערקומען. עפּעס אַ פּאַטום שוועבט אַרום דעם דאָזיקן טאָג, דעם טאָג, אין וועלכן אונזערע מאַמעס האָבן ליכט געצינדן און געבענטשט אונזערע קעפּ, אין דעם טאָג, ווען די מלכה שבת פלעגט, געהילט אין פּאַמעטענער דעמערונג — אַ פינקלדיקע אָנקומען. עפּעס אַ פּאַטום לויערט אויף דעם דאָזיקן מילדן טאָג. אין פרייטיק איז פאָרגעקומען די „אַקציע" ביי אונז אין שטאָט. אין בין־השמשות, אין זמן פון ליכט־צינדן, האָט מען אונזערע מאַמעס און שוועסטער געטריבן צו דער באַן און זייערע לעבנס, ווי צאַנקנדיקע ליכט — געלאָשן. אויך די עדה פון קאַלושין איז אין אַ פרייטיק (ערב סוכות) אומגעבראַכט געוואָרן. דאָס אומגליק מיט פּעלעקן האָט אונז אויך געטראָפן אין אַ פרייטיקדיקן פאַרטאָג. יעדן פרייטיק האָבן מיר זיך, מער ווי תמיד, געשראָקן. אין אונטערבאַוווּסטזיין האָבן אונזערע נשמות געציטערט און ווי ליכט אויפן ווינט געפלאַטערט.

ס'איז אפשר היינט דער לעצטער פרייטיק, מיר זאָלן אים נאָר איבערקומען בשלום!

דאָס האַרץ וואַרפט זיך אין ציטערנדיקער דערוואַרטונג. מען ציילט די שעהן, די מינוטן, די רגעס. מען האַלט זיך איינער אין אַנדערן אָן. אַ, אפשר וועט צוזאַמען מיטן שבת די אויסלייזונג קומען?

אין דרויסן איז היינט שיין, זוניק, די בלאָטעס טריקענען זיך, אַ ווײַלע דאַכט זיך, אַז ס'איז איצט פרילינג, אַ שטיקל האָפענונג לייכט אַריין.

אַרום אונז און אויפן גאַנצן פראָנט איז עפּעס אַ צערודערונג, מען גרופּירט איבער די כוחות, אָפיצירן און קוריערן אײַלן ווילד אַהין און צוריק, מען וואַרפט באַפעלן, מען ציט איבער אין אַנדערע זייטן דעם טעלעפאָן און די טעלעגראַף־דראָטן. אַזוי איז דאָך שיסעריי היינט אַ שוואַכערע, נאָר פון צייט צו צייט פליען, ווי צופעליק, קוילן, אויף וועלכע קיינער ליגט קיין אַכט נישט. צי זענען דאָס נישט די שעהן פאַר אונזער אויסלייזונג? —

⁂

אַ סאַניטאַר־אויטאָ איז לאַנגזאַם פאַרפאָרן צו דער סאַדזעוויקע. צוויי זעלנער זענען אויסגעשטיגן, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מלבושים און זיך געוואַשן. אַ לאַנגע צייט האָבן זיי דאָ זיך געזוימט, אויך דעם אויטאָ אַרומגעוואַשן. זיי האָבן זיך נאַקעטע געטרוקנט אויף דער זון און אַרומגעבלאָנדזשעט אויפן הויף. איך האָב פאַרזיכטיק נאָכגעקוקט זייער יעדע באַוועגונג. זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו דער סטאָדאָלע. כ'בין געשיקט אַריין און שוין האָט מאַרוואַ אַלאַרמירט. זיי האָבן געעפנט די סטאָדאָלע, אַריינגעקומען און באַלד צוריק אַרויס. מאַרוואַ האָט מיט שנאה געבילט. די זעלנער האָבן זיך מיט איר געצייצט. מען האָט געהערט ווי זיי הודערן ביי איר בידע און זי שפּרינגט אומבאַהאָלפן פון דער פעל אַרויס. דאָס קליינע האָט דין געפּישטשעט. די זעלנער האָבן עפּעס געדרייט אין געוואָרפן, געלאַכט און זיך געצייצט און מאַרוואַ, ווי אַן אַוועקגעשליידערטע אין אַ זייט, האָט מיט די לעצטע כוחות הילף גערופן. די סאָלדאַטן זענען אַוועק, זייער געלעכטער צוזאַמען מיט דעם פּישטשען פון הינטעלע האָט זיך שוין געהערט פון דערווייטנס. מאַרוואַ, ווי אַ משוגענע האָט אויף דער קייט געטאַנצט און הייזעריק געוואָיעט. מיר האָבן פאַרשטאַ־

נען, אַז זיי האָבן ביי איר אָוועקגענומען דאָס לעצטע שטיקל קינד. אַ לאַנגע צייט דערנאָך האָט זי זיך נאָך היסטעריק געריסן און מיר האָבן נישט געוווסט צי באַקלאָגט זי אַזוי דאָס הינטעלע אָדער דרייט זיך נאָך ווער אויפן הויף. שפּעטער האָב איך שטיל געעפנט דאָס דעקל און זיך איינגעהערט, געוואָלט עפּעס אויפכאַפּן אויסער איר בילן. כ׳בין אַרויס און אויף די שפּיצן פינגער צו צו דער שפּאַרע: ס׳איז אַלץ געווען שטיל. די זעלנער מיטן אויטאָ האָט מען שוין נישט געזען. הינטער שובעס פענצטער, אין שטוב, האָבן זיך נאָך געדריקט די פּייערים און איבערגעשראָקן, זייטיק אַרויסגעקוקט. פון די פעלדער האָט מען נאָך אַן עכאָ געהערט דייטשע קולות, אויך מאָטאָרן האָבן דאָ און דאָרט געריישט. ס׳איז שוין געווען האַלבער טאָג, די זון איז הויך איבער די פעלדער געשטאַנען. פרייטיק. מיטאָג־צייט, וואָס וועט זיין ווייטער?

⁂

פון דערווייטנס האָט זיך פּלוצים אָנגעטראָגן אַ שווער גערויש. ערגעץ פון אַ וועגל האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ פּאַרמאַסקירטער אין גרינע צווייגן טאַנק, ער איז געפאָרן אין אונזער ריכטונג, שלעפּנדיק הינטער זיך אַ שווערן האַרמאַט מיט אַ לאַנגער גראָבער לופע. פון צווישן די גרינע צווייגן אויפן טאַנק האָבן אַרויסגעשטעקט ביי אַ צען גרין־באַהעלמטע קעפּ פון סאָלדאַטן, אַ קליינע גרופּע האָט אויך נאָכמאַרשירט הינטער דעם האַרמאַט.

דער טאַנק האָט מיטאַמאָל אַראָפּגעדרייט פון וועגל און זיך פאַרנומען אויפן פעלד, געפאָרן אין דער ריכטונג פון קאָוואַלטשיקס הויף. דאָס האַרץ האָט זיך ביי מיר ווי אָפּגעריסן. כ׳האָב זיי נאָכגעקוקט — זיי זענען טאַקע פאַרפאָרן צו קאָוואַלטשיקס סטאָדאָלע און געבליבן שטיין. באַלד האָט אַן אָפיציר אַ קורצן באַפעל געגעבן און די זעלנער, ווי קראָען פון אַ בוים אַראָפּ, זענען איינער נאָכן אַנדערן געשפּרונגען פון צווישן די צווייגן אַרויס. ס׳איז געפאַלן אַ באַפעל — אַ גרופּע איז געלאָפן צו קאָוואַלטשיקן אין שטוב אַריין. נאָך אַ באַפעל — די איבעריקע האָבן זיך מיטאַמאָל אַלע געלאָזט אויף אונזער הויף.

ס׳האָט זיך מיר פאַרמישט אין קאָפּ און ווי פון אַ שטורעם געוואָרפן, בין איך אַריינגעפאַלן אין באַהעלטעניש אָן איין אָטעם. אַ רויך האָט מיך געוואָרגן אין האַלדז. כ׳האָב פאַרקלאַפּט דאָס דעקל. מיט צוויי טעג פריער האָבן מיר אויבן, איבערן טירל, געהאַט פאַרלייגט מיט שובעס אַ לאַנגן לייטער — אַ „זייט" פון אַ פור, היי צו פירן פון פעלד אין שייער אַריין. דעם „קאָפּ" פון דער לייטער אָנגעלענט אויף איין וואַנט און משופּעדיק איז זי מיטן אַנדערן עק געלעגן אויף דער ערד — ביי דער פונדאַמענט־בעלקע פון דער אַנטקעגנדיקער וואַנט. פון ביידע זייטן, ביי ביידע ווענט, אויף דער לייטער, האָט מען אָנגעוואָרפן גרויסע שטשאַפּעס האָלץ, אייזנס און דרענגער. ס׳איז זי כמעט אוממעגלעך געווען צו רירן פון אָרט. צווישן צוויי שטיגלעך פון לייטער, אַ פערטל מעטער נידעריקער, איז געווען אונזער טירל. אַריינקומענדיק אין סטאָדאָלע וואָלט מען זיך נישט געקאָנט זעצן אויף דעם אָרט און דערפילן אונטער זיך אַן עפענונג.

מיר זענען אינעווייניק געבליבן פאַרמאַכט און דערפילט די פּליצימדיקע סכנה, וואָס איז אָנגעקומען, די מיטאַמאָליקע געפאַר, וואָס שוועבט איבער אונז. זיכער אָרדנט מען אויף אונזער הויף איין אַ פּאָזיציע! ס׳האָט הלילה פּאַסירט דאָס אויס־

טערלישסטע, פאַר וועלכן מיר האָבן זיך כסדר אַזוי געשראָקן!

מיר האָבן זיך געוואָלט איינגריזשען אין די ווענט.

פון הויף האָבן זיך שוין געטראָגן דייטשע געשרייען, מאָרוואַס בילן, און — שווערע טריט האָבן פאַרטופּעט די ערד. מיר האָבן כמעט פאַרלוירן דעם באַוווּסטזיין.

— שוין, שוין, חלילה פאַרפאַלן!

א טיר פון סטאַדאָלע האָט זיך געעפנט, נאָר שטיל, לייכט. זי האָט זיך באַלד צוריק פון אינעווייניק פאַרמאַכט. מען איז אויבן געקראָכן, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז שובע. ס'איז טאַקע געווען ער. ער האָט לייכט געזווישט איבערן טירל און אָנגעכלאַפּט:

— עפנט!

כ'האָב א שפּאַלט אויפגעמאַכט.

שובע האָט אַריינגעסודעט:

— ביטער, שוין, קאָניעץ — אַן עק! זיי קומען צו אונז, זיי מאַכן דאָ א פּאָזיציע הינטער קאָוואַלטשיקס סטאַדאָלע. א ביסל זעלנער וועט ווינען ביי קאָוואַלטשיקן און די אַנדערע ביי אונז. זיי האָבן מיך געהייסן אויסרייניקן די שטוב פאַר די אָפיצירן און די סטאַדאָלע פאַר די זעלנער.

— דער טויט, דער טויט! וואָס וועט זיין? — מיר גייען אַנטלויפן, אייך וועט מען הרגענען!

ער האָט געוואָלט אַרויס. כ'האָב אים קוים איינגעהאַלטן און געפרעגט פּרטים.

— זיי זענען דאָ געווען און אַרויסגעטריבן אַלע שכנים פון שטוב, איצט זענען זיי ווידער אַוועק צום האַרמאַט הינטער קאָוואַלטשיקן און קומען שוין, די מינוט, צוריק.

כ'האָב אים געבעטן אַרויסקוקן דורך א שפּאַרע, ער זאָל זען, וואָס זיי טוען.

זיי האָבן זיך נאָך געפּאָרעט ביים האַרמאַט.

כ'בין אַרויף אויבן, כ'בין אויך צו צום לעכל. שובע האָט מורא געקריגן און איז שנעל אַרויס אויפן הויף. ער האָט שטיל פאַרמאַכט די טיר:

— ביטער, מיר אַנטלויפן!

כ'האָב אַרויסגעקוקט: די זעלנער זענען געשטאַנען און באַטראַכט די פּאָזיציע.

כ'האָב פאַרבראָכן די הענט:

— ס'איז דער סוף, ס'איז חלילה אויס!

א געפּל האָט זיך מיר פאַרצויגן פאַר די אויגן. כ'בין צו צום טירל: די פרויען האָבן זיך אינעווייניק געוואָרפן:

— לייבל, לאָמיר בעטן גאָט, בעט, לאָמיר בעטן!

— נישט גוט, קינדערלעך!

כ'בין ווידער צו צום לעכל.

דער טאַנק האָט גערוישט, עטלעכע זעלנער האָבן עפּל פון די ביימער געריסן.

— רבונו של עולם, העלף, ראַטעווע!

כ'האָב זיך געוואָלט צערייסן אויף שטיקער.

די זעלנער האָבן מאַנעווירט און געשטופּט דעם האַרמאַט, אים כּסדר איבערגערוקט.

פון אונטן האָט מען צו מיר אַרויסגעשריגן:

— לייבל, לייבל, בעט רחמים, בעט, בעט, אוי וויי!

ס'האָט זיך אין מיר געריסן, ווי פון אַ פּאַרשטאָפּטן קוואַל האָט עפּעס געזעצט פון אַלע זייטן צו די אויגן. כ'האָב אַרויסגעוויינט און גענומען ספּאַזמירן:

— רבונו של עולם, ראַטעווע, העלף!

כ'האָב זיך געזעצט מיט די פויסטן אין קאָפּ.

די זעלנער אין דרויסן האָבן געטומלט און געשריגן.

— קינדערלעך — בין איך צו צום טירל — קינדערלעך, בעט רחמים!

אַ געקלאָג האָט זיך געטראָגן פון אינעווייניק.

איך שטיי ווידער ביי דער שפּאַרע:

— מן המיצר, פון ענגשאַפט, רופן מיר דיך! ממעמקים — פון דער טיפּסטער טיפעניש!

כ'האָב געריסן פון זיך לעבעדיקע שטיקער:

— העלף די אָרימע קינדערלעך אינעווייניק, העלף אונז! מיר זענען דאָך פון די לעצטע יידן, ראַטעווע!

— כ'האָב זיך אָנגעהויבן רייסן די האָר פון קאָפּ; כ'האָב געמיינט אַז כ'פּלאַץ אויף פון ווייטיק.

— אויב ווילסט העלפן — העלף שוין! העלף די מינוט! מיר האָבן דאָך מער קיין כוח נישט! געוואַלד!

כ'בין אַריינגעפאַלן אין לאָך, זיך פאַרמאַכט פון אויבן און אַוועקגעפאַלן אין וואַסער. מיר האָבן אַלע פאַרשטיקט ספּאַזמירט, געריסן שטיקער ליימיקע נאַסע ערד פון די ווענט.

פון דרויסן האָט אויפסניי געדרוישט דער טאַנק. ער איז שווער געפאָרן און די ערד איבער אונז האָט זיך שיר איינגעשיט.

— אָ, גאָטעניו!

מיטאַמאָל האָט זיך געדאַכט, אַז דער רויש דערווייטערט זיך.

מיר האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם. —

ס'האָט נאָך געדרוישט נאָר שוין אַביסל פון דערווייטנס.

עטלעכע מינוט, און עס איז עפּעס ווי שטיל געוואָרן.

מיר זענען אַלע געלעגן אין אָנמאַכט, כּמעט ווי אויסגעגאַנגען. אינעווייניק האָט דאָס האַרץ, ווי שוין אָן אָפּגעריסנס, זיך נאָך געוואָרפן.

אסתּרל האָט מיך גענומען קושן. אויבן איז געווען שטיל. מיר האָבן אויפגעריסן די אויגן און געקוקט אין דער פינצטערניש.

— אולי, אפשר, אפשר פּאָרט?!

כ'האָב מורא געהאַט אַרויסצוגיין.

כ׳איז ווידער געוואָרן אַ רויש איבן הויף, פֿאַר אונזערע סטאַדאָלע־טירן. ס׳האָט אויסגעזען, אַז מען גייט עפֿענען. מאָרוואַ בילט נישט — מן הכתם, אַן איינגענער, ווער פֿון שטוב.

ס׳האָט זיך געעפֿנט, שיין ווייניקער פֿאַרזיכטיק ווי פֿריער. שובע האָט אָנגעקלאַפּט:

— נישטאָ! שוין אַוועק! די דייטשן זענען אַוועק פֿון דעם הויף, אַוועקגעפֿירט וואַנדערש דעם האַרמאַט. קאָוואַלטשיק זאָגט, אַז ביי אונז זאָל זיין צו טיף פֿאַר אַ פּאָזיציע, אַזוי — האָט ער אונטערגעהערט — האָט דער אָפֿיציר פֿאַרארדנט.

כ׳בין שנעל אַרויסגעקראָכן. שובע האָט זיך שוין געשאַרט צו דער טיר:

— אַליין איינס, ס׳וועט סיווי גאָרנישט העלפֿן. מ׳וועט נישט לעבן!

נאָך איבן הויף האָט ער געמורמלט צו זיך אין די ראַלבע־נהויע וואָנצעס אַריין.

אויפֿן פֿעלד איז געווען ליידיק. מען האָט די דייטשן טאַקע נישט געזען, בלויז טיפֿע ראָוויקעס פֿון די רעדער פֿון טאַנק און האַרמאַט האָבן אָנגעצייכנט אַ פֿרישן וועג, ווי פֿאַר זיי, אין אָפּגרונט אַריין.

ס׳האָט עפּעס אין מיר אויפֿגעזונגען:

— „ניין, מיר זענען נישט פֿאַרלאָזן, מיר זענען נישט אַליין, אַן אויג וואַכט איבער אונז! האַ, אפֿשר זענען עס טאַקע די טעג פֿון דערלייזונג? — אפֿשר זענען עס נאָר די חבֿלי־לידה פֿון דער באַפֿרייאונג?!

⁂

אין דרויסן האָט ווידער גערעגנט — געטריפֿט, געגאָסן, אויפֿגעהערט, ווידער געקאַפּיעט און אויפֿסניי געגאָסן. אַ שלאַקס־רעגן האָט געבליאַפּעט און פֿאַרפּליצט די ערד מיט קאַלוזשעס. ביי אונז האָט זיך דאָס וואַסער געזאַמלט ווי אין אַ טיפֿן בעקן. מיר האָבן שוין פּשוט קיין כּוח נישט געהאַט פֿון כסדרדיקן אַרויסגיסן.

ס׳איז שוין געווען זונטיק. אויך דער פֿראָנט האָט זיך אין די לעצטע צוויי טעג פֿאַרשטאַרקט. גאַנצע טעג און נעכט האָבן די האַרמאַטן, טאַנקן און אַלערליי געווערן געטרייסלט די ערד און די לופֿט. הייזער האָבן פֿון אַלע זייטן געברענט און געדווערט. אונזער סטאָדאָלע איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גיהנום: פֿון אונטן וואַסער און פֿון איבן פֿייער, אָרום און אָרום — ימענטשלעכע חיות־רעות. פֿון הימל האָבן אַעראָפּלאַנען געשפּיגן מיט באָמבעס און וואָלקנס מיט רעגן. איין צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דער ערד, אַ פֿאַרטויבנדיק דונערײַ און געקנאַלעריי. אַרום דער סטאָדאָלע האָט געגאָסן מיט וואַסער. עס איז צו אונז אין טאָל געריננען פֿון אַלע אַרומיקע פֿעלדער. אַ כּך מאָל האָט זיך געדאַכט, אַז די סטאָדאָלע איז אַ שטרויענע שיף און מיר שווימען אין מיטן אַ צעשטורעמטן, צעבײַוויזטן ים, עס האָט ווער געלעכערט אונזער שיף און מיר וועלן, אָדער דערטרינקען ווערן פֿון אָנקומענדיקן וואַסער, אָדער, חלילה, צעריסן ווערן פֿון פֿײַנטלעכע באָמבעס פֿון אויבן. אָדער אפֿשר נאָר געפֿינען מיר זיך אין אַ תּיבֿה? דער מבול האָט געשווענקט די ווענט פֿון אונזער באַהעלטעניש, יעדע שעה האָט מען געמוזט צעגדליקער קובלעס אַרויסטראָגן

אין ניבן אונטער די בעלקעס. דאָס װעגל איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין לאַנגער בלאָטע. די אויטאָס מיט די האַרמאַטן זענען געבליבן זינקען אין דער נאַסער ערד און נישט געקאָנט אַרויס. די זעלנער האָבן געגראָבן אַרום די רעדער, מען האָט געבראַכט אויטאָס אַרויסצושלעפּן די אַנדערע — זענען זיי אויך געבליבן זינקען. מיר האָבן אָן איבעררייס געהאַט הינטער די װענט סאָלדאַטן, זיי האָבן געליאַרעמט, געטומלט און געוואָרפֿן קללות. די רוסישע אַרטילעריע האָט דערווייל באַשיט די פּאָזיציעס מיט פֿליענדיקע פֿלאַמען און גאַנצע קראַכנדיקע וואָלקנס.

ווי פֿון אַ שפּייענדיקן ווולקאַן האָט זיך אַהערגעשיט פֿייער. די ערד האָט מוראדיק געקרעכצט און געשפּרונגען אין דער לופֿט. די סאָלדאַטן זענען געלאָפֿן זיך באַהאַלטן, כּסדר זענען זיי געקומען אויף אונזער הויף, געמאַכט געוואַלדן און געזוכט אין אַלע ווינקעלעך. איין נס, וואָס זיי האָבן זיך באַהאַלטן נאָר געציילטע מינוטן, גאַרנישט געפֿונען און געלאָפֿן ווייטער. מיר האָבן געציטערט, עס זאָל זיי נאָר נישט איינפֿאַלן אַריינצוקומען אין שייער, איינקלייבן זיך אויף אַ שעה, כאַפּן אַ דרימל אויבן היי. דאָס וואַסער וואָלט אונדז אין דער שעה חלילה אינעווייניק פֿאַרשווענקט און מען וואָלט אויסגעגאַנגען פֿון דער געדיכטער, עיפּושדיקער לופֿט. דאָס וואַסער און די לופֿט אין באַהעלטעניש זענען ממש היים. מען זיצט אין וואַסער ביז אין דער העלפֿט גוף און אויב מען זאָל אַ שטיקל צייט נישט אויסשעפּן, וועט עס אונדז פֿאַרפֿלייצן. מיר האָבן געקלערט צו גראָבן דאָס באַהעלטעניש אין דער צפֿון־זייט צו, ביז אַרויס פֿון דער אַנדערער זייט סטאָדאָלע, ערשטנס — צו לאָזן אָפּלויפֿן דאָס וואַסער, צווייטנס — מאַכן אַ לאָך אין דרויסן אַרויס דורך וועלכן מען זאָל כּסדר האָבן לופֿט, אויך אין פֿאַל ווען מען וועט אַ לענגערע צייט מוזן האַלטן פֿאַרמאַכט דאָס דעקל. דאָס וואַסער האָט אָבער אַזוי צעווייקט די ערד, אַז ביים גראָבן וואָלט דאָס גאַנצע באַהעלטעניש איינגעפֿאַלן. מיר האָבן געפּרוווט אַ שטיקל און מורא געהאַט, אַז פֿון אויבן זאָל די ערד זיך נישט איינשיטן און מיר וועלן בלייבן אָפּן. ס'איז אויך אַ געפֿאַר צו מאַכן אַ לאָך אין דרויסן אַרויס: אַ פֿאַרבייגייענדיקער — הינטער די סטאָדאָלע־ווענט — פּויער אָדער דייטש, וואָלט נאָך געקאָנט באַמערקן דאָס פֿאַרדעכטיקטע לאָך פֿון אונטער דער ערד אָפּער.

זיצן מיר און פֿאַרלאָזן זיך אויף נסים, אויף רחמים, און מסתם וועט גאָט אונדז נישט פֿאַרלאָזן אין דער לעצטער מינוט.

* * *

אין דרויסן האָט אַלץ נאָך גערעגנט, אַ בייזער רעגן האָט געגאָסן פֿון הימל און אַלץ דורכגעווייקט, פֿון צייט צו צייט אויפֿגעהערט און די וואָלקנס ווי דיזיקע טאַנקען האָבן שווערע נידעריק געצויגן און זיך אויפֿסניי אָנגעטרונקען. דאָס אַרטילעריע־פֿייער האָט זיך אין זיי איינגעגעסן. אין דער נעפּלדיקייט האָט עס אויסגעזען, ווי בליצן באַגלייט פֿון מעכטיקע דונערן.

שובֿע איז אויף אַ מינוט אַריינגעקומען, געזאָגט, אַז מען זאָל פֿאָרזיכטיק זיין, ווייל די שכנים זענען שוין ווידער דאָ ביי אים אין שטוב. ערגעץ ביי דאָבראַ און ביי ווענגראָוו האָבן די דייטשן שוין געכאַפּט פֿאַרבאַהאַלטענע יידן אין אַ סטאָדאָלע און אין וואַלד און זיי אויפֿגעהאָנגען. מ'וועט אייך אויך כאַפּן!

— גאָטס שטראָף, גאָטס שטראָף האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און אויסגעגאָסן איבער די מענטשן! — האָט ער זיך געבראָכן די פינגער פון די הענט.

— נישט גוט, מ'וועט אַלע אומקומען! די דייטשן זענען שטארק, זיי זאָגן, אַז זיי וועלן די רוסקע צוריק פאַרטרייבן. איר זעט דאָך, יענע קאָנען גאַרנישט אויפטון. מיין ווייב רייסט פון זיך לעבעדיקע פּאַסן איבער אייך. איר וואָלט דאָך סייווי אומגעקומען, צוואָס זאָלן מיר אויך געהרגעט ווערן לעבן אייך?!

ער איז אַרויס, איך בין אויבן אַרויף און אַרויסגעקוקט:

ניין, עס זעט טאַקע נישט אויס צום איבערלעבן, ס'איז אָן אַן אויסוועג! גאָטס שטראָף האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נישט אויף דער וועלט, נישט אויף די מענטשן, נאָר אויף אונז, אויף דעם קליינעם רעשטעלע. קיין איין ייד דאַרף אפשר נישט איבערבליבן?! ער איז אפשר גערעכט, שובע, נאָכוואָס האָט עס זיי געטויגט, וואָס האָבן מיר טאַקע געוואָלט פון זיי? אַ גאַנצע וועלט מיט מערדער בלייבט, פאַרוואָס זאָלן זיי לײדן לעבן אונז?

ניין, ס'ווייזט אויס, אַז ער איז צו אָרנטלעך, שובע, צו אומשולדיק! ס'בלייבט אַ וועלט פון כלו־חייב. ער, דער נאַיווער פויער, האָט נאָך אַ שטיקל געוויסן, ער טויג נישט פאַר דער וועלט פון נאָך דער מלחמה! ער געהערט צו די פעלעקס, זיי דאַרפן אומקומען, עס וועלן בלייבן בלויז מאַטלאַקס, אָדראָבינטשאַקס און קוטשאַקס! ניין, מיר מוזן אונטערגיין און לעבן אונז דאָס לעצטע ביסל אומשולדיקייט און געוויסן!

פאַרשאָלטן זאָל זי אָבער ווערן, אַזאַ וועלט, אונזערע לעצטע קללות זאָלן אויף איר הענגען און קיינמאָל קיין רו נישט לאָזן!

⁂

און אפשר איז עס טאַקע גאָטס שטראָף אויף דער וועלט, אויף אַ וועלט וואָס טינקט ביזן האַלז אין בלוט. אַזאַ וועלט מוז זיך לסוף אַליין — איינער דעם אַנדערן — אויפפרעסן! איז דאָס נישט דער אָנהויב פון דער צעמישונג? און וואָס פאַר אַ ראָל שפּילן מיר שוין דערביי, מיר, די לעצטע צעבראָכענע יידן?! וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבן אונזערע נישטיקע לעבנס קעגן דעם ריזיקן אונטערגאַנג, וואָס די האַנט פון גערעכטיקייט לאָזט אַראָפּ! תמות נפשי עם פלישתים! ווי גרויס וואָלט געווען אונזער דערגרייכונג, ווען מיר זאָלן האָבן דערלעבט צו זען אפילו בלויז די התחלה פון גרויסן משפט! און צו וואָס דען וואָלט נאָך געבליבן צו לעבן?! אָ, זאָל דאָס טאַקע זיין די התחלה פון גרויסן צאָרן, דער בונט פון בלוט? אַלע פּיינען און אַלע מאַטערנישן וואָלטן דאָך האָבן ווערט געווען צו דערלעבן אפילו בלויז די מינוט! און וואָס נאָך וואָלטן מיר געקאָנט פאַרלאַנגען, מיר, די רעשטלעך פון אַ פאַרשניטענעם דור?! און אויב איז עס נאָר, חלילה, צופעליקייט, אַ קליין שטורעמל פאַר אַ גרויסן אויפבלי, פאַר אַ הערשונג פון ברוטאַלקייט — וואָס וואָלטן מיר, די קינדער פון אַן אונטערגעגאַנגען פאָלק, נאָך געהאַט צו טון אין אַזאַ צייט?!

⁂

כ׳בין געווען אויבן, אין סטאָדאָלע, געלאָפן פון וואַנט צו וואַנט, פון שפּאַרע צו שפּאַרע. דאָס שיסעריי און דער רעגן האָבן זיך אויף א ווייל געהאט אָפּגעשטעלט, דאָס מיליטער איז געלעגן פאַרלויערט ערגעץ אין די גריבער. מען האָט אין דרויסן קיינעם נישט געזען. פון שובעס שטוב האָט זיך געטראָגן א הויך געדעדעריי, דאָס פענצטער איז געווען אָפן. איינער, א פויער, האָט געוווסט צו דערציילן, אז מיר געפינען זיך דאָ אין א קעסל, די רוסן זענען שוין לאַנג אין מינסק, זיי זענען שוין אפילו אין די פאַרשטעט פון ווארשע, אויך פון די אנדערע זייטן האָבן זיי אונז ארומגעקייטלט. די דייטשן געפינען זיך דאָ, ווי פאַרסמטע מייז אין א פאַסטקע, אָן אן אויסוועג, דעריבער לויפן זיי אזוי אהין און צוריק, זיי ווילן זיך דורכרייסן א וועג צום אנטלויפן, דערפאַר זענען זיי אויך אין אזא צאָרן. זיי וועלן דעם גאַנצן כעס אויסלאָזן צו דער באַפעלקערונג דאָ, אַלעמען פאַרלענדן! אונטערגעבן וועלן זיי זיך נישט ביז צום לעצטן. דאָ געפינען זיך די פאַרביסנסטע ס. ס. ־ דיוויזיעס.

דער זייגער איז שוין געווען ארום פיר נאָכמיטאָג. מיין חברה האָט זיך אין גרוב געשמאָלצן, שווער געסאַפּעט, אז איך, אויבן, האָב עס אזש געהערט. כ׳בין צו און אריינגערעדט:

— קומט ווער ארויף כאַפּן דעם אָטעם. איר וועט זיך טוישן, כסדר אן אנדערדער. ס׳איז איצט שטיל.

כ׳בין צו צו דער וואַנט, ארויסגעקוקט און זיך אומגעדרייט. כ׳האָב דערזען פרוימאַנען זיצן אויפן ראַנד פון גרוב. די אויגן אליין האָבן געלעבט. ער האָט מיט זיי פאַרשמאַכט געקוקט אין שטרויענעם דאַך. כ׳האָב זיך צו אים צוגעשאַרט, ארויפגעלייגט די האַנט אויף די פּיטש־נאַסע האָר:

— זאָרג זיך נישט, ישראל־אהרן, מען טאָר די האָפנונג נישט פאַרלירן!

ער האָט מיך אָנגעקוקט, געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין”:

— ס׳איז ווערט א דרייער, ס׳פאַלט מיר קיין איין מינוט נישט איין. א שאָד געווען אזא לאַנגע צייט הינטיש קראַפּירן.

— מיר האָבן געטון וואָס מען האָט געקאָנט, אויב באַשערט — איז פאַרפאַלן. אפשר, פאָרט?

זיינע אויגן האָבן ציניש געשמייכלט.

— און אפשר זאָל מען דאָך ביינאַכט ארויס און פּרווון דורכגנבענען זיך דורכן פראָנט קיין קאַלושין? אפשר טראָגט זיך שוין ארום עטלעכע טעג מיט דעם פּלאַן.

— מיר וואָלטן אין דער פינצטער זיי געקראָכן גלייך אין פּיסק אריין? מען וועט אונז זיכער כאַפּן! — האָט ער געענטפערט.

— וואָס דען טוט מען?

פון הימל האָט מיטאַמאָל ווידער גענומען פאַלן א שלאַקס־רעגן. כ׳בין צו צום לעכל, ארויסגעקוקט און קיינעם נישט געזען. כ׳האָב זיך צוריק דערנענטערט צו פרוימאַנען, זיך געזעצט לעבן אים:

— נו, וואָס טוט מען?

אין דרויסן האָט א שטורעמדיקער ווינט פּלוצים אָנגעהויבן בלאָזן און רייסן לעבעדיקע שטיקער פון די הייזלעך. אונזער סטאָדאָלע האָט זיך געוויגט. אין איין

רגע האָבן זיך די הינטערשטע טירן אויפגעפּראַלט. ס'האָט אונז א דרויסנדיקע ליכט א בלענדער געטון אין פנים אריין. מיר האָבן אויפגעריסן די אויגן און - - ווי א באָמבע וואָלט אונז געטראָפן —

הינטער די טירן, אין דער עפענונג, איז געשטאַנען א יונגער, ציווילער פאַרשוין און אריינגעקוקט גלייך אויף אונז!

די הערצער האָבן זיך ביי אונז אָפּגעשטעלט. פרוימאַן האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַר א האַנט. כ'האָב נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט די אויגן. כ'האָב זיי נאָכאַמאָל אויפגעהויבן.

יענער פאַרשוין האָט זיך פאַרלעגן צוריקגעצויגן און אין דרויסן הינטערווייַלעבן פאַרמאַכט די טירן.

פרוימאַן איז אריינגעשפּרונגען אין גרוב.

דער פאַרשוין — האָב איך געזען — רוקט זיך דערשראָקן הינטער די סטאָדאָלע־וואַנט. א רויך האָט מיך גענומען שטיקן און זיך געפּלאָנטערט פאַר די אויגן. כ'האָב נישט געוווּסט וואָס צו טון. די פיס האָבן זיך מיר אָנגעגאָסן ווי מיט בליי.

אסתרל האָט פאַרצווייפלט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ. כ'האָב איר פאַרקלעמט געוויזן מיטן פינגער אויפן מויל און אַז זי זאָל זיך שנעל צוריק אריינציען. יענער פון דרויסן האָט נישט אריינגעקוקט צו אונז. ער האָט — מיט דער פּלייצע צו דער וואַנט זיך געשאַרט הינטער דער סטאָדאָלע, ווי וועלנדיק זיך צו שיצן אונטערן ראַנד פון שטרויענעם דאַך פאַרן רעגן.

כ'האָב אים נאָכגעקוקט: ער האָט זיך פאַרזיכטיק געשלייכט ביז צו דער פראָנט־וואַנט ביי די פאָדערשטע טירן. מאָרווא האָט אים דערזען און זיך געריסן צו אים. ער איז שנעל אריין צו שובען אין שטוב.

כ'בין אַראָפּ אין גרוב.

— וואָס טוט מען?

דער פאַרשוין האָט זיכער דערקענט, אַז מיר זענען יידן! —

אַזאַ אומגליק: דער ווינט האָט אויפגעריסן די טירן און יענער האָט זיך גראָד געדרייט, ווער איז ער? — מסתמא ווייסן שוין אַלע אין שטוב, אויך מאַטלאַק! —

דאָס האַרץ איז מיר אויף א ווײַלע אָפּגעשטאָרבן. די חברה וואַרפט זיך ווי אין קאָנוווּלסיע.

כ'בין צוריק אַרויף.

— וואָלטן זיי כאָטש געמיינט, אַז מיר זענען פּאַרטיזאַנער; פּאַראַשוטיסטן פון אַן אַרונטערגעוואָרפענעם דעסאַנט, אָדער אפילו דייטשע דעזערטירן, וואָס האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין סטאָדאָלע, זיי וואָלטן זיך מורא געהאַט צו מסרן.

„שובע זאָל דאָרט כאָטש לייקענען, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט!"

— וואָס טוט מען?

איך קוק אַרויס. אויפן הויף זעט מען קיינעם נישט, אויך ביי שובען אין שטוב זעט אויס צו זיין רואיק, דאָס פענצטער איז צוריק פאַרמאַכט.

די חברה פון גרוב שטעקן כסדר אַרויס די קעפּ און קנייפּן פון זיך שטיקער.

איך בין נאָכאַמאָל אַריין:

— ס'וואָלט געווען אַן עצה: ווען איך און פרוימאַן זאָלן איצט אַרויס און אַוועקלאָזן זיך אויפן וועג, אַז די פּויערים — פון פענצטער — זאָלן דאָס זען.

ס'וואָלט געהייסן, אַז מיר האָבן זיך נאָך דאָ געהאַט אַריינגעגנבעט אויף אַן אָפּרו און מיר גייען איצט ווייטער:

אסתרל און צפּורהלע כאַפּן מיך אַרום:

— וואָס רעדסטו, וואָס?!

איצט איז רואיק. מ'דאַרף זיך לאָזן אויפֿן וועגל און הינטערוויילעכץ — פֿון דער אַנדערער זייט זיך אַריינכאַפּן אין וועלדל, אין די קזשאַקעס. זיי וועלן נישט וויסן און מיינען, אַז מיר זענען אַוועק ווייט. מיר וועלן אין די קזשאַקעס איבערוואַרטן ביז עס וועט ווערן פֿינצטער און דאַן פּאַרזיכטיק צוריק אַריינקומען דורך די הינטערשטע טירן.

זיי האָבן זיך גענומען רייסן די האָר פֿון קאָפּ.

פֿרוימאַן האַלט, אַז מיין עצה איז דער איינציקער אויסוועג. אויב אפֿילו מיר וועלן אַריינפֿאַלן, וועלן זיך כאָטש די איבעריקע דאָ ראַטעווען, זאָלן זיי זיין גוט פֿאַרמאַכט.

— מען מוז אָבער וואַרטן אויף שובען.

אסתרל און צפּורהלע קלאַמערן מיך אַרום:

— ניין, איר וועט נישט גיין!

— מען מוז, קינדערלעך, מען מוז!

— ניין, גייט נישט! זיי האָבן אויף מיר גענומען קלאָגן.

די טירן אויבן האָבן זיך געעפֿנט. מען האָט דערקענט: שובע. ער איז אַריינגעקומען אונז פֿרעגן — „וואָס ס'וועט זיין דער הכלית?". פֿון דעם איצטיקן געשעניש האָט ער גאָר קיין ליאַדע אַנונג נישט געהאַט.

כ'האָב אים אַלץ דערציילט.

ער האָט פֿאַרבראָכן די הענט:

— וואָס זאָגט איר? שוין אַן עק! ער האָט אייך געזען?! — דאָס איז דאָך טשעשלאַק, דער גנב און מסור! אומגליקלעך זענען מיר!

מיט טויט־שרעק אין די אויגן איז ער אַרויס, צו צו דער טיר פֿון שטוב, אַרויסגערופֿן דאָס ווייב און צעטומלט איר אַלץ דערציילט.

די שובאָווע, אינגאַנצן אַ היסטערישע, איז צו אונז אַריין און גענומען געוואַלדעוועט, האַקן זיך אין קאָפּ, זי האָט געוויינט אין די הענט אַריין און זיך געזעצט אין האַרץ.

דאָס לשון איז אונז אָפּגעשטאָרבן. אַ געקלאָג איז אין מיר אויפֿגעגאַנגען. כ'האָב גאָרנישט געקאָנט זאָגן.

— רעדטס, מערדערס, באַנדיטן! רעדטס! דערציילט וואָס עס איז געשען! ווי אַזוי?!

איך האָב זיי קוים איינגעגומען, זיי זאָלן אויף אַ מינוט שטיל בלייבן.

כ'האָב זיי געזאָגט, אַז מיר, איך און פֿרוימאַן, ווילן אַרויס. מיר וועלן גיין דורכן וועגל און הינטן־אַרום זיך אַריינבאַקומען אין וועלדל ביז ביינאַכט. איצט איז דאָס דער בעסטער אויסוועג, נאָר אויך זיי מוזן אונז צוהעלפֿן: זיי מיזן גלייך אַריין אין שטוב און אַלעמען דערציילן, אַז פֿאַרדעכטיקטע צוויי פֿאַרשוינען זיצן אין סטאָדאָלע. זיי האָבן צו אונז גערעדט און מיר האָבן אויף אַ פֿרעמד לשון געענטפֿערט. דאָס וועט הייסן, אַז מיר זענען, אָדער איבערגעטוענע דייטשן,

אָדער רוסן. איר זאָלט פֿרעגן ביי די געסט, וואָס איר דאַרפֿט טון. פֿירט זיי צו צום פּענצטער און אין צווישנצייט וועלן מיר אַרויס און זיך לאָזן אויפֿן וועג. זיי וועלן פֿאַרשטיין, אַז מיר זענען נאָר אַ קליינע צייט דאָ געווען, אויסגערוען, און מיר גייען אַוועק. אויב מען וועט אונז, חלילה, כאַפּן, וועט איר דאָך אויך נישט זיין שולדיק. מען וועט זאָגן, אַז מיר לעבן כּסדר אין וואַלד, נאָר מען האָט זיך אַריינגעגנבֿעט איבערצוואַרטן דעם רעגן, צו אייך אין שייער.

די שובעס האָבן מורא געקריגן.

— נישטאָ קיין אַנדער עצה! איר מוזט תּיכּף אַריינגיין זאָגן, אַז מיר — פֿרעמדע — זיצן דאָ, ווייל, אויב נישט, וועט עס זיין נאָכמער פֿאַרדעכטיק: מען ווייסט דאָך, אַז מיר געפֿינען זיך אינעווייניק און אַז איר קומט איצט פֿון סטאָדאָלע. אויב איר וועט גאָרנישט זאָגן, וועט עס הייסן, אַז איר שיצט אונז דאָ און — אַז איר האַלט עס פֿאַר אַ סוד!

די שובעס זענען שנעל אַרויס און איך בין צו צו דער שפּאַרע.

אין אַ ווינקל, הינטער דער כאַלופּע, איז געשטאַנען דער פּאַרשוין, וואָס האָט אונז געזען און פֿאַרדעכטיקט זיך געסודעט מיט דער גראָבער גויע, מאַטלאַקס ווייב. דערזעענדיק די שובעס, האָבן זיי זיך אַריינגעשאַרט אין שטוב, די שובעס זענען נאָך. איך און פֿרוימאַן האָבן זיך איינס־צוויי אָנגעטון די בלוזעס מיט די שטיוול, די היטלען, טיף פֿאַרוקט איבער די אויגן, אָפּגעשאַרט זייטיק פּאַסמעס צעשויבערטע האָר. כ'האָב גענומען דעם רעוואָלווער און מיר האָבן זיך געלאָזט צו די הינטערשטע טירן. אַלע אונטן האָבן געוויינט, די פֿרויען האָבן ספּאַזמאַטיש געקלאָגט:

- ניין, האָט רחמנות, גייט נישט!

מיר האָבן זיי געקושט און שנעל — אַרויסקוקנדיק צוערשט און נישט זעענדיק קיינעם — אויפֿגעמאַכט שטורמיש די טירן. מיר זענען אַרויס גלייך אויפֿן וועגל — אין דער זייט קיין דאָברע און געגאַנגען דרייסט מיט זעלנערישע טריט. נאָך עטלעכע שריט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, אַרומגעקוקט זיך פֿון אַלע זייטן, מכלומרשט, ווי שפּיאָנען. מיר האָבן זייטיק געזען, ווי אין שובעס פֿענצטער דריקן זיך ביי אַ צענדליק פּנימער, זיי קוקן אונז נייגעריק נאָך.

— ס'איז גוט, קום ווייטער!

מיר זענען געווען פֿאַרטויבט און נישט געפֿילט קיין שרעק. מיר האָבן דרייסט מאַרשירט ביי אַ דרייסיק מעטער ביז צו אַ פּרשת־דרכים. דאָרט האָט מען זיך נאָכאַמאָל אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט. מען האָט קיינעם נישט געזען, נאָר פֿון שובעס פֿענצטער האָט מען אונז אָבסערווירט. מיר האָבן אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ פּאַפּיר און עס אויסגעשפּרייט אויף די הענט, אויפֿמערקזאַם אין דעם אַריינגעקוקט ווי אין אַ מאַפּע, אַ וועג־ווייזער קאַרטע, צוריק דאָס באַהאַלטן, געגאַנגען ווייטער און פֿאַרקערעוועט אין אַ זייט.

שובעס הייזל האָט מען שוין נישט געזען, מען האָט זיך געפֿונען ביים ראַנד פֿון וועלדל. מיר האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און זיך אַריינגעשאַרט צווישן די ביימער. מיר האָבן אויפֿגעהויבן די אויגן צום הימל און — זיך געלאָזט אין דער טיף — צוריק נענטער צו שובען. מען האָט כּסדר געציטערט, נישט אָנצוטרעפֿן אויף דייטשע פּאָזיציעס. ווי וואַלד־זשיהלעך האָבן מיר געיאָגט פֿון ביימל צו

ביימל, געצווינגן צו דער צווייטער זייט, דאָרט ווו מען קומט אויס נישט ווייט פון שובעס הויף.

מיר זענען אריין אין געדיכטע קזשאקעס. פון צווישן די צווייגן אפער האָט מען שוין געזען שובעס כאַלופּע און אונזער סטאָדאָלע. איך האָב זיך אויסגעצווינגן און אויך פּרוימאָן.

— ווער ווייסט, וואָס עס וועט ווייטער זיין? צי האָבן די דייטשן, פון זייערע פאַרמאַסקירטע בונקערס, אונז נישט געזען? זיי קאָנען אונז באַלד קומען זוכן! זיי וועלן אָבער יאָגן אויף דאָברע. ס׳וועט זיי נישט איינפאלן, אז מיר האָבן גענומען דעם וועג אויף צוריק.

— נאָך גוט, וואָס זיי האָבן צו אונז נישט געשאָסן און אפשר האָט מען אונז נישט געזען?!

אונזערע הערצער האָבן געוויינט פון ליוב און תפילה:

— אָ, אונזערע קינדערלעך אין סטאָדאָלע, שטאַרק זיי! מיר זענען געלעגן אין נאַסן גראָז און הייס אין דעם אריינגעווינט.

הינטער אונז אין וועלדל איז געווען שטיל. פון פאָרנט, אויפן פעלד — האָט מען געזען גיין קאָוואַלטשיקס זון.

מיר האָבן זיך פאַרוקט טיפער אין גראָז.

פון דערווייטנס האָבן זיך מיטאַמאָל גענומען טראָגן געוואַלדן און געשרייען. כ׳איז געקומען פון דער זייט פון קליין־גארצין. ס׳האָט זיך געדאכט, אז מען הערט אויך פרויען־שטימען. ס׳איז אַ ווייל געוואָרן שטיל און -- פלוצים האָבן מיר דערזען מען לויפט: פון דערווייטנס איבער די פעלדער איז געלאָפן אַ גרופּע דייטשן און געיאָגט ציווילע מענטשן — פּויערים מיט פּויערטעס, זיי זענען געלאָפן אין אונזער זייט.

מיר האָבן זיך באַהאָפטן צו דער ערד.
זיי זענען שוין געווען אויף שובעס הויף.
— אָ, רבונו של עולם, העלף אונזערע קינדערלעך דאָרט!

עטלעכע דייטשן מיט רעוואָלווערן אין די הענט זענען אריין צו שובען אין שטוב און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן געוואַלדן. זיי האָבן די געסט, די שכנים, ארויסגעיאָגט און זיי אונטערגעשלאָגן מכות־רצח. מיר האָבן געזען ווי מאַטלאַק אנטלויפט איבערן פעלד אין טויט־פּחד, אויך די אַנדערע זענען ווי געיאָגטע הינט זיך צעלאָפן. די זעלנער האָבן אויפגעריסן די טירן פון סטאָדאָלע, אריינגעקוקט און אַוועקגעלאָפן ווייטער איבער די פעלדער, געשאָסן, געכאַפּט עטלעכע פרישע פּויערים און זיי אויסלעגיטימירט. זיי זענען צוריק אַוועק קיין קליין־גארצין.

אויסגעווייקטע, נאַסע, האָבן מיר זיך געדריקט צו דער ערד —

אין אַ שטיקל צייט ארום איז אין דרויסן געוואָרן פינצטער. מיר האָבן דאַן קריכנדיק אויף דער ערד — זיך פאָרזיכטיק צוגעשארט צו שובעס סטאָדאָלע, מען איז שטיל אריין דורך די הינטערשטע טירן, ס׳איז אויבן קיינער נישט געווען. מיר האָבן אָנגעקלאַפּט און שטיל גערופן. איטשע האָט געענטפערט און מיר זענען אריינ־

געפאַלן אין גרוב. די חברה איז כמעט ביז אין האַלדז געזעסן אין וואַסער. זיי האָבן אונז געהאָלפט און געקושט. מיר זענען געפאַלן ווי אין אָנמאַכט און — זיי אויך אונז. באַלד זענען די שובעס אַריינגעקומען נאָך דערשראָקענע פון לעצטן באַזוך פון די דייטשן. שובע האָט פון זיי געקריגן מיט א רעוואָלווער איבערן קאָפּ און זיך איצט געהאַלטן פאַרן שטערן. ער האָט דערציילט, אַז זיי האָבן אַלע אין שטיב לעגיטימירט — זוכנדיק ייִדן. זיי האָבן אויך געזוכט פרויען. א סך מיידלעך פון קליינגאַרציין האָבן זיי געשלעפּט אין וועלדל אַריין און פאַרגוואַלדיקט. אין אַן אַנדער שכנותדיק וועלדל האָבן זיי פאַרגוואַלדיקט און דערנאָך דערהרגעט פיר פרויען — א מוטער מיט א טאָכטער און א שניר מיט אירס א שוועסטער, אויך זייערס א קליין קינד דערוואָרגן. א סך זעלנער האָבן זיך אויף זיי געלאָזט. איינע האָט מען איצט געפונען געשענדעט, דערצו מיט אַן אָפּגעריסענעם חזירישן פּוס אין איר פאַרבאָרגנסטן אָרט.

— יאָ, זיי האָבן אין דער פרישער שרעק אינגאַנצן פאַרגעסן אין דער געשיכטע מיט אונז, אויך מיר זענען דאָך אין וועלדל געווען! האַ, ס'איז גאָרנישט! ער, שובע, האָט אַזוי געזאָגט, ווי מיר האָבן אים געהייסן, אַלע האָבן אים געגלויבט. זיי האָבן שטאַרק מורא געהאַט זענדיק אונז מאַרשירן מיט א רעוואָלווער און מאַפּע. מאַטלאַק האָט געזאָגט, אַז מיר זענען זיכער רוסישע — פאַראַשוטיסטן — אַזאַ געהיימער „פאָרפּאָסטן" און — באַהיט זאָל דאָס גאַנצע דאָרף ווערן, אויב די דייטשן זאָלן אונז — חלילה — כאַפּן. די רוסן, פון איין זייט, וואָלטן חושד געווען אין אַרויסגעבן אונז און נקמה גענומען און, פון דער אַנדערער זייט, וואָלטן די דייטשן אַלע אויסגעמאָרדעוועט און דאָס דאָרף אונטערגעצונדן, פאַר אויסבאַהאַלטן פאַראַשוטיסטן. מ'דאַרף מאַכן א שווייג און דאָס פאַרן מויל נישט ברענגען! — האָט מאַטלאַק געזאָגט.

— איצט זענען זיי זיך אַלע אין שרעק צעלאָפן.

אין דרויסן האָט זיך מיטאַמאָל דער פראָנט צעשפּילט. אַרטילעריע־פייער האָט זיך גענומען ציען אין דער לופט און באַלד האָט מען געהערט אומצאָליקע אויפרייסן.

די שובעס זענען שנעל אַרויס און מיר האָבן זיך גענומען אויסשעפּן און אַרויסגיסן — אונטער די בעלקעס — דעם „טייך" אָנגעקומען וואַסער, פון גרוב.

⁂

דער דינסטיקדיקער טאָג איז געווען זייער א ביזער. די געפאַרן האָבן געלויערט פון אַלע זייטן.

דער דייטשער פראָנט האָט אויסגעזען צו זיין פאַרשטאַרקט מיט נייע דיוויזיעס. א לעבהאַפטע באַוועגונג איבער די פעלדער. כ'האָב זיך אַרויפגעכאַפּט אויף א וואַנט האַרט אונטערן שטרויענעם דאַך, אַרויסגעקוקט אויף א ברייטן שטח און מיין אויג איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די באַקרעפטיקונגען: צענדליקער טאַנקן, געפאַנצערטע אויטאָס און כל־ערליי געווערן האָבן פון אַלע אַרומיקע וועגלעך געצויגן צו דער ערשטער ליניע. נייע מלחמה־קולות, פרישע געשרייען, ס'האָט עפּעס געברומט אין דער לופט, ווי א געשריי פון דער פאַרמאַטערטער ערד. אַלץ אַרום האָט

שוין אויסגעזען צו זיין פֿאַרמאַטערט און פֿאַרפייניקט. דאָ און דאָרט האָבן זיך געהערט אויפֿרייסן און שיסערייען. די אַרטילעריע האָט זיך עטלעכע מאָל — צו לאַנגע שעהן קעגנזייטיק באַשאָסן. שפּעטער, האָבן געדרעוועט מאַשין־געווערן, ס’האָט געהאָגלט מיט קוילן. דער רעגן איז נאָך געפֿאַלן, ווי דער אַרום וואָלט געוויינט. די קאַמפֿן זענען געוואָרן פֿאַרביסענער, פֿאַרביטערטער. דאָס מיליטער איז ווילד, צעהיצט, געלאָפֿן און אויפֿן וועג אַלץ צעשטערט. אַלץ וואָס ס’איז געקומען אונטער דער האַנט — בייזוויליק מיט נקמה — פֿאַרניכטעט; גערויבט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט, געשלאָגן אַכזריותדיק מיט אַ ווילדן כעס די אָנגעטראָפֿענע מענטשן, דערשאָסן בהמות און עופֿות; געזוכט אין אַלע כאַלופּעס. גאַנצע מחנות, ווי אַן אָנגעטראָגענער היישעריק, האָבן געראַיעט אין די וועלדער, אויף די פֿעלדער, אין די דערפֿער. ביי שובען אין שטוב איז שוין קיינער נישט געווען. די שכנים האָבן זיך מורא געהאַט צו ווייזן. יעדער איז ערגעץ ווו געלעגן פֿאַרשטעקט אין אַ באַהעלטעניש. אויך שובע איז געווען באַהאַלטן אויפֿן בוידעם מיט מאַניעקלן. בלויז די שובאָווע איז געזעסן אין אַ קיך־ווינקל און זיך געוואָרפֿן פֿון שרעק. זי האָט כסדר רציחהדיק געקריגן געשלאָגן פֿון די אַריינגעקומענע סאָלדאַטן, אַלס נקמה, וואָס זי איז שוין מער נישט יונג. נאָך יעדעס מאָל באַקומען קלעפּ, ווען די סאָלדאַטן זענען אַוועק, איז זי — אַ פֿאַרקלעמטע פֿון ווייטיק — אַריינגעקומען צו אונז און די יסורים און קלעפּ געשילדערט אין אונזערע קעפּ. געשאָלטן, געוויינט און אַרויס.

ס’איז געוואָרן אַ פֿריש שיסעריי. אומצאָליקע קוילן זענען געפֿלויגן אין דער לופֿט, זיך אָנגעקלאַפּט אין אַלע ביימער, ווענט און דעכער, דורכגעלעכערט די סטאָדאָלעס, דינע כאַטקעס, זיך געשיט אויף אַלע בוידימלעך.

מיר זענען געזעסן אין גרוב און אונזערע הערצער האָבן ווי אין אַ טיק־טאַק געקלאַפּט.

די שובאָווע האָט מורא געהאַט, אַז שובע מיטן קינד זאָלן אויבן, אויפֿן בוידעם, נישט געהרגעט ווערן. ווען ס’איז אויף אַ מינוט שטילער געוואָרן, איז זי אַריינגעקומען אונז פֿרעגן צי ס’איז נישט גלייכער, אַז זיי זאָלן זיך פֿאַרשטעקן מיט אונז אין גרוב. זי איז צו זיי אַרויף, ער האָט אָבער נישט געוואָלט אַראָפּ, זיצן אין וואַסער און אין שטינקעכץ. ער האָט אויך מורא געהאַט, מען זאָל אים נישט כאַפּן צוזאַמען מיט אונז.

דער טאָג האָט זיך ווי אַן אייביקייט געצויגן. די סיטואַציע פֿון די סאָוויעטן האָט אויסגעזען צו זיין נישט ווי אַמבעסטן. אויסשפּיר־עראָפּלאַנען מיט רויטע, בליציקע שטערנדלעך האָבן אויפֿן הימל — איבער אונז — געקרייזט און געברומט מיט אַ לעצט־ביסעלע האָפֿנונג, און מיט אַ גרוס פֿון נקמה־נעמער. די דייטשע זעניט־אַרטילעריע האָט ווי איבערגעשראָקענע הינט אין אַ לבנה־נאַכט — זיך געריסן און מיט אַ בייז בילעריי אַרויפֿגעשאָסן. עטלעכע עראָפּלאַנען זענען אַראָפּגעפֿאַלן.

פֿאַרנאַכט צו האָט מען פֿון פֿאַרשידענע זייטן געטריבן מחנות געכאַפּטע פּויערים. מען האָט זיי צונויפֿגעזאַמלט און געיאָגט אויף אַרבעט ווייט אַוועק פֿון פֿראָנט. באַבעס האָבן פֿון דערווייטנס געקלאָגט. די שובאָווע איז ווידער צו אונז אַריינגעקומען, זיך אַלץ געבראָכן די הענט און געוויינט:

— מ’האָט כמעט אַלע כלאָפּעס, אַלע מענער פֿון קליין־גאַדזין און זשימנא

וואָרשע אָוועקגענומען, אויך דעם סאָלטיס. זיי האָבן אַלע פון די באַהעלטענישן ארויסגעשלעפט, נאָר מיין „אַלטער" מיט נאָך עטלעכע זענען נאָך דאָ.

ס'איז געוואָרן טונקל. די שובאָווע האָט אויפן הויף צוזאַמען מיט מאָרוואַן אַכטונג־געגעבן און איך בין ארויף ארויסגיסן דאָס וואַסער פון גרוב. כ'האָב אויסגעשעפט עטלעכע צענדליק קובלעס און געכאַפט אַ בליק אין טונקעלן בין־השמשות: ס'האָט עפּעס מאָדנע גערוישט, ארום האָבן דערפער געברענט און בלויע פייער־צונגען האָבן הילכיק אונטערן רעגן געקנאַקט. די וואָלקנס האָבן געהאַט אַ רויטלעכן אָפּשיין. אויפן פעלד — נישט ווייט — האָב איך געזען זעלנער פאַרלייגן טעלעפאָן־דראָטן. זעט אויס, אַז זיי באַפעסטיקן זיך איצט דאָ. זיי, אונטן, האָבן אויסגעשעפט און מיר ארויפדערלאַנגט די לעצטע קובלעס. כ'האָב אראָפּגעגעבן פרישע בינטן שטרוי. מען האָט אויסגעבעטן און כ'בין אריין.

ס'איז ביי אונז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די נאַכט זאָל איטשע אויפזיין. (ס'איז געווען זיין ריי), און מיר זאָלן זיצנדיקערהייט שלאָפן. מען האָט זיך אָנגעלענט אין די ווענט. איטשע איז געזעסן ביים טירל, וואָס איז נאָר עטוואָס געווען אויפגעלענט — אויף אַ ביסעלע לופט — גרייט יעדע מינוט עס שנעל צו פאַרמאַכן. גיך האָט דער עולם איינגעשנאָרכט. איטשע האָט מיך גערוקט פון שלאָף, געפרעגט צי מען דאַרף זיי נישט איבערוועקן, ווייל זיי כראַפּען צו הויך. כ'האָב כמעט נישט געוווסט וואָס ער רעדט צו מיר. די מידקייט פון דער גאַנצער צייט האָט זיך מיטאַמאָל ווי אַ שווערע מאַסע אראָפּגעלאָזט איבער מיר.

— ניין — האָב איך געזאָגט.

איבערגעוועקט האָט אונז אַ געקנאַלעריי פון דרויסן. די אַרטילעריע האָט געדונערט. מיר האָבן נישט געקאָנט אויפרייסן די אויגן. איטשע האָט מיר געזאָגט, אַז אויך ער איז געשלאָפן.

מיר זענען אויסגעלייִדיקט פון באַוווסטזיין געזעסן און באַלד, ווי איינגעוויגט פון די שיסערייען, צוריק איינגעשלאָפן.

אין מיטן דער נאַכט האָט אונז אַ שווער געפאָרעריי פון דרויסן ווידער אויפגעוועקט. סאָלדאַטן האָבן געשריגן. מ'האָט פאַרמאַכט דאָס רעקל. דאָס פאָרעריי אויפן וועגל האָט מוראדיק אָפּגעהילכט און שיר איינגעלייגט אונזערע ווענט. די ערד האָט זיך געוואָרפן. לאַנגע שעהן האָבן פאַרבייגעצויגן טאַנקן, געפּאַנצערטע וועגענער, לאַסט־אויטאָס, אויטאָמאָבילן און מאָטאָציקלען. ס'האָט גערוישט אין געפייפט פאַרטויבט צו ווערן. אין דעם חשכות האָבן זיך דורכגעריסן דייטשע קולות — באַפעלן, פאַראָרדנונגען און קללות. מען האָט געפילט, אַז די דייטשן גרייטן צו אַ גרויסן און דעצידירנדיקן קלאַפּ. אונזערע קעפּ זענען שווער אראָפּגעהאַנגען, אַ פחד האָט געציטערט אין דער געדיכטער לופט. דאָס וואַסער אונטער אונז האָט שוין געבולבעט און פאַרפלייצט איבערן שטרוי. מיר זענען געזעסן אין דער וואַרעמער פליסיקייט און אַזוי ארום צוריק איינגעשלאָפן.

ווען כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך דערפילט אַ חילשות אין האַרץ און אַ שרעקלעכע שווערקייט אין קאָפּ. כ'האָב נישט געוווסט זוו איך בין און וואָס עס טוט זיך מיט מיר — אָן דער מינדסטער אנונג. קוים האָב איך זיך געכאַפּט וואָס עס געשעט. מיר זענען געזעסן ביז אין דער העלפט אין וואַסער, אַלע האָבן מאָדנע געכראַפּעט. כ'האָב נישט געוווסט ווי שפּעט ס'איז. אין דער פינצטער האָב איך

געטאַפּט ביזן טירעלע און עס געעפנט. אַ גרויער פּאַס ליכט האָט שוין אריינגעשיינט. כ'האָב ברייטער געעפנט און זיך איינגעהער־ט — מאָדנע שטיל איז איצט אין דרויסן געווען.

כ'האָב באלד אויפגעוועקט די חברה. קוים זענען זיי צו זיך געקומען. יעדער האָט געדרוקט די נאָז צו דער עפענונג. די הערצער זענען געווען ווי אָנגעלייגט מיט שווערע שטיינער. אַביסעלע לופט איז אריין און זיך דורכגעשטאָכן דורך די פאַרקלעבטע נעז ביז אין דער טיף. כ'האָב געוואָלט אויפשטיין, ארויסשטעקן דעם קאָפּ און נישט געקאָנט. דאָס צעריסענע אָנטועכץ האָט זיך אויף מיר נאָס געקלעבט. פרוימאַן האָט מיך געהייסן בלייבן, ער האָט זיך אונטערגעהויבן און געוואָלט ארויף. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט. —

אין דער מינוט האָט מען דערהערט דייטשע שטימען — עטלעכע זעלנער האָבן אויפן הויף געשריגן. מאַרוואַ איז אויף דער קייט געשפרונגען און געבילט. מען האָט שנעל פארוקט דאָס דעקל און פאַרמאַכט. די זעלנער האָבן שוין געריסן די טירן פון אונזער סטאָדאָלע. זיי זענען אַריין און אַלץ גענומען איבערוואַרפן. זיי האָבן געטרעטן איבער אונז, ווילד געשליידערט דאָס שטרוי און געשיט מיט קללות. זייערע שווערע טריט האָבן געקוועטשט אונזערע הערצער ביז אויסצוגיין. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז פון אַלע ווינקלען וואַרפן זיי ביינטן שטרוי אויף אונזער עפענונג, אויף אונזער דעקל, זיי זוכן דאָרט און פאַרשיטן אונז דערווייל בעסער. ס'איז צוריק געוואָרן שטיל, מען האָט געהערט זיי פאַרמאַכן די טירן. מאַרוואַ האָט זיך ווידער געריסן און זיי האָבן געשאָלטן. זיי זענען אוועק אַ פאָר טריט און פון שטוב האָבן זיך גענומען טראָגן די שובאַוועס געוואַלדן.

ביי אונז אין לאָך איז איצט געווען שרעקלעך דושנע. מען האָט געפּרייכט און דעם אָטעם נישט געקאָנט ארויפציען. די לופט איז געווען געדיכט, מיט אַ מעסער צו שניידן. מען האָט אָבער נישט געטאָרט עפענען, מען האָט נאָך אַלץ געהערט זייערע קולות אויפן הויף. די מינוטן האָבן זיך שווער געצויגן — ס'איז שוין צען מינוט, פופצן־צוואַנציק, שוין אַ האַלבע שעה — זיי שרייען נאָך אַלץ. מיר סאַפּען און שלעפּן מיט מי דעם אָטעם.

ס'איז אַ רגע שטיל געוואָרן. נאָך אַ פאָר מינוט — ס'איז שטיל, מען הערט גאָרנישט. פרוימאַן וויל ליכט עפענען. ער שטעלט זיך אויף און שטופּט מיט די הענט אַרויף, דאָס טירל הויבט זיך. ס'איז טאַקע פון אויבן באַוואָרפן מיט שטרוי. ער וויל עס אָפּלענען — די דייטשן שרייען אויפסניי! זיי זענען נאָך פאַר דער סטאָדאָלע. ער פאַרהאַקט גיך. מען הערט, זיי שרייען, דראָען און זידלען, ווי זיך אַליין.

באלד איז ווידער שטיל געוואָרן. מיר הערן זיך איין: זייער שטיל, זייט דער פראָנט איז דאָ, איז נאָך אַזוי שטיל נישט געווען. ס'איז שוין דער עלפטער טאָג (ס'איז היינט מיטוואָך, דער ניינטער אויגוסט) ווי דער פראָנט איז איבער אונז און — דאָס ערשטע מאָל אַזאַ שטילקייט אין דער לופט. מען הערט גאָרנישט. נישט פאָרן, נישט שיסן, ווי דער פראָנט וואָלט געשלאָפן. ווען נישט פריער דאָס שרייען פון די זעלנער אויפן הויף, וואָלטן מיר געווען זיכער, אַז די דייטשן זענען שוין נישטאָ. איך שטרענג אָן די אויערן: דאַכט זיך, אַז מען הערט זיי שוין ווידער רעדן, די זעלנער? צי זענען דאָס זיי? — יאָ, ס'איז דייטש! דאָס זענען זיי!

מען האָט זיי געהערט זיך באַוועגן ווי האַרט ביי דער סטאָדאָלע, ווי אויף די

ווענט. דאַכט זיך, אַז זיי קריכן איבערן שטרויענעם סטאָדאָלע־דאַך. דער הונט האָט גענומען שפּרינגען אויף דער קייט און זיך געריסן מיט אַ געוואַלדיקער רציחה.

— דאָנער וועטער! — האָט אַ דייטש געשאָלטן — פאַרפלוכט!

שטיינער זענען געפאַלן אויף דער בודע.

מאָרוואַ האָט זיך ווילדער געריסן.

די דייטשן, ווי פון סטאָדאָלע־דאַך אַראָפּ, האָבן געשאָלטן מיט געמיינע קללות און געזידלט.

— מיטאַמאָל

טאַ — טאַ!

צוויי שאָסן, איינער נאָכן אַנדערן, זענען געפאַלן האַרט הינטער די סטאָדאָלע־ווענט. מאָרוואַס אַ שאַרפער קוויטש האָט דורכגעשניטן די לופט און — ס'איז געוואָרן שטיל.

מיר האָבן דערפילט, אַז מאָרוואַ איז דערשאָסן!

אַלע האָבן אויפגעצאַפּלט:

— מאָרוואַ!

מיר האָבן פאַרלוירן די לעצטע שמירה!

פון דרויסן האָט מען מער גאָרנישט געהערט. די זעלנער האָבן פון צייט צו צייט אַרויסגעוואָרפן אַ קללה און ווידער שטיל געבליבן.

ס'האָט אונז געשניטן ביים האַרץ, ווי מען וואָלט אונז אַוועקגענומען די לעצטע האָפנונג!

מאָרוואַ איז שוין אויך טויט!

מען האָט פריש געהערט קריכן אויפן סטאָדאָלע־דאַך. מיר האָבן זיך אינגאַנצן געוואָרפן.

דאָס וואַסער אונטער אונז האָט זיך דערוויַיל געריסן און איז כסדר געוואָרן העכער, אַ היץ האָט אונז געשמאָלצן. מען האָט גענומען שלעפּן פון זיך די צעריסענע דורכגעווייקטע שטיקער אָנטועכץ, זיי אַוועקגעוואָרפן אין דער זייט, אַלע מאָל אַ פריש שטיק. מיר זענען שוין געבליבן בלויז אין די צעריסענע אונטער־וועש און — כאָטש וואַרף אַראָפּ פון זיך דאָס אייגענע לייב!

מען איז געזעסן ווי אין אַ פינצטערער מקוה און אַ געדיכטע פאַרע האָט געשלאָגן אין קאָפּ. ס'האָט גענומען צום חלשן.

מיט די לעצטע כוחות האָט מען זיך אויפגעהאַלטן: געצויגן ווי אין גסיסה דעם אָטעם. די קעפּ געפּאַקט צום פאַרמאַכטן טירל, מיט אָפענע מיילער געשלעפּט אין זיך די געדיכטע הייסע לופט. ס'איז אָבער געוואָרן נאָך שווערער אויפן האַרץ און פינצטערער פאַר די אויגן. אסתּרל, צפּורהלע און אפרים האָבן געקרעכצט. מיר האָבן זיי געשטויסן, אַז זיי זאָלן שטיל זיין, ווייל אפשר איז אויך ווער דאָ אין סטאָדאָלע? איצט, מאָרוואַ איז טויט, ווייסט מען גאָרנישט. נישטאָ ווער עס זאָל אַליאַרמירן. די שובאָוועץ הערט מען אויך נישט.

איבער דער סטאָדאָלע האָט מען מיטאַמאָל גענומען שיסן! ס'האָט אונז אַרויסגעצויגן ווי פון אַ שלאָף! מיר האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין די לייסטן.

מיר האַלטן עס מער נישט איבער! געוואַלד, מיר גייען אויס! ס'האָט מיך געגלוסט וויינען.

איטשע און פּרוימאַן האָבן מיט לאַנגע דינע שטעקעלעך געפּרווט לעבערן דעם דאַך איבער אונז, אַריינצולאָזן עטוואָס לופט. מיר האָבן צו די לעכלעך אונטערגעשטעקט די נעז. זאַמד און בלאָטע האָבן זיך געשיט אין די אויגן.

אויפן דאַך איז פּלוצים געוואָרן אַ טומל. פון אונזער ווענטל און דעכל האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן גאַנצע שטיקער ערד, אַ בעליק איז איבער אונז געפאַלן. דאָס באַהעלטעניש — דאַכט זיך — ליגט זיך איין!

אויך פון דערווייטנס האָט מען געריכט געשאָסן. ווי צו אונזער זייט. מען האָט אויך געהערט מאָטאָרן קלאַפּן. דאָס שיסעריי און אויטאָס האָבן זיך דערנענטערט, די ערד האָט גענומען ציטערן, ס'האָט מוראַדיק געהילכט. מאַשין־געווער האָט דורכגעלעכערט די לופט. ווי אַ שטורם וואָלט זיך געטראָגן צו אונז, האָט עס געזעצט פון אַלע זייטן. צענדליקער אויטאָס האָט מען געהערט פאָרן אויפן וועגל, באַגלייט פון אַן אומאויפהערלעכער שיסעריי. זיי זענען געפאָרן און געשאָסן, ווי איבער דעם סטאָדאָלעדאַך אַריבער. מיר האָבן דערפילט, אַז די געפאַר איז דאָ! אַלץ איז פאַרוישט געוואָרן.

באַלד זענען זיי געווען אויף אונזער הויף! הונדערטער קולות האָבן זיך גע־ טראָגן! די מאָטאָרן האָבן זיך האַסטיק איינגעשטילט. אַ טומל, אַ שיסעריי און געוואַלדן פון זעלנער.

מיר זענען געבליבן ווי פאַרגליווערט!

פּלוצים, האָבן זיך אונזערע טירן אויפגעריסן, מען האָט זיי אַראָפּגעבראָכן און אַוועקגעשליידערט. מיר האָבן מיט די לעצטע כוחות זיך אָנגעהאַלטן איינער אין אַנדערן. ס'האָט געוואָרגן און אונז געוואָרפן.

צענדליקער סאָלדאַטן מיטאַמאָל זענען אַריין אין סטאָדאָלע. אַלץ אינעווייניק גענומען איבערוואַרפן און צוטרעטן. זיי זענען אַרויף איבערן באַהעלטעניש. מיר — אונטן — האָבן געסאַפּעט, און נישט געקאָנט איינהאַלטן דעם אָטעם. דאָס האַרץ איז געשפּרונגען. מיר האַלטן עס נישט אויס! איבער אונז האָט מען געשריגן, מיר האָבן נישט געקאָנט אויסטיילן קיין ווערטער. אסתרל האָט מיר אין וואַסער געגלעט איבער די הענט און פיס.

מען איז געטרעטן ממש איבער אונזערע קעפּ.

— קינדערלעך, לאָמיר זאָגן שמע ישראל!

— שמע ישראל! שמע ישראל! — האָבן אונזערע ליפּן געשעפּטשעט.

איך האָב געקושט אסתרלן אין שטערן, צפּורהלען און אַפּריכיען, כ'האָב זיך געקושט מיט ישראל־אהרנען און איטשען.

„דער סוף! דער סוף!" — האָט עס אין מוח געקלאַפּט.

— דייטשן — זאָגט ווער — כ'הער רעדן דייטש!

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מען הערט אויבן אויך רוסיש. ס'מוזן אפשר זיין אויך „וולאַסאָווצעס" און אפשר האָבן זיי אַהערגעבראַכט רוסישע געפאַנגענע און זיי דאָ איינגעשלאָסן.

מען טרעט און מען רודערט אויבן. איך הער שוין באַשטימט רוסישע ווערטער. מען רופט זיך ביי רוסישע נעמען:

—נאַומאָוו — האָט ווער געשריגן.

— אפשר זענען עס די רוסן? — בליצט דורך אַ געדאַנק!

איך שטרענג אָן די אויערן:

— ניין, מען הערט רעדן רייטש!

— אוי ווי מיר, כ’איז דער סוף! איצט ענדיקט עס זיך! איצט געפינען זיי אונז! געוואַלד!

— שמע ישראל!

דאָס בלוט האָט מיר געגליווערט און געשווינדערט!

אין אַ מינוט האָבן זיך אַלע אויבן פליצים צוריק ארויסגעלאָזט אויפן הויף. די סטאָדאָלע איז מיטאַמאָל געבליבן ליידיק.

מיר זענען געווען ווי טויט, אָן באַוווסטזיין.

אויפן הויף האָט זיך געקאָכט ווי אין אַ קעסל, הונדערטער, ממש הונדערטער שטימען. מיר האָבן שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן. ס’האָט געדושעט אין האַלז, אונזערע קעפ האָבן זיך פאַרוואָרפן. די הערצער שטעלן זיך אָפ. כ’האָב געקלערט צו עפענען!

— כ’וויל ארויס — האָט זיך אכתרל צעוויינט — כ’וויל ארויס! זאָל זיין וואָס עס וויל!

— כ’גיי אויס! אביסעלע אָטעם! קומט ארויס! כ’קאָן נישט מער! אָ־אָ, כ’גיי אויס!

פון דרויסן האָט ווער צוריק אָנגעהאָנגען די טירן. מען האָט מיט באָרוועסע טריט זיך געדראַפעט איבער די בינטן שטרוי. ווי אין אַ חלום האָב איך דערקענט ס’איז די שובאָווע. זי איז פאַרזיכטיק געקראָכן ארום באַהעלטעניש און עס ארומגעלייגט מיטן שטרוי, זי האָט פאַרשטעלט אונזער טירל און ארויס.

מיר האָבן פאַרבראָכן די הענט:

— זיכער אַ פאָזיציע! אַ דייטשע פאָזיציע אויפן הויף! מיר זענען אריינגעפאַלן!

אַלץ אין אונז איז אָפגעשטאָרבן:

— שוין, ס’האָט זיך געענדיקט!

דאָס וואַסער האָט אונז געשלאָגן ביז צו די העלזער. מיר וועלן זיך דערטרינקען, אָדער אריינפאַלן צו זיי אין די הענט!

אפרים האָט געזאָגט, אַז די פיס זענען אים שוין שטייף־אָפגעשטאָרבן, ער פילט, אַז דאָס בלוט און אַלע איברים גליווערן אים. אסתרל האָט געקעמפט מיטן אָטעם:

— ס’איז מיר פינצטער און אַזוי נישט גוט, ראַטעוועט! מאַכט אויף, כ’וויל ארויס! — זי האָט שוין נישט געקאָנט רעדן.

ס’איז מיר אַדורך אַ געדאַנק:

„אַרויס און איבערגעבן זיך!”

כ’האָב געפילט, אַז ס’וועט מיר אויך זיין לייכטער, כאָטש איין מינוט פריער כאַפּן דעם אָטעם, אָנטרינקען זיך מיט לופט און זאָל שוין דערנאָך אַלץ געשען!

כ’גיי אויס! אַ שוויים שלאָגט פון מיר. ס’איז מיר פינצטער פאַר די אויגן. פרוימאַן און איטשע האָבן געסאַפעט און געקרעכצט. צפורהלעס קאָפ איז אויף מיר שווער געלעגן, זי האָט כסדר אויפגעצאַפּלט. כ’האָב שוין נישט געקאָנט אָטעמען.

כ’גיי עפענען! איך שטרעק קוים אויס די הענט.

— ניין, כ’וועל נישט עפענען!

— אַ, כ'גיי אויס! — די הענט זענען מיר אַרונטערגעפאַלן, כ'האָב פאַרוואָרפן דעם קאָפּ. מיר האָבן אַלע שטיל געקרעכצט און געכאָרכלט.

מען איז ווידער באַרוועס געגאַנגען אין סטאָדאָלע. נאָכאַמאָל די שובאָווע. זי האָט ליבט אוועקגעשאַרט אַ בינטל שטרוי און שטיל אָנגעקלאַפּט. זי האָט געבעטן עטוואָס עפּענען. כ'האָב מיט ציטערנדיקע הענט אינטערגעהויבן דאָס דעקל. זי האָט אַריינגעסודעט:

— סכאָוואַיטאָ שען דאָבזישע! באַהאַלט אייך גוט! פּעלנאָ רוסקיך נאַ פאַרווירקו — פול מיט רוסן אויפן הויף! פאַרמאַכט פעסט!

כ'האָב אויפגעציטערט:

— וואָס פאַר אַ רוסן? וועלכע רוסן? כ'פּיל, אַז איך פאַל. אַ פּאַס ליפּט האַט מיר געשלאָגן אין פּנים.

באָלשעוויקים, מען זאָגט, אַז זיי שלאָגן אויך יידן, פאַרמאַכט שנעל!

— קינדערלעך! די רוסן!—האָב איך אַראָפּגעשריגן. כ'האָב געפילט, אַז איך גיי אויס!

— וואָס פאַראַ אוניפאָרמען טראָגן זיי? — פרעג איך.

— רוסישע, מיט רויטע שטערנדלעך איבער די קעפּ — זאָגט די שובאָווע.

מיט איין זעץ האָב איך אוועקגעוואָרפן דאָס טירל. ווי פון אַ טייוול געטראָגן בין איך אַרויף אויבן און - נאַקעט, נאָר מיט אַ פּאָר צעריסענע אונטער־וועש — אַרויס צו די טירן פון סטאָדאָלע, כ'האָב אַרויסגעקוקט:

פאַר די אויגן האָט מיר געבלענדט. כ'איז מיר פאָרגעקומען ווי אין אַ חלום: איפן הויף איז פול געווען מיט רויטאַרמייער! — כ'האָב געפילט, אַז איך פאַל אין חלשות! אין איין אויגנבליק האָב איך אויפגעריסן די טירן, ווי אַ לונאַטיקער בין איך אַרויס מיט צעשפּרייטע הענט און אַ געשריי געטון:

— טאָוואַרישטשי!

* * *

פון אַלע זייטן האָבן זיך ביקסן געשטרעקט צו מיר. כ'האָב אויפגעהויבן די הענט, געלאָפן די לופּעס אַנטקעגן, אַריינגעפאַלן איינעם אין די אָרעמס:

— טאָוואַרישטש! טאָוואַרישטש!

כ'בין אַרויס מיט אַ געוויין:

— טאָוואַרישטשי, מיר זענען יידן! מיר וואַרטן אויף אייך שוין יאָרן אונטער דער ערד!

— טאָוואַרישטשי!

מ'האָט מיך אַרומגערינגלט. כ'האָב געמאַכט געוואַלדן, געוויינט און געלאַכט. מיט די הענט האָב איך זיי געשלעפּט צו דער סטאָדאָלע, זיי אַריינגעפירט צום גרוב.

— קינדערלעך, קומט אַרויס! שנעל! די רוסן זענען דאָ! די רויטאַרמייער זענען אין שטאַל!

די זעלנער און אָפיצירן זענען געשטאַנען געפּלעפּט מיט אויפגעריסענע פאַרגאַפטע אויגן געקוקט:

בלייכע שאָטנס האָבן פון אונטער דער ערד זיך גענומען אַרויסשאַרן, נאַסע, אָפּ־

געריסענע און פֿאַרשוואַרצטע. זיי האָבן דערשראָקענע געקוקט.

— קינדערלעך, מיר זענען פֿריי! די רויטאַרמייער האָבן אונז באַפֿרייט!

זיי האָבן פֿאַרגליווערט געשמייכלט, געפֿאַלן די זעלנער אין די אָרעמס און קיין וואָרט פֿון זיי זיך נישט געקאָנט אַרויסברענגען.

כ'האָב זיי געמונטערט:

— קומט, קומט אַרויס אויפֿן הויף!

זיי האָבן נישט געקאָנט גיין. די זעלנער האָבן זיך געדריקט אַרום אונז. אַן אָפֿיציר האָט אונז געהייסן נעמען אונטער די אָרעמס און אַרויספֿירן.

אין דרויסן האָט שוין אַ זון געשיינט. מאָרוואָ איז פֿאַר די טירן געלעגן מיט דער ברוינער פֿעל — אויסגעצויגן, ווי אַנטשלאָפֿן געוואָרן אויף דער וואַך, נאָר אַ רויטער בלוט־פֿלעק האָט זיך געגליווערט פֿון אָפֿענעם פֿאַרשטאַרטן פּיסק אַרויס אויפֿן טויטן קאָפּ.

כ'האָב פֿאַרנומען אַ שטילן ראַפּאָרט:

— כ'האָב דאָס מייניקע אָפּגעטון און איצט בין איך פֿריי!

⁂

יאָ, מאָרוואָ האָט דאָס זייניקע אָפּגעטון — מיר זענען געווען פֿריי! מיר זענען געזעסן אויפֿן זוניקן הויף, אַרומגערינגלט פֿון רויטאַרמייער, וועלכע האָבן זיך געדרענגט פֿון אַלע זייטן. מיר האָבן נישט באַנומען וואָס עס איז געשען און געמיינט, אַז מען חלומט. אַלץ, אַלץ, די פֿאַרגאַנגענע פֿאַר יאָר, ווי דער איצטיקער מאָמענט, האָט אויסגעזען עפּעס נישט וואַרשיינלעך, ווי איין קאָשמאַרער חלום! מיר האָבן געקוקט אויף די זעלנער, פֿאַרשוואַרצטע פֿון פּראָגט, ווי אויף מילדע קינדער פֿון אַ גן־עדן־מעשהלע. יעדע מינוט פֿון דאָסניי אויפֿגעריסן די אויגן און זיך אַלץ נישט געקאָנט גלויבן, אַז דאָס איז אמת: זענען מיר טאַקע פֿריי?

— איר זענט פֿריי, איר זענט פֿריי — האָט צו אונז איינער, אַ קאָמאַנדיר, געשעפּטשעט. די איבעריקע זענען געשטאַנען געריירט און קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען, בלויז אונז געקוקט אין די אויגן.

דער קאָמאַנדיר האָט געזוכט ווערטער אונז עפּעס צו זאָגן, צו צערטלען:

— איר זענט פֿריי, איר זענט פֿריי! — האָט ער כסדר איבערגעחזרט.

מיר זענען געווען צעטומלט און נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט אונז.

מען האָט מיטאַמאָל דערזען שובען. ער האָט זיך צו אונז דערנענטערט און מיט אַן אויסגעמאַטערט פּנים געשמייכלט. מיר האָבן זיך אַלע אויפֿגעריסן און זיך מיט אים צעקושט. ער האָט אונז אַרומגעכאַפּט מיט די אויסגעהאָרעוועטע הענט, געווען צעחושט און נישט געוווּסט וואָס צו טון. זיינע גרויע אויגן האָבן געלויכטן. ער האָט אונז געדריקט צו זיך און הילפֿלאָז געשטאַמלט. אייניקע זעלנער האָבן זיך געווישט די אויגן. פֿון דער זייט האָט אים ווער געקלאַפּט איבער דער פּלייצע:

— מאָלאָדיעץ, מאָלאָדיעץ!

מיר האָבן זיך גענומען אַרויסרייסן פֿון דעם חלום. דער אַרומיקער דרויסן האָט אונז געלויכטן אין די אויגן: אַזאַ רחבֿותדיקע ליכטיקייט! אַזוי פֿיל לופֿט צו טרינקען!

אין — עפּעס אַלץ אָן מורא ? כ׳האָט זיך געדאַכט, אַז מען גאַרט אונז אַריין ! מיר האָבן געזוכט אַ ייד, געקוקט יעדן זעלנער אין פּנים, געפרעגט ביי די קאָמאַנדירן, צי זיי האָבן יידישע סאָלדאַטן ביי זיך אין די קאָמפּאַניעס, מיר ווילן זיי זען. די יידישע זעלנער זענען געלעגן אין די אַרומיקע אָקאָפּעס, הינטער די בוימער ביי מאַשינגעווער.

די שובאָווע איז געקומען אַרויס צו לויפן, זיך מיט אונז צעקושט און דערציילט די נסים פון היינטיקן אינדערפרי :

— עטלעכע שעה זענען זיי דאָ געווען, די סאָלדאַטן. דאָס זענען געווען די לעצטע דייטשן, דער לעצטער פּאָסטן זייערער. נאָך ביינאַכט איז דאָס מיליטער מיטן גאַנצן פראָנט אַנטלאָפן צו דער דאַברער זייט צו. זיי האָבן אין דער פינצטער דאָ געמאַכט אוואַנטורעס, אַרויסגעשלעפּט קאָוואַלטשיקס אומגעמאַלע טאָבטער און זי פאַרגוואַלדיקט. פאַרטאָג איז די געגנט שוין געווען אָפּגערייניקט פון זיי. נאָר די פּאָר „סוואָלאַטשעס”, די סאָלדאַטן, זענען געבליבן אויף אונזער הויף, איינגעריכט אַן אָבסערוואַציע־פּאָזיציע אויף דעם סטאָדאָלע־דאַך, פון וואַנען זיי האָבן מיט „פעלדשטעבער” (לאָרנעטעס) אָבסערווירט די באַוועגונגען פון די רוסן. עטלעכע שעה זענען זיי דאָ געווען און יעדע ווײַלע דורך דראָטן איבערגעשיקט ראַפּאָרטן צו דער אַרמיי הינטער זיך. זיי האָבן שטאַרק מורא געהאַט, אַז מען זאָל זייער פּאָזיציע נישט אַנטדעקן און האָבן דעריבער דערשאָסן מאָרוואַן, וואָס האָט כסדר בילנדיק סיגנאַליזירט אַז זיי פאַראַטן. צען מינוט איידער זיי זענען אַוועק (אַרום צען אינדערפרי) האָבן זיי נאָך פון סטאָדאָלע־דאַך אַראָפּ — דערשאָסן די ערשטע אָנגעקומענע רוסן, דעם פאָרפּאָסטן.

די שובאָווע קוקט אויף די רוסן און אויף אונז און לאַכט :

— אבי מען האָט געזאָגט, אַז אויך זיי, די „באָלשעוויקעס”, הרגענען יידן ?! כ׳האָב אייך מורא געהאַט אַרויסצולאָזן !

דער קאָמאַנדיר הערט אונזערע לעצטע איבערלעבונגען און איז אויסער זיך :

— רחמים, רחמים, האָט איר געהאַט אויך פון אונז ! מיר האָבן געזען ווי די לעצטע דייטשן אַנטלויפן פון אָט דער סטאָדאָלע און זענען געווען זיכער, אַז נאָך אַנדערע זענען אינעווייניק באַהאַלטן. מיר זענען דעריבער דאָ אַלע אַריין מיט גראַנאַטן אין די הענט. ווען מיר געפינען אייער גרוב, וואָלטן מיר נאָך אייך געווען איבערגעריסן, מיט אַריינגעוואָרפענע גראַנאַטן ! נסים האָט איר געהאַט !

ער נעמט אַ גרופּע זעלנער און זיי לויפן נאָכאַמאָל אַריין אין סטאָדאָלע. מיט עלעקטרישע לעמפּלעך בייגן זיי זיך איבערן גרוב, קוקן אַראָפּ און הויבן מיט די אַקסלען :

— ווי אַזוי, ווי אַזוי האָט איר דאָ געלעבט, ווי אַזוי ?! דאָס וואַסער איז דאָך ביז אויבן אַרויף און —

זיי האָבן אַוועקגעכאַפּט די נעז...

איך בין אַראָפּ, אַרויסגעכאַפּט פון וואַסער די שטיקלעך צעווייקטע מלבושים, מיר האָבן זיך שנעל אָנגעטון.

— מען דאַרף אַוועק פון דעם פּלאַץ — האָט דער קאָמאַנדיר אונז געזאָגט — ס׳איז דאָ געפערלעך. ס׳איז די ערשטע ליניע, באַלד וועט זיך אָנהויבן אַ שיסעריי. גייט, אויפן וועג וועט איר אָנטרעפן אַ סך יידן !

מיר האָבן זיך מיט אַלע צעקושט, נאָכאַמאָל מיט אונזערע ליבע שובעס און אָנגעהויבן גיין אויפן וועג צו קאַלושין צו. פון אַלע זייטן זענען פויערים אַרום און אונז נאָכגעקוקט. מיר האָבן נישט געקאָנט שלעפן די געשוואָלענע פיס, זיי האָבן זיך געבראָכן און וויי געטון ווי צום אויפפּלאַצן. מיר זענען געגאַנגען אויף דער ערד ווי אויף וואָלקנס, עפעס אַ שטורעם האָט אונז געטראָגן. אויפן וועג איז אָן אויפהער אונז אַנטקעגנגעפאָרן מיליטער, אַ סך יידישע פנימער, אונזערע אייגן האָבן זיך באַגעגנט. פון אַלע זייטן האָבן זיי זיך איילִיק געלאָזט צום פראָנט, מען האָט זיי נישט געקאָנט אָפשטעלן. מיר זענען ווי אויף פרעמדע פיס בסדר געלאָפן, געהויבן די הענט און באַגריסט די אַרמיי.

— זדראַוסטוויטיע — האָבן די זעלנער געשריגן. עס האָט אָפגעהילכט ווי ווייט.

די יידן האָבן געוואונקען מיט די אויגן, געמאַכט מיט די הענט און — אויסגעדרייטערהייט — מיט בענקשאַפט, אונז נאָכגעוואָרפן בליקן, אונזערע אייגן האָבן זיך נישט געקאָנט אָפרייסן. ס'איז אוממעגלעך געווען זיי צו פאַרהאַלטן!

נאָך אַ האַלבער שעה איז אונז הינטערגעפאָרן אַן אויטאָ מיט עטלעכע זעלנער און אַן אָפיציר. ס'איז געווען אַ פּאָלקאָווניק, דער קאָמאַנדיר פון דעם אָפשניט. ער האָט זיך פאַרהאַלטן, אונז געהייסן איינשטייגן און אונז אָפגעפירט ביז אַ שטיק הינטער קאַלושין. ביים אויסשטייגן פון אויטאָ האָט ער אונז געזאָגט:

— געדענקט, די אַרמיי פון סאָוועטישן מאַרשאַל ראָקאָסאָווסקי האָט אייך באַפרייט.

ער האָט אונז דאָס אויפגעשריבן אויף אַ שטיקל פאַפיר און געדריקט די הענט.

* * *

שפעטער, האָבן מיר ענדלעך געטראָפן דעם ערשטן ייד! קאַפיטאַן דאָקטאָר נחום גאָלנער — אַ יונגערמאַן פון איבער דרייסיק, אַ זייער סימפאַטישער ברונעט מיט אַ געפאַסטן מונדיר און גאָלדענע שליפעס. ער איז פלינק אָנגעריטן אויף אַ פערד און אונז דערזעענדיק, איז ער שיר פון אים אַראָפגעפאַלן! אין איין אויגנבליק איז ער אַראָפגעשפרונגען און אונז געפאַלן אין די אָרעמס, קיין וואָרט האָבן מיר נישט געקאָנט אַרויסברענגען.

— ליבע ברידער און שוועסטער! איך זוך דאָך אייך שוין פון כאַרקאָוו אָן, — פון דאָרט ביז אַהער האָב איך נאָך קיין ייד נישט באַגעגנט!

ער האָט געוויינט פון שמחה! אויך ער —אַליין פון אָרעם -- האָט אַלע זיינע נאָענטסטע פאַרלוירן. ער האָט אונז געוויזן פאָטאָס פון זיי, דער פאָטער — אַ ייד מיט אַ לאַנגע ווייסע באָרד. מיר האָבן אין אים געטראָפן דעם ערשטן ברודער. ער האָט זיך נישט געקאָנט שיידן פון אונז. עטלעכע שעה זענען מיר אויפן גראָז געזעסן און ער האָט נישט געוווסט וואָס מיט אונז צו טון. אַ שטיק האַרץ האָט ער אונז אַריינגעזעצט, און געוואַרעמט אונזערע נשמות, ער האָט אונז בכבוד געהאַלזט און געקושט.

ס'איז געוואָרן שפעט. ער האָט געמוזט ווייטער אַוועק מיטן פראָנט. טרערן זער

דער מחבר -- אַ חודש נאָך דער באַפרייונג
סעפטעמבער, 1944

נען אים געריסן פון די אויגן. ער איז אַרויף אויפן פערד און נישט געקאָנט אוועקרייטן.

מיר האָבן אים געטרייסט:

— פאָרט און זייט מצליח! דאָרט וואַרטן זיכער אויף אייך נאָך פאַרשטעקטע אונטער דער ערד, אונזערע ברידער און שוועסטער. זיי קוקן זיך אויס די אויגן נאָך אייך!

מיר האָבן זיך געדריקט די הענט. ער האָט געצויגן פאַר די לייצן און איז אוועק.

מיר האָבן זיך אויפגעשטעלט, גענומען גיין און אַליין נישט געוווּסט אין וועלכער זייט. די וועלט איז געלעגן אָן אָפּענע, אָבער — אַ פּוסטע, אַ ליידיקע. אונזערע אויגן האָבן זיך געווענדט צו מזרח, דאָרט ווייט איבערן ים. מיר האָבן געשפּאַנט ווי אין חלל און געקוקט פאַר זיך.

מיר האָבן זיך אויף אַ ווײַלע אויסגעדרייט:

נישט ווייט אויפן פערד איז געזעסן גאָלגער און אונז נאָכגעוואָרפן אומעטיקע בליקן. מיר האָבן צו אים געהויבן די הענט. ער האָט אונז שנעל, גאַלאָפּ — אונטערגעיאָגט, אויסגעצויגן די האַנט און מיט אַן ערנסטער שטימע, געזאָגט:

— איר קאָנט גיין קיין קאַלושין, דערנאָך קיין מינסק, פון מינסק קיין לובלין און פון דאָרט שטייט פאַר אייך שוין אָפן די גאַנצע וועלט!

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיר זענען געגאַנגען. אַלע זענען מיר געווען מיד און צעבראָכן. איך אַליין האָב זיך געפילט פאַרמאַטערט און קראַנק, ס'האָט אונז געצויגן צו אַ בעט און כאָטש די זון איז שוין געשטאַנען הויך, ס'איז געווען נאָך האַלבן טאָג, האָט אונז געדאַכט, אַז ס'איז איצט פאַרטאָג, כ'גייט אויף אַ מאָרגנשטערן. מיר זענען געגאַנגען אַנטקעגן דער שטאָט, צווישן גרינע פעלדער. הינטער זיך האָבן מיר געהאַט אַ שוואַרצע, חושכדיקע נאַכט, די מוראַדיק־אומהיימלעכע נאַכט פון לאַנגן מעסער. מיר האָבן געשפּרייזט פאָרויס אַנטקעגן אַ העלן פרימאָרגן.

אש תמיד תוקד — לא תכבה.
נישט פאַרלאָשן זאָל ווערן דאָס פייער.

מינסק־מאַזאָוויעצק

מיר זענען קינדער פֿון דעם דאָזיקן שטעטל, דאָרט געבוירן, דערצויגן און אויפֿגעוואַקסן. אויף די מינסקער געסלעך האָבן מיר זיך געשפּילט, צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע יידישע קינדער. פֿון אונזער קינדהייט אָן — איינגעזאַפּט די דאָרטיקע לופֿט, געטרונקען דאָס דאָרטיקע וואַסער. יעדער שטיין אין ברוק דאָרט, איז אַ חלק פֿון אונזער קינדישער פֿאַנטאַזיע; יעדער הויז, פּלויט, גאָרטן און בוים — איז אַ שטיק פֿון אונזער לעבן געלאָזט הינטער זיך און דאָרט, אויף די שמאָלע און ברייטע געסלעך, וואָס שלענגלען און ציען זיך פֿון מאַרק אַרויס — שטייען נאָך ביז היינט פֿיל פֿון די גאָרנדיקע הייזער, אין וועלכע אונזערע וויגלעך זענען אַמאָל געשטאַנען און, ווי אויף להכעיס, זענען די געסלעך, ווי כמעט דאָס גאַנצע שטעטל, געבליבן נישט פֿאַרענדערט. די געוועלבער, וואַרשטאַטן, מיט די שוויפֿענצטער אין פּראָגנט, פֿון וואַנען עס פֿלעגן זיך אַמאָל אַרויסזען די געשטאַלטן פֿון אונזערע טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער און ברידער, זענען אָפֿן ווי אַמאָל, נאָר אנשטאָט זיי, טוילן זיך איצט אויס געשטאַלטן פֿרעמדע, אומהיימלעכע, וועלכע וואַרפֿן אָן אַ פּחד אויף דעם זכרון פֿון אונזערע קינדער־יאָרן. טרויעריק ליגן די געסלעך צו וועלכע עס קוקן מיט אומעט אַרויס די געוועלבער. נישטאָ מער דער פֿריילעכער רעש פֿון די יידישע אַרבעטער, באַלעמעלאָכעס און קרעמער, פֿון די יידישע קונים. טרויעריק איז דער ברוק, דאָס זאַמד, די קאַשטאַן־ביימער. נישטאָ מער די פֿריילעכע יידישע קינדערלעך, די ווייסע־חברה־ניקעס, וואָס פֿלעגן אַלץ פֿאַרטומלען און אַלץ אַרום איינשפּילן. איצט שפּילן זיך דאָרט אַנדערע קינדערלעך, אין אַנדערע שפּילן, מיט קולות׳לעך אין אַן אַנדער שפּראַך.

און באַזוכנדיק דאָס שטעטל, די געסלעך, לעצטנס, נאָך דעם גרויסן קאַטאַקליזם, וואָס האָט אָפּגעמעקט פֿון דאָרטיקן אויבערפֿלאַך די אַמאָליקע איינוווינער, די טויזנטער יידישע בעלי־מלאכות, קרעמער, פּשוטע מענטשן און מדרגה־יידן — קלאַפּט אין פּלוג דאָס האַרץ, קוקנדיק אויף די היימישע הייזער. עס דאַכט זיך, אַז אָט־אָט באַווייזן זיך די אַלטע, נאָענטע געשטאַלטן אין די טירן, די היימישע פּנימער אין די פֿענצטער און ווי אַמאָל, וועלן זיי אַרויסשמייכלען צום פֿאַרבייגייענדיקן, נאָר אנשטאָט זיי — באַווייזן זיך געשטאַלטן אַנדערע, מיט פּנימער פֿאַרכמורעטע, קאַלטע, וואָס קוקן מיט בייזע, שטעכיקע בליקן נאָך דעם פֿרעמדן, אַזוי אַז עס ווערט אַזש אומהיימלעך און מען האָט חשק גיך, וואָס שנעלער צו פֿאַרשווינדן.

⁂

אונזער שטאָט, וואָס האָט אַמאָל, אין די צאַריש־רוסישע צייטן, געהייסן נאָוואָ־מינסק, ווי טייל האָבן זי גערופֿן קליין־מינצק און וואָס הייסט היינט מינסק־מאַזאָוויעצק — ליגט אויף דער מאַזאָווישער ערד, סך הכל 39 קילאָמעטער פֿון דער

הויפּט־שטאָט, וואַרשע. עס צעטיילט זי דער טייך „סרעברענע", וואָס פֿאַלט, הינטער אָטוואָצק, אַריין אין שווידער. ביידע טיילן, „די שטאָט" און „יענע שטאָט", בילדן אינאיינעם די פּאָוויאַט־שטאָט. זי איז דער „הויפּט" פֿון די אַרומיקע שטעטלעך קאַלושין, קאָלביעל, מראָזים, שעניצע, דאָברע, לאַטאָוויטש, סטאַניסלאַוואָוו א. א. איז זי טאַקע אַמאָל געווען אַ מקום פּרנסה. די איינוווינער, וועלכע האָבן זיך, ס'רוב פֿאַרנומען מיט מלאכה און קליינהאַנדל, פֿלעגן עטלעכע מאָל אין וואָך פֿאָרן קיין וואַרשע און אויף באַלעגאָלישע פֿירלעך, אָדער עלעקטרישער באַן (די לעצטע יאָרן פֿאַר דער מלחמה), אַהיימגעפֿירט פּעקלעך סחורה, געקויפֿטע אויף די נאַלעווקעס, גענשע, גזשיבאָוו, פֿראַנציסקאַנער. מען פֿלעגט אויף די געבויגענע רוקנס פֿירן לעדער, מאַנופֿאַקטור, אייזנוואַרג און צעלניק — געפּאַקט אין שאַכטלען און דערפֿון געצויגן פּרנסה, אַבי אויף חיונה. מען האָט געלעבט אויך פֿון אַנדערע קליינע יידישע פּרנסות און דערפֿון געכאָוועט קינדער, זיי חתונה געמאַכט און ווידער אַריינגעצויגן אין דער פּרנסה. אַזוי האָט דאָס געדויערט קרוב צוויי הונדערט יאָר. מינסקער יידן האָבן געלעבט רואיק, מיט אַן אייגן לעבן, מיט אייגענעם שטייגער, מיט אייגענער פֿרייד און לייד, אייגענע דאגות, אייגענע שמחות און אויך אייגענע מחלוקות — ביי די עלטערע — איבער רבנים, שוחטים, גוטע־יידן און ביי יונגוואַרג — איבער פּאַרטייען, אידעען און וועלט־יושר. מען האָט דאָס אייגענע לעבן געפֿירט שטאָלץ, מיט כבוד. קיינמאָל זיך נישט געלאָזט בייגן און אודאי נישט פֿאַרצווייפֿלט פֿון פֿרעמד חוזק־מאַכעריי, באַליידיקונגען, באָיקאָטן און אפֿילו פּאָגראָמען אין דער נאָך רואיקער, פֿאַרמלחמהדיקער צייט. אַזוי האָט דאָס געדויערט, ווי געזאָגט, קנאַפּע צוויי יאָרהונדערטער און אַזוי וואָלט זיך דאָס יידישע לעבן דאָרט געצויגן ווי לאַנג אין דער צוקונפֿט אַריין.

⁂

נישטאָ מער די יידישע קהילה מינסק. זי איז פֿאַרניכטעט געוואָרן און מיט איר — אַלע אירע דערגרייכונגען און דערוואָרבונגען פֿון דורות. נישטאָ אפֿילו ווער עס זאָל אונז דערציילן פֿון איר אַלטער געשיכטע. אויך דער אַלטער פּנקס פֿון שטאָט, דער אוצר פֿון שטאָט־לעגענדעס און מעשיות, וואָס איז יאָרן־לאַנג געפֿירט געוואָרן דורך דער חברא־קדישא און איבערגעגעבן געוואָרן פֿון דור צו דור, איז פֿאַרניכטעט געוואָרן. מיר האָבן מער נישט די ליבע זקנים, די עדות, איש מפּי איש, וועלכע פֿלעגן דערציילן די זכרונות פֿון זייער קינדהייט און וואָס זיי האָבן „געהערט פֿון זייערע טאַטעס און זיידעס". זיי לעבן שוין איצט נישט. זיי זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט דער גאַנצער עדה, נישט כמות כל האדם, נישט אויף זייערע בעטן. מיט זיי און מיט זייערע קינדער און אייניקלעך צוזאַמען, איז אָפּגעהאַקט געוואָרן דער המשך פֿון דער קהילה. פֿאַרניכטעט איז אויך דער אַלטער בית־עולם, די מצבות צעשטערט, די קברים מיטן געביין אויסגעמישט מיט דער גאַנצער ערד. אויך פֿון נייעם גרויסן בית־עולם איז שוין באַלד קיין זכר נישט פֿאַראַן. מיר זענען עלנט און עס בלייבט אונז נאָר מיט די יאָרצייט און נשמה־ליכט אין האַנט אַרומצוגיין זוכן אַ זכר פֿון דעם געוועזענעם, געווען ערשט אַזוי נישט לאַנג און שוין נישטאָ, שוין אויף אייביק אַוועק.

⁂

דער אַלטער דור אין מינסק, אונזערע טאַטעס און זיידעס, ווי פלעגן זיי שטאָלצירן מיט זייער שטאָט, מיט דעם מינסק של מעלה, מיט די בתי מדרשים, חסידים־שטיבלעך, ישיבה, תלמוד־תורה און גרויסן רבישן „הויף". איז דאָך דער אַמאָליקער הויף פון נאָוואָמינסקער רבין געווען זייער קרוין. טויזנטער חסידים פון אַלע עקן לאַנד זענען זיך אויף די שבתים און ימים־טובים צונויפגעפאָרן צו דער פערלאָוו־דינאַסטיע, צוערשט צום רבין ר׳ יאַנקעלע זצ"ל, דערנאָך צו זיין זון, ר׳ אַלטער ישראל שמעון זצ"ל. מינסק האָט אין יענע יאָרן מיט איר „הויף" געשמט און זיך גרויס געהאַלטן, צענדליקער לעגענדעס זיך נאָכדערציילט.

און די גרויכע ישיבה „בית־יעקב", מיט די הונדערטער תלמידים פון דער גאַנצער מדינה! פאַר אַ צייטונג האָט אַלט־מינסק דאָס באַטראַכט!

איצט, איין גרויסע לעגענדע דאָס אַלץ. נישטאָ די בתי מדרשים, דעם רבינס הויף, די ישיבה, די שטיבלעך. פונקט ווי מינסק של מטה, איז דאָס אויך פאַרניכטעט געוואָרן.

⁂

דאָס לעבן אין מינסק איז נישט געשטאַנען אויף איין אָרט:

אין דער לעצטער צייט פאַר דער מלחמה, האָט דער דאָרטיקער יידישער ישוב וואָס האָט געציילט איבער פינף טויזנט נפשות, שוין געהאַט אַ נעץ פון געזעלשאַפטן און אינסטיטוציעס. אַ גמילת חסד־קאַסע, וועלכע האָט געפירט אַ גרויסע טעטיקייט, צווישן דער נויטבאַדערפטיקער יידישער באַפעלקערונג, אַ לינת הצדק, אַ הכנסת כלה, הכנסת אורחים און אַנדערע אינסטיטוציעס. אַ גרויסע העברעאישע תרבות־שולע, אין וועלכער ס׳האָבן געלערנט הונדערטער קינדער. ערשט די יוגנט! זי האָט זיך גרופירט אין צענדליקער פאַרטייען, פון רעכטס ביז לינקס, אָנהויבנדיק פון אגודה, מזרחי, רעוויזיאָניסטן, אַלגעמיינע ציוניסטן, רעכטע און לינקע פועלי ציון, ביז בונדיסטן און קאָמוניסטן. אחוץ פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. די אַלע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַט אייגענע לאָקאַלן, געפירט אַ באַזונדערע קולטורעלע טעטיקייט, מיט באַזונדערע קלובן, ביבליאָטעקן און — דערצויגן די יוגנט — אַ באַוווכטזיניקע, אַ שטאָלצע.

אַ פּרעכטיקע יוגנט געווען, אַן אידעאַליסטישע, וואָס האָט געברויזט מיט לעבן און אָנגעפילט די שטאָט מיט עקסטאַז און געזאַנג, איין פּרעכטיק געזאַנג, וואָס האָט זיך געצויגן פון די שניידער־וואַרשטאַטן (רעוואָלוציאָנערע לידער) ביז די ציוניסטישע קיבוצים (ארץ־ישראל־לידער).

די מינסקער עמיגראַציע גערעכנט דאָס וויגעלע פון די אַלע יוגנט־באַוועגונגען: דעם ערשטן יוגנט־פאַריין (1916—1918), וועלכער האָט אַרום זיך גרופירט די גאַנצע פאָרגעשריטענע יידישע יוגנט אין שטאָט. דער יוגנט־פאַריין, וועלכער האָט געצויגן זיין יניקה פון דער השכלה־עפּאָכע און פון די קאַמפן פון „פיפטן" יאָר, האָט נייַ געוועקט די יידישע יוגנט און זי אָרגאַניזירט, איינגעאָרדנט די ערשטע עפנטלעכע רעפעראַטן, פאָרלעזונגען, דיסקוסיע־אָוונטן, געזאַנג־ און מוזיק־אימפּרעזעס און אַנדערע פאַראַנשטאַלטונגען. ער האָט אויך געשאַפן די ערשטע גרויסע יידישע ביבליאָטעק אין שטאָט, מיט הונדערטער ביכער, אַראָפּגעבראַכט פּרעלע־

גענטן פון דער פרעמד אין אַזוי לאַנג געפירט זיין טעטיקייט, ביז די דייטשן האָבן איבן, אין יאָר 1918, ווי אַ „נישט געוווּנטשענע" אָרגאַניזאַציע געשלאָסן. דער יוגנט־פאַריין איז געווען דער פּאָטער פון אַלע שפּעטערדיקע באַוועגונגען אויף דער יידישער גאַס *).

⁂

און ערשט:

ווער געדענקט זי נישט די קאַמפּס־יוגנט ביי אונז אין שטאָט, די יוגנט מיט די קאַמפּס־טראַדיציעס נאָך פון יאָר 1905, ווען מינסק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינעם פון די גרעסטע צענטערן פון ווידערשטאַנד קעגן צאַריזם. אָנהויבנדיק פון די, וועלכע זענען דעמאָלט פאַר אויספירן אַטענטאַטן, געשמידטע אין קייטן, געפירט געוואָרן אויף די סיבירער וועגן, (אַ הונדערטער אַרעסטירטע און געמשפּטע אויפן אָרט), דורך די קעמפער פאַר פרייהייט ביי דער אַנטשטייונג פון דער נייער פּוילישער מלוכה, אין 1918, די אָנטיילנעמער אין די גאַס־מאַניפעסטאַציעס (ווי אונזער פרעזידענט בראָנעס, וועלכער איז אין 1919 געצוווּנגען געווען, נאָך אַ צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי, צו אַנטלויפן קיין פּאַריז), ביז די אונז אַזוי גוט באַקאַנטע קעמפער קעגן סאָנאַציע־רעזשים אין די לעצטע פאַרמלחמה יאָרן; די קעמפערישע יוגנט, וואָס קיין איין פרייהייטס־געדאַנק איז איר נישט פרעמד געווען. אומעטום, ווו עס האָט זיך געפאָדערט קרבנות־גרייטקייט, איז זי געווען און הויך געטראָגן די פאָן פון קאַמף. דאָס האָט די דאָזיקע יוגנט פון זיך אַרויסגעגעבן חלוצים און איצט סאָלדאַטן, קיין ארץ־ישראל אין דער זיגרייכער הגנה. קעמפער קיין שפּאַניע, ווידערשטענדלער קעגן דייטשן שונא אומעטום, פון פּויל; ביז פראַנקרייך (ווי **טשעבוצקי**, **מינסקי** און אַנדערע). און לסוף אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע פאָלקס־העלדן, ווי **אלי' מאָזעס** (אַנדזשעי שמידט), **שמואלעק מערעטיק** און אַנדערע, וואָס זייערע נעמען וועלן אַריין אין דער געשיכטע פון פּוילישן יידנטום. אומעטום האָט זי, אונזער יוגנט, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל און געהאָלפן אַריינשרייבן דאָס שיינע בלאַט אין דער געשיכטע פון קאַמף פון יידישן פאָלק פאַר זיין פרייהייט און פאַר דער פרייהייט פון דער גאַנצער מענטשהייט.

מיר זענען שטאָלץ מיט אונזער יוגנט, וואָס האָט געצויגן איר יניקה פון די מינסקער טראַדיציעס, געלערנט געווען צו האַלטן אַ בוך, אַ ספר און ווען מען דאַרף — אויך די שווערד אין האַנט. מיר גיבן אָפּ כבוד אונזער יוגנט, וואָס איז אַרויס, פון די ערשטע אין פּוילן, מיט געווער קעגן שונא אין די וועלדער אַרום מינסק און זייערע לעבנס פאַרלוירן אין קאַמף. מיר וועלן זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אונזערע בני עיר, די מינסקער פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד דעם שונא מיט ביקסן און גראַנאַטן, מיט מעסערס און אויך מיט די בלויזע ציין אויף אים זיך געוואָרפן, און זאָלן זייערע נעמען, ווי אויך זייער העלדישער טויט פאַראייביקט ווערן לזכרון אין ספר.

---

*) דער באַקאַנטער דיכטער און שריפטשטעלער לייב מלאך איז געווען אַ מיטגליד פון יוגנט־פאַריין. דאָ האָט ער פאַרבראַכט און אויך פאַרעפנטלעכט זיינע ערשטע שאַפונגען.

כראָניק פון יידישן ווידערשטאַנד אין מינסק

נאָך פאַר דער פאַרניכטונג פון געטאָ האָט די מינסקער יוגנט זיך אָרגאַניזירט און זיך גענומען פאָרברייטן צום קאַמף. ליידער, איז דאָס צוליב די אָרטיקע באַדינגונגען, נישט מעגלעך געווען דורכצופירן. אין טאָג פון דער אויסראָטונג, דעם 21־טן אויגוסט 1942, האָבן פיל יוגנטלעכע, ווי **ישראל טראַפיקאַנט**, **מענדל זיידעל** און אַנדערע, אינדיווידועל געשטעלט אַ ווידערשטאַנד די דייטשע באַנדיטן. שפּעטער, שוין זייענדיק אָפּגעשלאָסן אין קאָפּערניק־לאַגער, נאָכן אומקום פון דער גאַנצער שטאָט, האָט די קליינע גרופּע איבערגעבליבענע יוגנטלעכע באַשלאָסן נקמה צו נעמען אין שונא, עס האָבן זיך אָרגאַניזירט געשלאָסענע גרופּעס און אַרויס אין די וועלדער, מיט געווער אין האַנט. קיין פּאַרטיזאַנער זענען נאָך דאַן אין פּוילן כמעט נישט געווען. אונזערע יוגנטלעכע זענען אַרויס פון די ערשטע אין וואַלד מיטן ציל אונטערערדיש צו קעמפן קעגן די דייטשן, אָנטון זיי צרות און שטילן זייער צער און צאָרן אין שונאס בלוט. די ערשטע באַוואָפנטע גרופּע, אין באַשטאַנד פון דרייצן פּערזאָן, איז אַרויס אין וואַלד, אָקטאָבער 1942, זי האָט זיך געפונען אונטער דער אָנפירונג פון **יוסף ווישניעווסקי**, אַן אויסגעדינטן אונטעראָפיציר. ליידער, האָט זי זיך לאַנג נישט געקאָנט האַלטן, און האָט באַר עקזיסטירט 6 טעג. עס איז געקומען צו אַ בלוטיקן קאַמף מיט די דייטשן, וועלכע האָבן זיי באַוויזן אַרומצורינגלען אין אַ דאָרף אין די לוקאָווער וועלדער. אונזערע פּאַרטיזאַנער האָבן העלדיש געקעמפט, באַשיט דעם שונא מיט אַ האָגל פון קוילן. ליידער, זענען זיי אָבער צו שוואַך געווען אויסצושטיין דעם קאַמף און די גרופּע איז צעקלאַפּט געוואָרן, פאַרלירנדיק זעקס קרבנות:

1. יוסף ווישניעווסקי — דער קאָמענדאַנט
2. הערשל טשעבושעווסקי
3. אלי' יאסל ראָזענבוים
4. מרדכי סאַדאָווסקי
5. לייבל טשעשעלסקי
6. ישראלעק מיקאַנאָווסקי

אין קאָפּערניק־לאַגער האָבן זיך צוריקגעקערט בלויז:

1. לייבל אָסטוזשעגאַ
2. יאסל אסטוזשעגא
3. אהרן ראַדאָשינסקי
4. אויסלענדער
5. דודטשע ראָטשטיין
6. משה מילקער
7. שמואלעק רוזשאַנסקי

דער דאָזיקער דורכפאַל פון דער ערשטער גרופּע, האָט אָבער די איבעריקע יוגנטלעכע נישט אָפּגעשראָקן. באַלד, אין עטלעכע טעג אַרום, איז אַרויס אַ צווייטע

גרופע. דאָס מאָל — אַ קלענערע, סך הכל 7 פערזאָן, אָבער דערפאַר אַ גוט־באַוואָפנטע.

די דערמאָנטע גרופע, אונטער דער קאָמאַנדאַנטור פון **לייבל אסטושעגא,** האָט זיך גאָר אויסגעצייכנט. זי האָט זיך געהאַלטן אַזש גאַנצע פיר חדשים צייט און זי האָט די דייטשן אָנגעטון אָן אַ שיר צרות. זיי האָבן כסדר אויסגעפירט אָנפאַלן אויף דייטשע און פוילישע פּאָליציי־פּאָסטנס, דערשאָסן דייטשע זשאַנדאַרן און אָנגעוואָרפן אַ פחד אויף די דייטשן אַרום אין גאַנצן געגנט.

צו דער גרופע האָבן געהערט:

1. **ישראל פיינגאלד**
2. **אויסלענדער**
3. **בערל ראזענבערג**
4. **ישראלעק פאַפּאַווסקי**
5. **יאנקל קאַרמאַן**
6. **יאַנקל אָסטושעגא**

אַלע זענען זיי נאָך פיר חדשים העלדישן קאַמף — געפאַלן. עס האָט זיך באַוויזן צו ראַטעווען בלויז דער קאָמענדאַנט **לייבל אסטושעגא.**

אין דער דריטער גרופע, וועלכע איז שוין געווען אַ געמישטע פון רוסן, פּאָליאַקן און יידן, האָבן זיך געפונען דריי פון אונזערע בחורים:

1. **לייבל אסטושעגא**
2. **דודטשע ראַטשטיין**
3. **שמואלעק רוזשאַנסקי**

ניין וואָכן צייט האָט זיך די גרופע געהאַלטן און זיך באַרימט געמאַכט מיט אירע העלדן־טאַטן — אַפילו אַראָפּגעוואָרפן דייטשע צוגן פון די רעלסן — ביז זי איז דורך די דייטשן אַרומגערינגלט געוואָרן און אַלע, אַחוץ איינער, זענען געפאַלן. געראַטעוועט דורך אַ נס האָט זיך בלויז שמואלעק רוזשאַנסקי (אגב, רוזשאַנסקי לעבט און געפינט זיך איצט אין פּאַריז).

אייביק וועלן אונז בלייבן אין זכרון די העלדן פון ווידערשטאַנד, דעם 10־טן יאַנואַר 1943, בעתן פאַרברענען דורך די רייטשן די דריי הונדערט יידן אין קאָפּערניק־לאַגער.

עס שרייבט אונזער בן עיר, דער זשורנאַליסט, אפרים שעדלעצקי *), אין לאָדזשער „דאָס נייע לעבן" (נומער 2 (27), 1946 .1 12):

„...דעם 10־טן יאַנואַר, 1943, פאַרטאָג, איז דער „קאָפּערניק" געוואָרן אַרומגערינגלט דורך אַן אָפּטיילונג פון ס. ס.־זשאַנדאַרן און פוילישער גראַנאַט־פּאָליציי.

---

*) אפרים שעדלעצקי, איצט אין ישראל, באַקאַנטער יונגער זשורנאַליסט, מיטאַרבעטער פון „דאָס נייע לעבן", „אונזער וואָרט", „טאָג", „דבר", „יידישע צייטונג" און אַנדערע פּרעסע-אָרגאַנען אין דער וועלט. ער האָט זיך געראַטעוועט צוזאַמען מיטן מחבר אין באַהעלטעניש. אין בוך פיגורירט ער אַלס אפרים.

ס'איז געפאלן א באפעל, אז אלע זאלן זיך שטעלן צו אן „אפעל". די יידן איועוויניק האבן אבער געפילט, אז עס איז נישט קיין געוויינטלעכער אפעל.

די ערשטע גרופע פון דרייסיק יידן, וואס איז אוועקגעפירט געווארן אויפן בית־עולם, האט זיך אויפן וועג געווארפן אויף די מערדער. דעם צייכן צום אנגריף, האט געגעבן דער מאלער, העניך גארטענקראנץ, וועלכער האט זיך אליין מיט א טעמפן אייזן געווארפן אויף אן ס. ס.־מאן. דער שניידער משה גרינבערג האט מיט א שניידער־שער צעשלאגן דעם קאפ פון א צווייטן דייטש. דער פופצן־יעריקער יצחקל סיטען האט זיך דאן געווארפן אויף א פוילישן גראנאט־פאליציאנט און זיך איס איינגעביסן מיט די ציין און נעגל אין גארגל... דריי יידן פון דער גרופע האט זיך דאן איינגעגעבן צו אנטלויפן. די איבעריקע זענען אלע אין געראנגל מיט די דייטשן אומגעקומען אויפן ארט.

דריי פון די דייטשן זענען געווען פארוואונדעט, פון וועלכע איינער איז אויפן צווייטן טאג געשטארבן.

דער אפקלאנג פון דער שיסעריי און די פאניק צווישן די דייטשן, וועלכע זענען געווארן איבעראשט פון פלוצימדיקן יידישן ווידערשטאנד, איז געווען דער שטויס צו א רעוואלט, פאר די איבעריקע יידן, געבליבענע אין קאפערניק.

די יידן האבן זיך פארבאריקאדירט אין בנין און באשלאסן פאר קיין פאל נישט צו לאזן זיך פירן צום טויט.

אויף דער אויפפאדערונג פון די דייטשן, אז זיי זאלן ארויסגיין, האבן זיי ארויסגעשריגן פון די פענצטער „לעבעדיקע וועט איר אונז פון דאנען נישט נעמען!" פון די פענצטער האט מען גלייך גענומען ווארפן אויף די דייטשן אייזנס, מכשירים, ציגל, שטיינער און אלץ, וואס עס איז די מענטשן נאר געקומען אונטער דער האנט.

די דייטשן האבן זיך צוריקגעצויגן פון הויף און ארומגעשטעלט דעסלאגער מיט מאשין־געווער. אין בנין אריין האבן אנגעהויבן פליען ברענענדיקע באמבעס. דער קאפערניק האט גענומען ברענען!

דאס פייער האט זיך וואס אמאל מער צעשפרייט. א טייל יידן זענען אראפ אונטן און אונטערן האגל פון מאשין־געווער־קוילן, האבן זיי ארויסגעריסן שטיינער פון ברוק און געווארפן אין די מערדער. אנדערע זענען געשפרונגען פון די פענצטער און געווארן דורכגעלעכערט פון די קוילן.

אלץ האט געברענט. די געוואלדן האבן זיך געטראגן איבער דער גאנצער שטאט.

משה גאלדשטיין (משהלע חוה'ס), א רעליגיעזער ייד, וועלכער האט די גאנצע צייט אין קאפערניק, געהאט באהאלטן א ספר תורה און זיך מיט איר נישט געוואלט שיידן ביז דער לעצטער מינוט, האט די ספר תורה פעסט געדריקט צום הארץ. ראנגלענדיק זיך מיטן פייער, האט ער אזוי לאנג געשריגן „שמע ישראל" — ביז די פלאמען האבן איס פארשלונגען צוזאמען מיט דער ספר־תורה".

העלדישקייט אויף זייער לעצטן וועג צום טויט, האבן אויך ארויסגעוויזן די ארבעטער פון רוצקים פאבריק, די לעצטע מינסקער יידן. בעת מען האט זיי געפירט צום שיסן, האבן אויפן וועג צום בית־עולם, די צוויי יונגעלייט משה

שטיינער און יצחק נאפאָרסטעק זיך געוואָרפן אויף די דייטשן און דערמיט דערמעגלעכט אַנדערע צו אַנטלויפן!

⁂

מיר פאַראייביקן דאָס אַלץ מיט אַ טאָפּלט געפיל: מיט אַ געפיל פון האַס צו די דייטשע רוצחים און מיט אַ געפיל פון שטאָלץ און כבוד פאַר אונזערע העלדישע גבורים און זאָל דאָס פאַרצייכנטע פאַרבליבן ווי אַ מגילה פאַר די צוקונפטיקע דורות!

כבוד אייך אונזערע טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער, ברידער און קינדער, מינסקער קדושים!

כבוד אייך אומגעקומענע אויף קידוש השם און קידוש העם!

כבוד אייך מינסקער גבורים, פאָלקס־העלדן, אומגעקומענע פאַר פרייהייט!

כבוד אייך, מינסקער ברידער, געפאַלענע אויף אַלע פראָנטן פון קאַמף, פון פוילן, פראַנקרייך ביז ... איצט אין ישראל, אין די רייען פון אונזער הגנה־אַרמיי!

כבוד אייך קדושים פון אונזערע שכנותדיקע, אַפּגעמעקטע קהילות: קאַלושין, קאַלביעל, מראָזים, שעניצע, לאַטאָוויטש, דאַברע, סטאַנימלאַוואָוו און אַלע אַנדערע!

מיר, ווי דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, וועלן אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן!

אונזערע דענקמעלער

די מינסק־מאַזאָוויעצקער לאַנדסמאַנשאַפט אין פּאַריז, די אַזוי גערופענע „געזעלשאַפט פריינט פון מינסק־מאַזאָוויעצקי", איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1927. די אויפגאַבע, וואָס די געזעלשאַפט האָט זיך געשטעלט ביים אַנטשטיין, איז געווען — קודם כל — שאַפן אַ קערפּערשאַפט, וועלכע זאָל פאַראייניקן די מינסקער עמיגראַציע, וועלכע געפינט זיך אין פּאַריז; אַ צענטער, וואָס זאָל געבן די אימיגראַנטן די מעגלעכקייט זיך צוזאַמענצוקומען פון צייט צו צייט און פאַרברענגען, ווי אַמאָל, אין דער היימישער סביבה פון לאַנדסלייט, פון יוגנט־חברים און פריינט. די סאָסיעטע האָט אויך געדאַרפט זיין די א. ג. פאַרבינדונגס־שטעלע פון די מינסקער אין פּאַריז מיט זייער היימשטאָט, נישט לאָזנדיק איבעררייסן דעם פאָדים, וואָס האָט אונז אַלע פאַרבונדן מיט אונזער אַמאָליקער היים און סביבה.

נאָכן אַנטשטיין, האָט די געזעלשאַפט זיך אָנגעטראָפן מיט נייע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן אויף איר אַרויפגעלייגט פרישע אויפגאַבן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די לאַנדסמאַנשאַפט, אויסער איר מאָראַלישער באַדייטונג, איז אויך אַ פּראַקטישע נויטווענדיקייט. עס האָט זיך אָנגעהויבן די סאָציאַלע־הילף אַרבעט. פיל לאַנדסלייט, געפונענדיק זיך אין אַ שווערער מאַטעריעלער לאַגע, האָבן דאַן — אַנשטאָט צו גיין זוכן שטיצע אין דער פרעמד — געפונען ברידערלעכע הילף אין


SOUVENEZ VOUS!
LES AMIS DE MINSK-MAZOWIECKI
A LA MEMOIRE
DE LA BARBARIE NAZIE
DEPORTES ET EXTERMINES SAUVAGEMENT
MINSK·MAZOWIECKI

מאָנומענט צום אנדענקען נאָך די אומגעקומענע יידן פון מינסק —
אויפגעשטעלט אויפן פאַריזער בית־עולם באַניע,
דורך די מינסקער לאַנדסלייט אין פאַריז.

דער קאַסע פון זייער אייגענער לאַנדס־אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע אַרבעט איז מיט דער צייט געוואָרן דער צענטראַלער פּונקט פון אונזער וויטערדיקער טעטיקייט. מיטן אָנקום פון דער פרישער אימיגראַציע קיין פּאַריז, אין די יאָרן 1929—1931, איז דער סאָציאַלער־שוץ־געביט געוואָרן דער אַקטיווסטער אין דער אַרבעט פון דער סאָסיעטע. צענדליקער אין צענדליקער פריש־אָנגעקומענע יונגעלייט פון מינסק, האָבן, אַ דאַנק דער הילף פון אונזער געזעלשאַפט, געהאַט אַ מעגלעכקייט אין דער פרעמדער, גרויסער שטאָט זיך צו שטעלן אויף די פיס. מיט אונזער הילף האָבן מיר זיי געשאַפן די מעגלעכקייט זיך איינצואָרדענען.

דער קולמינאַציע־פּונקט פון אונזער טעטיקייט, איז אָבער געווען אין יאָר 1936, נאָכן טראַגישן פּאָגראָם אין אונזער היימשטאָט אין פּוילן. מיר האָבן דערמאָלט נישט בלויז אויפגענומען די פּליטים פון דאָרט, דעם פרישן עמיגראַציע־שטראָם, וועלכן מיר האָבן געהאָלפן אי מאַטעריעל, אי מאָראַליש און אויך ביים דערלעדיקן די פאָרמאַליטעטן, וואָס זאָלן זיי דערמעגלעכן דאָס בלייבן אין פראַנקרייך (און אַ דאַנק דעם זיי געראַטעוועט ביז היינט !), נאָר אויך — דער עיקר — מיר האָבן אונזער גאַנצע ענערגיע און אָנשטרענגונג געווידמעט דעם ווידעראויפבוי פון די הרובע יידישע פרנסה־צווייגן אין אונזער פּאָגראָמירטער היימשטאָט. מיר האָבן אונטערגענומען אַ גרויסע אַקציע און געשיקט קיין מינסק וויכטיקע הילפסמיטלען, וועלכע האָבן פיל צושטייער געגעבן דער דאָרטיקער קהילה ביים רעקאָמפּאַסירן די היזקות און העלפן צוריק אויפשטעלן די יידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס.

פאַר דער מלחמה, האָט אונזער סאָסיעטע זיך שוין געהאַט דערוואָרבן דעם געהעריקן שם אין די געזעלשאַפטלעכע קרייזן פון פּאַריז. אונזער טעטיקייט האָט דאָ געהאַט אַן אָפּקלאַנג. מיר האָבן אונזער אַקטיוויטעט דאַן אויסגעברייטערט. זי געפירט נישט נאָר צווישן אייגענע (ווי שוין דערמאָנט : סאָציאַלע־הילף, דאָקומענטן־סערוויס, קאַווע און אויך בעלער און רעגלמעסיקע צוזאַמענקונפטן), נאָר אויך אנטיילגענומען אין אַלגעמיינעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, זיך באַטייליקט אין אַלע אַלגעמיינע אַקציעס פון היגן יידישן ישוב און — לשבח -- מיר האָבן אומעטום און שטענדיק זיך געפונען צווישן די ערשטע, ביים דורכפירן און אויספירן אונזערע אויפגאַבן. אין יאָר 1939, האָט אונזער סאָסיעטע אין פּאַריז שוין געציילט קרוב הונדערט אָנגעשלאָסענע משפחות.

ווען זאָל דערמאָלט איינפאַלן, אַז אונזער קליינע און באַשיידענע לאַנדסמאַנשאַפט וועט זיין די, וועלכע וועט נאָך אַמאָל שטעלן אַ דענקמאָל אונזער אומגעקומענער, אָפּגעמעקטער פון דער ערד — היימשטאָט ? !

ווער זאָל אַמאָל חלומען, אַז מיר, דער קליינער צווייג, וואָס האָט געצויגן יניקה פון דאָרט, אַז מיר, די יחידים, וועלן נאָך אַמאָל שטיין פאַר די חורבות פון יידישן מינסק און זיין די פאַראייביקער פון זכר נאָך דער גאַנצער דאָרטיקער פאַרשניטענער עדה ? ! אַז מיר וועלן זיין די לעצטע, וואָס וועלן זאָגן קדיש נאָך אונזער פינף טויזנט נפשותדיקער יידישער קהילה ? !

נישטאָ מער מינסק, מינסק איז אָפּגעמעקט. מיר שטייען ווי יתומים פאַר דעם גרויסן אומבאַקאַנטן קבר פון אונזערע טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער, ברידער און קינדער. מיר שטייען אומבאַהאָלפן איבער דעם גרויסן אומענדלעכן חורבן !

וואָס זאָלן מיר טון ? וואָס בלייבט אונז צו טון ? —

די מינסקער לאַנדסמאַנשאַפט אין פּאַריז, וועלכע שטייט אַליין אויך אַן אָפּגעפלאָסענע אין בלוט (300 נפשות — אומגעקומענע), האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע נישט צו לאָזן פאַרגעסן דעם אָנדענק פון אונזערע נאָענטע און הייליקע, נישט צו לאָזן ווערן פאַרווישט, כאָטש פון אונזער זכרון, דעם זכר נאָך זיי! מיר ווילן זיי פאַראייביקן און זאָל זייער שווער, אָבער אַזוי דערהויבן, לעבן, ווי זייער שרעקלעכער, טראַגישער אונטערגאַנג, פאַרבלייבן אויף אייביק איינגעקריצט אין אונזער זכרון. מיר ווילן אויך, אַז די דענקמעלער, וועלכע מיר שטעלן אויף, זאָלן דינען ווי אַ דערמאָנונג און גלייכצייטיק ווי אַ פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס עס איז געשען, אַ וואָרנונג צו דער וועלט, אַז אַזעלכעס טאָר זיך מער נישט איבערחזרן, מיר וועלן מער דערצו נישט דערלאָזן!

„בדמיך חיי" — „און אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן" — אַזוי הייסט דאָס בוך פון אונזער לאַנדסמאַן, דעם אָפּגעראַטעוועטן דורך טויזנטער נסים, יונגן שרייבער, לייב ראָכמאַן, וועלכעס מיר טראָגן דאָ צו דעם לייענער, ווי אַ דענקמאָל נאָך אונזער שטאָט. בדמיך חיי — דער אָפּפלוס פון בלוט וועט אונזער פאָלק שטאַרקן און קרעפטיקן צו אַ נײַ לעבן און צו אַ באַנייט לעבן!

⁂

דאָס בוך „און אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן", וועלכעס מיר גיבן דאָ פאַר אייך, איז אַ בלוטיקע אָפּשפּיגלונג פון דעם געשעענעם אויף דעם שטח פון אונזער שטאָט, געשילדערט ווי ס'איז געזען געוואָרן מיט די אויגן פון דעם שריפטשטעלער, אין זיין אויפפאַסונג און מיט זיינע אויספירונגען. און מיר אַלע, ווי אונזער צוגאַנג צו דעם געשעענעם זאָל נישט זיין, זעען אין דעם, קודם כל, די טראַגישע עפּאָפּעע פון חורבן פון אונזער שטאָט און די פּאַסירונגען אויף איר שטח, בעת און נאָך דער פאַרניכטונג. מיר האָבן אויך אַ פולשטענדיק בילד פון דעם אופן ווי עס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט אירע רעשטלעך, די אונז איצט אַזוי טייערע שרידי החרב, די איינצלנע ניצול־געוואָרענע פון אַזאַ גרויסער קהילה (פון די איבער פינף טויזנט יידן, האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט קרוב הונדערט נפשות, אחוץ ביי אַ הונדערט אַנטרונענע און לעבן־געבליבענע אין ראַטן־פאַרבאַנד) און דערפאַר איז אונז דאָס בוך אַזוי טייער!

⁂

די מינסקער לאַנדסמאַנשאַפט אין פּאַריז גלויבט, אַז דורך דער הילפס־אַרבעט פאַר דער שארית־הפליטה פון אונזער שטאָט נאָך דעם חורבן, דורך דעם באַערן און ברענגען צו קבורה אַ טייל פון אונזערע געפאַלענע העלדן און ווידערשטענדלער (מינסקי, טשעבוצקי, כאַראַוויטש) און — אחרון, אחרון — דורך די צוויי גרויסע מאָנומענטן, וואָס מיר האָבן געשטעלט: דעם גרויסן מאַרמאָר־מאָנומענט אויפן בית־עולם פון באַניע, אויפן שטח ביי אונזערע קאַוואַס און — דעם איצטיקן מאָנומענט אין שריפט, דערפילן מיר אַ חוב, וואָס ליגט אויף אונז. אויב אין אַ יאָר־צייט טאָג וועלן אונזערע מיטגלידער מיט זייערע פאַמיליעס האָבן די מעגלעכקייט זיך צו פאַרזאַמלען אַרום דעם גרויסן מאַרמאָר־מאָנומענט אויפן בית־עולם, שטייען פאַר

אים מיט געבויגענע קעפּ, ווי פאַר אַ מצבה פון זייערע נאָענטע און זאָגן קדיש — וועט דאָס בוך דערמעגלעכן יעדע מינוט זיך צו באַהעפטן מיט די איבערלעבונגען פון אונזערע קדושים, זיך אַריינלעבן אין זייער טראַגישן גורל און — אין אונז אַליין אויפהאַלטן דעם נר תמיד, אַן אש תמיד, אַ פייער, וואָס זאָל אייביק אין אונז און אין אונזערע קינדער פלאַקערן, רופן און מאָנען און קיינמאָל נישט פאַרלאָשן ווערן!

געזעלשאַפט „פריינט פון מינסק־מאַזאָוויעצק" אין פּאַריז

זע דאַטעס — זייט 383.

דאַטעס פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע אין מינסק

13-טער סעפטעמבער, 1939 (ערב ראש השנה) — זענען די דייטשע האָרדעס אַריין קיין מינסק.

12-טער אויגוסט 1940 (ערב תשעה באב, ת"ש) — עטלעכע הונדערט מינסקער יונגעלייט אַוועקגעפירט אין אַרבעטס־לאַגערן.

25-טער אָקטאָבער 1940 (שמחת תורה תש"א) — מינסקער יידן פאַרטריבן אין געטאָ.

21-טער אויגוסט, 1942 (ח' אלול, תש"ב) — אויסראָטונגס-אַקציע אין שטאָט.

22-טער אויגוסט, 1942 (ט' אלול תש"ב) — אין די וואַגאָנעס אַלע יידן אַוועקגעשיקט קיין טרעבלינקע.

25-טער סעפטעמבער 1942 (ערב סוכות תש"ג) — די אויסראָטונגס-אַקציע אין די אַרומיקע שטעטלעך: קאַלושין, דאָברע, סטאַניסלאַוואָוו. אין די זעלבע טעג אויך — קאַליביעל, שעניצע, לאַטאָוויטש און מראָזים.

24-טער דעצעמבער, 1942 - - 218 מינסקער יידן דערשאָסן אויפן אָרטיקן בית־עולם.

10-טער יאַנואַר, 1943 — פאַרברענט לעבעדיקערהייט ביי 300 יידן אין קאָפּערניק-לאַגער.

ר"ח טבת, תש"ג — אַוועקגעפירט קיין טרעבלינקע עטלעכע טויזנט יידן פון גאַנצן קרייז, צוזאַמענגעטריבענע קיין קאַלושין.

5-טער יוני, 1943 — דערשאָסן די לעצטע מינסקער יידן פון רוצקים פאַבריק.

ACHEVE D'IMPRIMER LE 15
MAI 1949, SUR LES PRESSES DES
EDITIONS POLYGLOTTES, 232,
RUE DE CHARENTON, PARIS-12e